STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06847

DI GROYSE FARSHVERUNG

Michael Sayers

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
גרויסע
פֿאַרשווערונג

די געהיימע מלחמה
קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

פון מייקל סעיערס און אַלבערט ע. קאַהן

איבערגעזעצט פון **חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן**

קיין איינציקע פּאַסירונג אָדער דיאַלאָג אין דעם דאָזיקן בוך האָבן די מחברים גיט אויסגעטראַכט. דער מאַטעריאַל איז גענומען געוואָרן פון פאַרשיידענע דאָקומענטאַלע קוואַלן, וועלכע זיינען אָנגעגעבן אין טעקסט גופא אָדער אויסגערעכנט באַזונדער אין די ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון דער ענגלישער אויסגאַבע.

פאַרלאַג פון אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן,
א. אַ. אָ.

THE GREAT CONSPIRACY

By MICHAEL SAYERS and ALBERT E. KAHN

Translated by Chaim Margolis Davidson

Copyright 1946

Book League of the Jewish Peoples Fraternal Order of the I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.

209

פאָרוואָרט פון סענאַטאָר קלאָד פעפער

איך ווייס ניט פון קיין גרעסערן בייטראָג צום וועלט־פרידן, דורך אַ בעסערער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשטענדעניש וועגן רוסלאַנד, איר געגנ־וואַרט ווי זי איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר פאַרגאַנגענהייט, ווי דער בייטראָג וואָס אַלבערט ע. קאַהן און מייקל סייערס האָבן געמאַכט מיט זייער גרויס בוך „די גרויסע פאַרשווערונג קעגן רוסלאַנד“.

אויב עס קען עקזיסטירן אַן אמתע פאַרשטענדיקונג צווישן רוסלאַנד פון איין זייט און ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער אַנדערער זייט, קאָנען מיר האָבן אַ דויערנדיקן שלום. מיר, פון דער מערב־וועלט, זיינען באַקאַנט מיט אונדזער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און זעען זי, פאַרשטייט זיך, אין ליכט פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג. אָבער אַזוי ווייניק פון אונדז זיינען באַקאַנט מיט דער דערפאַרונג פון דעם רוסישן פאָלק, און מערסטע פון אונדז פאַרשטייען דעריבער ניט פון וואַנען זייערע איצטיקע באַגריפן און איינ־שטעלונגען האָבן זיך גענומען.

די מחברים פון דעם בוך האָבן באַשריבן דעם פעריאָד אָנהייבנדיק מיט דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אַביסל צו זען די וועלט פון דעם ווינקל פון דער רוסישער דערפאַרונג. אין קורצן, זיי האָבן אונדז געגעבן אָט־די זעלטענע מתנה נאָך וועלכער דער פּאָעט בוירנס האָט אַזוי געגאַרט — אַ בילד פון זיך ווי די רוסן זעען אונדז — לויט זייער דערפאַרונג.

ווייטער אָנגיין מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער פּאָליטיק פון אַנטי־סאָוועטי־שער אינטריגע ווי דאָס ווערט אַזוי קלאָר באַשריבן אין אָט־דעם בוך וועט אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ דריטער וועלט־מלחמה. אָט־דערפאַר דאַרפן לייענען און שטודירן דאָס בוך אַלע די וואָס ווילן, אַז אַ דויערהאַפטער שלום זאָל עטאַבלירט ווערן אויף דער וועלט. דאָס בוך איז אַ מוז־זאַך פאַר יעדן אַמעריקאַנער און ענגלישן שטאַטסמאַן, און בכלל גענומען, פאַר יעדן בירגער פון אָט־די צוויי לענדער.

זיכער איז, אַז אויב די וויכטיקסטע לענדער און פעלקער פון דער ערד קענען קוקן איינער אויף דעם אַנדערן מיט סימפּאַטיע און אמתער פאַר־שטענדיקונג, האָבן מיר די ליכטיקסטע האָפענונג פאַר אַ דויערהאַפטן פרידן, וועגן וועלכן די מענטשהייט האָט ווען עס איז געחלומט.

מיר דאַרפן אַלע דאַנקבאַר זיין די מחברים, קאַהן און סייערס, פאַר דער־ציילן אונדז די געשיכטע, וואָס אַנטהאַלט אַזויפיל פּאַטאָס און טראַגעדיע.

קלאָד פעפער,
סענאַטאָר פון פלאָרידע

יוני, 1946.

אינהאַלט

זייט

פֿאָרוואָרט — 3

ערשטער טייל: רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע

קאַפּיטל 1 דער אויפֿשטייג פֿון דער סאָוועטן-מאַכט
1. אַ מיסיע קיין פּעטראָגראַד — 9
2. קאָנטער-רעוואָלוציע — 16
3. די רעוואָלוציע — 19
4. ביט-אָנערקענונג — 23
5. געהיימע דיפּלאָמאַטיע — 27

קאַפּיטל 2 אינטריגעס און קאָנטער-אינטריגעס
1. אַ בריטישער אַגענט — 30
2. די אַנטשיידנדיקע שעה — 36
3. דער סוף פֿון דער מיסיע — 40

קאַפּיטל 3 דער מייסטער-שפּיאָן
1. אויפֿטריט מ. מאַסינאָ — 43
2. סידני ראַילי — 45
3. געלט און מאָרד — 47
4. די לעטישע אינטריגע — 53
5. דער סוף פֿון סידני ראַילין — 57

קאַפּיטל 4 די סיבירער אַוואַנטורע
1. דער מעמאָראַנדום — 63
2. די אינטריגע אין וולאַדיוואָסטאָק — 65
3. דער טעראָר אין מזרח — 69

קאַפּיטל 5 פֿרידן און קריג
1. דער פֿרידן אין מערב — 77
2. ביי דער פֿרידן-קאָנפֿערענץ — 83
3. גאָלאָווינס מיסיע — 92

קאַפּיטל 6 די מלחמה פֿון אינטערווענציע
1. פֿאָרשפּיל — 95
2. די צפֿון-קאַמפּאַניע — 97
3. די צפֿון-מערב-קאַמפּאַניע — 102
4. די דרום-קאַמפּאַניע — 106
5. די מזרח-קאַמפּאַניע — 110
6. די פּאָליאַקן און וראַנגעל — 111
7. דער לעצטער פּאַרזוך — 113

קאַפּיטל 7 דער סך-הכל — 119

צווייטער טייל: קאָנספּיראַציעס און אינטריגעס

קאַפּיטל 8 דער ווייסער קרייץ-צוג
1. די נאָכווייעניש — 131
2. די ווייס-גוואַרדייאישע עמיגראַנטן — 134
3. אַן אַדלמאַן פֿון רעוועל — 137
4. דער האָפֿמאַן-פּלאַן — 141

קאַפּיטל 9 די קאַריערע פֿון אַ טעראָריסט
1. דער צוריקקער פֿון סידני ראַילין — 145
2. „אַ געשעפֿט פּונקט ווי אַלע געשעפֿטן!” — 149
3. אַ זונטיק אין טשעקערס — 153
4. מאָסקווער פּראָצעס, 1924 — 154

קאַפּיטל 10 צו דער פֿינלענדישער גרענעץ
1. אַנטי-באָלשעוויזם אויף בראָדוועי — 165
2. דער אַגענט ב-1 — 167
3. די שוואַרץ-מאַהניקעס אין דעטרויט — 170
4. דער סוף פֿון סידני ראַילין — 174

זייט
קאַפּיטל 11 די מלחמה-פּאַרשפּיל — 180
קאַפּיטל 12 מיליאָנערן און סאַבאָטאַזשירער
1. אַ פאַרזאַמלונג אין פּאַריז — 185
2. דער פּלאַן פון דער אַטאַקע — 188
3. אַ בליק הינטער די קוליסן — 191
4. דער סוף פון דער וועלט — 194
קאַפּיטל 13 דריי פּראָצעסן
1. דער פּראָצעס פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי — 198
2. דער פּראָצעס פון די מענשעוויקעס — 200
3. דער פּראָצעס פון די וויקערס-אינזשעניערן — 202
קאַפּיטל 14 דער סוף פון אַן עפּאָכע — 208

דריטער טייל: רוסלאַנדס פינפטע קאָלאָנע

קאַפּיטל 15 דער וועג צו פאַרראַט
1. אַ בונטאָווטשיק צווישן רעוואָלוציאָנערן — 215
2. די לינקע אָפּאָזיציע — 222
3. דער וועג צו פאַרראַט — 229
4. דער קאַמף פאַר מאַכט — 231
5. אַלמאַ אַטאַ — 240
קאַפּיטל 16 די אַנטשטייאונג פון אַ פינפטער קאָלאָנע
1. טראָצקי אין עלבאַ — 245
2. אַ באַגעגעניש אין בערלין — 253
3. די דריי שיכטן — 265
קאַפּיטל 17 פאַרראַט און טעראָר
1. די דיפּלאָמאַטיע פון פאַרראַט — 272
2. די דיפּלאָמאַטיע פון טעראָר — 284
קאַפּיטל 18 מאָרד אינעם קרעמל
1. יאַגאָדאַ — 295
2. מענזשינסקיס דערמאָרדונג — 298
3. מאָרד מיט אַ גאַראַנטיע — 305
4. „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" — 308
קאַפּיטל 19 אַנטשיידענע טעג
1. די מלחמה קומט אָן אין מערב — 312
2. אַ בריוו פון טראָצקין — 320
3. אַ רייזע קיין אָסלאָ — 324
4. די לעצטע שעה — 328
קאַפּיטל 20 דער סוף פונעם וועג
1. טוכאַטשעווסקי — 336
2. דער פּראָצעס פונעם טראָצקיסטישן פּאַראַלעל-צענטער — 343
3. די אַקציע אין מאַי — 350
4. דער סוף — 356
קאַפּיטל 21 דער מאָרד אין מעקסיקאָ — 362

פערטער טייל: פון מינכען ביז סאַן-פראַנציסקאָ

קאַפּיטל 22 די צווייטע וועלט-מלחמה
1. מינכען — 375
2. דער אָנהויב — 384
קאַפּיטל 23 דער אַמעריקאַנישער אַנטי-קאָמינטערן
1. די ירושה פון די שוואַרצע מאות — 397
2. „באַשיצנדיק אַמעריקע פונעם קאָמוניזם" — 405
3. פּאָל שעפּער: אַ כאַראַקטעריסטישע געשיכטע — 412
4. די דאַיעז-קאָמיסיע — 417
5. דער אייַנזאַמער אָדלער — 425
קאַפּיטל 24 די זעכצן — 442
קאַפּיטל 25 פאַראייניקטע פעלקער — 455

ערשטער טייל

רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע

קאַפּיטל 1

דער אויפשטייג פון דער סאָוועטן־מאַכט

1. אַ מיסיע קיין פּעטראָגראַד

אין מיטן זומער פון דעם גורלפולן יאָר 1917, בעת דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער וואולקאַן האָט געזאָטן און געשטורעמט, איז אַן אַמעריקאַנער מיטן נאָמען מאַיאָר רעימאָנד ראבינס אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד *) אויף אַ געהיימער שליחות פון גאָר גרויסער וויכטיקייט. אָפיציעל איז ער געפאָרן אַלס געהילף־הויפּט פון דעם אַמעריקאַנישן רויטן קרייץ. אומאָפיציעל איז ער געווען אין דינסט פון דעם שפּיאָנאַזש־אָפּטייל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. זיין געהיימע מיסיע איז געווען צו העלפן האַלטן רוסלאַנד אין קריג קעגן דייטשלאַנד.

די לאַגע אויפן מזרח־פראָנט איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. די דייטשן האָבן די שלעכט־אָנגעפירטע, נעבעכדיק־אויסגעשטאַטע רוסישע אַרמיי צעקלאַפּט אויף שטיקלעך. צעטרייסלט פון דער מלחמה און דורכגעפוילט פון אינעווייניק, האָט דער פעאָדאַלער צאַרישער רעזשים זיך געוואַקלט און איז ענדלעך געפאַלן. אין חודש מערץ איז דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער געצוואונגען געווען אָפּצודאַנקען און עס האָט זיך געגרינדעט אַ צייטווייליקע רעגירונג. דער רעוואָלוציאָנערער לאָזונג — פרידן, ברויט און ערד — האָט זיך צעטראָגן איבערן לאַנד, אויסדריקנדיק די באַלדיקע פאַרלאַנגען און די אַלטע שטרעבונגען פון די מיליאָנען פאַראָרעמטע, הונגעריקע און פון קריג אויסגעמאַטערטע רוסן.

רוסלאַנדס אַליאירטע — ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן

*) פּעטראָגראַד איז געווען די הויפּט-שטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד. די שטאָט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון פּעטער דעם גרויסן, האָט אָריגינעל געהייסן סאַנקט-פּעטערבורג. ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז דער נאָמען פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מער-רוסישן נאָמען — פּעטראָגראַד. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז מאָסקווע געוואָרן די הויפּט-שטאָט; און אין 1924, נאָך לענינס טויט, איז דער נאָמען פון דער פריערדיקער הויפּט-שטאָט געביטן געוואָרן אויף לענינגראַד.

— האָבן זיך געשראָקן פאַרן באַלדיקן צוזאַמענברוך פון דער רוסישער אַרמיי. צו יעדן מאָמענט האָט מען געקאָנט וואַרפן אַ מיליאָן דייטשע סאָלדאַטן, וואָס זיינען פלוצים פריי געוואָרן אויפן מזרח־פראָנט, קעגן די מידע כוחות פון די אַליאירטע אויפן מערב־פראָנט. פונקט אַזוי אַלאַרמירנדיק איז געווען די מעגלעכקייט, אַז אוקראַיניש ווייץ, דאָנעצער קוילן, קאַווקאַזער אויל און אַלע אַנדערע אומבאַגרענעצטע רייכטימער פון דער רוסישער מדינה זאָלן אַריינפאַלן אין דעם רויבערישן פיסק פון אימפּעריאַלן דייטשלאַנד.

די אַליאירטע האָבן פאַרצווייפלט געזוכט צו האַלטן רוסלאַנד אין דער מלחמה — כאָטש אַזוי לאַנג ביז די אַמעריקאַנישע פאַרשטאַרקונגען וועלן קאָנען גרייכן דעם מערב־פראָנט. מאַיאָר ראַבינס איז געווען איינער פון די פיל דיפּלאָמאַטן, מיליטערלייט און ספּעציעלע שפּיאָנאַזש־אָפיצירן, וואָס מען האָט אין איילעניש געשיקט קיין פעטראָגראַד, צו זען טאָן אַלץ וואָס זיי וועלן נאָר קאָנען, אַז רוסלאַנד זאָל פאַרבלייבן אין קאַמף.

רעימאָנד ראַבינס, דריי און פערציק יאָר אַלט, אַ מאַן מיט אומגעהויערער ענערגיע, אויסערגעוויינלעכער עלאָקווענץ און גרויסן פערזענלעכן מאַגנעטיזם, פעך־שוואַרצע האָר און איינדרוקספולע אָדלער־שטריכן, איז געווען אַן אַנגע־זעענע עפנטלעכע פיגור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט אויפגעגעבן אַ דערפאָלגרייכע געשעפט־קאַריערע אין שיקאַגאָ כדי זיך אָפּצוגעבן מיט פילאַנ־טראָפּיע און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין פּאָליטיק איז ער געווען אַ „רוזוועלט־מענטש". ער האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין דער באַרימטער „בול־מוס" קאַמפּאַניע פון 1912, ווען זיין העלד, טעאָדאָר רוזוועלט, האָט געזוכט אַריינצוטרעטן אין ווייסן הויז אָן דער הילף פון די געלט־זעק און פּאָליטישע מאַשינען. ראַבינס איז געווען אַ מיליטאַנטער ליבעראַל, אַן אומדערמיד־לעכער און קאָלירפולער קעמפער פאַר יעדער זאַך וואָס איז געווען אַן אַרויסרוף קעגן רעאַקציע.

— וואָס? רעימאָנד ראַבינס? אַט־דער רעפאָרמער? אַט־דער רוזוועלט־שרייער? וואָס טוט ער אין אַט־דער מיסיע? — האָט אויסגערופן קוירנעל וויליאַם באָיס טאַמפּסאָן, דער הויפּט פון אַמעריקאַנישן רויטן קרייץ אין רוס־לאַנד, ווען ער האָט דערהערט אַז ראַבינס איז באַשטימט געוואָרן פאַר זיין הויפּט־געהילף. קוירנעל טאַמפּסאָן איז געווען אַ רעפּובליקאַנער און אַ קאָנ־סערוואַטיווער. ער האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן פערזענלעכן אינטערעס אין רוסישע ענינים — אין רוסישן מאַנגאַנעז און קופּער־מינעס. אָבער קוירנעל טאַמפּסאָן איז אויך געווען אַ רעאַליסט און אַ קאַטעגאָרישער באָאַבאַכטער פון פאַקטן. ער האָט שוין געהאַט פּריוואַט באַשלאָסן, אַז מען קאָן גאָרניט דער־גרייכן מיט דעם קאָנסערוואַטיוון צוגאַנג, וואָס די באַאַמטע פון סטעיט־

דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנגענומען בנוגע די באַאומ־רואיקנדיקע רוסישע געשעענישן.

דעיוויד פרענסיס, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד אין יענעם יאָר, איז געווען אַן עלטערער באַנקיר פון סעינט־לואיס און געוועזענער גאָווער־נאָר פון מיזורי — אַ מאַן מיט עקשנותדיקע איבערצייגונגען און אַ גרויסער ליבהאָבער פון פּאָוקער. מיט זיינע זילבערדיקע האָר, אַלטמאָדישן הויכן, שטייפן קאָלנער און שוואַרצן אַרומגעשניטענעם סורדוט איז ער געווען אַן אויסטערלישע פיגור אין דער אומרואיקער אַטמאָספערע פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן, קריג־צעשטערטן פּעטראָגראַד.

— דער אַלטער פרענסיס — האָט אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט באַמערקט — ווייסט ניט דעם חילוק צווישן אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער און אַ קאַרטאָפל.

אָבער דאָס וואָס עס האָט דעם אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געפעלט אין וויסן וועגן רוסישער פּאָליטיק, האָט ער פאַרגיטיקט מיט דער פעסטקייט פון זיינע איבערצייגונגען. די דאָזיקע איבערצייגונגען האָט ער געשעפּט הויפּטזאַכלעך פון די פינצטערע פלוידערייען פון די צאַרישע גענעראַלן און מיליאָנערן, וועלכע האָבן זיך געריבן אַרום דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדע אין פּעטראָ־גראַד. פרענסיס איז געווען זיכער, אַז דער גאַנצער רוסישער אויפרודער איז אַ רעזולטאַט פון אַ דייטשער פאַרשווערונג און אַז אַלע רוסישע רעוואָלוציאָ־נערן זיינען אויסלענדישע אַגענטן. יעדנפאַלס, האָט ער געטראַכט, אַז דער גאַנצער עסק וועט אינגיכן אַריבער.

דעם 21טן אַפּריל, 1917, האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געשיקט אַ געהיימע טעלעגראַמע צו ראָבערט לענסינג, דער סטעיט־סעקרעטאַר פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן:

> אַן עקסטרעמער סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען לענין האַלט אויפרייצנדיקע רעדעס און שטאַרקט מיט דעם די רעגירונג; מען גיט אים בכיוון אַ פרייע האַנט און מען וועט אים דעפּאָרטירן ביי אַ גוטער געלעגנהייט.

אָבער די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך ניט נאָר ניט איינגעשטילט נאָך דעם ווי מען האָט אַרונטערגעשליידערט דעם צאַר, נאָר האָט זיך ערשט אָנ־געפאַנגען. די רוסישע אַרמיי איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן און עס האָט אויסגעזען, אַז קיינער אין רוסלאַנד קאָן דעם פּראָצעס ניט אָפּשטעלן. אַלעקסאַנדער קערענסקי, דער אַמביציעזער פּרעמיער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, איז אַרומגעפאָרן איבערן מזרח־פראָנט, געהאַלטן וואויל־קלינגענדיקע רעדעס פאַר די סאָלדאַטן, פאַרזיכערנדיק זיי, אַז „זיג, דעמאָקראַטיע און פרידן" זיינען נאָענט. אָבער אויף די אויסגעהונגערטע, רעבעלירנדיקע רוסישע סאָלדאַטן

האָט דאָס ניט געמאַכט קיין איינדרוק און זיי האָבן ווייטער דעזערטירט אין די צענדליקער טויזנטער. אין צעריסענע, שמוציקע מונדירן האָבן זיי זיך אָן אויפהער געצויגן איבערן לאַנד, איבער די פון רעגן־צעווייקטע פעלדער און דורך די צעקאַליעטשעטע וועגן צו זייערע דערפער, שטעטלעך און שטעט.*)

אין הינטערלאַנד האָבן די אַהיימגעקומענע רוסישע סאָלדאַטן זיך באַגעגנט מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים. אומעטום האָבן סאָלדאַטן, אַרבעטער און פּויערים ספּאָנטאַן געגרינדעט זייערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, אָדער „סאָוועטן“ — ווי זיי האָבן עס גערופן — און דערווײַלט דעפּוטאַטן, וואָס זאָלן אויסדריקן זייערע פאָדערונגען פאַר „פרידן, ברויט און ערד“ אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער רעגירונג אין פּעטראָגראַד.

בעת רעימאָנד ראָבינס איז אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, האָבן מאַסן הונגעריקע, פאַרצווייפלטע מענטשן זיך געדרוקט איבערן לאַנד ווי אַ גרויסע אַנלויפנדיקע, פינצטערע כוואַליע. די הויפּט־שטאָט האָט געשוועבלט מיט סאָלדאַטישע דעלעגאַציעס, וואָס זיינען געקומען דירעקט פון די בלאָטיקע טראַנשייען, פון פראָנט, מיט דער פאָדערונג צו מאַכן אַ סוף צום קריג. ברויט־ראַציאָנען זיינען פאַרגעקומען כמעט טעגלעך. לענינס באָלשעוויסטישע פּאַרטיי — די אָרגאַניזאַציע פון די רוסישע קאָמוניסטן, וועלכע איז דורך קערענסקין געמאַכט געוואָרן אומגעזעצלעך און אונטערערדיש — איז שנעל געוואַקסן סיי אין קראַפט און סיי אין פּרעסטיזש.

רעימאָנד ראָבינס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די מיינונגען פון אַמבאַסאַדאָר פרענסיס און זיינע צאַרישע פריינט אַלס דעם אמת וועגן רוסלאַנד. ער האָט ווינציק צייט פאַרלוירן אין די פּעטראָגראַדער סאַלאָנען, נאָר איז

*) אין משך פון דריי יאָר האָבן די רוסישע סאָלדאַטן בראַוו און געשיקט געקעמפט קעגן אומגעהויערע שוועריקייטן. אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, ביים העכסטן פונקט פון דייטשישער אַגרעסיע, זיינען די רוסן אַריינגעדרונגען אין מזרח-פּרייסן און דורך דעם אָפּגעצויגן צוויי דייטשע אַרמיי-קאָרפּוסן און אַ קאַוואַלעריע-דיוויזיע, געבנדיק אַזוי-אַרום דעם גענעראַל זשאָפר די מעגלעכקייט צו פאַרזיגלען דעם דורכברוך ביים טייך מאַרנע און פאַרהיטן פּאַריז. אין איר אייגענעם הינטערלאַנד האָט די רוסישע אַרמיי געהאַט צו טאָן מיט פאַרראַט און אומקאָמפּעטענץ. דער קריג-מיניסטער, סוכאָמלינאָוו, איז געווען אַ פאַררעטער, וואָס האָט גענומען באַצאָלט פון די דייטשן. דער צאַרישער הויף איז פול געווען מיט דייטשע אַגענטן און באַוואוסטע דייטש-ליבהאָבער, מיט דער צאַרינע און איר עצה-געבער, דער געמיינער גלח ראַספּוטין, בראש. די רוסישע סאָלדאַטן זיינען געווען שלעכט אויסגעשטאַט. ביז 1917 האָט די רוסישע אַרמיי געהאַט מער טויטע ווי גרויס-בריטאַניע, פראַנקרייך און איטאַליע צוזאַמענגענומען. דער סך-הכל פון די פאַרלוסטן איז געווען 2,762,064 אומגעקומענע, 4,950,000 פאַרוואונדעטע און 2,500,000 פעלנדיקע.

גלייך געגאַנגען „צום פאָלק", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צו באַאָבאַכטן די רוסישע געשעענישן מיט זיינע אייגענע אויגן. ראַבינס האָט לײדנשאַפטלעך געגלויבט אין, ווי ער האָט עס אָנגערופן, „דעם פרייען געדאַנק — אַ זאַך, וואָס מען געפינט צווישן דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט אין אַמעריקע; אַ געדאַנק, וואָס פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין פלאַפּלעריי, נאָר זוכט אַלעמאָל די פאַקטן". ער האָט געררייזט איבערן לאַנד, באַטראַכט פאַבריקן, זאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַרמיי־קאַזאַרמעס און אַפילו די פאַרלייזיקטע טראַנשייען אויפן מזרח־פראָנט. כדי אויסצוגעפינען וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, איז ראַבינס געגאַנגען צום רוסישן פאָלק.

גאַנץ רוסלאַנד איז יענעם יאָר געווען ווי אַ ריזיקע, שטורמישע דעבאַטן־געזעלשאַפט. נאָך הונדערטער יאָרן פון געצוואונגענעם שווייגן, האָט דאָס פאָלק סוף־כל־סוף באַקומען לשון. אומעטום האָט מען אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען. יעדער איינער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן. רעגירונג־אָנגעשטעלטע, פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר די אַליאירטע, באָלשעוויקעס, אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, מענשעוויקעס — אַלע האָבן זיי גערעדט אין דער זעלבער צייט. די באָלשעוויקעס זיינען געווען די פּאָפּולערסטע רעדנער. די סאָלדאַטן, אַרבעטער און פּויערים האָבן כּסדר איבערגעחזרט וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט.

— באַווייזט מיר פאַר וואָס איך שלאָג זיך, — האָט אַ רוסישער סאָלדאַט געפאָדערט ביי איינער פון די דאָזיקע שטורמישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. — איז עס פאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער פאַר אַ פריי רוסלאַנד? איז עס פאַר דעמאָקראַטיע אָדער פאַר די קאַפּיטאַליסטישע רויבער? אויב איר וועט מיר קאָנען באַווייזן, אַז איך פאַרטיידיק דורך דעם די רעוואָלוציע, וועל איך דאַן אַליין גיין קעמפן, און ניט אויס מורא פאַר טויט־שטראָף. ווען די ערד וועט געהערן צו די פּויערים און די פאַבריקן צו די אַרבעטער און די מאַכט צו די סאָוועטן, וועלן מיר דעמאָלט וויסן, אַז עס איז פאַראַן פאַר וואָס צו קעמפן און מיר וועלן קעמפן פאַר דעם.

ראַבינס איז געווען ווי ביי זיך אינדערהיים אין אָט־דער סביבה פון דיסקוסיעס און דעבאַטעס. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז געווען אַ באַקאַנטער רעדנער, האָט ער אָפט דעבאַטירט מיט אַמעריקאַנער מאַרקסיסטן; היינט פאַרוואָס־זשע ניט אויך מיט רוסישע באָלשעוויקעס? ראַבינס האָט גאַנץ אָפט געבעטן דערלויבעניש צו ענטפערן איינעם פון די באָלשעוויסטישע רעדנער. אין געפאַקטע פאַבריקן און אין טראַנשייען פלעגט אָפט דער ברייטפּלייציקער, טונקל־אויגיקער אַמעריקאַנער זיך אויפשטעלן און רעדן. דורך זיין אייגענעם איבערזעצער פלעגט ראַבינס דערציילן דעם רוסישן עולם וועגן

דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע און וועגן דער געפאַר פון פּרייסישן מיליטאַריזם. זיינע רייד פלעגן אַלעמאָל באַגריסט ווערן מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אין דער זעלביקער צייט אָבער האָט ראבינס ניט פאַרנאַכלעסיקט זיינע פליכטן אין רויטן קרייץ. זיין אַרבעט איז געווען צו קריגן שפּייז פאַר די הונגעריקע שטעט. אין דרום־טייל פון דער וואָלגע האָט ראבינס געפונען אומגעהויער־גרויסע סקלאַדן מיט תבואה, וואָס האָט געפוילט אין די שפּייכלערס. די תבואה האָט מען ניט געקאָנט איבערשיקן, ווייל עס האָבן געפעלט טראַנספּאָרט־מיטלען. אונטער דעם גוואַלדיק־אומפּייאיקן צאַרישן רעזשים איז דער גאַנצער טראַנספּאָרט פאַנאַנדערגעפאַלן און קערענסקי האָט גאָרניט געטאָן צו פאַרבעסערן די לאַגע. ראבינס האָט פאָרגעשלאָגן צו קריגן אַ פלאָט באַרזשעס כדי צו טראַנספּאָרטירן די תבואה. קערענסקים באַאַמטע האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דעמאָלט איז צו ראבינסן צוגעקומען אַ פּויער און האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם אָרטיקן פּויערים־סאָוועט. ער האָט געזאָגט ראבינסן, אַז מען וועט קריגן די באַרזשעס. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט די תבואה אָנגעהויבן זיך באַוועגן איבערן טייך אַרויפצו, קיין מאָסקווע און פּעטראָגראַד.

אומעטום האָט ראבינס באַמערקט די זעלביקע סימנים פון צעטומלטקייט און הילפלאָזיקייט ביי דער קערענסקי־רעגירונג, אין היפּוך צו דער אָרגאַניזירטקייט און אַנטשלאָסנקייט פון די רעוואָלוציאָנערע סאָוועטן. ווען אַ פאָרזיצער פון אַ סאָוועט האָט געזאָגט, אַז עפּעס וועט געטאָן ווערן, איז עס געטאָן געוואָרן.

ווען ראבינס איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אין אַ רוסישן דאָרף און געזאָגט, אַז ער וויל זען דעם אָרטיקן רעגירונג־באַאַמטן, האָבן די פּויערים צו אים געשמייכלט. „זעט זיך בעסער מיטן פאָרזיצער פון סאָוועט", האָבן זיי אים געזאָגט.

— וואָס איז אַזעלכעס סאָוועט? — האָט ראבינס געפרעגט.

— די פאַרטרעטער פון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן.

— אָבער דאָס איז דאָך עפּעס אַ מין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. — האָט ראבינס געטענהט. — איך וויל די ציווילע אָרגאַניזאַציע — די רעגולערע ציווילע מאַכט.

די פּויערים האָבן געלאַכט. „אַ, דאָס? דאָס האָט קיין באַטרעף ניט. איר זעט זיך בעסער מיטן פאָרזיצער פון סאָוועט."

צוריקקומענדיק קיין פּעטראָגראַד נאָך זיין אינספּעקציע־רייזע, האָט ראבינס אָפּגעגעבן אַ דערוויילן באַריכט צו קאָרנעל טאָמפּסאָן. קערענסקים

פּראָוויזאָרישע רעגירונג, האָט ראַבינס געזאָגט, איז „אַ מין פּאַפּירענע מאַכע־רייקע, אַרויפגעצוואונגען פון אויבן און געשטיצט פון באַיאָנעטן אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע און אַנדערע פּלעצער". די אמתע רעגירונג פונעם לאַנד זיינען די סאָוועטן. אָבער קערענסקי האָט געוואָלט פאָרזעצן די מלחמה קעגן די דייטשן, און דערפאַר האָט ראַבינס געהאַלטן, אַז מען זאָל אים לאָזן ביי דער מאַכט. אויב די אַליאירטע ווילן פאַרמיידן, אַז רוסלאַנד זאָל ניט אַריינפאַלן אין פולשטענדיקן כאַאָס און, דורך דעם, אונטער דייטשער באַהערשונג, מוזן זיי דאָן אויסנוצן זייער גאַנצן איינפלוס צו צווינגען קערענסקין צו אָנערקענען די סאָוועטן און קומען מיט זיי צו אַן אויסגלייך. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרף באַקאַנט ווערן מיט די פאַקטן איידער עס ווערט צו־שפּעט.

ראַבינס האָט פאָרגעשלאָגן אַ דרייסטע אונטערנעמונג: תיכף צו אָרגאַניזירן אַ ריזיקע, שטאַרק־ווירקנדיקע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע מיטן צוועק צו איבערצייגן דאָס רוסישע פאָלק, אַז דייטשלאַנד איז די אמתע געפאַר פאַר זייער רעוואָלוציע.

צו ראַבינסעס איבערראַשונג, האָט קוירנעל טאַמפּסאָן אויסגעדריקט זיין פעסטע איינשטימיקייט סיי מיטן באַריכט און סיי מיטן פאָרשלאָג. ער האָט ראַבינסן געזאָגט, אַז ער וועט גלייך טעלעגראַפירן קיין וואַשינגטאָן, פאַר־שלאָגנדיק דעם פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַן און פאַרלאַנגענדיק באַפולמעכטיקונג און פאָנדן דורכצופירן אים. דערווייל אָבער, ווייל עס איז אַ שאָד די צייט, האָט ראַבינס געזאָלט גלייך אָנגיין מיט דער אַרבעט.

— פון וואַנען וועל איך אָבער נעמען געלט? — האָט ראַבינס געפרעגט.

— איך וועל דערווייל איינשטעלן אַ מיליאָן פון מיין אייגן געלט, — האָט קוירנעל טאַמפּסאָן געענטפערט.

ראַבינס איז געוועזן פריי אַרויסצוציען ביז אַ מיליאָן פון טאַמפּסאָנס אייגע־נער באַנק אין פּעטראָגראַד.

— די הויפּט־זאַך, — האָט קוירנעל טאַמפּסאָן געזאָגט, — איז צו האַלטן די רוסישע אַרמיי אויפן מזרח־פראָנט און ניט אַריינלאָזן די דייטשן אין רוסלאַנד.

טאַמפּסאָן האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגן די געפאַרן וואָס לויערן פון אַריינ־מישן זיך אַזוי פערזענלעך און אַזוי אַקטיוו אין רוסישע ענינים.

— באַגרייפט איר וואָס דאָס מיינט, ראַבינס? — האָט ער געזאָגט.

— דאָס מיינט, רעכן איך, אַז דאָס איז די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטע־ווען די סיטואַציע, — האָט ראַבינס אָפּגעענטפערט.

— ניין, איך מיין צי באַגרייפט איר וואָס דאָס מיינט פאַר אייך?

— וואָס מיינט עס?

— דאָס מיינט, אַז אויב מיר פאַלן דורך, וועט מען אײַך דערשיסן!

ראבינס האָט אַ צי געטאָן מיטן אַקסל. „בעסערע מענטשן, אינגערע מענטשן ווערן טעגלעך דערשאָסן אויפן מערב־פראָנט.‟ און נאָך אַ ווייל שווייגן האָט ער צוגעגעבן: „קוירנעל, אויב מען וועט מיך דערשיסן, וועט מען אײַך הענגען.‟

— עס וועט מיך גאָרניט איבעראַשן, אויב איר וועט זײַן פאַרדאַמט געוואָרן, — האָט קוירנעל טאָמפּסאָן געזאָגט.*)

2. קאָנטער־רעוואָלוציע

בעת די קאַלטע, פּייכטע ווינטן האָבן זיך גענומען ציען פון באַלטישן ים און די נידעריקע, רעגן־אָנגעזעטיקטע וואָלקנס זײַנען דראָענדיק געהאָנגען איבער דער שטאָט, האָבן די געשעענישן אין פּעטראָגראַד זיך גענומען יאָגן צו זייער היסטאָרישן קלימאַקס.

בלאַס און נערוועז, אָנגעטאָן אין זײַן געוויינלעכן פאַרקנעפּלטן איינפאַך־ברוינעם אוניפאָרם, מיט אויסגעשטאַרטע אויגן און מיט דער רעכטער האַנט איינגעבויגן אויפן נאַפּאָלעאָנישן שטייגער, האָט אַלעקסאַנדער קערענסקי, דער פּרעמיער פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, געשפּאַנט הין און צוריק אין זײַן צימער אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

— וואָס דערוואַרטן זיי פון מיר? — האָט ער געשריגן אויף רעימאָנד ראבינסן. — מיט איין זײַט מויל בין איך געצוואונגען צו רעדן אויפן לשון פון מערב־איראָפּייאישן ליבעראַליזם כדי צופרידנצושטעלן די אַליאירטע און מיט דער אַנדערער זײַט מויל מוז איך רעדן אויפן לשון פון רוסיש־סלאַווישן סאָציאַליזם כדי אָנצוהאַלטן זיך ביים לעבן!

קערענסקי האָט געהאַט סיבות צו זײַן באַאומרואיקט. הינטער זײַנע פּלייצעס האָבן זײַנע אייגענע הויפּט־שטיצער, די רוסישע מיליאָנערן און זײַנע ענגליש־פראַנצויזישע אַליאירטע, שוין צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג אַוועקצונעמען די מאַכט פון אים.

די רוסישע מיליאָנערן האָבן אָפן געדראָט, אַז אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען מיטלען כדי אָפּצושטעלן די רעוואָלוציע, וועלן זיי אַרײַנרופן די דײַטשן.

---

*) דער דאָזיקער דיאַלאָג צווישן מאַיאָר ראבינס און קוירנעל טאָמפּסאָן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע דיאַלאָגן אין גאַנצן בוך, זײַנען גענומען דירעקט פון דאָקומענטאַלע קוואַלן, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט אין די ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון דער ענגלישער אויסגאַבע.

— רעוואָלוציע איז אַ קראַנקהייט, — האָט דער „רוסישער ראַקעפעלער“, סטעפּאַן געאָרגיעוויטש ליאַנאָזאָוו, געזאָגט צום אַמעריקאַנישן קאָרעספּאָנדענט דזשאַן ריד. — פריער אָדער שפּעטער וועלן די אויסלענדישע מאַכטן זיך מוזן אַריינמישן, אַזוי ווי מען מישט זיך אַריין צו היילן אַ קינד און צו לערנען עס ווי אַזוי צו גיין.

אַ צווייטער רוסישער מיליאָנער, ריאַבושינסקי, האָט דערקלערט, אַז די איינציקע לייזונג איז, „. . . אַז די אויסגעמאָגערטע האַנט פון הונגער, פון די פאָלקס־ליידן, זאָל אַ כאַפּ טאָן ביים גאָרגל די פאַלשע פריינט פון פאָלק — די דעמאָקראַטישע סאָוועטן און קאָמיטעטן !...“

סער סעמיועל האָר, דער הויפּט פון דער בריטישער דיפּלאָמאַטישער שפּיאָנאַזש־דינסט אין רוסלאַנד, האָט גערעדט מיט די דאָזיקע מיליאָנערן און זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן כדי צו באַריכטן, אַז דער איינציקער און בעסטער ענטפער צו דער רוסישער פּראָבלעם איז אַ מיליטערישע דיקטאַטור. לויט סער האָר איז דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט פאַרן פּאָסטן פון דיקטאַטאָר אין רוסלאַנד געווען אַדמיראַל קאָלטשאַק, וועלכער איז — ווי האָר האָט געזאָגט — די נאָענטסטע זאַך צו אַן „ענגלישן דזשענטלמאַן“, וואָס ער האָט באַגעגנט אין רוסלאַנד, און אויך גענעראַל לאַוור קאָרנילאָוו, מיטן שוואַרצן ציגן־בערדל, דער קרעפּטיקער קאָזאַקישער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי.

די בריטישע און פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן באַשלאָסן צו שטיצן גענעראַל קאָרנילאָוו. ער האָט דאָס געדאַרפט זיין דער שטאַרקער מאַן, וואָס זאָל גלייכצייטיק האַלטן רוסלאַנד אין דער מלחמה, דערשטיקן די רעוואָלוציע און באַשיצן די ענגליש־פראַנצויזישע פינאַנציעלע אינטערעסן אין רוסלאַנד.

ווען רעימאָנד ראָבינס האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם באַשלוס, האָט ער דערפילט, אַז די אַליאירטע זיינען באַגאַנגען אַ שווערן טעות. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם גייסט פונעם רוסישן פאָלק. זיי האָבן פּשוט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן פאָראויסגעזאָגט נאָך פון סאַמע אָנהויב, אַז קערענסקיס רעגירונג וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין בלויז אַ מאַסקע, אונטער וועלכער מען וועט אין געהיים צוגרייטן די קאָנטער־רעוואָלוציע. דער גענעראַל־מאַיאָר אַלפרעד נאָקס, דער בריטישער מיליטערישער אַטאַשע און הויפּט פון דער בריטישער מיליטערישער מיסיע אין פּעטראָגראַד, האָט גאַנץ אָפן אָנגעזאָגט ראָבינסן, אַז ער זאָל בעסער האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל.

דער געפּלאַנטער „פּוטש“ איז אָנגעקומען אין פרימאָרגן פון 8טן סעפּ־טעמבער, 1917. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס קאָר־

נילאָוו, אַלס דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, האָט אַרויסגעגעבן, אין וועלכער ער האָט גערופן אַראָפּצואוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג און איינ־צושטעלן „דיסציפּלין און אָרדענונג". טויזנטער בלעטלעך מיטן אויפשריפט: „קאָרנילאָוו, דער רוסישער העלד" האָבן זיך פּלוצים באַוויזן אויף די גאַסן פון מאָסקווע און פּעטראָגראַד. יאָרן שפּעטער האָט קערענסקי אין זיין בוך „די קאַטאַסטראָפע", אויפגעדעקט, אַז „די דאָזיקע בלעטלעך זיינען געדרוקט געוואָרן אויף די הוצאות פון דער בריטישער מיליטערישער מיסיע און זיינען געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע אין פּעטראָ־גראַד אינעם אייזנבאַן־וואַגאָן פון דעם בריטישן מיליטערישן אַטאַשע, גענע־ראַל נאָקס". קאָרנילאָוו האָט פאַראָרדנט צוואַנציק טויזנט סאָלדאַטן צו מאַר־שירן אויף פּעטראָגראַד. פראַנצויזישע און ענגלישע אָפיצירן, אָנגעטאָן אין רוסישע אוניפאָרמען, האָבן מאַרשירט צוזאַמען מיט קאָרנילאָווס מחנות.

קערענסקי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם פאַרראַט. אין לאָנדאָן און אין פּאַריז האָט מען אים נאָך אַלץ באַגריסט אַלס דעם „גרויסן דעמאָקראַט" און „העלד פון די רוסישע מאַסן". דאָ אָבער, אין רוסלאַנד, האָבן די פאַר־שטייער פון די אַליאירטע געזוכט אים אַרונטערצוואַרפן. קערענסקי האָט הילפלאָז געטראַכט וואָס צו טאָן, אָבער געטאָן האָט ער גאָרנישט.

דער באָלשעוויסטיש־קאָנטראָלירטער פּעטראָגראַדער סאָוועט האָט אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו פאַראָרדנט אַ באַלדיקע מאָביליזאַציע. די רעוואָ־לוציאָנערע מאַטראָסן פונעם באַלטישן פלאָט און די סאָלדאַטן פונעם פראָנט זיינען צוגעשטאַנען צו די באַוואָפנטע אַרבעטער. אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָט מען אויפגעשטעלט באַריקאַדן און שטעכיק־דראָט פאַרצאַמונגען. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַרטילעריע קאַנאָנען און מאַשין־ביקסן אין פּאָזיציעס. רויט־גוואַרדייער — אַרבעטער אין קעפּקעס און אין לעדערנע קורטקעס, באַ־וואָפנט מיט ביקסן און האַנט־גראַנאַטן — האָבן פּאַטראָלירט די בלאָטיקע, מיט שטיינער ברוקירטע שאָסייען.

אין משך פון פיר טעג איז קאָרנילאָווס אַרמיי זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. דעם גענעראַל גופא האָט דער סאָלדאַטן־קאָמיטעט, וואָס איז אין געהיים געגרינדעט געוואָרן אין זיין אייגענער אַרמיי, אַרעסטירט. אַרום אַ פערציק גענעראַלן פון אַלטן רעזשים, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין קאָרנילאָווס פאַרשווערונג, האָט מען אַרומגערינגלט דעם ערשטן נאָכמיטאָג אין דעם אַסטאָריע האָטעל אין פּעטראָגראַד, וואו זיי האָבן געוואַרט אויף נייעס וועגן קאָרנילאָווס דערפאָלג. קערענסקיס וויצע קריג־מיניסטער, באָריס סאַווינקאָוו, האָט מען, אויף דער אַלגעמיינער פאָדערונג פון די מאַסן, אַרויסגעוואָרפן פון זיין אַמט פאַר האָבן

אַנטיילגענומען אין דער פאַרשווערונג. די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך גענומען וואַקלען.

דער „פּוטש" האָט דערפירט צו דעם וואָס ער האָט געזאָלט פאַרמיידן: אַ זיג פאַר די באָלשעוויקעס און אַ דעמאָנסטראַציע פון דער מאַכט פון די סאָוועטן.

די סאָוועטן, און ניט קערענסקי, האָבן געהאַט די אמתע מאַכט אין פּעטראָגראַד.

— דער אויפשטייג פון די סאָוועטן — האָט רעימאָנד ראָבינס געזאָגט — איז דערגרייכט געוואָרן אָן שום צוואַנג. . . . דאָס איז געווען די קראַפט, וואָס האָט באַזיגט קאָרנילאָוון.

דער אַמבאַסאַדאָר פרענסיס, פון דער אַנדערער זייט, האָט טעלעגראַפירט צום סטעיט־דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן:

> קאָרנילאָווס דורכפאַל איז אַ פועל־יוצא פון שלעכטע אָנווייזונגען, מיסאינפאָרמאַציע, ניט־געהעריקע מעטאָדן, און אומצייטמעסיקייט. אַ גוטער סאָלדאַט, אַ פּאַטריאָט, אָבער אומדערפאַרן. די רעגירונג איז געווען זייער דערשראָקן און וועט לערנען פון דערפאַרונג.

3. די רעוואָלוציע

די געשעענישן האָבן זיך איצט געטראָגן מיט בליץ־שנעלקייט. לענין, נאָך אַלץ אונטערערדיש, האָט געגעבן דער רעוואָלוציע אַ נייעם לאָזונג: די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן! נידער מיט דער צייטווייליקער רעגירונג!

דעם 7טן אָקטאָבער האָט קוירנעל טאמפּסאָן מיט אַנגסט טעלעגראַפירט וואַשינגטאָן:

> מאַקסימאַליסטן (באָלשעוויקעס) מאַכן איצט אַקטיוון פאַרזוך צו קאָנטראָלירן אַלרוסישן קאָנגרעס פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּו־טאַטן מיטינג, וואָס פאַרזאַמלט זיך היינטיקן חודש. אויב עס זאָל זיי געלינגען, וועלן זיי איינשטעלן אַ נייע רעגירונג מיט שרעקלעכע רעזול־טאַטן, וואָס וועלן אַוודאי פירן צו אַ באַזונדערן שלום. מיר טוען דאָ אַלץ, אָבער מוזן האָבן באַלדיקע שטיצע, אַנדערש וועלן אַלע באַמיאונגען זיין צו שפּעט.

דעם 3טן נאָוועמבער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ געהיימע קאָנפערענץ פון די אַליאירטע מיליטערישע פירער אין רוסלאַנד אין קוירנעל טאמפּסאָנס אָפיס. וואָס קאָן מען טאָן כדי אָפּצושטעלן די באָלשעוויקעס? גענעראַל ניסעל, הויפּט פון דער פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע, האָט בייז קריטיקירט די צייט־

וויליקע רעגירונג פאַר איר אומעפעקטיווקייט און האָט אָנגערופן די רוסישע סאָלדאַטן „געלע הינט" (פחדנים). ביי דעם פונקט האָט אַ רוסישער גענעראַל אַרויסמאַרשירט פונעם צימער, זיין פנים רויט פון כעס.

גענעראַל נאַקס האָט אויסגערעדט די אַמעריקאַנער פאַר ניט האָבן זיך געשטעלט הינטער קאַרנילאָוון.

— איך בין ניט פאַראינטערעסירט צו באַפעסטיקן קערענסקין און זיין רעגירונג, — האָט נאַקס געשריגן אויף ראַבינסן. — זי איז ניט קאָמפעטענט, אומטיכטיק און איז ווערטלאָז. איר האָט געדאַרפט שטיין מיט קאַרנילאָוון!

— איר, גענעראַל, — האָט ראַבינס געענטפערט, — איר זייט דאָך געשטאַנען מיט קאַרנילאָוון.

דער בריטישער גענעראַל איז רויט געוואָרן. „די איינציקע זאַך פאַר רוסלאַנד היינט צו טאָג איז אַ מיליטערישע דיקטאַטור", האָט ער געזאָגט. „די דאָזיקע מענטשן מוזן האָבן אַ בייטש איבער זיך!"

— אָבער גענעראַל, — האָט ראַבינס זיך אָפּגערופן, — איר קאָנט אַמאָל קריגן אַ דיקטאַטור פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

— איר מיינט דעם טראָצקי־לענין־באָלשעוויק מין—דעם גאַסן־אַגיטאַטאָר מין?

— יאָ, דאָס וואָס איך מיין.

— ראַבינס, — האָט אים דער גענעראַל נאַקס געזאָגט, — איר זייט ניט קיין מיליטער־מענטש; איר ווייסט גאָרניט וועגן מיליטערישע ענינים. מיליטער־לייט ווייסן שוין וואָס מען דאַרף טאָן מיט אַזעלכע חברה־לייט. מיר שטעלן זיי אַוועק און דערשיסן זיי.

— יאָ, אויב איר קאָנט זיי נאָר כאַפּן טוט איר דאָס, — האָט ראַבינס אים געענטפערט. — איך גיב צו, גענעראַל, אַז איך ווייס גאָרניט וועגן מיליטערישע ענינים, אָבער איך ווייס עטוואָס וועגן פאָלק; איך האָב מיין גאַנץ לעבן געאַרבעט מיטן פאָלק. איך האָב באַרייזט רוסלאַנד און איך האַלט, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאָלקס־באַוועגונג.

דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, פיר טעג נאָך אָט־דער קאָנפערענץ אין קוירנעל טאָמפּסאָנס אָפיס, האָבן די באָלשעוויקעס איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד.

מאָדנע, די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט, איז תחילת געקומען כמעט ווי אומבאַמערקט. דאָס איז געווען די פרידלעכסטע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע. קליינע גרופּעס סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן געמיטלעך מאַרשירט איבער דער הויפּט־שטאָט. עס האָבן זיך געהערט עטלעכע צופעליקע און צעוואָרפענע שאָסן. מענער און פרויען האָבן

זיך צונויפגעקליבן אין די קאַלטע גאַסן, האָבן אַרגומענטירט, זשעסטיקולירט, לייענענדיק די לעצטע אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס. מען האָט איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן די געוויינלעכע ווידערשפּרעכנדיקע פּליאָטקעס און קלאַנגען. טראַמווייען האָבן געקנאַקט אַרויף און אַראָפּ איבערן נעווסקי פּראָס־פּעקט. הויז־פּרויען זיינען אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען פון די קראָמען. די פּעטראָגראַדער קאָנסערוואַטיווע צייטונגען, וואָס זיינען ווי געוויינלעך דער־שינען יענעם טאָג, האָבן אַפילו ניט באַריכט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע.

כמעט אָן שום ווידערשטאַנד האָבן די באָלשעוויקעס פאַרנומען די טעלע־פאָן־צענטראַלע, דעם טעלעגראַף־בנין, די רעגירונג־באַנק און די מיניס־טעריומס. דעם ווינטער־פּאַלאַץ, דאָרט וואו קערענסקיס צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך געפונען, האָט מען אַרומגערינגלט און באַלאַגערט.

קערענסקי אַליין איז יענעם באַכמיטאָג אַנטלאָפן אין אַ שנעלן אויטאָ־מאָביל, וואָס ער האָט געליען ביי דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדע און אויף וועלכן עס האָט געפלאַטערט אַן אַמעריקאַנישע פאָן. בעתן אַנטלויפן האָט ער אויף שנעל געלאָזט וויסן דעם אַמבאַסאַדאָר פרענסיס, אַז ער וועט צוריק־קומען מיט סאָלדאַטן פונעם פראָנט און וועט „ליקווידירן די סיטואַציע אין פינף טעג צייט“.

זעקס אַזייגער אין אָוונט האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס טעלעגראַפירט צום סטעיט־סעקרעטאַר לענסינג:

די באָלשעוויקעס, זעט אויס, האָבן דאָ קאָנטראָל איבער אַלץ. קען ניט אויסגעפינען וואו וועלכער מיניסטער געפינט זיך. . . .

אינמיטן פון יענער רויער, פייכטער נאַכט האָבן לאַסטאָווקעס (טראָקס) זיך צעטראָגן איבער די בלאָטיקע גאַסן און זיך פאַרהאַלטן דאָ און דאָרט ביי אַ גאַסן־שייטער, וואו וועכטער זיינען געשטאַנען. פון די לאַסטאָווקעס האָט מען אַרויסדערלאַנגט ווייסע פּעקלעך. זיי האָבן אַנטהאַלטן דעם אויפרוף:

צו די בירגער פון רוסלאַנד!

די צייטווייליקע רעגירונג איז אָפּגעשאַפט! די מאַכט פון לאַנד ליגט איצט אין די הענט פון דעם אָרגאַן פון פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, דעם מיליטעריש־רעוואָלו־ציאָנערן קאָמיטעט, וואָס שטייט בראש פונעם פּעטראָגראַדער פּראָלע־טאַריאַט און גאַרניזאָן.

די זאַך פאַרוואָס דאָס פאָלק האָט געקעמפט: תיכף פאַרשלאָגן אַ דעמאָקראַטישן שלום, אָפּשאַפן דאָס אייגנטום־רעכט פון די באַלעבאַטים איבער ערד, אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, באַשאַפן אַ

סאָוועטן־רעגירונג — אַט־די זאַך איז פעסט דערגרייכט געוואָרן.
זאָל לעבן די רעוואָלוציע פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים!
מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט,
פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־
דעפּוטאַטן.

הונדערטער רויט־גוואַרדייער און סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער מאַסע אַרום דעם שטאַרק־באַלויכטענעם ווינטער־פּאַלאַץ, די לעצטע פעסטונג פון די מיטגלידער פון דער שוין ניט־עקזיסטירנדיקער צייטווייליקער רעגירונג. פּלוצים האָט די מאַסע זיך גענומען רוקן פאָראויס, זיך דורכגעשפּאַרט דורכן הויף און זיך אַריבערגעוואָרפן איבער די באַריקאַדן, אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ אַריין. קערענסקיס מיניסטאָרן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין דעם גרויסן, רייך־דעקאָרירטן זאַל, וואו זיי זיינען דעם גאַנצן טאָג געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש. דער טיש איז געווען באַוואָרפן מיט צעקנייטשטע שטיקלעך פּאַפּיר — איבערבלייבעכצן פון דעם קיינמאָל־ניט־געענדיקטן אויפרוף. אויף איינעם פון די שטיקלעך האָט מען געקאָנט איבערלייענען: „די צייטווייליקע רעגירונג אַפּעלירט צו אַלע קלאַסן צו שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג . . .״

10:45 אַזייגער אין אָוונט פון 7טן נאָוועמבער האָט דער אַלרוסישער קאָנגרעס פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן אָפּגעהאַלטן זיין דערעפענונג־זיצונג אינעם טאַנץ־זאַל פונעם סמאָלני אינסטיטוט, וואָס פלעגט זיין די עלעגאַנטע אַקאַדעמיע פאַר די טעכטער פון דער צאַרישער אַריסטאָקראַטיע. דער ריזיקער, מיט רויך־אָנגעפּילטער טאַנץ־זאַל, מיט זיינע מירמל־שטיינערנע זיילן, ווייסע שענדעליערן און פּאַרקעט־דיל, איז איצט געווען די היים פון די דערוויילטע פאָרשטייער פון די רוסישע סאָלדאַטן און אַרבעטער. שמוציק, אומראַזירט און מיד, האָבן די סאָוועט־דעפּוטאַטן — סאָלדאַטן נאָך מיט דער טראַנשייען־בלאָטע אויף זייערע מונדירן, אַרבעטער אין זייערע קעפּקעס און אין שוואַרצע צעקנייטשטע קליידער, מאַטראָסן אין זייערע געשטרייפּטע העמדלעך און אין קליינע, רונדע היטעלעך מיט טאַשמעס — אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די רייד פון די מיטגלידער פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, ווען זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך אויפגעשטעלט רעדן אויף דער טריבונע.

דער קאָנגרעס האָט געדויערט צוויי טעג. אַ דונערדיקער אויסגעשריי האָט אויסגעבראָכן אין אָוונט פונעם צווייטן טאָג, בעת אַ נידעריקער, פעסטער מאַן אין אַ צעקנייטשטן אַנצוג האָט זיך אויפגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע. זיין ליסע־קאָפּ האָט געשיינט, און אין דער האַנט האָט ער געהאַט אַ בויגן פּאַפּיר...

דער אויפברויז האָט געדויערט עטלעכע מינוט. דאַן, איינבויגנדיק זיך צו בראָנשטיין, האָט דער רעדנער געזאָגט: ‎„מיר וועלן איצט צו־
טרעטן איינצושטעלן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג!"

דער רעדנער איז געווען לענין.

דער קאָנגרעס האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די ערשטע סאָוועטן־רעגירונג — דעם ראָט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, מיט וולאַדימיר איליטש לענין בראש.

4. ניט־אָנערקענונג

אויף צומאָרגנס נאָכדעם ווי די סאָוועטן־רעגירונג איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געשיקט אַ בריוול צו זיין פריינט מעדין סאָמערס, דער אַמעריקאַנישער גענעראַל־קאָנסול אין מאָסקווע.

„עס ווערט געמאָלדן", האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געשריבן סאָמערסן, „אַז דער פּעטראָגראַדער ראָט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן האָט באַשטימט אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט לענינען בראש אַלס פּרעמיער, טראָצקין אַלס מיניס־טער פון אויסערלעכע ענינים און מאַדאַם, אָדער מאַדמואַזעל, קאָלאָנטאַי אַלס בילדונג־מיניסטער. אַ שווידער! — נאָר איך האָף, אַז אַ פאַרזוך וועט דאָך געמאַכט ווערן. וואָרים וואָס לעכערלעכער די סיטואַציע וועט זיין, אַלץ גיכער וועט מען געפינען אַ מיטל קעגן דעם."

קיין וואַשינגטאָן האָט דער אַמבאַסאַדאָר טעלעגראַפירט זיין מיינונג, אַז דאָס לעבן פון דעם נייעם סאָוועטישן רעזשים איז אַן ענין פון עטלעכע טעג. ער האָט אויפגעפאָדערט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט ניט צו אָנערקענען די רוסישע רעגירונג ביז וואַנען די באָלשעוויקעס וועלן ניט אַרונטערגעוואָרפן ווערן און „רוסישע פּאַטריאָטן" וועלן ניט פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

דעם זעלביקן איינדערפרי איז ראָבינס אַריינגעקומען אין קוירנעל טאָמפּ־סאָנס אָפיס, אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון אַמעריקאַנישן רויטן קרייץ אין פּעטראָגראַד.

— שעף, — האָט ראָבינס אַ זאָג געטאָן, — מיר דאַרפן שנעל האַנדלען. די געשיכטע, אַז קערענסקי וועט ערגעץ־וואו אויפבויען אַן אַרמיי, אַז די קאָזאַקן קומען אַהער פונעם דאָן און אַז די ווייס־גוואַרדייער קומען פון פינלאַנד, איז הוילע באָבקעס! זיי וועלן קיינמאָל ניט דערגיין אַהערצו. צופיל פויערים מיט ביקסן זיינען פאַראַן אינצווישן. ניין, אָט־די גרופּע, וועלכע פירט איצט אָן דאָס געשעפט אין סמאָלני, וועט אים נאָך אָנפירן אַ שפּאַר ביסל לענגער!

ראבינס האָט פון זיין שעף פאַרלאַנגט אַ דערלויבעניש גלייך אַריבער־צוגיין אין סמאָלני און האָבן דאָרט אַן אינטערוויו מיט לענינען. „די דאָזיקע לייט זיינען אין אַלגעמיין האַרציקע ווירדיקע מענטשן", האָט ראבינס געזאָגט וועגן די באָלשעוויקעס. „טייל פון אונדז האָבן זיך געמישט אין פּאָליטיק און געהאַט צו טאָן מיט אַמעריקאַנישע פּאָליטישע פירער, און אויב אין סמאָלני זיינען זיי נאָך מער קאָרופּטירט, אָדער ערגער ווי אייניקע פון אונדזערע אייגענע שווינדלער, דאַן מוזן זיי זיין די אמתע שווינדלער און דאָס אַלץ!"

אַלס אַן ענטפער האָט קוירנעל טאַמפּסאָן געצייגט ראבינסן די באַפעלן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס דערהאַלטן פון וואַשינגטאָן. ער האָט גלייך געדאַרפט זיך אומקערן אַהין פאַר אַ באַראַטונג. פּערזענלעך האָט ער איינגעשטימט מיט ראבינסן, אַז די באָלשעוויקעס פאַרטרעטן די מאַסן פונעם רוסישן פאָלק, און ווען ער וועט צוריקקומען קיין אַמעריקע, וועט ער זיך פלייסן איבערצוצייגן דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט וועגן דעם. דערווייל האָט ראבינס, וועלכער איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון קוירנעל, געדאַרפט איבערנעמען אַלס הויפּט פון דער אַמעריקאַנישער רויטער־קרייץ־מיסיע אין רוסלאַנד. קוירנעל טאַמפּ־סאָן האָט געדריקט די האַנט פון זיין געוועזענעם געהילף און אים געוואונטשן גליק.

ראבינס האָט ניט פאַרלוירן קיין איבעריקע צייט. ער איז געפאָרן צום סמאָלני און פאַרלאַנגט צו זען לענינען.

— איך בין געווען פאַר קערענסקין, — האָט ראבינס פראַנק און פריי דערקלערט, — אָבער איך דערקען אַ פגר ווען איך זע אים, און איך באַטראַכט די צייטווייליקע רעגירונג פאַר געשטאָרבן. איך וויל וויסן צי דער אַמערי־קאַנישער רויטער קרייץ קאָן דינען דעם רוסישן פאָלק אָן שום שאָדן פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. איך בין קעגן אייער אינערלעכער פּראָ־גראַם, אָבער עס איז ניט מיין עסק וואָס עס געשעט אין אינערלעכן רוסלאַנד. אויב קאָרנילאָוו, אָדער דער צאַר, אָדער עמעצער אַנדערש וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט איך גערעדט צו אים!

לענין האָט גלייך ליב באַקומען אָט דעם דינאַמישן, אויסגעשפּראָכענעם אַמעריקאַנער. ער האָט געפּרואווט דערקלערן ראבינסן דעם כאַראַקטער פון דעם נייעם רעזשים.

— מען זאָגט, אַז איך בין אַ דיקטאַטאָר, — האָט לענין דערקלערט. — אויפן מאָמענט בין איך עס טאַקע. איך בין אַ דיקטאַטאָר, ווייל איך האָב הינטער זיך דעם ווילן פון די מאַסן פויערים און אַרבעטער. אין דער מינוט וואָס איך וועל אויפהערן צו טאָן זייער ווילן, וועלן זיי צונעמען די מאַכט פון מיר און איך וועל זיין פונקט אַזוי הילפלאָז ווי דער צאַר איז.

וואָס שייך די עקאָנאָמישע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, האָט לעניןֹ פאָרגעזעצט: „מיר וועלן געבן אַן אַרויסרוף דער וועלט דורך אַ רעפּובליק פון פּראָדוצירער. מיר זעצן ניט אַריין קיין מענטשן אין סאָוועט פּשוט דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן אַקציעס אָדער ווייל זיי זיינען די אייגנטימער. מיר זעצן אַריין אַהין די פּראָדוצירער. דער דאָנעצער קוילן־באַסיין וועט זיין פאַרטראָטן דורך די וואָס פּראָדוצירן קוילן; די אייזנבאַנען—דורך די פּראָדוצירער פון טראַנספּאָרטאַציע; די פּאָסט־סיסטעם — דורך די וואָס באַשאַפן אָט די דאָזיקע פאַרבינדונג, און אַזוי כסדר.״

לענין האָט פאַר ראבינסן געשילדערט נאָך אַן אַנדער וויכטיקע פּאַזע פון דער באָלשעוויסטישער פּראָגראַם: די לייזונג פון דער „נאַציאָנאַלער פּראַגע״. אונטערן צאַר זיינען די פיל־צאָליקע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין רוסלאַנד געווען אומרחמנותדיק אונטערדריקט און זיינען געווען אונטערטעניקע פעלקער. דאָס אַלץ, האָט לענין געזאָגט, וועט מען מוזן בייטן. אַנטיסעמיטיזם און אַלע אַנדערע אַזעלכע מינים פּרימיטיווע פאָראורטיילן, וואָס דער צאַריזם האָט אויסגענוצט כדי אָנצורייצן איין גרופּע קעגן דער אַנדערער, וועלן דאַרפן אויסגעראָטן ווערן. יעדע נאַציאָנאַליטעט און נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין רוסלאַנד וועט מוזן פולשטענדיק באַפרייט ווערן, דורך געבן איר גלייכע רעכטן און טעריטאָריעלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע. לענין האָט געזאָגט ראבינסן, אַז דער וועלכער וועט זיך אָפּגעבן מיט אָט דער שווערער און זייער וויכטיקער פּראָבלעם איז די פירנדיקע באָלשעוויסטישע אויטאָריטעט איבער נאַציאָנאַלע פּראַגן, יאָזעף סטאַלין.*)

---

*) „איך האָב דעם ערשטן מאָל געהערט וועגן סטאַלינען״, האָט קוירנעל רעימאָנד ראבינס געשריבן אין נאָוועמבער 1943 צו די מחברים פון אָט־דעם בוך, „בעת לענין האָט גערעדט צו מיר וועגן זיינע פּלענער פאַר אַ פעדערירטער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק. . . ער האָט גערעדט וועגן זיינע און סטאַלינס פּלענער צו פאַראייניקן פאַר אַלגעמיינער צוזאַמענאַרבעט אַלע די פאַרשיידנאַרטיקע גרופּעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז סטאַלין איז נאָר־וואָס דערוויילט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַליטעטן. . . מעגלעך, אַז סטאַלינס גרעסטע היסטאָרישע דערגרייכונג פאַר דער אייניקייט און מאַכט פונעם סאָוועטישן פאָלק איז געווען זיין אומפאַרגלייכלעכע אַרבעט אַלס קאָמיסאַר פון נאַציאָנאַליטעטן. זיין פּאָליטיק האָט גרעסטנטייל אַ סוף געמאַכט צו ראַסן־, רעליגיעזן־, נאַציאָנאַלן־ און קלאַסן־האַס, און האָט געגעבן די פאַרשיידנאַרטיקע סאָוועטישע גרופּעס אַן אייניקייט און האַרמאָניע צו קעמפן און שטאַרבן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לענינגראַד, סטאַלינגראַד און פאַר דער רוסישער ערד.״ אין לעצטן זאַץ, פאַרשטייט זיך, האָט קוירנעל ראבינס אינזינען די היסטאָרישע ראָלע, וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט געשפּילט אין פאַרטרייבן און אין צעשמעטערן די נאַציסטישע אַריינדרינגער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ראבינס האָט דאַן געפרעגט לעניבען, וואָס זייַנען די אויסזיכטן, אַז רוסלאַנד זאָל בלייבן ווייטער אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד.

לעניבען האָט געענטפערט מיט פולער אָפנהאַרציקייט. רוסלאַנד איז שוין אַרויס פון קריג. רוסלאַנד קאָן זיך ניט שטעלן קעגן דייטשלאַנד ביז אַ נייע אַרמיי — אַ רויטע אַרמיי — וועט געשאַפן ווערן. דאָס וועט דויערן אַ צייט. מען וועט פריער מוזן איבערבויען דעם גאַנצן צעפוילטן בנין פון דער רוסישער אינדוסטריע און טראַנספּאָרט פון אויבן ביז אַרונטער.

די סאָוועטן־רעגירונג, האָט לעניבען ווייטער געזאָגט, וויל די אַנערקענונג און פריינטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגן דעם אָפיציעלן פאַראורטייל קעגן זיין רעזשים. ער האָט ראבינסן פאָר־געשלאָגן אַ פראַקטישע מינימום פּראָגראַם פון מיטאַרבעטערשאַפט. אַלס פאַר־גיטיקונג פאַר אַמעריקאַנישער טעכנישער הילף, וואָלט די סאָוועטן־רעגירונג זיך אונטערגענומען אָוועקצופירן אַלע מלחמה־מאַטעריאַלן פונעם מזרח־פראָנט, וואו זיי וואָלטן, אַנדערש, געמוזט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט אַריין.

ראבינס האָט געלאָזט וויסן גענעראַל וויליאַם דזשאַדסאַנען, דעם אַמערי־קאַנישן מיליטערישן אַטאַשע און הויפט פון דער אַמעריקאַנישער מיליטערישער מיסיע אין רוסלאַנד, וועגן לעניבס פאָרשלאַג. גענעראַל דזשאַדסאַן איז אָוועק אין סמאָלני אויסצואַרבעטן די איינצלהייטן פון דעם אָפמאַך. ער האָט געהאַט נאָך אַ פאַרלאַנג: אַז די הונדערטער טויזנטער דייטשע קריג־געפאַנגענע אין רוסישע הענט זאָלן ניט אויסגעביטן ווערן ביז נאָך דער מלחמה. לעניבען האָט איינגעשטימט.

גענעראַל דזשאַדסאַן האָט תיכף געלאָזט וויסן דעם אַמבאַסאַדאָר פרענסיס, אַז עס וואָלט געווען אין די אינטערעסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו אָנער־קענען די סאָוועטן־רעגירונג.

— דער סאָוועט איז די פאַקטישע רעגירונג, און מען דאַרף גלייך איינ־שטעלן באַציאונגען מיט אים, — האָט גענעראַל דזשאַדסאַן געזאָגט.

אָבער דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר האָט געהאַט אַנדערע פּלענער און ער האָט זיי שוין טאַקע געהאַט אַריבערגעשיקט קיין וואַשינגטאָן.

עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פונעם סטעיט־סעקרעטאַר לענסינג, אָנווייזנדיק דעם אַמבאַסאַדאָר פרענסיס, אַז די אַמערי־קאַנישע פאַרטרעטער דאַרפן „צוריקהאַלטן יעדע דירעקטע באַציאונג מיט דער באָלשעוויקן־רעגירונג". אין דער טעלעגראַמע איז געווען שאַרף צוגעגעבן: „לאָזט וועגן דעם וויסן דזשאַדסאַנען."

אַ צווייטע טעלעגראַמע, וואָס איז אָנגעקומען באַלד נאָך דער ערשטער, האָט צוריקגערופן דעם גענעראַל דזשאַדסאַן צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

ראבינס האָט געטראַכט וועגן אַרייַנגעבן זיין רעזיגנאַציע אַלס פּראָטעסט קעגן דער פּאָליטיק פון סטעיט־דעפּאַרטמענט. צו זיין איבערראַשונג האָט דער אַמבאַסאַדאָר פרענסיס אים געבעטן פאַרבלייבן אויף זיין פּאָסטן און ווייטער אָנהאַלטן זיינע פאַרבינדונגען מיט סמאָלני.

— איך גלויב, עס איז ניט גלייך פאַר אייך איבערצורייסן פּלוצים און אינ־גאַנצן אייערע באַציאונגען — דאָס הייסט, איך מיין, אָפּצושטעלן אייערע באַזוכן דאָרט, — האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געזאָגט צו ראַבינסן. — אויסער דעם, וויל איך טאַקע וויסן וואָס זיי טוען דאָרט, און איך וועל שוין שטיין צווישן אייך און דעם פייער.

ראבינס האָט ניט געוואוסט וועגן דעם, אָבער אַמבאַסאַדאָר פרענסיס האָט צוליב זיינע אייגענע אורזאַכן זיך געניייטיקט אין יעדער אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן וועגן דער סאָוועטן־רעגירונג.

5. געהיימע דיפּלאָמאַטיע

דעם 2טן דעצעמבער, 1917, האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס געשיקט קיין וואַשינגטאָן זיין ערשטן פאַרטרוילעכן באַריכט וועגן די אַקטיוויטעטן פון גענעראַל אַלעקסעי קאַלעדין, דער אַטאַמאַן פון די דאָנער קאָזאַקן. פרענסיס האָט באַצייכנט דעם גענעראַל אַלס „קאַלעדין, הויפּט־קאָמאַנדיר פון די קאָזאַקן, 200,000 אין צאָל". גענעראַל קאַלעדין האָט געהאַט אָרגאַניזירט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמיי צווישן די קאָזאַקן אין דרום־רוסלאַנד, האָט פּראָ־קלאַמירט „די אומאָפּהענגיקייט פון דעם דאָן" און זיך צוגעגרייט צו מאַרשירן אויף מאָסקווע כדי אַרונטערצוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. געהיימע גרופּעס צאַרישע אָפיצירן אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע האָבן געאַרבעט אַלס אַנטי־סאָוועטישע שפּיאָנען פאַר קאַלעדינען און אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס.

אויף פרענסיסעס פאַרלאַנג האָט מעדין סאָמערס, דער אַמעריקאַנישער גענעראַל־קאָנסול אין מאָסקווע, מיט עטלעכע טעג שפּעטער געשיקט אַ מער דעטאַליזירטן באַריכט צום סטעיט־דעפּאַרטמענט וועגן גענעראַל קאַלעדינס כחות. סאָמערס, וועלכער האָט געהייראַט אַ טאָכטער פון אַ רייכן צאַרישן נאָבלמאַן, האָט געהאַט נאָך ווילדערע פאָראורטיילן קעגן סאָוועטישן רעזשים ווי דער אַמבאַסאַדאָר גופא. לויט סאָמערסעס באַריכט צום סטעיט־דעפּאַרט־מענט, האָט קאַלעדין שוין געהאַט אַריבערגעוואונען צו זיך אַלע „לאָיאַלע" און „אָרנטלעכע" עלעמענטן פון דרום־רוסלאַנד.

דער סטייט־סעקרעטאַר האָט טעלעגראַפירט דער אַמעריקאַנישער אַמבאַ־סאַדע אין לאָנדאָן און רעקאָמענדירט צו געבן אַ געהיימע הלוואה צו פינאַנסירן קאַלעדינס צילן. די דאָזיקע הלוואה, האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, דאַרף געמאַכט ווערן דורך דער אַגענטור פון דער בריטישער אָדער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

„איך דאַרף ניט אונטערשטרייכן פאַר אייך", האָט סעקרעטאַר לענסינג צוגעגעבן, „די נויטווענדיקייט צו האַנדלען שנעל און צו דערקלערן די מיט וועמען איר רעדט וועגן דער נויטיקייט דערפון, אַז עס טאָר ניט באַוואוסט ווערן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן פלאַנירן אַרויסצואווייזן סימפּאַטיע מיט דער קאַלעדין־באַוועגונג, שוין אָפּגערעדט פון צושטעלן איר פינאַנציעלע הילף."

דעם אַמבאַסאַדאָר פרענסיס איז פאַרזאָגט געוואָרן, ער זאָל באַנוצן גרויסן ישוב־הדעת אין זיינע האַנדלונגען מיט קאַלעדינס אַגענטן אין פּעטראָגראַד, כדי ניט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט מצד די באָלשעוויקעס.

ניט געקוקט אויף די פאַרזיכטיקע צוגרייטונגען, האָט די סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע איז געווען זייער וואַכזאַם וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די אַליאירטע זאָלן זיך אַריינמישן אין רוסלאַנד, אויפגעדעקט די פאַרשווערונג. אין מיטן דעצעמבער האָט די סאָוועטישע פרעסע פאַרדאַמט דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר פאַר זיין געהיימער פאַרשווערונג מיט קאַלעדינען. פרענסיס האָט גלאַטיק אָפּגעלייקנט יעדע באַקאַנטשאַפט מיט דעם קאָזאַקן־הויפּט.

„איך שרייב אַ דערקלערונג פאַר דער פרעסע", האָט פרענסיס טעלעגראַפירט צו סעקרעטאַר לענסינג דעצעמבער דעם 22טן, „וואָס איך וועל אייך שיקן ניט אין שיפער, אָפּלייקענענדיק יעדע פאַרבינדונג אָדער וויסן וועגן קאַלעדינס באַוועגונג; באַהויפּטנדיק אַז אייערע אינסטרוקציעס זיינען פעסט און ענדגילטיק ניט אַריינצומישן זיך אין די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן; באַהויפּטנדיק אַז איך האָב זיי שטרענג אָפּגעהיט."

איזאָלירט דורך דער פיינטשאַפט פון די פאַרבינדעטע און צו־שוואַך זיך אַליין אַנטקעגנצושטעלן דער שטאַרקער דייטשער קריג־מאַשין, האָט די סאָוועטן־רעגירונג זיך געדאַרפט באַשיצן ווי זי האָט נאָר געקאָנט. די נאָענטסטע און באַלדיקסטע געפאַר איז געווען דייטשלאַנד.

כדי צו ראַטעווען דאָס נייע רוסלאַנד און צו געווינען צייט, אין וועלכער מען זאָל קאָנען דורכפירן אַ געהעריקע נויטיקע רעאָרגאַניזאַציע און באַשאַפן אַ רויטע אַרמיי, האָט לענין פאָרגעשלאָגן אונטערצושרייבן אַ באַלדיקן שלום אויף דעם מזרח־פראָנט.

— מיר ווילן דאָך סיי־ווי דאַרפן שליסן שלום, — האָט לענין געזאָגט צו זיינע נאָכפאָלגער, נאָך דעם ווי ער האָט פולשטענדיק באַטראַכט דעם צרהדיקן

צושטאַנד פון רוסלאַנדס טראַנספּאָרט, אינדוסטריע און אַרמיי. — מיר דאַרפן ווערן שטאַרק, און פאַר דעם דאַרפן מיר האָבן צייט. . . . אויב די דייטשן זאָלן אָנפאַנגען צו אַטאַקירן, וועלן מיר דאָך זיין געצוואונגען אונטערצושרייבן וועלכן ס'ניט איז שלום, נאָר דעמאָלט וועט דער שלום זיין אַן ערגערער.

אויף לענינס באַשטיין איז די סאָוועטישע שלום־דעלעגאַציע גלייך אַוועק קיין ברעסט־ליטאָווסק, צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער דייטשער מזרח־אַרמיי, אויסצוגעפינען דייטשלאַנדס שלום־באַדינגונגען.

דעם 23טן דעצעמבער, 1917, דעם טאָג נאָך דער ערשטער זיצונג פון דער פּאַרלויפיקער ברעסט־ליטאָווסקער שלום־קאָנפערענץ, האָבן פאַרטרעטער פון גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז און אין געהיים געשלאָסן אַן אָפּמאַך צו צעטיילן סאָוועט־רוסלאַנד. דער אָפּמאַך האָט געטראָגן דעם נאָמען (אין פראַנצויזיש): דער פראַנצויזיש־ענגלישער אָפּמאַך פון 23טן דעצעמבער, וואָס שטעלט איין די פראַנצויזישע און ענגלישע אַקציע־זאָנעס. לויט די באַדינגונגען אין דעם אָפּמאַך, האָט ענגלאַנד באַדאַרפט באַקומען אַן „איינפלוס־זאָנע" אין רוסלאַנד, וואָס זאָל איר געבן דעם אויל פון קאַווקאַז און קאָנטראָל איבער די באַלטישע פּראָווינצן; פראַנקרייכס „זאָנע" האָט איר גע־זאָלט געבן דאָס אייזן און די קוילן פון דאָנעצער באַסיין און קאָנטראָל איבער קרים.

אָט־דער געהיימער ענגליש־פראַנצויזישער אָפּמאַך האָט אומפאַרמיידלעך אויסגעפורעמט די פּאָליטיק, וואָס די דאָזיקע צוויי לענדער האָבן אָנגעפירט בנוגע רוסלאַנד אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע יאָר.

קאַפּיטל 2

אינטריגעס און קאָנטער־אינטריגעס

1. אַ בריטישער אַגענט

אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט, דעם 18טן יאַנואַר, 1918, האָט אַ יונגער, שיינער, אָנגעפּעלצטער שאָטלענדער אין שיין פון אַ לאָמטערנע געטאָפּט דעם וועג איבער דער טיילוויז־צעשמעטערטער בריק צווישן פינלאַנד און רוסלאַנד. אין פינלאַנד האָט געבושעוועט אַ בירגער־קריג און דער אייזנבאַן־פּאַרקער איבער דער בריק איז געווען איבערגעריסן. די רויטע פינלענדישע רעגירונג האָט דעם יונגן שאָטלענדער באַזאָרגט מיט אַ באַגלייטער, וואָס זאָל אים און זיין געפּעק אַריבערנעמען אויף דער סאָוועטישער זייט, וואו אַ באַן האָט שוין געוואַרט אַריבערצופירן אים קיין פּעטראָגראַד. דער דאָזיקער רייזנדער איז געווען ר. ה. ברוס לאָקהאַרט, ספּעציעלער אַגענט פון בריטישן מלחמה־קאַבינעט.

ברוס לאָקהאַרט, אַ פּראָדוקט פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטישער „פּאַבליק־סקול"־סיסטעם, איז אַריינגעטראָטן אין דער דיפּלאָמאַטישער דינסט אין עלטער פון פיר און צוואַנציק יאָר. ער איז געווען אי אַ שיינער אי אַן אינ־טעליגענטער און האָט אין אַ גאַנץ קורצער צייט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פאַר איינעם פון די טאַלאַנטירטסטע און צוזאָגנדיקסטע יונגעלייט אין דער בריטי־שער אויסלאַנד־ביוראָ. צו דרייסיק יאָר איז ער שוין געווען דער בריטישער וויצע־קאָנסול אין מאָסקווע. ער האָט גערעדט אַ פליסיקן רוסיש און איז געווען גוט באַקאַנט מיט רוסישער פּאָליטיק און רוסישע אינטריגעס. בלויז מיט זעקס וואָכן פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט מען אים צוריקגערופן קיין לאָנדאָן.

איצט האָט מען אים צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד אויף דעם פּערזענלעכן פאַרלאַנג פונעם פּרעמיער לאָיד דזשאָרדזש, וועלכער איז טיף באַאווירקט גע־וואָרן פון דעם וואָס ער האָט געהערט וועגן רוסלאַנד פון דעם אַהיימפאָרנדיקן

קוירנעל טאמספאָן. ראבינסעס פריערדיקער שעף האָט שטאַרק קריטיקירט דאָס וואָס די אַליאירטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם סאָוועטן־רעזשים. באַלד נאָך קוירנעל טאמפסאָנס שמועס מיט לאָיד דזשאָרדזשן איז לאָקהאַרט באַשטימט געוואָרן צו פאָרן קיין רוסלאַנד און איינשטעלן ממשותדיקע באַציאונגען — אָבער ניט אָנערקענונג — מיטן סאָוועטן־רעזשים.

אָט־דער שיינער יונגער שאָטלענדער איז אָבער אויך געווען אַן אַגענט פון דער בריטישער דיפּלאָמאַטישער שפּיאָנאַזש־דינסט. זיין אומאָפיציעלע עובדה איז געווען אויסצונוצן די פאַרשיידענע אָפּאָזיציעס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן אין דער סאָוועטן־רעגירונג, לטובת ענגלישע אינטערעסן.

די אָפּאָזיציע צו לענינען האָט אָנגעפירט דער אַמביציעזער סאָוועטישער אויסלאַנד־קאָמיסאַר, לעאָן טראָצקי, וועלכער האָט זיך באַטראַכט אַלס לענינס אומפאַרמיידלעכער נאָכפאָלגער. אין משך פון פערצן יאָר האָט טראָצקי שטאַרק באַקעמפט די באָלשעוויקעס; אין אויגוסט 1917, עטלעכע חדשים פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן לענינס פּאַרטיי און זיך דערהויבן צו דער מאַכט צוזאַמען מיט איר. אינעווייניק, אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט טראָצקי גענומען שאַפן אַ לינקע אָפּאָזיציע צו לענינען.

בעת לאָקהאַרט איז אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד אין אָנהויב פון 1918 איז דער אויסלאַנד־קאָמיסאַר טראָצקי געווען אין ברעסט־ליטאָווסק, אַלס הויפּט פון דער סאָוועטישער שלום־דעלעגאַציע.

טראָצקי איז געשיקט געוואָרן קיין ברעסט־ליטאָווסק מיט לענינס קאַטעגאָרישע אינסטרוקציעס אונטערצושרייבן אַ שלום־אָפּמאַך. אַנשטאָט צו האַלטן זיך ביי לענינס אינסטרוקציעס, האָט טראָצקי אַרויסגעגעבן פלאַמענדיקע אויפרופן צום אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט צו רעבעלירן און אַרונטערצושליידערן זייערע רעגירונגען. די סאָוועטן־רעגירונג, האָט ער דערקלערט, וועט בשום אופן ניט שליסן קיין שלום מיט קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען. „קיין פרידן און קיין קריג!" — האָט טראָצקי געשריגן. די דייטשן האָט ער דערקלערט, אַז די רוסישע אַרמיי קאָן שוין ווייטער ניט קעמפן, אַז זי וועט ווייטער דעמאָביליזירט ווערן, אָבער וועט קיין שלום ניט שליסן.

לענין האָט בייז אַרונטערגעריסן טראָצקיס אויפפירונג אין ברעסט־ליטאָווסק און באַצייכנט טראָצקיס פאָרשלאָגן „אָפּצושטעלן דעם קריג, אָפּזאָגן זיך אונטערצושרייבן אַ פרידן, און דעמאָביליזירן די אַרמיי" פאַר „ריינער משוגעת אָדער נאָך ערגער".

ווי לאָקהאַרט האָט שפּעטער אויפגעדעקט אין זיינע זכרונות, „בריטישער אַגענט", איז די בריטישע אויסלאַנד־ביוראָ געווען זייער שטאַרק פאַראינטערע־

סירט אין אָט די „צאַנקערייען צווישן לענינען און טראָצקין — צאַנקערייען, פון וועלכע אונדזער רעגירונג האָט געהאָפּט פיל צו געווינען".*)

אַלס רעזולטאַט פון טראָצקיס אויפפירונג זיינען די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט־ליטאָווסק דורכגעפאַלן. דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט פון אָנהויב ניט געוואָלט האַנדלען מיט די באָלשעוויקעס. לויט לענינס מיינונג, האָט טראָצקי אַריינגעשפּילט אין דייטשע הענט און האָט „פּאַקטיש געהאָלפן די דייטשע אימפּעריאַליסטן". אין מיטן טראָצקיס אַ רעדע אין ברעסט־ליטאָווסק האָט דער דייטשער גענעראַל מאַקס האָפמאַן אַ שטעל געטאָן זיין שטיוול אויפן קאָנפערענץ־טיש און געהייסן די סאָוועטישע דעלעגאַטן אַהיימגיין.

---

*) אין ברעסט-ליטאָווסק איז טראָצקי, ווי אַ „וועלט-רעוואָלוציאָנער", געווען קעגן אונטערשרייבן אַ פרידן מיט דייטשלאַנד, כאָטש ער האָט צוגעגעבן, אַז די רוסישע אַרמיי קאָן זיך שוין מער ניט שלאָגן, אויפן גרונט, אַז אַזאַ פרידן וואָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרראַט פון דער וועלט-רעוואָלוציע. אויף דעם גרונט האָט טראָצקי זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן לענינס פרידן-אינסטרוקציעס. שפּעטער האָט טראָצקי געטענהט, אַז ער האָט אַזוי געהאַנדלט, ווייל ער האָט ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע. ביי אַ באָלשעוויסטישער פאַרטיי-פאַרזאַמלונג דעם 3טן אָקטאָבער, 1918, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אַטאַקירט סאָוועט-רוסלאַנד און שיר ניט פאַרכאַפּט פּעטראָגראַד און צעשמעטערט דעם סאָוועטן-רעזשים, האָט טראָצקי דערקלערט: „איך האַלט עס פאַר מיין חוב צו זאָגן ביי אָט-דער חשובער פאַרזאַמלונג, אַז אין דער צייט ווען פיל פון אונדז, איינגעשלאָסן מיך זעלבסט, האָבן געצווייפלט צי עס איז דערלאָזבאַר פאַר אונדז אונטערצושרייבן דעם ברעסט-ליטאָווסקער פרידן, האָט בלויז חבר לענין, מיט וואונדערלעכן פאָראויסזען און קעגן אונדזער אָפּאָזיציע, פאַרעקשנט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן עס דורכפירן. . . . און איצט מוזן מיר צוגעבן, אַז מיר זיינען געווען אומגערעכט."

טראָצקיס אויפפירונג אין ברעסט-ליטאָווסק איז ניט געווען קיין אויסנאַם-פאַל. בעת טראָצקי האָט אַגיטירט אין ברעסט-ליטאָווסק, האָט זיין הויפט פערזענלעכער געהילף אין מאָסקווע, ניקאָלאַי קרעסטינסקי, געמאַכט אַן עפנטלעכן אָנגריף אויף לענינען און גערעדט וועגן דערקלערן אַ „רעוואָלוציאָנערן קריג קעגן דייטשן אימפּעריאַליזם, דער רוסישער בורזשואַזיע און דעם טייל פון פּראָלעטאַריאַט וואָס ווערט אָנגעפירט פון לענינען". טראָצקיס שותף אין אָט-דער אָפּאָזיציע-באַוועגונג, בוכאַרין, האָט פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַ ספּעציעלן קאָנגרעס פון דער אַזוי-גערופענער לינקער קאָמוניסטישער גרופּע אין מאָסקווע, אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט: „אין די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, באַטראַכטן מיר עס פאַר ראַטזאַם מסכים צו זיין אויפצוגעבן די סאָוועטן-מאַכט, וועלכע איז איצט געוואָרן בלויז אַ פאָרמאַליטעט." אין 1923 האָט בוכאַרין אויפגעדעקט, אַז בעתן ברעסט-ליטאָווסקער קריזיס האָט די אָפּאָזיציע הינטער די קוליסן פּלאַנירט צו צעשפּאַלטן די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, אַרונטערצוּוואַרפן לענינען און צו גרינדן אַ נייע רוסישע רעגירונג.

טראָצקי האָט זיך אומגעקערט קיין פעטראָגראַד און אָפּגעפּטרט לענינס קריטיק מיט דעם אויסרוף: „די דייטשן וועלן ניט וואַגן צו אַטאַקירן!"

צען טעג נאָכן דורכפאַל פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט־ליטאָווסק האָט די דייטשע הויפּט־קאָמאַנדע אָנגעהויבן אַ שטאַרקן אָנגריף אויפן גאַנצן מזרח־פראָנט, פונעם באַלטיק ביזן שוואַרצן ים. אין דרום האָבן דייטשע מחנות זיך דורכגעריסן דורך דער פלאַכער אוקראַינע. אין צענטער האָט דער אָנגריף זיך געשטויסן דורך פּוילן אויפן וועג קיין מאָסקווע. אין צפון איז די נאַרווע געפאַלן און פּעטראָגראַד איז געווען אין געפאַר. אומעטום, לענג־אויס דעם גאַנצן פראָנט, זיינען די רעשטלעך פון דער רוסישער אַרמיי צע־שפּליטערט געוואָרן און זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין פּיצלעך.

אַ חורבן האָט געהויערט איבער דער נייער רוסלאַנד.

שטראָמענדיק פון די שטעט און מאָביליזירט פון זייערע באָלשעוויסטישע פירער, האָבן באַוואָפנטע אַרבעטער און רויט־גוואַרדייער געגרינדעט רעגי־מענטן צו פאַרהאַלטן די דייטשע אָפענסיווע. די ערשטע אָפּטיילונגען פון דער נייער רויטער אַרמיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין שלאַכט. דעם 23טן פעברואַר האָט מען די דייטשן פאַרהאַלטן לעבן פּסקאָוו.*) פּעטראָגראַד האָט מען צייט־ווייליק געראַטעוועט.

אַ צווייטע פרידן־דעלעגאַציע, דאָס מאָל שוין אָן טראָצקין, איז שנעל אַוועק קיין ברעסט־ליטאָווסק.

אַלס פּרייז פאַר פרידן האָט דייטשלאַנד שוין איצט געוואָלט הערשן איבער אוקראַינע, פינלאַנד, פּוילן, קאַווקאַז און האָט אויך געפאָדערט מאַסן רוסיש גאָלד, ווייץ, אויל, קוילן און מינעראַלן.

אַ כוואַליע פון צאָרן קעגן די „דייטשע אימפּעריאַליסטישע רויבער" האָט זיך פאַרשפּרייט איבער סאָוועט־רוסלאַנד, ווען די דאָזיקע פרידן־באַדינגונגען זיינען באַקאַנט געוואָרן. די דייטשע הויפּט־קאָמאַנדע, — האָט לענין דער־קלערט, — האָט דורך אָט־דעם „רויבערישן" פרידן געהאָפט צו צעשפּאַלטן סאָוועט־רוסלאַנד און צו צעשמעטערן דעם סאָוועטן־רעזשים.

לויט ברוס לאָקהאַרטס מיינונג, איז די איינציקע נאַטירלעכע זאַך פאַר די אַליאירטע אין דער איצטיקער סיטואַציע געווען צו שטיצן רוסלאַנד קעגן דייטשלאַנד. די סאָוועטן־רעגירונג האָט ניט געמאַכט קיין שום פאַרזוך צו פאַרדעקן איר אומוויליקייט גוטצוהייסן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן. לויט לאָקהאַרטן, האָבן די באָלשעוויקעס געוואָלט וויסן: וואָס וועלן די אַליאירטע

*) די דאַטע, דער 23טער פעברואַר, 1918, ווען די רוסן האָבן פאַרהאַלטן די דייטשן ביי פּסקאָוו, ווערט געפייערט אַלס דער געבוירנטאָג פון דער רויטער אַרמיי.

טאָן? וועלן זיי אָנערקענען די סאָוועטן־רעגירונג און קומען איר צו הילף, אָדער וועלן זיי דערלאָזן, אַז די דייטשן זאָלן אַרויפצווינגען זייער „רויבערישן פרידן" אויף רוסלאַנד?

תחילת איז לאָקהאַרט געווען גענייגט צו גלויבן, אַז די בריטישע אינטערעסן אין רוסלאַנד דיקטירן אַן אָפּמאַך מיט טראָצקין קעגן לענינען. טראָצקי און זיינע נאָכפאָלגער האָבן איצט אַטאַקירט לענינען אויפן גרונט, אַז זיין פרידן־פּאָליטיק האָט דערפירט צו אַ „פּאַרראַט פון דער רעוואָלוציע". טראָצקי האָט געפּראָוואווט גרינדן, ווי לאָקהאַרט האָט עס אָנגערופן, „אַ הייליקע מלחמה"־בלאָק אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיטן געדאַנק צו געווינען די שטיצע פון די אַליאירטע און צווינגען לענינען אויפצוגעבן זיין מאַכט.

ווי לאָקהאַרט דערציילט אין זיין „בריטישער אַגענט", האָט ער איינגעשטעלט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט טראָצקין, אַזוי גיך ווי ער איז צוריקגעקומען פון ברעסט־ליטאָווסק. טראָצקי האָט אים באַוויליקט אַ צוויי־שעהדיקן אינטערוויו אין זיין פּריוואַטער ביוראָ אין סמאָלני. די זעלביקע נאַכט האָט לאָקהאַרט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך זיין פּערזענלעכן איינדרוק וועגן טראָצקין: „ער זעט מיר אויס ווי אַ מענטש, וועלכער וואָלט געווען גרייט צו שטאַרבן קעמפנדיק פאַר רוסלאַנד, אויב עס וואָלט זיך געפונען אַ גענוג־גרויסער עולם וואָס זאָל אים זען דאָס טאָן."

דער בריטישער אַגענט און דער סאָוועטישער אויסלאַנד־קאָמיסאַר זיינען גאַנץ שנעל געוואָרן אינטים. לאָקהאַרט האָט טראָצקין היימיש גערופן „לעוו דאַווידאָוויטש", און געהאַפּט, ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, „דורכצופירן אַ גרויסע איבערקערעניש מיט טראָצקין". אָבער לאָקהאַרט איז קעגן זיין ווילן געקומען צום באַשלוס, אַז טראָצקי האָט פּשוט ניט די קראַפט צו פאַרנעמען לענינס פּלאַץ. אין זיין „בריטישער אַגענט" דערציילט לאָקהאַרט:

> טראָצקי איז געווען אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און אַ מאַן מיט אומגעהויערן פיזישן קוראַזש. מאָראַליש אָבער האָט ער זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט לענינען, ווי אַ פליג מיט אַ העלפאַנט. אין קאָמיסאַרן־ראַט איז ניט געווען קיין איינער וואָס זאָל זיך ניט באַטראַכטן פאַר אַזוי גוט ווי טראָצקי. עס איז אָבער ניט געווען קיין איינציקער קאָמיסאַר, וועלכער זאָל ניט באַטראַכטן לענינען כמעט ווי אַ גאָט, וועמעס באַשלוסן מען דאַרף אָננעמען אָן שום פראַגעס.

אויב מען האָט עפּעס געדאַרפט טאָן אין רוסלאַנד, וואָלט עס לענין געמוזט טאָן. די דאָזיקע מיינונג, האָט לאָקהאַרט אויסגעפונען, האָט אויך געטיילט רעימאָנד ראָבינס.

— איך פּערזענלעך האָב אַלע מאָל געהאַט אַ פראַגע־צייכן איבער טראָצקין

—אַ פראַגע, וועגן דעם וואָס ער וועט טאָן — אַ פראַגע, וועגן דעם וואו ער וועט זיך געפינען אין געוויסע צייטן און פלעצער, צוליב זיין אומגעווייגלעכער זעלבסט־ליבע און דער חוצפה, זאָלט איר מיר מוחל זיין, פון זיין זעלבסט־ליבע, — האָט ראבינס געזאָגט.

לאָקהאַרט האָט זיך באַגעגנט מיט ראבינסן באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין פּעטראָגראַד. ער איז גלייך באַווירקט געוואָרן פון דעם דירעקטן צוגאַנג צו דער רוסישער פּראָבלעם, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט געהאַט. ראבינס האָט ניט געהאַט קיין שום סימפּאַטיע מיט די פאַרשיידענע אַרגומענטן פון די אַליאירטע קעגן אָנערקענונג. ער האָט אָפּגעשפּעט פון דער נאַרישער טעאָריע, וואָס די צאַרישע אַגענטן האָבן פאַרשפּרייט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען פאַר אַ דייטשן זיג. ער האָט קלאָר אויסגעמאָלט פאַר לאָקהאַרטן די שרעקלעכע באַדינגונגען אין דעם אַלטן רוסלאַנד און דעם וואונדערלעכן אויפשוואונג פון די אונטערדריקטע מיליאָנען אונטער דער באָלשעוויסטישער פירערשאַפט.

כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד, האָט ראבינס גענומען לאָקהאַרטן אין סמאָלני, ער זאָל זען דעם בייעם רעזשים ביי דער אַרבעט. ווען זיי זיינען צוריקגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד אונטער דעם ווייך־פאַלנדיקן שניי, האָט ראבינס ביטער דערקלערט, אַז די אַליאירטע אַמבאַסאַדעס, מיט זייערע געהיימע פאַרשווערונגען קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג, „שפּילן דעם שפּיל פון די דייטשן אין רוסלאַנד".

די סאָוועטן־רעגירונג איז געקומען צו פאַרבלייבן און וואָס גיכער די פאַרבינדעטע וועלן אָנערקענען אָט דעם פאַקט, אַלץ גערזינטער וועט זיין.

ראבינס האָט פריי צוגעגעבן, אַז לאָקהאַרט וועט הערן אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע פון אַנדערע אַליאירטע פאַרטרעטער און געהיים־אַגענטן אין רוסלאַנד, און אַז זיי וועלן נאָך צושטעלן דאָקומענטאַלע באַווייזן צו באַקרעפטיקן זייערע רייד. „אין רוסלאַנד זיינען איצט פאַראַן מער געפעלשטע פּאַפּירן פון אַלערליי סאָרטן, ווי ווען עס איז אין דער מענטשלעכער געשיכטע!" האָט ראבינס געזאָגט. „עס זיינען אַפילו פאַראַן דאָקומענטן צו באַווייזן, אַז ראבינס אַליין איז אַ באָלשעוויק און, אין דער זעלבער צייט, איז ער אויך געהיים פאַראינטערעסירט צו קריגן רוסישע האַנדלס־קאָנצעסיעס פאַר 'וואָל־סטריט'."

די דאָזיקע צוויי מענטשן זיינען באַלד געוואָרן נאָענטע, כמעט אומצעטיילבאַרע, פריינט. זיי האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען עסן פרישטיק יעדן אינדערפרי און דערביי זיך מיישב געווען וועגן דעם פּלאַן פון אַרבעט פאַר יענעם טאָג. זייער אַלגעמיינער ציל איז געווען צו באַווירקן זייערע אייגענע רעגירונגען צו

אָנערקענען סאָוועט־רוסלאַנד און דורך דעם פאַרמיידן אַ דייטשן זיג אויפן מזרח־פראָנט.*)

2. די אַנטשיידנדיקע שעה

די לאַגע פון דער סאָוועטן־רעגירונג אין אָנהויב פרילינג פון 1918 איז געווען אַזאַ: דייטשלאַנד האָט זיך געגרייט אַרונטערצואוואַרפן מיט גוואַלד די סאָוועטן־רעגירונג, אויב די רוסן וועלן זיך אָפּזאָגן גוטצוהייסן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן; ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אין געהיים געשטיצט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כחות, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין אַרכאַנגעל, מורמאַנסק און אויפן דאָן; די יאַפּאַנעזער, מיט דער גוטהייסונג פון די אַלי־אירטע, האָבן פּלאַנירט צו פאַרכאַפּן וולאַדיוואָסטאָק און אַריינדרינגען אין סיביר.

אין אַ שמועס מיט לאָקהאַרטן, האָט לענין אים געזאָגט, אַז די סאָוועטן־

---

*) לאָקהאַרט און ראָבינס האָבן געפונען אַ ווערטפולן פאַרבינדעטן אין דער פּער־זאָן פון פראַנצויזישן אָפיציר, קאַפּיטאַן זשאַן סאַדול, אַ געוועזענער דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט און סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין פּאַריז. קאַפּיטאַן סאַדול האָט געדינט אַלס אומאָפיציעלער פאַרמיטלער צווישן פראַנקרייך און דער סאָוועטן־רעגירונג. ער איז געקומען צו די זעלביקע באַשלוסן ווי ראָבינס און לאָקהאַרט. זיין אויסגע־שפּראָכענע קריטיק איבערן צוגאַנג פון די אַליאירטע בנוגע רוסלאַנד האָט אַרויס־גערופן אַ שאַרפע שנאה מצד דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר נולענס, וועלכער האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז סאַדול, ראָבינס און לאָקהאַרט זיינען אַליין געוואָרן „באָל־שעוויקעס". נולענס, אַ ביטערער רעאַקציאָנער, וועלכער האָט געשעפּט זיינע פּאָ־ליטישע מיינונגען פון די פראַנצויזישע „200 פאַמיליעס", און אַן אייגנטימער פון אַקציעס אין די פּאַריזער באַנקען, האָט געהאַסט דעם סאָוועטישן רעזשים. ער האָט צוגענומען ביי סאַדולן דאָס רעכט צו האָבן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דער פראַנ־צויזישער רעגירונג און האָט אַפילו איבערגענומען סאַדולס פּערזענלעכע בריוו און צעטלעך.

כדי צו פאַרהיטן, אַז ראָבינס זאָל ניט באַאיינפלוסן דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַ־דאָר, דייוויד פרענסיס, דערציילט ברוס לאָקהאַרט אין „בריטישער אַגענט", האָט אַמבאַ־סאַדאָר נולענס אָנגעהויבן אַ שושקע־קאַמפּאַניע קעגן ראָבינסן. אין פרענסיסעס אָנ־וועזנהייט האָט נולענס געלאָזט איינעם פון זיינע סעקרעטאַרן שאַרף אַ פרעג טאָן: „ווער איז אייגנטלעך דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד — פרענסיס, צי ראָבינס?" אָט אַזעלכע מאַנעוורעס האָבן געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג. פרענסיס האָט אויפגעהערט צו געטרויען ראָבינסן און זיך גענומען שרעקן, אַז ראָבינס וויל איבערנעמען זיין אַמט. ער האָט אַפילו פאַרדעכטיקט ראָבינסן, אַז ער האָט אינ־פאָרמירט די באָלשעוויקעס וועגן זיינע געהיימע פאַרהאַנדלונגען מיט קאַלעדינען.

רעגירונג האַלט ביים אַריבערקלייבן זיך קיין מאָסקווע אויס מורא פאַר אַ דייטשער אַטאַקע אויף פּעטראָגראַד. די באָלשעוויקעס וועלן קעמפן, אויב נויטיק, אַפילו ווען זיי זאָלן זיך דאַרפן צוריקציען צו דער וואָלגע און צו די אוראַל־בערג. אָבער קעמפן וועלן זיי אויף זייערע אייגענע באַדינגונגען. זיי וועלן „ניט שאַרן קיין האַלאָוועשקעס פאַר די אַליאירטע". אויב די אַליאירטע פאַרשטייען דאָס, האָט לענין געזאָגט צו לאָקהאַרטן, האָבן זיי איצט אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט פאַר מיטאַרבעטערשאַפט. סאָוועט־רוסלאַנד נויטיקט זיך זייער אין הילף צו קענען קעמפן קעגן די דייטשן.

— צו דער זעלבער צייט, — האָט לענין גאַליק געזאָגט,— בין איך שטאַרק איבערצייגט, אַז אייער רעגירונג וועט קיינמאָל ניט זען זאַכן אין אָט־דער ליכט. זי איז אַ רעאַקציאָנערע רעגירונג. זי וועט מיטאַרבעטן מיט די רוסישע רעאַקציאָנערן.

לאָקהאַרט האָט טעלעגראַפירט דעם תמצית פון אָט־דעם שמועס צו דער ענגלישער אויסלאַנד־ביוראָ. עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער דערהאַלטן אַ שיפרירטע ווענדונג פון לאָנדאָן. ער האָט זי אין דער גיך דעשיפרירט און געלייענט. די ווענדונג האָט איבערגעגעבן דעם שטאַנדפּונקט פון אַ „מיליטערישן עקספּערט", אַז אַלץ וואָס איז נויטיק אין רוסלאַנד איז „אַ קליינעם, אָבער אַנטשלאָסענעם, נוקלעאוס פון ענגלישע אָפיצירן" כדי צו געבן פירערשאַפט צו די „לאָיאַלע רוסן", וועלכע וועלן איינגיכן אַ סוף מאַכן צום באָלשעוויזם.

דעם 23טן פעברואַר האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס אין אַ בריוו צו זיין זון געשריבן:

> מיין פּלאַן איז צו פאַרבלייבן אין רוסלאַנד אַזוי לאַנג ווי איך וועל קאָנען. אויב עס וועט געשלאָסן ווערן אַ באַזונדערער פרידן, ווי איך גלויב, וועט ניט זיין קיין געפאַר אַז די דייטשן זאָלן מיך פאַנגען. אַזאַ שלום וועט אָבער זיין אַ שווערער קלאַפּ פאַר די אַליאירטע, און אויב וועלכער עס איז טייל פון רוסלאַנד וועט זיך אָפּזאָגן צו אָנערקענען, אַז די באָלשעוויקן־רעגירונג האָט די אויטאָריטעט צו שליסן אַזאַ שלום, וועל איך זיך דאַן פלייסן צו באַזעצן אין יענעם געגנט און דערמוטיקן דעם אויפשטאַנד.

נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבן אָט־דעם בריוו, האָט אַמבאַסאַדאָר פרענסיס זיך געטראָפן מיטן פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר נולענס און מיט נאָך אַנדערע אַליאירטע דיפּלאָמאַטן אין דעם קליינעם שטעטל וואָלאָגדאַ, וואָס געפינט זיך צווישן מאָסקווע און אַרכאַנגעל. עס איז געווען קלאָר, אַז די אַלי־

אירטע רעגירונגען האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן פאַר קיין פאַל ניט מיט־צואַרבעטן מיט דעם סאָוועטישן רעזשים.

ראבינס האָט וועגן אָט־דעם קריזיס געשמועסט מיט טראָצקין, וועלכער — נאָכדעם ווי ער האָט עפנטלעך צוגעגעבן זיין „טעות" אין שטעלן זיך קעגן לענינען אין ברעסט־ליטאָווסק — האָט זיך איצט געפלייסט צוריקצוגעווינען צוטרוי ביי לענינען.

— ווילט איר פאַרמיידן, אַז דער ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך זאָל גוט־געהייסן ווערן? — האָט טראָצקי געפרעגט ראבינסן.

— זיכער, — האָט ראבינס געענטפערט, — אָבער לענין איז דאָך דער־פאַר און, אָפּן גערעדט, קאָמיסאַר, לענין האָט דאָך די דעה.

— איר מאַכט אַ טעות, — האָט טראָצקי געזאָגט. — לענין ווייסט, אַז די געפאַר פון אַ דייטשער אָפּענסיווע איז אַזוי גרויס, אַז ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט קריגן די שטיצע און מיטאַרבעטערשאַפט פון די אַליאירטע, וואָלט ער צוריקגעוויזן דעם ברעסטער פרידן, וואָלט זיך צוריקגעצויגן פון מאָסקווע און פעטראָגראַד קיין יעקאַטערינענבורג, וואָלט איינגעשטעלט דעם פראָנט אין די אוראַלן, און וואָלט געקעמפט מיט אַליאירטער שטיצע קעגן די דייטשן.

אויף ראבינסעס דרינגלעכן פאַרלאַנג, האָט לענין צוגעשטימט אָנצושרייבן אַ פאַרמעלע נאָטע צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט געהאַט קנאַפּע האָפענונג אויף אַ גינסטיקן ענטפער; אָבער ער איז געווען גרייט צו מאַכן דעם פאַרזוך.

די נאָטע איז איבערגעגעבן געוואָרן ראבינסן איבערצושיקן זי צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער אינהאַלט פון דער נאָטע איז טיילווייז ווי פאָלגט:

> אין פאַל (א) דער אַלרוסישער קאָנגרעס פון די סאָוועטן זאָל זיך אָפּזאָגן גוטצוהייסן דעם שלום־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, אָדער (ב) די דייטשע רעגירונג, ברעכנדיק דעם אָפּמאַך, זאָל באַנייען איר אָנגריף, כדי פאַרצוזעצן דעם רויבערישן אָנפאַל. . . .
>
> (1) קאָן די סאָוועטן־רעגירונג זיך פאַרלאָזן אויף דער הילף פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך אין איר קאַמף קעגן דייטשלאַנד?
>
> (2) וואָסער מין הילף קאָן צוגעשטעלט ווערן אין דער נאָענטסטער צוקונפט און אויף וואָסערע באַדינגונגען — מיליטערישע אויסשטאַ־טונג, טראַנספּאָרטאַציע־מכשירים, לעבנס־מיטלען?
>
> (3) וואָסער מין הילף קאָן צוגעשטעלט ווערן ספּעציעל און איבער־הויפּט מצד די פאַראייניקטע שטאַטן? . . .

דער אַלרוסישער סאָוועטן־קאָנגרעס האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען דעם 12טן מערץ צו דיסקוטירן די גוטהייסונג פון דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן־אָפּמאַך.

אויף ראַבינסעס בקשה האָט לענין איינגעשטימט אָפּצולייגן די פאַרזאַמלונג פונעם אַלרוסישן קאָנגרעס אויפן 14טן מערץ, כדי צו געבן ראַבינסן און לאָקהאַרטן צוויי איבעריקע טעג, אין וועלכע זיי זאָלן קאָנען באַוועגן זייערע רעגירונגען צו האַנדלען.

דעם 5טן מערץ, 1918, האָט לאָקהאַרט אויסגעשיקט אַ לעצטע תחנונים־דיקע טעלעגראַמע צו דער בריטישער אויסלאַנד־ביוראָ, אין וועלכער ער האָט געבעטן מען זאָל אָנערקענען די סאָוועטן־רעגירונג: „אויב די אַליאירטע האָבן ווען עס איז זינט דער רעוואָלוציע געהאַט אַ געלעגנהייט אין רוסלאַנד, האָבן די דייטשן אָט־די געלעגנהייט זיי געגעבן דורך זייערע אומדערהערטע פרידן־באַדינגונגען, וואָס זיי האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די רוסן. . . . אויב די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וויל ניט אַז דייטשלאַנד זאָל קריגן די איבערהערשאַפט אין רוסלאַנד, דאַן וויל איך מיט דער גרעסטער ערנסטקייט אייך בעטן ניט צו פאַרנאַכלעסיקן אָט־די געלעגנהייט.“

קיין ענטפער פון לאָנדאָן איז ניט אָנגעקומען. בלויז אַ בריוו פון לאָקהאַרטס פרוי, אין וועלכן זי האָט אים אויפגעפאָדערט צו זיין פאָרזיכטיק און אים געוואָרנט, אַז אין דער אויסלאַנד־ביוראָ גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז ער איז געוואָרן אַ „רויטער“.

דעם 14טן מערץ האָט דער אַלרוסישער סאָוועטן־קאָנגרעס זיך פאַרזאַמלט אין מאָסקווע. צוויי טעג און צוויי נעכט האָבן די דעלעגאַטן דעבאַטירט די פראַגע וועגן גוטהייסן דעם ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך. טראָצקיס אָפּאָזיציע איז אַרויס מיט פולער קראַפט אין אַ פאַרזוך צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון דעם אומפּאָפּולערן פרידן־אָפּמאַך; אָבער טראָצקי אַליין, ווי ראַבינס גיט איבער, האָט „איינגענומען אַ שטומעניש אין פעטראָגראַד און זיך אָפּגעזאָגט צו קומען“.

עלף אַזייגער אין אָוונט, אויף דער צווייטער נאַכט פון דעם קאָנגרעס, האָט לענין אַ וואונק געטאָן צו ראַבינסן, וועלכער איז געזעסן אויף די טרעפּלעך נידעריקער פון דער פּלאַטפאָרמע:

— וואָס האָט איר געהערט פון אייער רעגירונג?

— גאָרניט!

— וואָס האָט לאָקהאַרט געהערט?

— גאָרניט!

לענין האָט אַ צי געטאָן מיטן אַקסל. „איך גיי איצט אַרויף אויף דער

פלאַטפאָרמע", האָט ער אַ זאָג געטאָן צו ראַבינסן, „איך וועל רעדן לטובת דער גוטהייסונג פון דעם אָפּמאַך. ער וועט גוטגעהייסן ווערן."

לעניִן האָט גערעדט אַרום אַ שעה צייט. ער האָט ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך צו מינימיזירן דעם אומגליק פאַר רוסלאַנד, וואָס דער פרידן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. לאָגיש און געדולדיק האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נויט־ווענדיקייט פאַר דער סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע איז איזאָלירט און באַדראָט פון אַלע זייטן, צו געווינען „צייט אויף אָפּצואָטעמען" פאַר יעדן פרייז.

דער ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך איז גוטגעהייסן געוואָרן.

אין אַ דערקלערונג, וואָס דער קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך געזאָגט:

> אונטער די איצטיקע באַדינגונגען, איז די סאָוועטישע רעגירונג פון דער רוסישער רעפּובליק, איבערגעלאָזט צו איר אייגענעם גורל, און ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו שטעלן זיך קעגן דעם באַוואָפנטן אָנגריף פונעם דייטשן אימפּעריאַליזם, געצוואונגען אָנצונעמען די באַ־דינגונגען וואָס זיינען איר געשטעלט געוואָרן, כדי צו ראַטעווען דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד.

3. דער סוף פון דער מיסיע

אַמבאַסאַדאָר פּרענסיס האָט דעם 2טן מאַי, 1918, טעלעגראַפירט צום סטעיט־דעפּאַרטמענט: „ראַבינס און מסתמא אויך לאָקהאַרט, זיינען געווען לטובת דער אָנערקענונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אָבער איר און אַלע אַנדערע אַליאירטע זיינען שטענדיק געווען קעגן דער אָנערקענונג. אויך איך האָב זיך כסדר אָפּגעזאָגט דאָס צו רעקאָמענדירן און איך גלויב ניט, אַז איך האָב אין דעם געמאַכט אַ טעות."

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ראַבינס דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון סטעיט־סעקרעטאַר לענסינג: „אונטער אַלע אומשטענדן ווערט באַטראַכט פאַר געוואונטשן אַז איר זאָלט אַהיימקומען פאַר אַ באַראַטונג."

בעת זיין רייזע איבער רוסלאַנד אויף דער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן, צו קריגן אַ שיף אין וולאַדיוואָסטאָק, האָט ראַבינס דערהאַלטן דריי מעלדונגען פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט. אין יעדער פון זיי האָט זיך געפונען דער זעל־ביקער אָנזאָג: ער זאָל ניט מאַכן קיין שום עפנטלעכע דערקלערונג וועגן וואָס עס זאָל ניט זיין.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַשינגטאָן, האָט ראַבינס אָפּגעגעבן אַ

באַריכט צום סעקרעטאַר לענסינג, אין וועלכן ער האָט שטאַרק פאַרדאַמט דעם געדאַנק, אַז די אַליאירטע לענדער זאָלן זיך אַריינמישן קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. ראַבינס האָט צו זיין באַריכט צוגעגעבן אַ געשריבענע דעטאַליזירטע פּראָגראַם פאַר דער אַנטוויקלונג פון רוסיש־אַמעריקאַנישע האַנדל־באַציאונגען. לענין האָט אָט־די פּראָגראַם פּערזענלעך דערלאַנגט ראַבינסן, איידער ער האָט פאַר־לאָזט מאָסקווע. ער האָט דאָס געדאַרפט איבערגעבן פּרעזידענט ווילסאָנען.

לענינס פּראָגראַם איז קיינמאָל צו ווילסאָנען ניט דערגאַנגען.

ראַבינס האָט פּרובירט אַליין גיין זען דעם פּרעזידענט, אָבער אומזיסט. מען האָט אים געשטערט ביי יעדן קער און ווענד. ער האָט געפּרוּווט איבער־געבן זיינע מיינונגען אין דער פּרעסע, אָבער די פּרעסע האָט איגנאָרירט אָדער צעדרייט דאָס וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

ראַבינס איז געווען געצוואונגען זיך צו פאַרטיידיקן פאַר אַ קאָמיסיע פונעם סענאַט, וועלכע האָט אויסגעפאָרשט „באָלשעוויזם“ און „דייטשע פּראָפּאַגאַנדע“.

„אויב איך האָב געזאָגט דעם אמת און ניט געלאַיגט און ניט געזידלט אַ פאָלק; און ניט געזאָגט, אַז זיי זיינען דייטשע אַגענטן, גנבים און מערדער, ריינע פאַרברעכער, דאַן בין איך אַ באָלשעוויק!“ האָט ראַבינס דערקלערט. „אָבער איך האָב געהאַט די בעסטע מעגלעכקייט פון אַלע אַנדערע אַליאירטע פאַרטרעטער אין רוסלאַנד צו באַאָבאַכטן און איך האָב זיך געפּלייסט צו שטיין מיט מיינע פיס אויף דער ערד. כ׳וואָלט געוואָלט זאָגן דעם אמת וועגן מענטשן און באַוועגונגען, אָן ליידנשאַפט און אָן פאַרדרוס, כאָטש איך בין מיט זיי ניט איינשטימיק. . . . איך בין דורכאויס מסכים, אַז דאָס רוסישע פאָלק מעג האָבן דעם שטייגער רעגירונג וואָס עס וויל, צי דאָס שטעלט מיך צופרידן אָדער צי עס איז אין איינקלאַנג מיט מיינע פּרינציפּן, אָדער ניט. . . . איך גלויב, אַז עס איז העכסט וויכטיק צו וויסן וואָס עס איז באמת געשען אין רוסלאַנד, און אַז מיר און אונדזער לאַנד דאַרפן האַנדלען מיט רוסלאַנד אָרנטלעך און יושרדיק, אַנשטאָט אויפן באַזיס פון פאַראורטיילן אָדער פאַלשע דערקלערונ־גען. . . . איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז מען קאָן אידעאַלן פאַרניכטן מיט באַיאָנעטן. . . . דער איינציקער ענטפער אויף די שטרעבונגען פאַר אַ בעסער מענטשלעך לעבן, איז אַ בעסער מענטשלעך לעבן.“

אָבער ראַבינסעס אָרנטלעכע שטים איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דער אַלץ־וואַקסנדיקער כוואַליע פון פאַלשער אינפאָרמאַציע און פאַראורטיילן.

אין זומער פון 1918, כאָטש די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען אין קריג קעגן דייטשלאַנד און ניט קעגן רוסלאַנד, האָט די „ניו־יאָרק טיימס“ שוין באַשריבן די באָלשעוויקעס אַלס „אונדזערע געפערלעכסטע שונאים“ און אַלס „פאַרצוקנדיקע חיות“. די סאָוועטישע פירער זיינען איינשטימיק באַצייכנט

געוואָרן אין דער אַמעריקאַנישער פּרעסע אַלס „באַצאָלטע אַגענטן" פון די דייטשן, „קוילער", „מערדער און משוגעים", „פון־בלוט־פאַרשיכורטע פאַר־ברעכער", און „מענטשלעכער אָפּפאַל" — דאָס זיינען בלויז איניקע פון די טיפּישע טערמינען מיט וועלכע די אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבן באַצייכנט לענינען און זיינע מיטאַרבעטער. אין קאָנגרעס האָט מען זיי גערופן „יענע פאַרשאָלטענע בעסטיעס".

אַמבאַסאַדאָר פרענסיס איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד ביז יולי 1918. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסגעבן אויפרופן און דערקלערונגען, רופנדיק דאָס רוסישע פאָלק אַרונטערצוּוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. איידער פרענסיס האָט געזאָלט אָפּפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער באַקומען פון טשי־טשערינען, דעם נייעם סאָוועטישן קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, אַ טעלעגראַמע, אויסדריקנדיק אַ באַגריסונג צום אַמעריקאַנישן פאָלק. פרענסיס האָט שפּעטער דערציילט וואָס ער האָט געטאָן מיט טשיטשערינס ווענדונג. „אָט־די טעלעגראַמע איז אַוודאי געמיינט געוואָרן פאַר די אַמעריקאַנישע פּאַצי־פיסטן", האָט דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר געשריבן אין זיין בוך, „רוסלאַנד ווי געזען פון דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדע", „און אויס מורא, אַז דער סטעיט־דעפּאַרטמענט וועט זי פאַרעפנטלעכן פאַרן אַמעריקאַנישן פאָלק, האָב איך זי ניט איבערגעגעבן."

ברוס לאָקהאַרט איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד. „איך וואָלט געדאַרפט רעזיגנירן און זיך אומקערן אַהיים", האָט ער שפּעטער געזאָגט. אָנשטאָט דעם איז ער ווייטער פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן אַלס אַ בריטישער אַגענט.

„כמעט איידער איך האָב דאָס נאָך באַגריפן", האָט לאָקהאַרט שפּעטער צוגעגעבן אין זיין „בריטישער אַגענט", „האָב איך זיך שוין אידענטיפיצירט מיט אַ באַוועגונג, וועלכע — ניט געקוקט אויף איר אָריגינעלן ציל — איז געווען געווענדט ניט קעגן דייטשלאַנד, נאָר קעגן דער פאַקטישער רעגירונג פון רוסלאַנד."

קאַפּיטל 3

דער מייסטער־שפּיאָן

1. אויפטריט מ. מאַסינאָ

דאָס רעוואָלוציאָנערע פּעטראָגראַד — פון דרויסן באַלאַגערט פון אויס־לענדישע שונאים, און פון אינעווייניק באַדראָעט פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען — איז געווען אַ מוראדיקע שטאָט אין 1918. זי האָט פאַרמאָגט קנאַפּ שפּייז, קיין שום באַהייצונג, קיין טראַנספּאָרט. מענער און פרויען אין שמאָטעס האָבן געציטערט שטייענדיק אין די לאַנגע ברויט־רייען אויף די כמורנע, אומגערייניקטע גאַסן. די לאַנגע, גרויע נעכט זיינען געשפּאָלטן גע־וואָרן פון שיסערייען. רויבער־באַנדעס — שטעלנדיק זיך קעגן דער אויטאָרי־טעט פון דעם סאָוועטן־רעזשים — האָבן געשוויבלט איבער דער שטאָט, גע־רויבט און טעראָריזירט די באַפעלקערונג.*) אָפּטיילונגען באַוואָפנטע אַרבע־טער האָבן מאַרשירט פון געביידע צו געביידע, זוכנדיק באַהאַלטענע סקלאַדן פון די שפּייז־ספּעקולאַנטן און פאַרנעמענדיק גנבים און טעראָריסטן.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט נאָך ניט געהאַט איינגעשטעלט קיין פולשטענ־דיקן קאָנטראָל. רעשטלעך פון צאַריסטישן לוקסוס האָבן זיך נאָך אָנגעזען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דער נויט פון די מאַסן. אַנטי־סאָוועטישע צייטונגען זיינען נאָך אַלץ דערשינען, פאַראויסזאָגנדיק יעדן טאָג דאָס אומפאַרמיידלעכע פאַלן פונעם סאָוועטן־רעזשים. עלעגאַנטע רעסטאָראַנען און האָטעלן זיינען נאָך אַלץ געווען אָפן און מען האָט דאָרט באַדינט מאַסן רייך־געקליידטע מענער און פרויען. די קאַבאַרעטן זיינען יעדן אָוונט געווען געפּאַקט; מען האָט דאָרט גע־טרונקען און געטאַנצט. ביי די טישן האָבן צאַרישע אָפיצירן, באַלעט־טענצער, באַקאַנטע ספּעקולאַנטן פונעם שוואַרצן מאַרק און זייערע געליבטע שושקענדיק זיך איבערגעגעבן אויפרייצנדיקע קלאַנגען: די דייטשן מאַרשירן אויף

---

*) רעימאָנד ראָבינס און ברוס לאָקהאַרט האָבן ביי אַ דירעקטער אויספאָרשונג בײדע פעסטגעשטעלט, אַז פיל פון אָט די אַנטי־סאָוועטישע רויבער־אָנפירער, פון וועלכע אייניקע האָבן זיך אַליין אָנגערופן אַנאַרכיסטן, זיינען אין דער אמתן געווען פינאַנסירט פון דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט, כדי צו פּראָוואָצירן אומרועז און ראַיאָטן, וואָס זאָלן דינען אַלס אויסרייד פאַר דייטשער אינטערווענציע אין רוסלאַנד.

מאָסקווע! — טראָצקי האָט אַרעסטירט לענינען! — לענין איז משוגע געוואָרן! ווילדע האַפענונגען און בּאַרישע ליגנס האָבּן זיך געגאָסן אַזוי פריי ווי בּראַנפן. אינטריגעס האָבּן געהאַלטן אין איין וואַקסן.

יענעם פרילינג האָט זיך אין פעטראָגראַד באַוויזן אַ געוויסער מ. מאַסינאַ. פאָרגעשטעלט האָט ער זיך אַלס אַ טערקישער און אָריענטאַלישער „סוחר". ער איז געווען אַ בּלאָסער, לאַנג־פּנימדיקער, מרה־שחורהדיקער מאַן אין די בעסטע יאָרן, פריע פערציקער, מיט אַ הויכן, משופּעדיקן שטערן, אומרואיקע טונקעלע אויגן און פּילבּאַרע ליפּן. ער איז געגאַנגען מיט אַ גלייכן, כמעט מיליטערישן, גאַנג און מיט אַ גיכן, מאָדנע־שטילן טראָט. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ רייכער מאַן. פרויען האָבּן אים געהאַלטן פאַר אַנציִענדיק. אין דער אומ־רואיקער אַטמאָספערע פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט איז מ. מאַסינאַ אַרומגעגאַנגען וועגן זיינע געשעפטן מיט אַ מאָדנער זיכערקייט.

אין די אָוונטן איז מ. מאַסינאַ געווען אַן אָפטער גאַסט אין דער קליינער, פאַררויכערטער בּאַלקאָוו־קאַפע, אַן אויסדערוויילט פּלאַץ פון די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אין פּעטראָגראַד. דער אייגנטימער, סערגעי בּאַלקאָוו, האָט אים שטענדיק בּכבודיק בּאַגריסט. אין אַ פּריוואַטן צימער הינטער דער קאַפע האָט מ. מאַסינאַ זיך בּאַגעגנט מיט מיסטעריעזע מענער און פרויען, וועלכע האָבּן צו אים גערעדט סודותדיק. טייל האָבּן גערעדט צו אים אין רוסיש, אַנדערע אין פראַנצויזיש אָדער אין ענגליש. מ. מאַסינאַ האָט געקענט פיל שפּראַכן.

די יונגע סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך געמאַטערט צו בּאַשאַפן אָרדענונג פון אַט־דעם כאַאָס. אירע גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבּן זיינען געוואָרן נאָך מער קאָמפּליצירט דורך דער שטענדיקער געפאַר פון דער קאָנטער־רעוואָ־לוציע. „די בּורזשואַזיע, די לאַנד־בּאַזיצער און אַלע רייכע קלאַסן מאַכן אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך אונטערצוגראָבּן די רעוואָלוציע", האָט לענין געשריבּן. אויף לענינס רעקאָמענדאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע פאַר קאָנטער־סאַבּאָטאַזש און קאָנטער־שפּיאָנאַזש, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן: „אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע צו בּאַקעמפן קאָנטער־רעוואָלוציע און סאַבּאָטאַזש". אין רוסיש האָבּן אירע ראשי־תיבות צונויפגעשטעלט דאָס וואָרט „טשעקאַ".*)

---

*) אין 1922 האָט מען די טשעקאַ אָפּגעשאַפט און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען די אָגפּו (די ראשי-תיבות פון רוסישן נאָמען מיינען „פאַראייניקטע פּאָליטישע פאַר-וואַלטונג פון לאַנד"). אין 1934 איז די אָגפּו פאַרביטן געוואָרן פון דער נקווד, די אָפּטיילונג פאַר פאָלקס-זיכערקייט אונטער דעם קאָמיסאַריאַט פון אינערלעכע ענינים.

ווען די סאָוועטן־רעגירונג האָט אין זומער פון 1918, אויס מורא פאַר אַ דייטשער אַטאַקע, זיך איבערגעקליבן קיין מאָסקווע, האָט מ. מאַסינאַ זי נאָכ־געפאָלגט. אָבער אין מאָסקווע האָט דאָס אויסזען פון אָט־דעם אָנגענעמען, רייכן סוחר פון מזרח זיך שטאַרק געביטן. ער האָט געטראָגן אַ לעדערנע קורטקע און אַ שפּיציקע אַרבעטער־קעפּקע. ער האָט באַזוכט דעם קרעמעל. און ווען איינער פון די יונג־קאָמוניסטישע לעטישע גוואַרדייער, וועלכע מען האָט ספּעציעל אויסגעקליבן צו היטן די סאָוועטן־רעגירונג, האָט אים אָפּגעשטעלט ביים טויער, האָט דער מ. מאַסינאַ באַוויזן אַן אָפיציעלן סאָוועטישן דאָקו־מענט, אין וועלכן זיין נאָמען איז געווען אָנגעגעבן אַלס סידני געאָרגיעוויטש רעלינסקי — אַן אַגענט פון קרימינעלן אָפּטייל פון דער פּעטראָגראַדער טשעקאַ.

— לאָזט דורך דעם חבר רעלינסקי! — האָט דער לעטישער וועכטער אַ זאָג געטאָן.

אין אַ צווייטער געגנט פון מאָסקווע, אין דער רייכער וואוינונג פון דער פּאָפּולערער באַלעט־טענצערין דאַגמאַראַ ק., איז מ. מאַסינאַ, אָדער חבר רעלינסקי פון דער טשעקאַ, גאָר באַוואוסט געווען אַלס מאָנסיע קאָנסטאַנטין, אַן אַגענט פון דער בריטישער געהיימער דינסט.

אין דער בריטישער אַמבאַסאַדע האָט ברוס לאָקהאַרט געוואוסט זיין אמתן נאָמען: „סידני ראַילי, דער געהיימניספולער מאַן פון דער בריטישער גע־היימער דינסט, אויך באַקאַנט אַלס . . . דער מייסטער־שפּיאָן פון ענגלאַנד.“

2. סידני ראַילי

פון די אַלע אַוואַנטוריסטן, וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען פון דער פּאָ־ליטישער אונטערוועלט אין צאַרישן רוסלאַנד אין משך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנצופירן דעם גרויסן קרייץ־צוג קעגן באָלשעוויזם, איז קיינער ניט געווען קאַלירפולער און אויסערגעוויינלעכער ווי קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי פון דער בריטישער געהיים־דינסט. „אַ מאַן וואָס איז גע־קנאָטן געוואָרן אין נאַפּאָלעאָנישן פורעם!“ האָט זיך אויסגעדריקט ברוס לאָק־האַרט, וועמען ראַילי האָט אַריינגעשלעפּט אין איינער פון די געפערלעכסטע און פאַנטאַסטישסטע אונטערנעמונגען אין דער אייראָפּייאישער געשיכטע.

ווי אַזוי ראַילי איז תחילת אָנגעקומען אין דער ענגלישער געהיים־דינסט, איז איינער פון די פיל סודות, וועלכע רינגלען אַרום אָט־דעם געהיימען און מעכטיקן אַפּאַראַט. סידני ראַילי איז געבוירן געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד. דער זון פון אַן אירלענדישן שיף־קאַפּיטאַן און אַ רוסישער פרוי, איז ער

אויפגעוואַקסן אין אָדעסער פּאָרט אויפן שוואַרצן ים. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַן אַנגעשטעלטער אין דער גרויסער צאַרישער פלאָט־וואָפן פירמע פון מאַנדראָכאָוויטש און פירשט טשובערסקי אין סט. פּעטערבורג. און אַפילו דעמאָלט איז זיין אַרבעט געווען פון אַ זייער געהיימען כאַראַקטער. ער האָט געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן דער רוסישער פירמע און געוויסע דייטשע אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע אינטערעסן, איינגעשלאָסן די באַ־רימטע האַמבורגער שיף־בויערייי פון בלום און פאָס. באַלד פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האָבן געוויסע ווערטפולע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם דייטשן סובמאַרין־ און שיף־בוי אָנגעהויבן רעגלמעסיק גרייכן דער בריטי־שער אַדמיראַליטעט אין לאָנדאָן. דער קוואַל פון אָט־דער אינפאָרמאַציע איז געווען סידני ראַילי.

אין 1914 האָט סידני ראַילי זיך באַוויזן אין יאַפּאַן אַלס דער „צוטרוי־לעכער פאַרטרעטער" פון דער רוסיש־אַזיאַטישער באַנק. פון יאַפּאַן איז ער געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער האָט קאָנפערירט מיט אַמערי־קאַנער באַנקירן און אַמוניציע פאַבריקאַנטן. אין יענער צייט איז שוין סידני ראַילי אין די פּראָטאָקאָלן פון דער בריטישער געהיים־דינסט באַצייכנט געוואָרן אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען, 1־עסטי, און איז שוין געווען באַקאַנט אַלס אַ געוואַגטער און קלוגער געהיים־אַגענט.

אַ פּליסיקער שפּראַכן־קענער — ער האָט געקענט זיבן שפּראַכן — האָט מען ראַילין איינגיבן צוריקגערופן פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר וויכטיקער אַרבעט אין אייראָפּע. אין 1916 איז ער דורך דעם שווייצאַרישן פראָנט אַריבער קיין דייטשלאַנד. פאַזירנדיק אַלס אַ דייטשער פלאָטן־אָפיציר, האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין דער דייטשער אַדמיראַליטעט אַריין. ער האָט דערטאַפּט און אַריבערגעפירט צוריק קיין לאָנדאָן אַ קאָפּיע פון דעם אָפיציעלן שיפער פון דעם דייטשישן פלאָטן־שפּיאָנאַזש. דאָס איז אוודאי געווען דער גרעסטער אויפטו פון דער שפּיאָנאַזש־דינסט אין משך פון דער גאַנצער וועלט־מלחמה.

אָנהויב 1918 האָט מען קאַפּיטאַן ראַילין אַריבערגעשיקט קיין רוסלאַנד, אַלס דירעקטאָר פון די בריטישע געהיים־דינסט־טעטיקייטן דאָרט. זיינע מאַסן פערזענלעכע פריינט, ברייטע געשעפט־פאַרבינדונגען און נאָענטע באַקאַנט־שאַפט מיט די אינעווייניקסטע קרייזן פון דער רוסישער קאָנטער־רעוואָלוציע האָבן אים געמאַכט פאַרן פאַסיקסטן מאַן פאַר אָט־דער אַרבעט. זיין אַרבעט אין רוסלאַנד האָט אָבער אויך געהאַט אַ טיפע פערזענלעכע באַדייטונג פאַר אים. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ביטערער שנאה צו די באָלשעוויקעס און צו דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט גאַנץ פריי דערקלערט זיינע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע צילן:

„די דייטשן זיינען מענטשלעכע באַשעפענישן. מיר קאָנען זיך אַפילו דער־לויבן, אַז זיי זאָלן אונדז באַזיגן. דאָ, אין מאָסקווע, וואַקסט און צייטיקט זיך דער הויפּט־שונא פון דער מענטשלעכער ראַסע. אויב די ציוויליזאַציע וועט ניט מאַכן דעם ערשטן טריט צו פאַרניכטן אָט־די פּאַרזעעניש, כל־זמן עס איז נאָך פאַראַן צייט, וועט אָט־די פּאַרזעעניש סוף־כל־סוף בייקומען די ציוויליזאַציע.“

אין זיין באַריכט צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער בריטישער געהיים־דינסט אין לאָנדאָן האָט ראַילי כסדר פאָרגעשלאָגן צו שליסן אַ באַלדיקן שלום מיט דייטשלאַנד און אַ פאַרבאַנד מיטן קייזער קעגן דער באָלשעוויסטישער געפאַר.

„פאַר יעדן פּרייז“, האָט ער דערקלערט, „מוז אָט־די מיאוסע געמיינהייט, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, פאַרניכטעט ווערן. פרידן מיט דייטשלאַנד — יאָ, פרידן מיט דייטשלאַנד, פרידן מיט אַלעמען! עס איז פאַראַן בלויז איין־און־איינציקער שונא. די מענטשהייט מוז זיך פאַראייניקן אין אַ הייליקן בונד קעגן אָט־דעם פינצטערן טעראָר!“

גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין רוסלאַנד, האָט ראַילי זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען.

זיין אויסדריקלעכער ציל איז געווען אַרונטערצוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג.*)

3. געלט און מאָרד

די גרעסטע און שטאַרקסטע אַנטי־באָלשעוויסטישע פּאָליטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד אין יאָר 1918 איז געווען די פּאַרטיי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָט געפּריידיקט אַ מין אַגראַרן סאָציאַליזם. אָנגעפירט פון באָריס סאַווינקאָוון

---

*) אין דעם קאַפּיטל, ווי אויך אין אַנדערע פלעצער פון דעם בוך „די גרויסע פאַרשווערונג“, האָבן די מחברים זיך באַנוצט מיט דער קאָלירפולער געשיכטע פון קאַפּיטאַן סידני ראַילי, אַלס אַ סימבאָל פון די אַקטיוויטעטן פון דער מערבדיקער אַנטי־סאָוועטישער קאָאַליציע, וועלכע איז אין יענער צייט אָנגעפירט געוואָרן פון בריטישן טאָריאיזם און פון דער פראַנצויזישער רעאַקציע. און כאָטש די מיינונגען און האַנדלונגען, וואָס זיינען צוגעשריבן ראַילין, זיינען זיינע אייגענע, איז עס אָבער גאַנץ קלאָר, אַז ראַילי גופא האָט ניט געהאַט די מאַכט צו באַשאַפן די פּאָליטיק, נאָר איז צו יענער צייט און אויך שפּעטער געווען בלויז דער אַנטשלאָסנסטער און געוואַגטסטער אינסטרומענט פון דער אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערונג, וואָס איז געווען אָנגעפירט מחוץ רוסלאַנד.

-- קערענסקיס געוועזענער קריג־מיניסטער, וועלכער האָט געהאַט אָנטייל־גענומען אין דעם דורכגעפאַלענעם קאָרנילאָוו־„פּוטש" — איז די מיליטאַנטישע פּאַרטיי פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן געוואָרן דער מיטלפּונקט פון אַנטי־באָלשעוויסטישע געפילן. אירע עקסטרעמע מעטאָדן און פּראָפּאַגאַנדע האָבן צו־געצויגן די ברייטע אונטערשטיצונג פון פיל אַנאַרכיסטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד אין די יאָרן פון צאַרישער אונטערדריקונג. די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן שוין פון לאַנג געהאַט גענוצט טעראָר אַלס אַ קאַמף־מיטל קעגן צאַר. איצט האָבן זיי זיך געגרייט צו באַנוצן דאָס זעלביקע געווער קעגן די באָלשעוויקעס.

די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן באַקומען פינאַנציעלע הילף פון דער פראַנצויזישער שפּיאָנאַזש־דינסט. מיט די געלטער, וואָס דער פראַנצויזי־שער אַמבאַסאַדאָר נולענס האָט אים פּערזענלעך איבערגעגעבן, האָט באָריס סאַווינקאָוו צוריק איינגעשטעלט דעם אַלטן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן טע־ראָריסטישן צענטער אין מאָסקווע, אונטערן נאָמען „די ליגע פאַר רוסלאַנדס ווידערגעבורט". זיין ציל איז געווען צו פּלאַנירן די דערמאָרדונג פון לענינען און אַנדערע סאָוועטישע פירער. אויף סידני ראַילים רעקאָמענדאַציע, האָט די בריטישע געהיים־דינסט אויך אָנגעפאַנגען באַזאָרגן סאַווינקאָוון מיט געלט צו לערנען און באַוואָפענען זיינע טעראָריסטן.

אָבער ראַילי — אַ הייסער אָנהענגער פון צאַר — האָט ניט געטרויט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שאַפן אַ נייע רוסישע רעגירונג צו פאַרבייטן דעם סאָוועטן־רעזשים. אַ חוץ סאַווינקאָוון, וועמען ער האָט געטרויט, האָט ראַילי געפילט, אַז די לינקע סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערן שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפערלעך־ראַדיקאַלן כוח. עס איז געווען באַוואוסט, אַז אַ טייל פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיט דער באָלשעוויסטישער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט טראָצקין. ראַילי איז גרייט געווען אויס־צונוצן אָט־די מענטשן פאַר זיינע אייגענע צוועקן; ער איז אָבער אויך געווען אַנטשלאָסן אויסצוראָטן ראַדיקאַליזם אין רוסלאַנד. ער האָט געוואָלט אַ מילי־טערישע דיקטאַטור, אַלס דעם ערשטן טראָט צוריק אויפצושטעלן דעם צאַריזם. בעת ער האָט פאַרגעזעצט צו פינאַנסירן און דערמוטיקן די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן און אַנדערע ראַדיקאַלע אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס, האָט ער דעריבער אין דער זעלבער צייט פאַרזיכטיק געבויט אַן איי־גענעם פאַרשווערונג־אַפּאַראַט. אין זיינע זכרונות האָט ראַילי אַליין שפּעטער אויפגעדעקט ווי אַזוי דאָס האָט געאַרבעט:

עס איז געווען וויכטיק, אַז מיין רוסישע אָרגאַניזאַציע זאָל ניט

וויסן צופּיל, און אַז קיין טייל אירער זאָל ניט זיין אין אַ לאַגע צו קאָנען פאַרראַטן אַ צווייטע. דער פּלאַן איז דעריבער איינגעאָרדנט געוואָרן אויף דער „פינפער"־סיסטעם; אַזוי, אַז יעדער אָנטיילנעמער האָט געקענט בלויז פיר אַנדערע פּערזאָן. בלויז איך, זייענדיק דער שפּיץ־פּונקט פון דעם פּיראַמיד, האָב אַלעמען געקענט; ניט פּערזענלעך, נאָר ביים נאָמען און אַדרעס, און אָט־דער וויסן איז מיר שפּעטער זייער שטאַרק צונוץ געקומען. . . . אַזוי־אַרום, אויב עס וואָלט פאָרגעקומען אַ פאַרראַט, וואָלטן ניט אַלע אויפגעדעקט געוואָרן, און די אויפדעקונג וואָלט לאָקאַליזירט געוואָרן.

פאַרבינדנדיק זיך מיטן פאַרבאַנד פון צאַרישע אָפיצירן, מיט די רעשט־לעך פון דער אַלטער צאַרישער געהיים־פּאָליציי, דער פינצטערער אָכראַנקע, מיט סאַווינקאָווס טעראָריסטן און מיט ענלעכע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלע־מענטן, איז ראַיליס אַפּאַראַט זיך שנעל צעוואַקסן איבער מאָסקווע און פּעטראָ־גראַד. אייניקע פון ראַיליס פריינט און באַקאַנטע פון די צאַרישע צייטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן און זיינען פאַר אים געווען זייער ווערטפול. איינער פון די דאָזיקע פריינט איז געווען דער פירשט טשובערסקי — דער מאַגנאַט פון פלאָט־באַוואָפענונג, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט אָנגעשטעלט ראַילין אַלס פאַרמיטלער מיט דער דייטשער שיף־בויעריי; אַן אַנדערער איז געווען דער צאַרישער גענעראַל יודעניטש. נאָך אַנדערע: דער פּעטראָגראַדער קאָפּע־אייגנטימער סערגעי באַלקאָוו; די באַלעט־טענצערין דאַגמאַראַ, אין וועמעס וואוינונג ראַילי האָט איינגעשטעלט זיין מאָסקווער הויפּט־קוואַרטיר; גראַמאַטיקאָוו, אַ רייכער אַדוואָקאַט און געוועזענער פאַרבאָרגענער אַגענט פון דער אָכראַנקע, וועלכער איז איצט געוואָרן ראַיליס הויפּט־קאָנטאַקט מיט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרטיי; און ווענעסלאַוו אָרלאָווסקי, אַ צווייטער אַגענט פון דער אָכראַנקע, וועמען עס איז געלונגען צו ווערן אַ באַאַמטער פון דער טשעקאַ אין פּעטראָגראַד און פון וועמען ראַילי האָט באַקומען דעם געפעלשטן טשעקאַ־פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון סידני געאָרגיעוויטש רעלינסקי, וואָס האָט אים דערמעגלעכט פריי אַרומצורייזן איבער סאָוועט־רוסלאַנד.

אָט־די און אַנדערע אַגענטן, וועלכע זיינען אַפילו אַריינגעדרונגען אין קרעמל אַריין און אין גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי, האָבן גע־האַלטן ראַילין אינפאָרמירט וועגן יעדער טעטיקייט פון דער סאָוועטן־רעגירונג. דער בריטישער שפּיאָן האָט זיך געקאָנט באַרימען, אַז אַפילו פאַרזיגלטע באַ־פעלן פון דער רויטער אַרמיי „ווערן פריער געלייענט אין לאָנדאָן איידער זיי ווערן געעפנט אין מאָסקווע".

גרויסע געלט־סומעס, וואָס האָבן באַטראָפן עטלעכע מיליאָן רובל, צו פינאַנסירן ראַיליס אָפּעראַציעס, זיינען געווען באַהאַלטן אין דער מאָסקווער וואוינונג פון דער באַלעט־טענצערין דאַגמאַראַ. אָט־די פאָנדן האָט ראַילי גענומען פון דער קאַסע פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע. ברוס לאָקהאַרט האָט דאָס געלט געזאַמלט און דאָס איבערגעגעבן צו ראַילין דורך קאַפּיטאַן היקס פון דער בריטישער געהיים־דינסט. לאָקהאַרט, וועמען ראַילי האָט אַריינ־געשלעפּט אין געשעפט, האָט מיט אַ צייט שפּעטער אויפגעדעקט אין זיין „בריטישער אַגענט“ ווי אַזוי דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרן:

עס זיינען געווען פיל רוסן מיט געהיימע פּעק רובלס. זיי זיינען געווען מער ווי צופרידן זיי איבערצוגעבן אַלס אויסטויש פאַר אַ וועקסל אויף לאָנדאָן. כדי צו פאַרמיידן יעדן מין פאַרדאַכט, האָבן מיר געזאַמלט די רובלס דורך אַן ענגלישער פירמע אין מאָסקווע. זי האָט געהאַנדלט מיט די רוסן, איינגעשטעלט די ראַטעס פון אויסטויש און אַרויסגעגעבן די וועקסלען. אין יעדער טראַנסאַקציע האָבן מיר צוגעשטעלט דער ענגלישער פירמע אַן אָפיציעלע פאַרזיכערונג, אַז זי איז גוטשטייענדיק פאַר דער סומע אין לאָנדאָן. די רובלס האָט מען דאַן געבראַכט צום אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסול און איבערגעגעבן צו היקסן, וועלכער האָט זיי שוין איבערגעגעבן אין דעם געהעריקן פּלאַץ.

צום סוף, ניט דורכלאָזנדיק קיין איינצלהייטן, האָט דער בריטישער שפּיאָן אַפילו אָנגעצייכנט אַ גענויעם פּלאַן פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט געזאָלט איבערנעמען די מאַכט אַזוי גיך ווי מען וועט אַרונטערוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. ראַיליס פּערזענלעכע פריינט האָבן געזאָלט שפּילן די וויכטיקסטע ראָלן אין אָט־דעם נייעם רעזשים:

מען האָט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען פאַר אַ צייטווייליקער רעגי־רונג. מיין גרויסער פריינט און פאַרבינדעטער, גראַמאַטיקאָוו, האָט געזאָלט ווערן דער אינערן־מיניסטער, האָבנדיק אונטער זיין השגחה אַלע ענינים פון פּאָליציי און פינאַנסן. טשובערסקי, אַן אַלטער פריינט און געשעפט־שותף מיינער, וועלכער איז געוואָרן דער הויפּט פון איינער פון די גרעסטע האַנדל־הייזער אין רוסלאַנד, האָט געזאָלט ווערן דער מיניסטער פון קאָמוניקאַציע. יודעניטש, טשובערסקי און גראַמאַטיקאָוו האָבן געזאָלט פאָרשטעלן מיט זיך אַ צייטווייליקע רעגירונג כדי אונטערצודריקן די אַנאַרכיע, וואָס וואָלט כמעט אומפאַרמיידלעך גע־קומען נאָך אַזאַ איבערקערעניש.

דער ערשטער קלאַפּ פון דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע איז געקומען פון סאָווינקאָווס טעראָריסטן.

דעם 21טן יוני, 1918, בעת ער האָט פאַרלאָזן אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין דער אָבוכאָווער פאַבריק אין פּעטראָגראַד, איז דער סאָוועטישער קאָמיסאַר פאַר פּרעסע־ענינים, וואָלאָדאַרסקי, דערמאָרדעט געוואָרן פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן טעראָריסט. אין צוויי וואָכן אַרום, דעם 6טן יולי, איז דער אַטענטאַט נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט אַ צווייטן מאָרד, פונעם דייטשן אַמבאַ־סאַדאָר מירבאַך אין מאָסקווע. דער ציל פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן איז געווען אָנצוואוארפן אַ שרעק אויף די באָלשעוויסטישע רייען און אין דער זעלבער צייט פאַראורזאַכן אַ דייטשע אַטאַקע, וואָס, לויט זייער מיינונג, וועט זי ברענגען אַ סוף צום באָלשעוויזם.*)

דעם טאָג, ווען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר איז דערמאָרדעט געוואָרן, האָט זיך דער פינפטער אַלרוסישער קאָנגרעס פון די סאָוועטן פאַרזאַמלט אין מאָסק־ווער אָפּערע־הויז. אַליאירטע באַאַמטער זיינען געזעסן אין די באַגילדעטע לאָזשעס און זיך איינגעהערט צו די רעדעס פון די סאָוועטישע דעלעגאַטן. עס האָט זיך געפילט אַ מין אָנגעצויגענע שטימונג אַרום די פאַרהאַנדלונגען. ברוס לאָקהאַרט, זיצנדיק אין אַ לאָזשע מיט אַ צאָל אַנדערע אַליאירטע אַגענטן און דיפּלאָמאַטן, האָט געוואוסט, אַז עפּעס זייער וויכטיקס האָט פּאַסירט, ווען ער האָט געזען סידני ראַילין אַריינקומען. דער בריטישער שפּיאָן האָט אויסגעזען בלאַס און צערודערט. אין געאייל האָט ער לאָקהאַרטן דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען.

דער שאָס, וואָס האָט דערמאָרדעט מירבאַכן, האָט געזאָלט דינען אַלס אַ סיגנאַל פאַר אַן אַלגעמיינעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד איבערן גאַנצן לאַנד, געשטיצט פון אומצופרידענע באָלשעוויסטישע עלעמענטן. באַ־וואָפנטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן געזאָלט באַפאַלן דאָס אָפּערע־הויז און אַרעסטירן די סאָוועטישע דעלעגאַטן. אָבער עפּעס איז קאַליע געוואָרן. דאָס

*) מירבאַכס מערדער איז געווען אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער מיטן נאָמען בלומ-קין. ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, ווייל ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַן אָפיציר פון דער טשעקאַ, וועלכער איז גע-קומען וואָרענען מירבאַכן וועגן אַ פאַרשווערונג אויף זיין לעבן. דער דייטשער אַמ-באַסאַדאָר האָט בלומקינען געפרעגט, ווי אַזוי די מערדער קלייבן זיך דאָס צו טאָן. „אָט ווי אַזוי!” האָט בלומקין אויסגערופן. ער האָט געטאָן אַ ציִ אַרויס אַ רע-וואָלווער און אויסגעשאָסן אין אַמבאַסאַדאָר. בלומקין איז אַנטלאָפן, אַרויסשפּרינגענ-דיק דורכן פענצטער און איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ וואַרטנדיקן אויטאָמאָביל. שפּעטער איז דער מערדער בלומקין געוואָרן טראָצקיס פערזענלעכער לייב-וועכטער. זע זייט 225.

אָפּערע־הויז איז איצט געווען אַרומגערינגלט פון רויט־אַרמייאישע סאָלדאַטן. עס האָבן זיך אַפילו געהערט שיסערייען אויף די גאַסן, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט געהאַט די סיטואַציע ביי זיך אין די הענט.

בעת ראַילי האָט גערעדט, האָט ער דורכגעקוקט זיינע קעשענעס, זוכנדיק קאָמפּראָמענטירנדיקע דאָקומענטן. ער האָט געפונען איינעם, אים צעריסן אויף פּיצלעך און אַרונטערגעשלונגען. אַ פראַנצויזישער געהיים־אַגענט, וועלכער איז געזעסן לעבן לאָקהאַרטן, האָט געטאָן דאָס זעלביקע.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך אויפגעשטעלט אַ רעדנער אויף דער בינע פונעם אָפּערע־הויז און געמאָלדן, אַז אַן אַנטי־סאָוועטישער „פּוטש", וואָס האָט געצילט אַרונטערצואוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג מיט גוואַלד, איז שנעל אונטערדריקט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי און דער טשעקאַ. קיין אונטער־שטיצונג מצד דעם פאָלק האָבן די „פּוטשיסטן" לחלוטין ניט געהאַט. אַ צאָל סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן, באַוואָפנט מיט באָמבעס, ביקסן און מאַשין־ביקסן, האָט מען פאַרנומען און אַרעסטירט. פיל פון זיי זיינען גע־הרגעט געוואָרן. זייערע אָנפירער זיינען אָדער טויט, אָדער באַהאַלטן צי אַנטלאָפן.

די אַליאירטע פאַרשטייער אינעם אָפּערע־הויז האָט מען געלאָזט וויסן, אַז זיי קאָנען שוין רואיק זיך אומקערן צו זייערע אַמבאַסאַדעס. די גאַסן זיינען זיכער.

שפּעטער איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אַן אויפשטאַנד אין יאַראָסלאַוו, וואָס האָט זיך געזאָלט צונויפפאַלן מיט דעם מאָסקווער „פּוטש", איז אויך אונטער־דריקט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. דער פירער פון די סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערן, באָריס סאַווינקאָוו, וועלכער האָט פּערזענלעך אָנגעפירט מיטן יאַראָסלאַווער אויפשטאַנד, האָט קוים אויסגעמיטן פאַרכאַפּט צו ווערן פון די סאָוועטישע סאָלדאַטן.

ראַילי איז געווען פאַרביטערט, בייז און אַנטוישט. די סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן האָבן געהאַנדלט מיט כאַראַקטעריסטישן אומגעדולד און טיפּשות! פונדעסטוועגן, האָט ער דערקלערט, איז זייער הויפּט־געדאַנק אָנצוהויבן אַן אויפשטאַנד אין דעם מאָמענט, ווען די מערסטע סאָוועטישע פירער זיינען פאַר־זאַמלט אין איין פּלאַץ, באַזוכנדיק אַ קאָנגרעס אָדער אַ צוזאַמענפאָר, גאָרניט אַזוי קרום. דער געדאַנק צו פאַרכאַפּן אַלע הויפּט־באָלשעוויקעס מיט איין לאַפּע, האָט שטאַרק אָנגערעגט ראַיליס נאַפּאָלעאָנישע פאַנטאַזיע.

ער האָט ערנסט גענומען טראַכטן וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן.

4. די לעטישע אינטריגע

אין משך פון שטורעמדיקן אויגוסט 1918 האָבן די געהיימע פּלענער פון אַליאירטער אינטערווענציע אין רוסלאַנד אַרויסגעשפּראָצט אין דער עפנטלעכקייט. דעם 2טן אויגוסט האָט ענגליש מיליטער אָראַפּגעשטיגן פון שיפן אין אַרכאַנגעלסק מיט דעם אויסרייד, אַז זייער צוועק איז צו פאַרמיידן אַז „קריג־מאַטעריאַלן זאָלן אַריינפאַלן אין דייטשע הענט אַריין". דעם 4טן אויגוסט האָבן ענגלענדער פאַרכאַפּט דעם באַקו אויל־צענטער אין קאַווקאַז. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן בריטישע און פראַנצויזישע אָפּטיילונגען אַראָפּגעשטיגן אין וולאַדיוואָסטאָק. דעם 12טן אויגוסט האָט אַ יאַפּאַנעזישע דיוויזיע זיי נאָכגעפאָלגט, און דעם 15טן און 16טן — צוויי אַמעריקאַנער רעגימענטן, וועלכע מען האָט לעצטנס אַריבערגעפירט פון די פיליפּינען.

גרויסע טיילן פון סיביר זיינען שוין געווען אין די הענט פון אַנטי־סאָוועטישע קרעפטן. אין אוקראַינע האָט דער צאַרישער גענעראַל קראַסנאָוו, געשטיצט פון די דייטשן, געלאָזט אין גאַנג אַ בלוטיקע אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע. אין קיעוו האָט דער דייטשער מאַריאָנעט, העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, אָנגעהויבן אַ מאַסן־שחיטה פון אידן און קאָמוניסטן.

פון צפון, דרום, מזרח און מערב האָבן די שונאים פון דעם נייעם רוסלאַנד זיך געגרייט צוזאַמען אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף מאָסקווע.

די עטלעכע פאַרבליבענע אַליאירטע פאַרטרעטער אין מאָסקווע האָבן אָנגעפאַנגען צו מאַכן צוגרייטונגען אָוועקצופאָרן. זיי האָבן דער סאָוועטן־רעגירונג ניט געלאָזט וויסן וועגן דעם. ווי ברוס לאָקהאַרט האָט שפּעטער געשריבן אין זיין „בריטישער אַגענט": „דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע סיטואַציע. קיינער האָט ניט דערלאַנגט קיין מלחמה־דערקלערונג, דאָך איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט אויף אַ פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער דווינע ביז קאַווקאַז." און ער גיט צו: „איך האָב געהאַט עטלעכע שמועסן מיט ראַדילין, וועלכער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין מאָסקווע נאָך אונדזער אַוועקפאָר."

דעם 15טן אויגוסט — דער טאָג ווען די אַמעריקאַנער האָבן אָפּגעשטיגן אין וולאַדיוואָסטאָק — האָט ברוס לאָקהאַרט געהאַט אַ באַזוכער. די סצענע האָט לאָקהאַרט שפּעטער באַשריבן אין זיינע זכרונות. ער האָט דאַן געהאַלטן אין עסן ביי זיך אין וואוינונג, לעבן דער בריטישער אַמבאַסאַדע, ווען דאָס גלעקל האָט געקלונגען און זיין באַדינער האָט געמאַלדן, אַז „צוויי לעטישע דזשענטלמען" ווילן אים זען. איינער איז געווען אַ קורצער, בלייך־פּנימדיקער יונגערמאַן מיטן נאָמען סמידהען. דער אַנדערער — אַ הויכער, קרעפטיק־געבויטער מאַן מיט קלאָר־געשניטענע שטריכן און מיט האַרטע, שטאָליקע אויגן

— האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס „קוירנעל״ בערזין, דער קאָמאַנדיר פון דער לעטישער קרעמעל־גוואַרדיע.

די באַזוכער האָבן לאָקהאַרטן געבראַכט אַ בריוו פון קאַפּיטאַן קראָמיע, דער בריטישער פלאָטן־אַטאַשע אין פּעטראָגראַד, וועלכער איז געווען שטאַרק טעטיק אין אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען. „תמיד וואַכזאַם קעגן אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן״, פאַרצייכנט לאָקהאַרט, „האָב איך דעם בריוו פאָרזיכטיק דורכגעפאָרשט. ער איז, אָן שום ספק, געווען פון קראָמיע.״ לאָקהאַרט האָט געפרעגט זיינע באַזוכער וואָס זיי ווילן.

קוירנעל בערזין, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס קאָמאַנדיר פון דער קרעמל־גוואַרדיע, האָט לאָקהאַרטן אינפאָרמירט, אַז כאָטש די לאַטישן האָבן געשטיצט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וועלן זיי אָבער ניט קעמפן קעגן די בריטישע כוחות אונטער גענעראַל פּול, וועלכע האָבן לעצטנס גע־לאַנדעט אין אַרכאַנגעלסק. זיי זיינען גרייט געווען צו פאַרהאַנדלען מיטן בריטישן אַגענט.

איידער לאָקהאַרט האָט זיי געענטפערט, האָט ער וועגן דעם געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם פראַנצויזישן גענעראַל־קאָנסול, מ. גרענאַרד, וועלכער — ווי לאָקהאַרט פאַרצייכנט — האָט אים געעצהט צו פאַרהאַנדלען מיט קוירנעל בערזין, אָבער „אויסצומיידן וועלכע עס איז קאָמפּראָמעטירנדיקע שטעלונג״. צומאָרגנס האָט לאָקהאַרט ווידער געזען דעם קוירנעל בערזין און אים געגעבן אַ צעטעלע, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „איך בעט דורכצולאָזן דורך די ענגלישע ליניעס דעם איבערגעבער, וועלכער האָט אַ וויכטיקע מעלדונג פאַר גענעראַל פּול.״ און דערנאָך האָט לאָקהאַרט געשטעלט דעם קוירנעל בערזין אין פאַרבינדונג מיט סידני ראַיילין.

„צוויי טעג שפּעטער״, פאַרצייכנט לאָקהאַרט, „האָט ראַילי באַריכטעט, אַז זיינע פאַרהאַנדלונגען ווערן גלאַטיק פאָרגעזעצט און אַז די לאַטישן האָבן ניט קיין שום אַבזיכט פאַרמישט צו ווערן אין דעם פאַנאַנדערפאַל פון די באָלשע־וויקעס. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז נאָך אונדזער אָפּפאָר וועט ער אפשר קאָנען, מיט דער הילף פון די לאַטישן, דורכפירן אַ קאָנטער־רעוואָלוציע אין מאָסקווע.״

סוף אויגוסט 1918 האָט אַ קליינע גרופּע אַליאירטע פאַרטרעטער זיך פאַר־זאַמלט אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ אין אַ צימער פון דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסולאַט אין מאָסקווע. זיי האָבן אויסגעקליבן דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסולאַט דערפאַר, ווייל אַלע אַנדערע אויסלענדישע צענטערן האָבן זיך געפונען אונטער שאַרפער סאָוועטישער אויפזיכט. ניט געקוקט אויף די אַמעריקאַנישע לאַנדונגען אין סיביר, האָט די סאָוועטן־רעגירונג נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן. פּלאַקאַטן,

וואָס האָבן פאַרגעשטעלט וואודראָו ווילסאָנס פערצן פונקטן, זיינען פראָמינענט אויסגעקלעפּט געוואָרן איבער גאַנץ מאָסקווע. די „איזוועסטיאַ“ האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געזאָגט, אַז „בלויז די אַמעריקאַנער ווייסן ווי צו באַהאַנדלען אָרנטלעך די באָלשעוויקעס“. די ירושה פון רעימאָנד ראבינסעס מיסיע איז ניט אינגאַנצן געווען אַרויסגעוואָרפן.

די פאַרזאַמלונג אין דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסולאַט איז געווען אָנגעפירט פונעם פראַנצויזישן קאָנסול גרענאַרד. די ענגלענדער זיינען געווען פאַרטראָטן דורך ראַילין און דורך קאַפּיטאַן דזשאָרדזש היל, אַ בריטישער שפּיאָנאַזש־אָפיציר, וועמען מען האָט געשיקט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט ראַילין. עס זיינען בייגעווען אַ צאָל אַנדערע אַליאירטע דיפּלאָמאַטישע און געהיים־דינסט אַגענטן, איינגעשלאָסן רענעי מאַרשאַן, אַ פראַנצויזישער זשורנאַליסט און מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּאַריזער „פיגאַראָ“.

סידני ראַילי האָט צונויפגערופן די פאַרזאַמלונג, לויט זיין אייגענעם באַריכט אין זיינע זכרונות, צו מעלדן וועגן דעם דערפאָלג פון זיינע אַנטי־סאָוועטישע באַמיאונגען. ער האָט אינפאָרמירט די אַליאירטע פאַרטרעטער, אַז ער האָט „אונטערגעקויפט קוירנעל בערזין, דעם קאָמאַנדיר פון דער קרעמעל־וואַך“. דעם קוירנעלס פּרייז איז געווען „צוויי מיליאָן רובל“. אַן אַדערויף פון 500,000 רובל אין רוסיש געלט האָט שוין ראַילי איבערגעגעבן דעם קוירנעל בערזין; דאָס איבעריקע האָט געדאַרפט אויסגעצאָלט ווערן אין ענגלישע פונטן, נאָכדעם ווי קוירנעל בערזין וועט שוין האָבן אָפּגעטאָן געוויסע אַרבעטן און וועט שוין האָבן אַנטלאָפן צו די בריטישע ליניעס אין אַרכאַנגעלסק.

„אונדזער אָרגאַניזאַציע איז איצט אומגעהויער שטאַרק“, האָט ראַילי דערקלערט. „די לאַטישן זיינען אויף אונדזער זייט און דאָס פאָלק וועט זיין מיט אונדז אַזוי שנעל ווי דער ערשטער קלאַפּ וועט דערלאַנגט ווערן!“

ראַילי האָט דאַן געמאָלדן, אַז אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פונעם באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 28טן אויגוסט אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער. דאָס וועט צוזאַמענברענגען אין איין געביידע אַלע הויפּט־פירער פון סאָוועטן־לאַנד. ראַילים פּלאַן איז געווען דרייסט, אָבער אויך גאַנץ איינפאַך.

אין לויף פון זייערע רעגולערע פליכטן, וועט מען די לעטישע גוואַרדייער צעשטעלן ביי אַלע אַריינגאַנגען און אַרויסגאַנגען פונעם טעאַטער במשך דער באָלשעוויסטישער פאַרזאַמלונג. קוירנעל בערזין וועט צוליב דעם אויסקלייבן מענטשן, וועלכע זיינען „אַבסאָלוט געטריי און איבערגעגעבן צו אונדזער ציל“. לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל וועלן בערזינס גוואַרדייער פאַרמאַכן די טירן און אָנשטעלן די ביקסן אויף די מענטשן אינעם טעאַטער. דאַן וועט אַ „ספּעציעלע

אָפּטיילונג", וואָס וועט באַשטיין פון ראַילין גופא און פון זיין „אינערלעכן קרייז פאַרשווערער", אַ שפּרונג טאָן אויף דער בינע און אַרעסטירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי!

לעניגען און די אַנדערע סאָוועטישע פירער וועט מען דערשיסן. אָבער פאַר דער דערשיסונג וועט מען זיי עפּנטלעך דורכפירן דורך די מאָסקווער גאַסן, „כדי יעדער איינער זאָל וויסן, אַז די טיראַנען פון רוסלאַנד זיינען געפאַנגען!"

ווען לענין מיט זיינע געהילפן וועלן אָפּגעראַמט ווערן פון וועג, וועט דער סאָוועטן־רעזשים זיך פאַנאַנדערפאַלן ווי אַ קאַרטן־שטיבל. עס געפינען זיך „60,000 אָפיצירן" אין מאָסקווע, האָט ראַילי געזאָגט, „וואָס זיינען גרייט זיך צו מאָביליזירן אַזוי גיך ווי מען וועט געבן דעם צייכן", און אָרגאַניזירן אַן אַרמיי, וואָס זאָל אַטאַקירן די שטאָט, בעת די אַליאירטע קרעפטן וועלן אַטאַקירן פון דרויסן. דער וואָס וועט אָנפירן מיט אָט־דער געהיימער אַנטי־סאָוועטישער אַרמיי, איז דער „זייער באַוואוסטער צאַרישער אָפיציר, גענעראַל יודעניטש". אַ צווייטע אַרמיי, אונטער „גענעראַל" סאַווינקאָוו, וועט זיך צונויפזאַמלען אין צפון־רוסלאַנד און „די רעשטן פון די באָלשעוויקעס וועלן צעריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון אויבן און פון אונטן".

דאָס איז געווען ראַיליס פּלאַן. סיי די בריטישע און סיי די פראַנצויזישע שפּיאָנאַזש־דינסט אַגענטן האָבן אים אונטערשטיצט. די בריטישע זיינען געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט גענעראַל יודעניטשן און האָבן זיך געגרייט אים צו באַזאָרגן מיט געווער און אויסשטאַטונג. די פראַנצויזן האָבן געשטיצט סאַווינקאָוון.

מען האָט די אַליאירטע פאַרטרעטער, וועלכע זיינען געווען פאַרזאַמלט אין דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסולאַט, דערקלערט וואָס זיי קאָנען טאָן צו העלפן אין דער פאַרשווערונג דורך שפּיאָנאַזש, פּראָפּאַגאַנדע און דורך איינ־אָרדענען די אויפרייסונג פון וויכטיקע אייזנבאַן־בריקן אַרום מאָסקווע און פּעטראָגראַד, כדי אָפּצושניידן די סאָוועטן־רעגירונג פון וועלכער־עס־איז הילף, וואָס די רויטע אַרמיי וועט אוודאי פּרוּוון ברענגען פון אַנדערע געגנטן איבעם לאַנד.

בעת דער טאָג פון געפּלאַנטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט זיך דערנעענ־טערט, האָט ראַילי זיך רעגלמעסיק געטראָפן מיט קוירנעל בערזין, פאַרזיכטיק אויסגעאַרבעט יעדע לעצטע איינצלהייט פון דעם פּלאַן און געמאַכט צו־גרייטונגען פאַר יעדן מעגלעכן נויט־פאַל. זיי האָבן געהאַלטן אין אַנוואַרפן די ענדגילטיקע פּלענער, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די פאַרזאַמלונג פונעם באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט איז אָפּגעלייגט געוואָרן פון 28טן

אויגוסט אויף דעם 6טן סעפּטעמבער. „דאָס אַרט מיך ניט", האָט ראַילי געזאָגט צו בערזינען, „עס גיט מיר מער צייט צו מאַכן מיינע ענדגילטיקע צו־גרייטונגען." ראַילי האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין פּעטראָגראַד, כדי דאָרטן צו מאַכן אַ לעצטן איבערזיכט איבער זיין אַפּאַראַט.

עטלעכע נעכט שפּעטער, פאָרנדיק מיט דער באַן אויף זיין פאַלשן פּאַס־פּאָרט, וואָס האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס סידני געאָרגיעוויטש רעלינסקי, אַן אַגענט פון דער טשעקאַ, האָט ראַילי פאַרלאָזן מאָסקווע אויפן וועג קיין פּעטראָגראַד.

5. דער סוף פון סידני ראַילין

אין פּעטראָגראַד איז ראַילי גלייך אַוועק אין דער בריטישער אַמבאַסאַדע, כדי צו באַריכטן צום בריטישן פלאָטן־אַטאַשע, קאַפּיטאַן קראָמיע. ראַילי האָט אויף שנעל אָנגעצייכנט דעם צושטאַנד אין מאָסקווע און קלאָר געמאַכט זיין פּלאַן פאַרן אויפשטאַנד. „מאָסקווע איז אין אונדזערע הענט!" האָט ער געזאָגט. קראָמיע איז געווען באַגייסטערט. ראַילי האָט פאַרשפּראָכן אָנצו־שרייבן אַ פולן באַריכט, וואָס זאָל אין געהיים אַריבערגעשיקט ווערן קיין לאָנדאָן.

אויפן צווייטן טאָג האָט ראַילי אָנגעפאַנגען זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פירער פון זיין פּעטראָגראַדער אַפּאַראַט. מיטאָג־צייט האָט ער טעלע־פאָנירט דעם געוועזענעם אָכראַנקע־אַגענט, גראַמאַטיקאָוו.

גראַמאַטיקאָווס שטימע האָט געקלונגען הייזעריק און אומנאַטירלעך:

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס בין איך, רעלינסקי, — האָט ראַילי געענטפערט.

— ווער? — האָט גראַמאַטיקאָוו איבערגעפרעגט.

ראַילי האָט איבערגעחזרט זיין פּסעוודאָנים.

— איך האָב דאָ ביי זיך עמעצן, וואָס האָט געבראַכט שלעכטע נייעס, — האָט גראַמאַטיקאָוו אָפּגעהאַקט אַ זאַג געטאָן. — די דאָקטוירים האָבן אָפּערירט צו־פּרי. דער צושטאַנד פון פּאַציענט איז אַן ערנסטער. קומט שוין אַריבער, אויב איר ווילט מיך זען.

ראַילי איז אויף גיך אַוועק אין גראַמאַטיקאָווס הויז. ער האָט געטראָפן גראַמאַטיקאָוון פיבעריש אויסליידיקנדיק זיינע שופלאָדן און פאַרברענענדיק פּאַפּירן אין אויוון.

— די טיפּשים האָבן אָנגעהויבן צו־פּרי! — האָט גראַמאַטיקאָוו אַ זאָג

געטאָן אַזוי גיך ווי ראַילי איז אַריין אין צימער. — אוריצקי איז טויט, דער־מאָרדעט אין זיין ביוראָ הײַנט עלף אַזייגער אינדערפרי!

בעת ער האָט גערעדט, איז גראַמאַטיקאָוו אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט פון צערייסן פּאַפּירן און פאַרברענען די שטיקלעך. „אונדזער זיין דאָ איז זייער געפערלעך. איך בין, פאַרשטייט זיך, שוין אונטער פאַרדאַכט. אויב עפּעס וואָס ווען אויפגעדעקט ווערן, וועט דאָס קודם־כל זיין אייער און מיין באַמען.״

אָפּרופנדיק דעם קאַפּיטאַן קראָמיע אין דער בריטישער אַמבאַסאַדע, האָט ראַילי געהערט, אַז יענער ווייסט שוין וועגן דעם מאָרד. אוריצקי, דער הויפּט פון דער פּעטראָגראַדער טשעקאַ, איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן טעראָריסט. אַלץ איז אָבער געווען אין אָרדענונג אויף קראָמיעס זייט. ראַילי האָט דאַן פאַרזיכטיק פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען אין זייער „געוויינלעכן ראַנדעוואו־פּלאַץ״. קראָמיע האָט פאַרשטאַנען. דאָס „געוויינלעכע ראַנדעוואו־פּלאַץ״ האָט געמיינט באַלקאַווס קאַפע.

אין דער צווישן־צייט האָט ראַילי פאַרניכטעט פאַרשיידענע אומנויטיקע און קאָמפּראָמענטירנדיקע דאָקומענטן און פאַרזיכטיק באַהאַלטן זיינע שיפערן און אַנדערע פּאַפּירן.

קראָמיע איז אין קאַפע ניט געקומען. ראַילי האָט דאַן באַשלאָסן צו ריזיקירן און אַליין גיין אין דער אַמבאַסאַדע. איידער ער האָט פאַרלאָזן, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו באַלקאָוון אַ וואָרנונג: „עפּעס האָט אוודאי געמוזט גיין ניט ווי געהעריק. זייט גרייט צו פאַרלאָזן פּעטראָגראַד און זיך אַריבערצוכאַפּן דורכן פראָנט קיין פינלאַנד. . . .״

אויפן וולאַדימיראָווסקע פּראָספּעקט האָט ראַילי געזען מענער און פרויען לויפן. זיי זיינען אַריין אין טויערן און אין זייטיקע גאַסן. עס האָט זיך געהערט דער געזשום פון קרעפּטיקע מאָטאָרן. אַן אויטאָמאָביל, אָנגעפּאַקט מיט רויט־אַרמייער, האָט פאַרבייגעשאָסן. דאַן איז דורך נאָך איינער און נאָך איינער.

ראַילי איז שנעלער געגאַנגען. ער איז שוין כמעט געלאָפן בעת ער האָט זיך פאַרקירעוועט ביים ראָג, אין דער גאַס אַריין וואו די בריטישע אַמבאַסאַדע האָט זיך געפונען. ער האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ שטעל אָפּ. פון פאָרנט פון דער אַמבאַסאַדע זיינען געלעגן עטלעכע קערפּערס. דאָס זיינען געווען טויטע סאָוועטישע פּאָליציי־באַאַמטע. פיר אויטאָמאָבילן זיינען געשטאַנען אַנטקעגן דער אַמבאַסאַדע און אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געשטאַנען אַ טאָפּלטער צוים פון רויט־אַרמייער. די טירן פון דער אַמבאַסאַדע זיינען געווען אַרונטער־געשמעטערט פון זייערע זאַוויעסעס.

— וואָס־זשע, חבר רעלינסקי, איר זייט אַהערגעקומען זען אונדזער קאַרניוואַל?

ראַילי האָט זיך געטאָן אַ דריי־אויס און דערזען אַ יונגן, שמייכלענדיקן רויט־אַרמייער, וועמען ער האָט שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט אַלס חבר רע־לינסקי פון דער טשעקאַ. „זאָגט מיר, חבר, וואָס האָט געטראָפן?“ האָט ראַילי שנעל אַ פרעג געטאָן.

— אַ, די טשעקאַ זוכט איינעם מיטן נאָמען סידני ראַילי, — האָט דער סאָלדאַט אָפּגעענטפערט.

שפּעטער האָט ראַילי זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט. באַלד נאָך אוריצקיס מאָרד האָט די פּעטראָגראַדער רעגירונג געשיקט טשעקאַ־אַגענטן צו פאַרשליסן די בריטישע אַמבאַסאַדע. אין דער געביידע האָבן מיטגלידער פון דעם אַמבאַסאַדע־שטאַב, אָנגעפירט פון קאַפּיטאַן קראָמיע, געהאַלטן אין פאַר־ברענען קאָמפּראָמענטירנדיקע פּאַפּירן. קאַפּיטאַן קראָמיע איז אַרונטערגעלאָפן פון די טרעפּ און פאַרהאַקט די טיר אין פּנים פון די סאָוועטישע געהיים־פּאָליציסטן. זיי האָבן אַרונטערגעבראָכן די טיר און דער פאַרצווייפלטער בריטישער אַגענט האָט זיי באַגעגנט אויף די טרעפּ מיט אַן אויטאָמאַטישן בראַונינג אין יעדער האַנט. קראָמיע האָט אויסגעשאָסן און דערמאָרדעט אַ קאָמיסאַר און עטלעכע אַנדערע באַאַמטע. די טשעקאַ־אַגענטן האָבן צוריק־געשאָסן. קאַפּיטאַן קראָמיע איז געפאַלן, מיט אַ קויל דורכגעשאָסן דורך זיין קאָפּ.

ראַילי האָט שוין די נאַכט פאַרבראַכט אין הויז פון אַ סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן טעראָריסט מיטן נאָמען סערגעי דאַרנאָסקי. אינדערפרי האָט ער דאַרנאָסקין אַרויסגעשיקט אין גאַס ער זאָל אויסגעפינען וואָס עס הערט זיך. דאַרנאָסקי איז צוריקגעקומען מיט אַן עקזעמפּליאַר פון דער אָפיציעלער קאָמו־ניסטישער צייטונג „פּראַוודאַ“. „בלוט וועט זיך גיסן איבער די גאַסן“, האָט ער געזאָגט, „עמעצער האָט געשאָסן אויף לענינען אין מאָסקווע. צום באַ־דויערן, ניט געטראָפן!“ ער האָט איבערגעגעבן די צייטונג ראַילין. אַ שרייענ־דיקער קאָפּ האָט דערציילט וועגן דעם פאַרזוך אויף לענינס לעבן.

דעם פריערדיקן אָוונט, בעת לענין האָט פאַרלאָזן די מיכלסאָן־פאַבריק, וואו ער האָט גערעדט ביי אַ פאַרזאַמלונג, האָט אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טע־ראָריסטקע מיטן נאָמען פאַניאַ קאַפּלאַן אַריינגעשאָסן צוויי קוילן גלייך־געצילט אינעם סאָוועטישן פירער. די קוילן זיינען געווען געשפּאָלטן און גיפטיק. איינע פון זיי איז דורכגעגאַנגען דורך לענינס לונג איבערן האַרץ. די אַנדערע איז אַריין אין האַלדז נאָענט צו דער הויפּט־אַרטעריע. לענין איז ניט דער־הרגעט געוואָרן, אָבער זיין לעבן, איז געזאָגט געוואָרן, איז געהאַנגען אויף משקולת.

דעם רעוואָלווער, וועלכן פאַניאַ קאַפּלאַן האָט באַנוצט קעגן לענינען, האָט

איר געגעבן ראַיליס געהילף, באָריס סאַווינקאָוו. מיט אַ צייט שפּעטער האָט סאַווינקאָוו אויפגעדעקט דעם פאַקט אין זיין „זכרונות פון אַ טעראָריסט“.

מיט אַ קליינעם אויטאָמאַטישן רעוואָלווער, צוגעפּעסטיקט אונטערן אָרעם צו באַנוצן אין אַ נויט־פאַל, איז ראַילי גלייך אַוועק מיט דער באַן קיין מאָסקווע. דעם צווייטן טאָג, אויפן וועג, האָט ער געקויפט אַ צייטונג ביי דער סטאַנציע קלין. די לאַגע איז געווען ערגער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. אין דער צייטונג איז געווען אַ דעטאַליזירטער באַריכט וועגן ראַיליס גאַנצער פאַרשווערונג, איינגעשלאָסן דעם פּלאַן צו דערשיסן לענינען און די אַנדערע סאָוועטישע פירער, צו פאַרכאַפּן מאָסקווע און פּעטראָגראַד און איינצושטעלן אַ מיליטערישע דיקטאַטור אונטער סאַווינקאָוון און יודעניטשן.

ראַילי האָט דאָס געלייענט מיט וואַקסנדיקער געדריקטקייט. רענעי מאַרשאַנד, דער פראַנצויזישער זשורנאַליסט, וועלכער איז געווען ביי דער פאַרזאַמלונג אין דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל־קאָנסולאַט, האָט די באָלשעוויקעס געלאָזט וויסן וועגן אַלץ וואָס מען האָט דאָרט פאַרהאַנדלט.

אָבער דער ענדגילטיקער קלאַפּ האָט ערשט געדאַרפט קומען.

קוירנעל בערזין, קאָמאַנדיר פון דער לעטישער גוואַרדיע, האָט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון קאַפּיטאַן סידני ראַילין אַלס דער בריטישער אַגענט, וואָס האָט אים געוואָלט אונטערקויפן מיט צוויי מיליאָן רובל, אַז ער זאָל זיך אָנשליסן אין דער פאַרשווערונג צו דערמאָרדן די סאָוועטישע פירער. די סאָוועטישע פּרעסע האָט אויך פאַרעפנטלעכט דעם בריוו, וואָס ברוס לאָקהאַרט האָט געגעבן בערזינען אויף דורכצולאָזן אים דורך די בריטישע ליניעס ביי אַרכאַנגעל.

לאָקהאַרטן האָט די טשעקאַ אַרעסטירט אין מאָסקווע. אַנדערע אַליאירטע באַאַמטע און אַגענטן האָט מען אויפגעקליבן און פאַרנומען אין געפאַנגענשאַפט.

אַ באַשרייבונג פון ראַיליס אויסזען איז פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן איבער גאַנץ מאָסקווע. אַלע זיינע פאַרשיידענע נעמען — מאַסינאָ, קאָנסטאַנטין, רעלינסקי — זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ דערקלערונג, אַז ער וועט געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ. דאָס געיעג אויף אים האָט זיך אָנגעפאַנגען.

ניט געקוקט אויף אָט דער באַשיינפּערלעכער געפאַר, האָט ראַילי פאָרגעזעצט זיין רייזע קיין מאָסקווע. ער האָט אויסגעזוכט די באַלעט־טענצערין דאַגמאַראַ אינעם הויז פון אַ פרוי מיטן נאָמען ווערא פּעטראָוונאַ, אַ מיטהעלפערין פון פאַניאַ קאַפּלאַן, די שיר־ניט מערדערין פון לענינען.

דאַגמאַראַ האָט ראַילין דערציילט, אַז די טשעקאַ האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געמאַכט אַן איבערפאַל אויף איר וואוינונג. זי האָט באַוויזן צו באַהאַלטן צוויי מיליאָן רובל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין טויזנט־רובלדיקע באַנקנאָטן, אַ טייל פון ראַיליס קאָנספּיראַטיוו געלט. פאַרוואָס די טשעקאַ־אַגענטן האָבן זי

ניט אַרעסטירט, האָט זי ניט געוואוסט. אפשר דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־גלויבט, אַז זי וועט זיי שוין פירן צו סידני ראַילין.

אָבער מיט דאַגמאַראַס צוויי מיליאָן רובל ביי זיך, איז ראַילי ניט געווען אַזאַ לייכטער פויגל צו פאַנגען. אַט פאַרשטעלט פאַר אַ גריכישן סוחר, אַט פאַר אַ געוועזענעם צאַרישן אָפיציר, אַט פאַר אַ סאָוועטישן באַאַמטן און אַט פאַר אַ געוויינלעכן קאָמוניסטישן אַרבעטער, האָט ער געהאַלטן אין איין באַוועגן זיך, כסדר אויסמיידנדיק די טשעקאַ.

אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין געוועזענעם מאָסקווער געהילף, קאַפּיטאַן דזשאָרדזש היל פון דער בריטישער געהיים־דינסט, וועל־כער האָט אויך ביז איצט באַוויזן אַרויסצודרייען זיך פון דער באָלשעוויסטישער נעץ. די צוויי אַגענטן האָבן פאַרגליכן זייערע צעטלען מיט נעמען און אַדרעסן. ראַילי האָט אַנטדעקט, אַז אַ היפּשער טייל פון זיין אַנטי־סאָוועטישן אַפּאַראַט איז נאָך אַלץ גאַנץ. ער האָט דעריבער געפילט, אַז עס איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ האָפענונג.

קאַפּיטאַן היל אָבער, להיפוך ראַילין, האָט געהאַלטן, אַז די שפּיל איז פאַרן טייערן. געהערט האָט ער, אַז עס ווערט איינגעאָרדנט אַן אויסבייט פון גע־פאַנגענע צווישן דער סאָוועטישער און בריטישער רעגירונג. די רוסן האָבן געדאַרפט באַפרייען לאָקהאַרטן מיט נאָך אַנדערע אַלס אויסבייט פאַר פאַר־שיידענע סאָוועטישע פאַרטרעטער, איינגעשלאָסן מאַקסים ליטווינאָוון, וועמען די בריטישע אויטאָריטעטן האָבן אַרעסטירט אין לאָנדאָן.

— איך גיי זיך איבערגעבן, — האָט קאַפּיטאַן היל געזאָגט און געעצהט ראַילין אויך אַזוי צו טאָן.

ראַילי האָט אָבער ניט געוואָלט צוגעבן, אַז ער איז באַזיגט. „איך וועל צוריקקומען אַן דער דערלויבעניש פון די רויט־הויטיקע", האָט ער געזאָגט קאַפּיטאַן הילן. ער האָט זיך געוועט מיט אים, אַז זיי וועלן זיך באַגעגענען אין לאָנדאָנער סאַוואָי האָטעל מיט צוויי חדשים שפּעטער.*)

---

*) נאָך זיין אומקערן זיך צוריק קיין ענגלאַנד, איז קאַפּיטאַן היל באַשטימט געוואָרן פון דער בריטישער געהיים-דינסט אין 1919 צו אַרבעטן אַלס פאַרמיטלונג-אָפיציר מיט די וויים-גוואַרדייאישע אַרמייען פון גענעראַל אַנטאָן דעניקין, בשעת עס איז אָנגעגאַנגען דער אינטערווענציע-קריג קעגן סאָוועט-רוסלאַנד. שפּעטער איז קאַפּיטאַן היל געווען אַ ספּעציעלער אַגענט פאַר סער הענרי דעטערדינג, דעם באַ-וואוסטן אייראָפּייאישן אויל-מאַגנאַט, וועמעס מאַניע עס איז געווען צו פאַרניכטן סאָוועט-רוסלאַנד און וועלכער האָט געהאָלפן פינאַנסירן היטלערס דערהויבונג צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. די בריטישע רעגירונג האָט שפּעטער גענוצט דזשאָרדזש הילן פאַר וויכטיקע „דיפּלאָמאַטישע" מיסיעס אין מזרח-אייראָפּע. אין 1932 איז אין לאָנדאָן פאַרעפנטלעכט געוואָרן הילס אַ בוך, אין וועלכן ער האָט באַשריבן זיינע

ראַילי איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד נאָך עטלעכע וואָכן לענגער, צונויפ־זאַמלענדיק מאַטעריאַל און געבנדיק אָנווייזונגען און דערמוטיקונגען צו די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען מיט זייערע טעטיקייטן. דאַן, נאָך אַ רייע סענסאַציאָנאַלע אַנטלויפענישן, איז ער אַוועק אויף אַ פאַלשן דייטשן פאַספאָרט קיין בערגען, נאָרוועגיע. פון דאָרט איז ער מיט אַ שיף אָפּגעפאָרן קיין ענגלאַנד.

אין לאָנדאָן האָט קאַפּיטאַן ראַילי אָפּגעגעבן אַ באַריכט צו זיינע באַלע־באַטים אין דער בריטישער געהיים־דינסט. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט איבער זיינע פאַרלוירענע מעגלעכקייטן. „אויב רענעי מאַרשאַן וואָלט ניט געווען קיין פאַררעטער . . . אויב בערזין וואָלט זיך ניט אַרויסגעצייגט צו זיין אַ פייגלינג . . . אויב די עקספּעדיציע־קרעפטן וואָלטן זיך נאָר שנעל באַוועגט אויף דער וואָלאָגדע . . . אויב איך וואָלט זיך נאָר געקאָנט פאַראייניקן מיט סאַווינקאָוון . . .“

וועגן איין זאַך איז אָבער ראַילי געווען זיכער: דאָס וואָס ענגלאַנד שטייט נאָך אַלץ אין קריג מיט דייטשלאַנד איז אַ טעות. עס מוז גלייך נעמען אַ סוף צו די שלאַכטן אויפן מערב־פראָנט און מען מוז שליסן אַ קאָאַליציע מיט דייטשלאַנד קעגן די באָלשעוויקעס. קאַפּיטאַן סידני ראַילי האָט אַלץ געהאַלטן אין שרייען:

„פרידן, פרידן אויף וועלכע ס׳איז ניט באַדינגונגען — און דאַן אַ פאַר־אייניקטער פראָנט קעגן די אמתע שונאים פון דער מענטשהייט!“

אַוואַנטורעס אַלס שפּיאָן אין סאָוועט-רוסלאַנד. דער נאָמען פונעם בוך איז געווען: „גיי, שפּיאָניר דאָס לאַנד; די אַוואַנטורעס פון 1.ק.8 פון דער בריטישער געהיים-דינסט“.

אין פרילינג פון יאָר 1945 האָט די טשוירטשיל-רעגירונג אויסגעקליבן דזשאָרדזש היל, וועלכער איז איצט שוין געווען אַ בריגאַדיר אין דער בריטישער אַרמיי, צו פאָרן אַלס ספּעציעלער שליח אין פוילן. מען האָט דערקלערט, אַז בריגאַדיר היל דאַרף זיין דער בריטישער באָאָבאַכטער אין פוילן און דאַרף באַריכטן קיין לאָנדאָן וועגן דער אָנגעוויטיקטער פוילישער סיטואַציע. אָבער די וואַרשעווער צייט־ווייליקע רעגירונג האָט ניט דערלויבט הילן אַריינצוקומען קיין פוילן.

קאַפּיטל 4

די סיבירער אַוואַנטורע

1. דער מעמאָראַנדום

דעם 2טן אויגוסט, 1918 — דער טאָג, ווען דאָס בריטישע מיליטער האָט געלאַנדעט אין אַרכאַנגעלסק — האָט גענעראַל־מאַיאָר וויליאַם ס. גרעיווס פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און קאָמאַנדיר פון דער 8טער דיוויזיע אין פּרימאַנט־לאַגער, פּאַלאָ־אַלטאָ, קאַליפאָרניע, באַקומען אַ דרינגלעכע שיפרירטע מעלדונג פונעם קריג־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. ווען די מעלדונג איז דעשיפרירט געוואָרן, האָט דער ערשטער זאַץ זיך געלייענט:

איר זאָלט ניט דערציילן קיין שום מיטגליד פון אייער שטאָב אָדער וועלכער־עס־איז אַנדערער פּערזאָן דעם אינהאַלט פון אָט־דער מעלדונג.

די מעלדונג האָט דאַן אינסטרואירט גענעראַל גרעיווס צו „נעמען די ערשטע און שנעלסטע באַן פון סאַן־פראַנציסקאָ און פאָרן קיין קענזעס־סיטי, גיין צום אָרטיקן בילטמאָר האָטעל און זיך ווענדן צום קריג־סעקרעטאַר".

די מעלדונג האָט ניט אָנגעגעבן קיין סיבות, פאַרוואָס דער גענעראַל ווערט אַרויסגערופן מיט אַזאַ האַסט קיין קענזעס־סיטי, און אויך קיין שום אָנדייטונג ווי לאַנג ער וועט דאָרט דאַרפן זיין.

גענעראַל גרעיווס, אַן אַלטער, דערפאַרענער און פאַרהאַרטעוועטער סאָל־דאַט, איז ניט געוואוינט געווען צו פרעגן פראַגעס ווען עס איז געווען קלאָר, אַז מען וויל ניט ער זאָל זיי שטעלן. ער האָט אַריינגעשטופּט עטלעכע זאַכן אין אַ קליינעם רייזע־טאַש. צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין געזעסן אויפן סאַנטאַ־פע־עקספּרעס, וואָס האָט זיך שנעל געטראָגן פון סאַן־פראַנציסקאָ אַרויס.

ווען דער גענעראַל איז אָנגעקומען קיין קענזעס־סיטי, האָט ער שוין גע־טראָפן דעם קריג־מיניסטער, ניוטאָן ד. בעיקער, וואַרטנדיק אויף אים ביי דער סטאַנציע.

דער קריג־מיניסטער האָט זיך זייער געאיילט. ער האָט דערקלערט, אַז ער דאַרף אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אויפזעצן אויף אַ צוג. איילנדיק האָט ער דערקלערט גרעיווסן פאַרוואָס ער האָט אים אַרויסגערופן צו אָט־דער

געזיימניספולער באַגעגעניש. דער קריג־דעפּאַרטמענט האָט אויסגעקליבן גרעיווסן איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער אַן עקספּעדיציע פון אַמעריקאַנישן מיליטער, וואָס דאַרף אָפּפאָרן קיין סיביר.

דער מיניסטער בעיקר האָט דאַן איבערגעגעבן גענעראַל גרעיווס אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט, און געזאָגט: „דאָס אַנטהאַלט די פּאָליסי פון די פאַראייניקטע שטאַטן בנוגע רוסלאַנד, וואָס איר דאַרפט נאָכפאָלגן. זייט נאָר פאָרזיכטיק; איך וועט אויסקומען צו טרעטן איבער דינאַמיט־געלאָדענע אייער. זאָל אייך גאָט העלפן און ווידערזען!"

יענע נאַכט, זייענדיק איינער אַליין אין זיין האָטעל־צימער אין קענזעס־סיטי, האָט גענעראַל גרעיווס געעפנט דעם פאַרזיגלטן קאָנווערט. ער האָט אַרויסגענומען אַ זיבן־זייטיקן מעמאָראַנדום, מיט דער באַצייכענונג: עיד־מעמואַר. דער מעמאָראַנדום האָט ניט געהאַט קיין אונטערשריפט, אָבער צום סוף זיינען געווען די ווערטער: „סטעיט־דעפּאַרטמענט, וואַשינגטאָן, די. סי., יולי דעם 17טן, 1918."

דער מעמאָראַנדום האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ ריי פיינע ווערטער, אַז „דאָס גאַנצע האַרץ פון אַמעריקאַנישן פאָלק" ליגט איצט „אין געווינען דעם קריג". עס איז נויטיק, האָט זיך געזאָגט אינעם דאָקומענט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן „מיט אַלע כחות מיטאַרבעטן" אויף יעדן מעגלעכן אופן מיט אירע אַליאירטע קעגן דייטשלאַנד. דאַן איז דער מעמאָראַנדום צוגעקומען צו זיין הויפּט־פונקט:

> עס איז דער קלאָרער און פעסטער באַשלוס פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צו וועלכן זי איז געקומען נאָך פיל אונטערזוכונגען און באַטראַכטונגען פון דער גאַנצער סיטואַציע אין רוסלאַנד, אַז אַ מיליטערישע אינטערווענציע דאָרט וואָלט נאָך פאַרערגערט די איצטיקע טרויעריקע אומאָרדענונג אין רוסלאַנד אַנשטאָט אָפּצושוואַכן דאָס, וואָלט אָנגעטאָן שאַדן אַנשטאָט צו העלפן איר, און וואָלט אויף קיין אופן אונדז ניט געהאָלפן דורכצופירן אונדזער הויפּט־ציל — געווינען די מלחמה קעגן דייטשלאַנד. מיר קאָנען דעריבער ניט נעמען קיין שום אָנטייל אין אַט־דער אינטערווענציע, אָדער אין פּרינציפּ זי גוטהייסן.

דאָס איז געווען אַ קלאָרע און שאַרפע דערקלערונג וועגן דער שטעלונג, מיט וועלכער גענעראַל גרעיווס איז אינגאַנצן מסכים געווען. פאַרוואָס־זשע ווערט ער געשיקט בראש פון אַמעריקאַנישן מיליטער אין רוסישער טעריטאָריע? אַ פאַרחידושטער האָט דער גענעראַל פאַרגעזעצט דאָס לייענען:

ווי די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרשטייט די לאַגע, איז מיליטערישע אַקציע אין רוסלאַנד דערלאַזבאַר בלויז, כדי צו העלפן די טשעכאָסלאָוואַקן צו פאַראייניקן זייערע כחות כדי צו קאָנען דער־פאָלגרייך מיטאַרבעטן מיט זייערע סלאַווישע קרובים. . . .

טשעכאָסלאָוואַקן ? אין רוסלאַנד ?

„איך האָב זיך געלייגט שלאָפן", האָט גענעראַל גרעיווס געזאָגט שפּעטער, באַשרייבנדיק דעם פאַל אין זיין בוך „די אַמעריקאַנישע סיבירער אוואַנטורע", אָבער איך האָב ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און געהאַלטן אין איין טראַכטן וואָס אַנדערע פעלקער טוען און פאַרוואָס מען האָט מיר ניט געלאָזט וויסן וואָס עס קומט פאָר אין סיביר."

וואָלט גענעראַל גרעיווס געוואוסט די ענטפערס צו די פראַגן, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט שלאָפן, וואָלט ער פיל מער באַאומרואיקט געווען אין יענער זומער־נאַכט אין קענזעס־סיטי.

2. די אינטריגע אין וולאַדיוואָסטאָק

אונטער דער פעאָדאַלער הערשאַפט פונעם צאַר, איז דער ריזיקער און פאַנטאַסטיש־רייכער געגנט פון סיביר פאַרבליבן כמעט אינגאַנצן אומאַנט־וויקלט. פיל פון דער אומגעהויערער שטרעקע, וואָס האָט זיך געצויגן פון די גרענעצן פון אייראָפּע ביז צום פּאַסיפישן ים און פון געפרוירענעם ים ביז צו אַפגאַניסטאַן, איז געווען אינגאַנצן אומבאַוואוינט. לענג־אויס אָט דעם ווילדן, ניט־געמאָפּעוועטן לאַנד, איז געלעגן די איינציק־ליניעדיקע טראַנס־סיבירישע אייזנבאַן — די איינציקע פאַרבינדונג צווישן מזרח און מערב. דער וואָס האָט קאָנטראָלירט די דאָזיקע אייזנבאַן און עטלעכע מייל לאַנד אויףביידע זייטן, דער האָט אויך קאָנטראָלירט דאָס אַזיאַטישע רוסלאַנד, כמעט אַ קאָנטינענט פון אומבאַגרייפלעכער סטראַטעגישער וויכטיקייט און רייכקייט.

איבנמיטן זומער 1918, בעת רעימאַגד ראַבינס איז געפאָרן צום מזרח איבער דער טראַנס־סיבירישער אייזנבאַן, האָט ער אויף זייטיקע ליניעס געזען פולע צוגן מיט טשעכאָסלאָוואַקישע סאָלדאַטן. די דאָזיקע טשעכן, וואָס זיינען פריער קעגן זייער ווילן געווען אין דינסט פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אַרמיי, האָבן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע מאַסנווייז דעזערטירט און אַריבערגעלאָפן צו די רוסישע ליניעס. די אימפּעריאַלע רוסישע הויך־קאָמאַנדע האָט זיי אָרגאַניזירט אין אַ טשעכישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט זייט ביי זייט מיט די רוסן קעגן די עסטרייך־אונגאַרישע קרעפטן. נאָך דעם ווי קערענסקי איז געפאַלן,

האָט די סאָוועטן־רעגירונג, אויף דעם פאַרלאַנג פון די אַליאירטע, איינגע־שטימט אַריבערצושיקן די טשעכישע סאָלדאַטן קיין װלאַדיװאָסטאָק. זיי האָבן געזאָלט פון דאָרט אָפּפאָרן, אַרומקרייזן די ערד, און זיך אָנשליסן אין די אַרמייען פון די אַליאירטע אויפן מערב־פראָנט. איבער 50,000 פון די דאָזיקע טשעכישע סאָלדאַטן זיינען געווען צעשפּרייט לענג־אויס פון דער 5,000־מייליקער אייזנבאַן־שטרעקע פון קאַזאַן ביז װלאַדיװאָסטאָק.

די טשעכישע סאָלדאַטן האָבן געגלויבט, אַז מען שיקט זיי צו קעמפן אין אייראָפּע פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון טשעכאָסלאָוואַקיע; אָבער זייערע פירער, די רעאַקציאָנערע טשעכישע גענעראַלן געידאַ און סיראָווי, האָבן גע־האַט אַנדערע פּלענער. אויפן וואונק פון געוויסע אַליאירטע שטאַטסלייט, האָבן די דאָזיקע הערן פּלאַנירט צו באַנוצן די טשעכישע סאָלדאַטן כדי אַרונטערצוּוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג.

לויט אַן אָפּמאַך צווישן די אַליאירטע און דער סאָוועטן־רעגירונג, האָבן די טשעכן געדאַרפט אָפּגעבן זייער געווער צו די סאָוועטישע אויטאָריטעטן בעת זייער דורכפאָרן דורך סאָוועטישער טעריטאָריע. אָבער דעם 4טן יוני, 1918, האָט אַמבאַסאַדאָר דעיוויד ר. פראַנסיס פּריוואַט געלאָזט וויסן זיין זון אין אַ בריוו, אַז ער „פּלאַנירט צו פאַרמיידן, אויב נאָר מעגלעך" די אַנטוואָפע־נונג פון די טשעכישע סאָלדאַטן. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט צו־געגעבן:

> איך האָב ניט באַקומען פון וואַשינגטאָן קיין אינסטרוקציעס אָדער באַפולמעכטיקונג צו דערמוטיקן אָט־די מענטשן זיך צו שטעלן קעגן די באַפעלן פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אויסער אַן אויסדרוק פון סימ־פּאַטיע פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט. דאָס איז אָבער ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב ריזיקירט.

האַנדלענדיק אויף די באַפעלן פון די גענעראַלן געידאַ און סיראָווי, האָבן די טשעכן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן זייער מיליטערישע אויסשטאַטונג צו די סאָוועטישע אויטאָריטעטן. גלייכצייטיקע אויסברוכן זיינען פאָרגעקומען איבער דער גאַנצער לענג פון דער טראַנס־סיבירער ליניע. די גוט־געשולטע און גוט־אויסגעשטאַטע טשעכישע סאָלדאַטן האָבן פאַרכאַפּט אַ צאָל שטעט אין וועלכע זיי זיינען איינגעשטאַנען, האָבן אַרונטערגעוואָרפן די דאָרטיקע סאָוועטן און איינגעשטעלט אַנטי־סאָוועטישע אַדמיניסטראַציעס.

אין דער ערשטער וואָך פון יולי האָט גענעראַל געידאַ — מיט דער הילף פון רוסישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן — דורכגעפירט אַן אויפשטאַנד אין װלאַדיװאָסטאָק און דאָרט איינגעשטעלט אַן אַנטי־סאָוועטישן רעזשים. די גאַסן

זיינען געווען באַקלעפּט מיט פּראָקלאַמאַציעס, אונטערגעשריבן פון אַדמיראַל נאַיט פון אַמעריקאַנישן פלאָט, פון וויצע־אַדמיראַל קאַטאָ פון דעם יאַפּאַנעזישן פלאָט, קוירנעל פּאָנס פון דער פראַנצויזישער מיסיע, און קאַפּיטאַן באַדיוראַ פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרמיי, וועלכער איז געוואָרן קאָמענדאַנט פון דער אָקופּירטער שטאָט. די פּראָקלאַמאַציע האָט מודיע געווען די איינוואוינער, אַז די אינטערווענציע פון די אַליאירטע קרעפטן ווערט דורכגעפירט „אינעם גייסט פון פריינטשאַפט און סימפּאַטיע צום רוסישן פאָלק״.

דעם 22טן יולי, 1918, פינף טעג נאָכדעם ווי דער אַמעריקאַנישער סטעיט־דעפּאַרטמענט האָט אָנגעשריבן דעם מעמאָראַנדום וועגן דער נויטווענדיקייט צו העלפן די טשעכישע סאָלדאַטן זיך אַרויפזעצן אויף די שיפן, האָט דע־וויט קלינטאָן פּול,*) דער אַמעריקאַנער קאָנסול אין מאָסקווע, געשיקט אַ שיפרירטע טעלעגראַמע צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין אָמסק, וועלכע האָט זיך געלייענט:

> איך מעג קאָנפידענציעל אינפאָרמירן די טשעכאָסלאָוואַקישע פירער, אַז ביז זיי וועלן דערהאַלטן ווייטערדיקע מעלדונגען, וועלן די אַליאירטע, פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, זיין צופרידן אויב זיי וועלן אָנהאַלטן זייערע איצטיקע פּאָזיציעס. פון דער צווייטער זייט אָבער, דאַרפן זיי זיין אין אַ לאַגע פריי צו האַנדלען לויט די מיליטערישע נויטווענדיקייטן פון דער סיטואַציע. פריער פון אַלץ איז ווינטשנסווערט, אַז זיי זאָלן זיכער מאַכן דעם קאָנטראָל איבער דער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן; און צווייטנס, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר מעגלעך, אָנהאַלטן דעם קאָנטראָל איבער דער טעריטאָריע, וואָס זיי באַהערשן איצט. לאָזט וויסן די פראַנצויזישע פאַרטרעטער, אַז דער פראַנצויזישער גענעראַל־קאָנסול שליסט זיך אָן אין אָט־די אינסטרוקציעס.

די אַליאירטע קרעפטן האָבן אָנגעגעבן אַלס אַן אויסרייד פאַר אַריינדרינגען אין סיביר אין זומער 1918 דאָס וואָס זיי ווילן פאַרהיטן די טשעכן פון אומפּראָוואָצירטע אַטאַקעס מצד די רויט־אַרמייאישע סאָלדאַטן און דייטשע קריג־געפאַנגענע, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן באַוואָפנט. אין משך פון יענעם פרילינג און זומער זיינען די ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען פול געווען מיט סענסאַציאָנעלע באַריכטן, אַז די באָלשעוויקעס באַוואָפנען „צענדליקער טויזנטער דייטשע און עסטרייכישע קריג־געפאַנגענע אין סיביר״, צו קעמפן

*) דע-וויט קלינטאָן פּול איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט פון סטעיט-דעפּאַרטמענטס אָפּטייל איבער רוסישע ענינים.

קעגן די טשעכן. די „ניו־יאָרק טיימס״ האָט געמאָלדן, אַז בלויז אין דער שטאָט טאָמסק האָבן די רויטע באַזאָרגט 60,000 דייטשן מיט מיליטערישער אויס־שטאַטונג.

קאַפּיטאַן היקס פון דער בריטישער שפּיאָנאַזש־דינסט, קאַפּיטאַן וועבסטער פון דער אַמעריקאַנישער רויטן־קרייץ מיסיע, און מאַיאָר דרייזדעיל, דער אַמעריקאַנישער מיליטערישער אַטאַשע אין פּעקינג, זיינען געפאָרן קיין סיביר, מיט דער דערלויבעניש פון די סאָוועטישע אויטאָריטעטן, אויסצופאָרשן די באַשולדיקונגען. נאָך וואָכן פון פאָרזיכטיקער אויספאָרשונג, זיינען די דריי מענער געקומען צום זעלביקן שלוס: עס זיינען ניט געווען קיין שום באַוואָפנטע דייטשן און עסטרייכער אין סיביר. די דריי אָפיצירן האָבן דערקלערט, אַז די באַשולדיקונגען זיינען ריינע פאַבריצירטע פּראָפּאַגאַנדע, מיט אַ כיוון געמאַכט כדי אַריינצושלעפּן די אַליאירטע אין אַן אינטערווענציע קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד.*)

דעם 3טן אויגוסט, 1918, האָט בריטיש מיליטער אַראָפּגעשטיגן פון שיפן אין וולאַדיוואָסטאָק.

„מיר קומען״, האָט די בריטישע רעגירונג אינפאָרמירט דאָס רוסישע פאָלק דעם 8טן אויגוסט, „צו העלפן אייך זיך ראַטעווען פון צעגלידערונג און פאַרניכטונג מצד דייטשלאַנד. . . . מיר ווילן אייך דאָ הייליק פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן ניט פאַרנעמען ביי אייך קיין איינציקן שפּאַן לאַנד. דער גורל פון רוסלאַנד איז אין די הענט פונעם רוסישן פאָלק. זיי, און נאָר זיי אַליין, דאַרפן באַשטימען זייער רעגירונג־פאָרם, און געפינען אַ לייזונג פאַר זייערע סאָציאַלע פּראָבלעמען.״

דעם 16טן אויגוסט זיינען די ערשטע אַמעריקאַנישע אָפּטיילונגען אָנגעקומען.

„מיליטערישע האַנדלונג איז איצט דערלויבט אין רוסלאַנד״, האָט וואַ־שינגטאָן דערקלערט, „בלויז צו געבן די טשעכאָסלאָוואַקן די הילף און שוץ וואָס איז נאָר מעגלעך קעגן די באַוואָפנטע עסטרייכישע און דייטשע קריג־געפאַנגענע, וועלכע באַפאַלן זיי, און אויך כדי צו באַפעסטיקן יעדן פאַרזוך פאַר

*) די שלוסן פון קאַפּיטאַן היקס, קאַפּיטאַן וועבסטער און מאַיאָר דרייזדעיל האָט מען ניט פאַרעפנטלעכט פאַרן בריטישן און אַמעריקאַנער עולם. קאַפּיטאַן היקס האָט באַקומען אַ שאַרפן באַפעל זיך אומצוקערן קיין לאָנדאָן, און דאָן האָט מען אים באַשטימט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט קאַפּיטאַן סידני ראַילין. דער אַמעריקאַנישער סטעיט־דעפּאַרטמענט האָט די באַריכטן פון קאַפּיטאַן וועבסטער און מאַיאָר דרייזדעיל פּשוט ערגעץ פאַרשטופּט.

זעלבסט־רעגירונג און זעלבסט־פּאַרטיידיקונג, אין וועלכן די רוסן גופא וועלן זיין ווילק אַזאַ הילף אָנצונעמען.״

דעם זעלבן חודש האָבן די יאַפּאַנעזער געלאַנדעט פרישע מחנות.

„אָנגעמענדיק אָט־דעם קורס״, האָט טאַקיאָ דערקלערט, „בלייבט די יאַפּאַנעזישע רעגירונג ווייטער ביי איר וואונטש אויפצובויען באַציאונגען פון לאַנג־דויערנדיקער פריינטשאַפט, און חזרט איבער איר פּאָליסי צו רעספּעקטירן די טעריטאָריעלע אומבאַרירלעכקייט פון רוסלאַנד און ניט אַריינמישן זיך אין איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.״

די יאַפּאַנעזישע הויך־קאָמאַנדע האָט זאָרגהאַפּטיק צוגעגרייט פאַר די יאַפּאַנעזישע סאָלדאַטן אין סיביר אַזעלכע קליינע רוסישע ווערטער־ביכלעך, אין וועלכע דאָס וואָרט „באָלשעוויק״ איז פאַרטייטשט געוואָרן אַלס „באַרסוק״ (אַזאַ מין ווילד חיהלע), מיט דער צוגעגעבענער באַמערקונג: „דאַרף אויסגעראָטן ווערן״.

3. דער טעראָר אין מזרח

דעם 1טן סעפּטעמבער, 1918, איז גענעראַל גרעיווס אָנגעקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער די אַמעריקאַנישע עקספּעדיציע־כחות אין סיביר. „איך בין אָנגעקומען קיין סיביר״, האָט ער שפּעטער געשריבן אין זיין „אַמעריקאַנישע סיבירער אַוואַנטורע״, „אָן שום פאָראויס־באַשטימטע אידייעס וואָס עס דאַרף און וואָס עס דאַרף ניט געטאָן ווערן. איך האָב ניט געהאַט קיין שום פאָראורטיילן קעגן וועלכער עס איז רוסישער פראַקציע, און איך האָב דערוואַרט אַז איך וועל קאָנען האַרמאָניש אַרבעטן אין אַ קאָאָפּעראַטיווער אַטמאָספערע מיט אַלע אַליאירטע.״

די אינסטרוקציעס צו גענעראַל גרעיווס, ווי זיי זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אין דעם מעמאָראַנדום זיינען געווען: צו באַשיצן די טראַנס־סיבירער אייזנבאַן, העלפן די טשעכישע מחנות אַרויספאָרן פון וולאַדיוואָסטאָק, און ניט אַריינמישן זיך אין אינערלעכע רוסישע ענינים.

ער האָט קוים געהאַט איינגעשטעלט זיין הויפּט־קוואַרטיר, ווען צו אים איז געקומען אויף אַ באַזוך דער טשעכישער פירער, גענעראַל גײַדאַ, וועלכער האָט זיך גענומען צו אינפאָרמירן גענעראַל גרעיווס וועגן דער רוסישער סיטואַציע. די רוסן, האָט גײַדאַ געזאָגט, קאָן מען ניט רעגירן מיט גוטן אָדער דורך איבערצייגונג, נאָר בלויז דורך אַ בייטש אָדער אַ באַיאָנעט״. און כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון פולשטענדיקן כאַאָס, איז נויטיק אויס־

צוראָטן דעם באָלשעוויזם און אָוועקשטעלן אַ מיליטערישן דיקטאַטאָר ביי דער מאַכט. געידאַ האָט געזאָגט, אַז ער קען דעם פּאַסיקן מענטשן פאַר אָט־דעם אַמט: אַדמיראַל אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש קאָלטשאַק, אַ געוועזענער צאַרישער פלאָטן־קאָמאַנדיר, וועלכער איז געקומען פון יאַפּאַן כדי צו אָרגאַניזירן אַן אַנטי־סאָוועטישע אַרמיי, און וועלכער האָט שוין צונויפגעזאַמלט באַדייטנדיקע מחנות אין סיביר. דערוויַיל אָבער דאַרף גענעראַל גרעיווס העלפן די טשעכן און די אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע אַרמייען קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס.

געידאַ האָט דאַן פאַרגעשלאָגן גענעראַל גרעיווסן אַ פלאַן וועגן אַ באַלדיקן מאַרש צו דער וואָלגע און אַן אַטאַקע אויף מאָסקווע פון דער מזרח־זייט. אָט־דער פלאַן, האָט געידאַ אויפגעדעקט, איז גוטגעהייסן געוואָרן פון זיינע פראַנצויזישע און בריטישע ראַטגעבער, ווי אויך פון די פאַרטרעטער פונעם אַמעריקאַנישן סטעיט־דעפּאַרטמענט.

גענעראַל גרעיווס האָט איבערגעחזרט די באַפעלן, וועלכע ער האָט באַקומען פון זיין רעגירונג און געזאָגט, אַז ער וועט זיך האַלטן ביי זיי. ער האָט געידאַן געזאָגט, אַז כל־זמן ער איז קאָמאַנדיר, וועט קיין אַמעריקאַנישער סאָלדאַט ניט באַנוצט ווערן קעגן די באָלשעוויקעס אָדער זיך אַריינמישן אויף וועלכן עס איז אַנדערן אופן אין די אינערלעכע ענינים פון רוסלאַנד.

געידאַ איז אַוועק אַן אויפגעקאָכטער. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט גענעראַל גרעיווס אויפגענומען אַן אַנדער וויכטיקן באַזוכער. דאָס מאָל איז עס געווען גענעראַל נאָקס, קאַרנילאָווס געוועזענער אונטערשטיצער און איצטיקער קאָמאַנדיר פון די בריטישע כחות אין סיביר.

— איר דערווערבט זיך אַ נאָמען אַלס אַ פריינט פון די אָרעמע, — האָט נאָקס געוואָרנט גענעראַל גרעיווסן. — ווייסט איר דען ניט, אַז זיי זיינען בלויז חזירים?

גענעראַל גרעיווס האָט פאַרמאָגט דאָס, וואָס רעימאָנד ראָבינס האָט געהאַט אָנגערופן, „אַן אָפענעם מח“. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט אויסצוגעפינען זאַכן פאַר זיך אַליין. ער האָט באַשלאָסן צו קריגן ערשט־האַנטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דעםווירקלעכן צושטאַנד אין סיביר. זיינע שפּיאָנאַזש־אָפיצירן האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטאָן איבער דער פּראָווינץ און צוריקגעבראַכט פולע און דעטאַליזירטע באַריכטן וועגן זייערע באַטראַכטונגען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און גרעיווס איז געקומען צו די שלוסן, אַז:

דאָס וואָרט „באָלשעוויק“, ווי מען האָט עס גענוצט אין סיביר, האָט איינגעשלאָסן דאָס רוב פונעם רוסישן פאָלק, און צו באַנוצן סאָלדאַטן צו באַקעמפן די באָלשעוויקעס, אָדער צו באַוואָפענען, אויסשטאָטן,

שפּיוֹן, קליידן און אויסהאַלטן די ווייס־גוואַרדייער צו באַקעמפן זיי, איז דורכאויס ניט אין הסכם מיט „ניט אַריינמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון רוסלאַנד".

אַרום האַרבסט 1918 האָבן זיך שוין אין צפון־סיביר געפונען מער ווי 7,000 ענגלישע סאָלדאַטן. אַנדערע 7,000 בריטישע און פראַנצויזישע אָפיצירן, טעכניקער און סאָלדאַטן זיינען געווען מיט גענעראַל קאָלטשאַק, צו העלפן אים טרענירן און אויסשטאַטן זיין ווייס־גוואַרדייאישע אַנטי־סאָוועטישע אַרמיי. 1,500 איטאַליענער האָבן אַרויסגעהאָלפן די ענגלענדער און פראַנצויזן. אונטער גענעראַל גרעיווסעס קאָמאַנדע האָבן זיך געפונען אומגעפער 8,000 אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן. אָבער די יאַפּאַנעזער האָבן געהאַט די סאַמע גרעסטע קרעפטן אין סיביר; זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן חשק איינגאַנצן איבערצונעמען סיביר פאַר זיך: די יאַפּאַנעזישע אַרמיי האָט פאַרמאָגט איבער 70,000 סאָלדאַטן.

אין נאָוועמבער האָט אַדמיראַל קאָלטשאַק — מיט דער הילף פון זיינע בריטישע און פראַנצויזישע אונטערשטיצער — זיך עטאַבלירט אַלס דיקטאַטאָר פון סיביר. דער אַדמיראַל — אַן אויפגערעגט קליין מענטשעלע, וועלכער איז פון זיינעם אַ קאָלעגע באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ „קראַנק קינד. . . . זיכער אַ נעוראַסטעניק. . . . תמיד אונטער אַ צווייטנס איינפלוס" — האָט איינגעשטעלט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין אָמסק און זיך געגעבן דעם טיטול פון „אַלהעכסטער הערשער פון רוסלאַנד". דער געוועזענער צאַרישער מיניסטער סאַזאָנאָוו האָט גלייך דערקלערט, אַז קאָלטשאַק איז דער „רוסישער וואַשינגטאָן" און איז געוואָרן קאָלטשאַקס אָפיציעלער פאַרטרעטער אין פּאַריז. לויב־געזאַנגען פאַרן אַדמיראַל האָבן זיך צעקלונגען אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. סער סעמיועל האָר האָט ווידער געלאָזט הערן זיין מיינונג, אַז קאָלטשאַק איז אַ „דזשענטלמאַן". ווינסטאָן טשורטשיל האָט באַצייכנט קאָלטשאַקן פאַר „ערלעך", „אומקאָרופּט", „אינטעליגענט" און „פּאַטריאָטיש". די „ניו־יאָרק טיימס" האָט געזען אין אים „אַ שטאַרקן און אָרנטלעכן מאַן" מיט „אַ פעסטער און ברייט־פאַרטרעטנדיקער רעגירונג".

דער קאָלטשאַקישער רעזשים האָט באַקומען די ברייטהאַרציקע שטיצע פון די אַליאירטע, באַזונדערס פון ענגלאַנד, אין אַמוניציע, מלחמה־געווער און געלטער. „מיר האָבן אַרויסגעשיקט קיין סיביר", האָט גענעראַל נאָקס שטאָלץ באַריכטעט, „הונדערטער טויזנטער ביקסן, הונדערטער מיליאָן קוילן, הונדערטער טויזנטער אוניפאָרמען און קויל־גאַרטלען א. אַז. וו. יעדע קויל, וואָס די רוסישע סאָלדאַטן האָבן אין משך פון יענעם יאָר אויסגעשאָסן אויף די באָל-

שעוויקעס, איז געמאַכט געוואָרן אין גרויס־בריטאַניע, פון בריטישע אַר־בעטער, בריטישע מאַטעריאַלן, און איז געשיקט געוואָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק אין בריטישע שיפן.״

אַ פּאָפּולער רוסיש לידל אין יענער צייט איז געגאַנגען אַזוי:

די אוניפאָרמען זיינען בריטיש,
די עפּאָלעטן — פראַנקרייכס גלאַנץ,
דער טאַבאַק איז יאַפּאַנעזיש,
קאָלטשאַק פירט אָן דעם טאַנץ!

גענעראַל גרעיווס האָט ניט געטיילט דעם ענטוזיאַזם פון די אַליאירטע בנוגע אַדמיראַל קאָלטשאַקס הערשאַפט. יעדן טאָג האָבן זיינע שפּיאָנאַזש־אָפיצירן געבראַכט נייע באַריכטן וועגן דער הערשאַפט פון טעראָר, וואָס קאָל־טשאַק האָט איינגעשטעלט. אין דעם אַדמיראַלס אַרמיי זיינען געווען 100,000 מענער, און נאָך אַנדערע טויזנטער האָט מען רעקרוטירט מיט דער דראָאונג אַז זיי וועלן געשאָסן ווערן. תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען געווען איבערגעפּאַקט. הונדערטער רוסן, וועלכע האָבן געהאַט די געוואַגטקייט צו שטעלן זיך קעגן דעם נייעם דיקטאַטאָר, האָבן זיך געצאַפּלט הענגענדיק אויף די טעלעגראַף־סלופּעס אוןביימער לעבן־אויס דער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן. אַנדערע האָבן שוין גערוט אין אַלגעמיינע קברים, וועלכע מען האָט זיי גע־צוואונגען אַליין צו גראָבן פאַר זיך איידער קאָלטשאַקס הענקער האָבן זיי פאַר־שניטן מיטן פייער פון מאַשין־ביקסן. פאַרגוואַלטיקונגען, מאָרדן און רויבע־רייען זיינען געווען די געזעצן פונעם טאָג.

איינער פון קאָלטשאַקס הויפּט־געהילפן, אַ געוועזענער צאַרישער אָפיציר מיטן נאָמען גענעראַל ראָזאַנאָוו, האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע באַפעלן צו זיינע סאָלדאַטן:

1. ווען איר פאַרנעמט די דערפער, וועלכע זיינען פריער געווען פאַרנומען פון באַנדיטן [סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען], זאָלט איר פאָדערן מען זאָל אייך אַרויסגעבן די אָנפירער פון דער באַוועגונג. און דאָרט וואו איר קאָנט ניט קריגן די פירער, נאָר איר האָט גענוגנדיקע באַווייזן, אַז זיי עקזיסטירן, זאָלט איר דערשיסן יעדן צענטן פון דעם עולם.

2. ווען די סאָלדאַטן גייען פאַרביי אַ שטעטל, און די איינוואוינער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט דאָס צו טאָן, האָבן אייך ניט געלאָזט וויסן וועגן דער נאָענטקייט פונעם שונא, זאָל מען דאָן פון זיי אַלע פאָדערן אַ געלט־שטראָף, אומרחמנותדיק.

3. די דערפער, וואו די באַפעלקערונג באַגעגנט אונדזערע סאָל־דאַטן מיט געווער, זאָל מען פאַרברענען ביז אַרונטער און דערשיסן די גאַנצע מענלעכע באַפעלקערונג; דאָס אייגנטום, היימען, וועגענער א. אַז. וו. זאָל מען פאַרנעמען פאַר דעם נוצן פון דער אַרמיי.

באַשרייבנדיק דעם אָפיציר, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אָט־די באַפעלן, האָט גענעראַל נאָקס געזאָגט צו גענעראַל גרעיווסן: „ראָזאַנאָוו איז זייער אַ פיינער חברה־מאַן."

באַגלייך מיט קאָלטשאַקס מיליטער, האָבן טעראָריסטישע באַנדעס — וואָס די יאַפּאַנעזער האָבן פינאַנסירט — גערויבט די פּראָווינץ. זייערע הויפּט־פירער זיינען געווען אַטאַמאַן גריגאָרי סעמיאָנאָוו און קאַלמיקאָוו.

קוירנעל מאָראָו, קאָמאַנדיר פון אַמעריקאַנישן מיליטער אין דעם טראַנס־באַיקאַל געגנט, האָט געמאָלדן, אַז אין איין דאָרף וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון סעמיאָנאָווס באַנדע, איז יעדער מאַן, פרוי און קינד דערמאָרדעט געוואָרן. די מערהייט פון די איינוואוינער, האָט דער קוירנעל דערציילט, האָט מען דער־שאָסן „ווי האָזן" בעת זיי זיינען געלאָפן פון זייערע היימען. די מענער האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

„סעמיאָנאָווס און קאַלמיקאָווס סאָלדאַטן", לויט גענעראַל גרעיווסעס אינ־פאָרמאַציע, „באַשיצט פון יאַפּאַנעזישן מיליטער, האָבן זיך צעלאָזט איבערן לאַנד ווי ווילדע באַשעפענישן און האָבן געמאָרדעט און באַרויבט די מענטשן. . . . אויף אָנפראַגעס וועגן די דאָזיקע ברוטאַלע מאָרדן איז דער ענטפער געווען, אַז די אַלע דערמאָרדעטע מענטשן זיינען געווען באָלשעוויקעס, און די דאָזיקע דערקלערונג האָט, משמעות, באַפרידיקט די וועלט."

גענעראַל גרעיווס האָט עפנטלעך אויסגעדריקט זיין דערווידערונג קעגן די דאָזיקע גרוילהאַפטע מעשים, וואָס די אַנטי־סאָוועטישע כחות אין סיביר האָבן דורכגעפירט. זיין שטעלונג האָט אַרויסגערופן גרויס שנאה צווישן די רוסישע ווייסגוואַרדייער, בריטישע, פראַנצויזישע און יאַפּאַנעזישע פירער.

מאָריס, דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר צו יאַפּאַן, וועלכער איז גע־קומען אויף אַ באַזוך אין סיביר, האָט געזאָגט גענעראַל גרעיווסן, אַז דער סטעיט־דעפּאַרטמענט האָט אים טעלעגראַפירט, אַז די אַמעריקאַנישע פּאָליסי אין סיביר מאַכט עס פאַר נויטיק צו אונטערשטיצן קאָלטשאַקן. „איצט, גענעראַל", האָט מאָריס אַ זאָג געטאָן, „וועט איר דאַרפן שטיצן קאָלטשאַקן."

גרעיווס האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט געקראָגן קיין שום ידיעה פון דעם קריג־דעפּאַרטמענט, וואָס זאָל אים באַפעלן צו שטיצן קאָלטשאַקן.

„דער סטעיט־דעפּאַרטמענט פירט אָן מיט דעם, ניט דער קריג־דעפּאַרט־מענט", האָט מאָריס געזאָגט.

„אָבער דער סטעיט־דעפּאַרטמענט", האָט גרעיווס געענטפערט, „פירט ניט אָן מיט מיר."

קאָלטשאַקס אַגענטן האָבן געלאָזט אין גאַנג אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע אונטערצוגראָבן גרעיווסעס רעפּוטאַציע און דערפירן דערצו, אַז מען זאָל אים צוריקרופן פון סיביר. ליגנס און פליאָטקעס זײַנען ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן, באַשרייבנדיק ווי אַזוי דער גענעראַל איז געוואָרן אַ „באָלשעוויק", און ווי אַזוי זײַנע סאָלדאַטן העלפן די „קאָמוניסטן". אַ היבשער טייל פון אָט־דער פּראָ־פּאַגאַנדע איז געווען אַנטיסעמיטיש. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער אויסצוג:

> די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן זײַנען אָנגעשטעקט מיט באָלשעוויזם. מערסטע פון זיי זײַנען אידן פון דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק, וועלכע רייצן תמיד אויף צו אויפשטאַנדן.

גענעראַל ריטשאַרד וואָרד, אַ מיטגליד פון בריטישן פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט געדינט אַלס קאָלטשאַקס פּאָליטישער ראַטגעבער, האָט עפנטלעך דער־קלערט, אַז בעת ער האָט באַזוכט די הויפּט־קוואַרטיר פון די אַמעריקאַנישע עקספּעדיציע־כחות, האָט ער געפונען, אַז „פון זעכציק פאַרמיטלונג־אָפיצירן און איבערזעצער, זײַנען איבער פופציק געווען רוסישע אידן!"

אייניקע פון גענעראַל גרעיווסעס אייגענע מענטשן האָבן געהאָלפן פאַר־שפּרייטן די זעלביקע פּראָפּאַגאַנדע. „דער אַמעריקאַנישער קאָנסול אין וולאַדי־וואָסטאָק", האָט גענעראַל גרעיווס אויפגעדעקט, „האָט יעדן טאָג טעלעגראַפירט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט, אָן שום אויסטייטשונגען, די ליגנערישע, פאַלשע און געמיינע אַרטיקלען, וועלכע זײַנען דערשינען אין דער וולאַדיוואָסטאָקער פּרעסע וועגן די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן. די דאָזיקע אַרטיקלען, ווי אויך די קריטיק פון די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, זײַנען געווען געבויט אַרום דער באַשולדיקונג אַז זיי זײַנען באָלשעוויסטיש. די באַ־שולדיקונג האָט ניט געקאָנט זײַן באַגרינדעט אויף וועלכער עס איז האַנדלונג פון די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן. . . . אָבער די באַשולדיקונג איז געווען די זעלביקע, וואָס קאָלטשאַקס פאַרערער, אײַנגעשלאָסן דעם גענעראַל־קאָנסול העריס, האָבן געמאַכט קעגן יעדן איינעם אין סיביר, וועלכער האָט ניט גע־שטיצט קאָלטשאַקן."

ווען די פאַרלוימדונג־קאַמפּאַניע האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, איז אין גענעראַל גרעיווסעס הויפּט־קוואַרטיר געקומען אַ ספּעציעלער שליח פון

גענעראַל איוואַנאָוו־רינאָוו, דער קאָמאַנדיר פון אַלע קאָלטשאַקישע כחות אין מזרח־סיביר. דער שליח האָט דערקלערט גענעראַל גרעיווסן, אַז אויב ער וועט ביישטייערן 20,000 דאָלער אַ חודש פאַר קאָלטשאַקס אַרמיי, וועט דאַן דער גענעראַל איוואַנאָוו־רינאָוו זען, אַז די פּראָפּאַגאַנדע קעגן גרעיווסן און זיינע סאָלדאַטן זאָל באַלד אָפּגעשטעלט ווערן.

דער נעמלעכער גענעראַל איוואַנאָוו־רינאָוו איז געווען איינער פון קאָל־טשאַקס ווילדסטע און סאַדיסטישסטע קאָמאַנדירן. זיינע סאָלדאַטן אין מזרח־סיביר פלעגן אויסשעכטן די גאַנצע מענער־באַפעלקערונג אין די יעניקע דערפער, וועלכע זיינען געווען אונטערן חשד, אַז זיי האָבן אויסבאַהאַלטן „באָל־שעוויקעס". ביי זיי איז עס געווען אַ געוויינלעכע זאַך צו פאַרגוואַלטיקן פרויען און זיי שמייסן מיט די אייזערנע ביקסן־רייניקער. זיי האָבן דערמאָרדעט אַלטע לייט, פרויען און קינדער.

אַ יונגער אַמעריקאַנישער אָפיציר, וועמען מען האָט געשיקט אויסצו־פאָרשן די שרעקלעכקייטן וועלכע איוואַנאָוו־רינאָוו איז באַגאַנגען, איז געוואָרן אַזוי צערודערט פון דעם וואָס ער האָט געזען, אַז באַלד ווי ער האָט געענדיקט זיין באַריכט צו גרעיווסן, האָט ער אויסגערופן: „גענעראַל, אין גאָטס ווילן בעט איך אייך, איר זאָלט מיר מער קיינמאָל ניט שיקן אויף אַזאַ שליחות! אַ האָר האָט געפעלט איך זאָל אַרונטעררייסן פון זיך דעם מונדיר, זיך אָנשליסן אָן אָט־די אומגליקלעכע מענטשן, און זיי העלפן לויט מיינע כחות!"

ווען אַן אַלגעמיינער אויפשטאַנד האָט געדראָט קעגן גענעראַל איוואַנאָוו־רינאָוו, איז סער טשאַרלס עליאָט, דער בריטישער הויך־קאָמיסיאַנער, אין איילעניש אַוועק צו גענעראַל גרעיווסן אויסצודריקן זיין שרעק וועגן דער זיכערקייט פון קאָלטשאַקס קאָמאַנדיר.

— אויף וויפיל עס איז געווענדט אין מיר, — האָט גענעראַל גרעיווס גאָליק אַ זאָג געטאָן צו סער טשאַרלס, — קאָן מען ברענגען איוואַנאָוו־רינאָוו אַהערצו, קעגנאיבער דער אַמעריקאַנישער הויפט־קוואַרטיר, און אים אויפהענגען אויף אָט־דעם טעלעפאָן־סלופּ ביז די נשמה וועט פון אים אַרויס — און קיין איינ־ציקער אַמעריקאַנער וועט ניט געבן קיין ריר מיט קיין האַנט!

בעת דעם זיך אַלץ מער פאַרשפּרייטנדיקן בירגער־קריג און אינטער־ווענציע אין סיביר און איבער גאַנץ רוסלאַנד, זיינען איבער אייראָפּע פאָר־געקומען איבערראַשנדיקע געשעענישן. דעם 9טן נאָוועמבער, 1918, האָבן זיך דייטשע מאַטראָסן צעבונטעוועט אין קיעל, דערהרגעט זייערע אָפיצירן און אַרויפגעצויגן די רויטע פאָן אויף די מאַסטן. מאַסן פרידן־דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען איבער גאַנץ דייטשלאַנד. אויפן מערב־פראָנט האָבן אַלי־אירטע און דייטשע סאָלדאַטן זיך אָנגעהויבן צו ברידערן אין „קיינעמס לאַנד".

די דייטשע הויך־קאָמאַנדע האָט געבעטן אַ וואָפנשטילשטאַנד. קייזער ווילהעלם דער צווייטער איז אַנטלאָפן קיין האָלאַנד, אָפּגעבנדיק זיין אימפּעריאַלע שווערד צו אַ דערשטויינטן יונגן האָלענדישן גרענעץ־וועכטער. דעם 11טן נאָוועמבער האָט מען דעם וואָפנשטילשטאַנד אונטערגעשריבן.

דער ערשטער וועלט־קריג האָט זיך געענדיקט.

קאַפּיטל 5

פרידן און קריג

1. דער פרידן אין מערב

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט פלוצלונג. ווי דער דייטשער אָפיציר, קאַפּיטאַן ערנסט רעהם האָט געזאָגט: „פרידן האָט אויסגעבראָכן.“ מען האָט איינגעשטעלט סאָוועטן אין בערלין, האַמבורג און אין גאַנץ באַוואַריע. אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע אין די גאַסן פון פּאַריז, לאָנדאָן און רוים. אַ רעוואָלוציע האָט אַרומגעכאַפּט אונגאַרן. די באַלקאַנען האָבן געזאָטן מיט דער אומצופרידנקייט פון די פּויערים. נאָך דער שרעקלעכער פיר־יאָריקער מלחמה, זיינען אויף אַלעמענס ליפּן געווען די לייזנ־שאַפּטלעכע שבועות: קיין שום מלחמות מער! נאָ מאָר וואָרס! ני ווידער קריג! זשאַמעי פּלו דע גער! נעווער עגעין!

„גאַנץ אייראָפּע איז איצט אָנגעפילט מיט דעם גייסט פון רעוואָלוציע“, האָט דעיוויד לאָיד דזשאָרדזש געזאָגט דער פּאַריזער פרידן־קאָנפערענץ אין זיין קאָנפידענציעלן מעמאָראַנדום פון מערץ 1919. „עס עקזיסטירט ביי די אַרבעטער אַ טיפער געפיל ניט בלויז פון אומצופרידנקייט, נאָר אויך פון כעס און רעוואָלט, קעגן די פאַר־מלחמהדיקע באַדינגונגען. די גאַנצע עקזיסטירנ־דיקע אָרדענונג, אין אירע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטע־נישן ווערט אָפּגעפרעגט פון די מאַסן פון איין עק אייראָפּע ביזן צווייטן.“

צוויי נעמען האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען פון די מאַסן און די שרעק פון די ווייניקע: לענין און ווילסאָן. אין מזרח האָט לענינס רעוואָלוציע פאַרניכטעט דעם צאַריזם און געעפנט אַ נייע עפּאָכע פאַר די אונטערדריקטע מיליאָנען פון עם אַלטן צאַרישן אימפּעריאַלן באַזיץ. אין מערב, האָבן וואודראָ ווילסאָנס איינפאַך־אויסגעדריקטע פערצן פּונקטן אויפגערודערט אַ יערונג פון דעמאָקראַטישע האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

ווען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין דעצעמבער 1918 אַרויפגעטראָטן אויף דער מיט בלוט־דורכגעזאַפּטער ערד פון אייראָפּע, האָט

אַ גליקזעליקער עולם זיך געיאָגט צו קושן זיינע הענט און צו וואַרפן בלומען פאַר זיינע פיס. דער פּרעזידענט פון דער נייער וועלט איז באַגריסט געוואָרן פון די פעלקער פון דער אַלטער וועלט אַלס „קעניג פון דער מענטשהייט", „רעטער", „פּרינץ פון פרידן". זיי האָבן געגלויבט, אַז דער דאָרער, הויכער פּראָפעסאָר פון פּרינסטאָן אוניווערזיטעט איז דער משיח, וואָס איז געקומען צו דערקלערן אַ נייע, גרויסע עפּאָכע.

צען מיליאָן מענער זיינען אומגעקומען אין קריג; צוואַנציק מיליאָן זיינען צעקאַליעטשעט און צעקריפּלט געוואָרן; דרייצן מיליאָן ציווילע מענטשן זיינען אומגעקומען פון הונגער און קראַנקהייטן; אַנדערע מיליאָנען האָבן אַרומגעוואַנדערט פאַרעמט און היימלאָז צווישן די רויכערדיקע חורבות פון אייראָפּע. אָבער איצט איז ענדלעך די מלחמה שוין געווען געענדיקט און די וועלט האָט זיך איינגעהערט צו ווערטער פון פרידן.

„מיין באַגריף פון דער פעלקער־ליגע איז בלויז דאָס — אַז זי זאָל אָפּערירן ווי אַן אָרגאַניזירטער מאָראַלער כח פון די מענטשן איבער גאָר דער וועלט", האָט וואודראָו ווילסאָן געזאָגט.*)

אין אָנהויב יאַנואַר 1919 האָבן זיך די גרויסע פיר — וואודראָו ווילסאָן, דעיוויד לאָיד דזשאָרדזש, זשאָרזש קלעמאַנסאָ און וויטאָריאָ אָרלאַנדאָ — אַוועקגעזעצט אין אַ קאָנפערענץ־צימער אין דער קעי ד'אָרסעי אין פּאַריז צו באַטראַכטן דעם וועלט־פרידן.

אָבער איין זעקסטל פון דער ערד איז ניט געווען פאַרטראָטן ביי אָט דער פרידן־קאָנפערענץ.

און אַפילו בעת די שאַפער פון פרידן האָבן געהאַלטן אין רעדן, האָבן צענדליקער טויזנטער אַליאירטע סאָלדאַטן געפירט אַ בלוטיקע, אומדערקלערטע מלחמה קעגן סאָוועטן־רוסלאַנד. זייט ביי זייט מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע „ווייסע" אַרמייען, וועלכע קאָלטשאַק און דעניקין האָבן אָנגעפירט, האָבן די אַליאירטע סאָלדאַטן געקעמפט קעגן דער יונגער רויטער אַרמיי אויף אַ ריזיק גרויסן שלאַכטפעלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון די פּוסטע אַרקטישע געגנטן ביז צום שוואַרצן ים, און פון די אוקראַאינישע ווייץ־פעלדער ביז די בערג און סטעפּעס פון סיביר.

---

*) אין זיין דערעפענונג-רעדע צו דער פּאַריזער פרידן-קאָנפערענץ, האָט וואודראָו ווילסאָן אויך געזאָגט: „עס עקזיסטירט אויך אַ שטימע, וואָס פאָדערט אָט-די קלאָרע דערקלערונג פון די פּרינציפּן און צילן, וועלכע, ווי עס שיינט מיר, איז אָנגענעמער און באַצווינגענדיקער ווי וועלכע עס איז פון די פיל רירנדיקע שטימען, מיט וועלכע די צעפּייניקטע לופט פון דער וועלט איז אָנגעפילט. דאָס איז די שטימע פונעם רוסישן פאָלק."

אַ ווילדע און פאַנטאַסטישע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבער אייראָפּע און אַמעריקע אין פרילינג פון 1919. דער „לאָנדאָן דעילי טעלעגראַף״ האָט געמאָלדן וועגן אַ „הערשאַפט פון טעראָר״ אין אָדעס, באַגלייט פון אַ „פרייע ליבע־וואָך״. די „ניו־יאָרק סאָן״ האָט געדרוקט נייעס אונטער אַ קאָפּ, וואָס האָט זיך געלייענט: „אַמעריקאַנער פאַרוואונדעטע צעקאַליעטשעט מיט העק פון די רויטע.״ די „ניו־יאָרק טיימס״ האָט באַ־ריכטעט: „רוסלאַנד אונטער די רויטע איז אַ משוגעים־הויז. . . . אַנטלאָפענע קרבנות דערציילן, אַז וואַנזיניקע שפּאַצירן אַרום קוויטשענדיק איבער די גאַסן פון מאָסקווע. . . . גשעלעגן מיט הינט איבער נבלות.״ די גאַנצע וועלט־פּרעסע, אַליאירטע און דייטשע באַגלייך, האָט פאַרעפנטלעכט געפעלשטע „וואָרהאַפטיקע דאָקומענטן״, צו באַווייזן, אַז אין רוסלאַנד ווערן „יונגע מיידלעך און פרויען פון די בורזשואַזע קלאַסן פאַרנומען און צוגעשטעלט אין די קאַזאַרמעס . . . פאַרן געברויך פון די אַרטילעריע־רעגימענטן!״

אמתע באַריכטן וועגן די באַדינגונגען אין רוסלאַנד — צי זיי זיינען געקומען פון זשורנאַליסטן, געהיים־אַגענטן, דיפּלאָמאַטן, אָדער אַפילו פון גענעראַלן אַזעלכע ווי דזשעקסאָן און גרעיווס — האָט מען אונטערדריקט אָדער איגנאָרירט. יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט אָפּצופרעגן אָט די אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע, האָט מען אויטאָמאַטיש דערקלערט פאַר אַ „באָלשעוויק״.

קוים צוויי חדשים נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד האָט אויסגעזען, אַז די אַלי־אירטע פירער האָבן שוין פאַרגעסן די צילן איבער וועלכע מען האָט געפירט די גרויסע מלחמה. די „געפאַר פון באָלשעוויזם״ האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט יעדע אַנדערע באַטראַכטונג. זי האָט אַפילו באַהערשט די פּאַריזער פרידן־קאָנפערענץ.

מאַרשאַל פאָש, פראַנצויזישער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַליאירטע אַר־מייען, האָט זיך באַוויזן אויף אַ געהיימער זיצונג פון דער פרידן־קאָנפערענץ, צו פאָדערן אַ גיכן אויסגלייך מיט די דייטשן, כדי די אַליאירטע זאָלן קאָנען אַ וואָרף טאָן זייערע פאַראייניקטע כחות קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. דער פראַנ־צויזישער מאַרשאַל האָט אַפּעלירט לטובת פראַנקרייכס טויטלעכן שונא, דייטשלאַנד.

„די איצטיקע שווערע לאַגע פון דער דייטשער רעגירונג איז גוט באַ־וואוסט״, האָט פאָש געזאָגט. „אין מאַנהיים, קאַרלסרוע, באַדען און דיסלדאָרף פאַרשפּרייט זיך שנעל די סאָוועטישע באַוועגונג. דייטשלאַנד וועט דעריבער אין איצטיקן מאָמענט אָננעמען וואָס פאַר אַ באַדינגונגען די אַליאירטע זאָלן פון איר ניט פאָדערן. די דייטשע רעגירונג פאַרלאַנגט בלויז פרידן. דאָס

איז די איינציקע זאַך, וואָס וועט באַפרידיקן דאָס פאָלק און מעגלעך מאַכן פאַר דער רעגירונג צו באַהערשן די סיטואַציע."

כדי צו אונטערדריקן די דייטשע רעוואָלוציע, האָט מען דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב דערלויבט אָנצוהאַלטן אַן אַרמיי פון 100,000 אָפיצירן און סאָלדאַטן, ווי אויך דעם אַזוי־גערופענעם „שוואַרצן רייכסווער", וועלכער איז באַשטאַנען פון העכסט־מושטירטע און באַאיינפלוסטע סאָלדאַטן אין דייטש־לאַנד. און ווי אַ צוגאָב דערצו איז דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב אויך דער־לויבט געוואָרן צו סובסידירן אונטערערדישע נאַציאָנאַליסטישע ליגעס און טעראָר־פאַראיינען, צו מאָרדן, פייניקן און אָנשרעקן די רעוואָלטירנדיקע דייטשע דעמאָקראַטן. דאָס אַלץ האָט מען געטאָן אין נאָמען פון „ראַטעווען דייטשלאַנד פונעם באָלשעוויזם".*)

---

*) די סיבה, פאַרוואָס די אַליאירטע אַרמייען האָבן ניט מאַרשירט אויף בערלין אין 1918 און אויף שטענדיק ניט אַנטוואָפנט דעם דייטשן מיליטאַריזם, איז געווען די מורא פון די אַליאירטע פאַר באָלשעוויזם, וואָס די דייטשע פּאָליטיקער האָבן געשיקט אויסגענוצט. דער אַליאירטער הויפּט־קאָמאַנדיר, מאַרשאַל פאָש, האָט אין זיינע נאָך־מלחמהדיקע זכרונות אויפגעדעקט, אַז שוין גלייך אין אָנהויב פון די פרידן־פאַר־האַנדלונגען האָבן די דייטשע פאָרשטייער כסדר זיך פאַררופן אויף דער „געפאַר פון באָלשעוויסטישער אַריינדרינגונג אין דייטשלאַנד", אַלס אַ מיטל צו פאַרזיכערן גינסטיקע פרידן־באַדינגונגען פאַר דייטשלאַנד. גענעראַל ווילסאָן פון בריטישן גענע־ראַל־שטאַב האָט דעם 9טן נאָוועמבער, 1918, צוויי טעג איידער דער וואָפן־שטילשטאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן, פאַרצייכנט אין זיין „מלחמה טאָג־בוך": „זיצונג פון קאַבינעט היינט אָוונט, פון 6:30 ביז 8:00 אַזייגער. לאָיד דזשאָרדזש האָט גע־לייענט צוויי טעלעגראַמעס פונעם טיגער (קלעמאַנסאָ), אין וועלכע ער האָט באַשריבן די באַגעגענישן וואָס פאָש האָט געהאַט מיט די דייטשן. דער טיגער שרעקט זיך, אַז דייטשלאַנד וועט צוזאַמענברעכן און אַז באָלשעוויזם וועט איבערנעמען דעם קאָנטראָל. לאָיד דזשאָרדזש האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל אַז דאָס זאָל פּאַסירן אָדער צי וויל איך ניט בעסער אַ וואָפן־שטילשטאַנד. אָן שום וואַקלענישן האָב איך געענטפערט: 'וואָפן־שטילשטאַנד'. דער גאַנצער קאַבינעט האָט מיט מיר איינגעשטימט. פאַר אונדז איז די אמתע געפאַר שוין מער ניט געווען דייטשלאַנד, נאָר באָלשעוויזם." אָבער אין אַ קלאָרערן מאָמענט האָט קלעמאַנסאָ גופא געוואָרנט די פּאַריזער פרידן־קאָנ־פערענץ, אַז „אַנטי־באָלשעוויזם" איז אַ זאַך, וואָס דער דייטשער גענעראַל־שטאַב נוצט אויס צו צעטומלען די אַליאירטע און צו ראַטעווען דעם דייטשן מיליטאַריזם. „די דייטשן נוצן אויס באָלשעוויזם", האָט קלעמאַנסאָ געזאָגט אין 1919, „אַלס אַ סטראַשידלע מיט וועלכער צו דערשרעקן די אַליאירטע." פונדעסטוועגן, אונטערן איינפלוס פון פאָש, פּעיטען, וועיגאַן און אַנדערע, האָט דער טיגער פאַרגעסן זיין אייגענע וואָרנונג און זיך אונטערגעגעבן דער אַנטי־באָלשעוויסטישער היסטעריע, וועלכע האָט אינגיכן פּאַראַליזירט יעדן קלאָרן געדאַנק און יעדע דעמאָקראַטישע האַנדלונג מצד די אַליאירטע פרידן־שאַפער.

גענעראַל מאַקס האָפמאַן, געוועזענער קאָמאַנדיר פון די דייטשע אַרמייען אויפן מזרח־פראָנט און דער „העלד" פון ברעסט־ליטאָווסק, האָט פאַרגעשלאָגן זיין ערשט־געוועזענעם שונא, מאַרשאַל פאָש, אַ פּלאַן, לויט וועלכן די דייטשע אַרמיי זאָל מאַרשירן אויף מאָסקווע און פאַרניכטן דעם באָלשעוויזם „ביים סאַמע וואָרצל". פאָש האָט גוטגעהייסן דעם פּלאַן, אָבער פאָרגעשלאָגן, אַז די פראַנצויזישע אַרמיי, אַנשטאָט דער דייטשער, זאָל זיין בראש פון אָט דער אַטאַקע. פאָש האָט געוואָלט מאָביליזירן גאַנץ מזרח־אייראָפּע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

„אין איצטיקן מאָמענט הערשן אין רוסלאַנד באָלשעוויזם און פול־שטענדיקע אַנאַרכיע", האָט פאָש געזאָגט דער פּאַריזער פרידן־קאָנפערענץ. „מיין פּלאַן וואָלט געווען, אַז מען זאָל אָפּפּטרן אַלע וויכטיקע פראַגעס פון דער מערב־זייט, וואָס שטייען פאַר אונדז, כדי צו דערמעגלעכן די אַליאירטע אויס־צונוצן אַלע כחות, וועלכע וועלן דורך דעם געשאַפן ווערן, צו לייזן די מזרח־פראַגע. . . . די פוילישע סאָלדאַטן, אויב מען זאָל זיי באַקרעפטיקן מיט מאָדערנער אויסשטאַטונג און קריג־מאַשינען, וועלן קאָנען גאַנץ גוט זיך שטעלן קעגן די רוסן. עס וועט זיך נויטיקן אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן, אָבער מען וועט זיי קאָנען קריגן דורך מאָביליזירן די פינלענדער, פּאָליאַקן, טשעכן, רומענער און גריכן, ווי אויך די פּראָ־אַליאירטע רוסישע עלעמענטן, וואָס מען קען געפינען. . . . אויב מען וועט דאָס טאָן, וועט דאָס יאָר 1919 נאָך זען דעם סוף פון באָלשעוויזם!"

וואודראָו ווילסאָן האָט געוואָלט באַהאַנדלען רוסלאַנד יושרדיק. דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט איינגעזען די לעכערלעכקייט פון רעדן וועגן וועלט־פרידן, בעת אַ זעקסטל פון דער וועלט איז אויסגעשלאָסן פון די פאַרהאַנדלונגען. ווילסאָן האָט פאָרלאַנגט פון דער פרידן־קאָנפערענץ איינצולאַדן רוסישע דעלעגאַטן וואָס זאָלן זיצן צוזאַמען מיט די אַליאירטע אין אַ פאַרזוך צו דערגרייכן אַ פרידלעכע פאַרשטענדיקונג. ווידעראַמאָל און אָבער־אַמאָל האָט ווילסאָן איבערגעחזרט אָט־דעם געדאַנק, שטרעבנדיק צו פאַרטרייבן פון די מוחות פון די פרידן־שאַפער דעם געשפּענסט פון באָלשעוויזם.

„איבער דער גאַנצער וועלט עקזיסטירט אַ געפיל פון רעוואָלט קעגן די מעכטיקע באַפעסטיקטע אינטערעסן, וועלכע באַאיינפלוסן די וועלט סיי אויפן עקאָנאָמישן און סיי אויפן פּאָליטישן געביט", האָט ווילסאָן געוואָרנט דעם ראַט פון צען ביי איינער פון די געהיימע פרידן־זיצונגען אין פּאַריז. „דער מעטאָד אויסצוהיילן אָט־דאָס געפיל איז, לויט מיין מיינונג, כסדרדיקע דיסקוסיעס און אַ געלאַסענער רעפאָרם־פּראָצעס; די גאַנצע וועלט אָבער איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק מיט אָפּלייגן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען

פאַראַן מענטשן מיט די פיינסטע געפילן, אויב ניט מיט דעם פיינסטן פאַר־שטאַנד, וועלכע סימפּאַטיזירן מיטן באָלשעוויזם, ווייל דאָס שיינט פאַר זיי צו זיין דער רעזשים פון מעגלעכקייטן פאַרן יחיד, אַ זאַך וואָס זיי שטרעבן צו דערגרייכן.״

וואודראָו ווילסאָן איז אָבער געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וועלכע זיינען געווען אַנטשלאָסן אום יעדן פּרייז איבערצולאָזן דעם סטאַטוס קוואָ. געבונדן פון זייערע געהיימע אימפּעריאַליסטישע און האַנדלס־אָפּמאַכן, האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך געקליגט איבערצוכיטרעווען, סאַבאָטאַזשירן און צו־נישט־מאַכן ווילסאָנען אויף יעדן טראָט. עס זיינען געווען אַנגעצויגענע מאָ־מענטן, ווען ווילסאָן האָט רעבעלירט און געדראָט צו גיין דירעקט צום פאָלק מיט זיינע געדאַנקען, איבער די קעפּ פון די פּאָליטיקער און מיליטאַריסטן.

ווילסאָן האָט געהאַט פּלאַנירט צו האַלטן אַ סענסאַציאָנעלע רעדע אין רוים, פון באַלקאָן פון דעם ווענעציע־פּאַלאַץ, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום גרויסן סקווער, פון וועלכן בעניטאָ מוסאָליני האָט בלויז מיט צוויי יאָר שפּעטער אַדרע־סירט זיינע שוואַרץ־העמדלדיקע. אויס מורא פאַר דעם איינדרוק, וואָס וויל־סאָנס רעדע קאָן מאַכן אויף די רוימישע מאַסן, האָבן די איטאַליענישע מאָנאַרכיסטן ניט דערלאָזט דעם עולם זיך צונויפצוקלייבן אויפן סקוועראון צעטריבן די דעמאָנסטראַציע, אונטערן אויסרייד, אַז זי איז דערמוטיקט געוואָרן דורך די „באָלשעוויקעס״. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, וואו וויל־סאָן האָט געוואָרט ביי זיין האָטעל־פענצטער אַ גאַנצן אינדערפרי, כדי צו האַלטן זיין פאַרשפּראָכענע רעדע צו די פּאַריזער אַרבעטער. ער האָט ניט געוואוסט, אַז מען האָט אַרויסגערופן די פראַנצויזישע פּאָליציי און סאָלדאַטן ניט צו דערלאָזן די אַרבעטער צוצוקומען צו זיין האָטעל.

וואו נאָר ווילסאָן איז געפאָרן אין איראָפּע, האָט מען אים אַרומגערינגלט מיט געהיימ־אַגענטן און פּראָפּאַגאַנדיסטן; הינטער זיינע פּלייצעס איז אָנ־געגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע אינטריגע.

יעדע איינע פון די אַליאירטע מלוכות האָט געהאַט איר אייגענעם שפּיאָ־נאַזש־אַפּאַראַט, צו באַנוצן אים ביי דער פרידן־קאָנפערענץ. די אַמעריקאַנישע מיליטערישע געהיימ־דינסט האָט אויף נומער 4 פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד אין פּאַריז איינגעשטעלט אַ ספּעציעלן שיפער־צימער, וואו גוט־געשולטע אָפיצירן און פאַרזיכטיק־געקליבענע אַנגעשטעלטע האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט צו דעשיפרירן און איבערצוזעצן די געהיימע מעלדונגען פון די אַנדערע מלוכות. דאָס דאָזיקע שיפער־צימער איז געווען אונטערן אויפזיכט פון מאַיאָר הערבערט אָ. יאַרדלי, וועלכער האָט שפּעטער, אין זיין בוך „דער אַמעריקאַנישער שוואַרצער קאַמער״ אויפגעדעקט, ווי אַזוי מען האָט פון פרעזי־

דענט ווילסאָנען בכיוון צוריקגעהאַלטן די ערשט־האַנטיקע באַריכטן פון די אַמעריקאַנישע אַגענטן אין אייראָפּע, וועלכע האָבן דערציילט וועגן דעם ווירקלעכן צושטאַנד פון דער לאַגע, בשעת אין זיינע אויערן האָט כסדר אַריינגעשטראָמט די שרעקלעכע און פאַנטאַסטישע אַנטי־באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

פון צייט צו צייט האָט מאַיאָר יאַרדלי איבערגעכאַפּט און דעשיפרירט געהיימע מעלדונגען בנוגע פּלענער צו סאַבאָטאַזשירן ווילסאָנס פּאָליסיס. ביי איין געלעגנהייט האָט ער אַפילו דעשיפרירט אַ מעלדונג פון אַ מער־איבערראַשנדיקן פאַרברעכערישן כאַראַקטער. מאַיאָר יאַרדלי האָט געשריבן:

. . . דער לייענער קאָן גוט פאַרשטיין ווי צעטרייסלט איך בין געוואָרן ווען איך האָב דעשיפרירט אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער מען האָט געמאָלדן וועגן אַ פאַרשווערונג פון דער אַנטאַנט [דייטשלאַנדס צד, אין קעגנזאַץ צו די אַליאירטע — איבערזעצער] צו דערמאָרדן פּרעזידענט ווילסאָנען דורך איינגעבן אים אַ לאַנגזאַמען סם, אָדער דורך געבן אים די אינפלוענציע דורך אייז. אונדזער אינפאָרמירער, אין וועמען מיר האָבן געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, האָט געבעטן די אויטאָריטעטן, אַז זיי זאָלן אין גאַטס ווילן וואָרענען דעם פּרעזידענט. איך קאָן בשום אופן ניט אויסגעפינען, צי אָט־די פאַרשווערונג האָט טאַקע עקזיסטירט. און אויב יאָ, צי זי איז געלונגען. אָבער אָט זיינען די אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן: די ערשטע סימנים פון פּרעזידענט ווילסאָנס קראַנקהייט האָבן זיך באַוויזן בעת ער איז נאָך געווען אין פּאַריז, און ער איז אינגיכן געשטאָרבן מיט אַ לאַנגזאַמען טויט.

2. ביי דער פרידן־קאָנפערענץ

ביי די ערשטע זיצונגען פון דער פּאַריזער פרידן־קאָנפערענץ האָט פּרעזידענט ווילסאָן געפונען אַן אומדערוואַרטעטן פאַרבינדעטן אין זיין פאַרזוך צו זען, אַז מען זאָל רוסלאַנד יושרדיק באַהאַנדלען. דער פּרעמיער פון גרויס־בריטאַניע, דעיווויד לאָיד דזשאָרדזש, איז צו הילף געקומען ווילסאָנען מיט אַ ריי שאַרפע אַטאַקעס אויף די אַנטי־סאָוועטישע פּלענער פון מאַרשאַל פאָש און דעם פראַנצויזישן פּרעמיער קלעמאַנסאָ.

— די דייטשן, — האָט לאָיד דזשאָרדזש דערקלערט, — זיינען געצוואונגען געווען צו האַלטן אַרום אַ מיליאָן מענטשן צו היטן עטלעכע רוסישע פּראָווינצן,

וואָס זיינען קוים אַ ברעג פון גאַנצן לאַנד, בשעת זיי האָבן זיך געגוויטיקט אין יעדן מעגלעכן סאָלדאַט פאַר זייער אַטאַקע אויפן מערב־פראָנט. און נאָך מער: אין יענער צייט איז דער באָלשעוויזם נאָך געווען זייער שוואַך און דעזאָרגאַני־זירט. איצט איז ער שטאַרק און פאַרמאָגט אַ מעכטיקע אַרמיי. איז ווער עס איז פון די אַליאירטע גרייט אַריינצושיקן אַ מיליאָן מענטשן קיין רוסלאַנד? אויב איך וואָלט פאָרגעשלאָגן צו שיקן בלויז נאָך איין טויזנט סאָלדאַטן קיין רוסלאַנד פאַר דעם צוועק, וואָלט די אַרמיי זיך צעבונטעוועט! דאָס זעלביקע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן אין סיביר; און פונקט אַזוי אויך וועגן די קאַנאַדער און פראַנצויזן. דער בלויזער געדאַנק צו צע־שמעטערן דעם באָלשעוויזם מיט מיליטערישן כח איז הוילע משוגעת. און אַפילו אויב מיר גיבן צו, אַז מען קאָן דאָס יאָ טאָן, איז ווער־זשע וועט דאַן אָקופּירן רוסלאַנד?

אין קעגנזאַץ צו ווילסאָנען, איז דער בריטישער פּרעמיער ניט געווען באַווירקט פון אידעאַליסטישע אַנשויאונגען. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַ רעוואָלוציע אין אייראָפּע און אין אַזיע; און, ווי אַן אַלטער פּאָליטיקער, איז דער וועלשלענדער „פוקס" געווען זייער סענסיטיוו צו דער עפנטלעכער שטי־מונג אין ענגלאַנד, וואָס איז געווען דורכאויס קעגן ווייטערדיקער אינטער־ווענציע אין רוסלאַנד. עס איז אָבער געווען נאָך אַ וויכטיקערע סיבה פאַר שטעלן זיך קעגן די פּלענער פון מאַרשאַל פאָש. סער הענרי ווילסאָן, דער הויפּט פון בריטישן שטאַב, האָט אין אַ געהיימען באַריכט צום קריגס־קאַבינעט זיך אויסגעדריקט, אַז דער איינציקער וועג פאַר ענגלאַנד איז: „אַרויסצוציען אונדזערע סאָלדאַטן פון אייראָפּע און פון רוסלאַנד, כדי צו קאָנצענטרירן אַלע אונדזערע כחות אין אונדזערע קומענדיקע שטורעם־צענטערן, ענגלאַנד, איר־לאַנד, עגיפּטן, אינדיע." לאָיד דזשאָרדזש האָט מורא געהאַט, אַז פאָש און קלעמאַנסאָ וועלן מאַכן אַ פאַרזוך צו עטאַבלירן פראַנצויזישע העגעמאָניע אין רוסלאַנד, בעת ענגלאַנד וועט זיין פאַרנומען ערגעץ אַנדערש.

אַזוי־אַרום האָט דער כיטרער בריטישער פּרעמיער, גלויבנדיק, אַז דורך דעם וואָס ער וועט רוסלאַנד צו־רו לאָזן אויף אַ ווייל וועט ער באַקומען וואָס ער וויל, געשטיצט דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין זיין פאָרלאַנג צו באַהאַנדלען די באָלשעוויקעס יושרדיק. ביי די געהיימע זיצונגען פון דער פּאַריזער פרידן־קאָנפערענץ האָט לאָיד דזשאָרדזש אָפן גערעדט:

— די פּויערים האָבן אָנגענומען באָלשעוויזם פאַר די זעלביקע סיבות וואָס די פּויערים האָבן עס אָנגענומען אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; נעמלעך, ווייל דאָס האָט זיי געגעבן ערד, — האָט לאָיד דזשאָרדזש דערקלערט. — די באָלשעוויקעס זיינען די פאַקטישע רעגירונג. פריער האָבן מיר געהאַט

אָנערקענט דעם צאַרס רעגירונג, כאָטש מיר האָבן בעת דעם געוואוסט, אַז זי איז דורך און דורך צעפּוילט. די אורזאַך דערפון איז געווען, ווייל זי איז געווען די פּאַקטישע רעגירונג. . . . מיר זאָגן זיך אָבער אָפּ צו אָנערקענען די באָלשעוויקעס! צו זאָגן, אַז מיר גופא דאַרפן אויסקלייבן די פּאַרטרעטער פון אַ גרויס פּאָלק, איז קעגן די פּרינציפּן, פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפּט.

פּרעזידענט ווילסאָן האָט דערקלערט, אַז ער קאָן ניט איינזען ווי אַזוי מען קאָן אויסזעצן קעגן דעם וואָס לאָיד דזשאָרדזש האָט געזאָגט. ער האָט פּאָרגעשלאָגן צו פאַררופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ אויפן פּרינקיפּאָ־אינדזל, אָדער אָן אַנדער פּלאַץ, „וואָס איז לייכט צו דערגרייכן“, כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון פרידן אין רוסלאַנד. אין די אינטערעסן פון אומפּאַרטייאישקייט זאָלן איינגעלאַדן ווערן סיי די סאָוועטן־רעגירונג און סיי די ווייסע, אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס.

דער פראַנצויזישער „טיגער“, זשאָרזש קלעמאַנסאָ, דער פּאָרשטייער פון די פראַנצויזישע באַזיצער פון צאַרישע ווערט־פּאַפּירן און פון גענעראַל־שטאַב, האָט זיך אויפגעשטעלט אָפּצוענטפערן אין נאָמען פון די אָנהענגער פון אינטערווענציע. קלעמאַנסאָ האָט געוואוסט, אַז לאָיד דזשאָרדזשעס כיטרע פּאָליטיק וועט ניט געשטיצט ווערן פון די ענגלישע הערשנדיקע קלאַסן, וואו די מיליטאַריסטן און די שפּיאָנאַזש־דינסט האָבן זיך שוין געהאַט פאַרפּליכטעט צו אַן אַנטי־סאָוועטישער מלחמה. אין דער זעלביקער צייט האָט קלעמאַנסאָ געהאַלטן פאַר נויטיק — צוליב ווילסאָנען — צו צעשמעטערן לאָיד דזשאָרדזשעס אַרגומענטן מיט אַ שטאַרקער דערקלערונג וועגן דער געפאַר פון באָלשעוויזם.

— אין פּרינציפּ, — האָט קלעמאַנסאָ אָנגעפאַנגען, — בין איך קעגן דעם, אַז מען זאָל פירן פאַרהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען פאַרברעכער, נאָר ווייל מיר וואָלטן זיי געשטעלט אויף דער זעלבער הויך ווי מיר, דורך אָנערקענען אַז זיי זיינען ווערט אָפּצוהאַלטן שמועסן מיט אונדז. דער בריטישער פּרעמיער און דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — אויב עס וועט דעם פראַנצויזישן פּרעמיער דערלויבט זיין דאָס צו זאָגן — האָבן אָנגענומען אַ צו אַקאַדעמישן און אידעאַליסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע פון באָלשעוויזם. די באָלשעוויסטישע געפאַר איז זייער גרויס אין איצטיקן מאָמענט, — האָט קלעמאַנסאָ דערקלערט. — באָלשעוויזם פאַרשפּרייט זיך. ער איז שוין אַריינגעדרונגען אין די באַלטישע פּראָווינצן און אין פּוילן, און היינט אינדערפרי האָבן מיר באַקומען די שלעכטע נייעס וועגן זיין אויסשפּרייטונג ביז בודאַפּעסט און ווין. אויך איטאַליע איז אין געפאַר. די געפאַר איז מעגלעך גרעסער דאָרט ווי אין פראַנקרייך. אויב דער באָלשעוויזם, נאָך זיין פאַרשפּרייטן זיך אין דייטשלאַנד, זאָל דורכגיין עסטרייך און אונגאַרן און

גרייכן איטאַליע, וועט אייראָפּע דאַן שטיין פּנים אל פּנים מיט זייער אַ גרויסער געפאַר. דערפאַר מוז מען גלייך עפּעס טאָן קעגן באָלשעוויזם!

קלעמאַנסאָ האָט זיך ניט פאַרלאָזט בלויז אויף זיין פיין־רעדנערײ. ער האָט געבעטן די דערלויבעניש פאַרצושטעלן „עקספּערטן" אויף דעם געביט פון באָלשעוויזם. דער ערשטער פון זיי איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר נולענס, דער אַמאָליקער פריינט פון אַמבאַסאַדאָר פרענסיס אין פּעטראָגראַד און דער הויפּט־פירער פון די אַנטי־סאָוועטישע אינטריגעס אין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. מען האָט פאַרגעשטעלט נולענסן פאַר ווילסאָנען און לאָיד דזשאָרדזשן.

— איך וועל זיך האַלטן בלויז ביי פאַקטן, — האָט אַמבאַסאַדאָר נולענס געזאָגט און תיכף זיך אַ צעלאָזט געטאָן מיט שטוינענדיקע געשיכטעס וועגן „באָלשעוויסטישע גרויזאַמקייטן".

— ניט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען האָט מען דערשאָסן, — האָט נולענס געזאָגט. — אומעטום זיינען פאָרגעקומען גרוילטאַטן, דערטרינקעניש, פאַלן פון אָפּשניידן נעזער און צונגען, צעקאָליעטשעניש, באַגראָבעניש פון לעבעדיקע מענטשן, פאַלשע דערשיסונגען, פאַרגוואַלטיקונגען און רויבעריען.

נולענס האָט איבערגעחזרט די פיבערהאַפטע רכילותן פון דעם אַנטי־סאָוועטישן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און פון די צאַרישע ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן: „אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון פּראָפעסיאָנעלע פייניקער ווערט אויפגעהאַלטן אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווער פעסטונג. . . . די באָלשעוויסטישע אַרמיי איז גיכער אַ המון איידער אַן אַרמיי!"

— און דאַן האָבן מיר נאָך דעם פאַל פון קאַפּיטאַן קראָמיע, דער בריטישער פלאָטן־אַטאַשע, — האָט נולענס פאַרגעזעצט, — ווען מען האָט דערמאָרדעט ביים פאַרטיידיקן די בריטישע אַמבאַסאַדע, און וועמעס קערפּער איז געווען אויסגעשטעלט דריי טעג צייט אין פענצטער פון דער אַמבאַסאַדע! טעראָר, מאַסן־מערדעריי, צעלאָזנקייט, קאָרופּציע, פולשטענדיקע פאַראַכטונג פאַר די עליאירטע — דאָס זיינען די פּראָמינענטע שטריכן פון סאָוועטישן רעזשים.

— און צום סוף, — האָט אַמבאַסאַדאָר נולענס צוגעגעבן, — וויל איך נאָך אונטערשטרייכן, אַז די באָלשעוויסטישע רעגירונג איז באַשטימט אימפּעריאַליסטיש. זי וויל פאַרכאַפּן די וועלט און ניט שליסן קיין שלום מיט קיין שום רעגירונג!

ניט געקוקט אָבער אויף נולענסעס אַלע באַמיאונגען, איז דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ניט שטאַרק באַווירקט געוואָרן. בלויז מיט עטלעכע טעג פריער האָט אַ ספּעציעלער אַמעריקאַנישער אַגענט, וו. ה. באַקלער, אויף ווילסאָנס פאַרלאַנג, געהאַט אַ פאַרטרוילעכן שמועס מיט מאַקסים ליטווינאָוו פון דער סאָוועטן־רעגירונג. אין אַ באַריכט, וואָס איז דאַטירט

דעם 18טן יאַנואַר, 1919, האָט באַקלער אינפאָרמירט פּרעזידענט ווילסאָנען:

ליטווינאָוו האָט דערקלערט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַ שטענדיקן פרידן. . . . זיי האָבן טיף די מיליטערישע צוגרייטונגען און קאָסטבאַרע קאַמפּאַניעס, וועלכע ווערן איצט אַרויפגעצוואונגען אויף רוסלאַנד נאָך פיר יאָר פון דעם אויסמאַטערנדיקן קריג, און זיי ווילן אויסגעפינען צי די פאַראייניקטע שטאַטן און די אַליאירטע האָבן אַ פאַרלאַנג פאַר פרידן.

אויב דאָס איז דער פאַל, קאָן מען לייכט פאַרהאַנדלען וועגן פרידן, ווייל לויט ליטווינאָוון איז די סאָוועטן־רעגירונג גרייט איינצוגיין אויף הנחות אין אַלע פראַגן, איינגעשלאָסן די פאַרזיכערונג פון אויסלענדישע אונטערנעמונגען, אַרויסגעבן נייע קאָנצעסיעס אין רוסלאַנד און דעם רוסישן אויסלענדישן חוב. . . . עס איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז אין אַ שטימונג צו קומען צו אַן אויסגלייך.

. . . אויף אַזוי ווייט ווי די פעלקער־ליגע קאָן פאַרמיידן מלחמות, ניט דערמוטיקנדיק די רעאַקציע, קאָן זי דערוואַרטן הילף פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

באַקלער האָט צוגעגעבן, אַז עס זיינען פאַראַן געוויסע עלעמענטן אין די באַלשעוויסטישע רייען, וועלכע זיינען שטאַרק קעגן דער פרידן־פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־רעגירונג. די דאָזיקע אָפּאָזיציע־עלעמענטן, האָט באַקלער באַמערקט, „האָפן אויף אַן אַקטיווער אינטערווענציע פון די אַליאירטע" און „די פאָרזעצונג פון דער אינטערווענציע שפּילט אַריין אין די הענט פון אָט־די עקסטרעמיסטן", האָט ער געוואָרנט.

עס האָט אויסגעזען ווי וואודראָו ווילסאָנס פרידן־פּלאַן, געשטיצט פון לאָיד דזשאָרדזשן, וועט דורכגיין, ניט געקוקט אויף קלעמאַנסאָן און פאָשן. ווילסאָן האָט אָנגעשריבן אַ נאָטע, אָנוואַרפנדיק די באַדינגונגען פון זיין פאָרשלאַג, און זי געשיקט צו דער סאָוועטן־רעגירונג און צו די פאַרשיידענע ווייס־גוואַרדייאישע גרופּעס. די סאָוועטן־רעגירונג האָט תיכף אָנגענומען ווילסאָנס פּלאַן און זיך געגרייט צו שיקן דעלעגאַטן צום פרינקיפּאָ־אינדזל. אָבער, ווי ווינסטאָן טשוירטשיל האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, „דער מאָמענט איז ניט געווען גינסטיק" פאַר פרידן אין רוסלאַנד. די מערהייט פון די אַליאירטע פירער זיינען געווען איבערצייגט, אַז מען וועט דעם סאָוועטן־רעזשים באַלד אַרונטערוואַרפן. אויף דער געהיימער עצה פון זייערע אַליאירטע אונטערשטיצער, האָבן די ווייס־גוואַרדייאישע גרופּעס אָפּגעזאָגט זיך צו באַגעגענען מיט סאָוועטישע דעלעגאַטן אין פרינקיפּאָ.

די שטימונג ביי דער פרידן־קאָנפערענץ האָט זיך געביטן. לאָיד דזשאָרדזש, באַגרייפנדיק אַז ער האָט גאָרניט אויפגעטאָן, האָט זיך פּלוצים אומגעקערט קיין לאָנדאָן. אויף זיין פּלאַץ איז קיין פּאַריז אין גיכן אָוועק ווינסטאָן טשוירטשיל, דער יונגער בריטישער מיניסטער פון קריג און אַוויאַציע, פאָרצובריינגען דעם צד פון די אַנטי־באָלשעוויסטישע עלעמענטן.*)

עס איז געווען דעם 14טן פעברואַר, 1919, אַ טאָג איידער ווילסאָן האָט זיך געדאַרפט אומקערן קיין אַמעריקע צו באַגעגענען זיך מיט דעם איזאָלאַציאָניסטישן בלאָק פון קאָנגרעס, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון סענאַטאָר לאַדזש, און וועלכער האָט אונטערגעגראָבן ווילסאָנס יעדן פאַרזוך צו באַשאַפן אַ סיסטעם פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע און זיכערקייט. ווילסאָן האָט געוואוסט, אַז ער איז דורכגעפאַלן אין אייראָפּע און האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט אפשר אויך דורכפאַלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען אַנטוישט, מיד און שטאַרק אַנטמוטיקט.

ווינסטאָן טשוירטשיל איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט דורך

---

*) אין יענער צייט, און אויך אַ לאַנגע צייט שפּעטער, איז ווינסטאָן טשוירטשיל געווען דער פירנדיקער פאָרשטייער פון דעם בריטישן טאָרישן אַנטי־סאָוועטיזם. טשוירטשיל האָט זיך געשראָקן, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן זאָלן זיך ניט פאַרשפּרייטן איבער די מזרחדיקע טיילן פון דער בריטישער אימפּעריע.

רענעי קראַוס, אין זיין ביאָגראַפיע, „ווינסטאָן טשוירטשיל", שרייבט: „די גרויסע פינף אין פּאַריז האָבן באַשלאָסן צו שטיצן די ווייס־גוואַרדייאישע קאָנטער־רעוואָלוציע. טשוירטשילן האָט מען אָנפאַרטרויט מיט דער דורכפירונג פון אַן אַקציע, פאַר וועלכער ער איז ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. מען קאָן אָבער ניט אָפּלייקענען, אַז אַזוי גיך ווי מען האָט נאָר געמאַכט דעם באַשלוס, איז ער געווען פייער און פלאַם דאָס דורכצופירן. . . . צוזאַמען מיטן הויפּט פון שטאַב, סער הענרי ווילסאָן, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם צו באַוואָפענען און אויסצושטאַטן די פאַרשיידענע ווייסע אַרמייען מיט די זאַפּאַסן פון די פאַרבליבענע קריג־סקלאַדן, און צו העלפן זיי מיט עקספּערטן אָפיצירן און לערער."

נאָכדעם ווי אַדאָלף היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט טשוירטשיל איינגעזען, אַז דער נאַציזם איז די אמתע געפאַר פאַר די בריטישע אינטערעסן אין אייראָפּע און איבער דער וועלט. אָן שום וואַקלענישן האָט טשוירטשיל געביטן זיין שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד און גענומען רופן צו אַ בונד צווישן גרויס־בריטאַניע, פראַנקרייך און סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון דייטשער אַגרעסיע. אין 1941, ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט זיך אַריינגעריסן אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז טשוירטשילס שטימע געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך געווענדט צו דער וועלט מיט דער דערקלערונג, אַז רוסלאַנדס קאַמף איז דער קאַמף פון אַלע פרייע פעלקער און אַז זי וועט באַקומען די שטיצע פון ענגלאַנד. צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט טשוירטשיל ווידער אויפגעהויבן דעם געשריי וועגן דער „געפאַר פון באָלשעוויזם" פאַר אייראָפּע.

דעם בריטישן אויסלאַנד־מיניסטער, א. דזש. באַלפור, וועלכער האָט דער־קלערט, אַז דער בריטישער קריג־מיניסטער איז אַריבערגעקומען קיין פּאַריז כדי קלאָר צו מאַכן דעם איצטיקן שטאַנדפּונקט פון בריטישן קאַבינעט וועגן רוסלאַנד. טשוירטשיל האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן מיט אַטאַקעס אויף ווילסאָנס פּרינקיפּאָ פרידן־פּלאַן.

— נעכטן איז אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון קאַבינעט, — האָט טשוירטשיל געזאָגט, — ביי וועלכער עס איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ גרויסער אינטערעס בנוגע דער רוסישער סיטואַציע, ספּעציעל בנוגע דער פּרינקיפּאָ־פאַרזאַמלונג. . . . אויב בלויז די באָלשעוויקעס וועלן זיין ביי דער קאָנפערענץ, איז די מיינונג, אַז עס וועט קיין גוטס פון דער קאָנפערענץ ניט אַרויסקומען. מען מוז אויך נעמען אין אַכט דעם מיליטערישן אַספּעקט אין אָט־דעם ענין. גרויס־בריטאַניע האָט אין רוסלאַנד סאָלדאַטן, וועלכע קומען אום אין שלאַכט.

ווילסאָן האָט טשוירטשילן געענטפערט: „אַזוי ווי הער טשוירטשיל איז ספּעציעל אַריבערגעקומען קיין לאָנדאָן פאַר מיין אָפּפאָר, פיל איך, אַז איך וואָלט געדאַרפט אויסדריקן וואָס איך פערזענלעך טראַכט וועגן דעם ענין. צווישן די אַלע אומזיכערקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, האָב איך אַ גאַר קלאָרע מיינונג וועגן צוויי פּונקטן. דער ערשטער פּונקט איז, אַז די סאָלדאַטן פון די אַליאירטע און פאַרבינדעטע מאַכטן טוען ניט אויף קיין שום גוטס אין רוסלאַנד. זיי וויסן ניט פאַר וואָס אָדער פאַר וועמען זיי קעמפן. זיי העלפן ניט דורכפירן דעם מעגלעך־דערפאָלגרייכן פּרואוו איינצושטעלן אָרדע־נונג אין רוסלאַנד. זיי העלפן די לאָקאַלע באַוועגונגען, ווי למשל, פון די קאָזאַקן, וועלכע מען קאָן ניט באַוועגן זיך אַרויסצורירן פון זייער אייגענער ספערע. מיין שלוס איז דעריבער, אַז די אַליאירטע און פאַרבינדעטע מאַכטן דאַרפן אַרויס־ציען זייער מיליטער פון אַלע טיילן פון דער רוסישער טעריטאָריע.“

— דער צווייטער פּונקט, — האָט ווילסאָן מיד פאַרגעזעצט, — איז אין שייכות מיט פּרינקיפּאָ. . . . וואָס מיר זוכן איז ניט איבערצובעטן זיך מיט די באָלשעוויקעס, נאָר קלאָרע אינפאָרמאַציע. די באַריכטן וועגן רוסלאַנד, וואָס קומען אָן פון די פאַרשיידענע אָפיציעלע און אומאָפיציעלע קוואַלן, זיינען אַזוי ווידערשפּרעכנדיק, אַז עס איז אוממעגלעך צו שאַפן זיך אַ גאַנץ בילד וועגן דעם מצב אין לאַנד. דאָס טרעפן זיך מיט די רוסישע פאַרטרעטער וואָלט געוואָרפן אַ ליכט אויף דער סיטואַציע.

ווען דער אַמעריקאַנישער פּרעזידענט האָט געענדיקט רעדן, האָט טשויר־טשיל געענטפערט:

— פולשטענדיק אַרויסציען אַלע אַליאירטע סאָלדאַטן איז אַ לאָגישע און

קלאָרע פּאָליטיק, אָבער אין סך־הכל וועט עס מיינען די פֿאַרניכטונג פֿון אַלע ניט־באָלשעוויסטישע אַרמייען אין רוסלאַנד. אין דער איצטיקער צייט באַטרעפֿן זיי אַרום 500,000 מאַן, און כאָטש זייער קוואַליטעט איז ניט פֿון דעם בעסטן, ווערט אָבער זייער צאָל אַלץ גרעסער. אַזאַ פּאָליטיק וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי אַרויסצושלעפּן די פֿאַרהאַלט־שפּילקע פֿון דער גאַנצער מאַשין. עס וואָלט שוין דעמאָלט מער ניט עקזיסטירט קיין שום באַוואָפֿנטער ווידערשטאַנד צו די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד, און אַלץ וואָס עס וואָלט פֿאַרבליבן פֿאַר גאַנץ רוסלאַנד איז אַן אומבאַגרענעצטער אויסזיכט פֿון פֿאַרברעכן און ליידן.

— אָבער אין געוויסע געגנטן וואָלטן דאָך אָט־די כוחות און אויסשטאַטונגען זיכער אַרויסגעהאָלפֿן די רעאַקציאָנערן, — האָט ווילסאָן אויסגעזעצט. — פֿאָלגלעך, אויב מען זאָל די אַליאירטע פֿרעגן וואָס זיי שטיצן אין רוסלאַנד, וועלן זיי זיין געצוואונגען צו ענטפֿערן, אַז זיי ווייסן ניט!

טשוירטשיל האָט איידל אויסגעהערט. „איך וואָלט וועלן וויסן", האָט ער געפֿרעגט, „צי וואָלט דער ראַט איינגעשטימט צו באַוואָפֿענען די אַנטי־באָלשעוויסטישע כוחות אין רוסלאַנד, אויב די פּרינקיפּאָ־קאָנפֿערענץ זאָל זיין אַ דורכפֿאַל?"

ווילסאָן — אַ קראַנקער, דערשלאָגענער און פֿאַרלאָזטער פֿון לאָיד דזשאָרדזשן — האָט באַגריפֿן, אַז ער איז איינער צווישן אַ גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען אַנטשלאָסן דורכצופֿירן זייער אייגענעם ווילן.

— איך האָב דעם ראַט דערקלערט ווי איך וואָלט געהאַנדלט אויב איך וואָלט געווען איינער אַליין, — האָט דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן געזאָגט. — איך וועל אָבער גיין צוזאַמען מיט די אַנדערע.

ווילסאָן האָט זיך אומגעקערט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו קעמפֿן זיין טראַגישן, פֿאַרלוירענעם קאַמף קעגן דער אַמעריקאַנער רעאַקציע.*) דער

*) ווילסאָן האָט געמאַכט אַ לעצטן פּרוּוו אַז מען זאָל רוסלאַנד אָרנטלעך באַהאַנדלען. אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע האָט ער געשיקט קיין מאָסקווע וויליאַם סי. בוליט, דאַן נאָך אַ יונגער באַאַמטער אין סטעיט-דעפּאַרטמענט, פֿאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער פֿרידן-דעלעגאַציע אין פּאַריז, זיך צו שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט לענינען און אים פֿרעגן אויב ער וויל באמת פֿרידן. בוליט איז אויף זיין מיסיע באַגלייט געוואָרן פֿון דעם גרויסן אַמעריקאַנישן צייטונגסמאַן, לינקאָלן סטעפֿענס, וועלכער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ באַריכט פֿון אַכט ווערטער וועגן רוסלאַנד: „איך האָב געזען די צוקונפֿט — און עס אַרבעט." בוליט אַליין האָט צוריקגעבראַכט לענינס פֿרידן-באַדינגונגען סיי פֿאַר די אַליאירטע און סיי פֿאַר די ווייס-גוואַרדייאישע גרופּעס. לענין איז געווען מער ווי ווילִיק צו שליסן אַ שלום, אָבער זיינע פֿאָרשלאָגן, ווי ווינסטאָן טשוירטשיל האָט עס לסוף אויפֿגעדעקט אין זיין ווערק, „דער וועלט-קריזיס: די נאָכווייענישן", „זיינען באַהאַנדלט געוואָרן מיט פֿאַר-

סטעיט־סעקרעטאַר לענסינג האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ ביי דער פּאַריזער קאָנ־פערענץ, און דער טאָן פון די פאַרהאַנדלונגען איז שוין געוואָרן איבגאַנצן אַנדערש. די אַליאירטע פּאַרטרעטער האָבן שוין מער ניט געפילט די נויטיקייט צו באַהאַלטן דאָס וואָס זיי האָבן געטראַכט.

קלעמאַנסאָ האָט טרוקן רעקאָמענדירט, אַז די פרידן־קאָנפערענץ זאָל „זיך באַפרייען פון אירע צרות אַזוי איידל און אַזוי פשוט ווי עס איז נאָר מעגלעך". די פּרינציפּ־פראַגע זאָל מען איבגאַנצן אויפגעבן און מען זאָל זי אַפילו מער ניט דערמאָנען. „די אַליאירטע זיינען אַריין אין אַט־דעם פּרינציפּ־געשעפט", האָט קלעמאַנסאָ געזאָגט, „און איצט דאַרפן זיי פון דעם אַרויס!"

דער בריטישער אויסלאַנד־מיניסטער באַלפור האָט נאָך קלאָרער געמאַכט קלעמאַנסאָס רייד. „עס איז נויטיק", האָט ער געזאָגט, „אַנצונעמען מיטלען אַוועקצושטעלן די באָלשעוויקעס אין אַ שלעכטער ליכט, ניט נאָר פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, נאָר אויך פאַר יענע, וואָס האַלטן, אַז באָלשעוויזם איז צעווילדעוועטע דעמאָקראַטיע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אויך אַ סך גוטע עלעמענטן."

נאָך דעם האָט זיך די קאָנפערענץ פאַרנומען מיט אַ פאַרצויגענער דיס־קוסיע וועגן דיווירקזאַמסטע מיטלען צו העלפן די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג.

טשוירטשיל, וועלכער האָט געהאַט פאַרביטן לאָיד דזשאָרדזשן ביים קאָנ־פערענץ־טיש, האָט פאָרגעשלאָגן גלייך צו גרינדן אַן אַלהעכסטן אַליאירטן ראַט פאַר רוסישע ענינים, מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און מיליטערישע אָפּ־טיילונגען. די מיליטערישע אָפּטיילונג האָט געזאָלט „גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט" אויסצואַרבעטן די פּרטים פון אַ ברייטער פּראָגראַם פון באַוואָפנטער אינטערווענציע.

אַכטונג" און „בוליט גופא איז ניט אָן געוויסע שוועריקייטן פאַרלאָזן געוואָרן פון יענע, וואָס האָבן אים געשיקט". בוליטס דערקלערונג צו דער סענאַט־קאָמיסיע איבער אויסלענדישע באַציאונגען, אין סעפּטעמבער 1919, פאַרוואָס לענינס פרידן־באַדינגונגען זיינען איגנאָרירט געוואָרן, איז געווען: „קאָלטשאַק איז געגאַנגען פאָר־אויס אַ 100 מייל, און גלייך האָט די גאַנצע פּאַריזער פּרעסע זיך צעשריגן וועגן דעם, דערקלערנדיק, אַז קאָלטשאַק וועט אין משך פון צוויי וואָכן צייט זיין אין מאָסקווע; און דעריבער האָט יעדער איינער אין פּאַריז, איינגעשלאָסן, צו מיין פאַרדראָס, אויך די מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנישער קאָמיסיע, אָנגעהויבן ווערן לעבלעך וועגן פרידן אין רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן געטראַכט, אַז קאָלטשאַק וועט גרייכן מאָסקווע און אויסראָטן די סאָוועטן־רעגירונג."

וועגן בוליטס שפּעטערדיקער קאַריערע אַלס קעגנער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זע זייט 436 און ווייטער.

3. גאַלאָווינס מיסיע

מיט טשוירטשילן אַלס דעם אָנערקענטן, כאָטש אומאָפיציעלן הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַליאירטע אַנטי־סאָוועטישע אַרמייען, האָט די גאַנצע סצענע זיך איבערגעטראָגן קיין לאָנדאָן, וואו ספּעציעלע ווייס־גוואַרדייאישע שליחים האָבן אין משך פון יענעם פרילינג און זומער געהאַלטן אין איין שטראָמען צו די בריטישע רעגירונג־ביוראָס אין ווייטהאָל. זיי זיינען געקומען אַלס פאַר־טרעטער פון אַדמיראַל קאָלטשאַק, גענעראַל דעניקין און אַנדערע ווייס־גוואַרדייאישע פירער, צו מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען פאַר אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ קעגן די סאָוועטן. זייערע טיף־געהיימע פאַרהאַנדלונגען זיינען מערסטנס געפירט געוואָרן מיט ווינסטאָן טשוירטשילן און סער סעמיועל האָרן. טשוירטשיל, אַלס קריג־מיניסטער, האָט זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען מיט אויסשטאַטונג פון ענגלאַנדס פאַרבליבענע קריג־מאַטעריאַלן. האָר האָט אָנגעפירט מיט די פאַרוויקלטע דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס.

צווישן די ווייס־גוואַרדייאישע פאַרטרעטער זיינען געווען אַזעלכע „דעמאָ־קראַטישע" רוסן, ווי דער באַרימטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט באָריס סאַווינקאָוו; דער צאַרישער פּרינץ לוואָוו; און סערגעי סאַזאָנאָוו, דער געוועזענער צאַרישער מיניסטער פון אויסערלעכע ענינים, וועלכער איז געווען סיי דעניקינס און סיי קאָלטשאַקס פאַרטרעטער אין פּאַריז. דעם 27טן מאַי, 1919, האָט די לאָנדאָנער „טיימס" געמאָלדן:

> מ. סאַזאָנאָוו האָט זיך די פאַרגאַנגענע נאַכט געטראָפן מיט אַ צאָל מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט אין „האוז אָוו קאָמאָנס". סער סעמיועל האָר איז געווען דער פאָרזיצער. מ. סאַזאָנאָוו האָט אויסגעדריקט אַ גינסטיקע מיינונג וועגן דעם אויסזיכט, אַז דער באָלשעוויסטישער רע־זשים זאָל שנעל געשטירצט ווערן, און גוזאָגט, אַז אָנערקענען אַדמיראַל קאָלטשאַקס רעגירונג וואָלט פיל געהאָלפן דאָס אונטערצויאָגן. ער האָט אויסגעדריקט דעם טיפסטן דאַנק פון די רוסן ניט בלויז פאַר דער מאַטעריעלער שטיצע, וואָס זיי האָבן באַקומען פון גרויס־בריטאַניע, נאָר אויך פאַר דער אַרבעט פונעם בריטישן פלאָט, וועלכער האָט גע־ראַטעוועט אַ גרויסע צאָל פליכטלינגען.

דער „אָפיציעלער פאַרטרעטער פון די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען" צו דער בריטישער קריג־ביוראָ איז געווען דער גענעראַל־לייטענאַנט גאָלאָווין. ער איז אָנגעקומען אָנהויב פרילינג, ברענגענדיק מיט זיך אַ פּערזענלעכע

נאָטע, וואָס האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר ווינסטאָן טשוירטשילן. באַלד נאָכדעם ווי גאַלאָווין איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער געשמועסט מיט סער סעמיועל האָר. צווישן די פראַגן וואָס זיי האָבן באַרירט איז געווען די פראַגע פון קאַווקאַז און, באַזונדערס, די גרויסע אויל־קוואַלן אין גראָזני און באַקו.

דעם 5טן מאַי האָט גאַלאָווין — אין באַגלייטונג פון סער האָר — אָפּגע־שטאַט זיין ערשטן באַזוך אין דער בריטישער קריג־ביוראָ. לויט האָרס עצה האָט דער רוסישער אָפיציר געטראָגן זיין שענסטן אוניפאָרם. די בריטישע אָפיצירן האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס האַרציקייט און האָבן זיך מיט איינ־טערעס צוגעהערט ווי ער האָט אָנגעצייכנט די דערגרייכונגען פון די פאַר־שיידענע ווייס־גוואַרדייאישע קאַמפּאַניעס.

דעם זעלביקן טאָג, אַרום 5:30 נאָכמיטאָג, האָט זיך גאַלאָווין געזען מיט טשוירטשילן. דער קריג־מיניסטער האָט מיט כעס גערעדט וועגן דער געגנער־שאַפט פון די בריטישע ליבעראַלן און אַרבעטער צו דער מיליטערישער הילף פאַר די ווייסע אַנטי־סאָוועטישע אַרמייען. טשוירטשיל האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז ניט געקוקט אויף די שטערונגען וועט ער דאָך קאָנען שיקן נאָך 100,000 „פרייוויליקע" פאַר דער צפון־קאַמפּאַניע. ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט זיינען זייער נויטיק הילף־טרופּן, צוליב דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס איז אַריינ־געדרונגען צווישן די בריטישע און אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן.

טשוירטשיל האָט אויך אונטערגעשטראָכן זיין גרייטקייט צו העלפן גענע־ראַל דעניקינען אַזויפיל ווי נאָר מעגלעך. דעניקין האָט, יעדנפאַלס, געקאָנט דערוואַרטן 2,500 „פרייוויליקע" צו דינען אַלס מיליטערישע אינסטרוקטאָרן און טעכנישע עקספּערטן. וואָס שייך באַלדיקער מאַטעריעלער הילף, האָט טשוירטשיל צוגעזאָגט גאַלאָווינען, אַז 24,000,000 פונט (אומגעפער הונדערט מיליאָן דאָלער) וועלן באַלד פאַרטיילט ווערן צו די פאַרשיידענע אַנטי־סאָוועטישע פראָנטן, און אַז עס וועלן זיין גענוג מכשירים און געווער אויס־צושטאַטן יודעניטשעס 100,000 סאָלדאַטן פאַר זייער מאַרש אויף פּעטראָגראַד. עס וועלן אויך געמאַכט ווערן צוגרייטונגען אויף איבערצושיקן קיין אַרכאַנגעל, אויפן ענגלישן חשבון, 500 צאַרישע אָפיצירן, וועלכע זיינען געווען קריג־געפאַנגענע אין דייטשלאַנד.

„דער רעזולטאַט פון אַט־דעם שמועס האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען", האָט גאַלאָווין געזאָגט אין אַ באַריכט, וועלכן ער האָט אָפּ־געגעבן צו זיינע פירער ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. „טשויר־טשיל איז ניט בלויז אַ סימפּאַטיזירער, נאָר אויך אַן ענערגישער און אַקטיווער פריינט. די מעגלעכסט־גרעסטע הילף איז אונדז פאַרזיכערט. איצט דאַרפן

מיר באַווייזן די ענגלענדער, אַז מיר זיינען גרייט איבערצוזעצן ווערטער אין מעשׂים.״ *)

*) אָט־דער באַריכט, וואָס די רויטע אַרמיי האָט שפּעטער פאַרכאַפּט אין די געהיימע אַרכיוון פון דער ווייס־גוואַרדייאישער רעגירונג אין מורמאַנסק, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דעילי העראַלד״ אין לאָנדאָן אַ שטיקל צייט שפּעטער, און האָט געשטעלט די אַנטי־סאָוועטישע קרייזן אין ענגלאַנד אין אַ היפּשער פאַרלעגנהייט.

קאַפּיטל 6

די מלחמה פון אינטערווענציע

1. פאָרשפּיל

אין זומער פון 1919 האָבן די באַוואָפנטע כוחות פון פערצן לענדער, און שום מלחמה־דערקלערונגען, געהאַט אַריינגעדרונגען אין דער טעריטאָריע פון סאָוועט־רוסלאַנד. די לענדער זיינען געווען:

גרויס־בריטאַניע	סערביע
פראַנקרייך	כינע
יאַפּאַן	פינלאַנד
דייטשלאַנד	גריכנלאַנד
איטאַליע	פּוילן
פאַראייניקטע שטאַטן	רומעניע
טשעכאָסלאָוואַקיע	טערקיי

זייט ביי זייט מיט די אַנטי־סאָוועטישע אָנגרייפער האָבן געקעמפט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען *), וועלכע זיינען געווען

*) די „ווייסע", וועמען מען האָט אַזוי אָנגערופן צוליב זייער קעגנערשאַפט צו די רעוואָלוציאָנערן, וועמעס סימבאָל עס איז געווען די רויטע פאָן, האָבן איינגעשלאָסן, לויט דזשאָרדזש סטיואַרטס אויטאָריטאַטיוון באַריכט וועגן זייער קאַמף אין זיין בוך „די ווייסע אַרמייען אין רוסלאַנד", יענע אַלע, פאַר וועמען „דער צאַריזם האָט אויסגעדריקט די פאַרזיכערונג פון זייער שטאַנד אין געזעלשאַפט, זייערע איינקונפטן און כבוד, דאָס 'הייליקע רוסלאַנד', אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, געבויט אויף פּריווילעגיע און מאַכט, אָנגענעם אין איר באַלוינונג צו די גליקלעכע, באַקוועם פאַר די פּאַראַזיטישע גרופּעס, וועלכע האָבן געלעבט כדי איר צו דינען; אַן אוראַלטע סיסטעם, וועלכע האָט געהאַט אַ באַרעכטיקונג אין די לאַנגע יאָרהונדערטער ווען רוסלאַנד האָט זיך געבויט". דער טערמין „ווייסע רוסן" אָדער „ווייס־גוואַרדייער" ווערט באַנוצט אין דעם בוך צו באַצייכענען די יעניקע, וואָס האָבן געקעמפט אָנצוהאַלטן אָדער ווידער־אויפשטעלן די אַלטע אָרדענונג אין רוסלאַנד. עס דאַרף נים פאַרביטן ווערן מיט דעם נאָמען וואָס די איינוואוינער פון דער ווייסרוסישער סאָוועטישער רעפּובליק טראָגן, וועלכע ווערן אָנגערופן ווייס־רוסן צוליב זייער אָריגינעלן נאַציאָנאַלן קאָסטיום: אַ ווייס העמדל, געוואַנטענע שיך מיט ווייסע כאָלעווקעס און ווייסע, היימיש־געוועבטע מאַנטלען.

אַנגעפירט פון געוועזענע צאַרישע גענעראַלן, וואָס האָבן געשטרעבט צוריק אויפצושטעלן די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט אַרונטערגעוואָרפן.

די סטראַטעגיע פון די אַנגרייפער איז געווען אַן אַמביציעזע. די אַרמייען פון די ווייסע גענעראַלן, באַוועגנדיק זיך אין הסכם מיט די אַריינדרינגענדיקע חילות, האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען אויף מאָסקווע פון צפון, דרום, מזרח און מערב.

אין צפון און צפון־מערב, ביי אַרכאַנגעלסק, מורמאַנסק און אין די באַלטישע לענדער, זיינען די בריטישע כוחות געשטאַנען גרייט צוזאַמען מיט די ווייס־גוואַרדייאישע סאָלדאַטן פון גענעראַל ניקאָלאַי יודעניטש.

אין דרום, אויף באַזעס אין קאַווקאַז און לענגאויס דעם שוואַרצן ים, האָבן זיך געפונען די ווייסע אַרמייען פון גענעראַל אַנטאָן דעניקין, געהעריק אויס־געשטאַט און באַקרעפטיקט פון די פראַנצויזן.

אין מזרח זיינען דעם אַדמיראַל קאָלטשאַקס כוחות, וועלכע האָבן אָפּערירט אונטער בריטישע מיליטערישע ראַטגעבער, געווען צעשטעלט לענגאויס די אוראַל־בערג.

אין מערב, אונטער דער פירערשאַפט פון פראַנצויזישע אָפיצירן, האָבן זיך געפונען די ביי־אָרגאַניזירטע פוילישע אַרמייען פון גענעראַל פּילסודסקי.

די אַליאירטע שטאַטסלייט האָבן אָנגעגעבן פאַרשיידענע סיבות פאַר־וואָס זייערע סאָלדאַטן געפינען זיך אין רוסלאַנד. בעת זייערע סאָלדאַטן האָבן זיך תחילת אַרויסגעזעצט אין אַרכאַנגעלסק אין פרילינג און אין זומער פון 1918, האָבן די אַליאירטע רעגירונגען דערקלערט, אַז די סאָלדאַטן האָט מען געשיקט כדי צו פאַרהיטן אַז קריג־מכשירים זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, אַז זייערע סאָלדאַטן זיינען אין סיביר, כדי צו העלפן די טשעכאָסלאָוואַקישע כוחות זיך צוריקצוציען פון רוסלאַנד. נאָך אַ סיבה פאַר האַלטן דאָס מיליטער אין רוסלאַנד איז געווען, אַז זיי העלפן די רוסן „איינצושטעלן אָרדענונג" אין זייער פאַראומגליקלעכט לאַנד.

בסדר האָבן די אַליאירטע שטאַטסלייט אָפּגעלייקנט וועלכן עס איז אַבזיכט פון באַוואָפנטער אינטערווענציע קעגן די סאָוועטן אָדער פון מישן זיך אין רוסישע ענינים. „מיר שלאָגן ניט פאַר אַריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון רוסלאַנד", האָט אַרטור באַלפור, דער בריטישער אויסלאַנד־מיניס־טער, דערקלערט אין אויגוסט 1918. „זי מוז אַליין פירן אירע געשעפטן."

דער איראַנישער און שטענדיק־אויסגעשפּראָכענער ווינסטאָן טשורטשיל, וועלכער האָט אַליין אָנגעפירט מיט דער אַליאירטער קאַמפּאַניע קעגן סאָוועט־

רוסלאַנד, האָט שפּעטער געשריבן אין זיין בוך „דער וועלט־קריזיס: נאָכווייעניש״:

זיינען זיי [די אַליאירטע] דען געווען אין קריג מיט רוסלאַנד? זיכער ניט; זיי האָבן אָבער געשאָסן סאָוועטישע רוסן אויפן ערשטן אָנבליק. זיי האָבן אַרויפגעטראָטן אויף רוסישער ערד ווי אָנגרייפער. זיי האָבן באַוואָפנט די שונאים פון דער סאָוועטן־רעגירונג. זיי האָבן פאַרבלאָקירט די האַפנס און געזונקען אירע שלאַכט־שיפן. זיי האָבן שטאַרק געוואָלט, אַז זי זאָל צוזאַמענברעכן און האָבן געטריבן צו דעם. אָבער מלחמה — אַ שוידער גאָר צו טראַכטן וועגן דעם! אַריינמישונג — אַ שאַנד דאָס צו זאָגן גאָר! עס איז געווען, האָבן זיי איבערגעחזרט, אַלצאיינס פאַר זיי ווי אַזוי די רוסן וועלן ניט שליכטן זייערע ענינים. זיי זיינען געווען אומפּאַרטייאיש — הורא!

די יונגע סאָוועטן־רעגירונג האָט געקעמפט פאַר איר לעבן אין אַנזיכט פון פאַרצווייפלטע שטערונגען. דאָס לאַנד איז געלעגן צעשטערט און איז געווען אויסגעמוטשעט פון דער וועלט־מלחמה. מיליאָנען זיינען געווען פאַרצווייפלט און אויסגעהונגערט. די פאַבריקן זיינען געשטאַנען פוסט, די ערד ניט פאַראַקערט, דער טראַנספּאָרט אין שטילשטאַנד. עס האָט אויסגעזען אוממעגלעך, אַז אַזאַ לאַנד זאָל קאָנען איבערלעבן דעם ווילדן אָנגריף פון אַ שונא, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע, גוט־אויסגעשטאַטע אַרמיי, גרויסע פינאַנציעלע רעזערוון, גענוג שפּייז און אַנדערע מאַטעריאַלן.

באַלאַגערט פון אַלע זייטן פון אויסלענדישע אַריינדרינגער, באַדראָעט פון אומאויפהערלעכע פאַרשווערונגען אין לאַנד, איז די רויטע אַרמיי פאַמעלעך צוריקגעטראָטן איבער די פעלדער, קעמפנדיק כסדר מיט פאַרביטערטקייט. די טעריטאָריע אונטער מאָסקווער קאָנטראָל איז איינגעשרומפּן צו אַ זעכצנטל פון לאַנד. עס איז געווען אַ סאָוועטישער אינדזל אויף אַן אַנטי־סאָוועטישן ים.

2. די צפון־קאַמפּאַניע

אָנהויב זומער 1918 זיינען ספּעציעלע בריטישע געהיים־אַגענטן אָנגעקומען קיין אַרכאַנגעלסק. זייערע באַפעלן זיינען געווען צוצוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער לאָקאַלער סאָוועטישער פאַרוואַלטונג אין אַט דעם זייערסטראַטעגישן האַפן. די בריטישע שפּיאָנאַזש־אַגענטן, — אַרבעטנדיק אונטער דער אויפזיכט פון קאַפּיטאַן געאָרגי יערמאָלאַיעוויטש טשאַפּלין, אַ געוועזענער

צאַרישער אָפיציר, וועלכער האָט באַקומען אַ ראַנג אין דער בריטישער אַרמיי, און אַרויסגעהאָלפן פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ווייס־גוואַרדייאישע פאַר־שווערער, — האָבן געמאַכט די נויטיקע צוגרייטונגען פאַר דעם אויפשטאַנד.

דער רעוואָלט איז אויסגעבראָכן דעם 2טן אויגוסט. אויפן צווייטן טאָג האָט דער גענעראַל־מאַיאָר פרעדריק סי. פול, דער בריטישער הויפט־קאָמאַנ־דיר פון די אַליאירטע כוחות אין צפון־רוסלאַנד, פאַרנומען ארכאַנגעלסק מיט אַ מחנה, אונטערגעשטיצט פון בריטישע און פראַנצויזישע קריג־שיפן. צו דער זעלביקער צייט האָבן סערבישע און ווייס־גוואַרדייאישע סאָלדאַטן, אָנגעפירט פון קוירנעל טאָרנהיל פון דער בריטישער געהיים־דינסט, אָנגע־פאַנגען אַ מאַרש איבער דער אָנעגאַ, כדי איבערצושניידן די אַרכאַנגעלסק־וואָלאָגדאַ ליניע און צו אַטאַקירן די אָפטרעטנדיקע באָלשעוויקעס פון הינטן.

האָבנדיק אַרונטערגעוואָרפן דעם סאָוועט אין אַרכאַנגעלסק, האָט גענעראַל פול אָרגאַניזירט אַ מאַריאָנעטן־רעגירונג, וועלכע מען האָט אָנגערופן די אַל־העכסטע פאַרוואַלטונג פון צפון־רוסלאַנד און וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם אַלטן פּאָליטיקער, ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי.

עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און אַפילו אָט־די דאָזיקע אַנטי־סאָוועטישע פאַרוואַלטונג האָט אויסגעזען צו־ליבעראַל פאַר גענעראַל פול און זיינע צאַרישע פאַרבינדעטע. זיי האָבן באַשלאָסן אויפצוגעבן די פאָרמאַליטעט פון אַ רעגירונג און איינצושטעלן אַ מיליטערישע דיקטאַטור.

אַרום דעם 6טן סעפּטעמבער האָבן גענעראַל פול און זיינע פאַרבינדעטע דורכגעפירט דעם פּלאַן. יענעם טאָג האָט מען איינגעלאַדן אַמבאַסאַדאָר דעיוויד ר. פרענסיס, וועלכער איז דאַן געווען אויף אַ באַזוך אין אַרכאַנגעלסק, צו פאַראַדירן אַ באַטאַליאָן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. בעת די לעצטע ריי סאָלדאַטן האָט פאַרביימאַרשירט, האָט גענעראַל פול זיך אויסגעדרייט צום אַמערי־קאַנישן אַמבאַסאַדאָר און גאַנץ צופעליק אַ באַמערק געטאָן: „פאַריקע נאַכט איז דאָ פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע.“

— צום טייוול, אויף אַן אמת? — האָט אויסגערופן אַמבאַסאַדאָר פרענסיס.

— ווער האָט דאָס דורכגעפירט?

— טשאַפּלין, — האָט גענעראַל פול געענטפערט, אַנווייזנדיק דערביי אויף דעם צאַרישן פלאָטן־אָפיציר, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט דעם אָריגינעלן פּלאַן פאַרן רעוואָלט קעגן דעם אַרכאַנגעלסקער סאָוועט.

פרענסיס האָט אַ וואונק געטאָן צום קאַפּיטאַן טשאַפּלין ער זאָל צוקומען.

— טשאַפּלין, ווער האָט עס דורכגעפירט די רעוואָלוציע די פאַריקע נאַכט?

— האָט דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר געפרעגט.

— איך, — האָט טשאַפּלין לאַקאָניש אָפּגעענטפערט.

די איבערקערעניש איז פֿאָרגעקומען די פֿאָרגאַנגענע נאַכט. קאַפּיטאַן טשאַפּלין און געוויסע ענגלישע אָפֿיצירן האָבן אינמיטן נאַכט פֿאַרכאַפּט דעם פּרעזידענט טשאַיקאָווסקי און די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער אַלהעכסטער פֿאַרוואַלטונג פֿון צפֿון־געגנט, און האָבן זיי מיט אַ שיף אַוועקגעפֿירט צו אַן איינזאַמען מאָנאַסטיר אויף אַ דערבייאיקן אינדזל. דאָרט האָט קאַפּיטאַן טשאַפּ־לין זיי געלאָזט אונטער אַ באַוואָפֿנטער וואַך.

אַזעלכע ווילקירלעכע מאַנעוורעס זיינען שוין געווען צו־גראָב אַפֿילו פֿאַר אַמבאַסאַדאָר פֿרענסיס, וועמען מען האָט בכלל ניט געלאָזט וויסן וועגן דעם פּלאַן. פֿרענסיס האָט דערקלערט דעם גענעראַל פּול, אַז די אַמעריקאַנישע רעגירונג וועט ניט דולדן די איבערקערעניש.

אין משך פֿון פֿיר־און־צוואַנציק שעה האָט מען די פּופּן־מיניסטאָרן צוריק־געבראַכט קיין אַרכאַנגעלסק און זייער „אַלהעכסטע פֿאַרוואַלטונג" איז צוריק איינגעפֿירט געוואָרן. פֿרענסיס האָט טעלעגראַפֿירט דעם אַמעריקאַנער סטעיט־דעפּאַרטמענט, אַז אַדאַנק זיינע באַמיאונגען איז דעמאָקראַטיע צוריק איינ־געשטעלט געוואָרן.

אַנהויב יאָר 1919 האָבן די בריטישע כוחות אין אַרכאַנגעל און אין מור־מאַנסק באַטראָפֿן 18,400 מאַן. זייט ביי זייט מיט זיי האָבן זיך געשלאָגן 5,100 אַמעריקאַנער, 1,800 פֿראַנצויזן, 1,200 איטאַליענער, 1,000 סערבן און אומ־געפֿער 20,000 ווייס־גוואַרדייער.

קאַפּיטאַן דזשאַן קודעהי *), פֿון די אַמעריקאַנישע עקספּעדיציע־כוחות, וועלכער האָט שפּעטער באַשריבן אַרכאַנגעל אין יענער צייט, אין זיין בוך „אַרכאַנגעל: די אַמעריקאַנישע מלחמה קעגן רוסלאַנד", האָט געזאָגט, אַז „יעדער איינער איז געווען אַן אָפֿיציר". קודעהי פֿאַרצייכנט, אַז דאָרט זיינען גע־ווען אומצייליקע צאַרישע אָפֿיצירן, „באַהאַנגען מיט זייערע גלאַנציקע, שווערע מעדאַלן"; קאַזאַקישע אָפֿיצירן מיט די הויכע גרויע פֿאַפּאַכעס, באַצירטע מאַנטלען און קלינגענדיקע שווערדן; ענגלישע אָפֿיצירן פֿון איטאַן און האַראָו; פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן מיט זייערע וואונדערלעכע שפּיציקע היטלען און גלאַנ־ציקע שטיוול; סערבישע, איטאַליענישע און פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן.

„און, פֿאַרשטייט זיך", באַמערקט קודעהי, „אַז עס זיינען אויך געווען אַ

*) אין 1937 איז דער פֿאַרשטאָרבענער דזשאַן קודעהי, אַ מיטגליד פֿון דער רייכער שלאַכט-הויז פֿאַמיליע, באַשטימט געוואָרן אַלס אַמעריקאַנישער פֿאַרטרעטער אין אירלאַנד, און שפּעטער אין בעלגיע. אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פֿון סאָוועט-רוסלאַנד, איז ער דערנאָך געוואָרן אַ פֿירנדיקער מיטגליד פֿון דעם איזאָלאַציאָניסטישן „אַמעריקע פֿוירסט קאָמיטע", וועלכע איז אין 1940-1941 געווען קעגן דער „לענד-ליס" הילף צו די פֿעלקער וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן פֿאַשיזם.

גרויסע צאָל דינער צו פּוצן די שטיוול, פּאָלירן די שפּאָרן און האַלטן אַלץ אין גוטער אָרדענונג, און אַנדערע דינער צו רייניקן דעם אָפיצירן־קלוב און צו סערווירן דעם בראַנפן און סאָדע־וואַסער.״

דער איידעלער אופן ווי אָט־די אָפיצירן האָבן געלעבט איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דעם ווי זיי האָבן געקעמפט.

„מיר האָבן באַנוצט גאַז־קוילן קעגן די באָלשעוויקעס״, האָט ראַלף אַל־בערטסאָן, אַ באַאַמטער פון ווי. עם. סי. עי., וועלכער איז געווען אין צפון־רוסלאַנד אין 1919, געשריבן אין זיין בוך „קעמפנדיק אָן אַ מלחמה״. „איידער מיר האָבן פאַרלאָזט אַ דאָרף, האָבן מיר פאַרגרייט אַלע מינים פּאַסטקעס, וואָס זיינען אונדז נאָר אויפן געדאַנק געקומען. איינמאָל האָבן מיר דערשאָסן מער ווי דרייסיק געפאַנגענע. . . . און ווען מיר האָבן געכאַפּט דעם קאָמיסאַר פון באַראַק, האָט מיר אַ סערזשאַנט דערציילט, האָבן מיר איבערגעלאָזט אויף דער גאַס זיין נאַקעטן קערפּער מיט זעכצן באַיאָנעט־וואונדן אין אים. מיר זיינען אַריין אין באַראַק אומדערוואַרט, און דער קאָמיסאַר, אַ ציווילער, האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו באַוואָפענען אפילו. . . . איך האָב געהערט ווי אַן אָפיציר האָט איבערגעחזרט פאַר זיינע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן ניט נעמען קיין שום געפאַנגענע, נאָר זיי דערהרגענען אפילו אויב זיי זיינען אומבאַוואָפנט. . . . איך האָב געזען ווי מען האָט קאַלטבלוטיק דערשאָסן אַן אומבאַוואָפנטן באָלשעוויסטישן געפאַנגענעם, וועלכער האָט גאָר קיין זאַך ניט געטאָן. . . . נאַכט־איין נאַכט־אויס האָבן די עקזעקוציע־אָפּטיילונגען פאַרנומען זייערע בינטלעך קרבנות.״

די אַליאירטע סאָלדאַטן האָבן קיין האַרץ ניט געהאַט פאַר אָט־דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע. זיי האָבן זיך געוואונדערט פאַרוואָס זיי דאַרפן קעמפן אין רוסלאַנד, בעת די מלחמה האָט זיך שוין משמעות געענדיקט. עס איז געווען אַ שווערער ענין פאַר די אַליאירטע שטאַבן דאָס צו דערקלערן. „תחילת האָט מען עס באַטראַכט פאַר אומגויטיק״, האָט קודעהי פאַרצייכנט. „דאַן האָט די הויך־קאָמאַנדע, דערמאַנענדיק זיך אָן דער נויטווענדיקייט פון מאָראַל . . . אַרויסגעגעבן דערקלערונגען, וואָס האָבן נאָך מער פאַרחידושט און צעטומלט די סאָלדאַטן ווי ווען מען וואָלט אינגאַנצן געשוויגן.״

איינע פון די דערקלערונגען פון דער בריטישער הויפּט־קוואַרטיר אין צפון־רוסלאַנד, וואָס מען האָט פאַרגעלייענט פאַר די בריטישע און אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָט די ווערטער:

עס זעט אויס, אַז צווישן די סאָלדאַטן הערשט אַן אומקלאָרער באַגריף וועגן דעם פאַרוואָס מיר שלאָגן זיך דאָ אין צפון־רוסלאַנד.

דאָס קען מען דערקלערן מיט עטלעכע ווערטער. מיר האָבן זיך גע־שטעלט קעגן באָלשעוויזם, וואָס מיינט פּראָסט און פּשוט אַנאַרכיע. טוט אַ קוק אויף רוסלאַנד אין איצטיקן מאָמענט. די מאַכט איז אין די הענט פון עטלעכע מענטשן, דאָס רוב פון זיי אידן.

די שטימונג פון די סאָלדאַטן איז געוואָרן נאָך מער אַנגעצויגן. מער און מער קריגערייען זיינען אויסגעבראָכן צווישן די בריטישע, פראַנצויזישע און ווייס־גוואַרדייאישע סאָלדאַטן. עס האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן בונטן. ווען דער אַמעריקאַנישער 339טער אינפאַנטעריע־רעגימענט האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן באַפעלן, האָט דער קאָמאַנדיר, קוירנעל סטיואַרט, פאַרזאַמלט זיינע סאָלדאַטן און פאַרגעלייענט פאַר זיי די מלחמה־געזעצן, וועלכע באַ־שטימען טויט־שטראָף פאַר בונטעווען זיך. נאָך אַ מאָמענט פון איינדרוקפולער שווייגעניש, האָט דער קוירנעל געפרעגט צי עמעצער האָט אַ פראַגע. פון די רייען האָט זיך דערהערט אַ שטימע:

— סער, צוליב וואָס זיינען מיר דאָ און וואָס זיינען די פּלענער פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג?

דער קוירנעל האָט אויף אָט־די פראַגן ניט געקאָנט ענטפערן.

דער הויפּט פון בריטישן גענעראַל־שטאַב, סער הענרי ווילסאָן, האָט בנוגע דער לאַגע אין צפון־רוסלאַנד אין זומער 1919 אָפּגעגעבן אַ באַריכט אין דעם אָפיציעלן בלויען בוך:

דעם 7טן יולי איז פאָרגעקומען אַן אַנטשלאָסענער בונט אין דער 3טער קאָמפּאַניע פון 1טן באַטאַליאָן פון דעם סלאַוויש־בריטישן לעגיאָן און אין דער מאַשין־געווער קאָמפּאַניע פון 4טן צפונדיקן ביקס־רעגי־מענט, וועלכע זיינען געשטאַנען אין רעזערוו אויף דער רעכטער זייט פון דער דווינע. דריי בריטישע אָפיצירן און פיר רוסישע אָפיצירן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן און צוויי רוסישע אָפיצירן זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן.

דעם 22טן יולי איז אָנגעקומען די נייעס, אַז דער רוסישער רעגי־מענט אין דעם אָנעגאַ־געגנט האָט זיך צעבונטעוועט און האָט דעם גאַנצן אָנעגאַ־פראָנט איבערגעגעבן צו די באָלשעוויקעס.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געוואַקסן די אַלגעמיינע פאָדערונג, אַז מען זאָל די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אַרויסציען פון רוסלאַנד. דער אומאויפ־הערלעכער שטראָם פון פּראָפּאַגאַנדע קעגן די „באָלשעוויקעס" האָט ניט באַוויזן צו פאַרטרינקען די שטימעס פון די פרויען און עלטערן, וועלכע האָבן ניט

געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס איצט, ווען די מלחמה איז געענדיקט, זאָלן זייערע מענער און זין דאַרפן אָנפירן אַן איינזאַמע, אומבאַשטימטע און געהיימניספולע קאַמפּאַניע אין די סיבירער ווילדערנישן און אין דער ביטערער, שרעקלעכער קעלט פון מורמאַנסק און אַרכאַנגעלסק. אין משך פון גאַנצן זומער און האַרבסט 1919 זיינען דעלעגאַציעס פון גאַנץ אַמעריקע געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צו זען זייערע פאַרטרעטער און צו פאָדערן, אַז די אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן זאָלן אַהיימגעבראַכט ווערן פון רוסלאַנד. זייערע פאָדערונגען האָבן אָפּגעקלונגען אין קאָנגרעס.

דעם 5טן סעפּטעמבער, 1919, האָט סענאַטאָר באָראַ זיך אויפגעשטעלט אין סענאַט און דערקלערט:

> מר. פּרעזידענט, מיר שטייען ניט אין קריג מיט רוסלאַנד. דער קאָנגרעס האָט ניט דערקלערט קיין מלחמה קעגן דער רוסישער רעגי־רונג אָדער דעם רוסישן פאָלק. דאָס פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ניט קיין פאַרלאַנג אָנצופירן אַ קריג מיט רוסלאַנד. . . . פונ־דעסטוועגן, כאָטש מיר זיינען ניט אין קריג מיט רוסלאַנד, כאָטש דער קאָנגרעס האָט ניט דערקלערט קיין מלחמה, פירן מיר דאָך אַן אַ מלחמה קעגן דעם רוסישן פאָלק. מיר האָבן אַן אַרמיי אין רוסלאַנד; מיר שטעלן צו געווער און אויסשטאַטונג פאַר אַנדערע באַוואָפנטע כוחות אין יענעם לאַנד, און מיר זיינען פולשטענדיק פאַרמישט אין קריג, פּונקט ווי עס וואָלט עקזיסטירט די קאָנסטיטוציאָנעלע באַפולמעכטיקונג דערפאַר, פּונקט ווי מיר וואָלטן געמאַכט אַ קריג־דערקלערונג און ווי מען וואָלט דאָס לאַנד גערופן זיך צו באַוואָפענען פאַר דעם צוועק. . . . עס איז ניט פאַראַן קיין שום לעגאַלע אָדער מאָראַלע באַרעכטיקונג מקריב צו זיין די דאָזיקע לעבנס. עס איז אַ ברוך פון די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון פרייער רעגירונג.

די פעלקער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געטיילט די קעגנערשאַפט פון אַמעריקאַנישן פאָלק צו דער מלחמה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער די אומדערקלערטע מלחמה קעגן רוסלאַנד איז פונדעסטוועגן ווייטער אָנגעגאַנגען.

3. די צפון־מערב־קאַמפּאַניע

דער וואָפנשטילשטאַנד פון נאָוועמבער 1918 צווישן די אַליאירטע און די צענטראַלע מאַכטן האָט אַנטהאַלטן אַ קנאָפּ־באַוואוסטן פּונקט אינעם 12טן

אַרטיקל, וואָס האָט דערקלערט, אַז דייטשע סאָלדאַטן וועלן פאַרבלייבן אין דער רוסישער טעריטאָריע וואָס זיי האָבן ביז יענער צייט פאַרנומען, אַזוי לאַנג ווי די אַליאירטע וועלן דאָס האַלטן פאַר נויטיק. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אָט־די סאָלדאַטן וועלן באַנוצט ווערן קעגן די באָלשעוויקעס. אין די באַלטישע פראָווינצן אָבער איז דעם קייזערס אַרמיי זיך שנעל פאַנאַנדערגעפאַלן. די פון קריג־אויסגעמאַטערטע און צעבונטעוועטע דייטשע סאָלדאַטן האָבן מחנותוויז דעזערטירט.

די בריטישע הויך־קאָמאַנדע, פנים אל פנים מיט דער וואַקסנדיקער סאָוועטן־באַוועגונג אין לאַטוויע, ליטע און עסטאָניע, האָט באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן איר שטיצע פאַר די ווייס־גוואַרדייאישע באַנדעס, וואָס האָבן אָפּערירט אין באַלטישן געגנט. אָנצופירן מיט די באַנדעס און זיי אויסשמידן אין אַ פעסטער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, האָט מען אויסגעקליבן גענעראַל פירשט רידיגער פאָן דער גאָלץ, פון דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע.

גענעראַל פאָן דער גאָלץ האָט געהאַט אָנגעפירט מיט אַ דייטשן עקספּעדיציע־קאָרפּוס קעגן דער פינלענדישער רעפּובליק אין פרילינג פון יאָר 1918, באַלד נאָכדעם ווי דאָס דאָזיקע לאַנד האָט באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט אַלס רעזולטאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פאָן דער גאָלץ האָט אונטערגענומען די פינלענדישע קאַמפּאַניע אויף דעם אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון באַראָן קאַרל גוסטאַוו פאָן מאַנערהיים, אַ שוועדישער אַריסטאָקראַט און געוועזענער אָפיציר אין דער צאַרישער אימפּעריאַלער קאַוואַלעריע־גוואַרדיע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט די ווייסע כוחות אין פינלאַנד.*)

אַלס קאָמאַנדיר פון דער ווייס־גוואַרדייאישער אַרמיי אין באַלטישן געגנט, האָט פאָן דער גאָלץ געלאָזט אין גאַנג אַ טעראָר־קאַמפּאַניע אויסצוראָטן די סאָוועטישע באַוועגונג אין לאַטוויע און ליטע און האָט דורכגעפירט מאַסן־מאָרדן פון ציווילע מענטשן. די לאַטווישע און ליטווישע פעלקער האָבן געהאַט ווייניק מיליטערישע אויסשטאַטונג אָדער אַ קנאַפּע אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער

---

*) מיט דער הילף פון פאָן דער גאָלצעס גוט-באַוואָפנטע סאָלדאַטן, האָט באַראָן מאַנערהיים אַרונטערגעוואָרפן די פינלענדישע רעגירונג און איינגעלאַדן פרינץ פרידריך פאָן העסען, קייזער ווילהעלמס איידעם, צו פאַרנעמען דעם פינלענדישן טראָן. און כדי אונטערצודריקן די קעגנערשאַפט פון פינלענדישן פאָלק, האָבן פאָן דער גאָלץ און מאַנערהיים איינגעשטעלט אַ טעראָר-הערשאַפט. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָבן מאַנערהיימס ווייס-גוואַרדייער דערמאָרדעט אַרום 20,000 מענער, פרויען און קינדער; נאָך אַנדערע צענדליקער טויזנטער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן און תפיסות, וואו פיל זיינען אומגעקומען פון פייניקונג, הונגער און קעלט.

קעגנצושטעלן זיך אַט דעם ווילדן אָנפאַל. עס האָט לאַנג ניט גענומען און פאַן דער גאָלץ איז געווען דער פאַקטישער דיקטאַטאָר פון די צוויי לענדער.

די אַמעריקאַנישע הילף־אַדמיניסטראַציע, אונטער דער פירערשאַפט פון הערבערט הואווער, האָט אויסגעטיילט פיל שפייז צו די געגנטן, וואָס זיינען געווען אָקופירט פון די אַרמייען פון דייטשן גענעראַל פאָן דער גאָלץ. אַט־די שפייז־מיטלען האָט מען צוריקגעהאַלטן פון די אויסגעהונגערטע באַלטישע פעלקער ביז זייערע לענדער זיינען פאַרנומען געוואָרן פון פאָן דער גאָלצעס ווייסע אַרמייען.

אינגיכן זיינען די אַליאירטע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פאַרלעגנהייט. מיט זייער הילף האָט פאָן דער גאָלץ באַהערשט דעם באַלטישן געגנט; אָבער ער איז דאָך נאָך אַלץ געווען אַ דייטשער גענעראַל און עס האָט זיך דעריבער געקאָנט שאַפן אַ געפאַר, אַז דורך זיין איינפלוס זאָל דייטשלאַנד זוכן צו קאָנטראָלירן די באַלטישע לענדער.

אין יוני 1919 האָבן די ענגלענדער באַשלאָסן צו פאַרבייטן פאָן דער גאָלצן מיט אַ גענעראַל, וואָס איז מער דירעקט אונטער זייער קאָנטראָל.

סידני ראַיליס פריינט, דער אַכט־און־פופציק־יעריקער געוועזענער צאַרישער גענעראַל ניקאָלאַי יודעניטש, איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפט־קאָמאַנדיר פון די רעאָרגאַניזירטע ווייסע כוחות. די ענגלענדער האָבן איינגעוויליקט צוצושטעלן די נויטיקע מיליטערישע אויסשטאַטונג צו גענעראַל יודעניטש פאַר אַ מאַרש אויף פעטראָגראַד. מען האָט צוגעזאָגט צו שיקן אין דעם ערשטן טראַנספּאָרט אַ פולשטענדיקע אויסשטאַטונג פאַר 10,000 סאָלדאַטן, 15 מיליאָן קוילן, 3,000 אויטאָמאַטישע ביקסן, און אַ צאָל טאַנקען און עראָפלאַנען.*)

---

*) איינער פון די אַקטיווסטע בריטישע געהיים-דינסט אַגענטן אין דער צפון-קאַמפּאַניע איז געווען פאָל דיוקס, אַ נאָענטער קאָלעגע פון סידני ראַיִלי. דיוקסן איז געלונגען צו קריגן אַ ראַנג אין דער רויטער אַרמיי, און ער האָט געדינט אַלס אַנטי-סאָוועטישער שפּיאָן און סאַבאָטאַזשירער אין די רייען פון די רויטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן יודעניטשן. ווען די ווייסע אַרמיי האָט אַטאַקירט פעטראָגראַד, האָט דיוקס אָרגאַנזשירט אויפצורייסן בריקן, וועלכע זיינען געווען וויכטיק פאַרן צוריקמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, און ער האָט אויך צוריקגעצויגן די באַפעלן צו צעשטערן די קאָמוניקאַציעס וועלכע האָבן געהאָלפן יודעניטשעס פאָראויסמאַרש. דיוקס האָט געהאַלטן יודעניטשן אינפאָרמירט וועגן יעדן טריט פון די רויט-אַרמייאישע כחות. ער איז אויך געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די באַוואָפנטע טעראָריסטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן פון סידני ראַיליס אָרגאַניזאַציע אין פעטראָגראַד, און וועלכע האָבן געוואַרט אַרויסצוהעלפן די „ווייסע" אין דעם מאָמענט ווען זיי וועלן אַריינטרעטן אין שטאָט. נאָכדעם ווי דיוקס האָט זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, איז ער פאַר זיינע אויפטוען דערהויבן געוואָרן צום

פֿאַרטרעטער פֿון הערבערט הואָווערס אַמעריקאַנישער הילף־אַדמיניסטראַציע האָבן צוגעזאָגט צוצושטעלן שפּייז אין די געגנטן, וועלכע גענעראַל יודעניטש וועט אָקופּירן. דער מאַיאָר ר. ר. פּאַוערס, הויפּט פֿון עסטאָנישן טייל פֿון דער באַלטישער מיסיע פֿון דער אַמעריקאַנישער הילף־אַדמיניסטראַציע, האָט גענומען מאַכן אַ פּאָרזיכטיקן איבערזיכט כדי צו וויסן וויפֿיל שפּייז וועט זיך נויטיקן צו פֿאַרזיכערן אַז גענעראַל יודעניטשעס ווייס־גוואַרדייאישע אַרמיי זאָל איינעמען פּעטראָגראַד. שיפֿן, אָנגעלאָדן מיט מאַטעריאַלן פֿון דער רעליף־אַדמיניסטראַציע פֿאַר דער טעריטאָריע קאָנטראָלירט פֿון יודעניטשעס סאָלדאַטן, האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין רעוועל.

אונטער יודעניטשעס קאָמאַנדע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ מעכטיקער אָנגריף אויף פּעטראָגראַד. די דריטע וואָך אין אָקטאָבער 1919 איז יודעניטשעס קאַוואַלעריע שוין געווען אין די פֿאָרשטעט. די אַליאירטע רעגירונגען זיינען געווען איבערצייגט, אַז פּעטראָגראַד וועט פֿאַלן אין עטלעכע טעג, אפֿשר שעהען. די ריזן־קעפּ פֿון דער „ניו־יאָרק טיימס" האָבן שוין פֿאָרגעשטעלט דעם זיג פֿאַר געוואונען:

דעם 18טן אָקטאָבער: **אַנטי־רויטע כוחות זיינען שוין אין פּעטראָגראַד, זאָגט שטאָקהאָלם.**

דעם 20טן אָקטאָבער: **עס ווערט ווידער געמאָלדן, אַז פּעטראָגראַד איז געפֿאַלן; מאָסקווער ליניע איז איבערגעשניטן.**

דעם 21טן אָקטאָבער: **אַנטי־רויטע כוחות זיינען לעבן פּעטראָגראַד; נייעס אַז די שטאָט איז געפֿאַלן ווערט יעדע שעה דערוואַרט אין לאָנדאָן.**

יודעניטשן האָט מען אָבער אָפּגעשטעלט ביי די סאַמע טויערן פֿון פּעטראָגראַד. די רעוואָלוציאָנערע שטאָט האָט צונויפֿגענומען אירע כוחות און צוריקגעשלאָגן. יודעניטשעס כוחות האָבן זיך געוואָקלט פֿון דער מעכטיקער קאָנטער־אָפֿענסיווע.

דעם 29טן פֿעברואַר, 1920, האָט די „ניו־יאָרק טיימס" געמאָלדן: „יודעניטש פֿאַרלאָזט די אַרמיי; פֿאַרנעמט זיך קיין פּאַריז מיט זיין פֿאַרמעגן פֿון 100,000,000 מאַרק."

ריטערטום. שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך: „דער רויטער בין־השמשות און דער מאָרגן", אין וועלכן ער האָט באַשריבן זיינע אַוואַנטורעס אַלס אַ שפּיאָן אין רוסלאַנד. צוזאַמען מיט סידני ראַילין האָט ער פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן איבערגעזעצט באָריס סאַווינקאָווס „דאָס בלאַסע פֿערד" און נאָך אַנדערע פֿאַרשיידענע ווייס־גוואַרדייאישע און אַנטי־סאָוועטישע שריפֿטן.

אַנטלויפנדיק פון עסטאָניע דרום־צו אין אַן אויטאָמאָביל, אויף וועלכן עס האָט געוויַיעט אַ בריטישע פאָן, האָט יודעניטש איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם פולשטענדיקן חורבן פון זיין פריערדיקער שטאָלצער אַרמיי. צעזייטע און צעשפּרייטע באַנדעס פון זיינע סאָלדאַטן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די פאַרשנייטע פעלדער, און זיינען אין די טויזנטער אויסגעשטאָרבן פון הונגער, קראַנקהייטן און קעלט.

4. די דרום־קאַמפּאַניע

בעת יודעניטשעס מחנות זיינען געגאַנגען אויף פּעטראָגראַד אין צפון, האָט די אַטאַקע פון דרום אָנגעפירט גענעראַל אַנטאָן דעניקין, דער ווירדיק־אויסזעענדיקער, גרוי־בערדיקער און גרוי־וואָנצעדיקער פינף־און־פערציק־יאָריקער געוועזענער צאַרישער אָפיציר. גענעראַל דעניקין האָט שפּעטער גע־זאָגט וועגן זיין ווייסער אַרמיי, אַז זי האָט געהאַט „איין הייליקן גרונט־געדאַנק, איין לעבעדיקע האָפענונג און וואונטש . . . צו ראַטעווען רוסלאַנד". אָבער צווישן דעם רוסישן פאָלק גופא איז דעניקינס אַרמיי אין דרום־רוסלאַנד בעסער באַקאַנט געוועזן פאַר אירע סאַדיסטישע קריג־מעטאָדן.

פון סאַמע אָנפאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען אוקראַינע מיט אירע רייכע ווייץ־פעלדער און דער דאָנער ראַיאָן מיט זיינע אומגעהויערע פאַר־מעגנס פון אייזן און קוילן געוועזן די סצענע פון ווילדע שלאַכטן. נאָך דעם ווי עס האָט זיך געגרינדעט די אוקראַאינישע סאָוועטן־רעפּובליק אין דעצעמבער 1917, האָט דער אוקראַאינישער אַנטי־סאָוועטישער פירער, גענעראַל סימאָן פּעטליוראַ, פאַרלאַנגט פון דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב ער זאָל שיקן מיליטער אין אוקראַינע כדי צו העלפן אים אַרונטערצוואַרפן דעם סאָוועטישן רעזשים. די דייטשן, מיט הונגעריקע אויגן אויף אוקראַאינעס ריזיקע שפּייז־פאַרמעגנס, האָבן ניט געוואַרט אויף אַ צווייטער איינלאַדונג.

אונטער דער קאָמאַנדע פון פעלדמאַרשאַל הערמאַן פאָן אייכהאָרן, זיינען דייטשע סאָלדאַטן אַריינגעדרונגען אין אוקראַינע. פאָן אייכהאָרן גופא האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן פּערזענלעכן אינטערעס אין אָט־דער קאַמפּאַניע: זיין פרוי איז געווען די פירשטין דורנאָוואָ, אַ רייכע רוסישע נאָבל־פרוי, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע לאַנדבאַזיצער אין אוקראַינע. די סאָוועטישע כוחות זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון קיעוו און כאַרקאָוו, און אַ פּופּן „אומאָפּ־הענגיקע אוקראַינע", קאָנטראָלירט פון דער דייטשער אַרמיי, איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיט גענעראַל פּעטליורען בראש. דערקלערנדיק, אַז זיין ציל איז צו

עטאַבלירן „נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם", האָט פּעטליורע אויפגעהעצט אַ רייַ בלוטיקע, אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען איבער גאַנץ אוקראַינע. אומדערבאַרעמ־דיקע באַשטראַף־מיטלען זייַנען אָנגעווענדט געוואָרן אונטערצודריקן די אוקראַיִנישע אַרבעטער און פּויערים.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אָבער געהאַלטן אין איין וואַקסן. פון אייכהאָרן, באַשליסנדיק אַז פּעטליורע קאָן ניט באַהערשן די לאַגע, האָט זייַן רעגירונג פּאַרביטן מיט אַ מיליטערישער דיקטאַטור. דער נייַער פּופּן־רעזשים איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּאַן אייכהאָרנס שוואָגער, גענעראַל פּאַוועל פּעטראָ־וויטש סקאָראָפּאַדסקי, ביז דאַן אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער רוסישער קאַוואַ־לעריסט, וועלכער האָט ניט געקענט רעדן קיין וואָרט אוקראַיִניש. סקאָראָ־פּאַדסקי האָט זיך גענומען דעם טיטל העטמאַן (הויפּט־מאַן) פון אוקראַינע.

דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי איז ניט געווען מער דערפּאָלגרייך ווי פּעט־ליורע. פּאַרן סוף יאָר 1918 איז ער, פּאַרשטעלט ווי אַן איינפאַכער דייטשער סאָלדאַט, אַנטלאָפן פון אוקראַינע צוזאַמען מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־אַרמיי, פון וועלכער די רויטע אַרמיי און די אוקראַיִנישע פּאַרטיזאַנען האָבן געמאַכט אַ תל.

דאָס וואָס די דייטשן האָבן זיך אָפּגעצויגן האָט נאָך באַין־אופן ניט געמאַכט קיין סוף צו די פּראָבלעמען, וואָס זייַנען געשטאַנען פאַר די באָלשעוויקעס אין אוקראַינע. די אַליאירטע האָבן אויך געשטיצט אַנטי־סאָוועטישע ווייס־גוואַר־דייאישע באַוועגונגען אין דרום־רוסלאַנד. אַליאירטע הילף איז געגאַנגען הויפּטזאַכלעך צו די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות, וועלכע האָבן זיך אָרגאַני־זירט אין אַ „פרייוויליקער אַרמיי" אין ראַיאָן פון די דאָנער קאָזאַקן, אונטער דער פירערשאַפט פון קאַלעדינען, קאָרנילאָוון, דעניקינען און נאָך אַנדערע געוועזענע צאַרישע גענעראַלן, וואָס זייַנען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע אַנטלאָפן קיין דרום.

תחילת האָבן די קאַמפּאַניעס פון דער פרייוויליקער אַרמיי געליטן גאַנץ ערנסטע דורכפאַלן. גענעראַל קאַלעדין, איר אָריגינעלער הויפּט־קאָמאַנדיר, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זייַן נאָכפאָלגער, גענעראַל קאָרנילאָוו, האָבן די סאָוועטישע כוחות פאַרטריבן פונעם דאָנער ראַיאָן און ער איז סוף־כל־סוף דערהרגעט געוואָרן אין שלאַכט דעם 13טן אַפּריל, 1918. די קאָמאַנדע איבער דער אָפּטרעטנדיקער, אויסגעמאַטערטער פרייוויליקער אַרמיי האָט איבער־גענומען גענעראַל דעניקין.

אין אָט־דעם מאָמענט, ווען דאָס מזל פון די ווייסע רוסן האָט אויסגעזען צו זייַן אַזוי געזונקען, האָבן די ערשטע בריטישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטן געלאַנדעט אין מורמאַנסק און אין אַרכאַנגעלסק, און באַדייטנדיקע אַליאירטע

מאַטעריאַלן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען איבער די רוסישע פראַנטן, צו העלפן די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען. דעניקינס שטאַרק־געדריקטע אַרמיי איז גע־ראַטעוועט געוואָרן פון פאַרניכטונג. אַ פאַרגרעסערטע און באַקרעפטיקטע, איז דעניקינס אַרמיי אין האַרבסט 1918 גרייט געווען אָנצוהויבן אַן אָנגריף קעגן די סאָוועטן.

דעם 22טן נאָוועמבער, 1918, אַקוראַט עלף טעג נאָך דעם ווי מען האָט אונטערגעשריבן דעם וואַפנשטילשטאַנד, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין דעניקינס דרומדיקער הויפט־קוואַרטיר אָנ־געקומען אַ ראַדיאָגראַמע מיט דער מעלדונג, אַז אַן אַליאירטער פלאָט איז אויפן וועג צו נאָוואָראָסיסק. דעם צווייטן טאָג האָבן אַליאירטע שיפן פאַר־אַנקערט אין דעם האַפן פון שוואַרצן ים און פראַנצויזישע און בריטישע שליחים זיינען אַרויף אויפן ברעג צו לאָזן וויסן דעניקינען, אַז אַ מאַסע קריג־מכשירים פון פראַנקרייך און גרויס־בריטאַניע וועלן גאָר אינגיכן אָנקומען צו העלפן אים.

אין משך פון די לעצטע וואָכן פון יאָר 1918 האָבן פראַנצויזישע סאָלדאַטן פאַרנומען אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל. אַן ענגלישער פלאָט איז אַריינגעשוואומען אין שוואַרצן ים און האָט געלאַנדעט מיליטערישע אָפּטיילונגען אין באַטום. אַ בריטישער קאָמאַנדיר איז באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דעם ראַיאָן.*)

אונטער דער אויפזיכט פון דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב און באַ־זאָרגט מיט אַ סך מיליטערישער אויסשטאַטונג פון די ענגלענדער, האָט דעניקין געלאָזט אין גאַנג אַ שטאַרקן אָנגריף קעגן מאָסקווע. דעניקינס הויפט־געהילף אין אָט־דעם אָנגריף איז געווען באַראָן פאָן ווראַנגעל, אַ הויכער, מאָגערער מיליטער־מאַן, מיט שיטערלעכע האָר און מיט קאַלטע, גריפּעל־בלויע אויגן, וועלכער איז געווען טרויעריק באַרימט פאַר זיין ווילדער רשעות. פון צייט צו צייט פלעגט ווראַנגעל אומברענגען גרופּעס אומבאַוואָפנטע געפאַנגענע פאַר די אויגן פון זייערע חברים, און דערנאָך געבן די אַנדערע געפאַנגענע, וועלכע

---

*) בריטיש מיליטער איז געווען אַקטיוו אין דעם דרומדיקן טייל פון רוסלאַנד זינט יולי 1918, ווען דער ענגלישער גענעראַל־שטאַב האָט געשיקט סאָלדאַטן פון פערסיע קיין טורקעסטאַן צו העלפן אַן אַנטי־סאָוועטישן אויפשטאַנד, וואָס די מענ־שעוויקעס און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן אָנגעפירט. דער „טראַנס־קאַספּישער אויספיר־קאָמיטעט", וואָס איז געווען אָנגעפירט פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן נאַי זשאָרדאַניאַ, האָט געגרינדעט אַ פופן־רעגירונג, וועלכע די ענגלענדער האָבן דאָמי־נירט. עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן די ענגלענדער האָבן באַקומען ספּעציעלע רעכט אַרויסצופירן בוימוואָל און פּעטראָלעאום פון דעם געגנט, אַלס אויסטויש פאַר זייער הילף צו די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות.

האָבן צוגעזען די עקזעקוציע, די ברירה פון אַנשליסן זיך אין זייַן אַרמיי אָדער דערשאָסן צו ווערן. ווען דעניקינס און וורַאַנגעלס סאָלדאַטן האָבן פאַרכאַפּט סטאַווראָפּאָל, איז איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס זיי האָבן געטאָן געווען זיך אַרייַנצורייסן אין אַ שפּיטאָל און דאָרט אויסשעכטן זיבעציק פאַרוואונדעטע רויט־אַרמייאישע סאָלדאַטן. גזילה איז געווען אַן אָפּיציעלע פּראַקטיק אין דעניקינס אַרמיי. וורַאַנגעל אַליין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זייַנע סאָל־דאַטן, אַז די אַנגערויבטע זאַכן אין זייערע קאָמפּאַניעס זאָלן „אויף גלייך צעטיילט ווערן" צווישן זיי.

יאָגנדיק זיך קיין צפון, האָבן דעניקינס און וורַאַנגעלס כוחות פאַרנומען צאַריצין (איצט סטאַלינגראַד) אין יוני 1919, און אַרום אָקטאָבער האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו טולאַ, 120 מייל פון מאָסקווע. „די גאַנצע באָלשעוויסטישע געביידע אין רוסלאַנד האַלט שוין, זעט אויס, ביים איינפאַלן", האָט געמאָלדן די „ניו־יאָרק טיימס". „די עוואַקואַציע פון מאָסקווע, דער הויפּט־צענטער פון באָלשעוויזם, האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען." די „טיימס" האָט באַשריבן, אַז דעניקין „ווישט אָפּ אַלץ וואָס שטייט אים אין וועג" און אַז די רויטע אַרמיי טרעט אָפּ אין „ווילדער פּאַניק".

די רויטע אַרמיי אָבער, נוצנדיק אַ פּלאַן פון אַנגריף, וואָס סטאַלין אַלס מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט, האָט אָנגעפאַנגען אַ פּלוצימדיקן קאָנטער־אַנגריף.

דעניקינס כוחות זייַנען געווען פולשטענדיק איבעררראַשט. אין משך פון עטלעכע וואָכן איז די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמיי געווען אין פולן צוריקטריט אין דער ריכטונג פון שוואַרצן ים. דער ווידערשטאַנד־גייסט האָט געפּלאַצט און דעניקינס סאָלדאַטן זייַנען אַנטלאָפן אין פּאַניק און אין אומאָרדענונג. קראַנקע און שטאַרבנדיקע האָבן פאַרשטעלט די וועגן. שפּיטאָל־באַנען האָבן אָפּט ניט געהאַט קיין מעדיצינישע מכשירים, קיין דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער. די אַרמיי איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין רויבער־באַנדעס, וואָס האָבן געשטראָמט דרום־צו.

דעם 9טן דעצעמבער 1919 האָט גענעראַל וורַאַנגעל געשיקט אַ מעלדונג פול מיט פּאַניק צו גענעראַל דעניקין, דערקלערנדיק:

> דאָס איז דער ביטערער אמת. די אַרמיי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ קעמפנדיקע קראַפט.

אין די ערשטע וואָכן פון יאָר 1920 האָבן די רעשטלעך פון דעניקינס אַרמיי דערגרייכט דעם האַפן פון נאָוואָראָסיסק אויפן שוואַרצן ים. ווייסע סאָלדאַטן, דעזערטירן און ציווילע פּליטים האָבן אַרייַנגעשטראָמט אין דער שטאָט אַרייַן.

דעם 27טן מערץ, 1920, בעת די דערבייאיקע בריטישע קריג־שיף „עמפּע־ראָר אָף אינדיע״ און די פראַנצויזישע קרייצער־שיף „וואָלדעק־רוסאָ״ האָבן פון ים געשאָסן אין לאַנד אַריין אויף די מאַרשירנדיקע רויטע קאָלאָנעס, איז דעניקין אַוועקגעפאָרן פון נאָוואָראָסיסק אויף אַ פראַנצויזישער קריג־שיף. צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון דעניקינס אַרמיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן באָרטן און הילפלאָז צוגעקוקט ווי זייער קאָמאַנדיר און די אָפיצירן ציען אָפּ.

5. די מזרח־קאַמפּאַניע

לויט דעם מייסטער־פּלאַן פון די אינטערווענציאָניסטן, האָט אַדמיראַל קאָלטשאַק געזאָלט באַלאַגערן מאָסקווע פון מזרח־זייט, בעת דעניקין איז גע־גאַנגען אויף דער שטאָט פון דרום. די געשעענישן זיינען אָבער ניט געגאַנגען לויטן פּלאַן.

אין משך פון פרילינג און פריען זומער פון 1919 האָבן די צייטונגען אין פּאַריז, לאָנדאָן און ניו־יאָרק געגעבן אָפטע דעטאַליזירטע ידיעות וועגן שרעק־לעכע רויט־אַרמייאישע מפּלות, וואָס אַדמיראַל קאָלטשאַק האָט זיי דערלאַנגט. אָט זיינען אייניקע קעפּ, וואָס די „ניו־יאָרק טיימס״ האָט געדרוקט:

דעם 26טן מערץ: **קאָלטשאַק יאָגט זיך נאָך דער צעשמעטערטער רויטער אַרמיי.**

דעם 20טן אַפּריל: **רויטע ברעכן צוזאַמען אין מזרח.**

דעם 22טן אַפּריל: **רויטע הערשאַפט טרייסלט זיך בעת קאָל־טשאַק געווינט.**

דעם 15טן מאַי: **קאָלטשאַק פּלאַנירט אַ מאַרש אויף מאָסקווע.**

אָבער דעם 11טן אויגוסט האָט די „טיימס״ געדרוקט אַ מעלדונג פון וואַשינגטאָן, וואָס האָט דערקלערט:

> די צייט איז געקומען, האָט אַ הויכער רעגירונג־באַאַמטער היינט ביינאַכט געזאָגט, אַז מען זאָל אָנהויבן צוגרייטן די פעלקער פון דער אַנטי־באָלשעוויסטישער וועלט צו אַ מעגלעכער קאַטאַסטראָפע פאַר דעם קאָלטשאַקישן רעזשים אין מערב־סיביר.

אין מיטן זומער איז אַדמיראַל קאָלטשאַק שוין פאַרצווייפלט געלאָפן פון די מעכטיקע אַטאַקעס פון דער רויטער אַרמיי. אין דער זעלביקער צייט האָט אַ ברייט־פאַרשפרייטע, גיך־וואַקסנדיקע פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג הינטער דעם

פראַנט אומאויפהערלעך אויסגעמוטשעט זײַנע סאָלדאַטן. אין נאָוועמבער האָט קאָלטשאַק עוואַקואירט זײַן הויפּט־שטאַט אָמסק. אין שמאַטעדיקע מונדירן און אין צעריסענע שטיוול האָבן קאָלטשאַקס מחנות זיך געשלעפּט איבער די וועגן, וואָס האָבן געפירט פון אָמסק. טויזנטער זײַנען געפאַלן אויף דעם ענדלאָזן, מיזעראַבעלן מאַרש, און געשטאָרבן אינעם שניי ביי דער זייט פון די וועגן. די אייזנבאַן־ליניעס, וואָס האָבן געפירט פון אָמסק, זײַנען געווען פאַרשפאַרט מיט צעבראָכענע לאָקאָמאָטיוון. „די טויטע", האָט אַ באַאָבאַכטער באַמערקט, „האָט מען אָוועקגעוואָרפן לעבן די רעדער, פאַרפוילט צו ווערן."

קאָלטשאַק איז אָנגעקומען קיין אירקוטסק אין אַ באַן, אויף וועלכער עס האָבן געוויִעט די פענער פון גרויס־בריטאַניע, די פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך, איטאַליע און יאַפּאַן.

די באַפעלקערונג פון אירקוטסק האָט רעוואָלטירט דעם 24טן דעצעמבער, 1919, געגרינדעט אַ סאָוועט און אַרעסטירט קאָלטשאַקן. צוזאַמען מיט אים האָט מען פאַרכאַפּט אַ ריזיקן פאַרמעגן, וואָס ער האָט איבערגעשיקט אין אַ ספּעציעלן צוג: 5,143 קאַסטנס און 1,680 זעק מיט גאָלד־ציגל, גאָלד־שטאַבעס, אַקציע־פּאַפּירן און אַנדערע ווערט־זאַכן, אין ווערט פון 1,150,500,000 רובל.

דער סאָוועטישער רעזשים האָט אַדמיראַל קאָלטשאַקן געשטעלט צום גע־ריכט אויף דער קלאַגע פון פאַרראַט. „אויב אַ שיף זינקט, זינקט זי מיט אַלע מענטשן וואָס געפינען זיך אויף איר", האָט קאָלטשאַק דערקלערט דעם געריכט, אויסדריקנדיק זײַן פאַרדראָס פאַרוואָס ער איז ניט געבליבן אויפן ים. מיט ביטערקייט האָט ער באַהויפּטעט, אַז „אויסלענדישע עלעמענטן" האָבן אים פאַרראַטן און האָבן אים פאַרלאָזט בעתן קריזיס.

דאָס געריכט האָט קאָלטשאַקן פאַרמשפּט דערשאָסן צו ווערן. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 7טן פעברואַר, 1920. אַ צאָל פון קאָלטשאַקס געהילפן זײַנען אַנטלאָפן צו די יאַפּאַנעזער. איינער פון זיי, גענעראַל באַקיטש, האָט געשיקט צום וויִס־גוואַרדייאישן קאָנסול אין אורגאַ, מאָנגאָליע, זײַן לעצטע מעלדונג: „פאַרפאָלגט פון אידן און קאָמוניסטן, בין איך אַריבער די גרענעץ!"

6. די פאַליאַקן און וורַאנגעל

ניט געקוקט אויף די קאַטאַסטראָפישע מפּלות וואָס זיי האָבן געליטן, האָבן דאָך די ענגליש־פראַנצויזישע אינטערווענציאָניסטן אָרגאַניזירט צוויי נײַע אָנגריפן קעגן דעם מערב־טייל פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אין אַפּריל 1920, פאַדערנדיק פאַר זיך די גאַנצע מערבֿ־אוקראַיִנישע טעריטאָריע און די רוסישע שטאָט סמאָלענסק, האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן אַן אַטאַקע פון דער מערבֿ־זייט. בריטהאַרציק אויסגעשטאַט מיט קריג־מאַטעריאַלן פון די פראַנצויזן און ענגלענדער און מיט אַ הלוואה פון 50,000,000 דאָלער פון די פאַראייניקטע שטאַטן,*) האָבן די פּאָליאַקן אַריינגעדרונגען אין אוקראַיִנע און פאַרנומען קיִעוו. דאָרט האָט זיי די רויטע אַרמיי פאַרהאַלטן און צוריקגעשטויסן.

נאָכגעיאָגט פון די רוסישע סאָלדאַטן, זיינען די פּאָליאַקן אין פּאַניק אָפּגעטראָטן. אין אויגוסט איז די רויטע אַרמיי שוין געשטאַנען ביי די טויערן פון וואַרשע און לעמבערג.

די אַליאירטע רעגירונגען האָבן אין איילעניש געשיקט פרישע הלוואות און מאַטעריאַלן צו די פּאָליאַקן. מאַרשאַל פאָש האָט אויך גיך געשיקט זיין הויפּט פון שטאַב, גענעראַל מאַקסים וועיגאַנד, אָנצופירן מיט די פּוילישע אָפּעראַציעס. ענגלישע טאַנקען און עראָפּלאַנען האָט מען אויך שנעל געשיקט קיין וואַרשע. די קאָמוניקאַציע־ליניעס פון די רויטע מחנות, אָנגעפירט פון גענעראַל טוכאַטשעווסקי און פון קריג־קאָמיסאַר לעאָן טראָצקי, זיינען געווען געפערלעך דין אויסגעשפּרייט. איצט האָבן זיי געליטן דערפון, ווען דער פּויִלישער קאָנטער־אָנגריף האָט זיי געטריבן צוריק איבערן גאַנצן פראָנט. לויט דעם ריגער פרידן־אָפּמאַך איז די סאָוועטן־רעגירונג געצוואונגען געווען איבערצוגעבן צו די פּאָליאַקן די מערבֿ־טיילן פון ווייס־רוסלאַנד און פון אוקראַיִנע.

פרידן מיט פּוילן האָט דערלויבט דער רויטער אַרמיי זיך אַ נעם צו טאָן צו גענעראַל וראַנגעל, וועמען די פראַנצויזן האָבן געשטיצט און וועלכער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרביטן גענעראַל דעניקין אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר אין דרום, זיך געלאָזט פון קרים אין אוקראַיִנע אַריין. אין שפּעטן האַרבסט

---

*) הערבערט הואָווער האָט געגעבן די פּאָליאַקן מאַטעריאַלן פון דער אַמעריקאַנישער הילף־אַדמיניסטראַציע אין ווערט פון מיליאָנען דאָלער. אַ גרויסער טייל פון די געלטער, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָפיציעל פאַר אייראָפּיִאישער הילף, איז באַנוצט געוואָרן אונטערצושטיצן די אינטערווענציע קעגן די סאָוועטן. הואָווער אַליין האָט דאָס קלאָר געמאַכט אין זיין באַריכט צום קאָנגרעס אין יאַנואַר 1921. דער קאָנגרעס האָט תחילת אַפּראָפּריִאירט $100,000,000 פאַר רעליף. הואָווערס באַריכט האָט אָנגעוויזן, אַז כמעט די גאַנצע $94,938,417, וועגן וועלכע עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ רעכענונג, האָט מען אויסגעגעבן אין די טעריטאָריעס, וועלכע גרענעצן זיך מיט רוסלאַנד, אָדער אין די יעניקע טיילן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטערן קאָנטראָל פון די ווייס־רוסישע אַרמייען און די אַליאירטע אינטערווענציאָניסטן.

1920 האָבן די רויט־אַרמייאישע כוחות וורא‌נגעלן אַריינגעטריבן צוריק אין קרים און אים דאָרט אַריינגעשפּאַרט אין אַ טעמפּן ווינקל. אין נאָוועמבער האָט די רויטע אַרמיי געשטורעמט פּערעקאָפּ און זיך אַריינגעריסן אין קרים, פּאַר־טרייבנדיק וורא‌נגעלס אַרמיי אין ים אַריין.

7. דער לעצטער פּאַרזוך

ווען וורא‌נגעלס אַרמיי איז צעשמעטערט געוואָרן און די אינטערווענציע אין מערב איז געקומען צו אַ סוף, איז די איינציקע פרעמדע אַרמיי, וואָס איז געבליבן אויף רוסישער ערד, געווען די יאַפּאַנעזישע אַרמיי. עס האָט געשיינט, אַז עס איז דער גורל פון סיביר מיט אַלע אירע רייכטימער איינגאַנצן אַריינ־צופאַלן צו די יאַפּאַנעזער. גענעראַל באַראָן טאַנאַקאַ, קריג־מיניסטער און הויפּט פון דער יאַפּאַנעזיש־מיליטערישער געהיים־דינסט, האָט געטאַנצט פון פרייד:
„דער רוסישער פּאַטריאָטיזם איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע. דאָס איז זייער גוט פאַר אונדז. פון איצט אָן קאָנען די סאָוועטן באַזיגט ווערן בלויז דורך אַ גענוגנדיק־שטאַרקער אויסלענדישער אַרמיי."

יאַפּאַן האָט נאָך אַלץ געהאַט איבער 70,000 סאָלדאַטן אין סיביר און הונדערטער געהיים־אַגענטן, שפּיאָנען, סאַבאָטאַזשניקעס און טעראָריסטן. ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען אין רוסישן ווייטן מזרח האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט אונטערן אויפזיכט פון דער יאַפּאַנעזישער הויך־קאָמאַנדע. די וויכטיקסטע צווישן די דאָזיקע אַנטי־סאָוועטישע כוחות איז געווען די באַנדיטן־אַרמיי פון יאַפּאַנס קאָזאַקן־פּופּע, דער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו.

דער דרוק פון אַמעריקע האָט געצוואונגען יאַפּאַן צו גיין לאַנגזאַם. אָבער דעם 8טן יוני, 1921, האָבן די יאַפּאַנעזער אונטערגעשריבן אין וולאַדיוואָסטאָק אַ געהיימען אָפּמאַך מיט אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו פאַר אַ נייעם, אַנטשיידנעם אָנ־גריף קעגן די סאָוועטן. דער אָפּמאַך האָט געפאָדערט, אַז סעמיאָנאָוו זאָל איבערנעמען די פולע ציווילע מאַכט, נאָכדעם ווי די סאָוועטן וועלן ליקווידירט ווערן. דער געהיימער אָפּמאַך האָט אויך צוגעגעבן:

> ווען עס וועט איינגעשטעלט ווערן אַ פעסטע רעגירונג־אויטאָריטעט אין ווייטן מזרח, וועלן יאַפּאַנעזישע בירגער קריגן פּריווילעגירטע רעכט אויף יאַגד, פישעריי און וואַלד־קאָנצעסיעס. . . . אויך פאַר דער אַנט־וויקלונג פון קוילן־, מעטאַל־ און גאָלד־מינעס.

איינער פון סעמיאָנאָווס הויפּט־געהילפן, דער באַראָן אונגערן־שטערנ־

בערג, האָט געקראָגן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פּראָיעקטירטער מיליטערישער קאַמפּאַניע.

דאָס איז געווען די לעצטע ווייס־גוואַרדייאישע קאַמפּאַניע אין דער אינטערווענציע־מלחמה.

גענעראַל־לייטענאַנט באַראָן ראָמאַן פאָן אונגערן־שטערנבערג, אַ בלאַסער, ווייבעריש־אויסזעענדיקער באַלטישער אַריסטאָקראַט מיט בלאָנדע האָר און לאַנגע, רויטלעכע וואָנצעס, איז אין דער יוגנט אַריינגעטראָטן אין דער צאַרישער אַרמיי, געקעמפט קעגן די יאַפּאַנעזער אין 1905, און שפּעטער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאָזאַקישן פּאָליציי־רעגימענט אין סיביר. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אונטער באַראָן ווראַנגעל און איז באַלוינט געוואָרן מיטן געאָרגי־קרייץ פאַר קוראַזש אין שלאַכט אויפן דרום־פראָנט. צווישן די אָפיצירן איז ער באַקאַנט געווען פאַר זיין געוואַגטקייט, בייזער רשעות און אומקאָנטראָלירבאַרן כעס.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער זיך דורכגעשלאָגן צוריק קיין סיביר און איבערגענומען די קאָמאַנדע פון אַ קאָזאַקן־רעגימענט, וואָס האָט דורכגעפירט גזילות אין די דערפער און געפירט ספּאָראַדישע קאַמפן קעגן די לאָקאַלע סאָוועטן. ענדלעך זיינען יאַפּאַנעזישע אַגענטן געקומען אין באַרירונג מיט אים און אים באַוואויגן צו גיין אין מאָנגאָליע. זיי האָבן אים געגעבן אַ געמישטע אַרמיי פון ווייס־גוואַרדייאישע אָפיצירן, אַנטי־סאָוועטישע כינעזישע סאָלדאַטן, מאָנגאָלישע באַנדיטן און יאַפּאַנעזישע געהיים־דינסט אַגענטן.

לעבנדיק אין אַן אַטמאָספערע פון פעאָדאַלן באַנדיטיזם און אַבסאָלוטיזם אין זיין הויפּט־קוואַרטיר אין אורגאַ, האָט אונגערן אָנגעפאַנגען זיך צו באַטראַכטן פאַר איינעם וועמען דער שיקזאַל האָט אָנפאַרטרויט אַ מיסיע. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאָנגאָלישער פּרינצעסין, פאַרביטן זיינע אייראָפּייאישע קליידער אויף אַ געל־זיידענעם מאָנגאָלישן ראָק, און זיך דערקלערט פאַר דעם גלגול פון דזשענגיס־כאַן. אָנגערייצט פון די יאַפּאַנעזישע אַגענטן, וועלכע האָבן אים תמיד אַרומגערינגלט, האָט ער געטרוימט וועגן זיך אַלס אימפּעראַטאָר פון אַ נייער וועלט־אָרדענונג, וואָס וועט אַרויסשטראַלן פון מזרח און זיך אַרונטערלאָזן אויף סאָוועט־רוסלאַנד און אייראָפּע, פאַרניכטנדיק מיט פייער, שווערד און קאַנאָן די לעצטע שפּורן פון דער „פוילנדיקער דעמאָקראַטיע און אידישן קאָמוניזם“. סאַדיסטיש און האַלב־משוגע, איז ער באַגאַנגען פּילצאָליקע באַרבאַרישע ווילדקייטן. איינמאָל האָט ער געזען אַ שיינע אידישע פרוי אין אַ קליין סיבירער שטעטל און פאַרגעלייגט טויזנט רובל צו דעם וואָס וועט אים ברענגען איר קאָפּ; דער קאָפּ איז געבראַכט געוואָרן און ער האָט געהעריק באַצאָלט דערפאַר.

— איך וועל מאַכן אַן אַלייע פון תליות, וואָס וועט זיך ציען פון אַזיע דורך אייראָפּע, — האָט באַראָן אונגערן דערקלערט.

ביים אָנהויב פון דער קאַמפּאַניע אין 1921 האָט באַראָן אונגערן פון זיין הויפּט־קוואַרטיר אין אורגאַ אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע צו זיינע לייט, אין וועלכער ער האָט דערקלערט:

מאָנגאָליע איז געוואָרן דער נאַטירלעכער אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ קאַמפּאַניע קעגן דער רויטער אַרמיי אין סאָוועטן־סיביר. . . .

קאָמיסאַרן, קאָמוניסטן און אידן, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, מוזן אויסגעראָטן ווערן. זייער אייגנטום מוז קאָנפיסקירט ווערן. . . .

די שולדיקע קענען באַשטראָפט ווערן אָדער מיט דיסציפּלינאַרע מיטלען אָדער מיט פאַרשיידענע שטופעס פון טויט־שטראָף.

„אמת און רחמנות" זיינען מער ניט דערלאָזבאַר. פון איצט אָן קאָן בלויז זיין „אמת און אומבארחמנותדיקע גרויזאַמקייט". די בייז, וואָס איז באַפאַלן דאָס לאַנד, מיט דער כוונה צו פאַרניכטן דעם געטלעכן פּרינציפּ אין דער מענטשלעכער נשמה, מוז מען אויסראָטן מיטן וואָרצל.

אין דעם ווילדן און פאַרלאָזענעם רוסישן גרענעץ־לאַנד, האָט אונגערנס קריג זיך אויסגעדריקט אין אַ ריי באַנדיטישע גזילות, וואָס האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט ברענענדיקע דערפער און צעקאַליעטשעטע קערפּערס פון מענער, פרויען און קינדער. די שטעט, וועלכע אונגערנס מחנות האָבן פאַר־נומען, זיינען געוואָרן פּלעצער פון פאַרגוואַלטיקונגען און רויבערייען. אידן, קאָמוניסטן און אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געווען אונטערן חשד פון האָבן די מילדסטע דעמאָקראַטישע געפילן, האָט מען דערשאָסן, פאַרפייניקט צום טויט און פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

אין יולי 1921 האָט די רויטע אַרמיי אונטערגענומען אַ קאַמף אויסצוראָטן אונגערנס אַרמיי. נאָך אַ ריי שאַרפע, ניט־אַנטשיידענע שלאַכטן, האָבן די רויטע אַרמיי און די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען געוואונען אַ מעכטיקן זיג. אונגערנס האָרדעס זיינען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק זייערע ביקסן, פּראָוויאַנט און פאַר־וואונדעטע.

אין אויגוסט האָט מען אונגערנען אַרומגערינגלט. זיין אייגענע מאָנגאָ־לישע לייב־וואַך האָט זיך צעבונטעוועט און אים איבערגעגעבן צו די סאָוועט־טישע מחנות. דעם באַראָן האָט מען געבראַכט אין זיין זיידענער מאָנגאָלישער פעלערינע קיין נאָוואָ־ניקאָלאַיעווסק (איצט נאָוואָ־סיבירסק) און געשטעלט צו אַן עפנטלעכן משפּט פאַר דעם סיבירער סאָוועטישן העכסטן געריכט אַלס אַ שונא פון פאָלק.

עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער משפּט.

הונדערטער אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן — רוסן, סיבירער, מאָנ־גאָלן און כינעזער — האָבן אַנגעפּאַקט דאָס געריכט־צימער. אַנדערע טויזנטער זיינען געשטאַנען אינדרויסן אויף דער גאַס. פיל פון די דאָזיקע מענטשן האָבן דורכגעלעבט אונגערנס טעראָר־הערשאַפט; זייערע ברידער, קינדער, פרויען און מענער האָט מען דערשאָסן, פאַרפייניקט אָדער אַריינגעוואָרפן אין די קעסלען פון די לאָקאָמאָטיוון.

דער באַראָן האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ און מען האָט געלייענט די אָנקלאָגע:

אין הסכם מיט דעם באַשלוס פון סיבירער רעוואָלוציאָנערן קאָ־מיטעט, וואָס איז דאַטירט דעם 12טן סעפּטעמבער, 1921, ווערט דער גענעראַל־לייטענאַנט באַראָן אונגערן פאָן שטערנבערג, דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער אַזיאַטישער קאַוואַלעריע־דיוויזיע, אָנגעקלאָגט פאַרן סיבירער רעוואָלוציאָנערן געריכט אויף די קלאָגעס:

1. אַז ער האָט געהאָלפן די אַגרעסירנדיקע צילן פון יאַפּאַן, דורך זיינע פאַרזוכן צו באַשאַפן אַן אַזיאַטישן שטאַט און אַרונטערצווואַרפן די רעגירונג פון טראַנס־באַיקאַליע;

2. אַז ער האָט געפּלאַנעוועט אַרונטערצוואַרפן די סאָוועטישע מאַכט, מיטן צוועק צוריק צו עטאַבלירן די מאָנאַרכיע אין סיביר און מיטן ענדלעכן אַבזיכט אַרויפצוזעצן מיכאַאיל ראָמאַנאָוון אויפן טראָן;

3. אַז ער האָט ברוטאַל דערמאָרדעט מאַסן רוסישע פּויערים און אַרבעטער און כינעזישע רעוואָלוציאָנערן.

אונגערן האָט ניט געמאַכט קיין שום פאַרזוך אָפּצולייקענען זיינע גרויזאַמ־קייטן, עקזעקוציעס, פייניקונגען און שחיטות — יאָ, דאָס איז אַלץ אמת. די דערקלערונג איז געווען אַ פּשוטע: „עס איז געווען מלחמה!" אָבער אַ פּופּע פון יאַפּאַן? „מיין געדאַנק איז געווען", האָט דער באַראָן אונגערן דערקלערט, „אויסצונוצן די יאַפּאַנעזער." ער האָט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געהאַט וועלכע עס איז פאַררעטערישע, אָדער נאָענטע באַציאונגען מיט יאַפּאַן.

— דער באַשולדיקטער זאָגט ליגן, — האָט דער סאָוועטישער אָנקלאָגער יאַראָסלאַווסקי געזאָגט, — אויב ער טענהט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין באַציאונגען מיט יאַפּאַן. מיר האָבן באַוויזן אויף פּונקט דעם פאַרקערטן!

— איך האָב יאָ געהאַט פאַרבינדונגען מיט די יאַפּאַנעזער, — האָט דער באַראָן צוגעגעבן, — פּונקט ווי איך האָב געהאַט פאַרבינדונגען מיט טשאַנג

טסאָ־לין.*) . . . אויך דזשענגיס־כאַן האָט זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו וואַן־כאַן איידער ער האָט באַזיגט זיין קעניגרייך!

— מיר זיינען איצט ניט אין צוועלפטן יאָרהונדערט, — האָט דער סאָוועטישער אָנקלאָגער געזאָגט, — און אונדזער עובדה דאָ איז ניט צו משפטן דזשענגיס־כאַנען!

— אין משך פון טויזנט יאָר, — האָט אויסגערופן דער באַראָן, — האָבן די אונגערנס געגעבן באַפעלן צו אַנדערע! זיי האָבן קיינמאָל ניט גענומען קיין באַפעלן פון קיינעם!

ער האָט העזהדיק געקוקט אויף די אַרויפגעהויבענע פּנימער פון די סאָלדאַטן, פּויערים און אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין געריכט־צימער.

— איך זאָג זיך אָפּ צו אָנערקענען די אויטאָריטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס! ווי אַזוי קאָן עס אַ מענטש, וועלכער האַלט אַפילו ניט קיין אַלגעמיינעם דינער אין הויז, רעדן וועגן רעגירן? אַזעלכער איז אומפייאיק צו געבן באַפעלן!

דער אָנקלאָגער יאַראָסלאַווסקי האָט אויסגערעכנט אַ לאַנג צעטל פון אונגערנס פאַרברעכנס — די שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן אידן און פּראָסאָוועטישע פּויערים, דאָס אַראָפּשניידן הענט און פיס, די ביינאַכטיקע רייזעס איבערן סטעפּ מיט ברענענדיקע קערפּערס אַלס שטורקאַצן, די צעשטערונג פון דערפער, די אכזריותדיקע שחיטות פון קינדער.

— זיי זיינען געווען צו־רויט פאַר מיין געשמאַק, — האָט אונגערן גאַנץ קאַלט דערקלערט.

— פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזן אורגאַ? — האָט דער אָנקלאָגער געפרעגט.

— איך האָב באַשלאָסן זיך אַריינצורייסן אין טראַנס־באַיקאַליע און באַווירקן די פּויערים צו רעוואָלטירן. מען האָט מיך אָבער געפאַנגען.

— ווער?

— געוויסע מאָנגאָלן האָבן מיך פאַרראַטן.

— האָט איר זיך ווען עס איז געשטעלט די פראַגע פאַרוואָס אָט־די מענטשן האָבן אַזוי געהאַנדלט?

— מען האָט מיך פאַרראַטן!

— גיט איר צו, אַז דער סוף פון אייער קאַמפּאַניע איז געווען דער זעלבער

*) אונגערנס „פאַרבינדונגען" מיט טשאַנג טסאָ-לין, דעם טרויעריק-באַרימטן כינעזישן מלחמה-האַר, האָבן איינגעשלאָסן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן דער באַראָן, פאַר דורכפירן אַ „צוריקטריט" אין אָנזיכט פון טשאַנגס כוחות, האָט געדאַרפט קריגן 10 פּראָצענט פון די $10,000,000 (מעקסיקאַנישע), וועלכע טשאַנג האָט אויסגעפּרעסט פון דער פּעקינער רעגירונג.

ווי פון אַלע אַנדערע פּאַרזוכן וועלכע מען האָט לעצטנס געמאַכט קעגן דער מאַכט פון די אַרבעטער? זייט איר ניט מסכים, אַז פון אָט־די אַלע פּאַרזוכן צו דערגרייכן דעם ציל וואָס איר האָט געהאַט אינזינען, איז אייער פּאַרזוך געווען דער לעצטער?

— יאָ, — האָט באַראָן אונגערן צוגעגעבן. — מיינער איז געווען דער לעצטער פּאַרזוך. איך גלויב, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס איז לעבן־געבליבן!

אין סעפּטעמבער 1921 איז דער אורטייל פון סאָוועטישן געריכט דורכ־געפירט געוואָרן. באַראָן ראָמאַן פאָן אונגערן־שטערנבערג, „דער לעצטער" פון די ווייס־גוואַרדייאישע מלחמה־האַרן, איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ רויט־אַרמייאישן עקזעקוציע־אָפּטייל.

דער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו און די רעשטלעך פון דער יאַפּאַנישער פּופּן־אַרמיי זיינען אַריבער די סאָוועטישע גרענעץ און אַריין קיין מאָנגאָליע און כינע.

עס האָט נאָך גענומען איבער אַ גאַנץ יאָר איידער די סאָוועטישע ערד איז ענדלעך פּטור געוואָרן פון די יאַפּאַנעזער. דעם 19טן אָקטאָבער, 1922, האָט די רויטע אַרמיי אַרומגערינגלט וולאַדיוואָסטאָק. די יאַפּאַנעזער, וועלכע האָבן אָקופּירט די שטאָט, האָבן זיך אונטערגעגעבן און איבערגעגעבן אַלע זייערע מיליטערישע סקלאַדן. יאַפּאַנעזישע טראַנספּאָרט־שיפן, וועלכע האָבן אָפּגעפירט די לעצטע יאַפּאַנישע סאָלדאַטן, האָבן פאַרלאָזט וולאַדיוואָסטאָק אויפן צווייטן טאָג. איבער דער שטאָט איז אַרויפגעצויגן געוואָרן די רויטע פאָן.

„דער באַשלוס צו עוואַקויִרן", האָט די יאַפּאַנישע אויסלאַנד־ביוראָ גע־מאָלדן, „באַצוועקט צו באַווייזן, אַז יאַפּאַן איז אַ פרידלעך פאָלק, וואָס שטרעבט אויפצוהאַלטן שלום אויף דער וועלט."

קאַפּיטל 7

דער סך־הכל

די צוויי און אַ האַלב יאָר בלוטיקע אינטערווענציע און ברידער־קריג האָבן דורך שלאַכטן, הונגער אָדער קראַנקהייטן פּאַראורזאַכט דעם טויט פון אַרום 7 מיליאָן רוסישע מענער, פרויען און קינדער. די מאַטעריעלע פאַרלוסטן פונעם לאַנד זיינען שפּעטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג אָפּגעשאַצט געוואָרן אין זעכציק ביליאָן דאָלער — אַ סומע, וועלכע האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם צאַרישן חוב צו די אַליאירטע. די אויסלענדישע אַרייַנדרינגער האָבן גאָרניט באַצאָלט.

מען האָט אָנגעגעבן ווייניק ציפערן וויפיל די מלחמה קעגן רוסלאַנד האָט געקאָסט די אַליאירטע באַפעלקערונגען. לויט אַ מעמאָראַנדום, וואָס ווינסטאָן טשוירטשיל האָט צוגעשטעלט דעם 15טן סעפּטעמבער, 1919, האָט גרויס־בריטאַניע ביז יענעם טאָג געהאַט אויסגעגעבן נאָענט צו 100,000,000 פונט סטערלינג און פראַנקרייך צווישן 30 און 40 מיליאָן פונט סטערלינג בלויז אויף גענעראַל דעניקינען אַליין. די בריטישע קאָמפּאַניע אין צפון האָט אָפּגעקאָסט 18,000,000 פונט סטערלינג. די יאַפּאַנעזער האָבן מודה געווען, אַז זיי האָבן אויסגעגעבן 900,000,000 יען אויסצוהאַלטן זייערע זיבעציק טויזנט סאָלדאַטן אין סיביר. וואָס זיינען געווען די אמתע מאָטיוון פאַר אָט־דער נוצלאָזער און קאַטאַסטראָפאַלער אומדערקלערטער מלחמה?

די ווייס־גוואַרדייאישע גענעראַלן האָבן אָפּן געקעמפט צוריק צו עטאַבלירן זייער גרויס־רוסלאַנד. זיי האָבן געקעמפט פאַר זייערע גיטער, זייערע פּראָפיטן, זייערע קלאַסן־פּריווילעגיעס און פאַר זייערע עפּאָלעטן. צווישן זיי זיינען געווען אייניקע אויפריכטיקע נאַציאָנאַליסטן, אָבער די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען זיינען געווען דורכאויס באַהערשט פון רעאַקציאָנערן, וואָס זיינען געווען די פּראָטאָטיפּן פון די פאַשיסטישע אָפיצירן און אַוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער באַוויזן אין צענטראַל־אייראָפּע.

די מלחמה־צילן פון די אַליאירטע אין רוסלאַנד זיינען ניט געווען אַזוי קלאָר.

די אינטערווענציע איז סוף־כל־סוף דערקלערט געוואָרן פאַר דער וועלט דורך די אַליאירטע פאַרטרעטער, אויף אַזויפיל אויף וויפיל עס איז בכלל גע־

רעדט געוואָרן וועגן אירע מאָטיוון, אַלס אַ פּאָליטישער קרייץ־צוג קעגן באָלשעוויזם.

אין דער אמתן האָט דער „אַנטי־באָלשעוויזם" געשפּילט אַ צווייט־ראַנגיקע ראָלע. מער געוויכט האָבן געהאַט דאָס צפון־רוסישע געהילץ, די דאָנעצער קוילן, סיבירער גאָלד און קאַווקאַזער אויל. אַ חוץ דעם האָבן אויך עקזיסטירט גרויסע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן, ווי דער ענגלישער פּלאַן פאַר אַ טראַנס־קאַווקאַזער פעדעראַציע, וועלכע וואָלט אָפּגעשניטן אינדיע פון רוסלאַנד און וואָלט דערמעגלעכט די אויסשליסלעכע הערשאַפט פון די ענגלענדער איבער די אויל־פעלדער פון נאָענטן מזרח; דער יאַפּאַנעזישער פּלאַן צו פאַרכאַפּן און קאָלאָניזירן סיביר; דער פראַנצויזישער פּלאַן צו קאָנטראָלירן דעם דאָנעץ־באַסיין און די שוואַרץ־ים־געגנטן; און אויך דער אַמביציעזער ווייט־גייענדיקער דייטשער פּלאַן צו פאַרכאַפּן די באַלטישע לענדער און אוקראַינע.

איינער פון די סאַמע ערשטע אַקטן פון דער סאָוועטן־רעגירונג נאָך דעם ווי זי האָט באַקומען די מאַכט, איז געווען צו נאַציאָנאַליזירן די גרויסע עקאָנאָמישע טראָסטן פון דער צאַרישער אימפּעריע. רוסישע שאַכטעס, מילן, פאַבריקן, אייזנבאַנען, אויל־קוואַלן און אַלע אַנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען דערקלערט געוואָרן פאַרן אייגנטום פונעם סאָוועטישן פאָלק. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אויך אָפּגעזאָגט זיך צו אָנערקענען די אויסלענדישע חובות, וועלכע דער צאַרישער רעזשים האָט געמאַכט; טיילווייז דערפאַר, וואָס די דאָזיקע געלטער זיינען געליען געוואָרן מיטן ציל צו העלפן דעם צאַריזם דערשטיקן די פאָלקס־רעוואָלוציע.*)

מיט איר גאַנצן אויסערלעכן גלאַנץ פון רייכטום און מאַכט, איז די צאַרישע

---

*) נאָך די שרעקלעכע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָמען אין 1906, וועלכע די שוואַרצע מאות זיינען באַגאַנגען מיט דער שטילער שותּפות פון דער צאַרישער געהיים-פּאָליציי, האָט אַנאַטאָל פראַנס העפטיק פאַרדאַמט יענע פראַנצויזישע פינאַנסירן, וועלכע האָבן אַלץ פאָרגעזעצט צו געבן הלוואות דעם צאַרישן רעזשים. „זאָלן אונדזערע מיט-בירגער כאָטש האָבן אויערן צום הערן", האָט דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער דערקלערט. „זיי ווערן געוואָרנט: אַ שלימער טאָג קאָן קומען פאַר זיי, אויב זיי וועלן ווידעראַמאָל לייען געלט דער רוסישער רעגירונג, כדי זי זאָל קאָנען שיסן, הענגען, אומברענגען און רויבן ווי זי וויל, און דערשטיקן די פרייהייט און ציוויליזאַציע איבער דער גאַנצער לענג פון איר ריזיקער, אומגליקלעכער אימפּעריע. בירגער פון פראַנקרייך, גיט ניט קיין געלט פאַר נייע גרויזאַמקייטן און משוגעתן; גיט ניט מער קיין מיליאַרדן צו מאַכן מאַרטירער פון אומצאָליקע מענטשן." די פראַנצויזישע פינאַנסירן האָבן אָבער ניט גענומען אין אַכט דעם ליידנשאַפטלעכן געבעט פון אַנאַטאָל פראַנס. זיי האָבן ווייטער אינוועסטירט געלט אין צאַריזם.

אימפעריע באמת געווען כמעט אַ קאָלאָניע פון ענגליש־פראַנצויזישע און דייטשע פינאַנציעלע אינטערעסן. דער פראַנצויזישער פינאַנציעלער אינטערעס אין צאַריזם האָט באַטראָפן 17,591,000,000 פראַנק. די ענגליש־פראַנצויזישע אינטערעסן האָבן קאָנטראָלירט ניט ווייניקער ווי 72 פראָצענט פון רוסישע קוילן, אייזן און שטאָל, און 50 פראָצענט פון רוסישן אויל. די אויסלענדישע אינטערעסן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן צאַר, האָבן יערלעך אַרויס־געצויגן עטלעכע הונדערט מיליאָן פראַנק אין דיווידענטן, פראָפיטן און פראָצענטן פון דער פראָצע פון רוסישע אַרבעטער און פויערים.

נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט „דאָס יאָר־בוך פאַרן יאָר 1919" פון דער לאָנדאָנער בירזשע, אונטערן קעפל „דער רוסישער חשבון", פאַרצייכנט: „שולדיק פראָצענטן, 1918, און זינט דאַן הינטערשטעליק."

אַ בריטישער מיטגליד פון פאַרלאַמענט, לייטענאַנט־קאָרנעל סיסל ל'עסטראַנזש מאַלאָן, האָט בעת אַ היציקער דעבאַטע אין פאַרלאַמענט וועגן אַליאירטער פּאָליטיק אין רוסלאַנד אין 1920 געזאָגט:

> ביי אונדז אין לאַנד זיינען פאַראַן גרופּעס מענטשן און יחידים, וואָס האָבן שטעקן געלט און אַקציעס אין רוסלאַנד, און זיי זיינען די יעניקע וואָס אַרבעטן, קליגלען זיך און אינטריגירן אַרונטערצוּוואַרפן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. . . . אונטערן אַלטן רעזשים האָט מען געקענט אַרויסקריגן 10 אָדער 20 פראָצענט דורך דער עקספּלואַטאַציע פון די רוסישע אַרבעטער און פויערים, אָבער אונטער סאָציאַליזם וועט מען אפשר גאָרניט קאָנען אַרויסקריגן. און מיר זעען, אַז כמעט יעדע גרויסע אונטערנעמונג פון אונדזער לאַנד איז אויף איינעם אָדער אַ צווייטן אופן פאַרבונדן מיט סאָוועטן־רוסלאַנד.

„דאָס רוסישע יאָר־בוך" פאַר 1918, האָט דער רעדנער פאַרגעזעצט, האָט אויסגערעכנט, אַז די ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן צוזאַמען אינוועסטירט אין רוסלאַנד אַ סומע פון 1,600,000,000 פונט סטערלינג, אָדער נאָענט צו 8,000,000,000 דאָלער.

„בעת מיר רעדן, אַז . . . מאַרשאַל פאָש און דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז קעגן שלום מיט רוסלאַנד", האָט קאָרנעל מאַלאָן געזאָגט, „מיינען מיר ניט די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע, און מיר מיינען ניט די פראַנצויזישע אַרבעטער און פויערים, נאָר די פראַנצויזישע אַקציאָנערן. לאָמיר זיין זייער קלאָר וועגן דעם. מיר מיינען די, וועמעס ניט־ערלעך פאַרדינטע אָפּשפּאָרונגען שטעלן צוזאַמען די 1,600,000,000 פונט סטערלינג, וועלכע מען האָט אַריינגעבראַכט אין רוסלאַנד."

עס איז געווען די ראַיאַל דאָטש שעל אויל קאָמפּאַניע, וועמעס אינטערעסן אין רוסלאַנד האָבן איינגעשלאָסן די אוראַל־קאַספּישע אויל קאָמפּאַניע, דאָס צפון־קאַווקאַזישע אויל־פעלד, די נייע שיבאַרעוו פּעטראָלעאום קאָמפּאַניע און נאָך פיל אַנדערע אויל־געשעפטן; עס איז געווען דער גרויסער בריטישער געווער־טראָסט פון מעטראָ־וויקערס, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן שניידער־קרוסאָ און דעם דייטשישן קרופּ כמעט פולשטענדיק קאָנטראָלירט די צאַרישע אַמוניציע־אינדוסטריע; עס זיינען געווען די גרויסע באַנק־הייזער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך: די האָרס, בעירינג ברידער, העמבראָס, קרעדיט ליאָנעי, סאָסיעטעי זשענעראַל, ראָטשילדס און קאָמטואַר נאַסיאָנאַל ד'עס־קאָם דע פּאַרי,—זיי אַלע האָבן אינוועסטירט גרויסע סומעס אין צאַרישן רעזשים.

„אָט די אַלע גרויסע אינטערעסן", האָט קוירנעל מאַלאָן אינפאָרמירט דעם פּאַרלאַמענט, „זיינען פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן. זיי אַלע זיינען פאַראינטערעסירט אָנצוגיין מיט דער מלחמה קעגן רוסלאַנד. . . . הינטער די דאָזיקע אינטערעסן און הינטער די פינאַנסירן, וועלכע זיצן אויף דער אַנדערער זייט קאַמער [קוירנעל מאַלאָן האָט מיט דעם געמיינט די מיטגלידער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי; אין פּאַרלאַמענט פירט זיך, אַז די אָפּאָזיציע זיצט אויף דער לינקער זייט, בשעת די רעגירונג־אָנהענגער זיצן אויף דער רעכטער זייט], שטייען די צייטונגען און די אַנדערע איינפלוסן וואָס שטעלן צונויף די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דעם לאַנד."

איינציקע אַליאירטע פאָרשטייער האָבן גאַנץ אָפן אויסגעדריקט זייערע מאָטיוון פאַר אונטערשטיצן די ווייסע אַרמייען אין רוסלאַנד.

סער פרענסיס בעיקער, דער אייראָפּייאישער פאַרוואַלטער פון וויקערס און פאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער רוסיש־בריטישער האַנדלס־קאַמער, האָט אין 1919 אַדרעסירט אַ באַנקעט פון בריטיש־רוסישן קלוב, ביי וועלכן עס זיינען געווען פאַרטראָטן פירנדיקע אינדוסטריאַליסטן און פּאָליטיקער אין לאָנדאָן, מיט אָט די ווערטער:

> מיר ווינטשן דערפאָלג דעם אַדמיראַל קאָלטשאַק און דעם גענעראַל דעניקין, און איך האַלט, אַז עס איז איצט אין פּלאַץ אויפצוהויבן מיין גלאָז און בעטן אייך אַלעמען טרינקען פאַר דעם געזונט פון אַדמיראַל קאָלטשאַק, גענעראַל דעניקין און גענעראַל יודעניטש!
>
> רוסלאַנד איז אַ גרויס לאַנד. ווייל איר זייט באָענט פאַרבונדן דערמיט דורך אייערע געשעפטן, ווייסט איר אַלע וואָסערע מעגלעכקייטן עס עקזיסטירן אין רוסלאַנד, צי זאָל דאָס זיין פונעם שטאַנדפּונקט פון

מאַנופאַקטור, צי פונעם שטאַנדפונקט פון מינעראַלע רייכטימער, צי פון אַנדערע זאַכן, ווייל רוסלאַנד פאַרמאָגט אַלצדינג.

בעת ענגליש־פראַנצויזיש מיליטער און אַמוניציע האָבן אַריינגעשטראָמט קיין סיביר, האָט דער „בולעטין" פון דער בריטישער פעדעראַציע פון אינ־דוסטריעס — דער מעכטיקער פאַרבאַנד פון בריטישע אינדוסטריאַליסטן — אויסגערופן אין דרוק:

סיביר, דאָס סאַמע גרעסטע געווינס פאַר דער ציוויליזירטער וועלט זינט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע!

בעת דאָס אַליאירטע מיליטער האָט זיך אַריינגעריסן אין קאַווקאַז און פאַרנומען באַקו, האָט דער בריטישער געשעפט־זשורנאַל, „דער נאָענטער מזרח", דערקלערט:

אין אויל איז באַקו אומפאַרגלייכבאַר. . . באַקו איז גרעסער ווי יעדע אַנדערע אויל־שטאָט אין דער וועלט. אויב אויל איז דער קעניג, דאַן איז באַקו דער טראָן!

בעת גענעראַל דעניקינס אַליאירט־געשטיצטע „ווייסע" אַרמיי איז אַריינ־געדרונגען אין דאָנעצער קוילן־באַסיין, האָבן די הערן ר. מאַרטענס און קאָ., לימיטעד, די גרויסע בריטישע קוילן־קאָמפּאַניע, אַנאָנסירט אין זייער אינ־דוסטריעלן זשורנאַל „רוסלאַנד":

רוסלאַנד פאַרמאָגט אונטערזוכטע קוילן־רעזערוון, וואָס פאַרנעמען בלויז דאָס צווייטע פּלאַץ נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן. לויט אַן אָפּ־שאַצונג, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער געאָלאָגישער קאָנגרעס האָט פאַרעפנטלעכט, פאַרמאָגט זי אין דאָנעצער באַסיין (וואו גענעראַל דעני־קין אָפּערירט) דריי מאָל אַזויפיל רעזערוון פון האַרטע שטיין־קוילן ווי גרויס־בריטאַניע און צוויי מאָל אַזויפיל ווי די פאַראייניקטע שטאַטן.

און ענדלעך האָט „דער יאַפּאַנעזישער האַנדלסמאַן" אונטערגעצויגן אַ סך־הכל:

רוסלאַנד, מיט איר 180־מיליאָניקער באַפעלקערונג, מיט איר פרוכטבאַרער ערד, וואָס ציט זיך פון צענטראַל־איראָפּע איבער אַזיע ביז די ברעגן פון פּאַסיפישן אָקעאַן, און פונעם געפרוירענעם ים אַרונטערצו צום פּערסישן איינגוס און צום שוואַרצן ים. . . . פאַרמאָגט אַזעלכע האַנדל־מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע די גרעסטע אָפּטימיסטן

האָבן אַפילו ניט געוואַגט צו חלומען.... רוסלאַנד איז פּאָטענציעל און פּאַקטיש די שפּייז־קאַמער, די פישעריי, דער געהילץ־סקלאַד, די קוילן, גאָלד, זילבער און פּלאַטינום־מינעס פון דער וועלט!

די ענגליש־פראַנצויזישע און יאַפּאַנעזישע אַנגרייפער זיינען געוואָרן צו־געצויגן דורך די רייכע געווינסן וואָס האָבן געוואַרט פאַר די באַזיגער פון רוסלאַנד. די מאָטיוון פון די אַמעריקאַנער זיינען אָבער געווען געמישטע. טראַדיציאָנעל האָט די אַמעריקאַנישע אויסלענדישע פּאָליטיק, ווי וואודראָו ווילסאָן און דער קריג־דעפּאַרטמענט האָבן זי אויסגעדריקט, געפּאָדערט פריינטשאַפט מיט רוסלאַנד, אַלס אַ מעגלעכער פאַרבינדעטער און אַלס אַ קאָנטער־באַלאַנס צום דייטשן און יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם. וויניק אַמערי־קאַנער געלט איז געווען אינוועסטירט אין צאַריזם. אָבער לויט דער עצה פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט, האָט מען שפּעטער יאָ אַריינגעגאָסן עטלעכע הונדערט מיליאָן דאָלער אין רוסלאַנד כדי אונטערצושפּאַרן דעם וואַקלענדיקן קערענסקי־רעזשים. דער סטעיט־דעפּאַרטמענט האָט פאַרגעזעצט צו שטיצן קערענסקין און אַפילו אויסגעהאַלטן זיין „רוסישע אַמבאַסאַדע" אין וואַשינגטאָן עטלעכע יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. געוויסע באַאַמטע פון סטעיט־דעפּאַרטמענט האָבן מיטגעאַרבעט מיט די ווייס־גוואַרדייאישע גענעראַלן און מיט די ענגליש־פראַנצויזישע און יאַפּאַנעזישע אינטערווענציאָניסטן.

דער אַנגעזעענסטער אַמעריקאַנער, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער אַנטי־סאָוועטישער מלחמה, איז געווען הערבערט הואווער, דער שפּעטער־דיקער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער אַמעריקאַנישער שפּייז־פאַרוואַלטער.

אַ געוועזענער מינען־אינזשעניער, וועלכער איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַן אַנגעשטעלטער אין ענגלישע פירמעס, האָט הערבערט הוא־ווער געהאַט אַריינגעלייגט געלט אין רוסישע אויל־קוואַלן און מינען. דער קאָרופּטער צאַרישער רעזשים איז געווען פול מיט הויכע באַאַמטע און לאַנד־באַזיצערישע אַריסטאָקראַטן, וועלכע זיינען געווען גרייט צו פאַרקויפן דאָס רייכטום און די אַרבעט־קראַפט פון זייער לאַנד פאַר אויסלענדישן כאַבאַר אָדער פאַר אַ טייל פון די פּראָפיטן. הואווער האָט זיך אָנגעהויבן צו איינ־טערעסירן אין רוסישן אויל אַזוי לאַנג צוריק ווי אין יאָר 1909, בעת מען האָט נאָר־וואָס געהאַט געעפנט די קוואַלן אין מאַיקאָפּ. אין משך פון בלויז איין יאָר האָט ער אינוועסטירט אין ניט ווינציקער ווי עלף רוסישע אויל־פירמעס:

מאַיקאָפּ נעפטיאַנאַי סינדיקאַט

מאַיקאָפּ שירוואַנסקי אויל קאָמפּאַני

מאַיקאָפּ אַפּשעראָן אויל קאָמפּאַני
מאַיקאָפּ און אַלגעמיינער פּעטראָלעאום טראַסט
מאַיקאָפּ אויל און פּעטראָלעאום פּראָדוקטן
מאַיקאָפּ געגנטן אויל קאָמפּאַני
מאַיקאָפּ טאַל אויל קאָמפּאַני
מאַיקאָפּ מיוטשועל אויל קאָמפּאַני
מאַיקאָפּ האַדיזשענסקי סינדיקאַט
מאַיקאָפּ נייע פּראָדוצירער קאָמפּאַני
פאַראייניקטע מאַיקאָפּ אוילפעלדער

אין 1912 איז דער געוועזענער מינען־אינזשעניער שוין געווען פאַרבונדן מיט דעם באַרימטן ענגלישן מולטי־מיליאָנער, לעסלי אורקוהאַרט, אין דריי נייע קאָמפּאַניעס, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויף צו עקספּלואַטירן די געהילץ־ און מינעראַל־קאָנצעסיעס אין די אוראַלן און אין סיביר. אורקו־האַרט האָט דאַן געגרינדעט די רוסיש־אַזיאַטישע קאָרפּאָראַציע און געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט צוויי צאַרישע באַנקען, לויט וועלכן די קאָרפּאָראַציע וועט אָנ־פירן מיט אַלע פּראָספּעקטן פון מינען אין יענע געגנטן. די רוסיש־אַזיאַטישע אַקציעס האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון $16.25 אין יאָר 1913 ביז $47.50 אין יאָר 1914. אין זעלבן יאָר האָט די קאָרפּאָראַציע באַקומען פונעם צאַרישן רעזשים דריי נייע פּראָפיטבאַרע קאָנצעסיעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון:

2,500,000 אַקער לאַנד, איינגעשלאָסן ריזיקע וועלדער, וואַסער־קראַפט, און אַן אָפּגעשאַצטער זאַפּאַס פון 7,262,000 טאָנען גאָלד, קופּער, זילבער און צינק;
12 אַנטוויקלטע שאַכטעס;
2 קופּער־שמעלצערייען;
20 זעגמילן;
250 מייל אייזנבאַן;
2 דאַמף־שיפן און 29 באַרקעס;
שמעלץ־אויוונס, וואַלץ־מילן, שוועבל־זויער פאַבריקן, גאָלד־ראַפינירן־פאַבריקן; ריזיקע קוילן זאַפּאַסן.

דער סך־הכל באַטרעף פון אָט־דעם פאַרמעגן איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין 1,000,000,000 דאָלער.

אין 1917 האָט זיך הואווער געהאַט צוריקגעצויגן פון דער רוסיש־אַזיאַטישער קאָרפּאָראַציע. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט די סאָוועטן־רעגירונג אָפּגעשאַפט אַלע קאָנצעסיעס מיט וועלכע הואווער איז

געווען פאַרבונדן און קאָנפיסקירט די מינען. אויפן צווייטן יאָר האָט די רוסיש־אַזיאַטישע פאַראייניקונג, אַ נייער קאַרטעל, וואָס לעסלי אורקוהאַרט האָט געגרינדעט, רעגיסטרירט אַ פאָדערונג ביי דער בריטישער רעגירונג פאַר 282,000,000 דאָלער אַלס פאַרגיטיקונג פאַר די שאָדנס און פאַר דעם פאַרלוסט פון מעגלעכע יערלעכע פראָפיטן.

— באָלשעוויזם, — האָט הערבערט הואווער געזאָגט אויף דער פאַריזער פרידן־קאָנפערענץ, — איז ערגער פון מלחמה!

ער איז זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן איינער פון די ביטערסטע שונאים אין דער וועלט פון דער סאָוועטן־רעגירונג. וואָס זיינע פערזענלעכע מאָטיוון זאָלן ניט האָבן געווען, עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז אַמעריקאַנער שפּייז האָט אויפגעהאַלטן די ווייסע אַרמייען אין רוסלאַנד און געשפּייזט די שטורעם־טרופּן פון די ערגסטע רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען אונטערצודריקן דעם אויפשוואונג פון דעמאָקראַטיע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַמעריקאַנישע הילף איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ געווער קעגן די פאָלקס־באַוועגונגען אין אייראָפּע.*)

„די גאַנצע אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין דער צייט פונעם וואַפנשטילשטאַנד איז געווען צו טאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט, צו פאַרהיטן אייראָפּע פון דעם באָלשעוויזם, אָדער פון פאַרנומען צו ווערן פון די באָלשעוויסטישע אַרמייען״,

---

*) דער רעזולטאַט פון הערבערט הואווערס טעטיקייטן אַלס שפּייז-הילף-פאַר-וואַלטער אין משך פון בירגער-קריג אין רוסלאַנד איז געווען, אַז מען האָט געגעבן הילף צו די ווייס-גוואַרדייאישע אַרמייען און צוריקגעהאַלטן פון די סאָוועטן אַלע שפּייז-מיטלען. הונדערטער טויזנטער האָבן געהונגערט אין דער סאָוועטישער טערי-טאָריע. ווען הואווער איז סוף-כל-סוף געצוואונגען געוואָרן זיך צו בויגן צום דרוק פון דער אַמעריקאַנישער באַפעלקערונג און שיקן שפּייז צו די סאָוועטן, האָט ער—לויט אַ דערקלערונג פון אַ באַאַמטן פון „הילף פאַרן נאָענטן מזרח״ אין דער „ניו-יאָרק וואָירלד״ פון אַפּריל 1922 — אַלץ פאַרגעזעצט „זיך אַריינצומישן אין דער זאַמלונג פון פאָנדן פאַר דער הונגער-געפּלאָגטער רוסלאַנד״. אין פעברואַר 1922, בעת הואווער איז געווען האַנדל-סעקרעטאַר, האָט די „ניו-יאָרק גלאָוב״ געשריבן אין אַן עדיטאָריעל ווי פאָלגט: „די ביוראָקראַטן פון יוסטיץ-דעפּאַרטמענט, סטעיט-דעפּאַרטמענט און האַנדל-דעפּאַרטמענט פירן אַ פּריוואַטע מלחמה מיט דער באָלשעוויס-טישער רעגירונג, כדי צו קריגן פּובליסיטי. . . . די וואַשינגטאָנער פּראָפּאַגאַנדע האָט באַקומען געפערלעכע פּראָפּאָרציעס. . . . די הערן יוז און הואווער און דאָהערטי וואָלטן געטאָן אַ גלייכע זאַך אויב זיי וואָלטן דורכגעפירט אַ טיכטיקע רייניקונג ביי זיך, איידער די געזעלשאַפטלעכע אויפרעגונג דערגרייכט אַ צו-הויכן פּונקט. דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק וועט לאַנג ניט דולדן אַ העזהדיקע ביוראָקראַטיע, וועלכע איז גרייט צוליב אירע אייגענע אומווירדיקע צילן צו לאָזן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן אויסשטאַרבן.״

האָט הואווער שפּעטער דערקלערט אין אַ בריוו פון 17טן אויגוסט, 1921, צו אָסוואָלד גאַריסאָןווילאַרד. הואווערס באַגריף פון „באָלשעוויזם״ איז געווען דער זעלבער ווי דער פון פּאַש, פּעיטען, נאָקס, ראַילי און טאַנאַקאַ. אַלס האַנדלס־מיניסטער, אַלס פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און דערנאָך אַלס פירער פונעם איזאָלאַציאָניסטישן פליגל אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, האָט ער אומדערמידלעך געקעמפט ניט צו דערלאָזן איינצושטעלן פריינטלעכע האַנדל־ און דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן אַמעריקע און איר מעכטיקסטן פאַרבינדעטן קעגן וועלט־פאַשיזם — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די באַוואָפנטע אינטערווענציע איז דורכגעפאַלן אין רוסלאַנד ניט בלויז צוליב דער אומפאַרגלייכלעכער סאָלידאַריטעט און העלדישקייט פון די סאָוועטישע מאַסן, וועלכע האָבן געקעמפט צו פאַרטיידיקן זייער ניי־געבוירענע פרייהייט, נאָר אויך צוליב דער שטאַרקער שטיצע, וואָס די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק האָט געקראָגן פון די דעמאָקראַטישע מאַסן איבער גאָר דער וועלט. אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַ דערוואַכטע געזעלשאַפטלעכע מיינונג זיך שטאַרק געשטעלט קעגן שיקן מענטשן, געווער, שפּייז און געלט פאַר די אַנטי־סאָוועטישע אַרמייען אין רוסלאַנד. „נעמט אַוועק די הענט פון רוסלאַנד!״־קאָמיטעטן זיינען געגרינדעט געוואָרן. אַרבעטער האָבן געסטרייקט און סאָלדאַטן האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער אינטער־ווענציע־פּאָליטיק פון די גענעראַל־שטאַבן. דעמאָקראַטישע שטאַטסלייט, זשורנאַליסטן, לערער און פיל געשעפטסלייט האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער אומדערקלערטער און אומפּראָוואָצירטער אַטאַקע אויף סאָוועט־רוסלאַנד.

סער הענרי ווילסאָן, דער הויפּט פון ענגלישן גענעראַל־שטאַב, האָט גאַנץ אָפן צוגעגעבן, אַז די אַליאירטע אינטערווענציע־פּאָליטיק האָט געקראָגן קנאַפּ געזעלשאַפטלעכע שטיצע. דעם 1טן דעצעמבער, 1919, האָט ער געשריבן אין דעם אָפיציעלן בריטישן „בלויען בוך״:

> די שוועריקייטן פון דער אַנטאַנט אין אויסאַרבעטן אַ רוסישע פּאָליסי זיינען געווען אוממעגלעך בייצוקומען, ווייל אין קיין אַליאירט לאַנד איז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ניט געווען וואָגיק גענוג צו באַרעכטיקן באַוואָפנטע אינטערווענציע קעגן די באָלשעוויקעס אין אַן אַנטשיידנדיקער מאָס. דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט איז געווען, אַז די מיליטערישע אָפּעראַציעס האָט געפעלט איינהייטלעכקייט און צוועק.

דער זיג פון דער רויטער אַרמיי איבער אירע שונאים האָט דעריבער פאַר־

געשטעלט אין דער זעלבער צייט אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלן זיג פאַר די דעמאָקראַטישע מאַסן פון אַלע לענדער.

נאָך אַ סיבה פאַרן דורכפאַל פון דער אינטערווענציע איז געווען דאָס, וואָס די אָנגרייפער זיינען ניט געווען פאַראייניקט צווישן זיך. די אָנגרייפער האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קאָאַליציע פון וועלט-רעאַקציע, אָבער דאָס איז געווען אַ קאָאַליציע, אין וועלכער עס האָט ניט געהערשט קיין קאָאָפּעראַציע. אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ האָט צעשפּאָלטן די אימפּעריאַליסטישע קאָאַליציע. די ענגלענדער האָבן זיך געשראָקן פאַר די פראַנצויזישע אַמביציעס אין שוואַרצן ים און דייטשע אַמביציעס אין באַלטישן געגנט. די אַמעריקאַנער האָבן געפונען פאַר נויטיק זיך צו שטעלן קעגן די יאַפּאַנעזישע צילן אין סיביר. ד ווייסע גענעראַלן האָבן זיך געריסן צווישן זיך איבער דעם רויב.

די אינטערווענציע-מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין געהיימניש און אין אומערלעכקייט, האָט זיך געענדיקט מיט אַ שענדלעכער קאַטאַסטראָפע.

איר ירושה פון האַס און אומצוטרוי האָט פאַרסמט די אייראָפּייאישע לופט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט.

צווייטער טייל

קאָנספּיראַציעס און אינטריגעס

קאַפּיטל 8

דער ווייסער קרייץ־צוג

1. די נאָכוויייעניש

דער ערשטער טייל פון דער מלחמה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך פאַר־ענדיקט אין אַ מין גלייכשטאַנד. די סאָוועטן־רעגירונג איז געווען באַפעסטיקט אין גרעסטן טייל פון איר אייגענער טעריטאָריע; אָבער זי איז געווען ווי אין חרם ביי די אַנדערע לענדער, אַרומגערינגלט מיט אַ קאָרדאָן סאַניטער פון פיינטלעכע פּופּן־שטאַטן, און אָפּגעשניטן פון די נאָרמאַלע פּאָליטישע און האַנדל־באַציאונגען מיט דער איבעריקער וועלט. אַפּיציעל האָבן די סאָוועטן — אַ זעקסטל פון דער ערד — ניט עקזיסטירט. מען האָט זיי „ניט אָנערקענט".

אין לאַנד גופא האָט די סאָוועטן־רעגירונג געהאַט צו טאָן מיט אַן עקאָ־נאָמישער וויסטעניש און צעשמעטערטע פאַבריקן, פאַרפלייצטע שאַכטעס, חרובער אַגריקולטור, צעבראָכענעם טראַנספּאָרט, קראַנקהייטן, הונגער און אַ כמעט־פולשטענדיקן אַנאַלפאַבעטיזם. צו דער באַנקראָטירטער ירושה פונעם פעאָדאַלן צאַריזם זיינען נאָך צוגעגעבן געוואָרן די ברוכשטיקער פון אַ זיבן־יאָריקער אומאויפהערלעכער מלחמה, רעוואָלוציע, קאָנטער־רעוואָלוציע און אויסלענדישן אָנגריף.

מחוץ די סאָוועטישע גרענעצן האָט די וועלט נאָך אַלץ געזוכט פרידן און אים ניט געפונען. דער ענגלישער שטאַטסמאַן, באָנאַר לאָו, געבנדיק אַן איבערזיכט פון דער לאַגע איבער דער וועלט פיר יאָר נאָך דעם ווערסאַלער פרידן, האָט פאַרן פאַרלאַמענט דערקלערט, אַז ניט ווינציקער פון דריי און צוואַנציק מלחמות גייען נאָך אַלץ אָן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. יאַפּאַן האָט געהאַט פאַרנומען געגנטן אין כינע און האָט ברוטאַל אונטערדריקט די באַוועגונג פאַר אומאָפּהענגיקייט אין קאָרייע; ענגלישע סאָלדאַטן האָבן אונטערדריקט די פאָלקס־רעוואָלוציעס אין אירלאַנד, אַפגאַניסטאַן, עגיפּטן און אינדיע; די פראַנצויזן האָבן אָנגעפירט אַן אָפענע מלחמה קעגן די דרוז־שבטים אין סיריע, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער פון די ענגלישע

מעטראָ־וויקערס פאַבריקן, צום פאַרדראָס פון די פראַנצויזן; דער דייטשער גענעראַל־שטאַב, אַרבעטנדיק הינטער דער מאַסקע פון דער ווייִמאַר־רעפּובליק, האָט געמאַכט פאַרשווערונגען צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דייטשלאַנד און צוריק איינפירן דאָס אימפּעריאַליסטישע דייטשלאַנד.

יעדעס לאַנד אין אייראָפּע האָט געזאָטן מיט פיבערישע פאַרשווערונגען און קאָנטער־פאַרשווערונגען פון פאַשיסטן, נאַציאָנאַליסטן, מיליטאַריסטן און מאָנאַרכיסטן, וועלכע האָבן אַלע געזוכט צו דערגרייכן זייערע אייגענע צילן אונטער דער אַלגעמיינער מאַסקע פון „אַנטי־באָלשעוויזם״.

אַ געהיימער מעמאָראַנדום, וואָס דער ענגלישער אויסערן־מיניסטעריום האָט אויסגעאַרבעט אין יענע ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן, האָט באַשריבן די לאַגע אין אייראָפּע מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

אייראָפּע איז היינט צו טאָג צעטיילט אויף דריי הויפּט־עלעמענטן; נעמלעך: די זיגער, די באַזיגטע, און רוסלאַנד. דאָס געפיל פון אומזיכערקייט, וואָס גראָבט־אונטער דאָס געזונט פון מערב־אייראָפּע, איז ניט אין אַ קלענער מאָס אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס רוסלאַנד עקזיסטירט ניט מער אַלס אַ מאַכט, וואָס שפּילט אַ ראָל אין אייראָפּייִשן צוזאַמענשפּיל. דאָס איז די סאַמע דראָענדיקסטע פון אונדזערע אומזיכערקייטן.

אַלע אונדזערע געוועזענע שונאים זיינען שטאַרק אין כעס איבער דעם, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן; אַלע אונדזערע געוועזענע פאַרבינדעטע האָבן מורא צו פאַרלירן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואונען. איין העלפט פון אייראָפּע איז געפערלעך בייז, די אַנדערע העלפט איז געפערלעך צעשראָקן. שרעק באַשאַפט פּראָוואָקאַציעס, באַוואָפענונגען, געהיימע פאַרבאַנדן, שלעכטע באַהאַנדלונג פון מינדערהייטן. דאָס, פון דער אַנדערער זייט, באַשאַפט נאָך גרעסערן האַס, און סטימולירט דעם פאַרלאַנג פאַר נקמה, דורך וועלכער די מורא ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט און אירע רעזולטאַטן שטייגן. און אַזוי־אַרום ווערט געשאַפן דער פאַרכישופטער קרייז.

כאָטש דייטשלאַנד קאָן איצט ניט זיין אַגרעסיוו, איז אָבער זיכער, אַז מיט אירע גרויסע מיליטעריש־כעמישע מעגלעכקייטן וועט זי פריער אָדער שפּעטער ווידער ווערן אַ מעכטיקער מיליטערישער פאַקטאָר. עס איז פאַראַן בלויז אַ קליינע צאָל דייטשן, וואָס האָפן גאַנץ ערנסט אָנצוואָווענדן אָט־די קראַפט, ווען זי וועט צוריק אויפגעבויט ווערן, קעגן דער בריטישער אימפּעריע.

בעת דער ענגלישער אויסערן־מיניסטעריום האָט מיט זעלבסטצופרידנקייט באַטראַכט דייטשלאַנדס צוריק באַוואָפענען זיך און געשענקט זיין אויפמערק־זאַמקייט צו רוסלאַנד, אַלס די „סאַמע דראָענדיקסטע פון אונדזערע אומזיכער־קייטן", האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן אויף דער אַנדערער זייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין אַ שטימונג פון היסטעריע און צעטומלטקייט נאָך דעם ווילסאָנישן רעזשים געחלומט וועגן „הערלעכער איזאָלאַציע". די גרויסע אַמעריקאַנישע אילוזיע פון יענער צייט איז געווען אויסגעדריקט אין דער פראַזע: „דער צוריק־קער צו נאָרמאַלקייט". לויט וואָלטער ליפמאַן, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט געשריבן אין דער „ניו־יאָרק וואָרלד", איז די „נאָרמאַלקייט" באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע איבערצייגונגען:

אַז דער שיקזאַל פון אַמעריקע איז אויף קיין שום וויכטיקן אופן ניט פאַרבונדן מיט דעם שיקזאַל פון אייראָפע.

אַז אייראָפע מעג זיך פּרעגלען אין אירע אייגענע צרות. . . .

אַז מיר קאָנען פאַרקויפן צו אייראָפע, אָבער מוזן ניט קויפן ביי איר. . . . און אויב עס געפעלט איר ניט, האָט זי די ברירה, נאָר זי זאָל עס בעסער ניט וואָגן.

און וואָלטער ליפמאַן פאַרענדיקט:

אַלס רעזולטאַט פון די שרעקן און דער אומאָרדענונג האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין היסטעריע. זי האָט באַשאַפן אַרמייען, משוגענע טאַריפן, ווילדע דיפּלאָמאַטיע, יעדן מין קרענקלעכן נאַציאָנאַליזם, פאַשיסטן און קו־קלוקסערס. . . .

ניט געקוקט אויף דעם אומרו, מלחמה־מידקייט און עקאָנאָמישער אַנאַר־כיע, וואָס האָבן נאָך באַהערשט אייראָפע, האָט מען נאָך אַלץ פאָרגעזעצט צו פּלאַנירן אָנגריפן אויף סאָוועט־רוסלאַנד און די גענעראַל־שטאַבן פון פוילן, פינלאַנד, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבן די פּלענער פלייסיק שטודירט.

די צעיושעטע אַנטי־סאָוועטן פּראָפּאַגאַנדע איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

פיר יאָר נאָך דער גרויסער מלחמה, וועלכע האָט געזאָלט ענדיקן אַלע מלחמות, האָבן שוין עקזיסטירט אַלע עלעמענטן פאַר אַ צווייטער וועלט־מלחמה קעגן דער וועלט־דעמאָקראַטיע אונטערן לאָזונג פון „אַנטי־באָלשעוויזם".

2. די ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן

מיט דער שרעקלעכער מפּלה פון קאָלטשאַקס, יודעניטשעס, דעניקינס, וורַאַנגעלס און סעמיאָנאָווס ווייסע אַרמייען, איז זיך די ריזיקע אוראַלטע גע־בײדע פון צאַריזם איינגאַנצן פאַנאַנדערגעפאַלן, פאַרשפּרייטנדיק איבער דער וועלט די מוטנע עלעמענטן פון ווילדקייט, באַרבאַריזם און רעאַקציע, וועלכע זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט באַשיצט. די אַכזריותדיקע אַוואַנטוריסטן, צעפוילטע אַריסטאָקראַטן, פּראָפעסיאָנעלע טעראָריסטן, באַנדיטישע סאָלדאַטן, די שרעק־לעכע געהיים־פּאָליציי און אַלע אַנדערע פעאָדאַלע און אַנטי־דעמאָקראַטישע כוחות, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די קאָנטער־רעוואָלוציע, האָבן זיך איצט אַ גאָס געטאָן פון רוסלאַנד ווי אַ בלאָטיקער, צעבורעטער שטראָם. צו מערב, צו מזרח און צו דרום דורך אייראָפּע און דעם וויטן מזרח, קיין צפון און קיין דרום־אַמעריקע, האָבן זיי זיך געצויגן, מיטברענגענדיק מיט זיך דעם סאַדיזם פון די ווייס־גוואַרדייאישע גענעראַלן, די פּאָגראָם־לערעס פון די שוואַרץ־מאות, די ביטערע צאַרישע פאַראַכטונג פאַר דעמאָקראַטיע, די פינצ־טערע שנאות, פאַראורטיילן און בעוואָסטעניש פון דעם אַלטן אימפּעריאַלן רוסלאַנד.

„די פּראָטאָקאָלן פון ציון״, די אַנטיסעמיטישע פעלשונגען מיט וועלכע די אָכראַנקע האָט אויפגעהעצט צו שחיטות אויף אידן, און די „ביבל״ לויט וועלכער די שוואַרץ־מאות האָבן דערקלערט אַלע צרות פון דער וועלט אין טערמינען פון אַן „אינטערנאַציאָנאַלער אידישער פאַרשווערונג״, האָט מען איצט עפנטלעך פאַרשפּרייט אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק, פּאַריז און בוענאָס־איירעס, שאַנכאַי און מאַדריד.

וואו נאָר די ווייסע עמיגראַנטן זיינען געגאַנגען, האָבן זיי באַפּרוכפּערט די ערד פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטער־רעוואָלוציע — דעם פאַשיזם.

אין יאָר 1923 האָבן שוין אַ האַלב מיליאָן ווייס־גוואַרדייער געוואוינט אין דייטשלאַנד. איבער 400,000 האָבן עמיגרירט קיין פראַנקרייך, און 90,000 קיין פּוילן. אַנדערע צענדליקער טויזנטער האָבן זיך באַזעצט אין די באַלטישע און אין די באַלקאַנישע לענדער, אין כינע און אין יאַפּאַן, אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דרום־אַמעריקע. דריי טויזנט ווייס־גוואַרדיי־אישע אָפיצירן מיט זייערע פאַמיליעס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין.

מען האָט אָפּגעשאַצט, אַז די רוסישע ווייסע עמיגראַנטן האָבן באַטראָפן צווישן אַנדערהאַלבן און צוויי מיליאָן מאַן.*)

אונטערן אויפזיכט פון אַ רוסיש־מיליטערישן פאַרבאַנד, וועמעס הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין פּאַריז, זיינען איבער גאַנץ אייראָפּע, דעם ווייטן מזרח און אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון „ווייסע" רוסן. זיי האָבן אָפן געמאָלדן, אַז זיי גרייטן זיך צו אַ נייער אינוואַזיע פון סאָוועט־רוסלאַנד.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געגרינדעט אַ פּלאַטן טרעניר־שול פאַר די רוסישע ווייס־גוואַרדייער אין צפון־אַפריקאַנישן האָפן ביזערטע, וואוהין מען האָט געשיקט דרייסיק שיפן פון צאַרישן פלאָט מיט אַ באַשטאַנד פון 6,000 אָפיצירן און מאַטראָסן. די יוגאָסלאַווישע רעגירונג האָט געגרינדעט ספּעציעלע אַקאַדעמיעס צו טרענירן געוועזענע אָפיצירן פון דער צאַרישער אַרמיי און זייערע זין. גרויסע אָפּטיילונגען פון באַראָן וראַנגעלס אַרמיי זיינען אינגאַנצן אַריבערגעשיקט געוואָרן אין די באַלקאַנען. אַכצן טויזנט קאָזאַקן און קאַוואַ־לעריסטן זיינען געשיקט געוואָרן קיין יוגאָסלאַוויע. זיבעצן טויזנט ווייס־גוואַרדייאישע סאָלדאַטן זיינען אַוועק קיין בולגאַריע. אַנדערע טויזנטער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין גריכנלאַנד און אונגאַרן. ווייס־גוואַרדייאישע רוסן האָבן איבערגענומען גאַנצע טיילן פונעם געהיים־פּאָליציי אַפּאַראַט אין די אַנטי־סאָוועטישע באַלטישע און באַלקאַנישע לענדער, זיך איינגעאָרדנט אין וויכטיקע רעגירונג־פּאָסטנס און איבערגענומען דעם קאָנטראָל איבער פיל שפּיאָנאַזש־אַגענטורן.

מיט דער הילף פון מאַרשאַל פּילסודסקי, האָט דער רוסישער טעראָריסט באָריס סאַווינקאָוו אָרגאַניזירט אין פּוילן אַ ווייס־גוואַרדייאישע אַרמיי פון 30,000 מאַן.

נאָכדעם ווי מען האָט אים פאַרטריבן פון סיביר, איז דער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון זיינע אַרמייען אַנטלאָפן קיין יאַפּאַן. טאָקיאָ האָט באַזאָרגט זיינע סאָלדאַטן מיט נייע מונדירן און אויס־

---

*) ניט אַלע פּליטים זיינען געווען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. טויזנטער צע־טומלטע און אויסגעוואָרצלטע מענטשן, דערשראָקן פון אַ סטיכייאישן אויפברויז, וואָס זיי האָבן ניט געקענט באַגרייפן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער עמיגראַציע. ציענדיק זיך פון איין לאַנד צום צווייטן, האָבן זיי אין פאַרצווייפלונג געשטרעבט צו פאַרדינען אויף אַ לעבן אין אַ פרעמדער, נייער וועלט. טייל זיינען געוואָרן שאָפערן פון טעקסיס, קעלנערס, דינסטמיידלעך, נאַכט־קלוב אונטערהאַלטערס, קוכערס, וועג־ווייזערס. די באָרדעלן אין כאַרבין, שאַנכאַי און פּעקין זיינען געווען איבער־געפּאַקט מיט ווייס־גוואַרדייאישע פּליטים.

שטאַטונג, און מען האָט זיי אָרגאַניזירט אין אַ ספּעציעלער ווייס־גוואַרדייאישער אַרמיי אונטער דעם אויפזיכט פון דעם יאַפּאַנעזישן גענעראַל־שטאַב.

באַראָן וואַנגעל, גענעראַל דעניקין און דער פּאָגראָמשטשיק סעמיאָן פּעטליוראַ האָבן זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו זיי האָבן זיך גלייך אַריינגעלאָזט אין פאַרשיידענע אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען. גענעראַל קראַסנאָוו און דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן קייזערס אַרמיי אין אוקראַינע, זיינען אַוועק וואוינען אין בערלין און זיינען גענומען געוואָרן אונטערן שוץ פון דעם דייטשישן מיליטערישן שפּיאָנאַזש.*)

אין יאָר 1920 איז אין פּאַריז זיך צוזאַמענגעקומען אַ קליינע גרופּע פון זייער רייכע רוסישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט ריזיקע פאַרמעגנס אײַנוועסטירט אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער; זיי האָבן געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע אין די שפּעטערדיקע פאַרשווערונגען קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געקראָגן דעם נאָמען „טאָרגפּראָם״, אָדער „קאָמיטעט פאַר רוסישן האַנדל, פינאַנץ און אינדוסטריע״, איז באַשטאַנען פון געוועזענע צאַרישע באַנקירן, אינדוסטריאַליסטן און געשעפטסלייט. צווישן אירע מיטגלידער האָבן זיך געפונען: דזש. נ. נאָבעל, וועלכער האָט פריער געהאַט קאָנטראָלירט אַ היפּשן טייל פון די רוסישע אויל־פעלדער פון באַקו; סטעפאַן ליאַנאָזאָוו, דער רוסישער „ראָקע־פעלער״; וולאַדימיר ריאַבושינסקי, אַ מיטגליד פון דער באַרימטער צאַרישער סוחרים־פאַמיליע; נ. סי. דעניסאָוו, וועלכער האָט אָנגעזאַמלט אַ ריזיקן פאַר־

---

*) די שפּעטערדיקע קאַריערעס פון פיל גענעראַלן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אויסלענדישע אינטערווענציע־אַרמייען קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען פון אַ באַדייטנדיקן אינטערעס. די טשעכישע גענעראַלן סיראָווי און גײַדאַ האָבן זיך אומגעקערט קיין פּראַג, וואו דער ערשטער איז געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער טשעכישער אַרמיי, און דער צווייטער — הויפּט פונעם שטאַב. אין יאָר 1926 האָט דער גענעראַל גײַדאַ אָנטיילגענומען אין אַ ניט־געלונגענער פאַשיסטישער איבערקערעניש און איז שפּעטער פאַרמישט געווען אין נאָך אַנדערע פאַשיסטישע פאַרשווערונגען. גענעראַל סיראָווי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ וויכטיקן טשעכישן מיליטערישן קוויזלינג אין יאָר 1938. דער ענגלישער גענעראַל נאָקס האָט זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד און איז געוואָרן אַ טאָרי־מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, אַ ווילדער אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַטאָר און אַ גרינדער פון די „פריינט פון דער נאַציאָנאַליסטישער שפּאַניע״, אַן אַגענטור, וועלכע האָט פאַרשפּרייט שפּאַניש־פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ענגלאַנד לטובת גענעראַליסימאָ פראַנציסקאָ פראַנקאָ. פּאָש, פּעטען, וועיגאַן, מאַנערהיים, טאַנאַקאַ, האָפמאַן און אַנדערע אינטערווענציאָניסטישע גענעראַלן זיינען געוואָרן פירער אין אַנטי־סאָוועטישע און פאַשיסטישע באַוועגונגען אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד.

מעגן אין דער שטאָל־אינדוסטריע; און נאָך אַנדערע רוסישע מאַגנאַטן, וועמעס נעמען זיינען געווען באַרימט אין די אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע קרייזן איבער דער גאַנצער וועלט.

מיט אָט־די מענטשן אינעם טאָרגפּראָם זיינען געווען פאַרבונדן בריטישע, פראַנצויזישע און דייטשע אינטערעסן, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט אויפ־געגעבן די האָפענונגען צוריקצוקריגן זייערע פאַרלוירענע רוסישע אינוועס־טירונגען, אָדער צו געווינען בייע קאָנצעסיעס אַלס רעזולטאַט פון אַרונטער־וואַרפן דעם סאָוועטן־רעזשים.

„דער טאָרגפּראָם", האָט דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע, דעניסאָוו, געזאָגט, „האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַקעמפן די באָלשעוויקעס אויפן עקאָנאָמישן פראָנט ווי עס וועט זיך נאָר לאָזן." און נאָבעל האָט געזאָגט, אַז די טאָרגפּראָם מיטגלידער זיינען פאַראינטערעסירט אין דער „שנעלער ווידער־אויפלעבונג פונעם פאָטערלאַנד און אין דער מעגלעכקייט צו קאָנען אַרבעטן אינגיכן אין דעם פאָטערלאַנד".

די אַנטי־סאָוועטישע טעטיקייטן פונעם „טאָרגפּראָם" האָבן זיך ניט באַ־גרענעצט מיטן עקאָנאָמישן פראָנט. אַן אָפיציעלע דערקלערונג, וואָס דער „טאָרגפּראָם" האָט אַרויסגעגעבן, האָט געמאָלדן:

דער קאָמיטעט פאַר האַנדל און אינדוסטריע וועט פאָרזעצן זיין אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג, וועט פאָרזעצן אויפצוקלערן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון די קולטורעלע לענ־דער וועגן דעם אמתן באַדייט פון די געשעענישן וועלכע קומען פאָר אין רוסלאַנד, און וועט זיך גרייטן צום קומענדיקן רעוואָלט אינעם נאָמען פון פרייהייט און אמת.

3. אַן אַדלמאַן פון רעוועל

אין יוני 1921 האָט אַ גרופּע געוועזענע צאַרישע אָפיצירן, אינדוסטריאַ־ליסטן און אַריסטאָקראַטן פאַררופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַנטי־סאָוועטישע קאָנפערענץ אין דער רייכענהאַלע אין באַוואַריע. די קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זיינען געקומען פאָרטרעטער פון אַנטי־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ אייראָפּע, האָט אָנגעצייכנט פּלענער פאַר אַן אַגיטאַציע־קאַמפּאַניע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

די קאָנפערענץ האָט דערוויילט אַן „אַלהעכסטן מאָנאַרכיסטישן ראַט".

זיינע אויפגאַבן זיינען געווען צו אַרבעטן פאַר „צוריק־אויפשטעלן די מאָנאַרכיע, מיט דעם געזעצלעכן קעניגלעכן הויז פון די ראָמאַנאָווס בראש, אין הסכם מיט די פונדאַמענטאַלע געזעצן פון דער רוסישער אימפּעריע״.

די יונגע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד האָט געשיקט אַ דעלעגאַט צו אַט־דער קאָנפערענץ. זיין נאָמען איז געווען אַלפרעד ראָזענבערג.

אַלפרעד ראָזענבערג, אַ שלאַנקער, בלאַס־פּנימדיקער יונגערמאַן מיט דינע ליפּן, טונקעלע האָר און מיט אַ מידן, פאַרזאָרגטן אויסדרוק, האָט אָנגעפאַנגען אָפט צו באַזוכן די מינכענער ביר־שענקען אין זומער 1919. געוויינלעך האָט מען אים געקאָנט געפינען אין דער אויגוסטינער־ברויערײ אָדער אין דער פראַנציסקאַנער־ברויעריי, וואו ער פלעגט איינער אַליין אָפּזיצן שעהן־לאַנג ביי אַ טיש אין אַ ווינקל. טיילמאָל האָבן זיך פריינט צוגעזעצט לעבן אים און דאַן — כאָטש ער האָט זיי גאַנץ קאַלט באַגריסט — האָט זיין אויסזען אויפגעלויכטן, זיינע טונקעלע אויגן זיינען לעבעדיק געוואָרן און זיין קאַלך־פּנים האָט זיך צעשטראַלט, בעת ער האָט אָנגעפאַנגען רעדן מיט אַ נידעריקער, ליידנשאַפט־לעכער שטימע. ער האָט גערעדט רוסיש און דייטש מיט גלייכער פליסיקייט.

ראָזענבערג איז געווען דער זון פון אַ באַלטישן לאַנדבאַזיצער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן גוט לעבן דעם צאַרישן האַפן רעוועל. זיין פאָטער האָט אָנגעגעבן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון די טעווטאָנישע ריטער, וועלכע זיינען אַריינגעדרונגען אין די באַלטישע לענדער אין מיטלאַלטער; און דער יונגער ראָזענבערג האָט זיך שטאָלץ פאַררעכנט פאַר אַ דייטש. פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ער שטודירט אַרכיטעקטור אינעם מאָסקווער פּאָליטעכניקום. ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די ווייס־גוואַרדייאישע טעראָריסטן, וועלכע האָבן געקעמפט אונטערן גענעראַל פירשט רידיגער פאָן דער גאָלץ אין באַלטישן געגנט. אין 1919 האָט זיך ראָזענבערג באַוויזן אין מינכען, און זיין מוח איז געווען פול מיט די אַנטי־דעמאָקראַטישע און אַנטיסעמיטישע לערעס פון די צאַרישע שוואַרץ־מאות.

אַ קליינע גרופּע ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן און עקספּראָפּריאירטע באַלטישע באַראָנען האָבן זיך אָנגעהויבן רעגלמעסיק צונויפצוקלייבן אין מינכען, כדי צו הערן ראָזענבערגס קרעפּטיקע, סמיקע רעדעס קעגן די קאָמוניסטן און די אידן. צווישן זיין עולם זיינען געוויינלעך געווען: דער פּרינץ אַוואַלאָוו־בערמאָנט, ראַספּוטינס געוועזענער פריינט, און דעם גענעראַל פאָן דער גאָלצעס ברוטאַלסטער ווייס־גוואַרדייאישער קאָמאַנדיר אינעם באַלטישן געגנט; די באַראָנען שנייבער־ריכטער און אַרנאָ פאָן שיקעדאַנץ, צוויי

צעפוילטע און אכזריותדיקע באַלטישע אַריסטאָקראַטן; אויך איוואַן פּאָל־טאַוועץ־אָסטראַניצאַ, אַן אוקראַאינישער פּאָגראָמשטשיק, וועלכער איז געווען מיניסטער פון קאָמוניקאַציע אין דער אוקראַאינישער רעגירונג פונעם קייזערס פּופּע, העטמאַן פּאַוועל סקאָראָפּאַדסקי. די דאָזיקע לייט האָבן געטיילט ראָזענ־בערגס שוואַרץ־מאהדיקע מיינונגען וועגן דער צעפוילטקייט פון דעמאָקראַטיע און וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אידישער פאַרשווערונג.

„טיף אין האַרץ איז יעדער איד אַ באָלשעוויק!‟ איז געווען די שטענ־דיקע טעמע פון ראָזענבערגס רעדעס.

פון אַלפרעד ראָזענבערגס פינצטערן און געפייניקטן מוח, פון זיין פּאַטאָ־לאָגישער שנאה צו די אידן און זיין משוגענעם האַס צו די סאָוועטן האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אַ וועלט־פילאָזאָפיע פון קאָנטער־רעוואָלוציע, אויסגעמישט מיט די פאַנאַטישע פּאָראורטיילן פון צאַרישן רוס־לאַנד און די אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס פון דייטשלאַנד. דאָס ראַטעווען די וועלט פון „פוילנדיקער אידישער דעמאָקראַטיע און באָלשעוויזם‟, האָט ראָזענ־בערג געשריבן אין זיין „די לעגענדע פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט‟, דאַרף זיך אָנפאַנגען „אין דייטשלאַנד‟, מיט דער באַשאַפונג פון אַ נייעם דייטשן שטאַט. און ער האָט צוגעגעבן: „דער גרינדער פון דעם נייעם שטאַט איז מחויב צו פאָרמירן אַ געזעלשאַפט פון מענטשן לויט די ליניעס פון דעם טעווטאָנישן אָרדן.‟

אַ ראַסע פון דייטשע איבערמענטשן האָט געדאַרפט דורכפירן די צילן פון וועלט־באַהערשונג: „די באַדייטונג פון וועלט־געשיכטע האָט זיך אויסגע־שפּרייט פון צפון, געטראָגן פון אַ בלוי־אויגיקער בלאָנדער ראַסע, וועלכע האָט אין עטלעכע כוואַליעס באַשטימט דעם גייסטיקן פנים פון דער וועלט.‟

דער געדאַנק וועגן אַ הייליקן קרייץ־צוג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד האָט באַ־הערשט אַלע ראָזענבערגס שריפטן. ער האָט געבענקט נאָך דעם מיסטישן טאָג, ווען די מעכטיקע אַרמייען פון דער נייער „טעווטאָנישער געזעלשאַפט‟ וועלן זיך אַ צעגאָס טאָן איבער די רוסישע גרענעצן און צעשמעטערן די פאַר־האַסטע באָלשעוויקעס. „דער וועג איז פון מערב צו מזרח‟, האָט ער דער־קלערט, „פון דעם רהיין צו דער ווייסל; ׳פון מערב צו מזרח׳ מוז עס אָפּ־קלינגען, פון מאָסקווע ביז טאָמסק.‟

דייטשלאַנד איז איצט דורכגעגאַנגען אַ פעריאָד פון ביטערן נאָך־מלחמה־דיקן קריזיס, פון מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט, פון שרעקלעכער אינפלאַציע און ווייט־פאַרשפּרייטן הונגער. הינטער דער דעמאָקראַטישער מאַסקע פון דער ווייטמאַר־רעפּובליק, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט דער געהיימער קאָאָפּע־ראַציע פון דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע נאָכדעם ווי מען האָט די אַרבעטער־

און סאָלדאַטן־סאָוועטן בלוטיק אונטערדריקט, האָט אַ באַנדע פּרייסישע מיליטאַריסטן, יונקערס און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן בגנבה פּלאַנירט פאַר דעם ווידערגעבורט און אויסשפּרייטונג פון דער אימפּעריאַלער דייטשלאַנד. אומבאַוואוסט פאַר דער וועלט, איז די פּראָגראַם פאַר דער שפּעטערדיקער באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד פּאַרזיכטיק אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך הונדערטער אינזשעניערן, צייכנער און ספּעציעלע טעכניקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אונטערן אויפזיכט פון דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע, אין אַ געהיימער פּלאַניר־און פאָרש־לאַבאָראַטאָריע, וועלכע די באָרסיג־פירמע *) האָט אויפגעבויט אין אַ וואַלד לעבן בערלין.

נאָך דער מלחמה איז די דייטשע מיליטערישע געהיים־דינסט, די אָפּטיילונג 111־ב, כלומרשט אויפגעלייזט געוואָרן. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז זי רעאָרגאַניזירט געוואָרן מיט היפּשע פאָנדן, וואָס קרופּ, הוגענבערג און טיסען האָבן צוגעשטעלט, און איז געווען שטאַרק טעטיק אונטער דעם אויפזיכט פון איר אַלטן אַנטיסעמיטישן הויפּט, קוירנעל וואַלטער ניקאָלאַי.

די פּלענער פאַר דייטשלאַנדס נייער מלחמה זיינען ברייט און פלייסיק צוגעגרייט געוואָרן.

צווישן די הויפּט פינאַנציעלע בײשטייערער צו דער געהיימער קאַמפּאַניע פון צוריק באַנייען דעם דייטשן אימפּעריאַליזם איז געווען אַ מילדער, ענערגישער אינדוסטריאַליסט מיטן נאָמען אַרנאָלד רעכבערג. אַ געוועזענער פּערזענלעכער אַדיוטאַנט צום קרוין־פּרינץ און אַ נאָענטער פריינט פון די מיטגלידער פון דער אַלטער אימפּעריאַלער הויך־קאָמאַנדע, איז רעכבערג געווען פאַרבונדן מיט דעם גרויסן דייטשן פּאָטאַש־טראַסט. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון די געהיימע דייטשע נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס. אָט־די טעטיקייט זיינע האָט אים געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט אַלפרעד ראָזענבערגן.

רעכבערג האָט איינגעאָרדנט זיך צו טרעפן מיט ראָזענבערגן. און אַזוי ווי אָט־דער אייפערדיקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער פון רעוועל איז רעכבערגן גלייך געפעלן געוואָרן, האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר איינעם פון זיינע פּראָטעזשעס, אַ דרייסיק־יאָריקער עסטרייכישער דעמאַגאָג און רייכסווער־שפּיאָן מיטן נאָמען אַדאָלף היטלער.

רעכבערג האָט שוין געהאַט צוגעשטעלט געלטער פאַר אוניפאָרמען און אַנדערע אויסגאַבן פאַר אַדאָלף היטלערס נאַצי־פּאַרטיי. איצט האָט רעכבערג

*) וועגן באָרסיגס סובסידיעס צו די שפּעטערדיקע פינף־קאָלאָנעדיקע טעטיקייטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זע זייטן 259-260.

צוזאַמען מיט זיינע רייכע פריינט אָפּגעקויפט אַן אומבאַקאַנטע צייטונג, דער „פעלקישער בעאָבאַכטער", און זי איבערגעגעבן דער נאַצי־באַוועגונג. אָט־די אויסגאַבע איז געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער נאַצי־פּאַרטיי. אַלס איר רעדאַקטאָר האָט היטלער באַשטימט אַלפרעד ראָזענבערגן.

דעם 1טן יאַנואַר, 1921, צען טעג נאָכדעם ווי דער „פעלקישער בעאָבאַכטער" איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון די נאַציס, האָט די צייטונג אָנגעצייכנט די גרינטלעכע אויסלענדישע פּאָליטיק פון היטלערס פּאַרטיי:

> און ווען די צייט וועט קומען און דער שטורעם וועט זיך צעברויזן איבער דייטשלאַנדס מזרחדיקע גרענעץ־געגנטן, וועט דאַן נויטיק זיין צונויפצוזאַמלען אַ הונדערט טויזנט מענער, וואָס וועלן זיין גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס דאָרט. . . . די וואָס זיינען אַנטשלאָסן צו וואַגן אַלץ, מוזן זיין גרייט פאַר דער שטעלונג פון די אידן אין די מערב־לענדער . . . וועלכע וועלן אויפהויבן ווײ־געשרייען ווען די מזרח־אידן וועלן אַטאַקירט ווערן. . . . זיכער איז, אַז די רוסישע אַרמיי וועט צוריק־געטריבן ווערן איבער אירע גרענעצן נאָך אַ צווייטן טאַנענבערג. דאָס איז אַ ריין־דייטשער ענין און דער אמתער אָנהויב פון אונדזער איבער־בוי.

דעם לייט־אַרטיקל האָט געשריבן אַלפרעד ראָזענבערג.

פון דער צונויפשמעלצונג פון פעאָדאַלן צאַריזם און דעם ווידער־געבוירענעם דייטשן אימפּעריאַליזם פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער נאַציזם אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ באַשטימטן אויסזען.

4. דער האָפמאַן־פּלאַן

אַלפרעד ראָזענבערג האָט באַזאָרגט די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע פון דער דייטשער נאַצי־פּאַרטיי. אַ צווייטער פון רעכבערגס פריינט, גענעראַל מאַקס האָפמאַן, האָט געדאַרפט באַזאָרגן די מיליטערישע סטראַטעגיע.

גענעראַל מאַקס האָפמאַן האָט אַ גרויסן טייל פון זיין יוגנט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד אַלס אַן אַטאַשע צום צאַרישן הויף. ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן רוסיש פליסיקער ווי דייטש. אין יאָר 1905, אַלס אַ פינף־און־דרייסיק־יאָריקער קאַפּיטאַן, וועמען מען האָט נאָר־וואָס באַשטימט צו גענעראַל פאָן שליפענס שטאַב, האָט ער געדינט אַלס דייטשער פאַרמיטלונג־אָפיציר מיט דער ערשטער יאַפּאַנישער אַרמיי אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה פון

1904־1905. האָפמאַן האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס וואָס ער האָט געזען אין מאַנדזשורישן פלאַכלאַנד — כמעט אַן אומבאַגרענעצטער פראָנט, און אַ קאָמפּאַקטע, העכסט־געשולטע אַטאַקיר־קראַפט, וואָס שניידט זיך אַריין „ווי אַ מעסער דורך פּוטער" אין אַ פיל־גרעסערער פאַרטיידיקונג־אַרמיי, וועלכע האָט גרויסע רעזערוון, אָבער וועלכע איז אומגעלומפּערט און שלעכט געפירט.

ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז האָפמאַן באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון די אָפּעראַציעס פון דער אַכטער דייטשער אַרמיי, וועלכע איז געשטאַנען אין מזרח־פּרייסן צו באַגעגענען דעם דערוואַרטעטן רוסישן קלאַפּ. די סטראַטעגיע, וועלכע האָט שפּעטער דערפירט צו דער צאַרישער מפּלה ביי טאַנענבערג, איז דערנאָך דורך מיליטערישע אויטאָריטעטן צוגעשריבן געוואָרן ניט צו הינדענבורגן אָדער לודענדאָרפן, נאָר צו האָפמאַנען. נאָך טאַנענבערג איז האָפמאַן געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון אַלע דייטשע כוחות אויפן מזרח־פראָנט. ער האָט געזען דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער אימפּעריאַלער צאַרישער אַרמיי. אין ברעסט־ליטאָווסק האָט ער דיקטירט דייטשלאַנדס פרידן־באַדינגונגען צו דער רוסישער דעלעגאַציע.

האָפמאַן האָט אין צוויי מלחמות געזען די רוסישע אַרמיי אין שלאַכט, און יעדן מאָל האָט ער געזען ווי זי האָט געליטן שרעקלעכע מפּלות. לויט האָפּמאַנס מיינונג איז די רויטע אַרמיי געווען די זעלבע אַלטע רוסישע אַרמיי, וועלכע איז „אַרונטערגעפאַלן צו דער שטופע פון אַ המון".

אָנהויב פרילינג 1919 האָט גענעראַל מאַקס האָפמאַן זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער פאַריזער פרידן־קאָנפערענץ מיט זיין פאַרטיקן פּלאַן פאַר אַ מאַרש אויף מאָסקווע, אָנגעפירט פון דער דייטשער אַרמיי. לויט האָפמאַנס מיינונג האָט זיין פּלאַן געהאַט צוויי מעלות: ער וואָלט ניט בלויז „געראַטעוועט אייראָפּע פון באָלשעוויזם", נאָר ער וואָלט אויך צו דער זעלביקער צייט געראַטעוועט די דייטשע אימפּעריאַלע אַרמיי און פאַרמיטן איר אויפלייזונג. אַ מאָדיפיצירטע פאָרמע פון האָפמאַנס פּלאַן איז גוטגעהייסן געוואָרן דורך מאַרשאַל פאָש.

דעם 22טן נאָוועמבער, 1919, האָט גענעראַל האָפמאַן, אין אַן אינטערוויו מיט דעם „לאָנדאָן דעילי טעלעגראַף", דערקלערט: „אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר בין איך ביסלעכווייז געקומען צום באַשלוס, אַז באָלשעוויזם איז די גרעסטע געפאַר פאַר איראָפּע — זייט יאָרהונדערטער. . . ." אין האָפמאַנס זכרונות, „די מלחמה פון פאַרלוירענע געלעגנהייטן", באַקלאָגט ער דעם פאַקט, וואָס די וועלט האָט ניט מאַרשירט אויף מאָסקווע לויט זיין אָריגינעלן פּלאַן.

דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר, לאָרד ד'אַבערנאָן, האָט נאָך אַ באַזוך ביים גענעראַל האָפמאַן אין יאָר 1923, פאַרצייכנט אין זיין דיפּלאָמאַטישן טאָג־בוך:

אַלע זיינע מיינונגען זיינען באַשטימט פון זיין אַלגעמיינער אָנשויאונג, אַז קיין זאַך אין דער וועלט קאָן ניט זיין גלייך ביז די ציווילי־זירטע מאַכטן פון מערב וועלן זיך ניט צוזאַמענקומען און אויפהענגען די סאָוועטן־רעגירונג. . . . אויף דער פראַגע, צי ער גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ וועלכער עס איז איניקייט צווישן פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד צו אַטאַקירן רוסלאַנד, האָט ער געענטפערט: „דאָס איז אַזוי בויטיק, אַז עס מוז קומען!“

אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, נאָכן דורכפאַל פון דער באַוואָפנטער אינטערווענציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, האָט האָפמאַן אויסגעאַרבעט אַ נייע ווערסיע פון זיין פלאַן און האָט זי אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין דער פאָרמע פון אַ געהיימען מעמאָראַנדום צווישן די אייראָפּייאישע גענעראַל־שטאַבן. דער מעמאָראַנדום האָט גלייך אַרויסגערופן אַ שאַרפן אינטערעס אין די וואַקסנדיקע פראָפאַשיסטישע קרייזן פון אייראָפּע. מאַרשאַל פאָש און דער הויפּט פון זיין שטאַב, פעיטען, וועלכע זיינען ביידע געווען האָפמאַנס פערזענלעכע פריינט, האָבן אויסגעדריקט זייער וואַרעמע גוטהייסונג פון דעם געענדערטן פלאַן. צווישן די אַנדערע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גוטגעהייסן דעם פלאַן, האָבן זיך געפונען פראַנץ פאָן פאַפּען, גענעראַל באַראָן קאַרל פאָן מאַנערהיים, אַדמיראַל האָרטי און דער בריטישער דירעקטאָר פון דעם פלאָטן־שפּיאָנאַזש, אַדמיראַל סער בערי דאָמוויל.

דער האָפמאַן־פלאַן, אין זיין לעצטער ווערסיע, האָט באַקומען די שטיצע פון אַ גרויסן און מעכטיקן טייל פון דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב, כאָטש ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ראַדיקאַלן אָפּוויך פון דער טראַדיציאָנעלער ביסמאַרקישער שול וועגן דייטשער מיליטערישער און פּאָליטישער סטראַטעגיע.*) דער נייער האָפמאַן־פלאַן האָט פאָרגעשלאָגן אַ דייטשן פאַרבאַנד מיט פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד און פוילן, באַגרינדעט אויף אַן אַלגעמיינעם אינטערעס קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. לויט די רייד פון אַ פּראָפעטישן אייראָפּייאישן באַאָבאַכטער ערנסט הענרי, אין זיין בוך „היטלער איבער אייראָפּע“, האָט דער פלאַן סטראַטעגיש געפאָדערט

---

*) תחילת איז גענעראַל האַנס פאָן סיקט, דער קאָמאַנדיר פון דייטשישן רייכסווער, געווען קעגן דעם האָפמאַן־פלאַן. סיקט האָט געטרוימט וועגן אַ נקמה־קריג קעגן די מערב־לענדער און ער האָט געהאָפט אַז ער וועט קאָנען נוצן רוסישע רוי־מאַטעריאַלן און מענטשן־קראַפט. ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט קאָנען קומען צו אַן אויסגלייך מיט די אָפּאָזיציע־עלעמענטן אין דער רויטער אַרמיי און אין דער סאָוועטן־רעגירונג. שפּעטער אָבער האָט סיקט געגעבן זיין שטיצע דעם האָפמאַן־פלאַן און איז געוואָרן אַ נאַצי.

קאָנצענטרירן נייע אַרמייען ביי דער ווייסל און דער דווינע לויטן
מוסטער פון נאַפּאָלעאָנען; אַ בליץ־שנעלן מאַרש, אונטער דייטשער
קאָמאַנדע, קעגן די אָפּטרעטנדיקע באָלשעוויסטישע האָרדעס; פאַר־
נעמען לענינגראַד און מאָסקווע אין משך פון עטלעכע וואָכן; צולעצט,
אָפריייניקן דאָס לאַנד ביז די אוראַלן — און אַזוי־אַרום ראַטעווען אַן
אויסגעשעפּטע ציוויליזאַציע דורך באַזיגן אַ האַלבן קאָנטינענט.

גאַנץ אייראָפּע האָט געזאָלט מאָביליזירט ווערן אונטער דייטשער פירער־
שאַפט און געוואָרפן ווערן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

קאַפּיטל 9

די קאַריערע פון אַ טעראָריסט

1. דער צוריקקער פון סידני ראַילין

בערלין, דעצעמבער 1922. אַ דייטשער פלאָטן־אָפיציר און אַ בריטישער שפיאָנאַזש־אָפיציר האָבן געשמועסט אינעם געפּאַקטן גאַסט־זאַל פון דעם באַרימטן אַדלאָן האָטעל מיט אַ יונגער, שיינער און מאָדיש־געקליידטער פרוי. זי איז געווען אַ באַרימטע אַקטריסע אין לאַנדאָנער מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, פּעפּיטאַ באָבאַדילאַ, אויך באַקאַנט אַלס מאַדאַם טשעימבערס, די אַלמנה פונעם דערפאָלגרייכן ענגלישן דראַמאַטורג העדאָן טשעימבערס. עס איז געקומען צו רייד וועגן שפּיאָנאַזש. דער ענגלענדער האָט אָנגעפּאַנגען צו רעדן וועגן די אויסערגעוויינלעכע אויפטואונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד פון אַ געוויסן ענגלישן שפּיאָנאַזש־אַגענט, וועמען ער האָט אָנגערופן מיסטער סי. דער דייטש איז באַקאַנט געווען מיט דער רעפּוטאַציע פון דעם מיסטער סי. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אונטערהאַלטן מיט אַנעקדאָטן וועגן זיינע לעגענדאַרישע אוואַנטורעס. ענדלעך, ניט קאָנענדיק מער באַהערשן איר נייגיר, האָט מאַדאַם טשעימבערס געפרעגט: „ווער איז דאָס אָט־דער מיסטער סי?"

— ווער איז ער דען ניט? — האָט דער ענגלענדער געענטפערט. — איך זאָג אייך, מאַדאַם טשעימבערס, אָט־דער מיסטער סי. איז אַ געהיימניספולער מאַן. ער איז דער סאַמע מיסטעריעזסטער מאַן אין אייראָפּע. און פאַרביי־גייענדיק מוז איך נאָך צוגעבן, אַז פאַר זיין קאָפּ האָט מען אָנגעבאָטן אַ גרעסערן פּרייז ווי פאַר וועלכן עס איז אַנדערן לעבעדיקן מענטשן. די באָלשעוויקעס וואָלטן אָפּגעגעבן אַ גאַנצע פּראָווינץ פאַר אים אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן. . . .

ער איז אַ מאַן, וואָס ווייס ניט פון קיין שום געפאַר. ביי פיל געלעגנהייטן איז ער געווען אונדזערע אויגן און אויערן אין רוסלאַנד און, צווישן אונדז גע־רעדט, איז בלויז ער אַליין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס דער באָלשעוויזם איז ניט קיין גרעסערע געפאַר פאַר דער מערב־ציוויליזאַציע ווי ער איז דאָס איצט.

מאַדאַם טשעימבערס איז נייגעריק געווען צו הערן מער וועגן דעם מיס־

טעריזען מיסטער סי. איר פריינט האָט געשמייכלט. „איך האָב אים געזען זיינט נאָכמיטאָג", האָט דער ענגלענדער געזאָגט. „ער שטייט איין דאָ אין אַדלאָן האָטעל. . . ."

דעם זעלביקן אָוונט האָט מאַדאַם טשעימבערס געכאַפּט איר ערשטן בליק אויף מיסטער סי. „ער האָט געהאַט", האָט זי שפּעטער געשריבן, „אַ פיין־אויפ־געפּאַסטע און גוט־פאַרמירטע פיגור" מיט „אַ מאָגערן, פאַרכמורעטן פּנים" און „אַ כמעט־סאַרדאָנישן אויסדרוק ; דער אויסדרוק פון אַ מאַן, וועלכער האָט גיט איין מאָל נאָר פיל מאָל געלאַכט דעם טויט אין די אויגן אַריין". מאַדאַם טשעימבערס האָט זיך אין אים פאַרליבט אויפן ערשטן בליק.

מען האָט זיי פאַרגעשטעלט איינער פאַרן אַנדערן. דעם זעלבן אָוונט האָט מיסטער סי. געשמועסט מיט מאַדאַם טשעימבערס וועגן „דעם צושטאַנד פון אייראָפּע, פון רוסלאַנד, וועגן דער טשעקאַ", און מער פון אַלץ וועגן „דער געפאַר פון באָלשעוויזם". ער האָט דער מאַדאַם טשעימבערס אויסגעזאָגט זיין אמתן נאָמען : קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי.

נאָך דעם ווי סידני ראַילי איז אַנטלאָפן פון דער דורכגעפאַלענער פאַר־שווערונג קעגן די סאָוועטן אין 1918, האָט דער בריטישער קריג־מיניסטער ווינסטאָן טשוירטשיל אים צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד, צו העלפן אָרגאַניזירן די שפּיאָנאַזש־דינסט פאַר גענעראַל דעניקין. ראַילי האָט אויך געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן דעניקינען און זיינע פאַרשיידענע אייראָפּיאישע אַנטי־סאָוועטישע פאַרבינדעטע. אין משך פון 1919 און 1920 האָט דער בריטישער אַגענט פליסיק געאַרבעט אין פּאַריז, וואַרשע און פּראַג צו אָרגאַניזירן אַנטי־סאָוועטישע אַרמייען און שפּיאָנאַזש־אַגענטורן. שפּעטער האָט ער געדינט אַלס האַלב־אָפיציעלער אַגענט פאַר געוויסע צאַרישע ווייס־גוואַרדייאישע עמי־גראַנטן, איינגעשלאָסן זיין אַלטן פריינט און אַרבעטגעבער גראַף טשובערסקי. איינער פון די סאַמע אַמביציעזסטע פּראָיעקטן, וועלכע ראַילי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אין משך פון אָט־דעם פּעריאָד, איז געווען דער טאָרגפּראָם, דער קאַרטעל פון די צאַרישע עמיגראַנטן אינדוסטריאַליסטן און זייערע ענגליש־פראַנצויזישע און דייטשע שותּפים.

אַלס רעזולטאַט פון זיינע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס האָט ראַילי אַנגעקליבן אַ באַדייטנדיקן פערזענלעכן פאַרמעגן און איז געווען דירעקטאָר אין אַ צאָל פירמעס, וועלכע זיינען פריער געהאַט געווען פאַרבונדן מיט מעכטיקע רוסישע אינטערעסן. ער האָט אַנטוויקלט וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען און צווישן זיינע פּערזענלעכע פריינט גערעכנט ווינסטאָן טשוירטשילן, גענעראַל מאַקס האָפמאַנען און דעם פינלענדישן הויפּט פון גענעראַל־שטאַב וואַלעניוס.

די פאַנאַטישע שנאה פון אַט־דעם ענגלישן שפּיאָן צו סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט געמינערט געוואָרן. צו פאַרניכטן דעם באָלשעוויזם איז איצט געווען דער סאַמע הויפּט־מאָטיוו פון זיין לעבן. זיין ליידנשאַפטלעכער אינטערעס אין נאַפּאָלעאָנען, וועלכער האָט שיר ניט באַזיגט רוסלאַנד, האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די סאַמע ענטוזיאַסטישסטע זאַמלער אין דער וועלט פון נאַפּאָלעאָנאַנע. זיין קאָלעקציע האָט באַטראָפן צענדליקער טויזנטער דאָלער. די פערזענלעכקייט פון דעם קאָרסיקאַנער דיקטאַטאָר האָט אים באַצויבערט.

„אַ קאָרסיקאַנער אַרטילעריע־לייטענאַנט האָט אויסגעלאָשן די האַלאַוועשקעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", האָט סידני ראַילי געזאָגט, „זיכער קאָן אַ בריטישער שפּיאָנאַזש־אַגענט, מיט אַזויפיל גוטע באַדינגונגען אויף זיין זייט, זיך מאַכן דעם האַר פון מאָסקווע."

דעם 18טן מאַי, 1923, האָט מאַדאַם טשעימבערס חתונה געהאַט מיט קאַפּיטאַן סידני ראַילי, אין רעגיסטראַר־ביוראָ אויף הענריעטאַ גאַס, אין קאָווענט־גאַרדן, לאָנדאָן. קאַפּיטאַן דזשאָרדזש היל, ראַילים אַלטער מיטאַרבעטער פון די מאָסקווער צייטן, איז געווען דער עדות.

מאַדאַם טשעימבערס האָט גאַנץ שנעל אָנגעהויבן נעמען אַן אָנטייל אין די פאַנטאַסטישע אינטריגעס פון איר מאַנס לעבן. שפּעטער האָט זי געשריבן:

> ביסלעכווייז בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די דאַזיקע מאָדנע טעטיקייטן, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען הינטער די קוליסן פון דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. איך האָב זיך דערוואוסט ווי אונטער דער אויבערפלאַך פון יעדער הויפּט־שטאָט אין אייראָפּע האָט געזאָטן מיט פאַרשווערונגען פון די עמיגראַנטן קעגן די איצטיקע טיראַנען פון זייער לאַנד. אין בערלין, אין פּאַריז, אין פּראַג, אין לאָנדאָן גופא האָבן קליינע גרופּעס עמיגראַנטן פּלאַנירט און געמאַכט פאַרשווערונגען. העלסינגפאָרס [העלסינקי] האָט ממש געקאָכט מיט קאָנטער־רעוואָלוציע, פינאַנסירט און געשטיצט פון עטלעכע אייראָפּייאישע רעגירונגען. ראַילי איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַט־דער גאַנצער באַוועגונג און האָט אָפּגעגעבן פיל צייט און געלט פאַר דעם צוועק.

אַ געוויסן טאָג האָט אַ מיסטעריעזער באַזוכער זיך פאָרגעשטעלט אין סידני ראַילים לאָנדאָנער וואוינונג. צוערשט האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס „מיסטער וואַרנער". ער האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַרצע באָרד, וועלכע האָט כמעט פאַרשטעלט זיין גאַנץ פּנים, שאַרפע באַקן־ביינער און קאַלטע, שטאַליקבלויע אויגן. ער איז געווען אַ דריז און זיינע לאַנגע, לויזע הענט האָבן דערגרייכט כמעט ביז צו די קני. ער האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן. זיי האָבן איינ־

געשלאָסן אַ בריטישן פּאַספּאָרט, אַ באַשטעטיקונג געשריבן און געחתמעט פונעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פירער באַריס סאַווינקאָוו אין פּאַריז, ווי אויך אַ פּאַרשטעל־בריוו פון אַ באַקאַנטן בריטישן שטאַטסמאַן.

— איך וועל פאַרברענגען אַרום אַ וואָך צייט אין לאָנדאָן, — האָט דער באַזוכער געזאָגט צו ראַילין, — און וועל קאָנפערירן מיט אייער אויסערן־מיניסטעריום.

דאָן האָט דער „מיסטער וואַרנער" אויפגעדעקט ווער ער איז אין דער אמתן. זיין אמתער נאָמען איז געווען דרעבקאָוו, און ער איז געווען דער פירער פון איינער פון די „פינפער"־גרופּעס אין ראַיליס אַנטי־סאָוועטישן קאָנ־ספּיראַטיוון אַפּאַראַט אין רוסלאַנד אין יאָר 1918. איצט איז ער געווען דער הויפּט פון אַ ווייס־גוואַרדיאַקישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין מאָסקווע.

— איר האָט געהאַט אַ פיינע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, קאַפּיטאַן ראַילי, — האָט דרעבקאָוו געזאָגט. — מיר האָבן צונויפגענומען די פעדים און עס אַרבעט ווידער. אַלע אייערע אַלטע אַגענטן זיינען נאָך פאַראַן. איר געדענקט באַלקאָוון? ער איז מיט אונדז. . . . אין איין שיינעם טאָג וועלן מיר אַרונטער־וואַרפן די רויט־הויטיקע, און די גוטע צייטן וועלן זיך ווידער אָנפאַנגען. איר ווייסט דאָך אָבער וואָס מיר רופן זיינען. מיר פּראָיעקטירן און פּראָיעקטירן און פּראָיעקטירן, מיר בויען איין וואונדערלעכן פּלאַן נאָך דעם צווייטן, און קריגן זיך איבער אומוויכטיקע פּרטים, און איין גאָלדענע געלעגנהייט נאָך דער אַנדערער גליטשט זיך פאַרביי און מען טוט גאָרניט אויף. עט! — דרעבקאָוו איז געקומען צום פּונקט פון זיין באַזוך. — מיר דאַרפן האָבן אַ מענטש אין רוסלאַנד, קאַפּיטאַן ראַילי, — האָט ער געזאָגט, — אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען באַפעלן און זען אַז זאַכן זאָלן געטאָן ווערן; אַ מענטש, וועמעס באַפעלן וועלן ניט אָפּגעפרעגט ווערן; אַ מענטש, וואָס וועט זיין אַ הערשער, אַ דיקטאַטאָר, אויב איר ווילט, אַזוי ווי מוסאָליני איז אין איטאַליע; אַ מענטש, וואָס וועט מיט אַן אייזערנער האַנט אויסגלייכן די דיסערייען וועלכע צעטיילן אונדזערע פריינט דאָרט, און אונדז צוזאַמענשמעלצן אין אַ געווער וואָס וועט דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די איצטיקע טיראַנען פון רוסלאַנד!

— וואָס איז מכוח סאַווינקאָוו? — האָט סידני ראַילי אַ פרעג געטאָן. — ער איז אין פּאַריז און איז דער פּאַסיקער מענטש דערפאַר. אַ באמת גרויסער מענטש, אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אַ געבוירענער פירער און אָרגאַניזאַטאָר!

פאַרצייכענענדיק דעם שמועס אין אירע זכרונות, האָט מאַדאַם ראַילי געשריבן:

איך האָב געקאָנט אַרויסלייענען פון סידניס טאָן, וואָס פאַר אַ גרויסן קרבן ער האָט געבראַכט איבערגעבנדיק אָט־דעם ענין צו

סאַווינקאָוון, דעם גרויסן רוסישן פירער. ווען ער האָט אַזוי שטאַרק באַוואונדערט.

2. „אַ געשעפט פונקט ווי אַלע געשעפטן!"

באָריס סאַווינקאָוו, וועמען די אינעווייניקסטע פּאָליטיק־באַשטימענדיקע קרייזן פון דאַונינג סטריט און דער קעי ד'אָרסעי האָבן אין 1924 באַטראַכט פאַר דעם קומענדיקן דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד, איז אין פיל פּרטים געווען איינער פון די סאַמע מערקווירדיקסטע מענטשן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פונעם כאַאָס פון צוזאַמענברוך אין אַלטן רוסלאַנד. אַ דאַרער, בלאַסער, פליכטוואַטער און געלאַסן־רעדנדיקער מאַן, געווייינלעך עלעגאַנט געקליידט אין אַ פראַק און לאַקירטע שטיוול, האָט סאַווינקאָוו מער אויסגעזען ווי „דער פאַרוואַלטער פון אַ באַנק", ווי סאָמערסעט מאָעם האָט זיך אַמאָל געהאַט אויסגעדריקט, איידער דער באַרימטער טעראָריסט און אכזריותדיקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, וואָס ער איז געווען אין דער אמתן. ער האָט באַזיצט אַ סך און פאַרשיידנאַרטיקע טאַלאַנטן. ווינסטאָן טשוירטשיל, פאַר וועמען סידני ראַילי האָט דאָס ערשטע מאָל פאָרגעשטעלט סאַווינקאָוון, האָט שפּעטער באַשריבן דעם רוסישן טעראָריסט אין זיין בוך „גרויסע מענטשן פון מיין צייט", אַלס אַ מאַן וואָס ווייזט אַרויס „די חכמה פון אַ שטאַטסמאַן, די מעלות פון אַ קאָמאַנדיר, דעם קוראַזש פון אַ העלד, און דעם אויסדויער פון אַ מאַרטירער". סאַווינקאָוו האָט „פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן", האָט טשוירטשיל צוגעגעבן, „אין פאַרשווערונגען".

אַלס אַ יונגערמאַן אין צאַרישן רוסלאַנד, איז סאַווינקאָוו געווען אַ פירנדיקער מיטגליד פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי. צוזאַמען מיט נאָך פיר אַנדערע פירער האָט ער אָנגעפירט מיט דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיי, אַזאַ ספּעציעלער טעראָר־קאָמיטעט, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָרגאַניזירן די אַטענטאַטן איבער צאַרישע באַאַמטע. דער גרויס־פירשט סערגעי, דעם צאַרס פעטער, און דער אינערן־מיניסטער וו. ק. פּלעווע זיינען געווען צווישן די צאַרישע באַאַמטע, וועלכע אָט־די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט דערמאָרדעט אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.*)

*) דער אמתער פירער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז געווען יעוונאָ אַזעוו, איינער פון די אויסערגעוויינלעכסטע פּראָוואָקאַטאָרן אין דער געשיכטע. אַ שפּיאָן אין דינסט פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי, האָט אַזעוו — בעת ער האָט פון צייט צו צייט פאַרראַטן רעוואָלוציאָנערן און טעראָריסטן — באמת אויסגעאַרבעט פּלענער

נאָך דעם דורכפאַל פונעם ערשטן פאַרזוך אַרונטערצואוואַרפן דעם צאַריזם אין 1905, איז באָריס סאַווינקאָוו אין אַ געוויסער מאָס אַנטוישט געוואָרן אין דעם לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט אָנגעפאַנגען זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַטור. ער האָט אָנגעשריבן אַ סענסאַציאָנעלן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „דאָס בלאַסע פערד“, אין וועלכן ער האָט באַשריבן זיין ראָלע אין דערמאָרדן פּלעווען און דעם גרויס־פירשט סערגעי. ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז געזעסן אין אַ קליין הייזל אויף אַ זייטיק געסל אין רוסלאַנד, פאַרשטעלט אַלס אַ בריטישער אַגענט, מיט אַ געפעלשטן ענגלישן פּאַספּאָרט אין קעשענע און מיט „3 קילאָגראַם דינאַמיט אונטערן טיש“, וואַרטנדיק טאָג־איין טאָג־אויס אַז דעם גרויס־פירשטס פאַיעטאָן זאָל דורכפאָרן די גאַס.

יאָרן שפּעטער, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער ענגלישער נאָוועליסט סאָמערסעט מאָעם איז דורך דער בריטישער געהיים־דינסט געשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט סאַווינקאָוון*), האָט ער געפרעגט דעם רוסישן טעראָריסט, צי עס האָט זיך ניט געפאָדערט אַ סך קוראַזש דורכצופירן די דאָזיקע אַטענטאַטן. סאַווינקאָוו האָט געענטפערט:

„גלויבט מיר, אַז עס איז גאָרניט. עס איז אַ געשעפט פונקט ווי אַלע געשעפטן. מען געוואוינט זיך צו דעם צו.“

צו דערמאָרדן דעם גרויס-פירשט סערגעי, פּלעווען און נאָך אַנדערע צאַרישע באַאַמטע. זיין גאַנצער אינטערעס איז געווען געלט; ער האָט געהאָלפן דורכפירן די דאָזיקע מאָרדן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אַזעלכע דערגרייכונגען וועלן מעגלעך מאַכן פאַר אים צו פאָדערן פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי גרעסערע סומעס אויף אויסגאַבן. נאַטירלעך, האָט ער דער צאַרישער געהיים-פּאָליציי ניט אויסגעזאָגט וועגן זיין אָנטייל אין די דאָזיקע מאָרדן.

אַ צווייטער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פירער, וואָס האָט נאָענט מיטגעאַרבעט מיט סאַווינקאָוון און אַזעוון, איז געווען וויקטאָר טשערנאָוו. ווי סאַווינקאָוו, איז אויך טשערנאָוו שפּעטער געוואָרן זייער אַקטיוו אין אַנטי-סאָוועטישער אַרבעט. אין יאָר 1940 איז ער אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און בעת אָט-דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן איז ער נאָך אַלץ געווען דאָ אין לאַנד, וואו ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרשפּרייטן אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. זע קאַפּיטל 23 וועגן די ווייטערדיקע איינצלהייטן פון טשערנאָווס איצטיקע טעטיקייטן.

*) אין דעם פאָרוואָרט צו זיין בוך, „אַשענדען, אָדער דער בריטישער אַגענט“, האָט סאָמערסעט מאָעם באַשריבן זיין הויפּט-שליחות קיין רוסלאַנד ווי פאָלגט: „אין יאָר 1917 בין איך אַוועק קיין רוסלאַנד. מען האָט מיך געשיקט צו פאַרמיידן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און צו האַלטן רוסלאַנד אין קריג.“ און מאָעם גיט צו: „דער לייענער ווייסט שוין, אַז מיינע באַמיאונגען האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג.“

אין חודש יוני 1917 איז באַריס סאַווינקאָוו, דער פּראָפעסיאָנעלער מערדער און נאָוועליסט, באַשטימט געוואָרן פון קערענסקין — אויף דער עצה פון זיינע אַליאירטע ראַטגעבער — אויפן פּאָסטן פון פּאָליטישן קאָמיסאַר פון דער 7טער אַרמיי אויפן גאַליציע־פראָנט. די סאָלדאַטן פון אָט־דער אַרמיי־גרופּע האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער ציטווייליקער רעגירונג, און מען האָט גע־טראַכט, אַז סאַווינקאָווס גוואַלדזאַמע מעטאָדן זיינען נויטיק בייצוקומען די סיטואַציע. סאַווינקאָוו האָט אונטערדריקט דעם אויפברויז. מען האָט געמאָלדן, אַז ביי איין געלעגנהייט זאָל ער האָבן מיט די אייגענע הענט דערשאָסן די דעלעגאַטן פון אַ באָלשעוויסטישן סאָלדאַטן־סאָוועט.

אויף סאַווינקאָווס פאָדערונג, האָט קערענסקי באַשטימט גענעראַל קאָר־נילאָוו, אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען. סאַווינקאָוו אַליין איז באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף קריג־מיניסטער. ער האָט שוין דאַן געהאַט געהאַנדלט אַלס געהיים־אַגענט פאַר דער פראַנצויזישער רעגירונג און פּלאַנירט אַרונטערצוּוואַרפן די קערענסקי־רעגירונג און גרינדן אַ מיליטערישע דיק־טאַטור אונטער קאָרנילאָוו.

נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט סאַווינקאָוו אָנגעפירט אַן אַנטי־סאָוועטישן אויפשטאַנד אין יאַראָסלאַוו, וואָס די פראַנצויזן האָבן אין געהיים פינאַנסירט און וועלכער איז געווען אויסגערעכנט זיך צונויפצופאַלן מיט סידני ראַיליס פאַרזוך אין מאָסקווע. סאַווינקאָווס מחנות זיינען צע־שמעטערט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, און ער אַליין איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פונעם לאַנד, איז ער געוואָרן איינער פון די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון די ווייס־גוואַרדייער אין אייראָפּע. ווינסטאָן טשורטשיל האָט געשריבן וועגן סאַווינקאָוון אין זיין „גרויסע מענטשן פון מיין צייט": „פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע באַציאונגען מיט די אַליאירטע און מיט די ביט־ווינציקער וויכטיקע באַלטישע און גרענעץ־לענדער, וועלכע האָבן אין יענער צייט פאָרמירט דעם „קאָרדאָן סאַניטער" פון מערב, האָט דער געוועזענער ניהיליסט אַרויסגעוויזן אַלע פייאיקייטן סיי פאַר פירערשאַפט און סיי פאַר אינטריגעס."

אין 1920 האָט סאַווינקאָוו זיך אַריבערגעקליבן קיין פוילן. מיט דער הילף פון זיין גוטן פריינט מאַרשאַל פּילסודסקי, האָט ער צונויפגעזאַמלט אַרום 30,000 אָפיצירן און סאָלדאַטן, זיי באַוואָפנט און אָנגעפאַנגען זיי צו מושטירן פאַר נאָך אַן אָנפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד.

שפּעטער האָט סאַווינקאָוו אַריבערגעפירט זיין הויפּט־קוואַרטיר קיין פּראַג. דאָרט, אין נאָענטער צוזאַמענאַרבעט מיטן טשעכישן פאַשיסטישן גענע־ראַל גײַדאַ, האָט סאַווינקאָוו געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען

באקאנט אלס די „גרינע גוואַרדיע", און וועלכע איז באַשטאַנען מערסטנס פון געוועזענע צאַרישע אָפיצירן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן. די „גרינע גוואַרדיע" האָט דורכגעפירט אַ ריי איבערפאַלן איבער די סאָוועטישע גרענעצן, גערויבט, געגזלט, פאַרברענט דערפער, אויסגעשאָכטן אַרבעטער און פויערים, און דערמאָרדעט לאָקאַלע סאָוועטישע באַאַמטע. אין אַט־דער דאָזיקער טעטיקייט האָט סאַווינקאָוו געהאַט די נאָענטסטע מיטאַרבעטערשאַפט פון פאַרשיידענע אייראָפּיאישע געהיים־דינסט אַגענטורן.

אייגער פון סאַווינקאָווס געהילפן, אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט מיטן נאָמען פּאַמיטשאָוו, האָט אָרגאַניזירט אַן אָפּטיילונג פון סאַווינקאָווס קאָנספּיראַטיווער און טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, די געוועזענע ליטווישע הויפּט־שטאָט, וועלכע די פּאָליאַקן האָבן פאַרכאַפּט אין 1920. פּאַמיטשאָווס גרופּע, מיט דער הילף פון פּוילישן שפּיאָנאַזש־צענטער, האָט אָנגעהויבן צו גרינדן געהיימע צעלן אויף סאָוועטישער טעריטאָריע, כדי דורכצופירן שפּיאָנאַזש־אַרבעט און העלפן די טעראָריסטישע גרופּעס וועלכע פּוילישע רעגירונג־באַאַמטע האָבן אַריינגעשיקט, אויסגעשטאַט מיט געווער, געלט און פאַלשע דאָקומענטן.

שפּעטער האָט פּאַמיטשאָוו אין אַ בריוו צו דער „איזוועסטיאַ", דאַטירט דעם 17טן סעפּטעמבער, 1924, געגעבן פאָלגנדע באַשרייבונג וועגן די טעטיקייטן, וואָס זיין גרופּע האָט דורכגעפירט:

> ווען אַט־די שפּיאָנען און אָפּטיילונגען האָבן זיך אומגעקערט פון די מאָרדן וועלכע מען האָט זיי געשיקט דורכצופירן, בין איך געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיי און די פּוילישע באַאַמטע, ווייל איך בין דאָס געווען דער, וואָס האָט איבערגעגעבן צו די לעצטע די געגנבעטע דאָקומענטן און דעם שפּיאָנאַזש־מאַטעריאַל. אַט אַזוי האָט מען די אָפּטיילונגען פון סערגעי פּאַוולאָווסקי, טרובניקאָוו, מאַניטש, דאַניעל, איוואַנאָוו און אַנדערע קלענערע אָפּטיילונגען, ווי אויך איינציקע שפּיאָנען און טעראָריסטן, געשיקט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. צווישן אַנדערע זאַכן געדענק איך, ווי אַזוי פּאַלקאָווניק סוויעזשינסקי איז אין יאָר 1922 געשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד מיט דער אויפגאַבע צו דערמאָרדן לענינען.

סאַווינקאָווס גרויזאַמע מעטאָדן, זיין מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט און אויסערגעוויינלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער טאַלאַנט האָבן געהאַט אַ גרויסע צוציאונג־קראַפט פאַר יענע ווייס־גוואַרדיאישע עמיגראַנטן און אַנטי־סאָוועטישע אייראָפּיאישע שטאַטסלייט, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געחלומט אַרונטער־

צוזאַמענגעפאַלן מיט דער פאַרדאַמונג פון די באָלשעוויקעס, האָבן זיי פאַרלאָרן דאָס צוטרוי אין דער באַוועגונג.

צוואוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. טיילמאָל אָבער האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט מחמת סאַווינקאָווס פאַרגאַנגענהייט. ווען ווינסטאָן טשוירטשיל האָט אין יאָר 1919 פאַרהאַנדלט אין פאַריז מיט דעם געוועזענעם צאַרישן פרעמיער סאַזאָנאָוו, איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן סאַווינקאָוון. טשוירטשיל האָט שפּעטער באַשריבן דעם פאַל אין זיין בוך „גרויסע מענטשן פון מיין צייט״:

— ווי קומט איר אויס מיט סאַווינקאָוון? — האָט טשוירטשיל געפרעגט.

דעם צאַרס געוועזענער הויפּט־מיניסטער האָט געמאַכט אַ צייכן פון אומצופרידנקייט מיט דער האַנט. „ער איז אַ מערדער! איך בין דערשטוינט, וואָס איך אַרבעט מיט אים! אָבער וואָס קאָן מען טאָן? ער איז אַ פיאַיקער מאַן, פול מיט איינפּעלערישקייט און אַנטשלאָסנקייט. עס איז ניטאָ קיין צווייטער צו אים!״

3. אַ זונטיק אין טשעקערס

אין יאָר 1922 האָט דער הונגער געהערשט אין די חרובע געגנטן פון רוסלאַנד און עס האָט אויסגעזען ווי דער באַלדיקער צוזאַמענברוך פון דער סאָוועטן־רעגירונג איז אומפאַרמיידלעך. אייראָפּייאישע שטאַטסלייט, ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן און פּאָליטישע קעגנער אין סאָוועט־רוסלאַנד גופא זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען צוגרייטנדיק געהיימע אָפּמאַכן און אָרגאַניזירנדיק נייע רוסישע קאַבינעטן, וואָס זאָלן זיין גרייט ביים ערשטן רוף איבערצונעמען די פליכטן. העפטיקע דיסקוסיעס זיינען אָנגעגאַנגען בנוגע אַ מעגלעכן רוסישן דיקטאַטאָר. קאַפּיטאַן סידני ראַילי האָט דאַן געבראַכט באַריס סאַווינקאָוון צו ווינסטאָן טשוירטשילן.

טשוירטשיל איז שוין פון לאַנג געווען אינטריגירט מיט דער פּערזענלעכקייט פון אָט דעם „ליטעראַרישן מערדער״, ווי ער האָט אים גערופן. מסכים זייענדיק מיט ראַילין, אַז סאַווינקאָוו איז „אַ מאַן, וועמען מען דאַרף אָנפאַרטרויען אָנצופירן גרויסע אונטערנעמונגען״, האָט טשוירטשיל באַשלאָסן אים פאָרצושטעלן פאַר דעם בריטישן פרעמיער לאָיד דזשאָרדזש. מען האָט צוגעגרייט אַ געהיימע קאָנפערענץ אין טשעקערס, דאָס זומער־פּאַלאַץ פון ענגלישע פרעמיערן.

טשוירטשיל און סאַווינקאָוו זיינען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל. „עס איז געווען אין אַ זונטיק״, האָט טשוירטשיל שפּעטער איבערגעגעבן אין זיין „גרויסע מענטשן פון מיין צייט״. „דער פרעמיער האָט געהאַט

איינגעלאַדן עטלעכע הויכע גייסטלעכע פון דער „פרייער קירך", און איז אַליין געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע וועלישע זינגערס, וועלכע זיינען געקומען פון זייער פּראָווינץ, כדי אים צו באַערן מיט כאָר־געזאַנג. זיי האָבן אין משך פון עטלעכע שעה געזונגען וועלישע הימנעס אויפן סאַמע שענסטן אופן. נאָכדעם האָבן מיר געהאַט אונדזער שמועס."

לאָיד דזשאָרדזש איז אָבער ניט געווען גענויגט צו אײַלן זיך מיט געבן באָריס סאַווינקאָוון די קאָווירונג פון דער ענגלישער רעגירונג. לויט דער מיינונג פון לאָיד דזשאָרדזשן, איז שוין „דאָס ערגסטע אַריבער" אין רוסלאַנד. דער באָלשעוויסטישער עקספּערימענט — דער סאָציאַליסטישער קאָנטראָל איבער די אינדוסטריעס פונעם לאַנד — וועט, פאַרשטייט זיך, דורכפאַלן. די באָלשעוויסטישע פירער, „פּנים אל פּנים מיט די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון רעגירן", וועלן אויפגעבן זייערע קאָמוניסטישע טעאָריעס אָדער וועלן זיך, „פּונקט ווי ראָבעספּיער און סט. דזשוסט", צעקריגן צווישן זיך און פאַרלירן די מאַכט.

וואָס שייך דער „קאָמוניסטישער וועלט־געפאַר", איבער וועלכער טשויר־טשיל און די ענגלישע שפּיאָנאַזש־דינסט זיינען געווען אַזוי שטאַרק באַזאָרגט, האָט זי פּשוט ניט עקזיסטירט, האָט לאָיד דזשאָרדזש געזאָגט.

— הער פּרעמיער, — האָט סאַווינקאָוו אויף זיין ערנסטן, פאָרמעלן אופן באַמערקט נאָכדעם ווי לאָיד דזשאָרדזש האָט געענדיקט, — איר וועט מיר דערלויבן דעם כבוד צו באַמערקן, אַז נאָך דעם ווי די רוימישע אימפּעריע איז געפאַלן, איז געקומען די פינצטערע צייט פון מיטלאַלטער!

4. מאָסקווער פּראָצעס, 1924

לעניגס טויט, דעם 21טן יאַנואַר, 1924, האָט אין ראַיליס מוח דערוועקט נייע, גליענדיקע האָפענונגען. זיינע אַגענטן אין רוסלאַנד האָבן באַריכטעט, אַז די קעגנערישע עלעמענטן אינעם לאַנד פאַרשטאַרקן זייערע פאַרזוכן צו קריגן די מאַכט. אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גופא האָבן זיך באַוויזן שאַרפע חלוקי־דעות, און עס האָט אויסגעזען אַז עס עקזיסטירט אַ מעגלעכקייט אויס־צונוצן אַן אמתע שפּאַלטונג. לויט ראַיליס שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען די סאַמע סטראַטעגישסטע צייט אויף צו דערלאַנגען דעם קלאַפּ.

ראַילי האָט באַשלאָסן, אַז זיינע אַלטע פּלענער צוריק אויפצושטעלן דעם צאַריזם זיינען שוין פאַרעלטערט. רוסלאַנד איז שוין אַוועק פונעם צאַריזם. ראַילי האָט געגלויבט, אַז מען וועט דאַרפן אָרגאַניזירן אַ דיקטאַטור, וואָס

זאָל זיך באַזירן אויף די רייכערע פּויערים (קולאַקעס) און אויף די פֿאַרשיידענע מיליטערישע און פּאָליטישע כוחות, וועלכע זיינען פֿייַנטלעך צו דער סאָוועטן־רעגירונג. ער איז געווען איבערצייַגט, אַז באָריס סאַווינקאָוו איז דער אידעאַלער מאַן צו עטאַבלירן אין רוסלאַנד דעם זעלבן רעזשים וואָס מוסאָליני האָט אָנגעפֿירט אין איטאַליע. דער ענגלישער שפּיאָן איז געפֿאָרן פֿון איין אייראָפּייִשער הויפּט־שטאָט צו אַ צווייטער, אין אַ פֿאַרזוך צו באַאייַנפֿלוסן די שפּיאָנאַזש־דינסטן און די גענעראַל־שטאַבן צו שטיצן סאַווינקאָווס צילן.

איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אַרייַנגעצויגן צו ווערן אין דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע פֿון יענער צייט איז געווען סער הענרי ווילהעלם אויגוסט דעטערדינג, אַ האָלענדיש־געבוירענער ריטער פֿון דער בריטישער אימפּעריע און דער הויפּט פֿון דעם גרויסן בריטישן אינטער־נאַציאָנאַלן אויל־טראָסט, די ראָיאַל דאָטש שעל קאָמפּאַניע. עס איז אויסגעפֿאַלן אויף דעטערדינגס גורל צו ווערן דער הויפּט פֿינאַנציעלער שטיצער און פֿאָר־שטייער פֿון גרויס־האַנדל אין דער וועלט אין דער אַנטי־באָלשעוויסטישער אונטערנעמונג.

דורך ראַיליס באַמיאונגען איז דער בריטישער אויל־קעניג פֿאַראינטערע־סירט געוואָרן אינעם טאָרגפּראָם, די אָרגאַניזאַציע פֿון צאַריסטישע עמיגראַנטן מיליאָנערן. דעטערדינג האָט כיטרע אויסגעקויפֿט פֿון ליאַנאָזאָוון און מאַנ־טאַשעוון אין פּאַריז, און פֿון די אַנדערע טאָרגפּראָם־מיטגלידער אין אייראָפּע, די פֿאָפֿירערע רעכטן אויף אייניקע פֿון די וויכטיקסטע אויל־פֿעלדער אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין אָנהויב יאָר 1924, נאָך דעם ווי ער איז דורכגעפֿאַלן אין דערווערבן קאָנטראָל איבער דעם סאָוועטישן אויל דורך דיפּלאָמאַטישן דרוק, האָט דער בריטישער אויל־קעניג זיך דערקלערט אַלס „אייגנטימער“ פֿון רוסישן אויל און פֿאַרדאַמט דעם סאָוועטישן רעזשים פֿאַר אומגעזעצלעך און מחוץ ציווי־ליזאַציע. מיט אַלע ריזיקע מיטלען פֿון זיין עשירות, אייַנפֿלוס און אומצאָליקע געהיים־אַגענטן, האָט סער הענרי דעטערדינג דערקלערט קריג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, מיטן אָפֿענעם אַבזיכט צו דערווערבן פֿאַר זיך דעם באַזיץ פֿון די רייכע אויל־קוואַלן אין סאָוועטישן קאַווקאַז.

דעטערדינגס אינטערווענציע האָט געגעבן אַ נייַע באַטאָנונג צו סידני ראַיליס קאַמפּאַניע. דער בריטישער שפּיאָן האָט גלייַך אָנגעצייכנט אַ ממשות־דיקן פּלאַן פֿאַר אַן אַטאַקע אויף סאָוועט־רוסלאַנד און אים איבערגעגעבן צו די פֿאַראינטערעסירטע מיטגלידער פֿון די אייראָפּייִשע גענעראַל־שטאַבן. דער פּלאַן — אַ וואַריאַנט פֿון האָפֿמאַנס פּלאַן — האָט גערופֿן סיי צו פּאָ־ליטישער און סיי צו מיליטערישער אַקציע.

פּאָליטיש, האָט ראַיליס פּלאַן פֿאָרגעשטעלט אַ קאָנטער־רעוואָלוציע אין

רוסלאַנד, דורכגעפירט פון די געהיימע אָפּאָזיציע־עלעמענטן, צוזאַמען מיט סאַווינקאָווס טעראָריסטן. אַזוי גיך ווי די קאָנטער־רעוואָלוציע וועט זיין אין פולן גאַנג, וועט זיך אָנהויבן די מיליטערישע פאַזע. לאָנדאָן און פּאַריז וועלן פאָרמעל פאַרדאַמען די סאָוועטן־רעגירונג און אָנערקענען באָריס סאַווינקאָוון אַלס דעם דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד. די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען, וועלכע געפינען זיך אין יוגאָסלאַוויע און רומעניע, וועלן אַריבערגיין די סאָוועטישע גרענעץ. פּוילן וועט מאַרשירן אויף קיעוו. פינלאַנד וועט בלאָקאַדירן לעניני־גראַד. אין דער זעלביקער צייט וועט אין קאַווקאַז פאָרקומען אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד, אָנגעפירט פון די נאָכפאָלגער פונעם גרוזינישן מענשעוויק, נאָי זשאָרדאַניאַ.*) קאַווקאַז וועט אָפּגעשניטן ווערן פון רוסלאַנד, און וועט זיך עטאַבלירן אַלס אַן „אומאָפּהענגיקע" טראַנס־קאַווקאַזער פעדעראַציע אונטער ענגליש־פראַנצויזישער אויפזיכט, און די אויל־קוואַלן מיט די רערן־ליניעס וועלן אומגעקערט ווערן צו זייערע פריערדיקע אייגנטימער און אויסלענדישע שותפים.

ראַיליס פּלאַן האָט געוואונען די גוטהייסונג פון די אַנטי־באָלשעוויסטישע פירער פון די פראַנצויזישע, פּוילישע, פינלענדישע און רומעניש גענעראַל־שטאַבן. דער ענגלישער אויסערן־מיניסטעריום איז באַשטימט געווען פאַר־אינטערעסירט אין דעם פּראָיעקט אָפּצושניידן קאַווקאַז פון רוסלאַנד. דער איטאַליענישער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר, בעניטאָ מוסאָליני, האָט גערופן באָריס סאַווינקאָוון קיין רוים צו אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ. מוסאָליני האָט געוואָלט באַגעגענען דעם „רוסישן דיקטאַטאָר". ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו פאַרזאָרגן סאַווינקאָווס אַגענטן מיט איטאַליענישע פּאַספּאָרטן, כדי צו פאַר־לייכטערן זייער אַריינפאָר און אַרויספאָר פון רוסלאַנד ביים צוגרייטן די אַטאַקע. חוץ דעם האָט מוסאָליני איינגעשטימט צו אינסטרואירן זיינע פאַשיסטישע געזאַנדשאַפטן און זיין געהיים־פּאָליציי, די אָווראַ, זיי זאָלן סאַווינקאָוון געבן יעדע מעגלעכע מיטהילף.

לויט ראַיליס ווערטער: „אַ גרויסע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַר־שווערונג האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן."

דעם 10טן אויגוסט, 1924, נאָך אַ לאַנגער און לעצטער דיסקוסיע מיט ראַילין, איז באָריס סאַווינקאָוו, באַוואָרנט מיט אַן איטאַליענישן פּאַספּאָרט,

---

*) אין יאָר 1918 איז נאָי זשאָרדאַניאַ געשטאַנען בראש פון אַ דייטשן פּופּן־רעזשים אין קאַווקאַז. אין 1919 האָבן די ענגלענדער אַרויסגעטריבן די דייטשן און זשאָרדאַניאַ איז געוואָרן דער הויפּט פון אַ בריטיש־קאָנטראָלירטער טראַנס־קאַווקאַזער פעדעראַציע. אין 1924 איז זיין הויפּט־קוואַרטיר געווען אין פּאַריז. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים געגעבן אַ סובסידיע פון 400 מיליאָן פראַנק.

אַוועק קיין רוסלאַנד. עטלעכע פּאַרטרויענסווערטע געהילפן און לייטענאַנטן פון זיין „גרינער גוואַרדיע" האָבן אים באַגלייט. באַלד נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ האָט ער געזאָלט נעמען מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען פאַר דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. מען האָט אָנגענומען יעדן פאַרזיכט כדי צו פאַרזיכערן, אַז מען זאָל ניט אויפדעקן ווער ער איז אָדער אַז זיין זיכערקייט זאָל ניט געשטעלט ווערן אין געפאַר. אין מאָמענט וואָס ער וועט דערגרייכן די סאָוועטישע טעריטאָריע, האָבן פאַרטרעטער פון דער וויס־גוואַרדייאישער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן פּאָזיציעס אַלס סאָוועטישע באַאַמטע אין די גרענעץ־שטעט, געזאָלט אים באַגעגענען. סאַווינקאָוו האָט געזאָלט שיקן דורך אַ געהיימען שליח אַ מעלדונג צו ראַיליין אַזוי גיך ווי ער וועט אָנקומען.

טעג זיינען פאַרביי און קיין וואָרט פון סאַווינקאָוון איז ניט אָנגעקומען. ראַילי האָט געוואָרט אין פּאַריז מיט וואַקסנדיקן אומגעדולד און אַנגסט, ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן ביז דער שליח וועט אָנקומען. אַ וואָך איז פאַראיבער. צוויי וואָכן.

דעם 28טן אויגוסט איז דער פּלאַנירטער אויפשטאַנד אין קאַווקאַז אויס־געבראָכן. פאַרטאָג האָט אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג פון נאַי זשאָרדאַניאַס לייט אַטאַקירט דאָס נאָך־שלאָפנדיקע שטעטל טשיאַטורי אין גרוזיע, דערמאָרדעט די לאָקאַלע סאָוועטישע באַאַמטע און איבערגענומען די שטאָט. פּאַלן פון טעראָר, מאָרדן און באַמבאַרדירונגען זיינען פאָרגעקומען איבער גאַנץ קאַווקאַז. מען האָט געמאַכט פּאַרזוכן צו פאַרכאַפּן די אויל־פעלדער.

אויפן צווייטן טאָג האָט ראַילי אויסגעפונען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט באָריס סאַווינקאָוון. דעם 29טן אויגוסט, 1924, האָט די סאָוועטישע צייטונג „איזוועסטיאַ" געמאָלדן, אַז „דער געוועזענער טעראָריסט און קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנער באָריס סאַווינקאָוו" איז אַרעסטירט געוואָרן דורך סאָוועטישע באַאַמטע „נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אַריבערצוגנבענען זיך איבער דער סאָוועטישער גרענעץ".

סאַווינקאָוו מיט זיינע געהילפן זיינען אַריבער די פּוילישע גרענעץ. זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן אויף דער סאָוועטישער ערד פון אַ גרופּע מענטשן. זיי האָבן געדענקט, אַז אַט־די מענטשן זיינען מיט־פאַרשווערער, און זיינען אַוועק־געפירט געוואָרן צו אַ הויז אין מינסק. אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אָנגעקומען, האָט זיך באַוויזן אַ באַוואָפנטער סאָוועטישער אָפיציר און געמאָלדן, אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט. סאַווינקאָוו און זיינע פריינט זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

דער אויפשטאַנד אין קאַווקאַז איז געווען פונקט אַזוי שלימזלדיק. די בערגלייט, וועמען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַררעכנט אַלס

פֿאַרבינדעטע, האָבן גאָר פֿאַרטיידיקט דעם סאָוועטן־רעזשים. צוזאַמען מיט די אויל־אַרבעטער האָבן זיי געהאַלטן די אײַזנבאַנען, די רערן־ליניעס און אויל־פֿעלדער ביז די סאָוועטישע סאָלדאַטן זײַנען אָנגעקומען. ספּאָראַדישע קאַמפֿן זײַנען אָנגעגאַנגען עטלעכע וואָכן; אָבער קלאָר איז געווען פֿון סאַמע אָנהויב, אַז די סאָוועטישע אויטאָריטעטן האָבן געהאַט די סיטואַציע אין זייערע הענט. דעם 13טן סעפּטעמבער, 1924, האָט די „ניו־יאָרק טײַמס" געמאָלדן, אַז דער קאַווקאַזער אויפֿשטאַנד איז „געווען פֿינאַנסירט און אָנגעפֿירט פֿון פּאַריז" דורך „מעכטיקע פֿינאַנסירן" און „געוועזענע אייגנטימער פֿון די באַקוער אויל־קוואַלן". עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די סאָוועטישע סאָלדאַטן אַרומגערינגלט און געפֿאַנגען די רעשטלעך פֿון זשאָרדאַניאַס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

סאַווינקאָווס אַרעסט און דער דורכפֿאַל פֿון דעם קאַווקאַזער אויפֿשטאַנד זײַנען שוין געווען אַ גענוג ביטערע אַנטוישונג פֿאַר סידני ראַילין און פֿאַר זײַנע פֿרײַנט; אָבער סאַווינקאָווס עפֿנטלעכער פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען קורץ נאָכדעם אין מאָסקווע, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן דער סאַמע שווערסטער קלאַפּ. צום גרויסן שרעק און דערשטוינונג פֿון די פֿיל אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרמישט אין דער פֿאַרשווערונג, האָט באָריס סאַווינקאָוו איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פֿון דער גאַנצער פֿאַרשווערונג. ער האָט געלאַסן דערציילט דעם סאָוועטישן געריכט, אַז ער האָט די גאַנצע צײַט געוואוסט, אַז ער טרעט אַרײַן אין אַ פֿאַסטקע אַזוי גיך ווי ער וועט אַריבערגיין די סאָוועטישע גרענעץ. „איר האָט דורכגעפֿירט אַ פֿײַן שטיקל אַרבעט מיך אַרײַנצוקריגן אין אײַער נעץ", האָט סאַווינקאָוו געזאָגט צום סאָוועטישן אָפֿיציר, וועלכער האָט אים אַרעסטירט. „דער פֿאַקט איז, אַז איך האָב פֿאַרדעכטיקט אַ פֿאַסטקע. איך האָב אָבער באַשלאָסן סײַ־ווי־סײַ אַרײַנצוטרעטן אין רוסלאַנד. איך וועל אײַך זאָגן פֿאַרוואָס. . . . איך האָב באַשלאָסן אויפֿצוגעבן מײַן קאַמף קעגן אײַך!"

סאַווינקאָוו האָט דערקלערט, אַז ער האָט ענדלעך איינגעזען די נוצלאָזיקייט און די רעה פֿון דער אַנטי־סאָוועטן באַוועגונג. פֿאַרן געריכט האָט ער זיך אויסגעמאָלט אַלס אַן ערלעכן, אָבער פֿאַרפֿירטן רוסישן פּאַטריאָט, וועלכער איז ביסלעכווײַז אַנטוישט געוואָרן אינעם כאַראַקטער און אין די צילן פֿון זײַנע שותּפֿים.

— מיט שרעק, — האָט ער דערקלערט, — בין איך אַלץ מער און מער איבערצייגט געוואָרן, אַז זיי טראַכטן ניט וועגן דעם פֿאָטערלאַנד, וועגן דעם פֿאָלק, נאָר בלויז וועגן זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן!

נאָך אין יאָר 1918, האָט סאַווינקאָוו דערציילט דעם געריכט, האָט דער

פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר נולענס פינאַנסירט זיין געהיימע טעראָר־אָרגאַני־זאַציע אין רוסלאַנד. נולענס האָט סאַווינקאָוון באַפוילן אָנצופאַנגען דעם רעוואָלט אין יאַראָסלאַוו אין אָנהויב יולי 1918, און האָט אים צוגעזאָגט צו געבן ווירקזאַמע שטיצע מיט דעם, וואָס ער וועט לאַנדן פראַנצויזיש מיליטער. דער רעוואָלט איז טאַקע פאָרגעקומען לויטן אָפּמאַך, אָבער קיין שטיצע איז ניט אָנגעקומען.

— פון וואַנען האָט איר דעמאָלט געקראָגן דאָס געלט און וויפיל האָט עס באַטראָפן? — האָט דער פאָרזיצער פון געריכט געפרעגט.

— איך געדענק, אַז אין יענער צייט בין איך געווען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, — האָט סאַווינקאָוו געזאָגט, — ווייל איך האָב ניט געוואוסט פון וואַנען מיר וועלן קאָנען קריגן געלט, און — אַן שום בקשות פון אונדזער זייט — האָבן געוויסע טשעכן מיר איבערגעגעבן אַ סומע פון העכער 200,000 קערענסקי־רובלס. דאָס דאָזיקע געלט האָט אין יענער צייט אָפּגעראַטעוועט אונדזער אָרגאַניזאַציע. . . . זיי האָבן דערקלערט ווי פאָלגט: זיי פאַרלאַנגען, אַז דאָס דאָזיקע געלט זאָל באַנוצט ווערן פאַר טעראָריסטיש־קעמפנדיקע צוועקן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט סאַווינקאָוו פאָרגעזעצט, איז אים, ווי אַ רוסישן פּאַטריאָט, קלאָר געוואָרן, אַז די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אין אויסלאַנד זיינען ניט פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן זיין באַוועגונג פאַר איר אייגענעם צוועק, נאָר פאַר דעם צוועק פון דערווערבן פאַר זיך רוסישע אויל־קוואַלן און אַנדערע מינעראַלע אוצרות. „זיי האָבן זייער צודריגלעך און זייער פיל גערעדט צו מיר", האָט סאַווינקאָוו געזאָגט וועגן זיינע ענגלישע ראַט־געבער, „אַז עס איז זייער ווינטשנסווערט איינצושטעלן אַן אומאָפּהענגיקע דרום־מיזרחדיקע פעדעראַציע וואָס זאָל באַשטיין פון צפון־ און טראַנס־קאַווקאַז. זיי האָבן געזאָגט, אַז אָט־די פעדעראַציע וועט זיין בלויז דער אָנהויב, ווייל אַזערביידזשאַן און גרוזיע וועלן דערנאָך צושטיין. דאָ האָט מען געקאָנט דער־פילן דעם גערוך פון אויל."

סאַווינקאָוו האָט באַשריבן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט ווינסטאָן טשויר־טשילן.

— טשוירטשיל האָט מיר איינמאָל געוויזן די מאַפּע פון דרום־רוסלאַנד, אויף וועלכער די פּאָזיציעס פון דעניקינס אַרמיי און אייער אַרמיי זיינען געווען באַצייכנט מיט קליינע פענדלעך. איך געדענק נאָך אַלץ ווי אויפגעציטערט איך בין געוואָרן בעת איך בין צו אים צוגעגאַנגען און ער — אָנווייזנדיק אויף די דעניקינשע פענדלעך — האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן: „די דאָזיקע אַרמיי איז מיינע!" איך האָב גאָרניט געענטפערט, אָבער איך בין געווען ווי צוגעשמידט

צום פּלאַץ. איך האָב געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס צימער, אָבער איך האָב זיך באַרעכנט, אַז אויב איך זאָל דאָ מאַכן אַ סקאַנדאַל און פֿאַרמאַכן די טיר הינטער זיך, וועלן אונדזערע סאָלדאַטן אין רוסלאַנד בלייבן אָן שטיוול.

— צוליב וואָסער סיבה האָבן די ענגלענדער און פֿראַנצויזן אייך באַזאָרגט מיט אַט־די שטיוול, קוילן, מאַשין־ביקסן, א. אַז. וו. ? — האָט דער פֿאָרזיצער פֿון געריכט געפֿרעגט.

— אָפֿיציעל האָבן זיי געהאַט זייער נאָבעלע צילן, — האָט סאַווינקאָוו געענטפֿערט. — מיר זיינען געווען געטרייע פֿאַרבינדעטע, איר זייט געווען פֿאַררעטער, א. אַז. וו. אין הינטערגרונט איז אָבער געווען דאָס פֿאָלגנדיקע: אַלס אַ מינימום, נו, אויל איז זייער אַ ווינטשנסווערטע זאַך. אַלס אַ מאַקסי־מום: זאָלן די רוסן זיך אַרומשלאָגן צווישן זיך, ווייל וואָס ווינציקער עס וועלן בלייבן, אַלץ בעסער וועט זיין. רוסלאַנד וועט דאַן זיין אויף אַזויפֿיל שוואַכער.

סאַווינקאָווס סענסאַציאָנעלע עדות־זאָגן האָט געדויערט צוויי טעג. ער האָט דערציילט וועגן זיין גאַנצער קאַריערע אַלס פֿאַרשווערער. ער האָט אָנ־גערופֿן די נעמען פֿון די באַוואוסטע שטאַטסלייט און פֿינאַנסירן אין ענג־לאַנד, פֿראַנקרייך און אַנדערע אייראָפּיאישע לענדער, וועלכע האָבן אים געגעבן הילף. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אומגערן געוואָרן זייער אינסטרו־מענט. „עס האָט אויסגעזען, ווי איך וואָלט געלעבט אין אַ גלעזערנער שטייג. איך האָב גאָרניט געזען אַ חוץ מיין אייגענער פֿאַרשווערונג. . . . איך האָב דאָס פֿאָלק ניט געקענט. איך האָב עס ליב געהאַט. איך בין גרייט געווען אָפּצוגעבן מיין לעבן פֿאַרן פֿאָלק. אָבער זיינע אינטערעסן — זיינע ווירקלעכע פֿאַר־לאַנגען — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט וויסן וועגן זיי ?"

אין יאָר 1923 האָט ער אָנגעפֿאַנגען צו פֿאַרשטיין „די גרויסע וועלט־וויכטיקייט" פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער האָט אָנגעהויבן צו שטרעבן זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד, כדי „צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן און הערן מיט מיינע אייגענע אויערן".

— איך האָב געטראַכט, אַז אפֿשר איז דאָס וואָס איך לייען אין דער אויסלענדישער פּרעסע בלויז ליגן, — האָט סאַווינקאָוו געזאָגט. — איך האָב געטראַכט, עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז מענטשן וועלכע קיינער קאָן ניט בייקומען, זאָלן גאָרניט האָבן אויפֿגעטאָן פֿאַרן רוסישן פֿאָלק.

דאָס סאָוועטישע געריכט האָט באַריס סאַווינקאָוו פֿאַרמשפּט צום טויט אַלס פֿאַררעטער צו זיין לאַנד, אָבער צוליב דער פֿולקייט און אָפֿנהאַרציקייט

פון זיין עדות־זאָגן, איז די שטראָף פאַרביטן געוואָרן צו צען יאָר תפיסה.*)

אַזוי גיך ווי עס איז קיין פאַריז אָנגעקומען די נייעס וועגן סאַווינקאָווס אַרעסט, און דער נאָך גרעסערער באָמבע־אויפרייס וועגן זיין אויסזאָגן פון חדר, האָט זיך סידני ראַילי צוריקגעאײַלט קיין לאָנדאָן, כדי זיך צו באַראַטן מיט זיינע עלטסטע. דעם 8טן סעפּטעמבער, 1924, איז דערשינען ראַילים לאַנגע און אויסערגעוויינלעכע דערקלערונג אין דער „מאָרנינג־פּאָסט", דער אָרגאַן פון די ענגלישע אַנטי־באָלשעוויסטישע טאָריס. ראַילי האָט דערקלערט, אַז סאַווינקאָווס עפנטלעכער פּראָצעס אין מאָסקווע איז גאָר באמת קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. ער האָט קאַטעגאָריש באַהויפּטעט, אַז סאַווינקאָוו האָט מען גאָר אין דער אמתן דערשאָסן בעת ער האָט געזוכט אַריבערצוגיין די סאָוועטישע גרענעץ, און אַז דער משפט איז געווען אַ ריזיקער שווינדל:

סאַווינקאָוו האָט מען דערמאָרדעט בעת זיין פאַרזוך אַריבערצוגיין די רוסישע גרענעץ, און אַ חוזק־פּראָצעס, מיט איינעם פון זייערע אייגענע אַגענטן אַלס הויפּט־שוישפּילער, איז דורך דער מאָסקווער טשעקאַ סצעניִרט געוואָרן הינטער פאַרמאַכטע טירן.*)

ראַילי האָט העפטיק פאַרטיידיקט סאַווינקאָווס שטאַנדהאַפטיקייט אַלס אַן אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערער:

---

*) סאַווינקאָוו איז דורך די סאָוועטישע באַאַמטע באַהאַנדלט געוואָרן מיט גרויס איינזעעניש בעת ער איז געווען אין תפיסה. מען האָט אים דערלויבט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, אים געגעבן אַלע ביכער וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, און אים געגעבן די מעגלעכקייטן צו שרייבן. ער האָט אָבער געלעכצט נאָך פרייהייט. דעם 7טן מאַי, 1925, האָט ער געשריבן אַ לאַנגן אָפּיל צו פעליקס דזשערזשינסקי, דעם הויפּט פון דער טשעקאַ. „אָדער דערשיסט מיך, אָדער גיט מיר די געלעגנהייט צו אַרבעטן", האָט סאַווינקאָוו געשריבן. „איך בין געווען קעגן אייך; איצט בין איך מיט אייך. איך קאָן ניט איבערטראָגן די צעשפּאָלטענע עקזיסטענץ פון זיין ניט פאַר אייך און ניט קעגן אייך, נאָר בלויז זיצן אין תפיסה און ווערן איינער פון אירע באַוואוינער." ער האָט געבעטן באַגנאַדיקונג און אָנגעבאָטן זיך צו טאָן אַלץ וואָס די רעגירונג וועט נאָר פאַרלאַנגען פון אים. זיין בקשה איז צוריקגעוויזן געוואָרן. ניט לאַנג נאָכדעם איז סאַווינקאָוו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַרויסוואַרפנדיק זיך פון אַ פענצטער פון פערטן שטאָק אין דער תפיסה.

*) דאָס איז געווען די ערשטע פון פיל נאַרישע „דערקלערונגען", וואָס די שונאים פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געמאַכט אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, אין אַ פאַרזוך צו דיסקרעדיטירן דאָס אויסזאָגן פון חדר פון די אויסלענדישע פאַרשווערער און רוסישע פאַררעטער אין די סאָוועטישע געריכטן. די דאָזיקע „דערקלערונגען" האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע אין דער צייט פון די אַזוי־גערופענע מאָסקווער פּראָצעסן אין די יאָרן 1936-1938. זע דריטן טייל פון בוך.

איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין איינער פון זיינע סאַמע נאָענטסטע פריינט און געטרייע נאָכפאָלגער און אויף מיר ליגט דער הייליקער חוב ריינצואוואַשן זיין כבוד. . . . איך בין געווען איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן געוואוסט וועגן זיין אַבזיכט אַריינצוקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד. . . . איך האָב מיט סאַווינקאָוון פאַרבראַכט יעדן טאָג ביז זיין אָפּפאָר צו דער סאָוועטישער גרענעץ. איך האָב געהאַט זיין פולסטן צוטרוי און אַלע זיינע פּלענער זיינען צוזאַמען מיט מיר אויסגעאַרבעט געוואָרן.

ראַיליס דערקלערונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ געבעט צום רעדאַקטאָר פון דער „מאָרנינג־פּאָסט״:

מיין הער, איך אַפּעליר צו אייך, וועמענס צייטונג עס האָט זיך שטענדיק דערקלערט אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־באָלשעוויסטי־שער און אַנטי־קאָמוניסטישער קעמפער, צו העלפן מיר ריינצוואַשן דעם נאָמען און כבוד פון באָריס סאַווינקאָוון!

אין דער זעלבער צייט האָט ראַילי אַוועקגעשיקט אַ פּריוואַטן, פאַרזיכטיק־געשריבענעם בריוו צו ווינסטאָן טשוירטשילן:

טייערער מיסטער טשוירטשיל:

דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט באָריס סאַווינקאָוון, האָט אָוודאי אַן צווייפל געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק אויף אייך. ניט איך און ניט קיינער פון זיינע נאָענטע פריינט און מיטאַרבעטער, האָבן ביז איצט געקאָנט קריגן וועלכע עס איז פאַרטרויענסווערטע נייעס וועגן זיין גורל. מיר זיינען איבערצייגט, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער נידער־טרעכטיקסטער און געוואַגטסטער אינטריגע, וואָס די טשעקאַ האָט ווען עס איז פּרובירט דורכפירן. אונדזער מיינונג איז אויסגעדריקט אין אַ בריוו, וועלכן איך האָב היינט געשיקט צו דער „מאָרנינג־פּאָסט״. וויסנדיק אייער שטענדיקן האַרציקן אינטערעס, נעם איך זיך די פריי־הייט איינצושליסן דאָ אַ קאָפּיע פאַר אייער אינפאָרמאַציע.

איך בין, טייערער מיסטער טשוירטשיל,

אייער זייער איבערגעגעבענער,

סידני ראַילי.

אינגיכן איז אָבער די אומצווייפלהאַפטע אויטענטישקייט פון דעם פּראָצעס פעסטגעשטעלט געוואָרן, און ראַילי איז געווען געצוואונגען צו שיקן אַ צווייטן בריוו צו דער „מאָרנינג־פּאָסט״. דער בריוו האָט זיך געלייענט:

די פּרטימדיקע און אין אַ סך פאַלן סטענאָגראַפישע פּרעסע־באַ־ריכטן פון סאַווינקאָוס פּראָצעס, געשטיצט דורך דעם עדות־זאָגן פון פאַרטרויענסווערטע און אומפּאַרטייאישע צוקוקער, האָבן אָן שום צווייפל פעסטגעשטעלט סאַווינקאָווס פאַרראַט. ער האָט ניט בלויז פאַר־ראַטן זיינע פריינט, זיין אָרגאַניזאַציע און זיינע צילן, נאָר ער איז אויך בכיוון און איינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען צו זיינע פריערדיקע שונאים. ער האָט בסוד געהאָלפן זיינע פאַנגער צו דערלאַנגען דעם גרעסטן קלאַפּ דער אַנטי־באָלשעוויסטישער באַוועגונג און זיי אונטער־געטראָגן אַ וויכטיקן פּאָליטישן זיג, וואָס זיי קאָנען אויסנוצן פאַר אינער־לעכע און אויסערלעכע צוועקן. דורך זיין האַנדלונג האָט סאַווינקאָוו אויף אייביק אויסגעמעקט זיין נאָמען פון דעם ערן־צעטל פון דער אַנטי־קאָמוניסטישער באַוועגונג.

זיינע געוועזענע פריינט און נאָכפאָלגער טרויערן איבער זיין שרעקלעכן און שענדלעכן זינקען. אָבער די פון זיי, וואָס וועלן אונטער קיין אומשטענדן ניט מיטאַרבעטן מיט די שונאים פון דער מענטשהייט, זיינען ניט אַנטמוטיקט. דער מאָראַלער זעלבסטמאָרד פון זייער גע־וועזענעם פירער איז פאַר זיי בלויז נאָך אַ דערמוטיקונג צו שליסן ענגער זייערע רייען און ווייטער אָנצוגיין.

אייערס א. אַז. וו., סידני ראַילי.

באַלד נאָך דעם האָט ראַילי דערהאַלטן פון ווינסטאָן טשורטשילן אַ פאַר־זיכטיק בריוועלע:

15טן סעפּטעמבער, 1924.

טייערער מיסטער ראַילי:

איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אייער בריוו. די גע־שעעניש איז געגאַנגען אַזוי ווי איך פעריזעגלעך האָב עס דערוואַרט פון סאַמע אָנהויב. איך רעכן ניט, אַז איר דאַרפט משפטן סאַווינקאָוון צו־שטרענג. ער איז געשטעלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכער לאַגע; און בלויז יענע, וועלכע האָבן הערפאָלגרייך אויסגעהאַלטן אַזאַ מין נסיון, האָבן דאָס פולע רעכט צו טאַדלען. יעדנפאַלס, וועל איך וואַרטן אויף דעם סוף פון דער געשיכטע, אײדער איך וועל ענדערן מיין מיינונג וועגן סאַווינקאָוון.

זייער אויפריכטיק אייער,

וו. ס. טשורטשיל.

די פאַרעפנטלעכונג פון סאַווינקאָווס ווידוי און עדות־זאָגן האָט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט די יעניקע אין ענגלאַנד, וועלכע האָבן געשטיצט זיין קאַמף. אין סאַמע מיטן פון דעם סקאַנדאַל איז ראַילי אויף שנעל אַפּגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. טשורטשיל האָט זיך ציטווייליק צוריקגעצויגן צו זיין דאָרפישער וואוינונג אין קענט. דער ענגלישער אויסערן־מיניסטעריום האָט פאַרזיכטיק געשוויגן.

אַ סענסאַציאָנעלער עפּילאָג האָט נאָך געדאַרפט קומען.

סוף אָקטאָבער 1924, עטלעכע טעג פאַר די אַלגעמיינע ענגלישע וואַלן, האָבן שרייענדיקע קעפּלעך אין לאָרד ראָטהערמירס „דעילי מעיל״ פּלוצים געמאָלדן, אַז סקאָטלאַנד־יאַרד האָט אויפגעדעקט אַ פאַרדעכטיקע סאָוועטישע פאַרשווערונג קעגן ענגלאַנד. אַלס דאָקומענטירטן באַווייז פון דער פאַרשווערונג האָט די „דעילי מעיל״ פאַרעפנטלעכט דעם טרויעריק־באַרימטן „זינאָוויעוו־בריוו״, וועלכער האָט כלומרשט אַנטהאַלטן אינסטרוקציעס, וואָס גריגאָרי זינאָוויעוו, דער רוסישער קאָמינטערן־פירער, זאָל האָבן געשיקט צו די ענגלישע קאָמוניסטן, ווי אַזוי צו באַקעמפן די טאָריס אין די קומענדיקע וואַלן.

דאָס איז געווען דער ענטפער פון די טאָריס אויף סאַווינקאָווס ווידוי; און עס האָט געהאַט אַ ווירקונג. די טאָריס האָבן געוואונען די וואַלן דורך אַ ווילדער אַנטי־באָלשעוויסטישער פּלאַטפאָרמע.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט סער ווינדהעם טשאַילדס פון סקאָטלאַנד־יאַרד דערקלערט, אַז אין דער אמתן איז גאָר קיינמאָל קיין זינאָוויעוו־בריוו ניט געווען. דער דאָקומענט איז געווען אַ געפעלשטער און פאַרשיידענע אויסלענדישע אַגענטן האָבן אים אויסגעאַרבעט. ער איז אָריגינעל געקומען פון דער בערלינער ביוראָ פון קירנעל וואַלטער ניקאָלאַי, געוועזענער הויפּט פון דעם אימפּעריאַלן דייטשישן מיליטערישן שפּיאָנאַזש, וועלכער האָט איצט נאָענט מיטגעאַרבעט מיט דער נאַצי־פּאַרטיי. אונטער ניקאָלאַיס אויפזיכט, האָט אַ באַלטישער ווייס־גוואַרדייער מיטן נאָמען באַראָן יוקסקועל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט פון אַ נאַצישער פּרעסע־דינסט, געגרינדעט אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט אַ ספּעציעלע ביוראָ צו פאַבריצירן אַנטי־סאָוועטישע דאָקומענטן און צו זען, אַז זיי זאָלן קריגן די מעגלעכסט ברייטסטע פאַרשפּרייטונג און די ווירקזאַמסטע פּובליסיטי.

מען האָט געזאָגט, אַז אַ געוויסער דזשאַרדזש בעל, אַ געהיימניספּולער אינטערנאַציאָנאַלער אַגענט, איז געווען דער וואָס האָט פאַקטיש געבראַכט דעם געפעלשטן בריוו צום ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום און דערנאָך צום „דעילי מעיל״. בעל איז געווען אויפן געהאַלט פון דעם ענגליש־האָלענדישן אויל־מאַגנאַט, סער הענרי דעטערדינג.

קאַפּיטל 10

צו דער פֿינלענדישער גרענעץ

1. אַנטי־באָלשעוויזם אויף בראָדוועי

אַן אויפֿנאַם־דעלעגאַציע פֿון ווייס־גוואַרדייער איז געווען ביים האַפֿן צו באַגריסן די „ניאוו אַמסטערדאַם", די שיף וועלכע האָט געבראַכט קאַפּיטאַן סידני ראַילי און זיין פֿרוי קיין אַמעריקע אין האַרבסט 1924. בלומען, שאַמ־פּאַניער און פֿייערלעכע רעדעס האָבן באַגריסט דעם „העלד פֿון דעם אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייץ־צוג".

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך ראַילי בקרוב געפֿילט ווי ביי זיך אינדערהיים. אין פֿאַרשיידענע קרייזן האָט מען געשמועסט וועגן אַן אַמערי־קאַנישער הלוואה פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד. אַ צאָל באַוואוסטע געשעפֿטלייט זיינען געווען לטובת דער הלוואה; און די סאָוועטן־רעגירונג, שטרעבנדיק צו געווינען אַמעריקעס פֿריינטשאַפֿט און נייטיקנדיק זיך אין קאַפּיטאַל און מאַשינעריע איבערצובויען איר צעשטערטעווירטשאַפֿט, איז געווען ווילִיק צו מאַכן קאָנצעסיעס דאָס צו קריגן.

„די אויסזיכטן פֿאַר די סאָוועטן צו קריגן די הלוואה זיינען געווען זייער גינסטיק", האָט מאַדאַם ראַילי שפּעטער פֿאַרצייכנט. „סידני איז געווען אַנט־שלאָסן, אַז דאָס זאָל ניט געשען. אַ גרויסער טייל פֿון זיין אַרבעט אין אַמעריקע איז באַשטאַנען אין צונישט־מאַכן די הלוואה."

ראַילי האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפֿן אינעם קאַמף קעגן דער פֿאָר־געשלאָגענער הלוואה. ער האָט אויף בראָדוועי געעפֿנט אַ פּריוואַטן אָפֿיס, וואָס איז גלייך געוואָרן די הויפּט־קוואַרטיר פֿון די אַנטי־סאָוועטישע און ווייס־גוואַרדייאישע פֿאַרשווערער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿון ראַילִיס אָפֿיס האָט באַלד אָנגעהויבן שטראָמען אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, צעשיקט דורך פּאָסט איבער גאַנץ אַמעריקע, צו באַאיינפֿלוסן רעדאַקטאָרן, קאָלומניסטן, לערער, פּאָליטיקער און געשעפֿטלייט. ראַילי האָט אונטערגענומען אַ לעקציע־טור איבערן גאַנצן לאַנד, כדי צו אינפֿאָרמירן דאָס פֿאָלק וועגן דער „געפֿאַר פֿון באָלשעוויזם און זיין דראָאונג פֿאַר דער ציוויליזאַציע און פֿאַר דעם וועלט־

האַנדל". ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ צאָל „קאָנפידענציעלע שמועסן" מיט קליינע, געקליבענע גרופּעס וואָל־סטריט מענטשן און מיט רייכע אינדוסטריאַליסטן אין אַ ריי אַמעריקאַנער שטעט.

„סיי דורך עפנטלעכע לעקציעס און סיי דורך אַרטיקלען אין דער פּרעסע", האָט מאַדאַם ראַילי געשריבן, „האָט סידני געקעמפט קעגן דער באָלשעוויס־טישער הלוואה. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דורך איין אַנטפּלעקונג נאָך דער אַנדערער, דורך איין אויפדעקונג נאָך דער צווייטער, האָט ער געוואונען אַ פולשטענדיקן זיג און די סאָוועטישע הלוואה איז קיינמאָל צו שטאַנד ניט געקומען." *)

סאַבאָטאַזשירן די הלוואה פאַר רוסלאַנד איז ניט געווען ראַיליס הויפּט־טעטיקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין וויכטיקסטע אונטערנעמונג איז געווען צו גרינדן אויף דער אַמעריקאַנישער ערד אַן אָפּטיילונג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַנטי־באָלשעוויסטישער ליגע", וועלכע זאָל באַדייטנדיק אונטערשטיצן די פאַרשיידענע אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין אייראָפּע און אין רוסלאַנד. אָפּטיילונגען פון ראַיליס ליגע האָבן שוין פונקציאָנירט אין בערלין, לאָנדאָן, פאַריז און רוים, פונקט ווי איבער די באַלטישע און באַלקאַנישע לענדער פון קאָרדאָן סאַניטער. אין ווייטן מזרח איז אַ צווייג פון דער ליגע, פינאַנסירט פון יאַפּאַן, איינגעשטעלט געוואָרן אין כאַרבין, מאַנדזשוריע, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם טרויעריק־באַרימטן קאָזאַקישן טעראָריסט, אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַן אָרגאַניזיר־אַפּאַראַט פון אַזאַ כאַראַקטער ניט עקזיסטירט. עס איז אָבער יאָ געווען אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פון וועלכן צו אָרגאַניזירן אַזאַ אַפּאַראַט.

ראַיליס ווייס־גוואַרדייאישע פריינט האָבן אים באַלד פאַרגעשטעלט פאַר זייערע איינפלוסרייכע און גבירישע אַמעריקאַנער פאַרבינדונגען, וועלכע וועלן אפשר ווילן זיין בייצושטייערן גרויסע סומעס צו העלפן פינאַנסירן זיין אַנטי־סאָוועטישע באַוועגונג.

---

*) סידני ראַילי האָט ניט געקאָנט פּרעטענדירן אויף דעם גאַנצן קרעדיט פון דעם זיג איבער סאָוועט־רוסלאַנד. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן ניט ווינציקער געשטרעבט און האָבן ניט ווייניקער ענערגיש געקעמפט צו פאַרמיידן די הלוואה. צווישן זיי איז געווען אויך הערבערט הואָווער, דער דעמאָלטיקער האַנדל־מיניסטער, וועמענס שנאה צו די באָלשעוויקעס איז ניט געווען אָפּגעשוואַכט. „די פראַגע וועגן האַנדל מיט רוסלאַנד", האָט הואָווער געלאָזט וויסן מאַקסים ליטווינאָוון דעם 31טן מערץ, 1921, „איז מער אַ פּאָליטישע ווי אַן עקאָנאָמישע, אַזוי לאַנג ווי רוסלאַנד געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון די באָלשעוויקעס."

„וואָס שייך געלט, איז דער מאַרק פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג דאָ, און בלויז דאָ", האָט ראַילי יענעם יאָר געשריבן אין אַ קאָנפֿידענציעלן בריוו צו איינעם פֿון זיינע אַגענטן אין אייראָפּע. „אָבער כדי צו קריגן דאָס געלט, מוז מען אַהער קומען מיט אַ זייער געניטער און ראַיעלער סכעמע, און מיט געהעריקע באַווייזן, אַז די מינדערהייט־אינטערעסן קאָנען במשך פֿון אַ קורצער צייט אונטערנעמען און דורכפֿירן אַ רעאָרגאַניזאַציע פֿונעם געשעפֿט."

די „מינדערהייט־אינטערעסן", וועגן וועלכע ראַילי האָט גערעדט אין זיין פֿאַרשטעלטער שפּראַך, האָט געמיינט די אַנטי־סאָוועטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד. די „רעאָרגאַניזאַציע פֿונעם געשעפֿט" האָט געמיינט די שטירצונג פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג. און ראַילי האָט צוגעגעבן:

> מיט אַזעלכע באַהויפּטונגען וואָלט אין דער ערשטער ריי מעגלעך געווען דאָ צוצוטרעטן צום גרעסטן אויטאָמאָביל־פֿאַבריקאַנט. ווען מען וואָלט געקאָנט פֿאַראינטערעסירן אין די פּאַטענטן, אויב מען וואָלט אים געקאָנט צושטעלן באַווייזן (און ניט בלויז רייד), אַז די פּאַטענטן וועלן טויגן. און קוים געווינט מען זיין אינטערעס, קאָן די פֿראַגע וועגן געלט באַטראַכט ווערן פֿאַר געלייזט.

לויט מאַדאַם ראַילים זכרונות, האָט איר מאַן דאָ גערעדט וועגן הענרי פֿאָרד.

2. דער אַגענט ב־1

דער פֿירער פֿון דער אַנטי־סאָוועטישער ווייס־גוואַרדייאישער באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אַ געוועזענער צאַרישער אָפֿיציר, לייטענאַנט באָריס בראַסאָל, אַ געוועזענער אַגענט פֿון דער אָכראַנקע, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט געדינט אַלס פּראָקוראָר אינעם סט. פּעטערבורגער הויפּט־געריכט. ער איז אין 1916 געקומען קיין אַמעריקע אַלס רוסישער פֿאַרטרעטער צו דער אינטער־אַליאירטער קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק, און איז נאָכדעם געבליבן אין אַמעריקע אַלס אַ ספּעציעלער צאַרישער אַגענט.

אַ קליינער, בלאַסער, נערוועזער און ווייבלעכער מאַן, מיט אַ משופּעדיקן שטערן, אַ היפּשער נאָז, און מיט טונקעלע, פֿאַרטראַכטע אויגן, איז בראַסאָל באַרימט געווען אַלס אַ פּייאיקער און שעפֿערישער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַ־גאַנדיסט. אין 1913 האָט ער געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָלע אין דעם טרויעריק־באַרימטן ביילים־פּראָצעס, אין וועלכן די צאַרישע געהיים־פּאָליציי האָט

געפּרואווט באַווייזן, אַז אידן פּראַקטיצירן ריטועלן מאָרד און אַז זיי האָבן דערמאָרדעט אַ יונג קריסטלעך אינגל אין קיעוו כּדי צו נעמען זיין בלוט.*)

נאָך דער רעוואָלוציע האָט בראַסאָל געגרינדעט די ערשטע ווייס־גוואַרדייאישע קאָנספּיראַטאָרישע אָרגאַניזאַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מען האָט זי אָנגערופֿן: „דער פֿאַרבאַנד פֿון צאַרישע אַרמיי־ און פֿלאָט־אָפֿיצירן"; זי איז געווען צונויפֿגעשטעלט דערהויפּט פֿון געוועזענע מיטגלידער פֿון דער שוואַרצער מאה, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין 1918 איז בראַסאָלס גרופּע געשטאַנען אין נאָענטן באַריר מיט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און אים באַזאָרגט מיט פֿיל פֿון די פֿאַלשע מאַטעריאַלן און ליגנערישער אינפֿאָרמאַציע, אויף וועלכע דער סטעיט־דעפּאַרטמענט האָט באַגרינדעט זיין מיינונג וועגן דער אויטענטישקייט פֿון די שווינדלערישע „סיסאָן־דאָקומענטן".*) פּרעטענדירנדיק צו זיין אַ ספּעציאַליסט אין רוסישע ענינים, האָט בראַסאָל באַוויזן צו קריגן אַ שטעלע אין דער געהיים־דינסט פֿון די פֿאַר־

---

*) — איך בין געווען דער צווייטער גרעסטער צוגרייטונג-אויספֿאָרשער אין רוסלאַנד, — האָט בראַסאָל געזאָגט צו אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט אים אינטערוויוירט נאָך זיין אָנקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. — איך האָב שטודירט די אויפֿדעקונג פֿון פֿאַרברעכנס איבער גאַנץ אייראָפּע, לויט די באַפֿעלן פֿון דער רעגירונג. אין שווייצאַריע, דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד בין איך געוואָרן אַן עקספּערט אין קרימינעלער אויפֿדעקונג.

דער אַמעריקאַנישער צייטונגמאַן האָט געפֿרעגט בראַסאָלן, צי ער אַליין גלויבט, אַז אידן באַגייען ריטועלן מאָרד.

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט גלויבן? — האָט בראַסאָל געענטפֿערט.

שפּעטער האָט דער אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט באַשריבן זיין אייגענעם געפֿיל בעתן אינטערוויו. „איך האָב אויפֿגעשוידערט", האָט ער געזאָגט, „בעת איך בין געזעסן פּנים אל פּנים מיט אָט-דעם רוסישן שוואַרץ-מאַהדיקן אָנהענגער, און אים געהערט אַזוי קאַלט דערציילן, אין אָט דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועגן די מיטלאַלטערלעכע גרויזאַמקייטן פֿון די צאַרישע משרתים."

*) די אַזוי-גערופֿענע סיסאָן-דאָקומענטן, וואָס האָבן כּלומרשט באַוויזן, אַז לענין און אַנדערע סאָוועטישע פֿירער זיינען געווען אויפֿן געהאַלט פֿון דעם דייטשן גענעראַל-שטאַב, זיינען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פֿאַרעפֿנטלעכט און פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן דורך דעם סטעיט-דעפּאַרטמענט. די דאָקומענטן, וואָס די ווייס-גוואַרדייער האָבן תּחילת פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאַרקויפֿן, זיינען פֿון דער בריטישער געהיים-דינסט צוריקגעוויזן געוואָרן אַלס גראָבע פֿעלשונגען. עדגאַר סיסאָן, אַ באַאַמטער אין סטעיט-דעפּאַרטמענט, האָט געקויפֿט די דאָקומענטן און זיי געבראַכט קיין וואַשינגטאָן. שפּעטער האָט מען פֿולשטענדיק פֿעסטגעשטעלט, אַז די דאָקומענטן זיינען געפֿעלשטע.

אייניקטע שטאַטן. זיין ערשטער אויפטו אַלס אַמעריקאַנער אַגענט „ב־1" איז געווען אַנצושטעלן נאַטאַליע דע באַגאַרי, די טאָכטער פון אַ געוועזענעם צאַרישן גענעראַל, צו מאַכן אַן ענגלישע איבערזעצונג פון „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", די טרויעריק־באַוואוסטע אַנטיסעמיטישע פעלשונג, וואָס די צאַרישע געהיים־פּאָליציי אינעם אימפּעריאַלן רוסלאַנד האָט גענוצט אַרויס־צורופן מאַסן־פּאָגראָמען קעגן די אידן, און וועלכע דער צאַרישער ווייס־גוואַרדייער אַלפרעד ראָזענבערג האָט אין יענער צייט פאַרשפּרייט אין מינכען. בראַסאָל האָט אַריינגעבראַכט די איבערזעצטע „פּראָטאָקאָלן" צווישן די פּאַפּירן פון דער אַמעריקאַנישער געהיים־דינסט אַלס אַן עכטן דאָקומענט, וואָס וועט „דערקלערן די רוסישע רעוואָלוציע".

כדי צו אָרגאַניזירן שטיצע פאַר די ווייס־גוואַרדייער און איבערצוציִען די אַמעריקאַנער, אַז די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז אַ טייל פון אַן „אינטערנאַציאָנאַלער אידישער פאַרשווערונג", האָט בראַסאָל אָנגעפאַנגען אַרויסצושיקן די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" איבער גאַנץ אַמעריקע. צו די צאַריסטישע פעלשונגען האָט ער באַלד צוגעגעבן זיינע אייגענע אַנטי־סעמיטישע שרייבעכצן. אין אָנהויב פון יאָר 1921 איז אין באָסטאָן פאַר־עפנטלעכט געוואָרן בראַסאָלס אַ בוך, מיטן נאָמען: „די וועלט ביי די קרייצ־וועגן". דאָס בוך האָט באַהויפּטעט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז אַרויס־גערופן געוואָרן, פינאַנסירט און געפירט געוואָרן פון אידן. דאָס אַרונטער־וואַרפן דעם צאַר און די שפּעטערדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוויקלונגען, האָט בראַסאָל געשריבן, זיינען אַ טייל פון אַ „געפערלעכער באַוועגונג, אין וועלכער די אידן פון דער וועלט און מיסטער ווילסאָן זיינען געוואָרן שותפים".

דעם 1טן יולי, 1921, האָט בראַסאָל זיך שוין געקאָנט באַרימען אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו אַ צווייטן ווייס־גוואַרדייאישן עמיגראַנט אין אַמעריקע, דעם גענעראַל־מאַיאָר גראַף וו. טשערעפּ־ספּירידאָוויטש, אַז:

> אין משך פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָב איך אָנגעשריבן דריי ביכער, וואָס וועלן אָנטאָן מער שאָדן פאַר די אידן איידער צען פּאָגראָמען וואָלטן דאָס געקאָנט טאָן.

טשערעפּ־ספּירידאָוויטש גופא איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער אַנטיסעמי־טישער פּראָפּאַגאַנדיסט. נאָך מער: ער האָט באַקומען פינאַנציעלע שטיצע פון אַ באַוואוסטן אַמעריקאַנישן אינדוסטריאַליסט. דער נאָמען פון יענעם איב־דוסטריאַליסט איז געווען — הענרי פאָרד.

באָריס בראַסאָל איז אויך געשטאַנען אין נאָענטן באַריר מיט די אַגענטן

פון דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַניע, און קאָפּיעס פון די „פּראָטאָקאָלן" זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום אויטאָמאָביל־מאַגנאַט.*)

3. די שוואַרץ־מאהניקעס אין דעטרויט

אַ מאָדנער און פינצטערער בונד איז געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע צווישן די פעאָדאַל־געשטימטע צאַריסטישע עמיגראַנטן און דעם באַרימטן אַמעריקאַנישן אינדוסטריאַליסט, וועלכער האָט געהאַט אַנטוויקלט די העכסט־מאָדערנע פּראָדוקציע־מעטאָדן אין דער וועלט.

ביים סוף פון דער מלחמה איז פאָרד געווען אַ ביטער־אַנטוישטער מאַן. דער דאָן־קיכאָטישער פּראָיעקט פון דער „פרידן־שיף", וואָס פאָרד האָט געשיקט קיין איראָפּע אין צייט פון דער מלחמה, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ באַרישן דורכפאַל; און אַלס אַ רעזולטאַט דערפון האָט מען דעם אויטאָמאָביל־פאַבריקאַנט אויסגעלאַכט. אַ חוץ דעם, איז ער געווען טיף באַליידיקט, וואָס ער האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן אין קריגן אַ הלוואה פון וואָל־סטריט צו פאַרגרעסערן זיין געשעפט. פאָרד, — אומגעבילדעט אין דער מאָס ווי ער איז געווען טעכניש טאַלאַנטירט, — האָט זיך גערן צוגעהערט צו די ווייס־גוואַרדייער, ווען זיי זיינען געקומען צו אים און האָבן אים דערקלערט, אַז די אידן זיינען גאָר באמת שולדיק אין זיינע פּראָבלעמען. אַלס באַווייז פאַר זייער באַהויפּטונג, האָבן זיי אים געגעבן „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". נאָכדעם ווי ער האָט פאַרזיכטיק איבערגעקוקט די „פּראָטאָקאָלן", איז פאָרד געקומען צום אויספיר, אַז זיי דערקלערן אַלע זיינע צרות. ער האָט באַשלאָסן בוייט צו פאַרשפּרייטן די אַנטיסעמיטישע פעלשונגען איבערן לאַנד און זיי איבערגעדרוקט אין זיין צייטונג, „דער דירבאָרן אינדעפּענדענט".

אין רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די אַנטיסעמיטישע רוסישע אַריסטאָקראַטן, ווייס־גוואַרדיאישע טעראָריסטן, שוואַרץ־מאהדיקע פּאָגראָמשטשיקעס און געוועזענע אַגענטן פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, האָבן זיך באַוויזן אין פאָרדס אויטאָמאָביל־פאַבריק אין דעטרויט. זיי האָבן הענרי פאָרדן איבערצייגט, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן גופא איז באַדראָעט פון אַ רעוואָלוציאָנערער „אידישער פאַרשווערונג", און אַז די ליבעראַלע אַמעריקאַנישע גרופּעס און יחידים

---

*) פאַר איינצלהייטן וועגן בראַסאָלס שפּעטערדיקע און איצטיקע טעטיקייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זע זייט 400.

זיינען באמת נאָר „אידישע פראָנטן". אונטער זייער געניטער אויפזיכט, גע־שפייזט און געמאַכט בכבודיק דורך פּאַרדס שטאַנד און עשירות, איז גע־גרינדעט געוואָרן אַ גרויסע, קאָמפּליצירטע און געהיימע אָרגאַניזאַציע, נאָכ־צושפּיאָנירן ליבעראַלע אַמעריקאַנער, גריבדן רעאַקציאָנערע און אַנטי־סאָוועטישע פּראָיעקטן, זאַמלען אַנטי־סאָוועטישע פּליאַטקעס און פאַרשפּרייטן אַנטי־אידן־העברעישע פּראָפּאַגאַנדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די הויפּט־קוואַרטיר פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אין דער פּאַרד אויטאָמאָביל־קאָמפּאַניע. אירע מיטגלידער האָבן געהאַט ספּעציעלע שיפער־נומערן. פּאַרדס פּריוואַטער סעקרעטאַר, ע. דזש. ליבאָלד, איז געווען נומער 121־עקס. וו. דזשעי. קאַמעראָן, דער רעדאַקטאָר פונעם „דירבאָרן אינ־דעפּענדענט", איז געווען נומער 122־עקס. נאַטאַליע דע באָגאָרי, וועלכע האָט אַלס באַריס בראַסאָלס געהילף איבערגעזעצט די „פּראָטאָקאָלן" אויף ענגליש, איז געווען נומער 29־ה.

פּאַרדס אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעדרונגען יעדע פאַזע פונעם אַמערי־קאַנעם לעבן. אירע אַגענטן זיינען געווען טעטיק אין וויכטיקע צייטונגען, אין באַרימטע אוניווערזיטעטן, אין גוט־באַוואוסטע קאָרפּאָראַציעס, און אַפילו אין אַגענטורן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. דר. העריס היוטאָן, אַ געוועזענער מיטגליד פון דעם אַמעריקאַנישן מיליטער־שפּיאָנאַזש, האָט אָנגעפירט מיט דער אַזוי־גערופענער פּאָרד דעטעקטיוו־דינסט, אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון דעם קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט. דר. היוטאָנס שיפער־נומער איז געווען 103־א. די הויפּט־פונקציע פון דער דעטעקטיוו־דינסט איז באַשטאַנען אין קריגן גע־היימע פאַקטן וועגן באַוואוסטע אַמעריקאַנער ליבעראַלן פאַר אַנטי־סאָוועטישע און אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. צווישן די וועלכע די דעטעקטיוו־דינסט האָט אויסגעפּאָרשט און אַרויפגעשטעלט אויפן „שוואַרצן צעטל" זיינען געווען: וואודראָו ווילסאָן, קוירבעל רעימאָנד ראַבינס, רעווערענד דזשאָן העינס האָלמס, העלען קעלער, די ריכטער יוז און בראַנדעס. לויט די געהיימע באַ־ריכטן פון דער דעטעקטיוו־דינסט האָט מען די דאָזיקע יחידים און נאָך אַ צאָל אַנדערע אַזעלכע ווי זיי אויסגענוצט אין דער „אידישער פאַרשווערונג" אונטערצוגראָבן די אַמעריקאַנישע רעגירונג.

די רעזולטאַטן פון אָט־די אויספאָרשונגען זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּאָרדס „דירבאָרן אינדעפּענדענט", וואָס האָט צו דער זעלבער צייט אויך געדרוקט אין פאָרזעצונגען די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". אָט איז אַ טיפּישער אויסדרוק וועגן וואודראָו ווילסאָן:

בעת ער איז געווען פּרעזידענט, איז מר. ווילסאָן געווען זייער

נאָענט צו די אידן. ווי יעדער ווייסט, איז זיין אַדמיניסטראַציע געווען איבערוועגנדיק אידיש. אַלס אַ פּרעסביטעריאַנישער גבאי, פלעגט מר. ווילסאָן צופעליק דענקען אויף אַ קריסטלעכן אופן אין זיינע עפנטלעכע רעדעס, אָבער ער איז תמיד שאַרף קאָנטראָלירט געוואָרן פון זיינע אידישע צענזאָרן.

אַ געשיכטע וועגן וויליאַם האָוואַרד טעפט אין דעם „דירבאָרן אינדעפּענדענט" האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָט־דעם פּאַראַגראַף:

דאָס איז די געשיכטע פון וויליאַם האָוואַרד טעפטס באַמיאונגען זיך קעגנצושטעלן קעגן די אידן, און ווי זיי האָבן אים צעבראָכן. דאָס איז אַוודאי ווערט צו וויסן, האָבנדיק אינזינען דעם פאַקט, אַז ער איז געוואָרן איינער פון יענע „קריסטלעכע פראָנטן", וואָס די אידן נוצן אויס פאַר זייער אייגענער פאַרטיידיקונג.

ספּעציעלע אַגענטן פון פאַרדס אָרגאַניזאַציע האָט מען געשיקט מעבר לים איבער טויזנטער מיילן, כדי צו זאַמלען נייע פאַרלוימדונגען און פעלשונגען קעגן די אידן. איינער פון אָט־די אַגענטן, אַ ווייס־גוואַרדייער מיטן נאָמען ראַדיאַנאָוו, איז אַוועק קיין יאַפּאַן, כדי צו קריגן ספּעציעלן אַנטיסעמיטישן מאַטעריאַל פון דער דאָרטיקער ווייס־גוואַרדיאישער קאָלאָניע. אידער ער האָט פאַרלאָזט אַמעריקע, האָט ראַדיאַנאָוו טעלעגראַפירט צו טשאַרלס וו. סמיט, אַ פירנדיקער מיטגליד אין דער פאָרד־אָרגאַניזאַציע:

מיינע באַדינגונגען זיינען די פאָלגנדיקע: אין משך פון זעקס חדשים וועל איך בלויז אייך צושטעלן דעם מאַטעריאַל, וועגן וועלכן מיר זיינען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. איר וועט דאַרפן יעדן חודש איבערשיקן אין פאָראויס פופצן הונדערט אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, צאָל־באַר אין דער געלט־באַנק פון יאָקאָהאָמאַ. איר דאַרפט אויך באַצאָלן פאַר דעם מאַטעריאַל וואָס איז שוין צוגעשטעלט געוואָרן.

ראַדיאַנאָוו.

באַשרייבנדיק דעם צושטאַנד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער פאָרד אויטאָמאָביל־קאָמפּאַניע, האָט נאָרמאַן העפּגוד, אַ באַרימטער אַמעריקאַנישער ציייטונגמאַן, און שפּעטערדיקער געזאַנדטער קיין דענמאַרק, געשריבן:

אין דער אַטמאָספערע, אין וועלכער פאָרדס אַגענטן האָבן גע־אַרבעט, האָט מען תמיד גערעדט וועגןווירקלעכע פּאָגראָמען וואָס וועלן

פאַרקומען אין לאַנד. און טאַקע, אין פאָרדס קרייזן זיינען אויסגעוואַקסן די זעלביקע סימנים ווי די וואָס האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד אין דער צייט פון די שוואַרץ־מאהניקעס. . . . פּאָליטיש, האָט עס געמיינט, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער. אַזוי ווי בראַסאַל איז דאָ אין לאַנד געווען דער הויפּט פון די רוסישע פּליטים, וועלכע האָבן געמאַכט פּאַרזוכן צוריק אַרויפצוזעצן די ראָמאַנאָווס אויפן טראָן, האָט דאָס אויך געמיינט, אַז פאָרדס פאַרפאָלגונג האָט — לויט דער לאָגיק פון די גע־שעענישן — זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם יאָרהונדערטער־אַלטן קרייץ־צוג, וואָס די דעספּאָטן פון אייראָפּע האָבן כסדר אָנגערייצט, כדי פאָר זייערע אייגענע צוועקן אָנצוצינדן די אומוויסנדיקע רעליגיעזע ליידנשאַפטן פון די פינצטערע מאַסן.

אַקוראַט ווי הענרי דעטערדינג אין ענגלאַנד און פריץ טיסען אין דייטש־לאַנד, האָט דער אַמעריקאַנישער אויטאָמאָביל־קעניג, הענרי פאָרד, זיך אידענ־טיפיצירט מיט דעם אַלוועלטלעכן אַנטי־באָלשעוויזם און מיט דעם שנעל־וואַקסנדיקן פאַשיזם. לויט דער „ניו־יאָרק טיימס" פון 8טן פעברואַר, 1923, האָט דער וויצע־פּרעזידענט אויער פונעם באַוואַרישן פּאַרלאַמענט עפנטלעך דערקלערט :

דער באַוואַרישער פּאַרלאַמענט האָט שוין פון לאַנג געהאַט אינ־פאָרמאַציע, אַז די היטלער־באַוועגונג איז טיילווייז פינאַנסירט געוואָרן דורך אַן אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטישן פירער, הענרי פאָרד. מר. פאָרדס אינטערעס אין דער אַנטי־אידישער באַוועגונג פון באַוואַריע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ יאָר צוריק, ווען איינער פון מר. פאָרדס אַגענטן איז זיך צונויפגעקומען מיט דעם טרויעריק־באַרימטן פאָן־גערמאַנער, דיטריך אייכאַרט. . . . דער אַגענט האָט זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע און גלייך האָט מר. פאָרדס געלט אָנגעהויבן פליסן קיין מינכען.

הער היטלער באַרימט זיך גאַנץ אָפן מיט מר. פאָרדס שטיצע און לויבט מר. פאָרדן, ניט אַלס גרויסן אינדיווידואַליסט, נאָר אַלס גרויסן אַנטיסעמיט.

אין דער קליינער, ניט־איינדרוקספולער ביוראָ אויף קאָרנעליוס גאַס אין מינכען, וואָס איז געווען אַדאָלף היטלערס הויפּט־קוואַרטיר, איז אויף דער וואַנט געהאַנגען אַן איינציקע איינגערעמטע פאָטאָגראַפיע. דאָס איז געווען אַ בילד פון הענרי פאָרדן.

4. דער סוף פון סידני ראַילין

באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָט סידני ראַילי אָנגעהויבן נאָענט צוזאַמענצואַרבעטן מיט די אַגענטן פון פּאַרדס אַנטיסעמיטישן און אַנטי־סאָוועטישן אַפּאַראַט. מיט זייער הילף האָט ער צונויפגעשטעלט „אַ פול־שטענדיק צעטל פון די, וועלכע אַרבעטן אין געהיים פאַר דעם באָלשעוויסטישן ציל אין אַמעריקע".*)

דורך ראַילים באַמיאונגען זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פאַרבינדונגען צווישן דער אַנטיסעמיטישער און אַנטי־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין אַמע־ריקע און די צוייגן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַנטי־באָלשעוויסטישער ליגע" אין אייראָפּע און אין אַזיע. אַזוי פרי ווי אין פרילינג 1925, זיינען שוין אַזוי אַרום געלייגט געוואָרן די גרונדשטיינער פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיסטישן פּראָפּאַגאַנדע־ און שפּיאָנאַזש־צענטער, וואָס זאָל אַרבעטן אונטער דער מאַסקע פון אַנטי־באָלשעוויזם.

דערווייל האָט ראַילי אַלץ אָנגעהאַלטן אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיט זיינע אַגענטן אין אייראָפּע. ער האָט רעגלמעסיק באַקומען בריוו פון רעוועל, העל־סינקי, רוים, בערלין און אַנדערע צענטערן פון אַנטי־סאָוועטישע אינטריגעס. פיל פון אָט־די בריוו, וואָס זיינען אַדרעסירט געוואָרן צו ראַילין אויף זיין בראָדוועיער אַדרעס, זיינען געווען געשריבן אין שיפער, אָדער מיט ניט־אָנזעבאַרער טינט אויף דער אַנדערער זייט פון אומשעדלעך־אויסזעענדיקע געשעפט־בריוו.

די בריוו האָבן אַנטהאַלטן דעטאַליזירטע באַריכטן וועגן יעדער נייער אַנט־וויקלונג אין דער אייראָפּיאישער אַנטי־סאָוועטן באַוועגונג. סאַווינקאָוס מפּלה האָט צייטווייליק דעמאָראַליזירט ברייטע שיכטן פון דער באַוועגונג. די „גרינע גוואַרדיע" איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין קליינע באַזונדערע מחנות פּראָ־פעסיאָנעלע באַנדיטן און טעראָריסטן. קנאה־שנאה און קעגנזייטיקע פאַרדאַכטן

*) דאָס דאָזיקע צעטל, וואָס האָט איינגעשלאָסן די נעמען פון יעדן באַוואוסטן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט ווען־עס־איז עטוואָס געזאָגט לטובת סאָוועט־רוסלאַנד, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געדינט אַלס אַ נוצלעכער מוסטער פאַר די אַמעריקאַנער פאַ־שיסטן און נאַצישע אַגענטן. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדיסטקע, עליזאַבעט דילינג, האָט שפּעטער אויסגענוצט אָט־דאָס און ענלעכע צעטלען ביים צוזאַמענשטעלן איר טרויעריק־באַרימטן בוך „דאָס רויטע נעץ־געוועב". דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, קורנעל עמערסאָן, אָסקאַר פאָוס און אַנדערע נאַצי־אַגענטן אָדער פינפטע־קאָלומניקעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט די מאַטעריאַלן פון דעם צעטל אין זייער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט.

האָבן בייגעטראָגן צו דעזאָרגאַניזירן די אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס. עס האָט אויסגעקוקט, אַז מען וועט דאַרפן אָפּלייגן די גרויסע קאָנטער־רעוואָלוציע אויף אַ געוויסער צייט.

„סידני האָט ריכטיק איינגעזען", פאַרצייכנט מאַדאַם ראַילי, „אַז די קאָנטער־רעוואָלוציע מוז זיך אָנפאַנגען אין רוסלאַנד, און אַז זיין גאַנצע אַרבעט אויסער רוסלאַנד וועט בלויז באַשאַפן אַ פּאַסיווע אויסלענדישע שנאה צו די סאָוועטן. עטלעכע מאָל האָט מען אים פאַרטשעפּעט לטובת אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, פּונקט ווי דרעבקאָוו אין לאָנדאָן האָט אים פאַרטשעפּעט, אָבער ער איז געווען פאַרזיכטיק. . . ."

אָנהויב פרילינג האָט ראַילי דערהאַלטן אַ בריוו מיט אַ פּאָסט־שטעמפּל פון רעוועל, עסטאָניע, וואָס האָט אים שטאַרק אויפגערעגט. דער בריוו, געשריבן אין שיפער, איז געווען פון זיין אַלטן פריינט, קאָמאַנדיר ע., וועלכער האָט געהאַט געדינט צוזאַמען מיט ראַילין אין דער ענגלישער שפּיאָנאַזש־דינסט במשך פון דער וועלט־מלחמה, און וועלכער איז איצט געווען אָנגעשטעלט אין דער ענגלישער קאָנסול־דינסט אין איינעם פון די באַלטישע לענדער. דער בריוו, וואָס איז געווען דאַטירט דעם 24טן יאַנואַר, 1925, האָט זיך אָנגעפאַנגען:

טייערער סידני:

צו אייך אין פּאַריז וועלן אפשר קומען פון מיר צוויי פּערזאָנען מיט דעם נאָמען קראַסנאָשטאַנאָוו, אַ מאַן און ווייב. זיי וועלן זאָגן, אַז זיי האָבן אַ בריוו פון קאַליפאָרניע און וועלן אייך איבערגעבן אַ צעטעלע, וואָס וועט באַשטיין פון אַ פּערז פון אָמאַר קאַיאַם, וועלכן איר וועט געדענקען. אויב איר וועט זיך פאַראינטערעסירן אין זייער געשעפט, וועט איר זיי דאַרפן בעטן בלייבן. אויב אָבער דאָס געשעפט אינטערעסירט אייך ניט, וועט איר זיי זאָגן: „איך דאַנק אייך זייער שטאַרק. אַ גוטן טאָג."

אין דעם שיפער, וואָס קאָמאַנדיר ע. און ראַילי האָבן גענוצט, האָט „קראַסנאָשטאַנאָוו" באַדייט אַן אַנטי־סאָוועטישער אַגענט מיטן נאָמען שולץ און זיין ווייב; „קאַליפאָרניע" האָט באַדייט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד; און דער „פּערז פון אָמאַר קאַיאַם" האָט באַדייט אַ ספּעציעלע ידיעה אין שיפער. דער בריוו פון קאָמאַנדיר ע. האָט זיך ווייטער געלייענט:

איצט וועגן זייער געשעפט. זיי זיינען פאַרטרעטער פון אַ געשעפט, וואָס וועט לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָבן אַ גרויסן איינפלוס אין דער צוקונפט אויף די אייראָפּיאישע און אַמעריקאַנישע מערק. זיי

דערוואַרטן ניט, אַז זייער געשעפט וועט זיך פולשטענדיק אַנטוויקלען אין משך פון צוויי יאָר, אָבער עס קאָנען געשאַפן ווערן אַזעלכע אומשטענדן, וואָס וועלן זיי געבן דעם געהעריקן שטויס אין דער נאָענטער צוקונפט. דאָס איז זייער אַ גרויס געשעפט, וועגן וועלכן מען דאַרף ניט רעדן. . . .

דער קאָמאַנדיר ע. האָט פאַרגעזעצט, אַז אַ „דייטשע גרופע" איז זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אַנטיילצונעמען אין דעם „מסחר", און אַז אַ „פראַנצויזישע גרופע" און אַן „ענגלישע גרופע" ווערן אַקטיוו אַריינגעצויגן.

רעדנדיק ווידער וועגן דעם „געשעפט", וואָס ער האָט אַנגעדייט אַז עס אָפּערירט אין רוסלאַנד, האָט דער קאָמאַנדיר ע. געשריבן:

אין דער איצטיקער צייט זאָגן זיי זיך אָפּ אויפצודעקן פאַר וועמען עס איז דעם נאָמען פון דעם מאַן, וואָס שטייט הינטער דער אונטערנעמונג. איך קאָן אייך בלויז זאָגן, אַז אַ טייל פון די הויפּט־פּערזאָנען זיינען מיטגלידער פון די אָפּאָזיציע־גרופּעס. איר קאָנט דעריבער גוט פאַרשטיין ווי בויטיק עס איז צו האַלטן דאָס בסוד. . . . איך שלאָג אייך פאַר דעם פּלאַן, גלויבנדיק, אַז ער וועט אפשר פאַרבייטן דעם אַנדערן גרויסן פּלאַן איבער וועלכן איר האָט געאַרבעט, אָבער וועלכער איז דורכגעפאַלן אויף אַזאַ אומגליקלעכן אופן.

סידני ראַילי און זיין פרוי האָבן פאַרלאָזט ניו־יאָרק דעם 6טן אויגוסט, 1925. אין סעפּטעמבער זיינען זיי אָנגעקומען קיין פּאַריז און ראַילי האָט גלייך גענומען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די שולצעס, וועגן וועלכע דער קאָמאַנדיר ע. האָט אים געשריבן. זיי האָבן פאַר אים אָנגעצייכנט די לאַגע אין רוסלאַנד, וואו די אָפּאָזיציע־באַוועגונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט לעאָן טראָצקין, האָט זיך זינט לענינס טויט אָרגאַניזירט אין אַ ברייטן אונטערערדישן אַפּאַראַט, וואָס האָט געצילט אַרונטערצווואַרפן דעם סטאַלין־רעזשים.

ראַילי האָט זיך שנעל איבערצייגט אין דער גרויסער וויכטיקייט פון די נייע אַנטוויקלונגען. ער איז געווען זייער אייפערדיק זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג אַזוי שנעל ווי מעגלעך מיט די פירער פון דער אַנטי־סטאַלין פראַקציע אין רוסלאַנד. געהיים־אַגענטן האָבן איבערגעגעבן צעטעלעך צו די ביידע צדדים. ענדלעך איז איינגעאָרדנט געוואָרן, אַז ראַילי זאָל זיך באַגעגענען מיט וויכטיקע פאָרטרעטער פון דער באַוועגונג אויף דער סאָוועטישער גרענעץ. ראַילי איז אַוועק קיין העלסינקי זיך צו זען מיטן הויפּט פון גענעראַל־שטאַב פון דער פינלענדישער אַרמיי, איינער פון זיינע נאָענטע פּערזענלעכע פריינט און אַ

מיטגליד פון זיין אַנטי־באָלשעוויסטישער ליגע, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן אַלע צוגרייטונגען אַריבערצופירן ראַילין איבער דער סאָוועטישער גרענעץ.

קורץ נאָכדעם האָט ראַילי געשריבן צו זיין פרוי, וועלכע איז געבליבן אין פּאַריז: „אין רוסלאַנד קומט באמת פאַר עפּעס אַ נייע, מעכטיקע און ווערטפולע זאַך."

אין אַ וואָך אַרום, דעם 25טן סעפּטעמבער, 1925, האָט ראַילי געשיקט פון וויבאָרג, פינלאַנד, אַן אייליק צעטעלע צו זיין פרוי:

עס איז זייער נויטיק, אַז איך זאָל אָוועק קיין פּעטראָגראַד און קיין מאָסקווע אויף דריי טעג. איך פאָר אַרויס היינט ביינאַכט און וועל זיך אומקערן אַהער דינסטיק אינדערפרי. איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך וואָלט ניט אונטערנומען די רייזע סיידן זי וואָלט געווען אַבסאָלוט וויכטיק, און אויב איך וואָלט ניט געווען איבערצייגט, אַז עס איז כמעט ניטאָ קיין געפאַר. איך שרייב דיר אָט דעם בריוו בלויז פאַר דעם סאַמע אומוואַרשיינלעכסטן פאַל, אַז אַן אומגליק זאָל פּאַסירן. און אויב דאָס זאָל פּאַסירן, טאָרסטו ניט אָננעמען קיין שום טריט; זיי וועלן קנאַפּ העלפן, אָבער זיי קאָנען אַלאַרמירן די באָלשיס און אויפדעקן ווער איך בין. אויב איך זאָל צופעליק אַרעסטירט ווערן אין רוסלאַנד, וועט עס בלויז קאָנען זיין אויף אַ מינדערוויכטיקער קלאָגע, און מיינע נייע פריינט זיינען גענוג מעכטיק צו באַפרייען מיך.

דאָס איז געווען דער סאַמע לעצטער בריוו, וואָס קאַפּיטאַן סידני ראַילי פון דער ענגלישער געהיימער שפּיאָנאַזש־דינסט האָט געשריבן.

נאָכדעם ווי עס זיינען אַריבער עטלעכע וואָכן און מאַדאַם ראַילי האָט אַלץ ניט געהערט פון איר מאַן, האָט זי זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מאַריע שולץ, ראַילים מיט־פאַרשווערערין אין פּאַריז. מאַדאַם ראַילי האָט שפּעטער פאַרצייכנט דעם אינטערוויו אין אירע זכרונות.

— ווען אייער מאַן איז אַהער אָנגעקומען, — האָט מאַדאַם שולץ געזאָגט צו מאַדאַם ראַילי, — האָב איך אים דערקלערט דעם גענויעם צושטאַנד פון די געשעפטן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויף אונדזער צד אייניקע פון די באָלשעוויסטישע הויפּט־באַאַמטע אין מאָסקווע, וועלכע האָבן שטאַרק חשק צו מאַכן אַ סוף צום איצטיקן רעזשים, אויב מען קאָן נאָר גאַראַנטירן זייער פּערזענלעכע זיכערקייט.

— קאַפּיטאַן ראַילי, — האָט מאַדאַם שולץ פאָרגעזעצט, — איז תחילת געווען סקעפּטיש. ער האָט געזאָגט, אַז אויסלענדישע הילף פאַר אַ נייער

אונטערנעמונג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד קאָן קומען בלויז אויב די קאָנספּיראַ־טיווע גרופּע אין לאַנד גופא האָט גענוג קראַפט.

— איך האָב אים פאַרזיכערט, — האָט מאַדאַם שולץ געזאָגט, — אַז אונדזער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד איז קרעפטיק, איינפלוסרייך און גוט־אָרגאַניזירט.

מאַדאַם שולץ האָט ווייטער דערציילט ווי אַזוי מען האָט צוגעגרייט אַ באַגעגעניש צווישן ראַילין און אַ פאַרטרעטער פונעם רוסישן קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט אין וויבאָרג, פינלאַנד. „זיי האָבן געמאַכט אַ גאָר גוטן איינדרוק אויף קאַפּיטאַן ראַילי״, האָט מאַדאַם שולץ געזאָגט, „איבערהויפּט זייער פירער, אַ זייער הויך־געשטעלטער באַלשעוויסטישער באַאַמטער, וועלכער איז אונטערן צודעק פון זיין אַמט איינער פון די סאַמע ביטערסטע שונאים פון דעם איצטיקן רעזשים.״

אויפן צווייטן טאָג, באַגלייט פון פינלענדישע פּאַטרול־וועכטער, וועלכע זיינען ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַר דער אויפגאַבע, זיינען ראַילי און זיינע רוסישע פאַרשווערער אַוועק צו דער גרענעץ. „וואָס אַנבאַלאַנגט מיר פּערזענלעך״, האָט מאַדאַם שולץ געזאָגט, „בין איך געגאַנגען ביז צו דער גרענעץ צו ווינטשן זיי אַ גליקלעכע רייזע.״ זיי זיינען פאַרבליבן ביז ביינאַכט אין אַ פינלענדישן בלאָקאַדיר־הויז לעבן אַ טייך. „מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געוואַרט, בעת די פינלענדער האָבן זיך באַזאָרגט צוגעהערט צום רוטן פּאַטרול, אָבער אַלץ אַרום איז געווען שטיל. ענדלעך האָט איינער פון די פינלענדער זיך פאַרזיכטיק אַרונטערגעלאָזט אין וואַסער אַריין און איז אַריבער האַלב־שווימענדיק און האַלב־בראָדזשענדיק. אייער מאַן האָט נאָכגעפאָלגט. . . .״

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס מאַדאַם שולץ האָט געזען דעם קאַפּיטאַן ראַילי.

ווען מאַדאַם שולץ האָט פאַרענדיקט איר געשיכטע, האָט זי דער מאַדאַם ראַילין איבערגעגעבן אַן אויסשניט פון דער רוסישער צייטונג „איזוועסטיאַ״, וואָס האָט זיך געלייענט:

> אין דער נאַכט פונעם 28טן־29טן סעפּטעמבער האָבן פיר קאָנטראַ־באַנדיסטן געמאַכט אַ פאַרזוך אַריבערצוגיין די פינלענדישע גרענעץ, מיט דעם רעזולטאַט אַז צוויי פון זיי זיינען דערהרגעט געוואָרן; איינעם פון זיי, אַ פינלענדישער סאָלדאַט, האָט מען געפאַנגען און דעם פערטן אַזוי שווער פאַרוואונדעט, אַז ער איז געשטאָרבן. . . .

ווי די פאַקטן זיינען שפּעטער אַרויסגעבראַכט געוואָרן, איז ראַילי דער־פאָלגרייך אַריבער די סאָוועטישע גרענעץ און האָט געהאַט אַ שמועס מיט גע־

וויסע מיטגלידער פון דער רוסישער אַנטי־סטאַלין אָפּאָזיציע. ער איז שוין געווען אויף זיין וועג צוריק און זיך שוין געהאַט דערנעענטערט צו דער פינלענדישער גרענעץ, ווען ער און זיינע לייב־וועכטער זיינען פּלוצים אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַ סאָוועטישער גרענעץ־וואַך אָפּטיילונג. ראַילי און די אַנדערע האָבן געפּרואווט אַנטלויפן. די גרענעץ־וועכטער האָבן געשאָסן. אַ קויל האָט געטראָפן ראַילין אין קאָפּ און אים אויפן פלאַץ דערהרגעט.

עס האָט גענומען עטלעכע טעג ציית איידער די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן פעסטגעשטעלט ווער עס איז געווען דער „קאָנטראַבאַנדיסט“ וועמען זיי האָבן דערהרגעט. ווען זיי האָבן זיך דאָס דערוואוסט, האָבן זיי פאָרמעל געמאָלדן וועגן דעם טויט פון קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי פון דער בריטישער געהיימער שפּיאָנאַזש־דינסט.

די „לאָנדאָן טיימס“ האָט געהאַט אַ נעקראָלאָג פון בלויז צוויי שורות:
„סידני דזשאָרדזש ראַילי, דערהרגעט דעם 28טן סעפּטעמבער דורך ג.פּ.או.־סאָלדאַטן לעבן דעם דאָרף אַלעקול, רוסלאַנד.“

קאַפּיטל 11

די מלחמה־פּאַרשפּיל

אונטער דער לפּנימדיקער רואיקייט פון די מיטעלע ניינצן־צוואַנציקער יאָרן האָט אַ העפטיקער שטורעם געברויזט. ריזיקע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע שטרעקעס פון דער ערד, אַנגערעגט דורך דער רוסישער רעוואָלוציע מיט נייע האָפענונגען אויף פרייהייט, האָבן אויפגעוואַכט מיט פאַרלאַנגען פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און קיום און האָבן געדראָט איבערצוקערן די גאַנצע וואַקלדיקע געביידע פון קאָלאָניאַלן אימפּעריאַליזם.

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן אין פרילינג פון 1926. אַ רעוואָלוציע האָט אויפגעפלאַקערט אין כינע, וואו אַ פאַראייניקטער פראָנט פון קואָמינטאַנג און קאָמוניסטישע כוחות האָט אַרונטערגעוואָרפן די קאָרופּטע פּעקינער דיקטאַטור, דעם פּופּן־רעזשים פון מערבדיקן אימפּעריאַליזם, און האָבן איינגעשטעלט אַ פרייע כינע.

די דאָזיקע געשעעניש איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַן אויסברוך פון צעשראָקענער און פאַרצוויפלטער אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע איבער גאַנץ אַזיע און דער מערב־וועלט. די כינעזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אויפשטאַנד פון הונדערטער מיליאָנען אונטערדריקטע מענטשן קעגן אויסלענדישער און היימישער פאַרשקלאַפונג, איז ווילד אַטאַקירט געוואָרן אַלס אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון אַ „מאָסקווער פאַרשווערונג“.

דער יאַפּאַנעזישער אימפּעראַטאָר האָט גלייך אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו דינען אַלס אַ „שוץ־וואַנט קעגן באָלשעוויזם“ אין אַזיע. דערמוטיקט פון די מערב־מאַכטן, האָט זיך יאַפּאַן געגרייט אַריינצומישן אין כינע צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. דער יאַפּאַנעזישער פּרעמיער, גענעראַל טאַנאַקאַ, האָט איבערגעגעבן דעם אימפּעראַטאָר זיין באַרימטן געהיימען מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט אָנגעצייכנט די ענדגילטיקע צילן פון יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם:

> כדי צו קאָנען באַזיגן די וועלט, מוזן מיר פריער באַזיגן כינע; אַלע אַנדערע אַזיאַטישע לענדער פון די דרום־ימים וועלן זיך דאַן שרעקן פאַר אונדז און קאַפּיטולירן פאַר אונדז. די וועלט וועט דאַן

באַגרייפֿן, אַז מזרח־אַזיע איז אונדזערס. . . . מיט אַלע רעסורסן פֿון כינע אין אונדזער רשות, וועלן מיר מאַרשירן פֿאָראויס און באַזיגן אינדיע, דעם אַרכיפּעלאַג, קליין־אַזיע, מיטל־אַזיע און אַפֿילו אייראָפּע. דער ערשטער טריט אָבער מוז זיין צו פֿאַרכאַפּן קאָנטראָל איבער מאַנ־דזשוריע און מאָנגאָליע. . . . פֿריער אָדער שפּעטער וועלן מיר זיך דאַרפֿן שלאָגן מיט סאָוועט־רוסלאַנד. . . . אויב מיר ווילן אין דער צוקונפֿט געווינען קאָנטראָל איבער כינע, מוזן מיר צוערשט צע־שמעטערן די פֿאַראייניקטע שטאַטן.*)

אין מערץ 1927 האָט דער כינעזישער מלחמה־האַר און טרויעריק־באַרימ־טער יאַפּאַנעזישער פּופּע, טשאַנג טסאָ־לין, דורכגעפֿירט אַן איבערפֿאַל אויף דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין פּעקין און געמאָלדן, אַז ער האָט געפֿונען באַווייזן פֿון אַ באָלשעוויסטישער פֿאַרשווערונג קעגן כינע. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פֿאַר לאָזן אין גאַנג די כינעזישע קאָנטער־רעוואָלוציע. דערמוטיקט פֿון יאַפּאַנעזישע און ענגליש־פֿראַנצויזישע צוזאָגן פֿון געלט־שטיצע, באַ־וואָפֿענונג און אָנערקענונג, האָבן די קואָמינטאַנג־כוחות, אונטער טשאַנג קאַי־שעק, פּלוצים געבראָכן דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט און אַטאַקירט זייערע רעוואָ־לוציאָנערע פֿאַרבינדעטע. אַ שחיטה איז דורכגעפֿירט געוואָרן. טויזנטער כינעזישע אַרבעטער, סטודענטן און פּויערים, וועמען מען האָט חושד געווען אין האָבן ליבעראַלע אָדער קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס, האָט מען געכאַפּט אין שאַנכאַי, פּעקין און אין אַנדערע פּלעצער און דערשאָסן אָדער פֿאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פֿאַרפּייניקט צום טויט. אַ בירגער־קריג האָט אַרומגעכאַפּט כינע.

אָבער די כינעזישע רעוואָלוציע האָט פֿרייגעלאָזט די פֿאַרבאָרגענע פֿריי־הייט־באַוועגונגען איבער גאַנץ אַזיע. אינדאָנעזיע, אינדאָ־כינע, בורמע און אינדיע האָבן געברויזט. די אימפּעריאַליסטן, ערנסט דערשראָקן, האָבן זיך געשטיצט אויף יאַפּאַן, אַז זי זאָל זיי באַשיצן פֿון „באָלשעוויזם“. אין דער זעלביקער צייט האָבן די גענעראַל־שטאַבן פֿון אייראָפּע ווידער אַרויסגעשלעפּט

---

*) דער טאַנאַקאַ־מעמאָראַנדום, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט אַלס יאַפּאַנס „מיין קאַמף“ [לויט היטלערס „מיין קאַמף“—איבערזעצער], איז געשריבן געוואָרן אין 1927 און איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן אין 1929, נאָכדעם ווי טשאַנג סו־ליאַנג, דער יונגער מאַנדזשורישער מאַרשאַל, האָט דאָס אָפּגעקויפֿט פֿון אַ יאַפּאַ־נעזישן אַגענט. דער כינעזישער ראַט פֿון אינסטיטוט איבער פּאַסיפֿישע באַציאונגען האָט דעם דאָקומענט פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אים אויפֿגעדעקט פֿאַר דער וועלט.

פון די שופלאָדן זייערע אַלטע פּלענער פאַר אַן אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייץ־צוג און אַן אַלגעמיינעם איבערפאַל אויף מאָסקווע.

ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטישער קאָנפערענץ אין לאָקאַרנאָ, אין 1925־1926, האָבן די ענגליש־פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן פיבערדיק פאַר־האַנדלט מיט דייטשלאַנד וועגן געמיינשאַפטלעכער אַקציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

דער ענגלישער טאָרי־פאַרשטייער, ווי. סי. א. אָרמסבי־גאָר, האָט אין זיינער אַ רעדע אין מאַנטשעסטער, דעם 23טן אָקטאָבער, 1924, אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון לאָקאַרנאָ אין קלאָרע, דייטלעכע ווערטער:

> מיר גייטיקן זיך אין דער סאָלידאַריטעט פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, כדי צו צוימען די סאַמע פינצטערסטע קראַפט, וואָס איז אַנטשטאַנען ניט נאָר אין אונדזער צייט, נאָר ווען עס איז אין דער איראָפּיאישער געשיכטע.
>
> דער קאַמף אין לאָקאַרנאָ, ווי איך זע אים, איז אַזאַ: זאָל דייטש־לאַנד באַטראַכטן, אַז איר צוקונפט איז צונויפגעבונדן מיט דעם שיקזאַל פון די גרויסע מערב־מלוכות, אָדער וועט זי אַרבעטן מיט רוסלאַנד צו צעשטערן די מערב־ציוויליזאַציע? דער באַדייט פון לאָקאַרנאָ איז אַ ריזיקער. עס מיינט, אַז, אויף אַזויפיל אויף וויפיל עס איז נוגע דער איצטיקער דייטשער רעגירונג, טיילט זי זיך אָפּ פון רוסלאַנד און פאַרבינדט איר גורל מיט די מערב־מלוכות.

אין פראַנקרייך האָט רעימאָן פּואַנקאַרעי, דער פראַנצויזישער פּרעמיער, עפנטלעך געפּרעדיקט פאַר אַ פאַראייניקטן מיליטערישן אָנגריף פון אַלע אייראָ־פּיאישע מלוכות, איינגעשלאָסן דייטשלאַנד, קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

אין בערלין האָט די דייטשע אימפּעריאַליסטישע און אַנטי־דעמאָקראַטישע פּרעסע געמאָלדן, אַז עס האָט שוין געשלאָגן די שעה צו צעשמעטערן דעם באָל־שעוויזם. נאָך אַ ריי קאָנפערענצן מיט די רייכסווער־גענעראַלן און די אינ־דוסטריאַליסטן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער נאַצי־פּאַרטיי, איז גענעראַל מאַקס האָפמאַן אין געאייל אַוועק קיין לאָנדאָן, כדי דאָרט איבער־צוגעבן זיין באַרימטן פּלאַן צום ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום און צו אַ געקליבענער גרופּע טאָרישע פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און מיליטערלייט.

דעם 5טן יאַנואַר, 1926, האָט די לאָנדאָנער „מאָרנינג־פּאָסט" פאַרעפנט־לעכט אַן אויסערגעוויינלעכן בריוו, אונטערגעשריבן פון סער הענרי דעטער־דינג. אין דעם בריוו האָט דעטערדינג געמאָלדן, אַז עס ווערן אָרגאַניזירט

פלענער פאַר אַ נייער אינטערווענציע־מלחמה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. דעטער־דינג האָט דערקלערט:

. . . עס וועט ניט דויערן לאַנג, און רוסלאַנד וועט זיך אומקערן צו ציוויליזאַציע, אָבער אונטער אַ בעסערער רעגירונג ווי די צאַרישע. . . . דער באָלשעוויזם וועט פאַרשווינדן אין רוסלאַנד נאָך איידער דאָס יאָר וועט פאַרביי; און, אַזוי גיך ווי דאָס וועט געשען, וועט רוסלאַנד קאָנען נוצן די וועלט־קרעדיטן און עפענען אירע גרענעצן פאַר יעדן וואָס וועט וויליק זיין צו אַרבעטן. געלטער און קרעדיטן וועלן אַריינשטראָמען קיין רוסלאַנד, און, וואָס נאָך בעסער, אַרבעט.

אַ באַוואוסטער פראַנצויזישער זשורנאַליסט פון רעכטן פליגל, זשאַק בענווי, האָט דערקלערט אין פּאַריז: „אויב דער פּרעזידענט פון דער ראָיאַל־דאַטש האָט אָנגעגעבן אַ באַשטימטן טאָג פאַרן סוף פון סאָוועטן־רעזשים, האָט ער אַן אורזאַך דערפאַר. . . .״

דעם 3טן מערץ, 1927, האָט גראַף גרעי דערקלערט אין בריטישן לאָרדן־הויז: „די סאָוועטן־רעגירונג איז בכלל ניט קיין נאַציאָנאַלע רעגירונג אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. זי איז ניט קיין רוסישע רעגירונג אין דעם זינען ווי די פראַנצויזישע רעגירונג איז פראַנצויזיש, אָדער די דייטשע רעגירונג איז דייטש.״

דעם 27טן מאַי, 1927, האָבן די ענגלישע פּאָליציי און געהיים־דינסט אַגענטן געמאַכט אַן איבערפאַל איבער די קאַנצעלאַריעס פונעם „אַרקאָס״. די סאָוועטישע האַנדל־אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן. זיי האָבן אַרעסטירט די אָנגעשטעלטע און דורכגעזוכט די געביידעס, אויפגעבראָכן די אַרכיוו־שאַפעס און קאַסעס און אַפילו געבויערט לעכער אין די דילן, סופיטן און ווענט, זוכנדיק „געהיימע אַרכיוון״. קיין דאָקומענטן פון אַן אינקרימירנדיקן שטייגער האָט מען ניט געפונען; אָבער די „מאָרנינג־פּאָסט״, די „דעילי מעיל״ און נאָך אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע צייטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט ווילדע געשיכטעס וועגן „באַוויזן״ פון סאָוועטישע פאַרשווערונגען קעגן ענגלאַנד, וואָס מען האָט כלומרשט געפונען אין דעם איבערפאַל אויף „אַרקאָס״.

די ענגלישע טאָרי־רעגירונג האָט אָפּגעבראָכן דיפּלאָמאַטישע און האַנדל־באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם זעלביקן זומער האָט מען געמאַכט איבערפאַלן אויף די סאָוועטישע קאָנסולאַטן און אַנדערע אָפיציעלע אַגענטורן אין בערלין און אין פּאַריז. אין חודש יוני איז דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר קיין פּוילן, וו. י. וואָיקאָוו,

דערמאָרדעט געוואָרן אין ווארשע. באָמבעס האָט מען געוואָרפן אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי אין לענינגראַד.*)

מאַרשאַל פאָש, אין אַן אינטערוויו פאַר דער „לאָנדאָן סאַנדעי־רעפערי״ פון 21טן אויגוסט, 1927, האָט קלאָר אָנגעדייט וואוהין אַט די אַלע גוואַלדטאַטן דערפירן.

„אין פעברואַר פון יאָר 1919, אין די ערשטע טעג פון לעניניזם״, האָט פאָש געזאָגט, „האָב איך דערקלערט פאַר דער קאָנפערענץ פון די אַמבאַסאַ־דאָרן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין פאַריז, אַז אויב די לענדער וועלכע רינגלען אַרום רוסלאַנד וואָלטן באַזאָרגט געוואָרן מיט אַמוניציע און אַנדערע מלחמה־נויטיקייטן, וואָלט איך זיך אונטערגענומען אויסצוראָטן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די באָלשעוויסטישע געפאַר. מיין פאָרשלאָג איז צוריקגעוויזן געוואָרן אויפן גרונט פון מלחמה־אויסגעמאַטערטקייט, אָבער שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן שנעל באַוויזן, אַז איך בין גערעכט געווען.״

אין אַ בריוו, וואָס מאַרשאַל פאָש האָט געשיקט צו אַרנאָלד רעכבערג, איינער פון די הויפּט־שטיצער פון דער נאַצי־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, האָט ער געשריבן:

> איך בין ניט גענוג נאַריש צו גלויבן, אַז מען קאָן איבערלאָזן אַ קליין הייפעלע קרימינעלע טיראַנען צו רעגירן איבער מער פון אַ האַלבן קאָנטינענט און איבער גרויסע אַזיאַטישע טעריטאָריעס. מען קאָן אָבער גאָרניט טאָן כל־זמן פראַנקרייך און דייטשלאַנד זיינען ניט פאַר־אייניקט. איך בעט אייך איבערצוגעבן מיינע גרוסן דעם גענעראַל האָפמאַן, דעם סאַמע אָנגעזעענסטן אין דעם אַנטי־באָלשעוויסטישן מיליטערישן פאַרבאַנד.

די בינע איז געווען גרייט פאַר מלחמה.

---

*) צו דער זעלביקער צייט האָט טראָצקיס אָפּאָזיציע־באַוועגונג אין רוסלאַנד גופא זיך געגרייט אָרונטערצוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. אַ טראָצקיסטישער פאַרזוך דורכצופירן אַן איבערקערעניש איז פאָרגעקומען דעם 7טן נאָוועמבער, 1927. אַ צאָל טראָצקיס נאָכפאָלגער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און טראָצקין אַליין האָט מען אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד. זע זייטן 239-240.

קאַפּיטל 12

מיליאָנערן און סאַבאָטאַזשירער

1. אַ פאַרזאַמלונג אין פּאַריז

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג, אין שפּעטן האַרבסט פון יאָר 1928, זיינען עטלעכע זייער רייכע רוסישע עמיגראַנטן אין געהיים זיך צונויפגעקומען אין אַ פּריוואַטן עס־צימער פון אַ רעסטאָראַן אויף דעם גראַן־בולוואַר אין פּאַריז. מען האָט אָנגענומען אַלע פאָרזיכטן, אַז קיין שום דרויסנדיקער זאָל ניט וויסן וועגן דעם ענין. די פאַרזאַמלונג איז פאַררופן געוואָרן פון די פירער פונעם „טאָרגפּראָם“, דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַרטעל פון געוועזענע צאַרישע מי־ליאָנערן. די נעמען פון די פאַרזאַמלטע זיינען געווען לעגענדאַרע אין אַלטן רוסלאַנד: ג. נ. נאָבעל; נ. ס. דעניסאָוו; וולאַדימיר ריאַבושינסקי, און אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען פּונקט אַזוי באַרימט.

אָט־די מיליאָנערן זיינען זיך צונויפגעקומען, כדי זיך בגנבה דורכ־צושמועסן מיט צוויי אָנגעזעענע געסט פון סאָוועט־רוסלאַנד.

איינער פון די געסט, פּראָפעסאָר לעאָניד ראַמזין, איז געווען אַן אָנגע־זעענער רוסישער וויסנשאַפטמאַן, דירעקטאָר פונעם מאָסקווער טערמאָ־טעכנישן אינסטיטוט, און אַ מיטגליד פונעם סאָוועטישן אַלהעכסטן עקאָנאָמישן ראַט. דער צווייטער גאַסט, וויקטאָר לאַריטשעוו, איז געווען פאָרזיצער פון דעם ברען־מאַטעריאַל אָפּטייל פון דער מלוכהשער פּלאַניר־קאָמיסיע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פּראָפעסאָר ראַמזין און וויקטאָר לאַריטשעוו זיינען כלומרשט געקומען קיין פּאַריז צוליב אָפיציעלע סאָוועטישע געשעפטן. דער אמתער צוועק פון זייער באַזוך אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט איז אָבער געווען אָפּצוגעבן אַ באַריכט צו די „טאָרגפּראָם“־פירער וועגן די טעטיקייטן פון דער געהיימער שפּיאָנאַזש־סאַבאָטאַזש אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי האָבן אָנגעפירט אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אָרגאַניזאַציע, וועלכע ראַמזין און לאַריטשעוו האָבן אָנגעפירט, האָט זיך גערופן די אינדוסטריעלע פּאַרטיי. צונויפגעשטעלט גרעסטנטיילס פון

עלעמענטן פון דער אַלטער רוסישער טעכנישער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען אַ קליינער פּריווילעגירטער קלאַס אונטערן צאַר, האָט אָט די אינדוס־טריעלע פּאַרטיי אָנגעגעבן, אַז זי פּאַרמאָגט אַרום צוויי טויזנט געהיימע מיטגלידער. דאָס רוב פון זיי האָבן אָנגעהאַלטן וויכטיקע טעכנישע פּאָסטנס ביי די סאָוועטן. די דאָזיקע מיטגלידער פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי, פינאַנסירט און אָנגעפירט פונעם טאָרגפּראָם, האָבן אָנגעפירט ברעכערישע און שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע.

פּראָפעסאָר ראַמזין איז געווען דער ערשטער צו רעדן ביי דער פאַרזאַמלונג אין דעם פאַריזער רעסטאָראַן. ער האָט דערקלערט די פאַרזאַמלטע, אַז אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך ווערט געטאָן צו שטערן דעם גרויסן און אַמביציעזן פינף־יאָר פּלאַן, וועלכן סטאַלין האָט נאָר־וואָס געלאָזט אין גאַנג אין אַן אָנ־געשטרענגטן פאַרזוך צו אינדוסטריאַליזירן סאָוועט־רוסלאַנד. די מיטגלידער פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי, האָט ראַמזין געזאָגט, זיינען אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע און באַנוצן אַ פאַרזיכטיק־אויסגעאַרבעטע און ווײַסנשאַפטלעכע סאַבאָטאַזש־טעכניק.

— איינער פון אונדזערע מעטאָדן, — האָט דער פּראָפעסאָר אויפגעקלערט זיינע צוהערער, — איז דער מעטאָד פון מינימאַלע נאָרמעס, דאָס הייסט, דער גרעסטער שטער צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד און די אָפּשוואַכונג פון דעם טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאַציע. צווייטנס, איז פאַראַן דער מעטאָד פון באַשאַפן אַ דיספּראָפּאָרציע צווישן די באַזונדערע צווייגן פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און אויך צווישן די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון איין און דעם זעלביקן צווייג. און ענדלעך, איז אויך פאַראַן די מעטאָדע פון „פאַרפרירן קאַפּיטאַל“, דאָס הייסט, אַריינלייגן קאַפּיטאַל אין אַבסאָלוט אומ־נוציקער בויאונג אָדער אין אַזאַ וואָס מען וואָלט געקאָנט אָפּלייגן, ווייל זי איז אין געגעבענעם מאָמענט ניט נויטיק.

פּראָפעסאָר ראַמזין האָט אויסגעדריקט אַ באַזונדערע צופרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פון דעם „קאַפּיטאַל־איינפריר“ מעטאָד. „אָט דער מעטאָד האָט געמיינט פאַרקלענערן דעם טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאַציע“, האָט ער געזאָגט. „אָן שום צווייפל האָט דאָס פאַרקלענערט דעם מצב פונעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד, און דורך דעם אַרויסגערופן אומצופרידנקייט צווישן די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג.“

פון דער אַנדערער זייט, האָט פּראָפעסאָר ראַמזין אָנגעוויזן, זיינען געווען וויניקער־צופרידנשטעלנדיקע אַנטוויקלונגען. אַ גרופּע מיטגלידער פון דער אינ־דוסטריעלער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די שאַכטי־מינעס, זיינען לעצטנס אַרעסטירט געוואָרן פון דער „אָגפּו“. אַ צאָל אַנדערע, וועלכע האָבן

געהאַט אָפּערירט אין טראַנספּאָרט און אין די אויל־אינדוסטריעס, האָט מען אויך געכאַפּט. און נאָך מער: זינט מען האָט לעאָן טראָצקין פאַרשיקט אין גלות און אויפגעלייזט זיין טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע־באַוועגונג איז אַ גרויסער טייל פון דער פריערדיקער אינעווייניקסטער פּאָליטישער רייסעריי און קרי־געריי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און אַלס אַ רעזולטאַט זיינען די אָפּעראַציעס פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי אויף אַזויפיל שווערער געוואָרן.

— מיר נויטיקן זיך אין מער שטיצע פון אייך, — האָט פּראָפעסאָר ראַמזין געזאָגט צום שלוס, — אָבער מער פון אַלץ נויטיקן מיר זיך אין באַוואָפנטער אינטערווענציע, אויב מען וויל אַרונטערוואַרפן די באָלשעוויקעס.

ג. סי. דעניסאָוו, דער פאָרזיצער פונעם טאָרגפּראָם, האָט גענומען דאָס וואָרט. אַ רעספּעקטפולע שווייגעניש האָט באַהערשט די קליינע גרופּע בעת ער האָט אָנגעפאַנגען צו רעדן.

— ווי איר ווייסט, — האָט דעניסאָוו געזאָגט, — האָבן מיר פאַרהאַנדלט מיט מ. פּואַנקאַרעי, און אויך מיט מ. בריאַן. אַ געוויסע צייט האָט מ. פּואַנ־קאַרעי אויסגעדריקט זיין פולשטענדיקע סימפּאַטיע מיט דעם געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע אינטערווענציע קעגן דעם פאַרבאַנד פון די סאָ־וועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, און ביי איינער פון די לעצטע קאָנ־פערענצן מיט אים, ווי איר קאָנט געדענקען, האָט מ. פּואַנקאַרעי געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז די פראַגע איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן צום פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב אויף אויסצואַרבעטן זי. איצט האָב איך די פּריווילעגיע אייך איבערצוגעבן נאָך ידיעות פון דער גרעסטער וויכטיקייט.

דעניסאָוו האָט זיך דראַמאַטיש אָפּגעשטעלט, בעת דער עולם האָט געוואַרט מיט אָנגעצויגענער דערוואַרטונג.

— איך ברענג אייך די נייעס, אַז דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אָנגעפירט פון קאָלאָנעל זשואַנווי, צו אָרגאַניזירן אַן אַטאַקע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד! *)

*) דער זעלבער קאָלאָנעל זשואַנווי איז פריער געהאַט געווען דער קאָמאַנדיר פון דער פראַנצויזישער אינטערווענציע־אַרמיי אין סיביר אין 1918. בעת דער פאַרזאַמלונג פונעם „טאָרגפּראָם" אין פּאַריז, האָט דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב איינגעשלאָסן אויך די פאָלגנדיקע מיטגלידער: מאַרשאַל פאָש, וועלכער האָט זינט 1919 גערופן צו באַוואָפנטער אינטערווענציע קעגן רוסלאַנד; מאַרשאַל פּעטען, און האַס פאַר דעמאָקראַטיע; מאַרשאַל וועיגאַן, וועלכער האָט געהאַט געפירט די וועמענס אַנטי־סאָוועטישע געפילן האָבן זיך געקאָנט פאַרגלייכן בלויז מיט זיין שרעק פּוילישע כוחות קעגן דער רויטער אַרמיי אין יאָר 1920 און וועלכער איז זינט דעמאָלט פאַרבליבן אַן אומדערמידלעכער אָנטיילנעמער אין אַנטי־סאָוועטישע און אַנטי־דעמאָקראַטישע פאַרשווערונגען. פאָש איז געשטאָרבן אין 1929; זיין פּעריזענ־

באַלד איז געוואָרן אַ געטומל פון אויפגערעגטן שמועס. יעדער איינער אין דעם רויך־אָנגעפילטן צימער האָט גערעדט צו דער זעלבער צייט. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט איידער דעניסאָוו האָט געקאָנט אָנגיין מיט זיין באַריכט וועגן די טעטיקייטן פונעם טאָרגפּראָם.

2. דער פּלאַן פון דער אַטאַקע

די צייט פון דער מיליטערישער אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז באַשטימט געוואָרן אויף שפּעט אין זומער 1929 אָדער, צום שפּעטסטנס, פאַרן זומער פון יאָר 1930.

פּוילן, רומעניע און פינלאַנד האָבן געדאַרפט צושטעלן די הויפּט מיליטערישע כוחות. דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב האָט געדאַרפט צושטעלן מיליטערישע אינסטרוקטאָרן און מעגלעך אויך דעם פראַנצויזישן לופט־פלאָט. דייטשלאַנד האָט געדאַרפט צושטעלן טעכניקער און פרייוויליקע רעגימענטן. ענגלאַנד האָט געדאַרפט אויסלייען איר פלאָט. דעם פּלאַן פון דער אַטאַקע האָט מען אָנגענומען לויט דעם האָפמאַן־פּלאַן.

רומעניע האָט געדאַרפט מאַכן דעם ערשטן צוג, נאָכדעם ווי עס וועט פּראָוואָצירט ווערן אַ געוויסער גרענעץ־אינצידענט אין בעסאַראַביע. דאַן האָט פּוילן, צוזאַמען מיט באַלטישע גרענעץ־לענדער, געדאַרפט אַריינקומען. ווראַנגעלס ווייס־גוואַרדייאישע אַרמיי, וואָס מען האָט געשאַצט אין 100,000 מאַן, האָט געדאַרפט אַריינגיין דורך רומעניע, זיך צו פאַראייניקן מיט דער דרומדיקער אינטערווענציע־אַרמיי. דער ענגלישער פלאָט האָט געדאַרפט אונטערשטיצן די אָפּעראַציעס אין שוואַרצן ים און אין דעם פינלענדישן איינגוס. אַ מחנה פון קראַסנאָווס קאָזאַקן, וואָס איז געווען אין די באַלקאַנישע לענדער זינט 1921, האָט געזאָלט לאַנדן אויפן שוואַרץ־ימיקן ברעג, אין נאָוואָראָסיסקער געגנט; זיי האָבן געזאָלט מאַרשירן צום דאָן, אַרויסרופנדיק אויפשטאַנדן צווישן די דאָנער קאָזאַקן און אַריינרייסן זיך אין אוקראַינע. דער צוועק פון אָט־דעם קלאַפּ האָט געזאָלט זיין איבערצושניידן די פאַרבינדונגען צווישן די דאָנעצער קוילן־פעלדער און מאָסקווע, און אַזוי־אַרום באַשאַפן אַ קריזיס אין דעם צושטעל פון סאָוועטישן מעטאַל און באַהייצונג. מאָסקווע און

לעבער אַדיוטאַנט, רענעי ל'אָפּיטאַל, איז שפּעטער געוואָרן פּרעזידענט פון דעם טרויעריק-באַרימטן פראַנצויזיש-דייטשן קאָמיטעט, וועלכער איז ביים סוף 1935 געגרינדעט געוואָרן דורך דעם נאַצי-אַגענט אָטאָ אַבעץ, צו פאַרשפּרייטן נאַצישע און אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע אין פראַנקרייך.

לעניגראַד האָבן געדאַרפט גלייכצייטיק אַטאַקירט ווערן, בעת די דרומדיקע אַרמיי וועט זיך דורכשפּאַרן דורך דעם מערב־געביט פון אוקראַינע, מיט איר רעכטן פליגל ביים רעכטן ברעג פונעם דניעפּער.

אַלע אַטאַקעס האָבן געזאָלט דורכגעפירט ווערן אָן שום מלחמה־דער־קלערונג און מיט שטויסנדיקער פּלוצימדיקייט. אונטער אַזאַ דרוק, האָט מען גערעכנט, וועט די רויטע אַרמיי שנעל צוזאַמענברעכן און דער סאָוועטישער רעזשים וועט פאַלן אין אַ משך פון עטלעכע טעג.

ביי אַ קאָנפערענץ, אַראַנזשירט דורך די „טאַרגפראַם"־פירער, האָט קויר־נעל זשואַנווי, אינעם נאָמען פון פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב, געפרעגט פּראָ־פעסאָר ראַמזינען, וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן עס זיינען פאַראַן צו קריגן אַקטיווע מיליטערישע הילף פון די אָפּאָזיציע־עלעמענטן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד בעת די אַטאַקע וועט קומען פון דרויסן. ראַמזין האָט געענטפערט, אַז כאָטש די אָפּאָזיציע־עלעמענטן זיינען צעוואָרפן און אַרבעטן אונטערערדיש זינט מען האָט לעאָן טראָצקין פאַרשיקט, זיינען זיי פונדעסטוועגן גענוג גרויס אין צאָל צו שפּילן אַ ראָל.

קוירנעל זשואַנווי האָט דאַן רעקאָמענדירט, אַז די אינדוסטריעלע פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אירע פאַרבינדעטע, זאָל גרינדן אַ ספּעציעלן „מיליטערישן צוויג". ער האָט ראַמזינען איבערגעגעבן די נעמען פון עטלעכע פראַנצויזישע געהיים־אַגענטן אין מאָסקווע, וועלכע וועלן קאָנען באַהילפיק זיין אין איינ־שטעלן אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע.

פּראָפעסאָר ראַמזין, לפּנים נאָך אַלץ וועגן סאָוועטישע ענינים, איז פון פּאַ־ריז אַוועק קיין לאָנדאָן, כדי זיך צו באַגעגענען מיט פאַרטרעטער פון סער הענרי דעטערדינגס „ראָיאַל דאַטש שעל" און „מעטראָ־וויקערס", דער ריזיקער ענג־לישער אַמוניציע־טראַסט, דאָמינירט פונעם געהיימנישפולן באַזיל זאַכאַראָף, וואָס האָט אַמאָל געהאַט קאָנטראָלירט גרויסע אינטערעסן אין צאַרישן רוסלאַנד. מען האָט געלאָזט וויסן דעם רוסישן פּראָפעסאָר, אַז כאָטש פראַנקרייך שפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם פּלאַן פון אינטערווענציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, איז אָבער ענגלאַנד אויך גרייט צו טאָן איר טייל. בריטישע אינטערעסן וועלן געבן פינאַנציעלע שטיצע, פאַרזעצן אויסצואיבן דיפּלאָמאַטישן דרוק צו איזאָלירן די סאָוועטן, און אויסלייען דעם ענגלישן פלאָט צום באַנוצן בעת דער אַטאַקע.

ווען פּראָפעסאָר ראַמזין האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, האָט ער זיינע שותפים אין דער פאַרשווערונג אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פון זיין רייזע אין אויסלאַנד. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די אינדוסטריעלע פּאַרטיי וועט זיך אָפּגעבן מיט צוויי אויפגאַבעס: צו דערפירן צו דער סאָמע

קריטישסטער לאַגע וואָס איז נאָר מעגלעך אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, כדי אַרויסצורופן אַ מאַסן־אומצופרידנקייט און אָפּשוואַכן דעם סאָוועטישן רעזשים; און צו אַנטוויקלען אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל דורך סאַבאָ־טאַזש־אַקטן און טעראָריזם הינטער די רוסישע ליניעס געבן דירעקטע הילף צו די אַטאַקירנדיקע אַרמייען.

געלט פון „טאָרגפּראָם“, וואָס פראַנצויזישע אַגענטן אין מאָסקווע האָבן איבערגעגעבן, האָט אַרייַנגעשטראָמט צו פינאַנסירן די סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער אינדוסטריע. די מעטאַל־אינדוסטריע האָט באַקומען 500,000 רובל; די באַהייצונג, אויל און טאָרף־אינדוסטריע — 300,000 רובל; די טעקסטיל־אינדוסטריע — 200,000 רובל; די עלעקטרישע אינדוסטריע — 100,000 רובל. אויפן פאַרלאַנג פון די פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשע אַגענטן, האָבן די מיטגלידער פון דער אינדוסטריעלער פאַרטיי און זייערע פאַרבינדעטע פון צייט צו צייט צוגעגרייט ספּעציעלע שפּיאָנאַזש־באַריכטן וועגן דער סאָוועטישער אַוויאַציע־פּראָדוקציע, וועגן דעם אויפבוי פון לופט־פעלדער, וועגן די אַנטוויקלונגען אין די אַמוניציע־ און כעמישע אינדוסטריעס, און וועגן דעם צושטאַנד פון די אייזנבאַנען.

וואָס נענטער עס איז געקומען די צייט פון דער אינוואַזיע, אַלץ העכער איז געוואַקסן די דערוואַרטונג פון די צאַרישע עמיגראַנטישע מיליאָנערן. איינער פון די „טאָרגפּראָם“־פירער, וולאַדימיר ריאַבושינסקי, האָט דעם 7טן יולי, 1930, פאַרעפנטלעכט אין דער פאַריזער ווייס־גוואַרדייאישער צייטונג „וואָז־ראָזשדעניע“ אַ שטויבנדיק אַרטיקל מיטן נאָמען: „אַ נויטיקע מלחמה“.

„דער קומענדיקער קאַמף קעגן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל צו באַפרייען רוסלאַנד וועט אָן שום צווייפל פאַררעכנט ווערן אין דער געשיכטע פאַר דער סאַמע גערעכטסטער און נוצלעכסטער פון אַלע מלחמות“, האָט ריאַבושינסקי דערקלערט. פריערדיקע אינטערווענציע־פאַרזוכן אין רוסלאַנד, האָט ער צו־געגעבן, זיינען דורכגעפאַלן אָדער אויפגעגעבן געוואָרן אויפן גרונט דערפון, וואָס עס האָט געקאָסט צו־טייער זיי דורכצופירן. „נאָך צוריק אין 1920, און ביז 1925, זיינען ספּעציאַליסטן געווען גרייט דורכצופירן די אָפּעראַציע אין משך פון זעקס חדשים מיט אַן אַרמיי פון 1,000,000 מאַן. מען האָט אויסגערעכנט, אַז עס וועט קאָסטן אַרום 100,000,000 (ענגלישע) פונטן.“

איצט אָבער, האָט דער צאַרישער מיליאָנער געזאָגט, איצט וועלן די קאָסטן צו צעשמעטערן דעם סאָוועטישן רעזשים באַטרעפן פיל ווייניקער, צוליב די איבערלעכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שוועריקייטן פון סאָוועט־רוסלאַנד:

500,000 מאַן און פון דריי ביז פיר חדשים וועלן זיין גענוג צו פאַר־

ענדיקן די אַרבעט אויבנאויפיק. פאַרשטייט זיך, אַז עס וועט זיך פאָדערן אַביסל מער צייט איינגאַנצן צו צעשמעטערן די קאָמוניסטישע באַנדעס, אָבער דאָס טראָגט שוין מער אַ כאַראַקטער פון פאָליציי־אַרבעט, איידער פון מיליטערישע אָפּעראַציעס.

ריאַבושינסקי האָט דאָן דאַן אויסגערעכנט די „געשעפט"־פאַרדינסטן, וואָס וועלן קומען אַלס רעזולטאַט פון דער אינוואַזיע אין רוסלאַנד. אַ בליענדיקע רוסישע ווירטשאַפט, קאָנטראָלירט דורך אַזעלכע מענטשן ווי ער איז, האָט ער באַהויפּט, וועט פירן צו „אַ יערלעכן צופלוס פון אַזאַ עשירות אין דער אייראָ־פּייאישער עקאָנאָמישער סיסטעם, אין דער פאָרמע פון פאָדערונגען אויף פאַר־שיידענע סאָרטן סחורות", אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס וועט „אָפּשאַפן די פינף־מיליאָניקע אַרמיי אַרבעטלאָזע אין עסטרייך, דייטשלאַנד און גרויס־בריטאַניע".

דער אַנטי־סאָוועטישער קרייץ־צוג איז, פאַרשטייט זיך, „אַ גרויסע און הייליקע אונטערנעמונג און דער מאָראַלער חוב פון דער מענטשהייט". אָבער פאַרגעסנדיק אָט־דאָס אַלץ און קוקנדיק דערויף פונעם „פּשוטן, אומבאַפּוצטן, האַרצלאָזן און ריין־געשעפּטלעכן שטאַנדפּונקט", האָט ריאַבושינסקי אָנגעוויזן:

. . . מיר קאָנען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז עס איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ אונטערנעמונג, וואָס זאָל זיין אַזוי באַרעכטיקט פונעם געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט אָדער אַזוי פּראָפּיטבאַר ווי די אונטערנעמונג דורכצופירן די באַפרייאונג פון רוסלאַנד.

אויסגעבנדיק איין ביליאָן רובל, וועט די מענטשהייט צוריקקריגן ניט ווייניקער פון פינף ביליאָן, דאָס הייסט, פינף הונדערט פּראָצענט פּער יאָר, מיט דעם אויסזיכט אויף אַ פאַרגרעסערונג פון נאָך אַ הונ־דערט אָדער צוויי הונדערט פּראָצענט אין פּראָפּיטן יעדעס יאָר.

וואו וואָלט איר געקאָנט מאַכן בעסערע געשעפטן?

3. אַ בליק הינטער די קוליסן

אַן אַריינבליק אין אייניקע פון די פאַנטאַסטישע אַנטי־דעמאָקראַטישע און אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען, וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן אויסגעבריט אין דער אונטערוועלט פון איראָפּייאישן גרויס־האַנדל און דיפּלאָמאַטיע, איז אין די שפּעטע ניינצן־צוואַנציקער יאָרן צופעליק מעגלעך געוואָרן אין דייטש־לאַנד.

בעת אַ געווינלעכער אויספאָרשונג אין דער שטאָט פראַנקפורט, האָבן זיך דייטשע פּאָליציי־דעטעקטיוו צופעליק אַנגעשטויסן אויף אַ מאַסע גע־פעלשטע סאָוועטישע באַנקנאָטן (טשערוואָנצעס), וואָס זיינען געלעגן אין אַ סקלאַד, איינגעפּאַקט אין גרויסע פּעקלעך, גרייט איבערגעשיקט צו ווערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

דער פּראָצעס, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, באַקאַנט אַלס דער טשערוואָנעץ־פּראָצעס, איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע סענסאַציע. איידער דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט, זיינען אין לויף פון די געריכט־פאַרהאַנדלונגען אַ צאָל נעמען פון די העכסט־אַנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין אייראָפּע פאַרמישט געוואָרן. צווישן אָט־די פּערזענלעכקייטן זיינען געווען: סער הענרי דעטער־דינג און זיין געהיימניספולער אַגענט, געאָרג בעל; דער צאַרישער אויל־מאַגנאַט, נאָבעל; דער פּראָ־נאַצישער אינדוסטריאַליסט פון באַוואַריע, ווילי שמידט; און דער באַרימטער גענעראַל מאַקס האָפמאַן, וועלכער איז גע־שטאָרבן איידער דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט.

די אָנגעקלאָגטע אין דעם פּראָצעס, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין נאָכמאַכן די סאָוועטישע באַנקנאָטן, זיינען געווען בעל, שמידט און נאָך צוויי גרוזינישע אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערער, וועלכע זיינען פריער געווען פאַר־בונדן מיט נאָי זשאָרדאַניאַ: קאַרומידזע און סאַדאַטעראַשווילי. אין לויף פונעם פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די צילן פון די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען צו פאַרפּלייצן דעם סאָוועטישן קאַווקאַז מיט געפעלשטע באַנקנאָטן, כדי צו באַשאַפן פּאָליטישע אַנגעצויגנקייט און אומאָרדענונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, — האָט דער ריכטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם משפּט, באַמערקט, — ווי אויל־קוואַלן און מינעראַלן, שפּילן, ווייזט אויס, אַ פירנדיקע ראָלע אין אָט־דעם פּלאַן.

באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז דער געלט־פעלשונג פּלאַן איז בלויז געווען אַ קליינע פאַזע פון אַ גיגאַנטישער פאַרשווערונג. דער פּראָ־נאַצישער אינ־דוסטריאַליסט, ווילי שמידט, האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז הויפּטזאַכלעך פאַר־אינטערעסירט אין „אונטערדריקן דעם קאָמוניזם אין דייטשלאַנד"; ער גלויבט אָבער, אַז צוערשט איז נויטיק אַרונטערצוואַרפן דעם סאָוועטישן רעזשים אין רוסלאַנד. ער האָט מודה געווען, אַז ער האָט באַצאָלט גענעראַל האָפמאַנס אויסגאָבן, בעת יענער איז אין 1926 געפאָרן קיין לאָנדאָן איבערצוגעבן דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום אַ קאָפּיע פון זיין פּלאַן וועגן אַ פראַנצויזיש־דייטש־ענגלישן בונד קעגן רוסלאַנד. שמידט האָט דעם געריכט דערקלערט, אַז ער האָט געהאַט „דעם גרעסטן צוטרוי צו גענעראַל האָפמאַן, סיי צוליב זיין

פּערזענלעכן כאַראַקטער און סיי צוליב זיין אָנגעגעבענער פאַרבינדונג מיט גרויסע אויל־אינטערעסן אין ענגלאַנד״.

דער גרוזינישער פאַרשווערער, קאַרומידזע, האָט קלאָר געמאַכט, אַז מיט די „גרויסע אויל־אינטערעסן״ ווערן געמיינט די אינטערעסן פון סער הענרי דעטערדינג, וועלכער איז געווען דער הויפּט געלט־שטיצער פון דער פאַרשווערונג.

אַנדערע עדות האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מעכטיקע פינאַנציעלע און פּאָליטישע גרופּעס פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַ גענויען פּלאַן אָפּצורייסן קאַווקאַז פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלס דער ערשטער שריט אין אַן אַלגעמיינער מלחמה קעגן רוסלאַנד. מען האָט געגרינדעט סינדיקאַטן פאַר דער „עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע פון די באַפרייטע טעריטאָריעס״. דייטשלאַנד האָט געדאַרפט צושטעלן סאָלדאַטן, טעכניקער און וואַפן. די ענגליש־פראַנצויזישע גרופּעס האָבן געדאַרפט אָנווענדן אַ פינאַנציעלן און דיפּלאָמאַטישן דרוק אויף רומעניע און פּוילן, כדי צו פאַרזיכערן זייער אָנטיילנעמען אין דעם קרייץ־צוג.

אַ דאָקומענט, „וואָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר די זיכערקייט פון דייטשלאַנד, אויב מען וואָלט אים פאַרעפנטלעכט״, איז געלייענט געוואָרן אין ריכטערס קאַבינעט און ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. געשמועסט האָט מען, אַז דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איז פאַרמישט אין דעם.

דער פּראָצעס האָט אָנגעהויבן ווערן געפּערלעך. די „ניו־יאָרק טיימס״ פון 23טן נאָוועמבער, 1927, האָט געמאָלדן, אַז „כאָטש „דער [דייטשער] אויסערן־מיניסטעריום און די בריטישע אַמבאַסאַדע דערקלערן, אַז מען וועט גאָרניט באַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט, איז עס פונדעסטוועגן אַן אָפענער סוד, אַז די פּאָליציי האָט געקראָגן באַפעלן צו דערשטיקן דעם גאַנצן ענין״.

דער טשערוואָנעץ־פּראָצעס איז געקומען צו אַ פּלוצימדיקן און אויסערגעוויינלעכן סוף. דאָס דייטשע געריכט האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי מען האָט די באַנקנאָטן קיינמאָל ניט געלאָזט אין צירקולאַציע, ווייל די פּאָליציי האָט זיי פאַרכאַפּט איידער מען האָט זיי פאַרטיילט, איז דעריבער קיין שום פעלשונג אין ענגן זין פון וואָרט ניט פאָרגעקומען. כאָטש מען האָט „באַשטימט באַוויזן, אַז סאָוועטיש געלט איז געפעלשט געוואָרן״, האָט דאָס געריכט דערקלערט, זיינען די פעלשער און זייערע שותפים „צו דעם אָבער באַוואויגן געוואָרן פון אומפּערזענלעכע פּאָליטישע מאָטיוון און זיי זיינען דעריבער באַרעכטיקט צו ווערן באַפרייט״. די באַשולדיקטע פאַרשווערער האָבן פאַרלאָזט דאָס געריכט־הויז פרייע מענטשן.

די צייטונגען האָבן מער ניט געדרוקט קיין איין וואָרט וועגן אָט־דעם

סענסאַציאָנעלן פּראָצעס, נאָכדעם ווי סער הענרי דעטערדינג האָט געמאַכט אַן עפנטלעכע דערקלערונג:

> עס איז אמת, אַז איך האָב געקענט גענעראַל האָפמאַנען. איך האָב אים באַוואונדערט אַלס סאָלדאַט און אַלס פירער. און עס איז אַ שאָד, וואָס ער איז שוין איצט טויט און קאָן זיך אַליין ניט פאַרטיידיקן. איך וועל אים אָבער פאַרטיידיקן. . . . גענעראַל האָפמאַן איז געווען אַן אומבויגזאַמער שונא פונעם באָלשעוויזם. ער האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אויף אַ פּלאַן צו פאַראייניקן די גרויסע מלוכות פאַר אַ קאַמף קעגן דער רוסישער געפאַר. . . . אַז עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אַ קאַמף מיט מאָסקווע, איז באַוואוסט יעדן איינציקן סטודענט פון דער נאָך־מלחמה־פּאָליטיק. עס איז אַ גרויסער פאַרדראָס וואָס ער איז טויט, ווייל ער וואָלט געהאַט אַ פולן ענטפער צו זיינע פאַרלוימדער. . . .

4. דער סוף פון דער וועלט

די פּלאַנירטע אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָפּגעלייגט געוואָרן פון 1929 אויפן זומער פון 1930. די רוסישע ווייס־גוואַרדייאישע קרייזן האָבן אָנגעגעבן, אַז די סיבה פאַרן אָפּלייגן איז די „ניט־צוגעגרייטקייט פון די פראַנצויזן". עס איז אָבער ברייט באַוואוסט געווען, אַז צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס האָבן אויסגעבראָכן חילוקי־דעות וועגן „די איינפלוס־ספערעס אין די באַפרייטע טעריטאָריעס". די בריטישע און פראַנצויזישע גרופּעס האָבן זיך געקריגט איבערן קאָנטראָל פון קאַווקאַז און איבער די גאַנצער קוילן־פעלדער;ביידע האָבן זיך געשטעלט קעגן דייטשלאַנדס פּרעטענזיעס אויף אוקראַינע. אָבער סער הענרי דעטערדינג, דערווירקלעכער פירער פון דער באַוועגונג, איז פונדעסטוועגן געבליבן אָפּטימיסטיש, גלויבנדיק אַז די דאָזיקע חילוקי־דעות קאָנען געלייזט ווערן, און ער האָט מיט זיכערקייט פאָראויסגעזאָגט, אַז די מלחמה וועט זיך אָנפאַנגען אַרום זומער 1930.

דעם 15טן יוני, 1930, ענטפערנדיק אויף אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ ווייס־גוואַרדייער, וועלכער האָט אים געדאַנקט פאַרן דערהאַלטענעם געלט, האָט דעטערדינג געשריבן:

> אויב איר ווילט באמת אויסדריקן אייער דאַנקבאַרקייט, וואָלט איך אייך געבעטן צו טאָן דאָס פאָלגנדיקע: באַמיט זיך אין דעם נייעם רוסלאַנד, וואָס וועט ווידער אויפשטיין אין משך פון עטלעכע חדשים, צו זיין איינער פון די בעסטע זין פון אייער פאָטערלאַנד.

אין אַ חודש אַרום איז סער הענרי דעטערדינג געווען דער הויפּט־רעדנער ביי אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געפּייערט דעם צענטן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון דער רוסישער נאַרמאַל־שול אין פּאַריז, אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע פאַר די זין פון די ווייס־גוואַרדייאישע אָפיצירן און אַריסטאָקראַטן. ביי אָט־דער צערעמאָניע זיינען בייגעווען צאַרישע עמיגראַנטן פּרינצן און פּרינצעסינס, בישאָפן, גענעראַלן, אַדמיראַלן און נידעריקערע אָפיצירן. צוזאַמען מיט זיי זיינען אויך געווען הויך־ראַנגיקע מיטגלידער פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אָנגעקליידט אין זייערע פּאַראַדנע אוניפאָרמען.

דעטערדינג האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע מיט אַ דערקלערונג צו די פאַר־זאַמלטע, אַז מען דאַרף אים ניט באַדאַנקען פאַר זיין הילף צו זייער אַרבעט, ווייל ער דערפילט בלויז זיין חוב צו דער מערב־ציוויליזאַציע. און ווענדנדיק זיך צו אַ גרופּע יונגע אוניפאָרמירטע ווייס־גוואַרדייער צווישן עולם, האָט ער געזאָגט:

איר דאַרפט זיך פאַרלאָזן בלויז אויף זיך אַליין. איר דאַרפט גע־דענקען, אַז אַלע אייערע אַרבעטן און טעטיקייטן וועלן פאַרקומען אויף אייער היימישער רוסישער ערד. די האָפענונג אויף אַ גיכער באַפרייאונג פון רוסלאַנד — וואָס לעבט איצט דורך אַ נאַציאָנאַלן אומגליק — וואַקסט און ווערט שטאַרקער מיט יעדן טאָג. די שעה פון באַפרייאונג פון אייער גרויסן פאָטערלאַנד איז שוין נאָענט.

דער גאַנצער עולם, די פראַנצויזישע אָפיצירן ניט ווינציקער ענטוזיאַסטיש ווי די רוסישע ווייס־גוואַרדייער, האָט אַפּלאָדירט סער הענריס ווייטערדיקע באַהויפּטונג:

די באַפרייאונג פון רוסלאַנד וועט פאַרקומען פיל פריער ווי מיר אַלע דענקען. עס איז אפשר אַ פראַגע פון בלויז עטלעכע חדשים!

אין מיטן פון אָט די מלחמה־צוגרייטונגען איז אָנגעקומען אַן אומ־דערוואַרטער און קאַטאַסטראָפישער איבעררייס: דער וועלט־קריזיס.

דעם 18טן דעצעמבער, 1930, האָט בעניטאָ מוסאָליני אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון דער ווירקונג, וואָס אָט־די אומגעהערטע געשעענישן האָט געהאַט אויף אייראָפּע:

די לאַגע אין איטאַליע איז געווען אַ גוטע ביז האַרבסט 1929, ווען דער אַמעריקאַנער בירזשע־קראַך האָט פּלוצלונג אויפגעריסן ווי אַ

באַמבע. פאַר אונדז אַרעמע אייראָפּיאישע פּראָווינציאַלן איז דאָס געווען אַ גרויסע איבעררעשונג. מיר זיינען פאַרבליבן דערשטוינט, פּונקט ווי די וועלט ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן נאַפּאָלעאָנס טויט. . . . די וואונדער־שיינע סצענע האָט פּלוצלונג צוזאַמענגעבראָכן און מיר האָבן געהאַט אַ ריי שלעכטע טעג. אַקציעס האָבן פאַרלוירן דרייסיק, פערציק און פופציק פּראָצענט פון זייער ווערט. דער קריזיס איז געוואַקסן אַלץ טיפער. . . . פון יענעם טאָג אָן זיינען מיר אויך ווידער אַריינגעשטויסן געוואָרן אין טיפן ים אַריין, און פון יענעם טאָג אָן איז פאַר אונדז דאָס זעגלען אומגעווייגלעך שווער געוואָרן.

אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, מאַסן־דעמאָראַליזאַציע און פאַרצווייפלונג זיינען געווען די אומפאַרמיידלעכע באַגלייטער פונעם עקאָנאָמישן קראַך, וועלכער, אָנפאַנגענדיק זיך אין וואָל־סטריט, האָט זיך אַ טראָג געטאָן ווי אַ שטורעם־ווינט איבער אייראָפּע און אַזיע, און אַריינגעשלעפּט אַלע לענדער, וועלכע האָבן געזאָלט צוזאַמענשטעלן דעם „הייליקן בונד" קעגן באָלשעוויזם.

גרויסע באַנקען און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן געקראַכט כמעט טעגלעך; קליינע אינוועסטירער זיינען רואינירט געוואָרן; אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט ליידיק איבער די גאַסן. און בעת מיליאָנען האָבן געהונגערט, האָט ווייץ געפוילט אין איבערגעפּאַקטע שפּייכלערס; דעם קאָרן־איבערפלוס האָט מען אונטערגעשניטן; קאַווע איז באַנוצט געוואָרן אויף באַהייצן אויוונס; פיש האָט מען צוריק אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. די וועלט האָט מער ניט געקאָנט באַצאָלן פאַר די אומצאָליקע סחורות, וואָס זי האָט געשאַפן. אַ גאַנצע סיסטעם פון עקאָנאָמישער פאַרטיילונג האָט צוזאַמענגעבראָכן.

אין אָנהויב יאָר 1931 האָט מאָנטאַגיו נאָרמאַן, דער פאַרוואַלטער פון דער באַנק פון ענגלאַנד, געשריבן צו מ. מאָרע, פאַרוואַלטער פון דער באַנק פון פראַנקרייך: „אויב מען וועט ניט אָננעמען ווירקזאַמע מיטלען אָפּצוראַטעווען זי, וועט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט צעשמעטערט ווערן אין משך פון אַ יאָר."

אַ וועלט איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין רואינען, און אין מיטן פון אָט דעם שרעקלעכן חורבן האָבן גאַנצע פעלקער צעמישט אַרומגעוואַנדערט ווי פאַר־לוירענע נשמות.

אין וויטן מזרח האָט יאַפּאַן דערזען איר געלעגנהייט. די ערשטע פאַזע פונעם טאַנאַקאַ־מעמאָראַנדום האָט זיך אָנגעהויבן.

אין דער נאַכט פונעם 18טן סעפּטעמבער, 1931, האָבן יאַפּאַנעזישע מילי־טערישע כוחות זיך אַריינגעריסן אין מאַנדזשוריע. די כינעזישע קאָמינטאַנג־

אַרמייען, וואָס האָבן נאָך אַלץ געפירט אַ ברודער־קריג קעגן די כינעזישע קאָמוניסטן, זיינען געכאַפּט געוואָרן אומגעריכט און האָבן זיך ווייניק קעגנגעשטעלט. יאַפּאַן האָט זיך דורכגעריסן דורך מאַנדזשוריע „צו ראַטעווען כינע פון באָלשעוויזם".

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, כאָטש ניט פּונקט אַזוי ווי מען האָט זי פּלאַנירט.

קאַפּיטל 13

דריי פּראָצעסן

1. דער פּראָצעס פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי

דאָס איינציקע לאַנד, וועמען דער וועלט־קריזיס האָט ניט באַווירקט, איז געווען דאָס זעקסטל פון דער ערד, וואָס מען האָט בכיוון אויסגעשלאָסן פון וועלט־ענינים זינט 1917 — דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

בעת אַלע אַנדערע פעלקער האָבן זיך געצאַפּלט אין דעם קלעם פונעם קריזיס, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך פאַרנומען אויף דער סאַמע ריזיקסטער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער אויסשפּרייטונג אין דער געשיכטע. סטאַלינס ערשטער פינף־יאָר פּלאַן האָט דאָס אַלטע רוסלאַנד אַ שטויס געטאָן צו אומדערהערטע שעפערישע טאָטן. גאַנצע שטעט זיינען אויסגעוואַקסן אויף די פּוסטע סטעפּעס; נייע שאַכטעס, מילן און פאַבריקן זיינען אויפגעשפּרונגען. מיליאָנען פויערים האָבן זיך איבער נאַכט פאַרוואַנדלט אין געניטע אַרבעטער, אינזשעניערן, וויסנשאַפטלייט, דאָקטוירים, אַרכיטעקטן און לערער. אין עטלעכע יאָר איז דערגרייכט געוואָרן דאָס וואָס מען פלעגט דערגרייכן אין טויזנט יאָר. פויערים, וועמעס אורעלטערן האָבן פון די סאַמע פריסטע צייטן אָן געבויגן זייערע מידע פלייצעס איבער די פרימיטיווע סערפּן, גראָב־אייזנס און הילצערנע אַקער־אייזנס, האָבן איצט אַרונטערגענומען די תבואה פון דער פרוכטבאַרער ערד מיט טראַקטאָרן און קאָמבאַינען, און באַקעמפט די תבואה־פעסטן מיט כעמישע שטאָפן געשפּריצט פון עראָפּלאַנען. און אין מיטן פון אָט־דער ריזיקער נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער אָנשטרענגונג איז אויסגעוואַקסן אַ נייער סאָוועטישער דור, וואָס האָט ניט געוואוסט פון צאַריש־טיראַנישער דערנידעריקונג.

אין דער זעלביקער צייט האָט די סאָוועטן־רעגירונג שטאַרק באַקעמפט אירע אינעווייניקסטע שונאים. דריי פּראָצעסן האָבן אויפגעדעקט און צעשמעטערט די „טאָרגפּראָם"־אינטריגע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם

לעצטן הויפט־פּאַרזוך פונעם ענגליש־פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם און דער צאַרישער קאָנטער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

דעם 28טן אָקטאָבער, 1930, האָט מען דעם פּראָפעסאָר ראַמזין, צוזאַמען מיט נאָך פיל אַנדערע פירער און מיטגלידער פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי, פאַרנומען און אַרעסטירט. אָגפּו־אַגענטן האָבן אין דער זעלביקער צייט גע־מאַכט איבערפאַלן איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און די אונטערערדישע מיטגלידער פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע, מענשעוויסטישע און ווייס־גוואַרדייאישע באַוועגונגען זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תּפיסות, צוזאַמען מיט אַ צאָל פּוילישע, פראַנצויזישע און רומענישע געהיים־דינסט אַגענטן.

דער פּראָצעס פון די פירער פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי איז פאָר־געקומען אין סאָוועטישן העכסטן געריכט אין מאָסקווע און האָט געדויערט פון דעם 20טן נאָוועמבער ביז דעם 7טן דעצעמבער, 1930. די אַכט אָנ־געקלאָגטע, איינגעשלאָסן פּראָפעסאָר ראַמזין און וויקטאָר לאַריטשעוו, זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין העלפן אויסלענדישע פאַרשווערונגען קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; אין דורכפירן שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן; און אין פּלאַנירן אַרונטערצוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג. געשטעלט לפני די באַוויזן, וואָס די סאָוועטישע שפּיאָנאַזש־אַגענטן האָבן אָנגעזאַמלט קעגן זיי, האָבן די באַשולדיקטע איינער נאָכן אַנדערן זיך מודה געווען אין זייער שולדיקייט. זייער עדות־זאָגן האָט ניט בלויז אָנגעגעבן די פולע פּרטים וועגן זייער שפּיאָנאַזש־סאַבאָטאַזש אַרבעט, נאָר האָט אויך אַריינגעצויגן סער הענרי דעטערדינג, קוירנעל זשואַנווי, לעסלי אורקוהאַרט, רעימאָנד פּואַנ־קאַרעי און נאָך אַנדערע אָנגעזעענע אייראָפּייאישע אָפיצירן, שטאַטלייט און געשעפטלייט, וואָס האָבן געשטיצט די אינדוסטריעלע פּאַרטיי און דעם „טאָרגפּראָם“.

פינף פון די אָנגעקלאָגטע — איינגעשלאָסן פּראָפעסאָר ראַמזין און וויקטאָר לאַריטשעוו — האָט מען פאַרמשפּט צו דער העכסטער שטראָף, געשאָסן צו ווערן אַלס פאַררעטער פון זייער לאַנד. די אַנדערע דריי אָנגעקלאָגטע — טעכ־ניקער, וואָס האָבן געאַרבעט אונטער באַפעלן — האָט מען פאַרמשפּט צו צען יאָר תּפיסה.*)

---

*) צוויי טעג נאָכן פּראָצעס, האָט פּראָפעסאָר ראַמזין מיט נאָך פיר אָנגעקלאָגטע, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, געווענדעט זיך צום סאָוועטישן העכסטן געריכט מיט אַ בקשה פאַר אַ מחילה. דאָס געריכט האָט באַוויליקט די בקשה און האָט פאַרביטן די טויט-שטראָף אויף צען יאָר געפענגעניש, אויפן גרונט דערפון, וואָס ראַמזין און זיינע קאָלעגן זיינען בלויז געווען די שפּילצייג פון די אמתע פאַר-שווערער, וועלכע האָבן זיך געפונען מחוץ דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. אין שפּעטער-

2. דער פּראָצעס פון די מענשעוויקעס

באַלד נאָך דער מפּלה פון דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי, האָבן די סאָוועטישע באַאַמטע ווידער דורכגעפירט אַן איבערפאַל. דעם 1טן מערץ, 1931, זיינען פערצן פירער פון אַ פאַרצווייגטן סאַבאָטאַזש־רינג, וואָס איז באַשטאַנען פון געוועזענע מענשעוויקעס, געשטעלט געוואָרן צום פּראָצעס אין סאָוועטישן העכסטן געריכט אין מאָסקווע.*)

צווישן די אָנגעקלאָגטע אינעם מענשעוויסטישן פּראָצעס זיינען געווען אַ צאָל הויך־געשטעלטע באַאַמטע אין די וויכטיקסטע סאָוועטישע אַדמיניסטראַטיווע און טעכנישע אַגענטורן. אין די ערשטע טעג פונעם סאָוועטישן רעזשים האָבן אָט־די מענשעוויקעס כלומרשט אויפגעגעבן זייער שנאה צו די באָלשעוויקעס. און בעת זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי און מיט אַנדערע געהיימע אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן, האָבן זיי דערווייל זיך אַריינגעדרייט אויף וויכטיקע רעגירונג־שטעלעס. איינער פון די מענשעוויסטישע פאַרשווערער, גראָמאַן, האָט געקראָגן אַ הויכע שטעלע אין

דיקע יאָרן איז פּראָפעסאָר ראַמזין, וועמען די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר נייע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אינגאַנצן איבערגעוואונען געוואָרן פאַרן סאָוועטישן לעבן און האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכן ווערטפולע ביישטייערן צו דער אינדוסטריעלער פּראָגראַם פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. דעם 7טן יולי, 1943, איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן לענין-אָרדן און האָט באַקומען די סטאַלין-פּרעמיע פון 30,000 דאָלער פאַר זיין דערפינדונג פון אַ פאַראייגפאַכטן טורבאָ-גענעראַטאָר, וואָס איז, ווי מען זאָגט, דער סאַמע בעסטער אין דער וועלט. לויט אַ דעקרעט פונעם קרעמל טראָגט אָט דער טורבאָ-גענעראַטאָר דעם דערפינדערס נאָמען.

*) די מענשעוויקעס זיינען געווען אַ פראַקציע אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען די אָריגינעלע רוסישע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע. ביים צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז אין 1903 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן, האָט די אָרגאַניזאַציע זיך געשפּאָלטן אויף צוויי קעגנערישע גרופּעס. שפּעטער האָבן די דאָזיקע צוויי גרופּעס זיך אָרגאַניזירט אין צוויי באַזונדערע פּאַרטייען. לעניגס גרופּע האָט זיך גערופן די באָלשעוויסטישע (פונעם רוסישן וואָרט „באָלשינסטוואָ", וואָס מיינט די מערהייט); לעניגס קעגנער האָט מען גערופן מענשעוויקעס (פונעם רוסישן וואָרט „מענשינסטוואָ", וואָס מיינט די מינדערהייט). די באָלשעוויקעס האָבן שפּעטער, אויף לעניגס פאָרשלאָג, אָנגענומען דעם נאָמען קאָמוניסטן, און דער אָפיציעלער נאָמען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז געוואָרן: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון רוסלאַנד (באָלשעוויקעס). די מענשעוויקעס זיינען געווען ענלעך צו די אייראָפּיאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן, מיט וועמען זיי האָבן איינגעשטעלט פערזענלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען.

דער סאָוועטישער אינדוסטריעלער פּלאַניר־ביוראָ (גאָספּלאַן), און האָט געמאַכט פאַרזוכן צו סאַבאָטאַזשירן טיילן פונעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן דורך צונויפשטעלן פאַלשע אָפּשאַצונגען און דורך פאַרקלענערן די פּראָדוקציע־צילן אין וויכטיקע אינדוסטריעס.

צווישן 1928 און 1930 האָט די „אַלפּאַרבאַנדישע ביוראָ", וואָס איז געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געהיימער מענשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, דערהאַלטן אַ סך־הכל פון אומגעפער 500,000 רובל פון אויסלענדישע קוואַלן. דער גרעסטער ביישטייערער איז געווען דער טאָרגפּראָם, אָבער אויך אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס האָבן געמאַכט באַדייטנדיקע ביישטייערונגען צו די פאַרשווערער און אָנגעהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונגען מיט זיי. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע קאָנטראָלירט פון אַנטי־סאָוועטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן, האָט שטאַרק געשטיצט די מענשעוויקעס.

לויט די אָנגעקלאָגטע, איז זייער הויפּט־פאַרמיטלער מיט די אויסלענדישע אַנטי־סאָוועטישע קרייזן געווען דער געוועזענער רוסישער מענשעוויסטישער פירער רפאל אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז נאָך דער רעוואָלוציע אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. איינער פון די הויפּט־פירער פון דער פאַרשווערונג, וואַסילי שער, האָט עדות־געזאָגט:

> אין יאָר 1928 איז אַבראַמאָוויטש אָריבערגעקומען פון אויסלאַנד. מיר, די מיטגלידער פון דער „אַלפּאַרבאַנדישער ביוראָ", זיינען פריער אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער רייזע. . . .
>
> אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו לייגן דאָס הויפּט־געוויכט פון דער אַרבעט אויף גרופּעס פאַראַנטוואָרטלעכע סאָוועטישע אָנגעשטעלטע. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אָט־די גרופּעס מוזן פאַראייניקט ווערן און דאַרפן אָנפאַנגען אַ מער אַנטשלאָסענעם טעמפּ פון שטערערישער טעטיקייט.

אַ צווייטער מענשעוויסטישער פאַרשווערער, לאַזאַר זאַלקינד, האָט דעם געריכט געזאָגט:

> . . . אַבראַמאָוויטש האָט געצויגן דעם שלוס, אַז עס איז נויטיק אָנצוהייבן מיט אַקטיווע סאַבאָטאַזש־מעטאָדן אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמישער סיסטעם, כדי אָרונטערצורייסן די סאָוועטישע עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין די אויגן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די פּויערשע מאַסן. די צווייטע פאַזע פון קאַמף קעגן דער

סאָוועטן־מאַכט איז מיליטערישע אינטערווענציע, האָט אַבראַמאָוויטש דערקלערט.*)

דעם 9טן מערץ, 1931, האָט דער סאָוועטישער העכסטער געריכט אַרויס־געגעבן זיין אַנטשיידונג. די מענשעוויסטישע אָנגעקלאָגטע זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט תפיסה־טערמינען פון פינף ביז צען יאָר.

3. דער פּראָצעס פון די וויקערס־אינזשעניערן

אַרום 9:30 אין אָונט, דעם 11טן מערץ, 1933, האָט די סאָוועטן־רעגירונג דערלאַנגט דעם לעצטן קלאַפּ קעגן די רעשטלעך פון דער „טאָרגפּראָם״־פאַרשווערונג. אַגפּו־אַגענטן אין מאָסקווע האָבן אַרעסטירט זעקס ענגלישע אינזשעניערן און צען רוסן—אַלע אָנגעשטעלטע אין דער מאָסקווער ביוראָ פון דער ענגלישער עלעקטרישער אינזשעניער־פירמע, מעטראָפּאָליטאַן־וויקערס. די ענגלישע בירגער און זייערע רוסישע פאַרבינדעטע האָט מען אָנגעקלאָגט אין האָבן דורכגעפירט שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד לטובת דער ענגלישער שפּיאָנאַזש־דינסט.

דער הויפּט וויקערס־פאַרטרעטער אין מאָסקווע איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען קאַפּיטאַן סי. ס. ריטשאַרדס. ער איז אין איילעניש צוריקגעפאָרן קיין ענגלאַנד אַביסל פריער איידער די אַרעסטן זיינען פאָרגעקומען. ריטשאַרדס איז געווען אַן ענגלישער אַגענט אין רוסלאַנד זינט 1917, בעת ער האָט, אַלס קאַפּיטאַן פון אַ שפּיאָנאַזש־דינסט אָפּטייל, אָנטיילגענומען אין די אַנטי־סאָוועטישע אינטריגעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען איידער די אַליאירטע מאַכטן האָבן פאַרנומען אַרכאַנגעלסק. אונטער ריטשאַרדסעס פירערשאַפט איז

---

*) דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַרדאַמט דעם פּראָצעס פון די מענשע־וויקעס אַלס „פּאָליטישע פאַרפאָלגונג״ מצד סטאַלינס „ביוראָקראַטישער דיקטאַטור״. אַבראַמאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט אָפּגעלייקנט, אַז ער איז געפאָרן קיין סאָוועטן-פאַרבאַנד און דאָרט אָנטיילגענומען אין געהיימע קאָנפערענצן. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז „דאָרט האָט זיך געפונען אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון אונדזער פּאַרטיי, וועמעס פאַרטרעטער אָדער איינציקע מיטגלידער שטייען דורך בריוו און פונעם אָרגאַניזאַציע-שטאַנדפּונקט אין פאַרבינדונג מיט אונדזער אויסלענדישער דעלעגאַציע אין בערלין״.

אַבראַמאָוויטש איז שפּעטער אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וועגן זיינע איצטיקע טעטיקייטן אין אַמעריקע, זע זייט 405.

די מאָסקווער ביוראָ פון מעטראָ־וויקערס שפּעטער געוואָרן דער צענטער פון די ענגלישע געהיים־דינסט אָפּעראַציעס אין רוסלאַנד.

צווישן די ענגלישע „טעכניקער", וואָס די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן אַרעסטירט אין מאָסקווע, האָט זיך געפונען איינער פון קאַפּיטאַן ריטשאַרדסעס פריערדיקע שותּפים אין דער אַרכאַנגעלסקער עקספּעדיציע, עלען מאַנקהאַוז, וועלכער איז געווען ריטשאַרדסעס הויפּט־געהילף.

כאָטש מאַנקהאַוז האָט זיך דערקלערט פאַר ניט־שולדיק אין די באַשול־דיקונגען, האָט ער זיך דאָך מודה געווען, אַז ער איז פריער געהאַט געווען פאַר־בונדן מיט ריטשאַרדסן. ער האָט עדות־געזאָגט:

> איך האָב באַגעגנט מר. ריטשאַרדסן אין 1917 אין מאָסקווע און שפּעטער אין אַרכאַנגעלסק, וואו, איך באַשטעטיק, ער האָט פאַרנומען די פּאָזיציע פון קאַפּיטאַן פון דער שפּיאָנאַזש־דינסט. מיר איז באַ־וואוסט, אַז מר. ריטשאַרדס איז געווען אין מאָסקווע אין אַפּריל אָדער אין מאַי פון יאָר 1918. איך ווייס ניט צוליב וואָס ער איז געקומען קיין מאָסקווע, אָבער איך ווייס דערפון וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אין געהיים אַריבער די גרענעץ קיין פינלאַנד צו יענער צייט. אין 1923 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אַ דירעקטאָר פון דער מעטראָ־פּאָליטאַן־וויקערס עלעקטרישער קאָמפּאַניע. אין זעלביקן יאָר איז ער אַוועק קיין מאָסקווע כדי צו פאַרהאַנדלען וועגן צושטעלן מאַטעריאַלן.

מאַנקהאַוזן האָט מען צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד אין 1924 צו אַרבעטן אונטער ריטשאַרדסן אין דער וויקערס־ביוראָ אין מאָסקווע.

לעסלי טשאַרלז טאָרנטאָן, נאָך איינער פון די אַרעסטירטע וויקערס־אָנגעשטעלטע, וועמען וויקערס האָט געשיקט קיין מאָסקווע אַלס הויפּט־בויאונג־אינזשעניער, איז געווען דער זון פון אַ רייכן צאַרישן טעקסטיל־פאַברי־קאַנט און לויטן געבורט אַ רוסישער בירגער. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַן ענגלישער בירגער און אַן אַגענט פון דער ענגלישער שפּיאָנאַזש־דינסט. צוויי טעג נאָך זיין אַרעסט, האָט טאָרנטאָן אָנגעשריבן און אונטער־געשריבן אַן געשוואוירענע דערקלערונג, וואָס האָט געזאָגט:

> אַלע אונדזערע שפּיאָנאַזש־אָפּעראַציעס אין דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דער ענגלישער שפּיאָ־נאַזש־דינסט דורך איר אַגענט, סי. ס. ריטשאַרדס, וועלכער האַלט אָן די שטעלע פון פאַרוואַלטונג־דירעקטאָר פון דער מעטראָפּאָליטאַן־וויקערס עלעקטרישע עקספּאָרט קאָמפּאַניע, לימיטעד.

די שפּיאָנאַזש־אָפּעראַציעס אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון מיר און מאַנקהאַוזן, פאַרטרעטער פון דער אויבן־דערמאָנטער ענגלישער פירמע, וואָס זיינען, לויט אַן אָפיציעלן אָפּמאַך, ליפעראַנטן צוצושטעלן טורבינעס, עלעקטרישע אויסשטאַטונג און טעכנישע הילף צו דער סאָוועטן־רעגירונג. לויט די באַפעלן, וואָס סי. ס. ריטשאַרדס האָט מיר וועגן דעם געגעבן, איז דער ענגלישער פּערסאָנאַל, באַלד נאָך זייער אָנקומען אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציעס און אינסטרואירט געוואָרן וואָס פאַר אינפאָרמאַציע עס ווערט פאַרלאַנגט.

דער וויקערס־„אינזשעניער" וויליאַם מעקדאָנאַלד האָט זיך אויך מודה געווען אין די קלאָגן קעגן אים און דערקלערט:

דער פירער פון דער אויסשפּיר־אַרבעט אינעם פּ.ס.ס.ר., פאַרשטעלט אונטער דער שוץ פון מעטראָפּאָליטאַן־וויקערס, איז געווען מר. טאָרנטאָן, וועלכער האָט געאַרבעט אין מאָסקווע אַלס דער הויפּט בויאונג־אינזשעניער. דער הויפּט־פאַרטרעטער איז געווען מר. מאָנקהאַוז, וועלכער האָט אויך אָנטיילגענומען אין מר. טאָרנטאָנס אומלעגאַלער אַרבעט. מר. טאָרנטאָנס געהילף פאַר רייזע־צוועקן און זיין מיט־שותף אין דער שפּיאָנאַזש־אַרבעט איז געווען דער אינזשעניער קושני, אַן אָפיציר אין דער ענגלישער אַרמיי, און איצט אַן אינזשעניער אין דער מעטראָפּאָליטאַן־וויקערס פירמע. דאָס איז די הויפּט־גרופּע פון אויסשפּיר־אַרבעטער, וועלכע האָבן דורכגעפירט שפּיאָנאַזש־אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער אַרעסט פון די וויקערס־„אינזשעניערן" האָט אויפגערודערט אַ שטורעם פון אַנטי־סאָוועטישע פּראָטעסטן אין ענגלאַנד. דער פּרעמיער, סטענלי באָלדווין, ניט וואַרטנדיק צו הערן די קלאָגן און די באַווייזן אין דעם ענין, האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז די ענגלישע בירגער וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן זיינען אינגאַנצן אומשולדיק. טאָרישע פּאַרלאַמענט־מיטגלידער האָבן ווידעראַמאָל געפּאָדערט איבערצורייסן אַלע דיפּלאָמאַטישע און האַנדל־באַציאונגען מיט מאָסקווע. דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, סער עסמאָנד אָווי, אַ פריינט פון סער הענרי דעטערדינג, איז אַריין מיט אַ שטורעם אין דעם סאָוועטישן אויסלאַנד־קאָמיסאַריאַט אין מאָסקווע און האָט

דערקלערט מאַקסים ליטווינאָוון, אַז די אַרעסטירטע מוזן גלייך, אַן אַ פּראָצעס, פריגעלאָזט ווערן, כדי אויסצומיידן „ערנסטע רעזולטאַטן אין אונדזערע קעגנ־זייטיקע באַציאונגען".

ווען דער פּראָצעס האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן דעם 12טן אַפּריל, אינעם בלויען זאַל פון דעם אַלטן נאָבל־קלוב אין מאָסקווע, האָט די לאָנדאָנער „טיימס" פון יענעם טאָג גערעדט וועגן אַ „געריכט, אָנגעפילט מיט אייגענע מענטשן, וואָס זיינען אונטערטעניק צו זייערע פאַרפאָלגער". דער „אָבזירווער" פונעם 16טן אַפּריל האָט באַשריבן דעם פּראָצעס אַלס „אַ פּייניקונג, אָנגעפירט אין נאָמען פון גערעכטיקייט, אָבער וואָס האָט ניט קיין שום ענלעכקייט צו וועלכע עס איז יורידישע פּירונגען באַקאַנט צו ציוויליזאַציע". דער „דעילי עקספּרעס" פונעם 18טן אַפּריל האָט באַשריבן דעם סאָוועטישן פּראָקוראָר ווישינסקי: „דער מערן־האַריקער, רויט־פּנימדיקער רוס האָט געשפּיגן באַ־ליידיקונגען . . . געקלאַפּט איבערן טיש." דער „איוונינג סטאַנדאַרד" האָט די זעלביקע וואָך באַשריבן דעם סאָוועטישן פּאַרטיידיקונג־אַדוואָקאַט בראַודע, אַלס „אַ מין איד, וואָס מען קאָן יעדן אָוונט באַגעגענען אויף שאַפּטסבערי עוועניו".

מען האָט געמאַכט דעם איינדרוק אויף דעם ענגלישן עולם, אַז עס קומט ניט פֿאַר קיין אמתער פּראָצעס איבער די באַשולדיקטע, און אַז די ענגלישע אינזשעניערן זיינען אונטערגעוואָרפן די סאַמע שרעקלעכסטע פּייניקונגען, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי אַ ווידוי. דער „דעילי עקספּרעס" פון 20טן אַפּריל האָט אויסגעשריגן: „אונדזערע לאַנדסלייט גייען דורך די גרויזאַמקייטן פון אַ רוסישער געפענגעניש!" די „טיימס" פונעם 17טן אַפּריל האָט דערקלערט: „מען זאָרגט זיך זייער פיל וועגן דעם וואָס עס געשעט אין תפיסה מיט מר. מאַקדאָנאַלדן צווישן די זיצונגען פונעם געריכט. די וואָס זיינען שוין לאַנג באַקאַנט מיט די טשעקאַ־מעטאָדן גלויבן, אַז זיין לעבן שטייט אין געפאַר." לאָרד ראָטהערמירס צייטונג „דעילי מעיל", וועלכע איז אין עטלעכע חדשים אַרום געוואָרן דער האַלב־אָפיציעלער אָרגאַן פון סער אָסוואַלד מאָזליס ענג־לישער פאַשיסטישער פּאַרטיי, האָט דערציילט אירע לייענער אַ מעשה וועגן אַ מאָדנעם „טיבעטישן נאַרקאָטישן שטאָף", וואָס די אָגפּו באַנוצט אָפּצושוואַכן די ווילן־קראַפט פון אירע „קרבנות".

אַלע בריטישע בירגער האָבן אָבער שפּעטער אויפגעדעקט, אַז די סאָ־וועטישע באַאַמטע האָבן זיי באַהאַנדלט מיט גרויס העפלעכקייט און איינזעעניש. מען האָט קיינעם פון זיי ניט אונטערגעוואָרפן צו וועלכן עס איז צוואַנג, פּייניקונג־מעטאָדן אָדער דרוק. עלען מאַנקהאַוז, וועלכער האָט אין אַנזיכט פון אַ באַרג באַווייזן כסדר מילד אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געוואוסט וואָס זיינע

קאַלעגן האָבן געטאָן, האָט דעם 15טן מערץ געמאַכט אַן אָפֿענע דערקלערונג אין „לאָנדאָן דיספּעטש" וועגן זײַנע אַגפּו־אויספֿאָרשער:

זי זײַנען געווען אויסערגעוויינלעך פֿײַן צו מיר און זייער שטאַרק יושרדיק אין זייער אויספֿרעגן. מײַנע אויספֿאָרשער זעען אויס צו זײַן ערשט־קלאַסיקע מענטשן, וועלכע קענען זייער אַרבעט. די תּפֿיסה פֿון דער אַגפּו איז דאָס לעצטע וואָרט אין טיכטיקייט, איז דורכאויס ציכטיק, רואיק און גוט אָרגאַניזירט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין ווען עס איז געווען אַרעסטירט, אָבער איך האָב באַזוכט ענגלישע תּפֿיסות און איך קען עדות־זאָגן, אַז די אַגפּו־קוואַרטירן זײַנען פֿיל בעסער. . . . די באַאַמטע פֿון דער אַגפּו . . . האָבן אַרויסגעוויזן יעדע זאָרג פֿאַר מײַן באַקוועמלעכקייט.

פֿונדעסטוועגן האָט די ענגלישע רעגירונג, אונטערן דרוק פֿון די טאָריס, אַרויפֿגעלייגט אַ פֿאַרבאָט אויף אַלע אימפּאָרטן פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. דער האַנדל צווישן די צוויי לענדער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דעם 15טן אַפּריל, נאָך אַ פּריוואַטן שמועס מיט ענגלישע פֿאַרטרעטער אין מאָסקווע, האָט לעסלי טאָרנטאָן פּלוצלונג צוריקגעצויגן זײַן אונטערגעשריבע־נעם ווידוי. אין געריכט האָט ער צוגעגעבן, אַז די פֿאַקטן, וועלכע ער האָט אָנגעגעבן, זײַנען אין עצם ריכטיק; אָבער דאָס וואָרט „שפּיאָן", האָט ער געטענהט, איז ניט ריכטיק. באַמיענדיק זיך צו דערקלערן פֿאַרוואָס ער האָט דאָס דאָזיקע וואָרט תּחילת באַנוצט, האָט טאָרנטאָן געזאָגט, אַז ער איז בשעת מעשה געווען „אויפֿגערעגט". בעת דער סאָוועטישער פּראָקוראָר ווישינסקי האָט אים אין עפֿנטלעכן געריכט אויסגעפֿרעגט, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט זײַן ווידוי געמאַכט לויט זײַן „אייגענעם פֿרײַען ווילן", „אָן שום דרוק, אָדער צוואַנג", און אין זײַנע אייגענע ווערטער:

ווישינסקי: איז גאָרניט צעדרייט געוואָרן?
טאָרנטאָן: ניין, איר האָט גאָרניט געביטן.
ווישינסקי: אָבער אפֿשר האָט [דער געהילף־פּראָקוראָר ראָדזשינסקי] דאָס געטאָן?
טאָרנטאָן: ניין.
ווישינסקי: אפֿשר האָט די אַגפּו עפּעס צעדרייט?
טאָרנטאָן: ניין, איך האָב עס אונטערגעשריבן מיט מײַן אייגענער האַנט.
ווישינסקי: און אויך מיט אײַער קאָפּ? ווען איר האָט דאָס

געשריבן, האָט איר דאָס באַטראַכט און נאָכגעדענקט?
טאַרנטאָן: (ענטפערט ניט.)
ווישינסקי: און וועמעס קאָפּ טראַכט פאַר אייך איצט?
טאַרנטאָן: איצט פיל איך אַנדערש.

אויך וויליאַם מעקדאָנאַלד האָט, נאָך אַ פּריוואַטן שמועס מיט ענגלישע פאַרטרעטער אין מאָסקווע, פלוצלונג צוריקגעצויגן זיין פריערדיקע דער־קלערונג. די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן אים אָבער געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיט די אָנגעזאַמלטע באַווייזן, און מאַקדאָנאַלד האָט ווידער געביטן זיין מיינונג און ווידער צוגעגעבן זיין שולד. זיינע לעצטע ווערטער אין געריכט זיינען געווען: „איך האָב צוגעגעבן מיין שולד און האָב מער ניט וואָס צוצוגעבן."

דעם 18טן אַפּריל האָט דער סאָוועטישער העכסטער געריכט אַרויסגעגעבן זיין פּסק. אַלע פאַרמישטע רוסן, מיט איין אויסנאַם, זיינען געפונען געוואָרן שולדיק און פאַרמשפּט געוואָרן צו תּפיסה־טערמינען פון דריי ביז צען יאָר. דער ענגלישער בירגער אַלבערט גרעגאָרי איז פרייגעשפּראָכן געוואָרן אויפן גרונד, אַז עס זיינען קעגן אים ניט געווען גענוג באַווייזן. די אַנדערע פינף ענגלישע אינזשעניערן זיינען געפונען געוואָרן שולדיק. מאָנקהאַוז, נאָרדוואַל און קושני זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אַרויסגעשיקט צו ווערן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. לעסלי טאַרנטאָן און וויליאַם מעקדאָנאַלד זיינען פאַרמשפּט גע־וואָרן — דער ערשטער צו צוויי און דער צווייטער צו דריי יאָר תּפיסה.

די אורטיילן זיינען געווען מילדע און דער ענין איז שנעל פאַרענדיקט געוואָרן. די סאָוועטן־רעגירונג האָט דערגרייכט איר ציל צו צעשמעטערן די רעשטלעך פון דער „טאָרגפּראָם"־פאַרשווערונג און דעם צענטער פון די ענג־לישע שפּיאָנאַזש־אָפּעראַציעס אין רוסלאַנד. אַ קעגנזייטיקער קאָמפּראָמיס איז דערגרייכט געוואָרן צווישן דער סאָוועטישער און ענגלישער רעגירונג. דער האַנדל איז באַנייט געוואָרן און די ענגלישע אָנגעקלאָגטע, אייגעשלאָסן טאַרנ־טאָן און מעקדאָנאַלד, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צוריק קיין ענגלאַנד.

אָבער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ פיל מער געפערלעכע דערשיינונג ווי די טאָרישע שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַדאָלף היטלער האָט פאַרכאַפּט די העכסטע מאַכט אין דייטשלאַנד.

קאַפּיטל 14

דער סוף פון אַן עפּאָכע

די פּראָפּאַגאַנדישע לעגענדע וועגן דער „געפאַר פון באָלשעוויזם" האָט די נאַציס אַוועקגעשטעלט ביי דער מאַכט. אונטערן אויסרייד פון ראַטעווען דייטשלאַנד פון קאָמוניזם, האָט זיך אַדאָלף היטלער פון אַן אומבאַקאַנטן עסט־רייכישן קאָרפּאָראַל און רייכסווער־שפּיאָן דערהויבן צום קאַנצלער־אַמט פון דייטשישן רייך. אין דער נאַכט פונעם 27טן פעברואַר, 1933, האָט היטלער זיך נאָך העכער דערהויבן דורך אַ מעכטיקן פּראָוואָקאַציע־מיטל: דאָס פאַרברענען דעם דייטשן רייכסטאַג. דאָס פייער, וואָס די נאַציס אַליין האָבן אָנגעצונדן, האָט היטלער דערקלערט, האָט געזאָלט זיין דער סיגנאַל פאַר אַ קאָמוניסטישן אויפשטאַנד קעגן דער דייטשער רעגירונג. מיט אָט־דעם אויסרייד, האָבן די נאַציס דעמאָלט דערקלערט אַן אויסנאַם־צושטאַנד אין לאַנד, אַרעסטירט און דערמאָרדעט פירנדיקע אַנטי־פאַשיסטן, און צעשמעטערט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. היטלער איז פון די פאַרברענטע חורבות פונעם רייכסטאַג אַרויס־געקומען דער פירער פונעם דריטן רייך.

דאָס דריטע רייך האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער ווייסער, צאַרישער קאָנטער־רעוואָלוציע, אַלס די רעאַקציאָנערע און אַנטי־דעמאָקראַטישע פעסטונג פון דער וועלט. דער נאַציזם האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאַרגעטערונג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, און האָט געהאַט אין זיין רשות דאָס ריזיקע אינדוס־טריעלע און מיליטערישע עשירות פונעם אויפגעלעבטן דייטשן אימפּעריאַליזם. זיין פּאָליטישער גלויבן איז געווען די ווידעראויפלעבונג פון די פינצטערע שנאות און פאַנאַטישע פאָראורטיילן פון צאַריזם. זיינע שטורם־טרופּן זיינען גע־ווען די אַלטע שוואַרץ־מאהניקעס, וואָס זיינען ניי־געבוירן און דערהויבן געוואָרן צום שטאַנד פון אַ רעגולערן מיליטערישן אַפּאַראַט. מאַסן־פּאָגראָמען און די אויסראָטונג פון גאַנצע פעלקער איז געווען די אָפיציעלע פּראָגראַם פון דער רעגירונג פונעם דריטן רייך. די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" זיינען געווען די נאַצישע אידעאָלאָגיע. די נאַצישע פירער זיינען געווען די גייסטיקע קינדער פון די באַראָן וראַנגעלס און אונגערנס פון דעם ווייסן טעראָר אין רוסלאַנד.

די פופצן יאָר פונעם פאַלשן שלום און דער געהיימער מלחמה קעגן דער

וועלט־דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס אונטערן לאָזונג פון „אַנטי־באָלשעוויזם״ האָבן געבראַכט זייער אומפאַרמיידלעכע פּרוכט. די פלאַמען, וועלכע האָבן פאַרברענט דעם רייכסטאַג, האָבן אינגיכן זיך פאַרשפּרייט און פאַרמערט, ביז זיי האָבן געדראָט דעם גאַנצן ערד־קיילעך.

„מיר פאַנגען אָן דאָרט, וואו מען האָט אונדז איבערגעשלאָגן מיט זעקס יאָרהונדערטער צוריק״, האָט היטלער געשריבן אין זיין „מיין קאַמף״. „מיר דרייען איבער די אייביקע דייטשע עמיגראַציע צום דרום און מערב פון אייראָפּע, און נעמען קוקן צום מזרח. דורך דעם מאַכן מיר אַ סוף פון דער קאָלאָניאַלער און האַנדל־פּאָליטיק פון די פאַר־מלחמה־צייטן און גייען איבער צו דער טעריטאָריעלער פּאָליטיק פון דער צוקונפט. אויב מיר רעדן וועגן נייער ערד, קענען מיר צום ערשטן טראַכטן בלויז וועגן רוסלאַנד און אירע אונטערגעוואָרפענע גרענעץ־לענדער.״

די מאַניע פונעם „אַנטי־באָלשעוויזם״ האָט ווי מיט אַ מעכטיקן מאַגנעט צוגעצויגן די כוחות פון דער וועלט־רעאַקציע און אימפּעריאַליזם, צו שטיצן אַדאָלף היטלערן.

די זעלביקע שטאַטסלייט און מיליטאַריסטן, וועלכע האָבן פריער אונטערגעשטיצט יעדע ווייסע אינטריגע און פאַרשווערונג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען איצט אַרויסגעקומען אַלס די הויפּט־פּאַרטיידיקער און אונטערשטיצער פון נאַציזם. אין פראַנקרייך האָט דער אַנטי־באָלשעוויסטישער קרייז, וועלכער האָט אַרומגערינגלט דעם מאַרשאַל פּאַש און זיינע געהילפן, פּעיטען און וועיגאַן, איגנאָרירט די נאַצישע געפאַר פאַר זייער אייגענעם לאַנד, אין זייער גרויסן אייפער זיך צו פאַרבינדן מיט דער נייער און מעכטיקער אַנטי־באָלשעוויסטישער באַוועגונג. מאַנערהיים פון פינלאַנד, האָרטי פון אונגאַרן, סיראָווי פון טשעכאָסלאָוואַקיע, און אַלע אַנדערע אייראָפּעיאישע פּופּן פון דער געהיימער אַנטי־סאָוועטישער מלחמה, האָבן זיך איבערגעמאַכט פאַרוואַנדלט אין דעם אַוואַנגאַרד פון נאַצישן אַנגריף אין מזרח.

אין מאַי 1933, בלויז עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי היטלער האָט פאַרנומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, איז אַלפרעד ראָזענבערג אַוועק קיין ענגלאַנד צו שמועסן מיט סער הענרי דעטערדינג. דער נאַצישער „פילאָזאָף״ איז געווען אַ גאַסט אין דעם אויל־מאַגנאַטס דאָרפישן גוט אין באָקהורסט פּאַרק, לעבן דעם ווינדזאָר־שלאָס. צווישן די ענגלישע טאָרי־אָנהענגער פון אַן אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייץ־צוג זיינען שוין געווען מעכטיקע און וואַקסנדיקע פּראָ־נאַצי גרופּעס.

דעם 28טן נאָוועמבער, 1933, האָט לאָרד ראָטהערמירס „דעילי מעיל״

אָנגעשלאָגן דעם טאָן, וואָס האָט אינגיכן באַהערשט די ענגלישע אויסלאַנד־פּאָליטיק:

> די דרייסטע יונגע נאַציס פון דייטשלאַנד זיינען איראָפּעס שומרים קעגן דער קאָמוניסטישער געפאַר.... דייטשלאַנד מוז האָבן לעבנס־רוים.... די אַפּווענדונג פון דייטשלאַנדס ענערגיע־רעזערוון און אָרגאַניזיר־פיאיקייטן צום באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, וואָלט געהאָלפן דעם רוסישן פאָלק צוריק איינצופירן אַ ציוויליזירטע עקזיסטענץ, און וואָלט אפשר ווידעראַמאָל פאַרקערט דעם שטראָם פון וועלט־האַנדל צו גוטע צייטן.

אונטער נאַצישער פירערשאַפט, האָבן אַלע צעוואָרפענע כוחות פון אַנטי־באָלשעוויזם, אַנטי־דעמאָקראַטיע און ווייסער קאָנטער־רעוואָלוציע אין דער וועלט געזאָלט מאָביליזירט ווערן אין אַן איינציקער אינטערנאַציאָנאַלער קראַפט, צו צעשמעטערן די איראָפּייאישע דעמאָקראַטיע, אָנצופאַלן אויף סאָוועט־רוסלאַנד און, סוף־כל־סוף, פאַרזוכן צו באַהערשן די וועלט.

עס זיינען אָבער געווען וויטזיכטיקע שטאַטלייט אין די מערב־איראָפּייאישע דעמאָקראַטיעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען היטלערס אַנטי־באָלשעוויזם אַלס אַ פאַרמינדערונג פון אַלע נאַצישע פאַרברעכנס און פאַרשווערונגען. אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געווען צוויי אָנגעזעענע פירער, וואָס האָבן פון תחילת אָן געזען, אַז מיטן זיג פון נאַציזם אין דייטשלאַנד האָט זיך געענדיקט אַן עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. די פופצן יאָר געהיימע מלחמה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויפגעהאָדעוועט אַ מאָנסטער אינעם האַרץ פון איראָפּע, אַ מיליטערישן מאָנסטער, וואָס האָט געדראָט דעם שלום און די זיכערקייט פון אַלע פרייע פעלקער.

בעת היטלערס שטורעם־טרופּערס האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון דייטשלאַנד, שווינגענדיק זייערע דרענגלעך און זינגענדיק: היינט געהערט צו אונדז דייטשלאַנד, מאָרגן — די גאַנצע וועלט! — האָט אַ קלינגענדיקע ענגלישע שטימע אויסגעדריקט אַ וואָרנונג און אַ נביאישע שרעק. דאָס איז געווען די אומדערוואַרטע שטימע פון ווינסטאָן טשוירטשיל, דער פריערדיקער פירער פונעם טאָרישן אַנטי־באָלשעוויזם.

אין דעצעמבער 1933 האָט טשוירטשיל דראַמאַטיש איבערגעריסן מיט זיינע טאָרישע קאָלעגן און האָט אַרונטערגעריסן דעם נאַציזם אַלס אַ געפאַר פאַר דער ענגלישער אימפּעריע. אין אַ דירעקטן ענטפער צו לאָרד ראָטהערמירס באַהויפּטונג, אַז „די דרייסטע יונגע נאַציס פון דייטשלאַנד זיינען איי־

ראַפּעס שומרים קעגן דער קאָמוניסטישער געפאַר", האָט טשוירטשיל געזאָגט:

די דאָזיקע אַלע באַנדעס דרייסטע טעווטאָנישע יונגעלייט, וועלכע מאַרשירן איבער די גאַסן און וועגן פון דייטשלאַנד . . . זוכן געווער, און ווען זיי וועלן האָבן דאָס געווער, וועלן זיי דאַן, גלויבט מיר, פאָדערן מען זאָל זיי אומקערן די פאַרלוירענע טעריטאָריעס און פאַרלוירענע קאָלאָניעס. און ווען אָט די פאָדערונג וועט קומען, וועט דאָס מוזן אויפטרייסלען און אפשר צעשמעטערן ביז צו די פונדאַמענטן יעדעס איינציק לאַנד.

טשוירטשיל האָט גערופן צו אַן אָפּמאַך מיט פראַנקרייך און אַפילו מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. ער איז דערפאַר פאַרשריגן געוואָרן אַלס פאַררעטער און מלחמה־אָנצינדער פון די מענטשן, וועלכע האָבן אים פריער באַזונגען אַלס העלד פון דער אַנטי־באָלשעוויסטישער זאַך.

אויף דער צווייטער זייט פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן האָט אַ צווייטער מאַן געזען, אַז עס האָט זיך געענדיקט אַן עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. דער ביז־לאַנג־צוריק דערוויילטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פרענקלין דעלינאָ רוזוועלט, האָט שאַרף געענדערט די אַנטי־סאָוועטישע פּאָליטיק, וואָס זיין פאָרגייער, פּרעזידענט הערבערט הואווער, האָט נאָכגעפאָלגט. דעם 16טן נאָוועמבער, 1933, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פולע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דעם זעלביקן טאָג האָט פּרעזידענט רוזוועלט געשיקט אַ בריוו צו מאַקסים ליטווינאָוו, אין וועלכן ער האָט געמאַכט די באַהויפּטונג:

איך גלויב, אַז די באַציאונגען, וואָס זיינען איצט איינגעשטעלט צווישן אונדזערע פעלקער, וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן נאָרמאַל און פריינטלעך, און אַז אונדזערע פעלקער וועלן פון איצט אָן צוזאַמענאַרבעטן פאַר זייערע קעגנזייטיקע נוצן און פאַר אָפּהיטן דעם שלום פון דער וועלט.

דעם זעלבן יאָר האָט נאַצי־דייטשלאַנד זיך צוריקגעצויגן פון דער פעלקער־ליגע. איר פּלאַץ אינעם קאָלעקטיוון ראַט פון די פעלקער האָט פאַרנומען דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

די נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעפאַנגען. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן עפּאָכע פון די סאַמע פאַנטאַסטישסטע און ריזיקסטע פאַרראַטן אין דער געשיכטע; אַן עפּאָכע פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע, וואָס איז דורכגעפירט

געוואָרן דורך טעראָר, מאָרד, פאַרשווערונג, איבערקערענישן, שווינדל און גענאַרעריי, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט.

זי האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דריטער טייל

רוסלאַנדס פינפטע קאָלאָנע

קאַפּיטל 15

דער וועג צו פּאַראַט

1. אַ בונטאָווּשטשיק צווישן רעוואָלוציאָנערן

פון דער מינוט וואָס היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, איז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטער־רעוואָלוציע געוואָרן אַ פולשטענדיקער טייל פון דעם נאַציישן פּלאַן צו באַזיגן די וועלט. אין יעדן לאַנד האָט היטלער מאָביליזירט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות, וועלכע האָבן זיך אין די פּאַראַגאַנגענע פופצן יאָר געהאַלטן אין אָרגאַניזירן איבער דער וועלט. די דאָזיקע כוחות זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פינפטע קאָלאָנעס פאַר נאַצי־דייטשלאַנד, אָרגאַניזאַציעס פאַר שפּיאָנאַזש, פּאַראַט און טעראָר. די דאָזיקע פינפטע קאָלאָנעס זיינען געווען דער געהיימער אַוואַנגאַרד פון דער דייטשער ווערמאַכט.

איינע פון די סאַמע מעכטיקסטע און וויכטיקסטע פון די דאָזיקע פינפטע קאָלאָנעס האָט אָפּערירט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָנגעפירט איז זי געוואָרן פון איינעם, וועלכער איז מסתמא געווען דער מערקווירדיקסטער פּאָליטישער רענעגאַט אין דער געשיכטע.

דער נאָמען פונעם דאָזיקן מאַן איז געווען לעאָן טראָצקי.

בעת דאָס דריטע רייך איז צו שטאַנד געקומען, איז לעאָן טראָצקי שוין דעמאָלט געווען דער פירער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער, אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערונג מיט מעכטיקע כוחות אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא. טראָצקי האָט אין גלות געפּלאַנעוועט אַרונטערצוּוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג, זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד און איבערנעמען יענע פּערזענלעכע מאַכט, וועלכע ער האָט אַמאָל שיר ניט דערגרייכט.

„עס איז געווען אַ צייט‟, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל געשריבן אין זיין „גרויסע מענטשן פון מיין צייט‟ „ווען טראָצקי איז געשטאַנען גאָר נאָענט צום לייזיקן טראָן פון די ראָמאַנאָווס.‟

אין די יאָרן 1919־1920 האָט די וועלט־פּרעסע טראָצקין באַטיטלט „דער רויטער נאַפּאָלעאָן‟. טראָצקי איז געווען דער קריג־קאָמיסאַר. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, פּראַנטישן מיליטער־שינעל, מיט גלאַנציקע שטיוול, און מיט אַן

אויטאָמאַטיש רעוואָלווער ביי דער זייט, איז טראָצקי אַרומגעפאָרן איבער די שלאַכטפעלדער און געהאַלטן פייערדיקע רעדעס פאַר די רויט־אַרמייאישע סאָלדאַטן. ער האָט פאַרוואַנדלט אַ געפּאַנצערטן צוג אין זיין הויפּט־קוואַרטיר און זיך אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעל־אוניפאָרמירטער, פּערזענלעכער באַוואָפנטער לייב־וואַך. ער האָט געהאַט זיין אייגענע פּראַקטיק אין דער אַרמיי־קאָמאַנדע, אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און אין דער סאָוועטן־רעגירונג. טראָצקיס צוג, טראָצקיס גוואַרדיע, טראָצקיס רעדעס, טראָצקיס שטריכן — זיין טשופּרינע שוואַרצע האָר, זיין קליין, שוואַרץ שפּיציק בערדל און זיינע שאַרפע אויגן הינטער זיינע בלישטשענדיקע פענסנע — זיינען געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. אין אייראָפּע, ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט מען די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי צוגעשריבן צו „טראָצקיס פירערשאַפט".

אָט ווי אַזוי אייזיק פ. מאַרקאָסאָן, דער באַרימטער אַמעריקאַנער אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, האָט באַשריבן דעם קריג־קאָמיסאַר טראָצקי, בעת ער האָט אַדרעסירט איינע פון זיינע ספּעקטאַקולערע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין מאָסקווע:

> טראָצקי איז דערשינען אויף אַן אופן, וואָס אַקטיאָרן רופן אַן אַ גוטער אויפטריט. . . . נאָך אַ פּויזע, און אין דעם ריכטיקן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט, איז ער אַרויסגעקומען פון הינטער די קוליסן און געגאַנגען מיט גיכע טריט צו דעם קליינעם שטענדער, וואָס ווערט ביי אַלע רוסישע צוזאַמענקונפטן צוגעגרייט פאַר די רעדנער.
>
> איידער אַפילו ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט זיך שוין צווישן דעם גרויסן עולם געפילט אַ ציטער פון דערוואַרטונג. מען האָט געקאָנט הערן דעם געמורמל: „טראָצקי קומט".
>
> אויף דער פּלאַטפאָרמע איז זיין שטימע געווען רייך, טיף און קלינגענדיק. ער האָט צוגעצויגן און אָפּגעשטויסן; באַוועלטיקט און באַפוילן. ער איז געווען סטיכייאיש, כמעט פּרימיטיוו, אין זיין אייפער — אַ שטאַרק־קרעפטיקער מענטשלעכער מאָטאָר. ער האָט פאַרפּלייצט זיינע צוהערער מיט אַ וואַסערפאַל פון רייד, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט. באַרימעריי און חוצפּה האָבן זיך אַממערסטן אַנגעזען.

נאָכדעם ווי מען האָט אים דראַמאַטיש אַרויסגעשיקט פון סאָוועט־רוסלאַנד אין 1929, האָבן די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן פון גאָר דער וועלט גענומען וועבן אַ לעגענדע אַרום דעם נאָמען און דער פּערזענלעכקייט פון לעאָן טראָצקי. לויט אָט דער לעגענדע, איז טראָצקי געווען „דער אַנגעזעענסטער באָלשע־

וויסטישער פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע" און „לענינס באַגייסטערער, נאָענטסטער מיטאַרבעטער און לאָגישער נאָכפאָלגער".

אָבער אין פעברואַר 1917, אייך חודש פאַרן צוזאַמענברוך פונעם צאַריזם, האָט לענין גופא געשריבן:

טראָצקיס נאָמען באַדייט: לינקע פראַזעאָלאָגיע און אַ בונד מיט די רעכטע קעגן די צילן פון די לינקע.

לענין האָט טראָצקין אָנגערופן דער „יודאַס" פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע.*)

---

*) אָט זיינען אַנדערע באַמערקונגען, וואָס לענין האָט געמאַכט וועגן טראָצקין און זיינע טעטיקייטן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג:

1911. „אין 1903 איז טראָצקי געווען אַ מענשעוויק; ער האָט פאַרלאָזט די מענשעוויקעס אין 1904; זיך צוריקגעקערט צו די מענשעוויקעס אין 1905, אַרומ-פאַראַדירנדיק דערווייל מיט אולטראַ-רעוואָלוציאָנערע פראַזעס; און ווידער אויס-געדרייט די פלייצע צו די מענשעוויקעס אין 1906. . . . היינט לאַטכנט טראָצקי געדאַנקען פון איין פראַקציע, מאָרגן פון אַ צווייטער, און אַזוי-אַרום באַטראַכט ער זיך העכער פון ביידע פראַקציעס. . . . איך מוז דערקלערן, אַז טראָצקי פאַרטרעט בלויז זיין אייגענע פראַקציע."

1911. „אַזעלכע מענטשן ווי טראָצקי מיט זיינע אויפגעבלאָזענע פראַזעס . . . זיינען איצט די קראַנקהייט פון דער צייט. . . . יעדער איינער וואָס שטיצט טראָצקיס גרופע, שטיצט די פּאָליטיק פון ליגנס און גענאַרעריי פון די אַרבעטער. . . . עס איז טראָצקיס ספּעציעלע אויפגאַבע . . . צו וואַרפן זאַמד אין די אויגן פון די אַר-בעטער. . . . עס איז ניט מעגלעך צו דיסקוסירן וויכטיקע זאַכן מיט טראָצקין, ווייל ער האָט ניט קיין שום שטאַנדפּונקט. . . . מיר דעקן אים בלויז אויף אַלס געמיינסטן סאָרט דיפּלאָמאַטיקער."

1912. „אָט-דער בונד איז צוזאַמענגעשטעלט פון פּרינציפּנלאָזיקייט, היפּאָ-קריטסטווע און פּוסטע פראַזעס. . . . טראָצקי פאַרדעקט זיי מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזעס, וואָס קאָסטן אים גאָרניט און פאַרפליכטן אים צו גאָרניט."

1914. „די וואָס באַטייליקן זיך שוין פון לאַנג אין דער מאַרקסיסטישער באַ-וועגונג אין רוסלאַנד קענען זייער גוט טראָצקיס פערזענלעכקייט, און עס לוינט אַפילו ניט צו רעדן וועגן דעם מיט זיי. אָבער דער יונגער דור אַרבעטער קען אים ניט און מיר מוזן וועגן אים רעדן. . . . אַזעלכע טיפּן זיינען כאַראַקטעריסטיש אַלס ברוכשטיקער פון פאַרגאַנגענע היסטאָרישע שיכטן, בעת די מאַסאָווע אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט נאָך געדרעמלט. . . ."

1914. „דער חבר טראָצקי האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט קיין באַשטימטע מיינונג וועגן קיין איינציקער, ערנסטער מאַרקסיסטישער פראַגע; ער איז תמיד אַריינגעקראָכן אינעם שפּאַלט וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב דער אָדער אַ צווייטער חלוקי-דעות, און האָט זיך געוואַקלט פון איין זייט צו דער אַנדערער."

1915. „טראָצקי . . . ווי אַלעמאָל, איז דורכאויס ניט מסכים מיט די סאָציאַל-שאָוויניסטן אין פּרינציפּ, אָבער איז מסכים מיט זיי אין אַלצדינג אין פּראַקטיק."

* * *

פאַררעטער ווערן ניט געבוירן, נאָר געשאַפן. ווי בעניטאָ מוסאָליני, פּיער לאַוואַל, פּאָל יאָזעף געבעלס, זשאַק דאָריאָ, וואַנג טשינג־ווײַ, און נאָך אַנדערע טרויעריק־באַרימטע אַוואַנטוריסטן פון דער מאָדערנער צייט, האָט לעאָן טראָצקי אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס אַ ניט־איינשטימענדיקער, עקסטרעם־לינקער עלעמענט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון זיין היימלאַנד.

דער נאָמען טראָצקי איז געווען אַ פּסעוודאָנים. ער איז געבוירן געוואָרן לעוו דאַווידאָוויטש בראָנשטיין, אין 1879, דער זון פון פאַרמעגלעכע מיטל־קלאַס־עלטערן, אין יאַנאָווקע, אַ קליין דערפל לעבן כערסאָן אין דרום־רוסלאַנד. זיין ערשטע אַמביציע איז געווען צו זיין אַ שרייבער.

„אין מיינע אויגן", האָט טראָצקי געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, „מיין לעבן", „האָבן שרייבער, זשורנאַליסטן און קינסטלער תמיד פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ וועלט וואָס איז פיל צוציענדיקער ווי אַלע אַנדערע, אַ וועלט וואָס איז אָפן פאַר די אויסדערוויילטע."

דער יוגנטלעכער טראָצקי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַ טעאַטער־שטיק, און זיך באַוויזן אין די אָדעסער ליטעראַרישע סאַלאָנען אָנגעטאָן אין הויך־קנאָפלדיקע שטיוול, אין אַ בלויען קינסטלערישן כאַלאַט, אַ רונדן שטרוי־הוט אויפן קאָפּ און מיט אַ שוואַרצן שטעקן אין דער האַנט. נאָך אַלס סטודענט, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע ראַדיקאַלע באַהעמען. צו אַכצן יאָר איז ער אַרעסטירט געוואָרן פון דער צאַרישער פּאָליציי פאַר פאַנאַנדערטיילן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און איז פאַרשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט הונ־דערטער אַנדערע סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן, קיין סיביר. ער איז אַנטלאָפן פון סיביר אין 1902 און איז אַוועק קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט דאָס רוב פון זיין לעבן אַלס אַן אַגיטאַטאָר און פאַרשווערער צווישן די רוסישע עמיגראַנטן און די גרויסשטאָטישע סאָציאַליסטן אין די אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט.

אין משך פון די ערשטע חדשים פון 1903 איז טראָצקי געווען אַ מיטגליד פון דער „איסקראַ"־רעדאַקציע, די מאַרקסיסטישע צייטונג, וועלכע לענין האָט רעדאַקטירט אין לאָנדאָן. באַלד נאָך דער מענשעוויסטיש־באָלשעוויסטישער שפּאַלטונג, וואָס איז יענעם זומער פאָרגעקומען אין דער רוסישער מאַרקסיס־טישער באַוועגונג, האָט טראָצקי זיך פאַרבונדן מיט לענינס פּאָליטישע קעגנער, די מענשעוויקעס. טראָצקיס ליטעראַרישער טאַלאַנט, זיין מליצהדיקע רעדנער־קראַפט, דאָמינירנדיקע פערזענלעכקייט און געפיל פאַר זעלבסט־דראַמאַטי־זאַציע האָבן אים גיך געשאַפן אַ נאָמען אַלס דער סאַמע גלענצנדיקסטער יונגער מענשעוויסטישער אַגיטאַטאָר. ער האָט אַרומגערייזט צווישן די קאָלאָניעס פון

די רוסישע ראַדיקאַלע סטודענטן אין בריסעל, פּאַריז, ליעזש, שווייצאַריע און דייטשלאַנד און געקעמפט קעגן לעניגען און אַלע אַנדערע באַלשעוויקעס, וואָס האָבן גערופן פאַר אַ דיסציפּלינירטער, הויך־אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אָנצופירן דעם קאַמף קעגן צאַריזם. אין אַ בראָשור מיטן נאָמען: „אונדזערע פּאָליטישע אויפגאַבעס", וואָס איז דערשינען אין 1904, האָט טראָצקי באַשולדיקט לענינען אין אַ פּאַרזוך אַרויפצוצווינגען „אַ קאַזאַרמע־רעזשים" אויף די רוסישע ראַדיקאַלן. אין אַ שפּראַך, וואָס איז איבעראַשנדיק ענלעך צו דער וואָס ער האָט שפּעטער באַנוצט אין זיינע אָנפאַלן אויף סטאַלינען, האָט דער יונגער טראָצקי אַרונטערגעריסן לענינען אַלס „דעם פּירער פונעם רעאַקציאָנערן פליגל פון אונדזער פּאַרטיי".

אין 1905, נאָך דער צאַרישער מפּלה אין דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה, זיינען די רוסישע אַרבעטער און פּויערים אויפגעשטאַנען אין דער ניט־געלונגענער „ערשטער" רוסישער רעוואָלוציע. טראָצקי האָט זיך גיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און איז געוואָרן אַ פּירנדיקער מיטגליד אין דעם מענשעוויסטיש־קאָנטראָלירטן סאָוועט פון סט. פּעטערסבורג. אין דער צעהיצטער אַטמאָספערע פון אינטריגעס, שאַרפע פּאָליטישע קריגערייען און דעם געפיל פון באַלדיקער מאַכט, האָט טראָצקי זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. צו זעקס־און־צוואַנציק יאָר איז ער פון יענער דערפאַרונג אַרויס מיט דער איבערצייגונג, אַז זיין שיקזאַל איז צו זיין דער פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. טראָצקי האָט שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן צו רעדן אין טערמינען פון זיין „שיקזאַל" און זיין „רעוואָלוציאָנערער אינטואיציע". יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן אין זיין „מיין לעבן":

> איך בין געקומען קיין רוסלאַנד אין פעברואַר 1905; די אַנדערע עמיגראַנטישע פירער זיינען ניט געקומען ביז אָקטאָבער און נאָוועמבער. צווישן די רוסישע חברים איז ניט געווען קיין איינער פון וועמען איך זאָל האָבן געקענט עפּעס לערנען. פאַרקערט, איך אַליין האָב געדאַרפט פאַרנעמען די פּאָזיציע פון אַ לערער. . . . אין אָקטאָבער האָב איך זיך איינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין דעם קעסלגרוב, וועלכער איז אין אַ פאַרזענלעכן זין געווען דער גרעסטער אויספּרואוו פון מיינע כוחות. מען האָט געדאַרפט מאַכן באַשלוסן אונטער פייער. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז די דאָזיקע באַשלוסן זיינען פאַר מיר געווען זייער קלאָר. . . . איך האָב אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז מיינע לערן־יאָרן זיינען שוין פאַרביי. . . . אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן איך געלערנט ניט ווי אַ גרזעל, נאָר ווי אַ מייסטער. . . . אָן אינטואיציע קאָן מען ניט

טאָן קיין שום גרויסע אַרבעט. . . . די געשעענישן פון 1905 האָבן אין מיר, גלויב איך, אויפגעוועקט אָט־די רעוואָלוציאָנערע אינטואיציע, און מעגלעך געמאַכט פאַר מיר אין מיין שפּעטערדיקן לעבן זיך צו פאַר־לאָזן אויף איר. . . . ביים אָפּשאַצן די פּאָליטישע לאַגע אַלס אַ גאַנצע און אין אירע רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון, קאָן איך ניט געוויסנ־האַפט זיך באַשולדיקן אין האָבן געמאַכט וועלכן עס איז ערנסטן טעות.

ווידער אין אויסלאַנד נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905 האָט טראָצקי איינגעשטעלט זיין אייגענע פּאָליטישע הויפּט־קוואַרטיר אין ווין און, אַטאַקירנדיק לענינען אַלס „אַ קאַנדידאַט פאַרן פּאָסטן פון דיקטאַטאָר", געלאָזט אין גאַנג אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע אויפצובויען זיין אייגענע באַ־וועגונג און אַרויסצורוקן זיך אַלס אַ „רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליסט". פון ווין האָט טראָצקי זיך אין אומרואיקייט איבערגעקליבן קיין רומעניע, שוויי־צאַריע, פראַנקרייך, טערקיי, וואו ער האָט צוגעצויגן נאָכפאָלגער און איינגע־שטעלט ווערטפולע פאַרבינדונגען מיט אייראָפּייאישע סאָציאַליסטן און לינקע ראַדיקאַלן. ביסלעכווייז און עקשנותדיק האָט טראָצקי צווישן די רוסישע עמי־גראַנטן מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און באַהעמען־אינטעליגענטן אויפגעבויט פאַר זיך אַ רעפּוטאַציע אַלס לענינס הויפּט־קאָנקורענט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

„דער גאַנצער געבוי פון לעניניזם", האָט טראָצקי אין אַ צוטרוילעכן בריוו דעם 23טן פעברואַר, 1913, געשריבן צו דעם רוסישן מענשעוויסטישן פירער טשכעאידזע, „איז אין דער איצטיקער צייט געבויט אויף ליגנס און אַנטהאַלט אין זיך דעם גיפטיקן מיקראָב פון איר אייגענעם פאַנאַנדערפאַל." טראָצקי האָט ווייטער דערציילט זיין מענשעוויסטישן קאָלעגע, אַז לענין איז, לויט זיין מיינונג, ניט מער ווי „אַ פּראָפעסיאָנעלער עקספּלואַטאַטאָר פון יעדער צוריק־געשטאַנענקייט אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג".

ווען דער צאַרישער רעזשים האָט צוזאַמענגעבראָכן אין מערץ 1917, איז טראָצקי געווען אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט רעדאַקטירט אַ רוסישע ראַדיקאַלע צייטונג, „נאָווי מיר" (די נייע וועלט), צוזאַמען מיט זיין פריינט און לענינס קעגנער ניקאָלאַי בוכאַרין, אַן אולטראַ־לינקער רוסישער פּאָליטיקער, וועמען אַ באַאָבאַכטער האָט באַצייכנט אַלס „אַ בלאָנדער מאַקיאַוועלי אין אַ לעדערנער קורטקע".*) טראָצקי האָט שנעל אַראַנזשירט אַ רייזע קיין רוסלאַנד. זיין רייזע

*) טראָצקי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע בלויז צוויי חדשים פאַרן צאַרס פאַלן, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך אין שפּעטן האַרבסט 1916. בוכאַרין איז געהאַט אָנגעקומען אַביסל פריער, פון עסטרייך.

איז אָבער איבערגעהאַקט געוואָרן, ווען די קאַנאַדישע באַאַמטע האָבן אים אַרעסטירט אין האַליפאַקס. נאָכדעם ווי ער איז געהאַט אָפּגעזעסן אַ חודש צייט, איז ער באַפרייט געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דער רוסישער צייטווייליקער רעגירונג, און ער איז אָפּגעפאָרן קיין פעטראָגראַד.

די ענגלישע רעגירונג האָט באַשלאָסן צו דערלויבן טראָצקין זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד. לויט די זכרונות פונעם בריטישן אַגענט ברוס לאָקהאַרט, האָט די בריטישע „אינטעליגענץ"־דינסט געגלויבט, אַז זי וועט קאָנען אויסנוצן די „רייסערייען צווישן טראָצקין און לענינען".*)

טראָצקי איז אָנגעקומען קיין פעטראָגראַד אין חודש מאַי. תחילת האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך צו שאַפן זיינע אַן אייגענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, אַ בונד צוזאַמענגעשטעלט פון געוועזענע עמיגראַנטן און עקסטרעמע לינקע עלעמענטן פון פאַרשיידענע ראַדיקאַלע פאַרטייען. עס איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין צוקונפט פאַר טראָצקיס באַוועגונג. די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט געהאַט די שטיצע פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

אין 1917 האָט טראָצקי געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלן פּאָליטישן קאָזשעליק. נאָך פופצן יאָר אָפּאָזיציע צו לענינען און צו די באָלשעוויקעס, האָט טראָצקי אָנגעגעבן אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ מיטגליד אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

לענין האָט כסדר געוואָרנט קעגן טראָצקין און זיינע פערזענלעכע אַמביציעס; אָבער איצט, בעתן אַנטשיידנדיקן קאַמף צו גרינדן אַ סאָוועטן־רעגירונג, האָט לענינס טאַקטיק גערופן צו אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע

---

*) אין זיינע זכרונות, „דער בריטישער אַגענט", האָט ברוס לאָקהאַרט אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט לכתחילה געמאַכט אַן ערנסטן טעות אין דעם אופן ווי זי האָט באַהאַנדלט טראָצקין. לאָקהאַרט שרייבט: „מיר האָבן ניט קלוג באַהאַנדלט טראָצקין. בעת דער ערשטער רעוואָלוציע האָט ער זיך געפונען אין אַמעריקע. דעמאָלט איז ער געווען ניט קיין מענשעוויק און ניט קיין באָלשעוויק. ער איז געווען, וואָס לענין רופט אָן, אַ טראָצקיסט — דאָס מיינט צו זאָגן, אַן אינדיווידואַליסט און אָפּאָרטוניסט. אַ רעוואָלוציאָנער מיט דעם טעמפּעראַמענט פון אַ קינסטלער און מיט אַן אומצווייפלהאַפטן פיזישן קוראַזש, איז ער קיינמאָל ניט געווען און וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט זיין קיין גוטער פּאַרטיי־מאַן. זיין אויפפיר פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן לענינס שאַרפסטע פאַרדאַמונג. . . . אין פרילינג 1917 האָט קערענסקי פאַרלאַנגט פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי זאָל העלפן טראָצקים צוריקקער קיין רוסלאַנד. . . . און ווי געווינלעך אין אונדזער שטעלונג צו רוסלאַנד, האָבן מיר אָנגענומען אומגליקלעכע האַלבע מיטלען. טראָצקי איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ קרימינאַל. אין האַליפאַקס . . . האָט מען אים איינגעשפּאַרט אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע. . . . און נאָכדעם, אַז מען האָט שוין אַרויסגערופן אין אים זיין ביטערן האַס, האָט מען אים געלאָזט זיך אומקערן קיין רוסלאַנד."

רעוואָלוציאָנערע פראַקציעס, גרופּעס און פּאַרטייען. טראָצקי איז געווען דער פאָרשטייער פון אַ באַדייטנדיקער גרופּע. מחוץ רוסלאַנד איז זיין נאָמען געווען מער באַקאַנט ווי פון וועלכן עס איז אַנדערן רעוואָלוציאָנער אויסער לענינס. און נאָך מער, טראָצקיס זעלטענער טאַלאַנט אַלס רעדנער, אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר האָט געקאָנט גוט אויסגענוצט ווערן לטובת די באָלשעוויקעס. טראָצקיס אַפּליקאַציע פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז אָנגענומען געוואָרן.

אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן, האָט טראָצקי געמאַכט אַ ספּעקטאַקולערן אַריינטריט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער פּאַרטיי זיין גאַנצע פאַרשיידנפאַרביקע נאָכפאָלגערשאַפט פון ניט־איינשטימענדיקע לינקיסטן. ווי לענין האָט זיך הומאָריסטיש אויסגעדריקט, איז עס געווען ווי קומען צו אַן אויסגלייך מיט אַ „הויפּט־מאַכט“.

טראָצקי איז געוואָרן פאָרזיצער פונעם פּעטראָגראַדער סאָוועט, אין וועלכן ער האָט געמאַכט זיין רעוואָלוציאָנערן אויפטריט אין 1905. ער האָט אָט־דעם אַמט אָנגעהאַלטן אין משך פון די ווייטערדיקע אַנטשיידנדיקע טעג. ווען די ערשטע סאָוועטן־רעגירונג איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ קאָאַליציע פון באָל־שעוויקעס, לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און געוועזענע מענשעוויקעס, איז טראָצקי געוואָרן דער אויסלאַנד־קאָמיסאַר. ער איז געווען צוגעפּאַסט צו אָט־דעם פּאָסטן צוליב זיין באַדייטנדיקער קענטעניש פון פרעמדע שפּראַכן און זיין ברייטער באַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע לענדער.

2. די לינקע אָפּאָזיציע

צוערשט אַלס אויסלאַנד־קאָמיסאַר און דערנאָך אַלס קריג־קאָמיסאַר, איז טראָצקי געווען דער הויפּט־פאָרשטייער פון דער אַזוי־גערופענער לינקער אָפּאָזיציע אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.*) כאָטש ווייניק אין צאָל, זיינען

---

*) וועגן טראָצקיס אָפּאָזיציאָנעלע אַקטיוויטעטן אַלס אויסלאַנד-קאָמיסאַר בעת דעם ברעסט-ליטאָווסקער פרידן-קריזיס, זע זייט 31.

נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַרונטערגעזעצט פון דעם פּאָסטן אַלס אויסלאַנד-קאָמיסאַר, האָט טראָצקי עפנטלעך צוגעגעבן דעם טעות פון זיין קעגנערשאַפט צו לענינען אין ברעסט-ליטאָווסק, און האָט ווידעראַמאָל פאַרשפּראָכן מיטצואַרבעטן מיט לענינען אָן קיין שום רעזערוואַציעס. טראָצקי האָט געקראָגן אַ נייעם פּאָסטן, וואָס האָט געשיינט צו זיין צוגעפּאַסט צו זיינע אָראַטאָרישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיאיקייטן. ער איז געוואָרן קריג-קאָמיסאַר. די מיליטערישע סטראַטעגיע און פּראַקטישע פירערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי איז הויפּטזאַכלעך געווען אין די

אָבער די אָפּאָזיציאָנערן געווען טאַלאַנטירטע רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרן. זיי האָבן געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד, און אויך צווישן די מענ־שעוויקעס און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד. אין די ערשטע טעג נאָך דער רעוואָלוציע האָבן זיי זיך פאַרזיכערט מיט וויכטיקע פּאָסטנס אין דער אַרמיי, אין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און אין די אויספירנדיקע אינסטיטוציעס פונעם לאַנד.

טראָצקי האָט די פירערשאַפט פון דער אָפּאָזיציע געטיילט מיט נאָך צוויי אַנדערע אומצופרידענע ראַדיקאַלן: ניקאָלאַי בוכאַרין, דער דאַרער, בלאָנדער, זעלבסט־געקרוינטער „מאַרקסיסטישער אידעאָלאָג", וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פון אַזוי־גערופענע „לינקע קאָמוניסטן"; און גריגאָרי זינאָוויעוו, דער קאָלירפולער לינקיסטישער אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט צוזאַמען מיט טראָצקיס שוואָגער לעאָ קאַמענעוו אָנגעפירט מיט זיין אייגענער סעקטע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „זינאָוויעוויסטן". טראָצקי און זינאָוויעוו האָבן זיך כסדר געקריגט איבער פראַגעס פון טאַקטיק, ווי אויך צוליב פערזענלעכער קאָנ־

הענט פון אַזעלכע מענטשן ווי סטאַלין, פרונזע, וואָראָשילאָוו, קיראָוו, שאָרס, און בודיאָני. פאַרלאָזנדיק זיך אויף די עצות פון איניקע געוועזענע צאַרישע „ספּעציאַ־ליסטן", מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגערינגלט, האָט דער קריג־קאָמיסאַר כסדר אויסגעזעצט קעגן די מיליטערישע באַשלוסן פונעם באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט און אַריבערגעטראָטן זיין אויטאָריטעט. בלויז אַדאַנק דעם, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך דירעקט אַריינגעמישט, איז טראָצקי אין עטלעכע פאַלן אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דורכפירן די טויט־שטראָף איבער פירנדיקע באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער צום פראָנט, וועלכע האָבן אויסגעזעצט קעגן זיין אויטאָקראַטישער אויפ־פירונג.

אין זומער 1919 האָט טראָצקי, באַהויפּטנדיק, אַז קאָלטשאַק איז שוין מער ניט קיין געפאַר פאַרן מזרח, פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל אַריבערוואַרפן די רויט־אַרמייאישע כוחות צום דרום, אין דער שלאַכט קעגן דעניקינען. דאָס, האָט סטאַלין באַוויזן, וואָלט געגעבן קאָלטשאַקן צייט אויף אָפּצואָטעמען, אין וועלכער ער האָט זיך שטאַרק געניטיקט, און די מעגלעכקייט צו רעאָרגאַניזירן און אויסצושטאַטן זיין אַרמיי, כדי דורכצופירן אַ נייעם אָנגריף. „די אוראַלן און זייערע פאַבריקן", האָט סטאַלין, אַלס מיליטערישער פאַרטרעטער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, דערקלערט, „מיט זייער נעץ פון אייזנבאַנען, טאָרן ניט איבערגעלאָזט ווערן אין קאָלטשאַקס הענט, ווייל ער וואָלט דאָרט לייכט געקאָנט צוציען די רייכע פויערים צו זיך און דאַן מאַרשירן צו דער וואָלגע." דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט צוריקגעוויזן טראָצקיס פּלאַן, און ער האָט שוין מער קיין אָנטייל ניט גענומען אין דער מזרח־קאַמפּאַניע, וועלכע האָט געפירט צו דער ענדלעכער מפּלה פון קאָלטשאַקס כוחות.

אין האַרבסט 1919 האָט טראָצקי אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַר אַ קאַמף קעגן דעני־קינען. זיין פּלאַן האָט גערופן פאַר אַ מאַרש דורך די דאָנער סטעפּעס, אַ געגנט כמעט אָן שום וועגן און אָנגעפּאַקט מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאָזאַקישע באַנדעס.

קורענץ און קעגנגעזעצטע פּאָליטישע אַמביציעס. אָבער אין אַנטשיידנדיקע מאָמענטן האָבן זיי פאַראייניקט זייערע כוחות אין ווידערהאָלטע פאַרזוכן צו געווינען דעם קאָנטראָל פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

טראָצקיס אייגענע נאָכפאָלגער האָבן איינגעשלאָסן: יורי פּיאַטאַקאָוו, אַ ראַדיקאַלער זון פון אַ רייכער אוקראַאינישער פאַמיליע, וועלכער איז געפאַלן אונטער טראָצקיס איינפלוס אין אייראָפּע; קאַרל ראַדעק, דער בריליאַנטענער פּוילישער „לינקיסטישער" זשורנאַליסט און אַגיטאַטאָר, וועלכער איז פאַרבונדן געוואָרן מיט טראָצקין אין זיין קעגנערשאַפט צו לעגינען אין שווייצאַריע; ניקאָלאַי קרעסטינסקי, אַ געוועזענער אַדוואָקאַט און אַמביציעזער באָלשעוויסטישער דעפּוטאַט פון דער דומע; גריגאָרי סאָקאָלניקאָוו, אַ יונגער גרויסשטאָטישער ראַדיקאַל, וועלכער איז אַריינגעטראָטן אין דער סאָוועטישער אויסלאַנד־ביוראָ אונטער טראָצקיס אויפזיכט; און קריסטיאַן ראַקאָווסקי, דער געוועזענער רייכער שטיצער פון די רומענישע סאָציאַליסטן, אַליין אַ געבוירענער אין בולגאַריע, וועלכער האָט אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט געוואוינט אין די מערסטע אייראָפּעיאישע לענדער, שטודירט מעדיצין אין פראַנק־

סטאַלין, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געשיקט צום דרום־פראָנט, האָט צוריקגעוויזן טראָצקיס פּלאַן, און האָט אָנשטאָט דעם פאָרגעשלאָגן, אַז די רויטע אַרמיי זאָל מאַרשירן דורכן דאָנעצער באַסיין, וואו עס עקזיסטירט אַ געדיכטע נעץ פון אייזנבאַנען און קוילן־סקלאַדן און וועלכער איז באַפעלקערט פון אַ סימפּאַטישן אַרבעטערקלאַס. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגענומען סטאַלינס פּלאַן. טראָצקין האָט מען אַוועקגענומען פונעם דרום־פראָנט, מיט אַ באַפעל ניט אַריינצומישן זיך אין די דרומדיקע אָפּעראַציעס, און מען האָט אים „געעצהט" ניט אַריבערצוטרעטן די אָנגעצייכנטע ליניעס פונעם דרום־פראָנט. דעניקין איז באַזיגט געוואָרן לויט סטאַלינס פּלאַן.

צווישן טראָצקיס נאָענטסטע מיטאַרבעטער איז געווען דער געוועזענער צאַרישער אָפיציר, קוירנעל וואַטזעטיס, וועלכער האָט צוזאַמען מיט טראָצקין געדינט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר אויף דעם מזרח־פראָנט קעגן קאָלטשאַקן. די סאָוועטישע אויטאָריטעטן האָבן אויפגעדעקט דעם פאַקט, אַז וואַטזעטיס איז געווען פאַרמישט אין אינטריגעס קעגן דעם רויט־אַרמייאישן גענעראַל־שטאַב. מען האָט וואַטזעטיסן אַרונטערגענומען פון זיין פּאָסטן. אין „מיין לעבן" האָט טראָצקי אָנגעגעבן אָט־די מאָדנע אַנטשולדיקונג פאַר זיין געוועזענעם געהילף: „...אין מאָמענטן פון אינספּיראַציע פלעגט וואַטזעטיס אַרויסגעבן באַפעלן, אַקוראַט ווי עס וואָלט ניט עקזיסטירט קיין סאָוועט פון קאָמיסאַרן און קיין צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט. ... מען האָט אים באַשולדיקט אין צווייפלהאַפטע פּראָיעקטן און פאַרבינדונגען און אים געמוזט אויסשליסן. די באַשולדיקונגען זיינען אָבער אין דער אמתן ניט געווען קיין ערנסטע. עס קאָן אפשר זיין, אַז פאַרן שלאָפן־גיין האָט דער בחור געלייענט נאַפּאָלעאָנס ביאָגראַפיע, און האָט זיינע אַמביציעזע טרוימען פאַרטרויט צו צוויי אָדער צו דריי יונגע אָפיצירן."

רייך, און געוואָרן איינער פון די פירער אינעם אוקראַינישן סאָוועטישן אויפֿשטאַנד אין יאָר 1918.

אַ חוץ דעם האָט טראָצקי, זייענדיק דער קריג־קאָמיסאַר, זיך אַרומגערינגלט מיט אַ קליקע שטאַרקע, גוואַלטזאַמע אַרמיילייט, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ ספּעציעלע „טראָצקי־גוואַרדיע" און זיינען געווען פֿאַנאַטיש איבערגעגעבן צו זייער „פירער". אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון טראָצקיס מיליטערישער פראַקציע איז געווען ניקאָלאַי מוראַלאָוו, דער זעקס־פוסיקער, ריזיקאַנטישער קאָמאַנדיר פונעם מאָסקווער מיליטערישן גאַרניזאָן. טראָצקיס פערזענלעכע לייב־וואַך האָט איינגעשלאָסן איוואַן סמירנאָוו, סערגעי מראַטשקאָווסקי און אפרים דרייצער. דער געוועזענער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט בלומקין, וואָס האָט דערמאָרדעט דעם פירשט מירבאַך, איז געוואָרן דער הויפּט פון טראָצקיס פערזענלעכער לייב־וואַך.*)

טראָצקי האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט אַ צאָל געוועזענע צאַרישע אָפיצירן, וועמען ער האָט באַפריינדעט און, ניט געקוקט אויף די כסדרדיקע וואָרנונגען פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, אַוועקגעשטעלט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. איינער פון די געוועזענע צאַרישע אָפיצירן, מיט וועמען טראָצקי איז געוואָרן זייער נאָענט פאַרבונדן אין 1920 בעת דער פוילישער קאַמפּאַניע, איז געווען מיכאַאיל ניקאָלאַיעוויטש טוכאַטשעווסקי, אַ מיליטערישער פירער מיט אייגענע נאַפּאָלעאָנישע אַמביציעס.

דער ציל פון דער פאַראייניקטער לינקער אָפּאָזיציע איז געווען אַרויסצוטרייבן לעינינען און איבערנעמען די מאַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

די גרויסע פראַגע פאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערן נאָך דער מפּלה פון די ווייסע אַרמייען און דער אינטערווענציע, איז געווען: וואָס צו טאָן מיט דער סאָוועטן־מאַכט? טראָצקי, בוכאַרין און זינאָוויעוו האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אוממעגלעך צו בויען סאָציאַליזם אין דעם „צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד".
די לינקע אָפּאָזיציע האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען די רוסישע רעוואָלוציע אין

*) אין אַפּריל 1937 האָט טראָצקי געהאַט צו זאָגן אָט-וואָס וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם מערדער בלומקין: „ער איז געווען אַ מיטגליד פון מיין מיליטערישן סעקרעטאַריאַט אין משך פון דער מלחמה, און דעריבער פערזענלעך פאַרבונדן מיט מיר. . . . זיין פאַרגאַנגענהייט — ער האָט געהאַט זייער אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער לינקער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער אָפּאָזיציע און האָט אָנטיילגענומען אין אַן אויפשטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס. ער איז געווען דער, וועלכער האָט דערמאָרדעט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר מירבאַך. . . . איך האָב אים אָנגעשטעלט אין מיין מיליטערישן סעקרעטאַריאַט און ווען איך האָב נאָר געדאַרפט האָבן אַ מענטשן מיט קוראַזש, האָב איך אים אַלעמאָל געקאָנט נוצן."

אַ רעזערוואַר פון „וועלט־רעוואָלוציע", אַ וועלט־צענטער, פון וואַנען מען זאָל דערמוטיקן רעוואָלוציעס אין אַנדערע לענדער. אויסגעטאָן פון איר „אולטראַ־רעוואָלוציאָנערער פלאַפּלעריי", ווי סיי לענין און סיי סטאַלין האָבן כסדר אָנגעוויזן, איז די לינקע אָפּאָזיציע אין דערווירקלעכקייט געווען פאַר אַ ווילדן קאַמף פאַר מאַכט, „באָהעמישן אַנאַרכיזם" און — אין רוסלאַנד גופא — אַ מיליטערישער דיקטאַטור אונטער קריג־קאָמיסאַר טראָצקי און זיינע מיטאַרבעטער.

די פראַגע האָט דערגרייכט צו אַ קלימאַקס ביים סאָוועטן־קאָנגרעס אין דעצעמבער 1920. דאָס איז געווען דאָס סאַמע קאַלטסטע, הונגעריקסטע און אָנטשיידנדיקסטע יאָר פון דער רעוואָלוציע. דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם קאַלאָנען־זאַל אין מאָסקווע. די שטאָט איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי, שטייף איינגעפרוירן, הונגעריק און קראַנק. אין גרויסן זאַל, וואָס איז געווען אומבאַהייצט צוליב דעם באַהייצונג־קריזיס, זיינען די סאָוועטישע דעלעגאַטן געזעסן איינגעהילט אין שעפּסן־פעלן, קאָלדרעס, פוטערס, און האָבן געציטערט פון שטאַרקן דעצעמבער־פראָסט.

לענין, נאָך אַלץ בלאַס און צעטרייסלט פון די באַכויעין פון פאַניאַ קאַפּלאַנס פאַרגיפטעטע קוילן, וועלכע האָבן שיר ניט פאַרענדיקט זיין לעבן אין 1918, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע צו ענטפערן די לינקע אָפּאָזיציע. ער האָט אויסגעמאָלט די שרעקלעכע באַדינגונגען, וואָס הערשן אין רוסלאַנד. ער האָט גערופן צו נאַציאָנאַלער איניקייט, כדי צו באַקעמפן די „אומגלויבלעכע שוועריקייטן" אין רעאָרגאַניזירן דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן. ער האָט אַנאָנסירט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק [„נעפּ"—איבערזעצער], וואָס האָט אָפּגעשאַפט דעם שטייפן, אַזוי־גערופענעם „מלחמה־קאָמוניזם" און צוריק דערלויבט אַ געוויסע מאָס פּריוואַט־האַנדל און קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און געעפנט דעם וועג פאַרן אָנהויב פון דעם איבערבוי. „מיר מאַכן איין טראָט צוריק", האָט לענין געזאָגט, „כדי אין אַ שפּעטערדיקן טאָג צו מאַכן צוויי טריט פאָראויס!"

בעת לענין האָט געמאָלדן וועגן דעם „צייטווייליקן צוריקטריט" מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, האָט טראָצקי אויסגעשריגן: „די קוקופּקע האָט אויסגעקוקוקעט דעם סוף פון דער סאָוועטן־רעגירונג!"

לענין האָט אָבער געגלויבט, אַז די אַרבעט פון דער סאָוועטן־רעגירונג האָט זיך ערשט בלויז אָנגעפאַנגען. ער האָט געזאָגט דעם קאָנגרעס:

בלויז ווען דאָס לאַנד וועט זיין עלעקטריפיצירט, ווען די אינדוסטריע, אַגריקולטור און טראַנספּאָרט וועלן אַוועקגעשטעלט ווערן אויף

דער טעכנישער באַזע פֿון מאָדערנער פּראָדוקציע אויף אַ גרויסן מאַס־שטאַב, בלויז דאַן וועט אונדזער זיג זײַן פֿולשטענדיק.

אויף דער פּלאַטפֿאָרמע איז געווען אַ גרויסע מאַפּע פֿון רוסלאַנד. לויט לעניס אַ סיגנאַל האָט מען אָנגעקוועטשט אַ קנעפּל און די מאַפּע איז פּלוצלונג באַלויכטן געוואָרן. זי האָט דעם קאָנגרעס אָנגעוויזן ווי לעניס האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס לאַנד אין דער צוקונפֿט. עלעקטרישע ליכט האָבן אויף דער מאַפּע געפֿינקלט אין צאָלרײַכע פּונקטן, אָנווײַזנדיק די געפּרווירענע און הונגעריקע סאָוועטישע דעלעגאַטן די צוקונפֿטיקע קראַפֿט־סטאַנציעס, הידראָ־עלעקטרישע דאַמבעס און אַנדערע ריזיקע פּראָיעקטן, פֿון וועלכע שטראָמען עלעקטרישע ענערגיע וועלן אין אַ געוויסן טאָג אַרויספֿלייצן, צו פֿאַרוואַנדלען דאָס אַלטע רוסלאַנד אין אַ מאָדערן, אינדוסטריאַליזירט און סאָציאַליסטיש לאַנד. אַ געמורמל פֿון אויפֿרעגונג, אַפּלאָדיסמענטן און אומגלויבלעכקייט האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דעם קאַלטן, אָנגעפּילטן זאַל.

טראָצקיס פֿרײַנט, קאַרל ראַדעק, האָט געקוקט אויף דעם נבֿיאישן ספּעקטאַקל דורך זײַנע דיקע ברילן, געצויגן מיט די אַקסלען, און געשעפּטשעט: „אַן עלעקטרישע פֿיקציע!“ ראַדעקס וויציקע באַמערקונג איז געוואָרן טראָצקיס אַ לאָזונג. בוכאַרין האָט געזאָגט, אַז לעניס זוכט אָפּצונאַרן די פּויערים און די אַרבעטער מיט זײַן „אוטאָפּישער פֿלאַפּלערײַ וועגן עלעקטריציטעט!“

מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן טראָצקיס אינטערנאַציאָנאַלע פֿרײַנט און שטיצער אין די סאָציאַליסטישע און לינקע קאָמוניסטישע קרײַזן געגלויבט, אַז לעניס רעזשים איז פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. פֿיל אַנדערע באַאָבאַכטער האָבן אויך געגלויבט, אַז טראָצקי מיט זײַן לינקער אָפּאָזיציע האַלטן ביים איבערנעמען די מאַכט. דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, אײַזעק פֿ. מאַרקאָסאָן, האָט באַריכט, אַז טראָצקי האָט „הינטער זיך די יונגע קאָמוניסטן, דאָס רוב פֿון די אָפֿיצירן, און די פּשוטע סאָלדאַטן פֿון דער רויטער אַרמיי“. אָבער די דרויסנדיקע וועלט, פּונקט ווי טראָצקי אַליין, האָט איבערגעשאַצט זײַן מאַכט און פּאָפּולאַריטעט.

אין אַ פֿאַרזוך צו קריגן אַ מאַסן־נאָכפֿאָלגערשאַפֿט, האָט טראָצקי באַרייזט דאָס לאַנד, געמאַכט דראַמאַטישע אויפֿטריטן בײַ עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, געהאַלטן ליידנשאַפֿטלעכע רעדעס, אין וועלכע ער האָט באַשולדיקט די „אַלטע באָלשעוויקעס“, אַז זיי זײַנען „דעגענערירט“ געוואָרן, און גערופֿן די „יוגנט“ צו שטיצן זײַן באַוועגונג. אָבער די רוסישע סאָלדאַטן, אַרבעטער און פּויערים, נאָך פֿריש פֿון דעם זיגרײַכן קאַמף קעגן די וואָס האָבן געוואָלט שפּילן די ראָל פֿון ווײַסע נאַפּאָלעאָנען, זײַנען ניט געווען אין קיין שטימונג אָנצונעמען אַ

„רויטן נאַפּאָלעאָן“ פון זייערע אייגענע רייען. אין זיין „געשיכטע פון רוסלאַנד“, האָט סער בערנאַרד פּעירס געשריבן אָט וואָס וועגן טראָצקין אין יענעם פּעריאָד:

אַ שאַרפזיניקער קריטיקער, וועלכער האָט אים באַאָבאַכט פון דער נאָענט, האָט וואָרהאַפטיק געזאָגט, אַז לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיינע מעטאָדן געהערט טראָצקי צו די פאַר־רעוואָלוציאָנערע צייטן. דעמאַגאָגן זיינען שוין אַרויס פון דער מאָדע. . . .

ביים צענטן באָלשעוויסטישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1921, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, אָנגעפירט פון לענינען, דורכ־געפירט אַ באַשלוס, וואָס האָט פאַרווערט אַלע „פראַקציעס“ אין דער פּאַרטיי, אַלס אַ געפאַר צו דער איינהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט. פון דעמאָלט אָן האָבן אַלע פּאַרטיי־פירער זיך געמוזט אונטערוואַרפן צו די באַ־שלוסן און דער הערשאַפט פון דער מערהייט, אַנדערש וועלן זיי אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. איבערהויפּט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געוואָרנט דעם „חבר טראָצקי“ וועגן זיינע „פראַקציאָנעלע טעטיקייטן“, און געמאָלדן, אַז „שונאים פונעם לאַנד“, וועלכע נוצן אויס די צעמישעניש וואָס ווערט געשאַפן דורך זיינע שטערערישע אַקטיוויטעטן, דרייען זיך אַריין אין דער פּאַרטיי און רופן זיך „טראָצקיסטן“. אַ צאָל וויכטיקע טראָצקיסטן און אַנדערע לינקע אָפּאָ־זיציאָנערן זיינען אַרונטערגעזעצט געוואָרן אין ראַנג. טראָצקיס הויפּט מילי־טערישער געהילף, ניקאָלאַי מוראַלאָוו, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס קאָמאַנדיר פון דעם סטראַטעגישן מיליטערישן גאַרניזאָן אין מאָסקווע און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דער אַלטער באָלשעוויק, קלעמענטי וואָראָשילאָוו.

אַ יאָר שפּעטער, אין מערץ 1922, איז יאָזעף סטאַלין דערוויילט געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און האָט באַקומען די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט דורכצופירן לענינס פּלענער.

נאָך דער שאַרפער וואָרנונג פון דער פּאַרטיי און דאָס אַרונטערזעצן פון זיינע נאָכפאָלגער, האָט טראָצקיס מאַסן־נאָכפאָלגערשאַפט אָנגעפאַנגען צע־שמאָלצן ווערן. זיין פּרעסטיזש איז געפאַלן. סטאַלינס דערוויילונג איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר טראָצקיס פראַקציע אינעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט.

די מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסגליטשן פון טראָצקיס הענט.

3. קאָנספּיראַציע און שפּיאָנאַזש

פונעם אָנפאַנג אָן האָט די לינקע אָפּאָזיציע פונקציאָנירט אויף צוויי אופנים. עפנטלעך — אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין זייערע אייגענע צייטונגען און אין לעקציע זאַלן — האָבן די אָפּאָזיציאָנערן געבראַכט זייער פּראָפּאַגאַנדע צום פאָלק. הינטער די קוליסן אָבער האָבן טראָצקי, בוכאַרין, זינאָוויעוו, ראַדעק, פּיאַטאַקאָוו און נאָך אַנדערע אָפּגעהאַלטן קליינע געהיימע פראַקציע־קאָנפערענצן, וואו די אַלגעמיינע סטראַטעגיע און די טאַקטישע פּלענער פון דער אָפּאָזיציע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן.

מיט דער אָפּאָזיציע־באַוועגונג אַלס אַ באַזע, האָט טראָצקי אויפגעבויט אַ געהיימע קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען באַזירט אויף דער „פּינפער־סיסטעם“, וועלכע ראַילי האָט אַנטוויקלט און וועלכע די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און די אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערער האָבן גענוצט.

אין 1923 איז טראָצקיס אונטערערדישער אַפּאַראַט שוין געווען אַ מעכטיקע און וויט־גרייכנדיקע אָרגאַניזאַציע. טראָצקי און זיינע אָנהענגער האָבן אויסגעאַרבעט ספּעציעלע קאָדעקסן, שיפערן און פּאַראָלן פאַר זייערע אומלעגאַלע פאַרבינדונגען. איבערן גאַנצן לאַנד זיינען איינגעשטעלט געוואָרן געהיימע דרוקעריי־מאַשינען, טראָצקיסטישע קעמערלעך זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין דער אַרמיי, אין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און אין די סאָוועטישע ביוראָס פון דער פאַרטיי און רעגירונג.

יאָרן שפּעטער האָט טראָצקי אויפגעדעקט, אַז זיין אייגענער זון, לעאָן סעדאָוו, איז אין יענער צייט געווען פאַרמישט אין דער טראָצקיסטישער פאַרשווערונג, וועלכע האָט שוין אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ פּאָליטישע אָפּאָזיציע אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי און געהאַלטן ביים צונויפגיסן זיך מיט דער געהיימער מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים.

„אין 1923“, האָט טראָצקי אין יאָר 1938 געשריבן אין אַ בראָשור מיטן נאָמען: „לעאָן סעדאָוו: זון—פריינט—קעמפער“, „האָט לעאָן זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דער אָפּאָזיציע. . . . אַזוי־אַרום האָט ער, צו זיבעצן יאָר, אָנגעפאַנגען דאָס לעבן פון אַ פולשטענדיק־באַוואוסטזיניקן רעוואָלוציאָנער. ער האָט גיך באַגריפן די קונסט פון קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, און אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אָפּאָזיציע־דאָקומענטן אין געהיים. דער קאָמסאָמאָל (די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע) האָט שנעל אַנטוויקלט זיינע אייגענע קאַדרעס אָפּאָזיציע־פירער.“

טראָצקי איז אָבער דערגאַנגען ווייטער ווי קאָנספּיראַטיווע אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אינעם ווינטער פון 1921־1922 איז דער טונקעלער, גנביש־אויגיקער געוועזענער אַדוואָקאַט און פּירנדיקער טראָצקיסט ניקאָלאַי קרעסטינסקי געוואָרן דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר קיין דייטשלאַנד. אין גאַנג פון זיינע פּליכטן אין בערלין, האָט קרעסטינסקי באַזוכט דעם גענעראַל האַנס פאָן סיקט, דער קאָמאַנדיר פונעם רייכסווער. סיקט האָט פון די באַריכטן פון זיין געהיים־דינסט געוואוסט, אַז קרעסטינסקי איז אַ טראָצקיסט. דער דייטשער גענעראַל האָט געגעבן קרעסטינסקין צו פאַרשטיין, אַז דער רייכסווער איז סימפּאַטיש צו די צילן פון דער רוסישער אָפּאָזיציע, אָנגעפירט פונעם קריג־קאָמיסאַר טראָצקי.

אין מאָסקווע, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, האָט קרעסטינסקי אָפּגעגעבן טראָצקין אַ באַריכט וועגן דעם וואָס גענעראַל סיקט האָט געזאָגט. טראָצקי האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין געלט אויסצוהאַלטן זיין וואַקסנדיקע אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט קרעסטינסקין געזאָגט, אַז די אָפּאָזיציע אין רוסלאַנד נויטיקט זיך אין אויסלענדישע פאַרבינדעטע און מוז דעריבער זיין גרייט איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט פריינטלעכע מלוכות. דייטשלאַנד, האָט טראָצקי געזאָגט, איז ניט רוסלאַנדס קיין שונא, און עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט, אַז עס זאָל צווישן זיי זיך פאַרקומען אַ צוזאַמענשטויס; די אויגן פון די דייטשן זיינען געווענדט צו מערב מיט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין אין פראַנקרייך און ענגלאַנד. די אָפּאָזיציע־טוער מוזן זיין גרייט איינצוקאַסירן פון דער סיטואַציע.

ווען קרעסטינסקי האָט זיך צוריקגעקערט קיין בערלין אין 1922, האָט ער געהאַט טראָצקיס אינסטרוקציעס „אויסצונוצן די געלעגנהייט פון אַ באַגעגעניש מיט סיקטן בעת אָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען, כדי אים, סיקטן, פאָרצושלאָגן, אַז ער זאָל טראָצקין באַווילן אַ רעגלמעסיקע סובסידיע צו אַנטוויקלען די אומלעגאַלע טראָצקיסטישע טעטיקייטן".

אָט זיינען קרעסטינסקיס אייגענע ווערטער, וואָס עס האָט פּאַסירט:

איך האָב אָוועקגעשטעלט די פראַגע פאַר סיקטן און האָב אָנגערופן די סומע פון 250,000 גאָלד־מאַרק. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַראָטן מיט זיין געהילף, דער הויפּט פונעם שטאַב (האַאַסע), האָט גענעראַל סיקט אין פּרינציפּ מסכים געווען און האָט אַרויסגעשטעלט אַ קעגן־פאָדערונג, אַז געוויסע קאָנפידענציעלע און וויכטיקע אינפאָרמאַציע פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער זאָל אים צוגעשטעלט ווערן, אַפילו אויב

ניט רעגלמעסיק, דורך טראָצקין אין מאָסקווע, אָדער דורך מיר. און אַלס צוגאָב האָט ער פאַרלאַנגט מיר זאָלן אים העלפן קריגן וויזעס פאַר געוויסע פּערזאָנען, וועמען זיי וואָלטן אַריינגעשיקט אין סאָוועט־רוס־לאַנד אַלס שפּיאָנען. די דאָזיקע קעגן־פּאָדערונג פון גענעראַל סיקט איז אָנגענומען געוואָרן און אין 1923 איז דער דאָזיקער אָפּמאַך אַריין אין קראַפט.*)

דעם 21טן יאַנואַר, 1924, איז דער באַשאַפער און פירער פון דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי, וולאַדימיר איליטש לענין, געשטאָרבן.

טראָצקי איז בעת דעם געווען אין קאַווקאַז, וואו ער האָט זיך דערהאַלט פון אַ מילדער אינפלוענציע־אַטאַקע. ער האָט זיך ניט אומגעקערט קיין מאָסקווע צו לענינס לוויה, נאָר איז פאַרבליבן אינעם אָפּרו־פּלאַץ ביים ים־ברעג אין סוכום.

„אין סוכום האָב איך פאַרבראַכט לאַנגע טעג ליגנדיק אויפן באַלקאָן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום ים", האָט טראָצקי געשריבן אין זיין „מיין לעבן". „און כאָטש עס איז דעמאָלט געווען יאַנואַר, איז די זון געווען וואַרעם און ליכ־טיק. . . . בעת איך האָב אַריינגעאָטעמט אין זיך די ים־לופט, האָב איך דעמאָלט מיט מיין גאַנצן וועזן איינגעזאַפּט אין זיך די זיכערקייט פון מיין היסטאָרישער גערעכטיקייט. . . ."

4. דער קאַמף פאַר מאַכט

באַלד נאָך לענינס טויט, האָט טראָצקי געמאַכט אַן אָפענעם אָנבאָט פאַר מאַכט. ביי דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין מאַי 1924, האָט טראָצקי געפאָדערט, אַז ער, און ניט סטאַלין, זאָל אָנערקענט ווערן אַלס לענינס נאָכפאָלגער. קעגן דעם ראַט פון זיינע אייגענע אָנהענגער, האָט ער אַרויפגעצוואונגען אַן אָפּ־שטימונג איבער דער פראַגע. די 748 דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר האָבן איינ־

*) די ציטאַטן און דיאַלאָגן אין דעם גאַנצן דריטן טייל (סיידן עס ווערט אַנדערש אָנגעגעבן אינעם טעקסט), וועלכע זיינען נוגע די געהיימע טראָצקיסטישע טעטיקייטן אין רוסלאַנד, זיינען גענומען פונעם עדות־זאָגן ביי די פּראָצעסן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין אויגוסט 1936, יאַנואַר 1937, און מערץ 1938, פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. די דיאַלאָגן און די געשעענישן, וואָס באַציען זיך דירעקט אויף טראָצקין און זיין זון, סעדאָוו, סיידן עס איז אַנדערש אָנגעגעבן אינעם טעקסט, זיינען גענומען פונעם עדות־זאָגן פון די אָנגעקלאָגטע ביי די דאָזיקע פּראָצעסן.

שטימיק באַשלאָסן אָנצוהאַלטן סטאַלינען אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר און פאַר־דאַמט טראָצקיס קאַמף פאַר פערזענלעכער מאַכט. עס איז געווען אַזוי אויגנ־שיינלעך, אַז מען האָט טראָצקין צוריקגעוויזן, אַז אַפילו בוכאַרין, זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיינען געצוואונגען געווען זיך עפנטלעך צו שטעלן מיט דער מער־הייט און שטימען קעגן אים. טראָצקי האָט צאָרנדיק זיי אָנגעגריפן פאַר זייער „פאַרראַט״. אָבער עטלעכע חדשים שפּעטער זיינען טראָצקי און זינאָוויעוו זיך ווידער צוזאַמענגעקומען און האָבן געגרינדעט אַ „נייע אָפּאָזיציע״.

די נייע אָפּאָזיציע איז געגאַנגען ווייטער ווי יעדע פריערדיקע פּראַקציע פון דעם מין. זי האָט אָפן גערופן פאַר „נייער פירערשאַפט״ אין סאָוועט־רוסלאַנד און האָט אַריינגעצויגן יעדן מין אומצופרידענעם און אונטער־גראָבערישן עלעמענט אין אַ נאַציאָנאַלן פּאָליטישן און פּראָפּאַגאַנדע־קאַמף קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. ווי טראָצקי אַליין האָט שפּעטער געשריבן: „און גלייך נאָך אָט־דעם אַוואַנגאַרד האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער הינטער־טייל פון אַלערליי אומצופרידענע, אומוויסנדיקע און פאַרדראָס־טראָגנדיקע קאַריע־ריסטן.״ שפּיאָנען, טאָרגפּראָם־סאַבאָטאַזשניקעס, ווייסע קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערן, טעראָריסטן האָבן אַריינגעשטראָמט אין די געהיימע קעמערלעך פון דער נייער אָפּאָזיציע. די קעמערלעך האָבן אָנגעהויבן צו זאַמלען געווער. אָן אמתע געהיימע טראָצקיסטישע אַרמיי האָט זיך געהאַלטן ביים גרינדן אויף סאָוועטישער ערד.

„מיר מוזן צילן ווייט פאָראויס״, האָט טראָצקי געזאָגט צו קאַמעניעוון און זינאָוויעוון, לויט ווי ער פאַרצייכנט אין „מיין לעבן״. „מיר מוזן זיך צוגרייטן צו אַ לאַנגן און ערנסטן קאַמף.״

אין אויסלאַנד האָט קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי פון דער ענגלישער געהיים־דינסט באַשלאָסן, אַז איצט איז דער ריכטיקער מאָמענט אַ קלאַפּ צו טאָן. באָריס סאַווינקאָוו, די ענגלישע פּופּע, וואָס האָט געשטרעבט צו זיין דער רוסישער דיקטאַטאָר, איז יענעם זומער צוריקגעשיקט געוואָרן קיין רוס־לאַנד, כדי צוצוגרייטן דעם דערוואַרטן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד.*) לויט ווינסטאָן טשוירטשילן, וועלכער האָט אַליין אויך געשפּילט אַ ראָלע אין אָט־דער פאַרשווערונג, איז סאַווינקאָוו געשטאַנען אין געהיימע פאַרבינדונגען מיט טראָצקין. אין „גרויסע מענטשן פון מיין צייט״, האָט טשוירטשיל גע־שריבן: „אין יוני 1924 האָבן קאַמעניעוו און טראָצקי אים [סאַווינקאָוון] באַשטימט איינגעלאַדן צוריקצוקומען.״

דאָס זעלבע יאָר איז טראָצקיס לייטענאַנט, קריסטיאַן ראַקאָווסקי, געוואָרן

*) זע זייטן 156-157.

דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר קיין ענגלאַנד. ראַקאָווסקי, וועמען טראָצקי האָט אין 1937 באַשריבן אַלס „מיין פריינט, מיין אמתער אַלטער פריינט", האָט באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן געהאַט אַ באַזוך אין זיין ביוראָ פון צוויי ענגלישע „אינטעליגענץ"־אָפיצירן, קאַפּיטאַן אַרמסטראָנג און קאַפּיטאַן לאָק־האַרט. די ענגלישע רעגירונג האָט תחילת זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אַ סאָ־וועטישן פאַרטרעטער אין לאָנדאָן. לויט ראַקאָווסקין, האָבן די ענגלישע אָפיצירן אים אינפאָרמירט:

ווייסט איר פאַרוואָס מען האָט אייך אָנגענומען אין ענגלאַנד? מיר האָבן ביי מר. איסטמאַנען געפרעגט וועגן אייך און זיך דערוואוסט, אַז איר געהערט צו מר. טראָצקיס פראַקציע, און אַז איר שטייט מיט אים אין נאָענטע באַציאונגען. און בלויז דערפאַר האָט די געהיים־דינסט איינגעשטימט אייך אָנצונעמען אַלס אַמבאַסאַדאָר צו אונדזער לאַנד.*)

*) די דאָזיקע באַהויפּטונג האָט ראַקאָווסקי געמאַכט בעת זיין עדות־זאָגן פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. אין מערץ 1938. אין דער צייט, צו וועלכער ראַקאָווסקי באַציט זיך, אין די 1920ער יאָרן, איז דער אַמעריקאַנישער שרייבער און זשורנאַליסט, מאַקס איסטמאַן, געווען דער אָפיציעלער איבערזעצער פון טראָצקיס שריפטן און אַ פירנדיקער פאַרשפּרייטער פון טראָצקיסטי־שער פּראָפּאַגאַנדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מאַקס איסטמאַן איז געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער פאַרעפנטלעכט דעם אַזוי־גערופענעם „לענינס טעסטאַמענט" אָדער „לענינס צוואה", וואָס איז כלומרשט געווען אַן עכטער דאָקומענט, וואָס לענין זאָל האָבן געשריבן אין 1923 און וועלכן — לויט איסטמאַנען — סטאַלין האָט געהאַלטן „פאַרשלאָסן אין אַ קאַסע". אין דער כלומרשטער צוואה האָט זיך געזאָגט, אַז טראָצקי איז מער צוגעפּאַסט צו זיין דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער באָלשע־וויסטישער פאַרטיי איידער סטאַלין. אין 1928 האָט איסטמאַן איבערגעזעצט טראָצקיס אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט מיטן נאָמען „דיווירקלעכע לאַגע אין רוסלאַנד". אין דעם צוגאָב צו דער איבערגעזעצטער אויסגאַבע פון אָט־דעם בוך, האָט איסטמאַן געגעבן דעם טעקסט פון דער אַזוי־גערופענער צוואה און באַשריבן זיין אייגענע ראָלע אין העלפן דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע: „. . . בעת די העכסטע קעמפערישע אָנ־שטרענגונגען פון דער אָפּאָזיציע . . . האָב איך פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע איבער־זעצונג פון דעם פולן טעקסט פון דער צוואה אין דער „ניו־יאָרק טיימס", און דאָס געלט, וואָס איך האָב דערפאַר באַקומען, האָב איך באַנוצט ווייטער צו פּראָפּאַגאַנדירן די באָלשעוויסטישע [ד. ה. טראָצקיסטישע] אידייען. . . ."

טראָצקי גופא האָט תחילת צוגעגעבן, אַז לענין האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שום טעסטאַמענט אָדער צוואה. אין אַ בריוו צום ניו־יאָרקער „דעילי וואָירקער", דעם 8טן אויגוסט, 1925, האָט טראָצקי געשריבן:

„וואָס שייך דער 'צוואה', האָט לענין אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט, און בלויז דער כאַראַקטער פון זיינע באַציאונגען מיט דער פאַרטיי, ווי דער כאַראַקטער

ראַקאָווסקי האָט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער זיך אומגעקערט צוריק קיין מאָסקווע. ער האָט דערציילט טראָצקין, וואָס עס האָט פּאַסירט אין לאָנדאָן. די ענגלישע געהיים־דינסט, פּונקט ווי די דייטשע, וויל איינשטעלן באַציאונגען מיט דער אָפּאָזיציע.

„דאָס איז אַן ענין, וואָס מען דאַרף אים באַטראַכטן", האָט טראָצקי געזאָגט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט טראָצקי געזאָגט צו ראַקאָווסקין, אַז „מען דאַרף איינשטעלן באַציאונגען מיט דער ענגלישער געהיים־דינסט".*)

פון דער פּאַרטיי גופא, האָט אוממעגלעך געמאַכט אַזאַ 'צוואה'.

„די עמיגראַנטישע און די אויסלענדישע בורזשואַזע און מענשעוויסטישע פּרעסע האָט די גאַנצע צייט ציטירט איינעם פון לענינס בריוו (פּולשטענדיק צע־קאַליעטשעט) אַלס אַ 'צוואה', וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ צאָל אָנווייזונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

„אַלע רייד וועגן אַ באַהאַלטענער אָדער פאַרלעצטער 'צוואה' זייַנען ניט מער ווי אַ ביזוויליקע דערפינדונג, געצילט קעגן לענינס אמתער צוואה און קעגן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט באַשאַפן."

אָבער ביז היינטיקן טאָג פאַררופן זיך די טראָצקיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אויף לענינס צוואה אַלס אַן אויטענטישן דאָקומענט, וואָס שטעלט פעסט דעם פאַקט, אַז לענין האָט אויסגעקליבן טראָצקין פאַר זיין נאָכפאָלגער.

*) אין 1926 האָט מען ראַקאָווסקין טראַנספערירט פון זיין לאָנדאָנער פּאָסטן קיין פּאַריז. אײדער ער איז אַוועק קיין פראַנקרייך, האָט ער זיך געזען מיט טראָצקין. טראָצקי האָט אים געזאָגט, אַז די לאַגע אין רוסלאַנד דערגייט צו אַ קריזיס און אַז עס איז נויטיק זיך צו באַזאָרגן מיט יעדן מעגלעכן קוואַל פון אויסלענדישער הילף. „איך בין געקומען צום באַשלוס", האָט טראָצקי געזאָגט ראַקאָווסקין, „אַז מיר מוזן אינסטרואירן אונדזערע מיטאַרבעטער אין אויסלאַנד, די אַמבאַסאַדאָרן און האַנדל-פּאַרטרעטער, זיך צו דערגרונטעווען ביי די קאָנסערוואַטיווע קרייזן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואו מען האָט זיי געשיקט, ווי ווייט די טראָצקיסטן קאָנען רעכענען אויף זייער שטיצע."

אַזוי גיך ווי ראַקאָווסקי איז אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, האָט ער זיך גענומען אויסצופאָרשן די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערע קרייזן פאַר דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון דער טאָרגפּראָם-פאַר־שווערונג, און דער פראַנצויזישער גענעראַל-שטאַב, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פאָש און פּעטען, האָט שוין געהאַלטן אין באַטראַכטן פּלענער פון אַן אַטאַקע אויפן סאָוועטן-פאַרבאַנד. ראַקאָווסקי האָט שפּעטער געמאַכט אָט-די באַהויפּטונג בנוגע די „פאַרהאַנדלונגען, וועלכע טראָצקי האָט מיר באַפוילן דורכצופירן": „איך האָב זיך באַגעגנט מיטן דעפּוטאַט ניקאָל אין ראָי. ניקאָל איז אַ גרויסער פלאַקס־שפּינער אין צפון, אַן אייגנטימער פון אַ פאַבריק און געהערט צו די רעכטע רע־פּובליקאַנער קרייזן. איך האָב אים געפרעגט וואָסערע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן די אָפּאָזיציע קאָן האָבן — צי מען קאָן זוכן שטיצע צווישן די פראַנצויזישע קאַפּי־

קאַפּיטאַן ראַילי, צוגרייטנדיק זיין לעצטן קלאַפּ אין רוסלאַנד, האָט געשריבן צו זיין פרוי: „אין רוסלאַנד קומט איצט פאַר עפּעס גאַנץ נייעס, מעכטיקס און ווערטפולס.“ ראַיליס אַגענט, דער באַאַמטער אינעם ענגלישן קאָנסולאַט, קאָמאַנדיר ע., האָט אים געמאָלדן, אַז עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פאַרבינדונגען מיט דער אָפּאָזיציע־באַוועגונג אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין יענעם האַרבסט אָבער, נאָכדעם ווי ראַילי האָט זיך אַריינגעגנבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד, כדי זיך צו טרעפן אין געהיים מיט די פירער פון דער אָפּאָזיציע, האָט אים אַ סאָוועטישער גרענעץ־וועכטער דערשאָסן.

עטלעכע חדשים נאָך ראַילים טויט, האָט טראָצקי באַקומען עפּעס, וואָס ער האָט שפּעטער אָנגערופן אין „מיין לעבן“ אַ „מיסטעריעזע טעמפּעראַטור“, וואָס די „מאָסקווער דאָקטוירים“ האָבן „ניט געקענט“ דערקלערן. טראָצקי האָט באַשלאָסן, אַז עס איז פאַר אים נויטיק צו פאָרן קיין דייטשלאַנד. ער פאַרצייכנט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

> די פראַגע וועגן מיין רייזע קיין אויסלאַנד איז אויפגענומען געוואָרן ביי דער פּאָליטביוראָ, וועלכע האָט דערקלערט, אַז זי באַטראַכט מיין רייזע פאַר זייער געפערלעך אין אָנזיכט פון דער אינפאָרמאַציע וואָס זי האָט געהאַט און דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע, אָבער אַז זי לאָזט דעם ענדלעכן באַשלוס צו מיר. די דערקלערונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַן אָנווייזונג פון דער ג.פּ.או., אָנדייטנדיק אַז מיין רייזע איז אומדערלאָזבאַר.... עס איז מעגלעך, אַז אויך די פּאָליטביוראָ האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל אין אויסלאַנד אָננעמען מיטלען צו קאָנסאָלידירן די אויסלענדישע אָפּאָזיציע. פונדעסטוועגן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַראַטן מיט מיינע פריינט, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן.

אין דייטשלאַנד — לויט טראָצקיס אייגענער געשיכטע — איז ער איינגעשטאַנען „אין אַ פּריוואַטן קליניק אין בערלין“, וואו עס האָט אים באַזוכט ניקאָלאַי קרעסטינסקי, טראָצקיס פאַרמיטלער מיט דער דייטשער מיליטערי־

טאַליסטישע קרייזן, וועלכע זיינען שטאַרק קעגן דעם פּ.ס.ס.ר. און ער האָט געענטפערט: ‚זיכער, און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי איר דערוואַרט.‘ דאָס איז אָבער אָפּהענגיק, האָט ער געזאָגט, פון צוויי באַדינגונגען. דער ערשטער באַדינג איז, אַז די אָפּאָזיציע זאָל באמת ווערן אַ שטאַרקע קראַפט, און דער צווייטער באַדינג איז, אין וואָסער מאָס די אָפּאָזיציע וואָלט מסכים געווען צו געבן קאָנצעסיעס דעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַל. דער צווייטער שמועס וואָס איך האָב געהאַט אין פּאַריז איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1927, מיטן דעפּוטאַט לואיס דרעיפוס, אַ גרויסער תבואה־סוחר. איך מוז זאָגן, אַז סיי דער שמועס און סיי די רעזולטאַטן זיינען געווען ענלעך צו די וואָס איך האָב געהאַט מיט ניקאָלן.“

שער „אינטעליגענץ". בעת טראָצקי און קרעסטינסקי האָבן געשמועסט צו־זאַמען אין דעם קליניק, איז פּלוצים דערשינען, לויט טראָצקיס געשיכטע, אַ דייטשער „פּאָליציי־אינספּעקטאָר", וועלכער האָט געמאָלדן, אַז די דייטשע געהיים־פּאָליציי האָט אָנגענומען אויסערגעוויינלעכע מיטלען צו פּאַרהיטן טראָצקיס לעבן, מחמת זיי האָבן אויפגעדעקט אַ „פּלאַן" אים צו דערמאָרדן.

אַלס רעזולטאַט פון אָט־דער אויסגעפּראוווטער קונץ פון די געהיים־אַגענטן, זיינען טראָצקי און קרעסטינסקי געווען אָפּגעשלאָסן מיט דער דייטשער געהיים־פּאָליציי עטלעכע שעה צייט.

דעם זומער איז דערגרייכט געוואָרן אַ נייער אָפּמאַך צווישן טראָצקין און דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ". קרעסטינסקי האָט שפּעטער קלאָר געמאַכט די טערמינען פון דעם אָפּמאַך:

צו יענער צייט זיינען מיר שוין געוואוינט געווען צו באַקומען סומעס רעגלמעסיק, אין גוט געלט. . . . דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר טראָצקיסטישער אַרבעט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין פאַרשיידענע לענדער אין אויסלאַנד, אויף אַרויסצוגעבן ליטעראַטור און אַזוי ווייטער. . . . אין 1928, ווען דער טראָצקיסטישער קאַמף אין אויסלאַנד קעגן דער פּאַרטיי־פירערשאַפט האָט דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט, האָט סיקט . . . סיי אין מאָסקווע און סיי דורך פּריוואַטלעכע גרופּעס . . . אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאָג, אַז די שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציע, וועלכע איז אים איבערגעשיקט געוואָרן ניט רעגולער, נאָר פון צייט צו צייט, זאָל פון איצט אָן אָננעמען אַ מער רעגלמעסיקן כאַראַקטער; און, אַלס צוגאָב, זאָל די טראָצקיסטישע אָרגאַניזאַציע זיך פאַרפּליכטן, אַז אין פאַל זי וועט איבערנעמען די מאַכט בעת אַ מעגלעכער נייער וועלט־מלחמה, זאָל די טראָצקיסטישע רעגירונג נעמען אין באַטראַכט די גערעכטע פאָדערונגען פון דער דייטשער בורזשואַזיע, דאָס מיינט צו זאָגן, דערהויפּט פאַר קאָנצעסיעס און אַנדערע סאָרטן אָפּמאַכן.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַראַטן מיט טראָצקין . . . האָב איך דעם גענעראַל סיקט געגעבן אַ גינסטיקן ענטפער און אונדזער איבער־פאָרמאַציע האָט אָנגעפאַנגען אָנצונעמען אַ מער סיסטעמאַטישן כאַראַק־טער, שוין מער ניט צופעליק, ווי זי איז געווען פריער. צוזאָגן וועגן צוקונפטיקע נאָך־מלחמה אָפּמאַכן זיינען געמאַכט געוואָרן מינדלעך.

. . . מיר האָבן אַלץ געהאַלטן אין באַקומען געלט. אָנפאַנגענדיק פון יאָר 1923 ביז 1930 האָבן מיר יערלעך דערהאַלטן 250,000 דייטשע מאַרקן אין גאָלד . . . אומגעפער 2,000,000 גאָלד־מאַרקן.

נאָכדעם ווי טראָצקי האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע פון זיין רייזע קיין דייטשלאַנד, האָט ער אָנגעהויבן אַ דורכאויסיקע קאַמפּאַניע קעגן דער סאָוועטישער פירערשאַפט. „במשך פון 1926", שרייבט טראָצקי אין „מיין לעבן", „האָט דער פּאַרטיי־קאַמף זיך אַנטוויקלט מיט וואַקסנדיקער שאַרפקייט. אין האַרבסט האָט די אָפּאָזיציע אַפילו געמאַכט אַן אָפענעם איבערפאַל אויף די פּאַרזאַמלונגען פון די פּאַרטיי־לאָקאַלן." די דאָזיקע טאַקטיק איז דורכ־געפאַלן און האָט אַרויסגערופן אַ ברייט־פאַרשפּרייטע אויפרעגונג מצד די אַר־בעטער, וועלכע האָבן מיט כעס פאַרדאַמט די טראָצקיסטישע שטערערישע אַקטיוויטעטן. „די אָפּאָזיציע", האָט טראָצקי געשריבן, „איז געצוואונגען געווען צו מאַכן אַ צוריקטריט. . . ."

מיט דער געפאַר פון אַ מלחמה, וואָס איז געהאַנגען איבער רוסלאַנד אין זומער 1927, האָט טראָצקי באַנייט זיינע אָנפאַלן אויף דער סאָוועטן־רעגירונג. טראָצקי האָט אין מאָסקווע עפנטלעך דערקלערט:

„מיר מוזן אָננעמען די טאַקטיק פון קלעמאַנסאָ, וועלכער, ווי עס איז באַוואוסט, איז אויפגעשטאַנען קעגן דער פראַנצויזישער רעגירונג בעת די דייטשן זיינען געווען 80 קילאָמעטער פון פּאַריז!"

סטאַלין האָט פאַרדאַמט טראָצקיס באַמערקונג אַלס פאַרראַט. „עפּעס אַ מין פּאַראייניקטער פראָנט פון טשעמבערלעינען *) ביז טראָצקין ווערט גע־שאַפן", האָט סטאַלין געזאָגט.

ווידעראַמאָל איז פאַרגעקומען אַן אָפּשטימונג וועגן טראָצקין און זיין אָפּאָזיציע. אין אַן אַלגעמיינעם רעפערענדום צווישן אַלע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־מיטגלידער, האָט די איבערוועגנדיקע מערהייט — 740,000 קעגן 4,000 — צוריקגעוויזן די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע און זיך דערקלערט לטובת סטאַלינס אַדמיניסטראַציע.*)

---

*) סער אָסטין טשעמבערלעין, דער דעמאָלטיקער העפטיקער אַנטי-סאָוועטישער אויסלאַנד-מיניסטער פון ענגלאַנד.

*) פיר טויזנט שטימען איז געווען די העכסטע צאָל, וואָס די אָפּאָזיציע האָט ווען עס איז אין דער גאַנצער צייט פון איר אַגיטאַציע געקאָנט קריגן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט פאַרבאָטן „פראַקציעס" און אָפיציעל געפאָדערט „רעוואָלוציאָנערע איינִיקייט" אַלס דער ווינקלשטיין פון סאָוועטישער אינערלעכער פּאָליטיק, האָט די סאָוועטן-רעגירונג דאָך געגעבן דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אַ שטוינענדיקע מאָס פרייהייט צו דעבאַטירן, קריטיקירן און אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמ-לונגען. ספּעציעל נאָך לעניגס טויט, בעת דאָס לאַנד איז דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָד פון אינערלעכן און אויסלענדישן קריזיס, איז פאַר טראָצקין מעגלעך געווען אויס-צונוצן די לאַגע אין אַ פאַרזוך אויפצובויען פאַר זיין פראַקציע אַ מאַסן-באַוועגונג אין סאָוועט-רוסלאַנד. די אָפּאָזיציע האָט אין איר עפנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע אויס-

אין „מיין לעבן" באַשרייבט טראָצקי די פּיבערדיקע קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט נאָך זיין דערשטוינענדיקן דורכפאַל אין דעם אַלגעמיינעם רעפערענדום: „אין פאַרשיידענע טיילן פון מאָסקווע און לענינגראַד זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיימע פאַרזאַמלונגען, וואָס אַרבעטער און סטודענטן פון ביידע געשלעכטער האָבן באַזוכט; זיי זיינען געקומען אין גרופּעס פון צוואַנציק, ביז הונדערט און צוויי הונדערט, כדי צו הערן אַ פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע. אין משך פון טאָג פלעג איך באַזוכן צוויי, דריי און טיילמאָל פיר אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. . . . די אָפּאָזיציע האָט קלוג צוגעגרייט אַ פאַרזאַמלונג אינעם ריזיקן זאַל פון דער טעכנישער הויך־שול, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען פון אינעווייניק. . . . די פאַרזוכן פון דער אַדמיניסטראַציע אָפּצושטעלן די פאַרזאַמלונג זיינען דורכגעפאַלן. קאַמעניעוו און איך האָבן גערעדט צוויי שעה נאָכאַנאַנד."

גענוצט יעדן מין פּאָליטישע אַרגומענטן קעגן דעם סאָוועטן-רעזשים. די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סטאַלין-אַדמיניסטראַציע איז געווען אונטערגעוואָרפן צו אַ כסדרדיקער קריטיק אונטער אַזעלכע לאָזונגען ווי: „אומפּויאיקייט אין דער פאַרוואַלטונג", „אומקאָנטראָלירטע ביוראָקראַטיע", „אַ דיקטאַטור פון איין מאַן, פון איין פּאַרטיי", „דעגענעראַציע פון דער אַלטער פירערשאַפט" און אַזוי כסדר. קיין פאַרזוך איז ניט געמאַכט געוואָרן אונטערצודריקן טראָצקיס אַגיטאַציע, ביז זי האָט זיך אַליין עפנטלעך אַרויסבאַוויזן פאַר אַנטי-סאָוועטיש און אַז זי איז פאַרבונדן מיט אַנדערע אַנטי-סאָוועטישע כוחות. די יאָרן פון 1924 ביז 1927, אין די ווערטער פון סידני און ביטריס וועב, אין זייער „סאָוועטישער קאָמוניזם—אַ נייע ציוויליזאַציע?", „זיינען געווען — און פאַר יענע, וואָס גלויבן, אַז דער פ.ס.ס.ר. ליגט זיפצנדיק אונטער אַ ווילקירלעכער דיקטאַטור האָט עס זיכער געמוזט אויסזען איבעראַשנדיק — זיינען געווען יאָרן פון אומאויפהערלעכע עפנטלעכע וויכוחים. דאָס האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמעס. עס זיינען פאָרגעקומען כסדרדיקע דעבאַטעס אין די העכערע געזעצגעבנדיקע אָרגאַנען, ווי אינעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט (ציק) פונעם אַלפאַרבאַנדישן סאָוועטן-קאָנגרעס און אינעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס זיינען פאָרגעקומען הייסע אַרגומענטן אין פיל לאָקאַלע סאָוועטן, אַזוי גוט ווי אין לאָקאַלע פּאַרטיי-אָרגאַנען. עס האָט עקזיסטירט אַ ריזיקע [פון דער אָפּאָזיציע] ליטעראַטור פון ביכער און בראָשורן, וואָס די צענזור האָט ניט אָנגערירט, און אַרויסגעגעבן פון די רעגירונג-פאַרלאַגן גופא, דערגרייכנדיק — ווי איינער וואָס האָט עס דורכגעבלעטערט האָט זיך אויסגעדריקט — בוכשטעבלעך טויזנטער געדרוקטע זייטן." די וועבס גיבן נאָך צו, אַז די פראַגע „איז ענדלעך און פולמעכטיק געלייזט געוואָרן ביים פּלענום פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אַפּריל 1925; אַ באַשלוס, וואָס איז נאָך וויכטיגערע דיסקוסיעס גוטגעהייסן געוואָרן פון דער פערצנטער און פופצנטער פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1926 און אין דעצעמבער 1927", און „נאָך אָט די באַשלוסן האָט טראָצקי אַלץ אָנגעפירט זיין אָפּאָזיציע, פאַרזוכנדיק אַרויסצורופן קעגנערשאַפט; און זיין אויפפירונג איז געוואָרן אַ ריין-פראַקציאָנעלע".

טראָצקי האָט זיך פּיבעריש צוגעגרייט צו דער קומענדיקער אַנטשיידענער שלאַכט. סוף אָקטאָבער זיינען זיינע פּלענער שוין געווען פאַרטיק. אַן אויפשטאַנד האָט געזאָלט פּאַרקומען דעם 7טן נאָוועמבער, 1927, דער צענטער יאָרטאָג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. טראָצקיס אַנטשלאָסנסטע נאָכפאָלגער, געוועזענע מיטגלידער פון דער רויטער גוואַרדיע, האָבן געזאָלט אָנפירן מיט דעם אויפשטאַנד. אָפּטיילונגען זיינען צעשטעלט געוואָרן איבער־צונעמען סטראַטעגישע פּונקטן איבערן גאַנצן לאַנד. דער סיגנאַל פאַרן אויפשטאַנד האָט געזאָלט זיין אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג, בעת דעם מאַסן־פּאַראַד פון אַרבעטער אין מאָסקווע, דעם 7טן נאָוועמבער אינדערפרי. שפּעטער האָט טראָצקי אין „מיין לעבן" געמאַכט די באַהויפּטונג:

די פירנדיקע גרופּע פון דער אָפּאָזיציע האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף אָט־דעם שלוס. מיר האָבן גאַנץ קלאָר איינגעזען, אַז ניט דורך דיפּלאָמאַטיע און אויסווייכונגען קאָנען מיר אונדזערע אידעאַלן מאַכן דאָס אייגנטום פון דעם נייעם דור, נאָר בלויז דורך אַן אָפענעם קאַמף, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר די פּראַקטישע קאָנסעקווענצן. מיר זיינען געווען גרייט אָנצונעמען אַן אומפאַרמיידלעכע מפּלה, זייענדיק אָבער זיכער, אַז מיר שניידן אויס אַ וועג פאַר דעם זיג פון אונדזערע אידעאַלן אין דער צוקונפט.

טראָצקיס אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן כמעט אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אָנגעפאַנגען. דעם 7טן נאָוועמבער אינדערפרי, בעת די אַרבעטער האָבן מאַרשירט דורך די מאָסקווער גאַסן, זיינען זיי פון הויכע הייזער באַוואָרפן געוואָרן מיט טראָצקיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־בלעטלעך, וואָס האָבן געמאָלדן דעם אָנקום פון דער „נייער פירערשאַפט". פּלוצים האָבן זיך אויף די גאַסן באַוויזן קליינע טראָצקיסטישע באַנדעס מיט פאָנען און פּלאַקאַטן. זיי זיינען גלייך אָפּגעשטויסן געוואָרן פון די אויפגערעגטע אַרבעטער.

די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן שנעל געהאַנדלט. מוראַלאָוו, סמירנאָוו, מראַטשקאָווסקי, דרייצער און אַנדערע געוועזענע מיטגלידער פון טראָצקיס מיליטערישער גוואַרדיע זיינען תיכף פאַרנומען געוואָרן. קאַמעניעוו און פּיאַטאַקאָוו האָט מען אַרעסטירט אין מאָסקווע. רעגירונג־אַגענטן האָבן געמאַכט איבערפאַלן איבער די געהיימע טראָצקיסטישע דרוקערייען און געווער־סקלאַדן. זינאָוויעוו און ראַדעק זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין לענינגראַד, וואו זיי זיינען געפאַרן אָרגאַניזירן גלייכצייטיק אַן איבערקערעניש. איינער פון טראָצקיס נאָכפאָלגער, דער דיפּלאָמאַט יאָפע, וועלכער איז געווען אַמ־

באַסאַדאָר קיין יאַפּאַן, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין געוויסע פֿלעצער האָט מען אַרעסטירט טראָצקיסטן צוזאַמען מיט געוועזענע ווייסע אָפֿיצירן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טעראָריסטן, און אויסלענדישע אַגענטן.

טראָצקי איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דער פּאַרטיי און פֿאַרמשפּט געוואָרן צו פֿאַרשיקונג.

5. אַלמאַ אַטאַ

טראָצקין האָט מען פֿאַרשיקט קיין אַלמאַ אַטאַ, די הויפּט־שטאָט פֿון דער קאַזאַקישער סאָוועטן־רעפּובליק אין סיביר, לעבן דער כינעזישער גרענעץ. מען האָט אים געגעבן אַ הויז פֿאַר זיך, זיין פֿרוי נאַטאַליע און זיין זון, סעדאָוו. טראָצקי איז מילד באַהאַנדלט געוואָרן פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע האָט נאָך ניט געוואוסט דעם ריכטיקן פֿאַרנעם און באַדייט פֿון זיין פֿאַרשווערונג. מען האָט אים דערלויבט אָנצוהאַלטן אַ טייל פֿון זיין פּערזענלעכער לייב־וואַך, איינגעשלאָסן דעם געוועזענעם רויט־אַרמייאישן אָפֿיציר אפרים דרייצער. מען האָט אים דערלויבט צו דערהאַלטן און אַרויסצושיקן פּער־זענלעכע פּאָסט, צו האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק און געהיימע „אַרכיוון", ווי אויך אַ דערלויבעניש אויפֿצונעמען פֿון צייט צו צייט באַזוכער פֿון צווישן זיינע פֿריינט און פֿאַרערער.

אָבער טראָצקיס פֿאַרשיקונג האָט בשום אופֿן ניט געמאַכט קיין סוף פֿון זיינע פֿאַרשווערערישע טעטיקייטן.

דעם 27טן נאָוועמבער, 1927, האָט דער דייטשער אַגענט און דיפּלאָמאַט ניקאָלאַי קרעסטינסקי, טראָצקיס ביטרעסטער סטראַטעגיסט, געשריבן אַ קאָנפֿידענציעלן בריוו צו טראָצקין, אין וועלכן עס איז דערקלערט געוואָרן די פּינקטלעכע סטראַטעגיע, וואָס די טראָצקיסטישע פֿאַרשווערער האָבן נאָכגע־פֿאָלגט במשך פֿון די קומענדיקע יאָרן. עס איז אַבסורד, האָט קרעסטינסקי גע־שריבן, פֿאַר דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע צו פּרואוון אָנהאַלטן די אָפֿענע אַגיטאַציע קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. אָנשטאָט דעם, מוזן די טראָצקיסטן זען צוריק אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי, קריגן וויכטיקע אַמטן אין דער סאָוועטן־רעגירונג, און פֿאַרזעצן דעם קאַמף פֿאַר מאַכט אינעווייניק, אין דעם רעגירונג־אַפּאַראַט גופֿא. די טראָצקיסטן, האָט קרעסטינסקי געזאָגט, מוזן זוכן „געלעגנהייטן, ביסלעכווייז, און דורך עקשנותדיקער אַרבעט אין דער פּאַרטיי און אין דעם סאָוועטישן אַפּאַראַט, צוריקצוגעווינען דעם צוטרוי פֿון די מאַסן און דעם איינפֿלוס איבער די מאַסן".

קרעסטינסקיס כיטרע סטראַטעגיע איז טראָצקין געפעלן. ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן באַפעלן — ווי קרעסטינסקי האָט שפּעטער אויפגעדעקט — צו זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע מען האָט אַרעסטירט און פאַרשיקט, אַז זיי זאָלן „דורך שווינדל צוריק אַריין אין דער פּאַרטיי", „אין געהיים פאַרזעצן אונ־דזערע אַקטיוויטעטן" און „דאָרט פאַרנעמען מער אָדער וויניקער אומאָפּ־הענגיקע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס". פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק, זינאָוויעוו, קאַ־מעניעוו און אַנדערע פאַרשיקטע אָפּאָזיציאָנערן האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַר־דאַמען טראָצקין, דערקלערנדיק דעם „טראַגישן טעות" פון זייער פריערדיקער אָפּאָזיציע און געבעטן מען זאָל זיי צוריק אַריינעמען אין דער באָלשעוויסטי־שער פּאַרטיי.

טראָצקיס הויז אין אַלמאַ אַטאַ איז געווען דער צענטער פון אינטענסיווע אַנטי־סאָוועטישע אינטריגעס. „דאָס אידעאָלאָגישע לעבן פון דער אָפּאָזיציע האָט געזאָטן ווי אין אַ קעסל אין יענער צייט", האָט טראָצקי שפּעטער געשריבן אין זיין בראָשור: „לעאָן סעדאָוו: זון—פריינט—קעמפער". פון אַלמאַ אַטאַ האָט טראָצקי אָנגעפירט איבערן גאַנצן לאַנד אַ געהיימע פּראָפּאַגאַנדע־ און פאַרראַט־קאַמפּאַניע קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים.*)

*) אין טראָצקיס אָפּוועזנהייט, איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָנצופירן מיט די פאַרבליבענע אָפּאָזיציע-כוחות צייטווייליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ניקאָלאַי בוכאַרין, וועלכער, ניט זייענדיק מסכים מיט טראָצקיס פירערשאַפט, האָט כיטרע אויסגעמיטן צו נעמען אַן אָפענעם אָנטייל אין דער דורכגעפאַלענער איבער-קערעניש. בוכאַרין האָט געגומען באַטראַכטן זיך, און ניט טראָצקין, פאַרן אמתן פירער און טעאָרעטיקער פון דער אָפּאָזיציע. אין דער ספּעציעלער „מאַרקסיסטישער שול", וואָס ער האָט אָנגעפירט אין מאָסקווע, האָט בוכאַרין זיך אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע „קאַדרעס", ווי ער האָט זיי אָנגערופן, וועלכע ער האָט רעקרוטירט צווישן די יונגע סטודענטן. בוכאַרין האָט אייניקע פון די האָזיקע סטודענטן געלערנט די טעכניק פון קאָנספּיראַציע. ער איז אויך געשטאַנען אין נאָענטן באַריר מיט מיט-גלידער פון דער טעכנישער אינטעליגענציע, וועלכע האָבן זיך געהאַט אָנגעשלאָסן אין דער אינדוסטריעלער פּאַרטיי. פריער האָט בוכאַרין זיך געהאַט אַליין באַצייכנט אַלס „לינקער קאָמוניסט"; איצט, נאָך טראָצקיס מפּלה, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרמולירן די פּרינציפּן פון דעם, וואָס איז שפּעטער עפנטלעך באַקאַנט געוואָרן אַלס די רעכטע אָפּאָזיציע.

בוכאַרין האָט געגלויבט, אַז טראָצקי האָט געהאַנדלט צו האַסטיק און אַז זיין דורכפאַל איז הויפּטזאַכלעך געווען דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט ניט גע-האַנדלט אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע אַנטי-סאָוועטישע כוחות, וואָס זיינען געווען טעטיק אין לאַנד. בוכאַרין האָט זיך איצט געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרמיידן אָט-די טעותן מיט זיין רעכטער אָפּאָזיציע. נאָך דעם ווי דער טראָצקיזם איז פאַרבאָטן געוואָרן, האָט דער ערשטער פינף-יאָר פּלאַן געדאַרפט אָנהויבן אָפּערירן אויף אַ פולן מאַסשטאַב. דאָס לאַנד איז געשטאַנען לפני נייע נויטן, שוועריקייטן און

טראָצקיס זון, לעאָן סעדאָוו, איז באַשטימט געוואָרן צו האָבן אויפזיכט איבער דער געהיימער קאָמוניקאַציע־סיסטעם, דורך וועלכער טראָצקי איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט זיינע אייגענע נאָכפאָלגער און אַנדערע אָפּאָזיציאָנערן איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך אין די פריע צוואַנציקער יאָרן, און שוין אַ געניטער קאָנספּיראַטאָר מיט גרויסער ענערגיע, האָט סעדאָוו אין זיך קאָמבינירט אַ פייערדיקע צוגעבונדנקייט צו די צילן פון דער אָפּאָזיציע מיט אַ כסדרדיקן, פאַרביטערטן פאַרדראָס קעגן זיין פאָטערס עגאָאיסטישער און דיקטאַטאָרישער האַלטונג. אין „לעאָן סעדאָוו: זון—פריינט—קעמפער" האָט

אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען. צוזאַמען מיט דעם רעגירונג-באַאַמטן, אַלעקסעי ריקאָוו, און דעם באַאַמטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, טאָמסקי, האָט בוכאַרין געגרינדעט די רעכטע אָפּאָזיציע אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אין געהיימער מיטאַרבעטערשאַפט מיט די טאָרגפּראָם-אַגענטן און די מענשעוויקעס. די רעכטע אָפּאָזיציע האָט זיך באַזירט אויף אַן אָפענער קעגנערשאַפט צום פינף-יאָר פּלאַן. הינטער די קוליסן האָט בוכאַרין, ביי פאַרבאָרגענע פאַרזאַמלונגען מיט טראָצקיס פּאַרטרעטער און מיט אַגענטן פון אַנדערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, פאָרמולירט די אמתע פּראָגראַם פון דער רעכטער אָפּאָזיציע.

„אויב מיין פּראָגראַמאַטישע שטעלונג וואָלט פּראַקטיש פאָרמולירט געוואָרן", האָט בוכאַרין שפּעטער דערקלערט, „וואָלט דאָס אויף דעם עקאָנאָמישן געביט געמיינט שטאַט-קאַפּיטאַליזם, דער פאַרמעגלעכער פּויערשער יחיד, די פאַרשמעלערונג פון קאָלעקטיווע פאַרמס, אויסלענדישע קאָנצעסיעס, אויפגעבן דעם מאָנאָפּאָל איבערן אויסלענדישן האַנדל, און, אַלס רעזולטאַט דערפון, די ווידער-אויפלעבונג פון קאַפּיטאַליזם אינעם לאַנד. . . . אינעם לאַנד גופא, איז אונדזער פּראָגראַם [געווען] אַ בונד מיט די מענשעוויקעס, סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן און דאָס גלייכן. . . . אַן אַראָפּזינקען . . . אינעם פּאָליטישן זין, צו די תהומען, וואו עס עקזיסטירן, אָן צווייפל, עלעמענטן פון צאַריזם . . . עלעמענטן פון פאַשיזם."

בוכאַרינס נייע פּאָליטישע ליניע פאַר דער אָפּאָזיציע האָט צוגעצויגן אַ נאָכפאָלגערשאַפט צווישן הויך-געשטעלטע קאַריערישטישע באַאַמטע אין סאָוועט-רוסלאַנד, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין גלויבן אינעם דערפאָלג פון דעם פינף-יאָר פּלאַן. די פירער פון די קולאַקישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך שאַרף קעגנגעשטעלט דער קאָלעקטיוויזאַציע אין די דערפער, האָבן אין בוכאַרינס רעכטער אָפּאָזיציע פאַרגעשטעלט מיט זיך די עלעמענטן פון דער מאַסן-באַזע, וועלכע טראָצקי האָט פריער געהאַט אומזיסט געזוכט. תחילת האָט טראָצקי אויסגעזעצט קעגן דעם, וואָס בוכאַרין האָט איבערגענומען די פירערשאַפט איבער דער באַוועגונג וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען; אָבער נאָך אַ קורצן פעריאָד פון קאָנקורענץ און אַפילו קריגעריי, זיינען די חלוקי-דעות אויסגעגליכן געוואָרן. די עפנטלעכע און „לעגאַלע" פאַזע פון דער רעכטער אָפּאָזיציע האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָוועמבער 1929, ווען אַ פּלענום פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דערקלערט, אַז פּראָפּאַגאַנדירן די רעכטע אָנשויאונגען פּאַרט זיך ניט מיט מיטגלידערשאַפט אין דער פּאַרטיי. בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי זיינען אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון זייערע הויכע אָפיציעלע אַמטן.

טראָצקי אויפגעדעקט די וויכטיקע ראָלע וואָס סעדאָוו האָט געשפּילט אין דער געהיימער קאָמוניקאַציע־סיסטעם פון אַלמאַ אַטאַ. טראָצקי האָט געשריבן:

אין ווינטער 1927 . . . איז לעאָן אַלט געוואָרן צוויי־און־צוואַנציק יאָר. . . . זיין אַרבעט אין אַלמאַ אַטאַ אין משך פון יענעם יאָר איז באמת געווען אומפאַרגלייכבאַר. מיר האָבן אים אָנגערופן אונדזער מיניסטער פון אויסערלעכע ענינים, מיניסטער פון פּאָליציי און מיניס־טער פון קאָמוניקאַציעס. און אין דער דורכפירונג פון אָט־די אַלע אויפגאַבעס, האָט ער זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף אַן אומלעגאַלן אַפּאַראַט.

סעדאָוו האָט געדינט אַלס פאַרמיטלער מיט די געהיימע שלוחים, וועלכע האָבן געבראַכט ידיעות קיין אַלמאַ אַטאַ און צוריקגענומען מיט זיך טראָצקיס „דירעקטיוון”:

טיילמאָל זיינען אויך פון מאָסקווע אָנגעקומען ספּעציעלע שלוחים. באַגעגענען זיך מיט זיי איז ניט געווען קיין איינפאַכער ענין. . . . דרויסנדיקע פאַרבינדונגען האָט בלויז לעאָן דורכגעפירט. אין אַ רעגנ־דיקער נאַכט, אָדער ווען דער שניי איז געדיכט געפאַלן, פלעגט ער פאַרלאָזן דאָס הויז, אָדער, אויסמיידנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די שפּיאָנען, פלעגט ער זיך דורכן טאָג באַהאַלטן אין דער ביבליאָטעק, כדי זיך צו טרעפן מיט דעם שליח אין אַן עפנטלעכער באָד, אָדער צווישן די געדיכטע קוסטעס הינטער דער שטאָט, אָדער אינעם אָריענ־טאַלישן מאַרק־פּלאַץ, וואו די קירגיזן האָבן זיך אַריינגעשטופּט מיט זייערע פערד, אייזלען און סחורות. יעדעס מאָל איז ער צוריקגעקומען אַ פריילעכער, מיט אַ זיגרייכן בליק אין די אויגן און מיט דעם קאָסט־באַרן אוצר אונטער די קליידער.

כמעט „100 שטיק אַ וואָך” פון אַ געהיימען כאַראַקטער זיינען דורכ־געגאַנגען סעדאָווס הענט. אַ חוץ דעם האָט טראָצקי אַרויסגעשיקט פון אַלמאַ אַטאַ אַ גרויסע צאָל פּראָפּאַגאַנדע און פערזענלעכע בריוו. פיל בריוו האָבן אַנטהאַלטן „אָנווייזונגען” צו זיינע נאָכפאָלגער, ווי אויך אַנטי־סאָוועטישע פּראָ־פּאַגאַנדע. „צווישן אַפּריל און אָקטאָבער (1928)”, האָט זיך טראָצקי באַרימט, „האָבן מיר דערהאַלטן אומגעפער 1,000 פּאָליטישע בריוו און דאָקומענטן, און אַרום 700 טעלעגראַמעס. אין זעלביקן פּעריאָד האָבן מיר אַרויסגעשיקט 500 טעלעגראַמעס און ניט ווייניקער פון 800 פּאָליטישע בריוו. . . .”

אין דעצעמבער 1928 איז אַ פאַרטרעטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג געשיקט געוואָרן צו באַזוכן טראָצקין אין אַלמאַ אַטאַ. לויט „מיין לעבן”, האָט

ער געזאָגט צו טראָצקין: „די אַרבעט פון אייערע פּאָליטישע סימפּאַטיקער איבערן לאַנד האָט לעצטנס אָנגענומען אַן אויסגעשפּראָכענעם קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערן כאַראַקטער; די באַדינגונגען, אין וועלכע איר געפינט זיך אין אַלמאַ אַטאַ, גיבן אייך די פולע מעגלעכקייט אָנצופירן מיט אָט־דער אַרבעט. . . .״

די סאָוועטן־רעגירונג האָט געוואָלט האָבן אַ צוזאָג פון טראָצקין, אַז ער וועט אויפגעבן זיין אונטערגראַבנדיקע טעטיקייט. אויב ניט, וועט די רעגירונג זיין געצוואונגען אָנצונעמען שטאַרקע מיטלען קעגן אים אַלס אַ פּאַרטעטער. טראָצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די וואָרנונג. אַ ספּעציעלער קאָלעגיום פון דער „אָגפּו״ האָט אויפגענומען זיין פּראָגע. אַן אויסצוג פון די פּראָטאָקאָלן פון דער „אָגפּו״, וואָס איז דאַטירט דעם 8טן יאַנואַר, 1929, לייענט זיך:

באַטראַכט: דעם פאַל פונעם בירגער לעאָן טראָצקי, לעוו דאַווי־דאָוויטש, אונטער אַרטיקל 5810 פון קרימינעלן געזעץ, אויף דער באַ־שולדיקונג פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע אַנטי־סאָוועטישע פּאַרטיי, וועמעס טעטיקייטן עס זיינען לעצטנס געצילט צו פּראָוואָצירן אַנטי־סאָוועטישע אַקציעס און צוצוגרייטן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.

באַשלאָסן: אַרויסצושיקן דעם בירגער טראָצקי, לעוו דאַווידאָוויטש, פון דער טעריטאָריע פון פ.ס.ס.ר.

דעם 22טן יאַנואַר אינדערפרי, 1929, איז טראָצקי פאָרמעל אַרויסגעשיקט געוואָרן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער סאַמע אויסערגעוויינלעכסטער פאַזע אין לעאָן טראָצקיס קאַריערע.

„פאַרשיקונג מיינט געוויינלעך פאַרגעסן צו ווערן. אין טראָצקיס פאַל האָט פונקט דאָס פאַרקערטע פּאַסירט״, האָט אייזיק פ. מאַרקאָסאָן שפּעטער גע־שריבן אין „שטורמישע יאָרן״. „אַ מענטשלעכער האָרן־בין בעת ער האָט זיך געפונען אין די סאָוועטישע גרענעצן, איז זיין שטאָך ניט ווינציקער ווירקזאַם ווען ער געפינט זיך טויזנטער מיילן ווייט. אויסאיבנדיק אַ קאָנטראָל פונדער־ווייטנס, איז ער געוואָרן רוסלאַנדס ערשטער שונא. נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אַן איינציקע סט. העלענע, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין קאַריערע אַלס אַן אייראָפּייאישער צרות־אָנמאַכער. טראָצקי האָט געהאַט פינף סט. העלענעס. יעדע איינע פון זיי איז געווען אַ נעסט פון אינטריגעס. אַ מייסטער פון פּראָ־פּאַגאַנדע, האָט ער געלעבט אין אַ פאַנטאַסטישער אַטמאָספערע פון נאַציאָ־נאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשווערונג, פונקט ווי אַן אינטריגאַנט אין ע. פיליפּס אָפּענהיימס אַ מיסטעריעזער דערציילונג.״

קאַפּיטל 16

די אַנטשטייאונג פון אַ פינפטער קאָלאָנע

1. טראָצקי אין עלבאַ

דעם 13טן פעברואַר, 1929, איז טראָצקי אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ניט ווי קיין דיסקרעדיטירטער פּאָליטישער פאַרשיקטער איז ער אָנגעקומען. טראָצקי איז אָנגעקומען פּונקט ווי אַ הערשער אויף אַ באַזוך. די וועלט־פּרעסע האָט זיין אָנקומען געמאָלדן אין גרויסער שריפט. אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן געוואַרט צו באַגריסן דאָס פּריוואַטע מאָטאָר־שיפל, וואָס האָט אים געבראַכט צו פירן צום האַפן. טראָצקי האָט זיי אַלע אַוועקגעשאַרט און געשפּאַנט צום וואַרטנדיקן אויטאָמאָביל, וואָס זיין פּערזענלעכער לייב־וועכטער האָט אָנגעטריבן, וועלכער האָט אים אַוועקגעפירט צו זיין פּערזענלעכער קוואַרטיר אין שטאָט, וואָס מען האָט פאָראויס צוגעגרייט פאַר זיין אָנקומען.

אין טערקיי האָט אויסגעבראָכן אַ פּאָליטישער שטורעם. פּראָ־סאָוועטישע גרופּעס האָבן געפאָדערט מען זאָל אים אויסווייזן; אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס זיינען געווען צופרידן וואָס דער שונא פון סאָוועטישן רעזשים איז אַהערצו געקומען. די טערקישע רעגירונג האָט אויסגעזוכט אומאַנטשלאָסן. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן אַ דיפּלאָמאַטישן דרוק אויף איר, זי זאָל האַלטן טראָצקין אין טערקיי, נאָענט צו די סאָוועטישע גרענעצן. ענדלעך איז געקומען צו אַן אויסגלייך. טראָצקי וועט בלייבן אין טערקיי, און פונדעסטוועגן ניט אין טערקיי. דער פאַרשיקטער „רויטער באַפּאָלעאָן" האָט געקראָגן אַן עיר מקלט אויפן טערקישן אינדזל פּרינקיפּאָ. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן זיך טראָצקי, זיין ווייב און זון, ווי אויך אַ צאָל פון זיינע לייב־וועכטער, אַריבערגעקליבן אַהינצו.

אין פּרינקיפּאָ, דער פּראַכטפולער שוואַרץ־ימיקער אינדזל, וואו וואודראָו ווילסאָן האָט געטרוימט אָפּצוהאַלטן אַ פרידן־קאָנפערענץ צווישן די אַליאירטע און די סאָוועטן, האָט דער אויסגעוויזענער טראָצקי איינגעשטעלט זיין נייע פּאָליטישע הויפּט־קוואַרטיר, צוזאַמען מיט זיין זון, לעאָן סעדאָוו, וועלכער איז

געווען זיין הויפּט־געהילף און צווייטער אין ראַנג. „אין פּרינקיפּאָ", האָט טראָצקי שפּעטער געשריבן, „האָט זיך דערוויל מיט דערפּאָלג פּאָרמירט אַ נייע גרופּע יונגע מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער, מיט דער נאָענטער קאָאָפּעראַציע פון מיין זון." אַ מאָדנע, פּיבערדיקע אַטמאָספערע פון סודות־דיקייט און אינטריגע האָט געהערשט אין קליינעם הויז, וואָס טראָצקי האָט באַוואוינט. פונדרויסן איז עס געווען באַוואַכט פון פּאָליציי־הינט און לייב־וועכטער. אינעווייניק האָט דאָס הויז געשווימלט מיט ראַדיקאַלע אַוואַנטוריסטן פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, שפּאַניע און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן טראָצקין אין פּרינקיפּאָ. גערופן האָט ער זיי זיינע „סעקרעטאַרן". זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ נייע טראָצקיסטישע גוואַרדיע. צום הויז האָט זיך כסדר געצויגן אַ שטראָם באַזוכער: אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, פאַרגעטערער פונעם העלדישן פאַרשיקטן טראָצקין, און זעלבסט־געקרוינטע „וועלט־רעוואָלוציאָנערן". לייב־וועכטער זיינען געשטאַנען אינדרויסן פאַר טראָצקיס ביבליאָטעק־טיר, בעת ער האָט אָפּגעהאַלטן פּריוואַטע קאָנפערענצן מיט רענעגאַטן פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע אָדער סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. פון צייט צו צייט זיינען אַגענטן פון געהיים־דינסטן און אַנדערע מיסטעריעזע פּערזאָנען געקומען אין גרויס געהיימניש צו שמועסן מיט טראָצקין.

תחילת איז דער הויפּט פון טראָצקיס לייב־וואַך אין פּרינקיפּאָ געווען בלומקין, דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער מערדער, וועלכער איז מיט הינטישער געטריישאַפט נאָכגעגאַנגען טראָצקין זינט דעם אָנהויב פון די ניינצן־צוואַנציקער יאָרן. שפּעט אין 1930 האָט טראָצקי אים צוריקגעשיקט אויף אַ ספּעציעלער שליחות קיין סאָוועט־רוסלאַנד. די סאָוועטישע פּאָליציי האָט געכאַפּט בלומקינען, אים איבערגעגעבן צום געריכט אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט אַריינגעשמוגלט געווער און אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע אין פ.ס.ס.ר., און אים דערשאָסן. שפּעטער איז טראָצקיס לייב־וואַך אָנגעפירט געוואָרן פון אַ פראַנצויז, רעימאָנד מאָליניער, און פון אַן אַמעריקאַנעם, שעלדאָן האַרט.

טראָצקי האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך געפּלייסט אָנצוהאַלטן זיין רעפּוטאַציע אַלס אַ „גרויסער רעוואָלוציאָנער" אין צייטווייליקן גלות. ער איז שוין אַלט געווען קנאַפּע פופציק יאָר. זיין דיקלעכער, עטוואָס געבויגענער קערפּער האָט אָנגעפאַנגען ווערן גראָב און נאָכגעלאָזן. זיין באַרימטע טשופּרינע שוואַרצע האָר און קליין שפּיציק בערדל זיינען שוין גרוי געוואָרן. אָבער זיינע באַוועגונגען זיינען נאָך אַלץ געווען גיכע און אומגעדולדיקע. זיינע טונקעלע אויגן הינטער דער אומפאַרמיידלעכער פּענסנע, וואָס האָט געבליש־

טשעט אויף זיין שאַרפער נאָז, האָט צו זיינע כמורנע, באַוועגלעכע שטריכן צוגעגעבן אַ מאָדנעם טייוולאָנישן אויסדרוק. פיל באַאָבאַכטער זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן פון זיין „מעפיסטאָפעלשער" פיזיאָנאָמיע. אַנדערע האָבן אין טראָצקיס שטימע און אויגן געפונען אַ שיר־ניט היפּנאָטישע באַצויבערונג.

כדי אָנצוהאַלטן זיין רעפּוטאַציע מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד, האָט טראָצקי גאַרניט איבערגעלאָזן צום צופאַל. ער האָט ליב געהאַט צו ציטירן די ווערטער פונעם פראַנצויזישן אַנאַרכיסט, פּרודאָן: „שיקזאַל — איך לאַך זיך אויס דערפון; און וואָס שייך מענטשן, זיינען זיי צו עם־הארציש, צו פאַרשקלאַפט, אַז איך זאָל זיך ערגערן איבער זיי." אָבער איידער ער האָט געדאַרפט געבן אַן אינטערוויו צו אַ וויכטיקן באַזוכער, האָט טראָצקי פריער פאַרזיכטיק רעפּעטירט זיין ראָלע און האָט אַפילו דורכשטודירט די געהעריקע זשעסטיקולאַציעס אַנטקעגן אַ שפּיגל אין זיין שלאָפצימער. די זשורנאַליסטן, וואָס פלעגן קומען קיין פּרינקיפּאָ, האָבן געמוזט איבערגעבן טראָצקין זייערע געשריבענע אַרטיקלען, ער זאָל זיי רעדאַקטירן פאַרן אָפּדרוקן. אין זיינע שמועסן האָט טראָצקי אויסגעגאָסן אַן אומענדלעכע כוואַליע דאָגמאַטישע באַהויפּטונגען און אַנטי־סאָוועטישע אָנגריפן, אונטערשטרייכנדיק דערביי יעדן זאַץ און יעדע תנועה מיט דער טעאַטראַלישער שאַרפקייט פון אַ מאַסן־רעדנער.

דער ליבעראַלער דייטשער שרייבער, עמיל לודוויג, האָט אינטערוויואירט טראָצקין באַלד נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין פּרינקיפּאָ. טראָצקי איז געווען אין אַן אָפּטימיסטישער שטימונג. רוסלאַנד שטייט לפני אַ קריזיס, האָט ער געזאָגט לודוויגן; דער פינף־יאָר פּלאַן איז אַ דורכפאַל; עס וועט דאָרט קומען אַרבעטלאָזיקייט, און אַן עקאָנאָמיש־אינדוסטריעלע קאַטאַסטראָפע; די פּראָגראַם צו קאָלעקטיוויזירן די אַגריקולטור איז פאַרמשפּט צו דורכפאַל; סטאַלין דערפירט דאָס לאַנד צו אַ חורבן; די אָפּאָזיציע האַלט אין וואַקסן. . . .

— ווי גרויס איז אייער נאָכפאָלגערשאַפט אין רוסלאַנד גופא? — האָט אים לודוויג געפרעגט.

טראָצקי איז פּלוצלונג געוואָרן פאַרזיכטיק. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט אַ דיקלעכער, ווייסער, מאַניקורטער האַנט: „דאָס איז שווער אָפּצושאַצן." זיין נאָכפאָלגערשאַפט איז „צעוואָרפן", האָט ער געזאָגט לודוויגן, זיי אַרבעטן אומלעגאַל, „אונטערערדיש".

— ווען דערוואַרט איר ווידעראַמאָל אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט?

נאָכטראַכטנדיק אַביסל, האָט טראָצקי דערויף געענטפערט: „ווען עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט פון דרויסן. אפשר אַ מלחמה, אָדער אַ נייע

אייראָפּייִשע אינטערווענציע — בעת די שוואַכקייט פון דער רעגירונג וועט דינען אַלס אַ סטימול!"

ווינסטאָן טשוירטשיל, נאָך אַלץ לייִדנשאַפטלעך פּאַראינטערעסירט אין יעדער פּאַזע פון דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע איבער דער וועלט, האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן שטודיום וועגן דעם פּאַרטריבענעם אין פּרינקיפּאָ. „טראָצקי איז מיר קיינמאָל ניט געפעלן", האָט טשוירטשיל דערקלערט אין 1944. אָבער טראָצקיס קאָנספּיראַטיווע דרייסטקייט, זיין רעדנער־טאַלאַנט און טייוולשע ענערגיע איז טשוירטשילס אַוואַנטוריסטישן טעמפּעראַמענט זייער געפעלן. אונטערציענדיק אַ סך־הכל וועגן דעם גאַנצן צוועק פון טראָצקיס אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַרשווערונג, זינט ער האָט פאַרלאָזן די סאָוועטישע ערד, האָט טשוירטשיל געשריבן אין זיין „גרויסע מענטשן פון מיין צייט":

> טראָצקי . . . שטרעבט צו אָרגאַניזירן די אונטערוועלט פון איי־ראָפּע כדי צו פאַרניכטן די רוסישע אַרמיי.

אין דער צייט האָט אויך דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער קאָרעספּאָנ־דענט דזשאָן גאַנטער באַזוכט טראָצקיס הויפּט־קוואַרטיר אין פּרינקיפּאָ. ער האָט גערעדט מיט טראָצקין און מיט אַ צאָל פון זיינע רוסישע און אייראָפּייִשע אָנהענגער. גאַנטער איז געווען איבערראַשט צו זען, אַז טראָצקי האָט ניט געהאַנדלט ווי אַ פאַרטריבענער און באַזיגטער. ער האָט זיך געהאַלטן מער ווי אַ הערשנדיקער קעניג אָדער דיקטאַטאָר. גאַנטער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן נאַפּאָלעאָנען אין עלבאַ — באַלד פאַר זיין דראַמאַטישן צוריקקער און די הונדערט טעג. גאַנטער האָט געשריבן:

> אַ טראָצקיסטישע באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע. אין יעדן לאַנד איז פאַראַן אַ נוקלעאוס פון טראָצקיסטישע אַגיטאַטאָרן. זיי נעמען באַפעלן דירעקט פון פּרינקיפּאָ. עס איז פאַראַן אַ מין פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס, דורך זייערע שריפטן און דערקלערונגען, אָבער דערהויפּט דורך פּריוואַטע בריוו. די פאַר־שיידענע צענטראַל־קאָמיטעטן זיינען פאַרבונדן מיט אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער הויפּט־קוואַרטיר אין בערלין.

גאַנטער האָט געזוכט צו באַוועגן טראָצקין צו רעדן וועגן זיין פּערטן אינ־טערנאַציאָנאַל, וואָס ער טוט און וואָס זיינע צילן זיינען. טראָצקי איז וועגן דעם געווען צוריקגעהאַלטן. בעת אַ פּריילעכן מאָמענט האָט ער גאַנטערן גע־וויזן אַ צאָל „אויסגעהוילטע ביכער", אין וועלכע מען פלעגט באַהאַלטן און איבערשיקן געהיימע דאָקומענטן. ער האָט שטאַרק געלויבט די טעטיקייטן

פון אַנדרעאַס נין אין שפּאַניע.*) ער האָט אויך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געהאַט נאָכפאָלגער און איינפלוסרייכע סימפּאַטיקער. ער האָט גערעדט וועגן די טראָצקיסטישע צעלן, וואָס האַלטן זיך אין גרינדן אין פראַנקרייך, נאָרוועגיע און טשעכאָסלאָוואַקיע. זייערע טעטיקייטן, האָט ער גאַנטערן געזאָגט, זיינען „האַלב געהיימע".

גאַנטער האָט געשריבן, אַז טראָצקי האָט „פּאַרלוירן רוסלאַנד, לכל הפּחות אויף אַ צייט. קיינער קאָן ניט וויסן, צי ער וועט עס ניט אפשר צוריקגעווינען אין צען אָדער צוואַנציק יאָר." טראָצקיס הויפּט-ציל איז געווען „אויסצוהאַלטן, האָפן אויף סטאַלינס אַרונטערפאַלן אין רוסלאַנד, און דערווייל אַנצואווענדן יעדעס ביסל ענערגיע אויף דער אומאויפהערלעכער אויסבעסערונג פון זיין קאָנטער-קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אויסלאַנד".

בלויז „איין איינציקע זאַך", האָט גאַנטער פאַרענדיקט, וואָלט טראָצקין געקאָנט „גלייך צוריקברענגען קיין רוסלאַנד".

די דאָזיקע איינציקע זאַך איז „סטאַלינס טויט".

פון פּרינקיפּאָ האָט טראָצקי אין משך פון 1930-1931 אָרגאַניזירט אַן אויסערגעוויינלעכע אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע-קאַמפּאַניע, וואָס האָט איבּ-גיכן דערגרייכט יעדעס לאַנד. דאָס איז געווען אַ נייער מין אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַן אַ שיר מער ראַפינירט און צעטומלענדיק ווי וועלכע עס איז אַנדער פּראָפּאַגאַנדע וואָס די אַנטי-באָלשעוויסטישע כוחות האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט צוגעטראָכט.

די צייטן האָבן זיך געביטן. די גאַנצע וועלט איז נאָך דעם קריזיס געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און זי האָט ניט געוואָלט צוריקקערן זיך צו די פריערדיקע וועגן, וואָס האָבן אָנגעבראַכט אַזויפיל אומגליק און ליידן. די פאַשיסטישע קאָנטער-רעוואָלוציע אין איטאַליע איז עפעקטיוו אַרויסגערוקט געוואָרן פון איר געוועזענעם סאָציאַליסטישן גרינדער, בעניטאָ מוסאָליני, אַלס די „איטאַליענישע רעוואָלוציע". אין דייטשלאַנד האָבן די נאַציס געקראָגן שטיצע פון די מאַסן ניט בלויז דורך אַריינגעמען די אַנטי-באָלשע-וויסטישע רעאַקציע, נאָר אויך דורך פאַרשטעלן זיך פאַר די דייטשע אַרבעטער און פויערים אַלס „נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן". אַזוי ווייט צוריק ווי אין 1903 האָט טראָצקי באַהערשט די פּראָפּאַגאַנדע-קונץ פון דעם, וואָס לענין האָט אָנגערופן: „אולטראַ-רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, וועלכע קאָסטן אים גאָרניט".

איצט האָט טראָצקי אויף אַ וועלט-מאַסשטאַב פאַרגעזעצט צו אַנטוויקלען

*) וועגן נינס שפּעטערדיקע פאַרבינדונגען מיט דער פאַשיסטישער פינפטער קאָלאָנע אין שפּאַניע, זע באַמערקונג אויף זייטן 328-329.

די פּראָפּאַגאַנדע־טעכניק, וועלכע ער האָט פריער געהאַט באַנוצט קעגן לענינען און קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דורך אומצאָליקע אולטראַ־לינקיסטישע און שאַרפע, ראַדיקאַל־קלינגענדיקע אַרטיקלען, ביכער, בראָשורן און רעדעס, האָט טראָצקי אָנגעפּאַנגען צו אַטאַקירן דעם סאָוועטן־רעזשים און געדופן אים אַרונטערצואוואַרפן מיט גוואַלד — ניט ווייל ער איז רעוואָלוציאָנער, נאָר ווייל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ער איז „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער" און „רעאַקציאָנער".

איבערנאַכט האָבן פּיל פון די עלטערע אַנטי־באָלשעוויסטישע כוחות פאַרוואָרפן זייער פריערדיקע פּראָ־צאַריסטישע און אָפענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע־ליניע און אָנגענומען די נייע, מאָדערנע טראָצקיסטישע קונץ פון אַטאַקירן די רוסישע רעוואָלוציע „פון לינקס". אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז עס געווען אַ גאַנץ אָנגענומענע זאַך פאַר אַ לאָרד ראָטהערמיר אָדער אַ ווילליאַם ראַנדאָלף הורסט צו באַשולדיקן סטאַלינען אין „פאַרראַט פון דער רעוואָלוציע".

טראָצקיס ערשטע גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, אין וועלכער ער האָט באַוויזן די נייע אַנטי־סאָוועטישע ליניע פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטער־רעוואָלוציע, איז געווען זיין מעלאָדראַמאַטישע, האַלב־פיקטיווע אויטאָביאָגראַפיע, „מיין לעבן". תחילת האָט טראָצקי דאָס פאַרעפנטלעכט אַלס אַ סעריע אַנטי־סאָוועטישע אַרטיקלען אין אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע צייטונגען. דער ציל פון דעם בוך איז געווען צו זידלען סטאַלינען און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו פאַרגרעסערן דעם אָנזען פון דער טראָצקיסטישער באַוועגונג און באַפעסטיקן די לעגענדע וועגן טראָצקין אַלס דער „וועלט־רעוואָלוציאָנער". טראָצקי האָט זיך אין „מיין לעבן" געשילדערט אַלס דער ווירקלעכער באַגייסטערער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועמען זיינע „כיטרע", „מיטלמעסיקע" און „אַזיאַטישע" קעגנער האָבן עפּעס דורך אַ קונץ אַרויסמאַנעווורירט פון זיין געהעריקן פּלאַץ אַלס רוסישער פירער.

די אַנטי־סאָוועטישע אַגענטן און פּובליציסטן האָבן תיכף צעטרומייטערט טראָצקיס בוך, וואָס איז געוואָרן אַ סענסאַציאָנעל, ווייט־פאַרשפּרייט בוך איבער דער וועלט, וואָס דערציילט כלומרשט די „אינעווייניקסטע געשיכטע" פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אַדאָלף היטלער האָט געלייענט טראָצקיס אויטאָביאָגראַפיע אַזוי גיך ווי זי איז נאָר דערשינען. קאָנראַד היידען, דער שרייבער פון היטלערס ביאָגראַפיע, דערציילט אין „דער פירער", ווי אַזוי דער נאַצי־פירער האָט אין 1930 איבערראַשט אַ קרייז פון זיינע פריינט מיט זיין אַנטציקנדיקער לויב פון טראָצקיס בוך. „גלענצנדיק!" האָט היטלער אויסגעשריגן, פאָכנדיק טראָצ־

קיס „מיין לעבן" צו זיינע נאָכפאָלגער. „איך האָב זייער פיל געלערנט פון אים, און אויך איר קאָנט דאָס טאָן!"

טראָצקיס בוך איז שנעל געוואָרן אַ האַנט־בוך פאַר די אַנטי־סאָוועטישע געהיים־דינסטן. מען האָט אים אַנגענומען אַלס אַ גרונטאָוונער וועג־ווייזער פאַר פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים. די יאַפּאַנעזישע געהיים־פּאָליציי האָט געצוואונגען די אַרעסטירטע יאַפּאַנישע און כינעזישע קאָמוניסטן צו לייענען דאָס בוך, אין אַ פּאַרזוך צו ברעכן זייער מאָראַל און צו איבערצייגן זיי, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט פאַרראַטן די כינעזישע רעוואָלוציע און דעם ציל פאַר וועלכן זיי האָבן געקעמפט. די געשטאַפּאָ האָט געמאַכט ענלעכע נוצן פון אָט־דעם בוך.

„מיין לעבן" איז געווען בלויז דער ערשטער שאָס פון טראָצקיס גרויסער אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע. באַלד זיינען געקומען: „דער פאַרראַט פון דער רעוואָלוציע", „די סאָוועטישע עקאָנאָמיע אין געפאַר", „דער דורכפאַל פונעם פינף־יאָר פּלאַן", „סטאַלין און די כינעזישע רעוואָלוציע", „די סטאַלינישע שול פון פעלשונגען", און נאָך אַ מאַסע אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע ביכער, בראָשורן און אַרטיקלען, פיל פון וועלכע זיינען צוערשט דערשינען אונטער שרייענדיקע קעפּ אין די רעאַקציאָנערע צייטונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע. טראָצקיס „ביורא" האָט דער אַנטי־סאָוועטישער וועלט־פּרעסע צו־געשטעלט אַן אומאויפהערלעכן שטראָם פון „אַנטדעקונגען", „אויפדעקונגען" און „אינערלעכע געשיכטעס" וועגן רוסלאַנד.

פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא האָט טראָצקי אַרויסגעגעבן זיין אָפּי־ציעלן „בולעטין פון דער אָפּאָזיציע". געדרוקט אין אויסלאַנד, פריער אין טערקיי, דערנאָך אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, נאָרוועגיע און אין אַנדערע לענ־דער, און אַריינגעשמוגלט פון געהיימע טראָצקיסטישע שלוחים קיין רוסלאַנד, איז דער „בולעטין" געמיינט געווען ניט פאַר די סאָוועטישע מאַסן. ער איז געווען געצילט פאַר דיפּלאָמאַטן, רעגירונג־באַאַמטע, מיליטער־לייט, און אינ־טעליגענטן, וועלכע האָבן אַמאָל געהאַט נאָכגעפאָלגט טראָצקין אָדער וועלכע האָבן אויסגעזען אַז זיי קאָנען פון אים באַאיינפלוסט ווערן. דער „בולעטין" האָט אויך אַנטהאַלטן אָנווייזונגען פאַר טראָצקיסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד. דער „בולעטין" האָט אומאויפהערלעך געמאָלן שרעק־בילדער וועגן דעם אָנקומענדיקן אומגליק פאַרן סאָוועטן־רעזשים, פאַר־אויסזאָגנדיק אינדוסטריעלע קריזיסן, באַנייטן בירגער־קריג, און דעם פאַנאַנ־דערפאַל פון דער רויטער אַרמיי בעת דער ערשטער אַטאַקע פון דרויסן. דער „בולעטין" האָט געשיקט געשפּילט אויף אַלע צווייפלען און זאָרגן, וואָס די אַנגעצויגענע שטימונגען און שוועריקייטן פונעם אויפבוי־פעריאָד האָבן באַ־

שאַפן אין די מוחות פון די ניט־שטאַנדהאַפטיקע, צעטומלטע און אומצופרידענע עלעמענטן. דער „בולעטין" האָט אָפן געררופן אָט די דאָזיקע עלעמענטן אונטערצוגראָבן און דורכצופירן גוואַלדזאַמע אַקטן קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג.

אָט זיינען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון דער אַנטי־סאָוועטישער פראָפּאַגאַנדע און פון די רופן אַרונטערצוואַרפן מיט גוואַלד דעם סאָוועטן־רעזשים, וועלכע טראָצקי האָט פאַרשפּרייט איבער דער וועלט אין די יאָרן נאָך דעם ווי מען האָט אים פאַרשיקט פונעם פ.ס.ס.ר.:

די טאַקטיק פון דער איצטיקער פירערשאַפט, די קליינע סטאַלין־גרופּע, פירט מיט גרויס שנעלקייט דאָס לאַנד צו געפערלעכע קריזיסן און צוזאַמענברוכן. — „אַ בריוו צו די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד", מערץ 1930.

דער אָנקומענדיקער קריזיס פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמיע וועט אומפאַרמיידלעך, און גאָר אינגיכן, צעשטערן די באַצוקערטע לעגענדע [אַז סאָציאַליזם קאָן געבויט ווערן אין איין לאַנד] און — מיר האָבן ניט קיין שום אורזאַכן צו צווייפלען — וועט פאַראורזאַכן פיל טויטע. . . . די [סאָוועטישע] עקאָנאָמישע פונקציעס, אָן מאַטעריעלע רעזערוון און אָן אויסרעכענונג . . . די אומקאָנטראָלירטע ביוראָקראַטיע האָט פאַרבונדן איר פּרעסטיזש מיט דער שפּעטערדיקער אָנזאַמלונג פון טעותן. . . . עס קומט אָן אַ קריזיס [אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד], וואָס וועט באַגלייט ווערן מיט אַזעלכע רעזולטאַטן ווי צומאַכן אונטערנעמונגען און אַרבעטלאָזיקייט. — „די סאָוועטישע עקאָנאָמיע אין געפאַר", 1932.

די הונגעריקע אַרבעטער [אין סאָוועטן־פאַרבאַנד] זיינען אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי. די פאַרטיי איז אומצופרידן מיט דער פירערשאַפט. די פּויערים זיינען אומצופרידן מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע, מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, מיט דער שטאַט. — אַן אַרטיקל אין דעם „מיליטאַנט" (אַמעריקע) פון 4טן פעברואַר, 1933.

די ערשטע געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונג, אויסערלעך אָדער אינערלעך, קאָן די צעשפּליטערטע סאָוועטישע געזעלשאַפט אַריינוואַרפן אין אַ בירגער־קריג. — „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל", 1933.

עס וואָלט געווען קינדיש צו גלויבן, אַז מען קאָן די סטאַלין־ביוראָקראַטיע אַרונטערזעצן דורך אַ קאָנגרעס פון דער פאַרטיי אָדער די סאָוועטן. מען קאָן שוין מער ניט נוצן קיין נאָרמאַלע קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען כדי אַרונטערצוּוואַרפן די הערשנדיקע קליקע. . . . בלויז דורך

צוואַנג קאָנען זיי באַוועגט ווערן איבערצוגעבן די מאַכט צום אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט. — „דער בולעטין פון דער אָפּאָזיציע״, אָקטאָבער 1933.

די פּאָליטישע קריזיסן קומען זיך צוזאַמען מיט אַן אַלגעמיינעם קריזיס, וועלכער קריכט ווייטער און ווייטער. — „דער מאָרד פון קיראָוו״, 1935.

אינעווייניק אין דער פּאַרטיי גופא, האָט סטאַלין זיך געשטעלט העכער פון קריטיק און פון דעם שטאַט. עס איז אוממעגלעך אים אַרונטערזעצן, סיידן דורך דערמאָרדונג. יעדער אָפּאָזיציאָנער ווערט דורכן בלויז פאַקט פון זיין אַן אָפּאָזיציאָנער, אַ טעראָרסט.—דערקלערונג אין דעם אינטערוויו מיט וויליאַם ראַנדאָלף הירסט, אין דעם „ניו־יאָרק איוונינג דזשורנאַל״ פון 26טן יאַנואַר, 1937.

קאָנען מיר דערוואַרטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט אַרויס פון דער קומענדיקער גרויסער מלחמה ניט־באַזיגט? אויף אָט־דער אָפענער פראַגע וועלן מיר געבן אַן אָפענעם ענטפער: אויב די מלחמה וועט פאַרבלייבן בלויז אַ מלחמה, איז די מפּלה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אומפאַרמיידלעך. אין אַ טעכנישן, עקאָנאָמישן און מיליטערישן זין איז דער אימפּעריאַליזם אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער. און אויב דער אימפּעריאַליזם וועט נאָר ניט פאַראַליזירט ווערן דורך רעוואָלוציעס אין מערב, וועט ער דאַן אָפּווישן דעם איצטיקן רעזשים. — אַן אַרטיקל אין „אַמעריקען מורקיורי״, מערץ 1937.

די מפּלה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אומפאַרמיידלעך, אויב די נייע מלחמה וועט ניט אַרויסרופן קיין נייע רעוואָלוציע. . . . אויב מיר גיבן טעאָרעטיש צו, אַז עס איז מעגלעך אַ מלחמה אָן אַ רעוואָלוציע, דאַן איז די מפּלה פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אומפאַרמיידלעך. — פונעם עדות־זאָגן ביי די פאַרהערן אין מעקסיקאָ, אַפּריל 1937.

2. אַ באַגעגעניש אין בערלין

זינט דעם מאָמענט וואָס טראָצקי האָט פאַרלאָזן דעם סאָוועטישן באָדן, האָבן די אַגענטן פון די אויסלענדישע געהיים־דינסטן געהאַט שטאַרק חשק זיך צו פאַרבינדן מיט אים און אויסנוצן זיין אינטערנאַציאָנאַלע אַנטי־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע. די פּוילישע „דעפענסיווע״, די איטאַליענישע פאַשיסטישע „אָוראַ״, די פינלענדישע מיליטערישע „אינטעליגענץ״, די ווייס־

גוואַרדייאישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די געהיימע אַנטי־סאָוועטישע דינסטן אין רומעניע, יוגאָסלאַוויע און אונגאַרן, און די רעאַקציאָנערע עלעמענטן צוזאַמען מיט דער ענגלישער געהיים־דינסט, ווי אויך די פראַנצויזישע „צווייטע ביוראָ" — אַלע זיינען זיי גרייט געווען צו האַנדלען מיט רוסלאַנדס גרעסטן שונא צוליב זייערע אייגענע צוועקן. טראָצקי האָט באַקומען געלטער, געהילפן, אַ שפּיאָנאַזש־נעץ און קוריערן־באַדינגונג, כדי אָנצוהאַלטן און אויסצושפּרייטן זיינע אינטערנאַציאָנאַלע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייטן און כדי צו שטיצן און צו רעאָרגאַניזירן זיין קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט אין סאָוועט־רוסלאַנד גופא.

די וויכטיקסטע דערשיינונג איז געווען טראָצקיס וואַקסנדיקע נאָענטקייט מיט דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ" (אָפּטיילונג 111־ב), וועלכע האָט שוין אין יענער צייט, אונטער דער קאָמאַנדע פון קוירנעל וואַלטער ניקאָלאַי, צוזאַמענגעאַרבעט מיט היינריך הימלערס וואַקסנדיקער געשטאַפּאָ.

ביז 1930 האָט טראָצקיס אַגענט קרעסטינסקי געהאַט געקראָגן אומגעפער 2,000,000 גאָלד־מאַרק פונעם דייטשן רייכסווער, צו פינאַנסירן די טראָצקיסטישע טעטיקייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַלס אויסטויש פאַר שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציע, וואָס די טראָצקיסטן האָבן איבערגעגעבן דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ". קרעסטינסקי האָט שפּעטער אויפגעדעקט:

אָנפאַנגענדיק מיט 1923 און ביז 1930, האָבן מיר יערלעך דערהאַלטן 250,000 דייטשע מאַרקן אין גאָלד, אומגעפער 2,000,000 גאָלד־מאַרק. ביז סוף 1927 זיינען די תנאים פונעם אָפּמאַך דורכגעפירט געוואָרן דערהויפּט אין מאָסקווע. שפּעטער, פון סוף 1927 ביז כמעט סוף 1928, איז אין משך פון אַרום צען חדשים געווען אַן איבעררייס אינעם געלט, ווייל נאָכדעם ווי דער טראָצקיזם איז צעשמעטערט געוואָרן, בין איך געבליבן איזאָלירט. איך האָב ניט געוואוסט וועגן טראָצקיס פּלענער, איך האָב פון אים ניט דערהאַלטן קיין אינפאָרמאַציע און קיין שום אָנווייזונגען. . . . אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז אָקטאָבער 1928, ווען איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון טראָצקין, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פאַרשיקט אין אַלמאַ אַטאַ. . . . אָט־דער בריוו האָט אַנטהאַלטן טראָצקיס אינסטרוקציעס, אַז איך דאַרף פון די דייטשן קריגן דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרגעשלאָגן איבערצוגעבן מאַסלאָוון, אָדער צו טראָצקיס פראַנצויזישע פריינט, דאָס מיינט ראָעמער, מאַדעלין פאַז און אַנדערע. איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט גענעראַל סיקט. צו יענער צייט האָט ער שוין געהאַט רעזיגנירט און האָט ניט

אָנגעהאַלטן קיין שום פּאָסטן. ער האָט זיך פרייוויליק פּאָרגעשלאָגן צו כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם מיט האַמערשטיינען און צו קריגן דאָס געלט. ער האָט דאָס געלט געקראָגן. האַמערשטיין איז דעמאָלט געווען דער הויפּט פון גענעראַל־שטאַב פונעם רייכסווער, און איז אין 1930 געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם רייכסווער.

אין 1930 איז קרעסטינסקי באַשטימט געוואָרן געהילף־קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים און איז טראַנספערירט געוואָרן פון בערלין קיין מאָסקווע. זיין אַוועקפאָרן פון דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט דעם אינעוויניקסטן קריזיס וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אינעם רייכסווער אַלס רעזולטאַט פון דער וואַקסנדיקער נאַציִשער מאַכט, האָט ווידעראַמאָל געבראַכט צו אַ צייטווייליקן אָפּשטעל אינעם פלוס פון דייטש געלט פאַר טראָצקין. אָבער טראָצקי האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ביים שליסן אַ נייעם, אויסגעברייטערטן אָפּמאַך מיט דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ".

אין פעברואַר 1931 האָט טראָצקיס זון, לעאָן סעדאָוו, געדונגען אַ וואוינונג אין בערלין. לויט זיין פּאַספּאָרט, איז סעדאָוו געווען אַ סטודענט אין דייטש־לאַנד; אויגנשיינלעך, איז ער געקומען קיין בערלין צו באַזוכן אַ „דייטשן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט". עס זיינען אָבער געווען פיל וויכטיקערע אורזאַכן פאַר סעדאָווס באַזוך יענעם יאָר אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט.

עטלעכע חדשים פריער האָט טראָצקי געהאַט אָנגעשריבן אַ בראָשור מיטן נאָמען: „דייטשלאַנד: דער שליסל צו דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע". הונ־דערט און זיבן נאַציִשע דעפּוטאַטן זיינען דערוויילט געוואָרן צום רייכסטאַג. די נאַציִשע פּאַרטיי האָט געקראָגן 6,400,000 שטימען. בעת סעדאָוו איז אָנ־געקומען קיין בערלין, איז איבער דער דייטשער הויפּט־שטאָט געהאַנגען אַ פיבערדיקע שטימונג פון דערוואַרטונג און אָנגעצויגנקייט. ברוין־העמדלדיקע שטורעם־סאָלדאַטן, זינגענדיק דאָס „האָרסט וועסעל"־ליד, האָבן פּאַראַדירט איבער די בערלינער גאַסן, צעשמעטערט אידישע קראָמען און באַפאַלן די היימען און קלובן פון ליבעראַלן און אַרבעטער. די נאַציס האָבן אין זיך גע־גלויבט. „איך בין קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט און אַזוי אינערלעך צופרידן ווי אין יענע טעג", האָט אַדאָלף היטלער געשריבן אין „פעלקישער בעאָבאַכטער".

אָפיציעל איז דייטשלאַנד נאָך אַלץ געווען אַ דעמאָקראַטיע. דער האַנדל צווישן דייטשלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד האָט דערגרייכט זיין העכסטן פונקט. די סאָוועטן־רעגירונג האָט פון דייטשע פירמעס געקויפט מאַשינעריע. דייטשע טעכניקער האָבן געקראָגן גוטע שטעלעס אין סאָוועטישע מינען און עלעקטרי־

פיקאַציע־פּראָיעקטן. סאָוועטישע אינזשעניערן האָבן באַזוכט דייטשלאַנד. סאָ־וועטישע האַנדל־פאַרטרעטער, איינקויפער און האַנדל־אַגענטן זיינען כסדר געפאָרן אַהין און צוריק צווישן מאָסקווע און בערלין אויף שליחותן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן פינף־יאָר פּלאַן. אייניקע פון די דאָזיקע סאָוועטישע בירגער זיינען געווען טראָצקיס נאָכפאָלגער אָדער זיינע געוועזענע אָנהענגער.

סעדאָוו איז געווען אין בערלין אויף אַ קאָנספּיראַטיווער שליחות, אַלס אַ פאַרטרעטער פון זיין פאָטער.

„לעאָן איז תמיד געווען אויף דער וואַך", האָט טראָצקי געשריבן אין זיין בראָשור, „לעאָן סעדאָוו: זון—פריינט—קעמפער", „זשעדנע זוכנדיק פאַר־בינדונגען מיט רוסלאַנד, אויפזוכנדיק צוריקגעקומענע טוריסטן, סאָוועטישע סטודענטן, וועלכע האָבן באַקומען שליחותן אין אויסלאַנד, אָדער סימפּאַטישע פונקציאָנערן אין די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס." סעדאָווס הויפּט־אויפגאַבע אין בערלין איז געווען זיך צו פאַרבינדן מיט אַלטע מיטגלידער פון דער אָפּאָ־זיציע, זיי איבערצוגעבן טראָצקיס אינסטרוקציעס, אָדער נעמען ביי זיי וויכ־טיקע מעלדונגען פאַר זיין פאָטער. „כדי ניט אַריינצושלעפּן זיינע אינפאָר־מירער" און כדי „זיך אַרויסצודרייען פון די אָגפּו־שפּיאָנען", האָט טראָצקי געשריבן, „איז סעדאָוו „אַרומגעלאָפן שעהענווייז איבער די גאַסן פון בערלין".

אַ צאָל וויכטיקע טראָצקיסטן האָבן באַוויזן זיך אַריינצודרייען אויף שטע־לעס אין דער סאָוועטישער אויסלענדישער האַנדל־קאָמיסיע. צווישן זיי איז געווען איוואַן נ. סמירנאָוו, אַ געוועזענער רויט־אַרמייאישער אָפיציר און אַ געוועזענער פירנדיקער מיטגליד פון טראָצקיס גוואַרדיע. נאָך אַ שטיקל צייט זיין פאַרשיקט, האָט סמירנאָוו נאָכגעפאָלגט די סטראַטעגיע פון די אַנדערע טראָצקיסטן, פאַרדאַמט טראָצקין און געבעטן מען זאָל אים צוריק אַריינעמען אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַן אינזשעניער, האָט סמירנאָוו אינגיכן געקראָגן אַ מינדערוויכטיקן פּאָסטן אין דער טראַנספּאָרטאַציע־אינדוסטריע. אין אָנהויב 1931 איז סמירנאָוו באַשטימט געוואָרן אַלס באַראַטנדיקער אינ־זשעניער אין אַ האַנדל־קאָמיסיע, וועלכע איז געפאָרן קיין בערלין.

באַלד נאָכדעם ווי איוואַן סמירנאָוו איז אָנגעקומען קיין בערלין, האָט סעדאָוו זיך פאַרבונדן מיט אים. ביי געהיימע צוזאַמענקונפטן אין סעדאָווס וואוינונג און אין זייטיקע הינטערשטאַטישע ביר־שענקען און קאַפייען, האָט סמירנאָוו זיך דערוואוסט וועגן טראָצקיס פּלענער צו רעאָרגאַניזירן די געהיימע אָפּאָזיציע אין צוזאַמענאַרבעט מיט אַגענטן פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ".

פון איצט אָן, האָט סעדאָוו געזאָגט צו סמירנאָוון, וועט דער קאַמף קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ דורכאויסיקן אָנגריף.

די אַלטע קאָנקורענץ און פּאָליטישע חלוקי־דעות צווישן די טראָצקיסטן, בוכאַריניסטן, זינאָוויעוויסטן, מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און אַלע אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע גרופּעס און פראַקציעס מוז מען איצט פאַרגעסן. עס מוז געגרינדעט ווערן אַ פאַראייניקטע אָפּאָזיציע. צווייטנס, מוז דער קאַמף איצט אָננעמען אַ מיליטאַנטן כאַראַקטער. מען דאַרף אָנהויבן איבערן גאַנצן לאַנד אַ טעראָר־ און סאַבאָטאַזש־קאַמפּאַניע קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים. דאָס וועט מען דאַרפן אויסאַרבעטן מיט אַלע פּרטים. דורך בדייט־פאַרשפרייטע און פּאַרזיכטיק־פּלאַנירטע גלייכצייטיקע קלעפּ, וועט די אָפּאָזיציע קאָנען אַריינוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג אין אַ צושטאַנד פון הילפלאָזער צעטומלטקייט און דעמאָראַליזאַציע. די אָפּאָזיציע וועט דאַן פאַרכאַפּן די מאַכט.

סמירנאָוו באַלדיקע אויפגאַבע איז געווען איבערצוגעבן די סאַמע אָנפּאַרטרויטסטע מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע אין מאָסקווע טראָצקיס אָנווייזונגען וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אונטערערדישער אַרבעט, און וועגן צוגרייטן טעראָר און סאַבאָטאַזש. ער האָט אויך געדאַרפט אַראַנזשירן צו שיקן די רעגלמעסיקע „אינפאָרמאַציע“ קיין בערלין, וואָס טראָצקיסטישע שלוחים וועלן צושטעלן צו סעדאָוון, וועלכער וועט דאַן די ידיעות איבערשיקן צו זיין פאָטער. דער פּאַראָל, מיט וועלכן די שלוחים האָבן זיך געדאַרפט אידענטיפיצירן, איז געווען: „איך האָב געבראַכט גרוסן פון גאַליען.“

סעדאָוו האָט געבעטן סמירנאָוון, אַז ער זאָל טאָן נאָך איין זאַך בעת ער איז אין בערלין. ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן הויפּט פון נאָך אַ סאָוועטישער האַנדל־קאָמיסיע, וועלכע איז לעצטנס אָנגעקומען קיין בערלין, און אים לאָזן וויסן, אַז סעדאָוו געפינט זיך אין שטאָט און וויל זיך זען מיט אים וועגן אַן ענין פון גאָר גרויסער וויכטיקייט.

דער הויפּט פון דער סאָוועטישער האַנדל־קאָמיסיע, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען קיין בערלין, איז געווען טראָצקיס אַלטער נאָכפאָלגער און סאַמע איבערגעגעבנסטער פאַרערער, יורי לעאָנידאָוויטש פּיאַטאַקאָוו.

פּיאַטאַקאָוו, אַ דאַרער און הויכער, פיין־געקליידטער מאַן, מיט אַ הויכן משופּעדיקן שטערן, בלאַס פּנים און אַ נעט רויטלעך ציגן־בערדל, האָט אויסגעזען מער ווי אַ געלערנטער פּראָפעסאָר איידער אַן אַלטער פאַרשווערער, וואָס ער איז באמת געווען. אין 1927, נאָך דער אומגעלונגענער איבערקערעניש, איז פּיאַטאַקאָוו געווען דער ערשטער פירנדיקער טראָצקיסט, וועלכער האָט איבערגעריסן מיט טראָצקין און געבעטן מען זאָל אים צוריק אַרייננעמען אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַ מענטש מיט אָנגעזעענע פעיִקייטן אין געשעפט־פירונג און אָרגאַניזאַציע, האָט פּיאַטאַקאָוו געקראָגן עטלעכע גוטע שטעלעס אין די שנעל־וואַקסנדיקע סאָוועטישע אינדוסטריעס, בעת ער איז

נאָך געווען פאַרשיקט אין סיביר. סוף 1929 איז ער צוריק אַריינגענומען גע־וואָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויף פּראָבע. ער האָט אָנגעהאַלטן פאַרשיידענע עמטער אַלס פאַרוואַלטונג־פאָרזיצער פון פּלאַניר־פּראָיעקטן אין די טראַנספּאָרט און כעמישע אינדוסטריעס. אין 1931 האָט ער באַקומען אַן אַמט אינעם אַלהעכסטן עקאָנאָמישן ראַט, די הויפּט סאָוועטישע פּלאַניר־אינ־סטיטוציע; און אין זעלביקן יאָר האָט מען אים געשיקט אַלס הויפּט פון אַ ספּעציעלער האַנדל־קאָמיסיע איינצוקויפן דייטשע אינדוסטריעלע אויס־שטאַטונג פאַר דער סאָוועטן־רעגירונג.

אויספאָלגנדיק סעדאָווס אינסטרוקציעס, האָט איוואַן סמירנאָוו אויסגעזוכט פּיאַטאַקאָוון אין זיין בערלינער ביוראָ. סמירנאָוו האָט פּיאַטאַקאָוון געזאָגט, אַז סעדאָוו איז אין בערלין און אַז ער האָט פאַר אים אַ ספּעציעלע מעלדונג פון טראָצקין. עטלעכע טעג שפּעטער האָט פּיאַטאַקאָוו זיך באַגעגנט מיט סעדאָוון. אָט וואָס פּיאַטאַקאָוו אַליין האָט איבערגעגעבן וועגן יענער באַגעגעניש:

ניט ווייט פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן אויפן סקווער איז פאַראַן אַ קאַפע, וואָס איז באַוואוסט אַלס די „אַם זו“. איך בין אַהינגעגאַנגען און געזען סעדאָוון זיצן ביי אַ קליין טישל. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנ־דערן גוט געקענט נאָך פון פריער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער רעדט צו מיר ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אינעם נאָמען פון זיין פאָטער, טראָצקי, און אַז טראָצקי, זיך דערוויסנדיק, אַז איך געפין זיך אין בערלין, האָט אים קאַטעגאָריש באַפוילן מיך אויפצוזוכן, זיך פער־זענלעך באַגעגענען מיט מיר און זיך מיט מיר דורכשמועסן. סעדאָוו האָט געזאָגט, אַז טראָצקי האָט אַפילו אויף קיין איינציקער מינוט ניט אויפגעגעבן דעם געדאַנק פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן סטאַלינס פירער־שאַפט; אַז עס איז געווען בלויז אַ צייטווייליקער אָפּשטעל, וואָס איז טיילווייז געווען פאַראורזאַכט פון טראָצקיס כסדרדיקע וואַנדערונגען פון איין לאַנד אין צווייטן, אָבער אַז דער קאַמף הויבט זיך איצט ווידער אָן, וועגן וועלכן ער, טראָצקי, לאָזט מיר איצט טאַקע וויסן. . . . נאָכ־דעם האָט סעדאָוו מיר גאַנץ שאַרף אַ פרעג געטאָן: „טראָצקי פרעגט, צי איר, פּיאַטאַקאָוו, רעכנט צו נעמען אַן אָנטייל אין אָט־דעם קאַמף.“ איך האָב געגעבן מיין צושטימונג.

דאַן האָט סעדאָוו איבערגעגעבן פּיאַטאַקאָוון וועגן דער ליניע, וואָס טראָצקי שלאָגט פאָר אין רעאָרגאַניזירן די אָפּאָזיציע:

. . . סעדאָוו איז אָנגעגאַנגען און אָנגעצייכנט דעם כאַראַקטער פון די נייע קאַמף־מעטאָדן: עס קאָן קיין פראַגע ניט זיין וועגן אַנטוויקלען אַ וואָסער ניט איז מאַסן־קאַמף, וועגן אָרגאַניזירן אַ מאַסן־באַוועגונג; אויב מיר וועלן טאָן וועלכע עס איז מאַסן־אַרבעט, וועלן מיר גלייך אַריינפאַלן אין אַ צרה; טראָצקי איז שטאַרק דערפאַר, אַז מען זאָל דורך טעראָריסטישע און שטערערישע מעטאָדן גוואַלדזאַם אַרונטערוואַרפן די סטאַלינישע פירערשאַפט. ווייטער האָט סעדאָוו געזאָגט, אַז טראָצקי האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט, אַז אַ קאַמף וואָס באַגרענעצט זיך בלויז צו אַן איינציק לאַנד איז אַן אַבסורד און אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַרקוקן די אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע. אין אָט־דעם קאַמף מוזן מיר אויך האָבן די נויטיקע לייזונג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער פראָבלעם, אָדער בעסער געזאָגט, פאַר די צווישנלענדערשע פראָבלעמען.

ווער עס וועט זוכן אָפּצושאַרן אין אַ זייט די פראַגעס, האָט סעדאָוו, איבערגעבנדיק טראָצקיס רייד, געזאָגט, שרייבט דערמיט אונטער זיין „טעסטימאָניום פּאופּערטאַטיס“ [ד. ה. דעם אַטעסטאַט פון זיין אייגענעם גייסטיקן דלות — איבערזעצער].

אַ צווייטע באַגעגעניש צווישן סעדאָוון און פּיאַטאַקאָוון איז איינגיכן ווידער פאָרגעקומען. דאָס מאָל האָט סעדאָוו געזאָגט צו אים: „איר באַגרייפט דאָך, יורי לעאָנידאָוויטש, אַז אַזוי ווי דער קאַמף ווערט באַנייט, נויטיקן מיר זיך אין געלט. איר קאָנט צושטעלן די נויטיקע געלטער פאַרן קאַמף.“ סעדאָוו האָט געלאָזט וויסן פּיאַטאַקאָוון ווי אַזוי דאָס קאָן געטאָן ווערן. אין זיין אָפּיציעלן אַמט אַלס האַנדל־פאַרטרעטער פון דער סאָוועטן־רעגירונג אין דייטשלאַנד, וועט פּיאַטאַקאָוו מאַכן אַזויפיל באַשטעלונגען וויפיל עס איז נאָר מעגלעך ביי די צוויי דייטשע פירמעס, באָרסיג און דעמאַג. פּיאַטאַקאָוו דאַרף ניט זיין „צו־שטרענג בנוגע די פרייזן“ בעתן האַנדלען מיט די דאָזיקע פירמעס. טראָצקי האָט מיט באָרסיג און דעמאַג געהאַט אַ פאַרשטענדיקונג. „איר וועט דאַרפן צאָלן העכערע פרייזן“, האָט סעדאָוו געזאָגט, „אָבער דאָס געלט וועט גיין פאַר אונדזער אַרבעט וועגן.“ *)

*) די באָרסיג און דעמאַג פירמעס זיינען געווען „שוי־פענצטער“ פאַר דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט. האַנדלענדיק מיט די דאָזיקע פירמעס, האָט פּיאַטאַקאָוו געקאָנט איבערגעבן געהעריקע סומעס געלט פאַר טראָצקיס וועגן. אַן אומאָפּהענגיקער עדות, דזשאָן ד. ליטלפּעידזש, דער אַמעריקאַנער אינזשעניער, האָט פערזענלעך באַאָבאַכטעט ווי פּיאַטאַקאָוו האָט געהאַנדלט מיט די דאָזיקע דייטשע

אין 1931 זיינען אין בערלין געווען נאָך אַנדערע צוויי געהיימע אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע סעדאָוו האָט אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פונעם נייעם טראָצקיסטישן אַפּאַראַט. דאָס זיינען געווען: אַלעקסעי שעסטאָוו, אַן אינזשעניער אין פּיאַטאַקאָווס האַנדל־קאָמיסיע, און סערגעי בעזסאָנאָוו, אַ מיטגליד פון דער בערלינער האַנדל־פאַרטרעטערשאַפט פון דעם פ.ס.ס.ר.

בעזסאָנאָוו, אַ געוועזענער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, איז געווען אַ פעסלדיקער, מילד־אויסזעענדיקער און טונקל־הויטיקער מאַן אין די מיטעלע פערציקער יאָרן. די בערלינער האַנדל־פאַרטרעטערשאַפט, פון וועלכער בעזסאָנאָוו איז געווען אַ מיטגליד, איז געווען די וויכטיקסטע סאָוועטישע האַנדל־אַגענטור אין אייראָפּע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט האַנדל־עסקים אין צען באַזונדערע לענדער; בעזסאָנאָוו גופא איז תמיד איינגעשטאַנען אין בערלין.

פירמעס. ליטלפעידזש איז געווען אָנגעשטעלט פון דער סאָוועטן־רעגירונג אַלס אַן עקספּערט אין די גאָלד און קופּער מינען־אינדוסטריעס. אין אַ ריי אַרטיקלען וועגן זיינע דערפאַרונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע ער האָט אין יאַנואַר 1938 פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאַטורדעי איווונינג פּאָסט", האָט ליטלפעידזש געשריבן:

„איך בין געפאָרן קיין בערלין אין פרילינג 1931 צוזאַמען מיט אַ גרויסער איינקויף־קאָמיסיע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּיאַטאַקאָוון; מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין געבן טעכנישע אָנווייזונגען ביים איינקויפן מינען־מאַשינעריע....

„צווישן אַנדערע זאַכן, האָט די קאָמיסיע איינגעקויפט אין בערלין עטלעכע טוץ מינען־הויביצעס, וואָס האָבן געהאַט פון 100 ביז 1,000 פערד־קראַפט. . . . די קאָמיסיע האָט פאַרלאַנגט פרייזן אויף דער באַזע פון פעניג פער קילאָגראַם. נאָך געוויסע אונטערהאַנדלונגען, האָבן די דייטשע פירמעס [באָרסיג און דעמאַג] . . . אַרונטערגעלאָזט זייערע פרייזן צווישן 5 און 6 פעניג פער קילאָגראַם. בעת איך האָב דורכגעקוקט אָט־די פאָרשלאָגן, האָב איך אויסגעפונען, אַז די פירמעס האָבן פאַרביטן דעם לייכטן שטאָל, ווי עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין די ספּעסיפיקאַציעס, מיט גוס־אייזן באַזעס, וועלכע האָבן געוואויגן עטלעכע טאָן, וואָס וואָלט פאַר זיי פאַרקלענערט די פּראָדוקציע־קאָסטן, אָבער וואָלט פאַרגרעסערט די וואָג, און דערפאַר אויך די פרייזן פאַרן קונה.

„איך בין, נאַטירלעך, געווען צופרידן פון דער אויפדעקונג וואָס איך האָב געמאַכט, און איך האָב מיט אַ זיגרייכן געפיל געמאָלדן וועגן דעם די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. . . . די געשיכטע איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז פּיאַטאַקאָוו וואָלט געקאָנט צוריקפאָרן קיין מאָסקווע און ווייזן, אַז ער איז געווען זייער דערפאָלגרייך אין פאַרקלענערן די פרייזן, כאָטש אין דער זעלביקער צייט וואָלט ער געהאַט באַצאָלט פאַר אַ מאַסע ווערטלאָזן גוס־אייזן, כדי צו דערמעגלעכן די דייטשן אים צו געבן אַ געהעריקן ראַבאַט. . . . די זעלביקע קונץ איז אים געלונגען אין אַנדערע מינען, כאָטש אין דעם פאַל האָב איך עס אָפּגעשטעלט."

שפּעטער האָט ליטלפעידזש באַמערקט עטלעכע פאַלן פון אינדוסטריעלן סאַבאָטאַזש אין די אוראַלן, וואו איבער דער טעטיקייט פון אַ טראָצקיסטישן אינזשעניער

ער איז דעריבער געווען דער בעסט־צוגעפּאַסטער צו דינען אַלס אַ „פּאַר־מיטלונג־פּונקט" צווישן די רוסישע טראָצקיסטן און זייער פאַרשיקטן פירער. עס איז דערפאַר איינגעשטעלט געוואָרן, אַז די געהיימע טראָצקיסטישע מעלדונ־גען פון רוסלאַנד זאָלן געשיקט ווערן צו בעזסאָנאָוון אין בערלין, וועלכער וועט זיי דאַן איבערגעבן צו סעדאָוון אָדער טראָצקין.

אַלעקסעי שעסטאָוו איז געווען אַן אַנדער מין פּערזענלעכקייט, און זיין אַרבעט איז געווען צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער. ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרס פון די טראָצקיסטיש־דייטשע שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָ־טאַזש־קעמערלעך אין סיביר, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קאָלעגיום פונעם מזרחדיקן און סיבירישן קוילן־טראָסט. שעסטאָוו איז געווען איינע

מיטן נאָמען קאַבאַקאָוו איז די פּראָדוקציע אין געוויסע מינען בכיוון צוריק־געהאַלטן געוואָרן צו אַ מינימום. אין 1937, דערציילט ליטלפּעידזש, איז קאַבאַקאָוו „אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג פון אינדוסטריעלן סאַבאָטאַזש. . . . איך בין ניט געווען איבערראַשט צו הערן וועגן זיין אַרעסט." ווידעראַמאָל אין 1937 האָט ליטלפּעידזש געפונען ווייטערדיקע באַווייזן וועגן סאַבאָטאַזש אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע, וואָס פּיאַטאַקאָוו גופא האָט אָנגעפירט. דער אַמעריקאַנער אינזשעניער האָט געהאַט רעאָרגאַניזירט געוויסע ווערטפולע מינען אין דרום קאַ־זאַקסטאַן, און האָט איבערגעלאָזט געשריבענע פּרטימדיקע אינסטרוקציעס פאַר די סאָוועטישע אַרבעטער דורכצופירן, כדי צו פאַרזיכערן די מעגלעך גרעסטע פּראָדוק־ציע. „הכלל", שרייבט ליטלפּעידזש, „איינע פון מיינע לעצטע אַרבעטן אין רוסלאַנד אין 1937 איז געווען אַ דרינגענדיקער רוף אַריבערצופאָרן צו די זעלביקע מינען. . . . טויזנטער טאָנען רייכער אַרץ זיינען שוין אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען און אויב מען וואָלט תיכף גאָרניט געטאָן, וואָלט אין עטלעכע וואָכן דער גאַנצער אַרץ־פאַרמעגן פאַרלוירן געגאַנגען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז . . . פון פּיאַטאַקאָווס הויפּט-קוואַרטיר איז געהאַט געקומען אַ קאָמיסיע. . . . מיינע אָנווייזונגען האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אויוון, און מען האָט אָנגעווענדט אַזאַ מעטאָד פון גראָבן אין אָט-די מינען, אַז אין עטלעכע חדשים צייט וואָלט אַ גרויסער טייל פון אַרץ פאַרלוירן געגאַנגען." ליטלפּעידזש האָט געפונען „סקאַנדאַליעזע ביישפּילן פון בכיוונדיקן סאַבאָטאַזש". באַלד פאַר זיין פאַרלאָזן רוסלאַנד, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן אַ פולן געשריבענעם באַריכט צו די סאָוועטישע אויטאָריטעטן וועגן דעם וואָס ער האָט אויסגעפונען, האָט מען פיל מיטגלידער פונעם טראָצקיסטישן סאַבאָטאַזש-רינג אַרעסטירט. ליטלפּעידזש האָט אויסגעפונען, אַז די סאַבאָטאַזשניקעס האָבן גענוצט זיינע אינסטרוקציעס „אַלס אַ באַזע צו צעשמעטערן בכיוון די אויס-שטאַטונג" דורך דעם וואָס זיי האָבן געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס ער האָט באַפוילן. די סאַבאָטאַזשניקעס האָבן זיך מודה געווען, האָט ליטלפּעידזש באַהויפּט אינעם זשורנאַל „סאַטורדעי איווינינג פּאָסט", אַז „זיי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פאַרשווערונג קעגן דעם סטאַלין-רעזשים דורך אָפּאָזיציע-קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיי איבערצייגט, אַז זיי זיינען גענוג שטאַרק אַרונטערצוואַרפן סטאַ-לינען מיט זיינע אָנהענגער און פאַרכאַפּן די מאַכט פאַר זיך".

פריע דרייסיקער יאָרן. אין 1923, בעת ער איז נאָך געווען אַ סטודענט פונעם מאָסקווער מינען־אינסטיטוט, האָט שעסטאָוו זיך אָנגעשלאָסן אין דער טראָצ־קיסטישער אָפּאָזיציע, און אין 1927 האָט ער שוין אָנגעפירט מיט איינער פון די געהיימע דרוקערייען אין מאָסקווע. אַ דאַרער, בלאַס־אויגיקער יונגערמאַן מיט אַ שטאַרק־היציקן טעמפּעראַמענט, האָט שעסטאָוו נאָכגעפאָלגט טראָצקין מיט פאַנאַטישער געטריישאַפט. „איך האָב זיך עטלעכע מאָל געטראָפן פער־זענלעך מיט טראָצקין", האָט ער זיך ליב געהאַט צו באַרימען. פאַר שעסטאָוון איז טראָצקי געווען „דער פירער" און אַזוי האָט ער כמעט תמיד גערעדט וועגן אים.

„מען קאָן ניט זיצן ליידיק און וואַרטן אויף גוטן וועטער", האָט סעדאָוו געזאָגט צו שעסטאָוון בעת זיי האָבן זיך באַגעגנט אין בערלין. „מיר מוזן מיט אַלע כוחות און מיטלען וואָס מיר פאַרמאָגן אָנהויבן אַן אַקטיווע אַרבעט צו דיסקרעדיטירן סטאַלינס פירערשאַפט און סטאַלינס טאַקטיק." טראָצקי האָלט, אַז „דער איינציקער ריכטיקער וועג — אַ שווערער אָבער זיכערער — איז גוואַלדזאַם אַרונטערצוזעצן סטאַלינען און די רעגירונג־פירער דורך טעראָר־מיטלען".

„מיר זיינען באמת אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל", האָט שעסטאָוו גלייך צו־געשטימט. „עס איז נויטיק זיך צו אַנטוואָפענען — אָדער אויסצואַרבעטן אַ נייעם אופן פון קאַמף!"

סעדאָוו האָט געפרעגט שעסטאָוון, צי ער קען אַ דייטשן אינדוסטריאַליסט מיטן נאָמען „הער דעלמאַן". שעסטאָוו האָט געענטפערט, אַז ער האָט געהערט וועגן אים. דעלמאַן איז געווען אַ דירעקטאָר פון דער פירמע פרעליך־קליפּ־פעל־דעלמאַן. פיל אינזשעניערן פון אָט־דער פירמע זיינען געווען אָנגעשטעלט אין די מערב־סיבירער מינען, וואו שעסטאָוו גופא האָט געאַרבעט.

סעדאָוו האָט דאַן געזאָגט שעסטאָוון, אַז ער וועט זיך דאַרפן „שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעלמאַנען" איידער ער קערט זיך אום צוריק אין סאָוועט־רוסלאַנד. די דעלמאַן־פירמע, האָט סעדאָוו געגעבן צו פאַרשטיין, קאָן זייער באַהילפיק זיין דער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע אין „אונטערגראָבן די סאָוועטישע עקאָנאָמיע" אין סיביר. דער הער דעלמאַן האָט שוין געהאָלפן אַריינשמוגלען טראָצקיסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגענטן אינעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. אַלס אויסטויש, וועט שעסטאָוו קענען צושטעלן דעם הער דעלמאַן געוויסע ידיעות וועגן די נייע סיבירישע מינען און אינדוסטריעס, אין וועלכע דער דייטשער דירעקטאָר איז פערזענלעך פאַראינטערעסירט.

„עצהט איר מיך, הייסט עס, אַז איך זאָל שליסן אַ געשעפט מיט דער פירמע?" האָט שעסטאָוו געפרעגט.

„פאַרוואָס איז דאָס אַזוי שרעקלעך? האָט טראַצקיס זון געענטפערט. „אויב זיי טוען אונדז אַ טובה, פאַרוואָס זאָלן מיר זיי ניט אָפּצאָלן מיט אַ טובה און זיי צושטעלן געוויסע ידיעות?"

„איר לייגט מיר פשוט פאָר, אַז איך זאָל ווערן אַ שפּיאָן!" האָט שעסטאָוו אויסגערופן.

סעדאָוו האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. „עס איז אַבסורד צו באַנוצן אַזאַ וואָרט", האָט ער געזאָגט. „עס האָט קיין זין ניט צו זיין אַזוי איבער־קלייבעריש אין קאַמף. אויב איר נעמט אָן טעראָריזם, אויב איר נעמט אָן שטערערישע טעטיקייטן אונטערצוגראָבן די אינדוסטריע, קען איך בשום אופן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איר קענט ניט איינשטימען דערויף."

עטלעכע טעג שפּעטער האָט שעסטאָוו זיך געזען מיט סמירנאָוון און אים דערציילט וואָס טראַצקיס זון האָט אים געזאָגט.

„סעדאָוו האָט מיר באַפוילן איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט דער פירמע פרעליך־קליפּפעל־דעלמאַן", האָט שעסטאָוו געזאָגט. „ער האָט מיר גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז איך זאָל איינשטעלן פאַרבינדונגען מיט אַ פירמע, וועלכע פאַר־נעמט זיך מיט שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש אין קוזבאַס. אין דעם פאַל וועל איך דאָך זיין אַ שפּיאָן און אַ סאַבאָטאַזשניק!"

„הערט אויף זיך אַרומצווואַרפן מיט אַזעלכע גרויסע ווערטער ווי 'שפּיאָן' און 'סאַבאָטאַזשניק'!" האָט סמירנאָוו אויסגעשריגן. „די צייט לויפט און עס איז נויטיק צו האַנדלען... וואָס איבערראַשט אייך אַזוי וואָס מיר באַ־טראַכטן פאַר מעגלעך אַרונטערצוּוואַרפן די סטאַליניסטישע פירערשאַפט, דורך מאָביליזירן אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות אינעם קוזבאַס? וואָס געפינט איר אַזוי שרעקלעך אין דעם וואָס מיר ווילן אַריינציען דייטשע אַגענטן אין דער אַרבעט?... קיין אַנדערער וועג איז נישטאָ. מיר מוזן דערצו איינ־שטימען."

שעסטאָוו האָט געשוויגן. סמירנאָוו האָט אים אַ פרעג געטאָן: „אַלזאָ, וואָס איז אייער מיינונג?"

„איך האָב ניט קיין פערזענלעכע מיינונג", האָט שעסטאָוו געענטפערט. „איך טו אַזוי ווי דער פירער טראַצקי האָט אונדז געלערנט — זיי גרייט און וואַרט אויף באַפעלן!"

איידער ער האָט פאַרלאָזט בערלין, האָט שעסטאָוו זיך באַגעגנט מיט דעם הער דעלמאַן, דער דירעקטאָר פון דער דייטשער פירמע, וועלכע האָט טראַצקין פינאַנסירט. שעסטאָוו איז אונטערן נאָמען „אַליאָשאַ" רעקרוטירט געוואָרן אין דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ"־דינסט. שפּעטער האָט שעסטאָוו דערקלערט:

איך האָב זיך געטראָפן מיטן דירעקטאָר פון דער פירמע, דעלמאַן, און מיט זיין געהילף, קאָך. דער תמצית פונעם שמועס מיט די פירער פון דער פירמע פרעיליך־קליפפעל־דעלמאַן איז געווען: ערשטנס, וועגן צושטעלן געהיימע אינפאָרמאַציע דורך די פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער פירמע, וועלכע אַרבעטן אין קוזנעצער באַסעין, און וועגן אָרגאַניזירן ברעכערישע און שטערערישע אַרבעט צוזאַמען מיט די טראָצקיסטן. עס איז אויך גערעדט געוואָרן, אַז די פירמע וועט פון איר זייט אונדז העלפן און אַז זיי וועלן קאָנען אַריינשיקן מער מענטשן אויפן פאַרלאַנג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. . . . זיי וועלן אויף אַלע אופנים אַרויסהעלפן די טראָצקיסטן קריגן די מאַכט.*)

*) די דייטשן זיינען ספּעציעל געווען פאַראינטערעסירט אין דער נייער אינדוסטריעלער באַזע, וועלכע סטאַלין האָט געהאַלטן אין בויען אין דעם וויטן מערב־סיביר און אין די אוראַלן. די דאָזיקע באַזע האָבן באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען ניט געקאָנט דערגרייכן און, אין פאַל פון אַ מלחמה, וואָלט זי געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר די סאָוועטן. די דייטשן האָבן געוואָלט אַריינדרינגען אין דער דאָזיקער באַזע דורך שפּיאָנען און סאַבאָטאַזשירער. באָרסיג, דעמאַג און פרעיליך־קליפפעל־דעלמאַן, וועלכע האָבן געהאַט קאָנטראַקטן מיט דער סאָוועטן־רעגירונג צוצושטעלן מאַשינעריע און טעכנישע הילף פאַרן פינף־יאָר פּלאַן, זיינען פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ" באַנוצט געוואָרן אַלס „שוי־פענצטער". קיין רוסלאַנד זיינען געשיקט געוואָרן שפּיאָנען און סאַבאָטאַזשניקעס, וואָס האָבן פאָזירט אַלס „אינזשעניערן" און „ספּעציאַליסטן".

די דייטשע מיליטערישע „אינטעליגענץ" האָט אויך רעקרוטירט אַגענטן צווישן די רוסישע אינזשעניערן אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קויפן דורך כאַבאַר אָדער סטראַשונקעס. אַ געוויסער סאָוועטישער אינזשעניער, מיכאַאיל סטראָאילאָוו, וועלכער איז אין דעצעמבער 1930 אין בערלין געוואָרן אַ דייטשער שפּיאָן, און וועמען מען האָט שפּעטער אַריינגעצויגן אין דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אין סיביר, האָט אין 1937, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרעסטירט, געזאָגט דעם סאָוועטישן געריכט:

„די זאַך האָט זיך אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז מיט מיין באַגעגעניש מיט [דעם דייטשן שפּיאָן] פאָן בערג. . . . ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט רוסיש, ווייל ער האָט מיט 15 אָדער 20 יאָר פאַר דער רעוואָלוציע געהאַט געוואוינט אין רוסלאַנד, אין סט. פּעטערסבורג. דער דאָזיקער מאַן האָט עטלעכע מאָל באַזוכט די טעכנישע ביוראָ און געשמועסט מיט מיר וועגן געשעפט־זאַכן, איבערהויפּט וועגן האַרטע שמעלצונגען, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט פון דער פירמע וואַלראַם. . . . בערג האָט מיך געראַטן צו לייענען טראָצקיס 'מיין לעבן'. . . . אין נאָוואָסיבירסק האָבן דייטשע ספּעציאַליסטן אָנגעפאַנגען אַריינקומען צו מיר מיט דעם אָפּגעמאַכטן פּאַראָל. ביז סוף 1934 זיינען מיך געקומען זען זעקס מענטשן: סאָמערעגער, וואָרם, באַומגאַרטען, מאַס, האַוער און פלעסאַ [„אינזשעניערן", וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעלט אין דער דייטשער פירמע פרעיליך־קליפפעל־דעלמאַן]. . . . דער

צוריקקערנדיק זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט שעסטאָוו מיטגעבראַכט מיט זיך אַ בריוו, וואָס סעדאָוו האָט אים געגעבן פאַר פּיאַטאַקאָוון, וועלכער איז שוין געווען צוריק אין מאָסקווע. שעסטאָוו האָט דעם בריוו באַהאַלטן אין דער זויל פון זיינעם אַ שוך. ער האָט דעם בריוו איבערגעגעבן פּיאַטאַקאָוון אינעם קאָמיסאַריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע. דער בריוו איז געווען פון טראָצקין אַליין, געשריבן אין פּרינקיפּאָ. דער בריוו האָט אָנגעצייכנט די „באַלדיקע אויפגאַבן", וואָס שטייען פאַר דער אָפּאָזיציע אין סאָוועט־רוסלאַנד.

די ערשטע אויפגאַבע איז געווען „אויסצונוצן אַלע מעגלעכע מיטלען אַרונטערצוּוואַרפן סטאַלינען מיט זיינע פאַרבינדעטע". דאָס האָט געמיינט טעראָריזם.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען „צו פאַראייניקן אַלע אַנטי־סטאַלין־כּוחות". דאָס האָט געמיינט צוזאַמענאַרבעט מיט דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט און מיט אַלע אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע כּוחות וואָס זיינען גרייט צו אַרבעטן מיט דער אָפּאָזיציע.

די דריטע אויפגאַבע איז געווען „זיך צו שטעלן קעגן אַלע טעטיקייטן פון דער סאָוועטן־רעגירונג און דער פּאַרטיי, איבערהויפּט אויפן עקאָנאָמישן געביט". דאָס האָט געמיינט סאַבאָטאַזש.

פּיאַטאַקאָוו איז געוואָרן טראָצקיס הויפּט־לייטענאַנט מיט אויפזיכט איבער דעם קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

3. די דריי שיכטן

אין משך פון 1932 האָט רוסלאַנדס קומענדיקע פינפטע קאָלאָנע אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ באַשטימטע פאָרמע אין דער אונטערוועלט פון דער אָפּאָזיציע. ביי קליינע געהיימע פאַרזאַמלונגען און גנבישע קאָנפערענצן, זיינען די מיט־גלידער פון דער פאַרשווערונג באַקאַנט געוואָרן מיט דער נייער ליניע און האָבן געקראָגן אָנווייזונגען וועגן זייערע נייע אויפגאַבעס. אַ נעץ פון טעראָר־קעמערלעך, סאַבאָטאַזש־קעמערלעך און אַ סיסטעם פון קוריערן איז פאַרשפּרייט

ערשטער באַריכט, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן אין יאַנואַר 1932 דורכן אינזשעניער פלעסאַ, אין וועלכן איך האָב דערציילט וועגן דעם ריזיקן פּלאַן פאַר דער אַנט־וויקלונג פונעם קוזנעצער באַסיין, איז פּאַקטיש געווען שפּיאָנאַזש. . . . איך האָב געקראָגן אָנווייזונגען . . . אַז איך זאָל אָנגיין מיט אַנטשלאָסענע ברעכערישע און שטערערישע טאַטן. . . . דער פּלאַן פאַר דער ברעכערישער און שטערערישער אַרבעט איז אָנגעצייכנט געוואָרן . . . פון דער מערב-סיבירער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע."

געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין מאָסקווע און לענינגראַד, אין קאַווקאַז און סיביר, אינעם דאָנעץ און אויף די אוראַלן, האָבן טראָצקיסטישע אָרגאַני־זאַטאָרן געהאַלטן רעדעס פאַר געהיימע פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידנפאַרביקע פאַרעקשנטע שונאים פונעם סאָוועטן־רעזשים — סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, מענשעוויקעס, לינקע, רעכטע, נאַציאָנאַליסטן, אַנאַרכיסטן און ווייס־גוואַר־דייאישע פאַשיסטן און מאָנאַרכיסטן. טראָצקיס ווערטער זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער זידנדיקער אונטערוועלט פון אָפּאָזיציאָנערן, שפּיאָנען און געהיים־אַגענטן; אַ נייער אָנגריף קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים איז געווען אין גאַנג.

טראָצקיס אויסדריקלעכע פאָדערונג צוצוגרייטן טעראָר־אַקטן האָט תּחילת באַאומרואיקט אייניקע עלטערע טראָצקיסטישע אינטעליגענטן. דער זשור־נאַליסט קאַרל ראַדעק האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון פּאַניק בעת פּיאַטאַקאָוו האָט אים באַקאַנט מיט דער נייער ליניע. אין פעברואַר 1932 האָט ראַדעק דערהאַלטן אַ פּערזענלעכן בריוו פון טראָצקין, וואָס איז אים — ווי אַלע טראָצקיסטישע פאַרטרוילעכע מעלדונגען — איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַ געהיימען שליח.

„איר מוזט האָבן אין זינען", האָט טראָצקי געשריבן צו זיין וואַקלדיקן נאָכפאָלגער, ראַדעק, „די דערפאַרונג פון דער פריערדיקער פעריאָדע און אָנערקענען, אַז פאַר אייך איז ניט פאַראַן קיין צוריקקער צו דער פאַרגאַנגענ־הייט; אַז דער קאַמף איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער פאַזע און אַז דער נייער שטריך אין אָט־דער פאַזע איז, אַז מיר וועלן אָדער אומקומען צוזאַמען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד אָדער מיר מוזן אַוועקשטעלן די פראַגע פון באַזייטיקן די פירערשאַפט."

טראָצקיס בריוו, צוזאַמען מיט פּיאַטאַקאָווס צודרינגלעכקייט, האָט ראַדעקן ענדלעך איבערצייגט. ער האָט צוגעשטימט אָנצונעמען די נייע ליניע — טעראָריזם, סאַבאָטאַזש און צוזאַמענאַרבעט מיט „אויסלענדישע מלוכות".

צווישן די סאַמע טעטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרס פון די טעראָריסטישע קאָמערלעך, וועלכע מען האָט איצט געבויט איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען געווען איוואַן סמירנאָוו און זיינע אַלטע חברים פון טראָצקיס גוואַרדיע: סערגעי מראַטשקאָווסקי און אפרים דרייצער.

אונטער סמירנאָווס אָנפירונג, האָבן מראַטשקאָווסקי און דרייצער אָנגע־הויבן גרייבן קליינע גרופּעס פּראָפעסיאָנעלע מערדער און געוועזענע טראָצ־קיסטישע אָנהענגער נאָך פון די בירגער־קריג צייטן, וועלכע זיינען גרייט געווען אויף גוואַלדזאַמע מיטלען.

„מיר מוזן באַטראַכטן די האַפענונגען, וואָס מיר האָבן געלייגט אויפן

צוזאַמענבראָך פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק", האָט מראַטשקאָווסקי אין 1932 דערקלערט פאַר איינער פון די דאָזיקע טעראָר־גרופּעס אין מאָסקווע, „פאַר אַ דורכפאַל. די קאַמף־מיטלען, וועלכע מיר האָבן באַנוצט ביז איצט, האָבן ניט געבראַכט קיין שום פּראַקטישע רעזולטאַטן. עס פאַרבלייבט בלויז איין קאַמף־מעטאָד, און דאָס איז צו באַזייטיקן די פּאַרטיי־פירערשאַפט מיט גוואַלד. סטאַלין און די אַנדערע פירער מוזן אָפּגעראַמט ווערן. דאָס איז די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבע!"

פּיאַטאַקאָוו איז דערווייל געווען פאַרנומען מיט רעקרוטירן פאַרשווערער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין וויכטיקע אינדוסטריעס, ספּעציעל אין די מלחמה־אינדוסטריעס און אין טראַנספּאָרט, און רעקרוטירן זיי פאַר דער דורכאויסיקער סאַבאָטאַזש־קאַמפּאַניע, וואָס טראָצקי האָט געוואָלט לאָזן אין גאַנג קעגן דער סאָוועטישער עקאָנאָמיע.

אַרום זומער־צייט 1932 איז צווישן פּיאַטאַקאָוו, טראָצקיס פאַרטרעטער אין רוסלאַנד, און בוכאַרינען, דער פירער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, פאָר־געקומען אַ שמועס וועגן אויפגעבן די געוועזענע קאָנקורענץ און חלוקי־דעות, און אַרבעטן צוזאַמען אונטער טראָצקיס פירערשאַפט. די קלענערע גרופּע, אַנגעפירט פון די אַלטע אָפּאָזיציאָנערן, זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, האָבן איינגעשטימט אונטערצוואַרפן זייערע טעטיקייטן אונטער טראָצקיס אויטאָריטעט. באַשרייבנדיק שפּעטער די פיבערישע פאַרהאַנדלונגען, וועלכע זיינען אין יענער צייט אָנגעגאַנגען צווישן די פאַרשווערער, האָט בוכאַרין געזאָגט:

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט פּיאַטאַקאָוו, טאָמסקין און ריקאָוון. ריקאָוו האָט זיך דורכגערעדט מיט קאַמעניעוון, און זינאָוויעוו מיט פּיאַטאַקאָוון. זומער 1932 האָב איך געהאַט אַ צווייטן שמועס מיט פּיאַטאַקאָוון אינעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דער שווערער אינדוס־טריע. צו יענער צייט איז דאָס פאַר מיר געווען אַ פּשוטע זאַך, ווייל איך האָב געאַרבעט אונטער פּיאַטאַקאָוון. ער איז דעמאָלט געווען מיין שעף. איך האָב געדאַרפט גיין אין זיין פּריוואַטער ביוראָ וועגן גע־שעפט־ענינים, און איך האָב דאָס געקאָנט טאָן ניט אַרויסרופנדיק קיין שום פאַרדאַכט. . . .

אין דעם שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1932, האָט מיר פּיאַטאַקאָוו דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט סעדאָוון, אין שייכות מיט טראָצקיס טעראָר־טאַקטיק. . . . מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר וועלן בקרוב געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און אַז אונדזערע חלוקי־דעות אינעם קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט וועלן באַהערשט ווערן.

די לעצטע פֿאַרהאַנדלונגען זיינען יענעם הארבסט געמאַכט געוואָרן ביי אַ געהיימער פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף אַ פֿאַרלאָזענער דאַטשע, אַ זומער־וואוינונג הינטער מאָסקווע. די פֿאַרשווערער האָבן צע־שטעלט וועכטער אַרום דעם הויז און איבער די וועגן, צו היטן קעגן אַ פּלוצלונג־דיקן איבערפֿאַל און צו פֿאַרזיכערן, אַז עס זאָל בלייבן בסוד. ביי אָט־דער פֿאַרזאַמלונג איז געגרינדעט געוואָרן אַ מין הויך־קאָמאַנדע פֿון די פֿאַר־איייניקטע אָפּאָזיציע־כּוחות, אָנצופֿירן מיט די קומענדיקע טעראָר־ און סאָבאָ־טאַזש־קאַמפּאַניעס איבער דעם גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די דאָזיקע הויך־קאָמאַנדע פֿון דער אָפּאָזיציע איז אָנגערופֿן געוואָרן דער „בונד פֿון רעכטע און טראָצקיסטן". זי איז געווען געבויט אויף דריי פֿאַרשיידענע שיכטן, אָדער גראַדן. אויב איינע פֿון די פּלאַנען וואָלט אויפֿגעדעקט געוואָרן, וואָלטן די אַנדערע צוויי אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט.

דער ערשטער שיכט, דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישער טעראָר־צענטער, אָנגעפֿירט פֿון זינאָוויעוו, איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך צו אָרגאַני־זירן און אָנצופֿירן דעם טעראָר.

דער צווייטער שיכט, דער טראָצקיסטישער פּאַראַלעל־צענטער, אָנגע־פֿירט פֿון פּיאַטאַקאָוו, איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך צו אָרגאַניזירן און דורכ־צופֿירן סאַבאָטאַזש.

דער דריטער, און סאַמע וויכטיקסטער שיכט, דער פֿאַקטישער בונד פֿון רעכטע און טראָצקיסטן, אָנגעפֿירט פֿון בוכאַרינען און קרעסטינסקין, איז באַ־שטאַנען פֿון די פֿירער און העכסט־אָנגעזעענע מיטגלידער פֿון די פֿאַראייניקטע אָפּאָזיציע־כּוחות.

דער גאַנצער אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פֿון ניט מער ווי עטלעכע טויזנט מיטגלידער און אַרום צוואַנציק אָדער דרייסיק פֿירער, וועלכע האָבן אָנ־געהאַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין דער אַרמיי, אין דער אויסלאַנד־ביוראָ, געהיים־דינסט, אינדוסטריען, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, פּאַרטיי און רעגי־רונג־ביוראָס.

גלייך פֿון אָנהויב האָבן אינעם בונד פֿון רעכטע און טראָצקיסטן אַריינ־געשטראָמט און געוואָרן פֿירער, באַצאָלטע אַגענטן פֿון אויסלענדישע געהיים־דינסטן, איבערהויפּט פֿון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ". דאָ ווערן אויסגערעכנט די אויסלענדישע אַגענטן, וועלכע זיינען געווען פֿירנדיקע מיטגלידער אין דעם נייעם קאָנספּיראַטיון בונד:

ניקאָלאַי קרעסטינסקי, טראָצקיסט און געהילף־קאָמיסאַר פֿאַר אויסלענדישע ענינים, איז געווען אַן אַגענט פֿון דער דייטשער מילי־

טערישער „אינטעליגענץ״ זינט 1923, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגענומען שפּיאָנאַזש־מיסיעס פון גענעראַל האַנס פאָן סיקט.

אַרקאַדי ראָזענגאָלץ, טראָצקיסט און פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויס־לענדישן האַנדל, האָט דורכגעפירט שפּיאָנאַזש־מיסיעס פאַר דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע זינט 1923. „מיינע שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען אַזוי וויט צוריק ווי אין 1923״, האָט ראָזענגאָלץ שפּעטער דערציילט, „בעת איך האָב, אויף טראָצקיס באַפעלן, איבער־געגעבן געוויסע געהיימע ידיעות דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם רייכס־ווער, סיקט, און דעם הויפּט פונעם דייטשן גענעראַל־שטאַב, האַסע.״ אין 1926 האָט ראָזענגאָלץ אָנגעפאַנגען אַרבעטן פאַר דער ענגלישער „אינטעליגענץ״־דינסט, אָנהאַלטנדיק אין דער זעלבער צייט זיינע פאַר־בינדונגען מיט דייטשלאַנד.

קריסטיאַן ראַקאָווסקי, טראָצקיסט און געוועזענער אַמבאַסאַדאָר קיין גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך, אַגענט פון דער ענגלישער געהיים־דינסט זינט 1924. לויט ראַקאָווסקיס אייגענע רייד: „איך האָב איינגעשטעלט קרימינעלע פאַרבינדונגען מיט דער ענגלישער געהיים־דינסט אין יאָר 1924.״ אין 1934 איז ראַקאָווסקי געוואָרן אַן אַגענט אויך פון דער יאַפּאַנעזישער געהיים־דינסט.

סטאַניסלאַוו ראַטאַיטשאַק, טראָצקיסט און הויפּט פון דער צענט־ראַלער פאַרוואַלטונג פון דער כעמישער אינדוסטריע; אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ״. באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די דייטשן אים אַריינגעשיקט אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט דורכגעפירט שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן אין די אינדוס־טריעס, וועלכע די סאָוועטן־רעגירונג האָט געבויט אין די אוראַלן.

איוואַן הראַשע, טראָצקיסט, פאַרוואַלטער אין דער סאָוועטישער כעמישער אינדוסטריע, איז אַריינגעקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד אַלס שפּיאָן פאַר דער טשעכאָסלאָוואַקישער „אינטעליגענץ״־דינסט אין 1919, פאַרשטעלט אַלס אַ צוריקגעקומענער רוסישער קריגס־געפאַנגענער. הראַשע איז געוואָרן אַן אַגענט פון דער דייטשער „אינטעליגענץ״־דינסט.

אַלעקסעי שעסטאָוו, טראָצקיסט און מיטגליד פון דעם קאָלעגיום פונעם מזרחדיקן און סיבירישן קוילן־טראַסט, איז געוואָרן אַן אַגענט פון דער דייטשער „אינטעליגענץ״־דינסט אין 1931, אַרבעטנדיק דורך דער דייטשער פירמע פרעליך־קליפּפעל־דעלמאַן; ער האָט דורכגע־פירט שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־אַרבעטן אין סיביר.

גאַווריל פּושין, טראַקטאָריסט און פּראָוואַלטער אינעם כעמישן גע־ווערק פון גאָרלאָווקאַ, איז געווען אַן אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ" אין 1935. לויט זיין אייגענעם שפּעטערדיקן מודה זיין זיך פאַר די סאָוועטישע אויטאָריטעטן, האָט ער די דייטשן צוגעשטעלט: (1) ציפערן וועגן דער פּראָדוקציע פון אַלע כעמישע אונטערנעמונגען במשך 1934; (2) די פּראָגראַם פאַר אַרבעט פון אַלע סאָוועטישע כעמישע אונטערנעמונגען אינעם יאָר 1935; (3) דעם בוי־פּלאַן פון די שטיק־שטאָף געווערקן, וואָס האָט אַריינגענומען די אַרבעט ביזן יאָר 1938.

יאַקאָוו ליפשיץ, טראַקציסט און באַאַמטער פון דער סאָוועטישער וויט־מזרחדיקער אייזנבאַן־קאָמיסיע, געווען אַן אַגענט פון דער יאַפּאַנישער מיליטערישער „אינטעליגענץ", און האָט רעגלמעסיק איבערגעגעבן צו יאַפּאַן געהיימע ידיעות בנוגע די סאָוועטישע אייזנבאַנען.

איוואַן קניאַזיעוו, טראַקציסט און פּראָוואַלטער פון דער אוראַלער אייזנבאַן־סיסטעם; אַגענט פון דער יאַפּאַנישער געהיים־דינסט. אונטער אירע אינסטרוקציעס האָט ער דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן אין די אוראַלן, און צוגעשטעלט אינפאָרמאַציע צו דער יאַפּאַנעזישער הויך־קאָמאַנדע וועגן דער סאָוועטישער טראַנספּאָרט־סיסטעם.

יאָסיף טוראָק, טראַצקיסט און געהילף־פּאָרוואַלטער פונעם פּאַר־קער־אָפּטייל אויף דער פּערמער און אוראַלער אייזנבאַן; אַגענט פון דער יאַפּאַנעזישער „אינטעליגענץ"־דינסט. אין 1935 האָט טוראָק באַקומען פון די יאַפּאַנעזער 35,000 רובל אַלס געהאַלט פאַר שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־אַרבעט, וואָס ער האָט דורכגעפירט אין די אוראַלן.

מיכאַאיל טשערנאָוו, אַ מיטגליד פון די רעכטע, און פאָלקס־קאָמיסאַר פון אַגריקולטור פונעם פ.ס.ס.ר.; אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ" זינט 1928. אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשן, האָט טשערנאָוו דורכגעפירט באַדייטנדיקע סאַבאָטאַזש־ און שפּיאָנאַזש־אויפגאַבעס אין אוקראַינע.

וואַסילי שאַראַנגאָוויטש, אַ מיטגליד פון די רעכטע, און סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייס־רוסלאַנד, איז אַריינגעשיקט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד אַלס פּוילישער שפּיאָן אין 1921. אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן האָט ער פאָרגעזעצט צו אַרבעטן אונטערן אויפזיכט פון דער פּוילישער „אינטעליגענץ"־דינסט, צוגעשטעלט איר שפּיאָנאַזש־פאַקטן און דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן אין ווייס־רוסלאַנד.

גריגאָרי גרינקאָ, אַ מיטגליד פון די רעכטע און אַ באַאַמטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר פינאַנץ; אַגענט פון די דייטשע און פוילישע „אינטעליגענץ"־דינסטן זינט 1932. ער איז געווען אַ פירער פון דער אוקראַיניש־פאַשיסטישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, גע־האָלפן אַריינשמוגלען געווער און אַמוניציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דורכגעפירט שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטאַזש־אַרבעט פאַר די דייטשן און פּאָליאַקן.

דער קאָנספּיראַטאָרישער אַפּאַראַט פון די טראָצקיסטן, רעכטע און זינאָ־וויעוויסטן איז פאַקטיש געווען די פינפטע קאָלאָנע פון די אַקס־מלוכות אין סאָוועט־רוסלאַנד.

קאַפּיטל 17

פאַרראַט און טעראָר

1. די דיפּלאָמאַטיע פון פאַרראַט

אין די יאָרן 1933־1934 האָט עס אויסגעזען ווי אַ געהיימניספולע קראַנקהייט וואָלט אַרומגעכאַפּט אַלע פעלקער פון אייראָפּע. איין לאַנד נאָך דעם צווייטן איז פּלוצים צעטרייסלט געוואָרן פון איבערקערענישן, מיליטערישע רעוואָלטן, סאַבאָטאַזשן, מאָרדן און איבערראַשנדיקע אויפדעקונגען פון געהיימע באַנדעס און פאַרשווערונגען. עס איז קוים פאַרבייגעגאַנגען אַ חודש אָן עפּעס אַ ביימעפאַל פון פאַרראַט און גוואַלדזאַמקייט. אַן עפּידעמיע פון פאַרראַט און טעראָר האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע.

נאַצי־דייטשלאַנד איז געווען דער צענטער פון דער קראַנקהייט. דעם 11טן יאַנואַר, 1934, האָט די „יונייטעד פּרעס“ געמאָלדן פון לאָנדאָן: „מיט נאַצי־דייטשלאַנד אַלס צענטער פון די נייע פאַשיסטישע באַוועגונגען, ווערן גוואַלדזאַמקייט און אַגיטאַציע פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קאָנטינענט פון די יעניקע, וואָס זיינען איבערצייגט, אַז די אַלטע רעגירונג־פאָרמע איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג.“

דער טערמין „פינפטע קאָלאָנע“ איז נאָך דעמאָלט ניט באַוואוסט געווען. אָבער די געהיימע אַוואַנגאַרדן פון דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע האָבן שוין געהאַט געלאָזט אין גאַנג זייער אָנגריף קעגן די אייראָפּיאישע פעלקער. די פראַנצויזישע קאַגולאַרדן און דער קרואַ־דע־פע; דער ענגלישער פאַשיסטישער פאַרבאַנד; די בעלגישע רעקסיסטן; די פּוילישע פּאָוו; די טשעכאָסלאָוואַקישע הענלעניסטן און הלינקאַ גוואַרדייער; די נאָרוועגישע קווידלינגיסטן; די רומענישע אייזערנע גוואַרדיע; די בולגאַרישע אימראָ; די פינלענדישע לאַפּאָ; דער ליטווישער אייזערנער וואָלף; דער לעטישער פייער־צלם, און נאָך פיל אַנדערע ניי־געשאַפענע נאַצישע געהיימע געזעלשאַפטן, אָדער רעאָרגאַניזירטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרבאַנדן, זיינען שוין געווען ביי דער אַרבעט, צוגרייטנדיק דעם וועג פאַר דער דייטשער ווערמאַכט, זי זאָל קענען באַהערשן און פאַרשקלאַפן דעם קאָנטינענט און צוגרייטן זיך פאַר דעם אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָט איז אַ טײלװײַזער צעטל פֿון די סאַמע װיכטיקסטע פֿאַלן פֿון נאַצי־פֿאַשיסטישן טעראָר, װאָס האָבן פֿאַסירט באַלד נאָך דעם װי היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט:

אָקטאָבער 1933: דער מאָרד פֿון אַלעקס מעלאָװ, סעקרעטאַר פֿון דער סאָװעטישער אַמבאַסאַדע אין לװאָװ, פּױלן, דורך אַגענטן פֿון דער נאַצי־פֿינאַנסירטער אָאון, אַ טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן.

דעצעמבער 1933: דער מאָרד פֿונעם רומעניִשן פּרעמיער יאָן דוקאַ, דורך דער אײַזערנער גװאַרדיע, נאַצי־רומענישע טעראָריסטן.

פֿעברואַר 1934: אױפֿשטאַנד אין פּאַריז, פֿראַנקרײַך, פֿונעם קרואַ־דע־פֿע, אַ נאַצי־דערמוטיקטע פֿראַנצױזישע פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע.

מערץ 1934: אַ פּאַרזוך אױף אַן אױפֿשטאַנד אין עסטאָניע, דורך די נאַצי־פֿינאַנסירטע פֿאַשיסטישע „פֿרײַהײט־קעמפֿער".

מאַי 1934: פֿאַשיסטישע איבערקערעניש אין בולגאַריע.

מאַי 1934: אַ פּאַרזוך אױף אַן איבערקערעניש אין לאַטװיע, דורך דער נאַצי־קאָנטראָלירטער „באַלטישער ברידערשאַפֿט".

יוני 1934: דער מאָרד פֿונעם גענעראַל בראָניסלאָװ פּיעראַצקי, דער פּױלישער אינערן־מיניסטער, דורך אַגענטן פֿון דער נאַצי־פֿינאַנסירטער אָאון, טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון אוקראַיִנער נאַציאָנאַליסטן.

יוני 1934: דער מאָרד פֿון איװאַן באַבי, הױפּט פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿאַר קאַטױלישער אַקציע אין פּױלן, דורך אַגענטן פֿונעם אָאון.

יוני 1934: אַ פּאַרזוכטער מאַסן־אױפֿשטאַנד אין ליטע, דורך דער נאַצישער אָרגאַניזאַציע, דער אײַזערנער װאָלף.

יולי 1934: דורכגעפֿאַלענער נאַצי־אױפֿשטאַנד אין עסטרײַך און דער מאָרד פֿונעם קאַנצלער ענגעלבערט דאָלפֿוס, דורך נאַצי־טעראָריסטן.

אָקטאָבער 1934: דער מאָרד פֿון קעניג אַלעקסאַנדער פֿון יוגאָ־סלאַװיע און דעם פֿראַנצױזישן אױסלאַנד־מיניסטער באַרטאָו, דורך אַגענטן פֿון דער אוסטאַשי, אַ נאַצי־קאָנטראָלירטע קראָאַטישע פֿאַ־שיסטישע אָרגאַניזאַציע.

צװײ מענטשן זײַנען הױפּטזאַכלעך געװען פֿאַראַנטװאָרטלעך אין באַשאַפֿן און אָנפֿירן די דאָזיקע נאַצישע פֿינפֿטע קאָלאָנע טעטיקײטן, װעלכע האָבן זיך באַלד פֿאַרשפּרײט אַריבער די אײראָפּײאישע גרענעצן און דורכגעדרונגען די

פאַראייניקטע שטאַטן, לאַטיין־אַמעריקע, אַפריקע, און — פאַרבינדנדיק זיך מיט דער יאַפּאַנעזישער געהיים־דינסט — אויך דעם גאַנצן ווייטן מזרח. די דאָזיקע צוויי מענטשן זיינען געווען: אַלפרעד ראָזענבערג און רודאָלף העס. ראָזענבערג איז געווען דער הויפּט פון דער אויסלענדישער פּאָליטישער ביוראָ פון דער נאַצי־פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצופירן מיט די טויזנטער נאַצישע שפּיאָנאַזש־, סאַבאָטאַזש־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטורן איבער דער גאַנצער וועלט, מיט באַזונדערע קאָנצענטריר־פּונקטן אין מזרח־איירָאָפּע און סאָוועט־רוסלאַנד. רודאָלף העס, אַלס היטלערס שטעלפאַר־טרעטער, האָט אָנגעפירט מיט אַלע אויסלענדישע פאַרהאַנדלונגען פאַר דער נאַצי־רעגירונג.

געווען איז עס אַלפרעד ראָזענבערג, דער געוועזענער צאַרישער עמיגראַנט פון רעוועל, וואָס האָט תחילת איינגעשטעלט געהיימע און אָפיציעלע נאַצישע באַציאונגען מיט לעאָן טראָצקין. און געווען איז עס רודאָלף העס, היטלערס שטעלפאַרטרעטער, וואָס האָט די באַציאונגען צעמענטירט.

אין סעפּטעמבער 1933, אַכט חדשים נאָכדעם ווי אַדאָלף היטלער איז געוואָרן דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד, האָט דער טראָצקיסטישער דיפּלאָמאַט און דייטשער אַגענט ניקאָלאַי קרעסטינסקי זיך אויף עטלעכע טעג אָפּגעשטעלט אין בערלין, אויף זיין יערלעכער רייזע צו אַ סאַנאַטאָריע אין קיסינגען. קרעסטינסקי האָט דעמאָלט געהאַט דעם אַמט פון געהילף־קאָמיסאַר אין דער סאָוועטישער אויסלאַנד־ביוראָ.

אין בערלין האָט קרעסטינסקי זיך געזען מיט סערגעי בעזסאָנאָוו, דער טראָצקיסטישער פאַרמיטלונג־אַגענט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. קרעסטינסקי האָט מיט גרויס אויפרעגונג געלאָזט וויסן בעזסאָנאָוו, אַז „אַלפרעד ראָזענבערג, דער פירער פונעם אָפּטייל פאַר אויסלענדישע ענינים פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד", האָט נאָכ־געפאָרשט אין אונדזערע קרייזן וועגן דער פראַגע פון אַ מעגלעכן געהיימען פאַרבאַנד צווישן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד מיט די רוסישע טראָצקיסטן".

קרעסטינסקי האָט בעזסאָנאָוו געזאָגט, אַז ער מוז זיך זען מיט טראָצקין. עס מוז אונטער אַלע אומשטענדן אַראַנזשירט ווערן אַ באַגעגעניש. קרעסטינסקי וועט זיין אין דער קיסינגען־סאַנאַטאָריע ביז סוף סעפּטעמבער, און דאַן וועט ער פאָרן קיין מעראַנאָ, אין איטאַליענישן טיראָל. מיט געהעריקער פאָרזיכט וואָלט טראָצקי זיך געקענט שטעלן אין באַריר מיט אים אין איינעם פון די צוויי פּלעצער.

די באַגעגעניש איז אַראַנזשירט געוואָרן. די צווייטע וואָך אין אָקטאָבער

1933 איז טראָצקי, אין דער באַגלייטונג פון זיין זון סעדאָוו, אַריבער די פראַנצויזיש־איטאַליענישע גרענעץ אויף אַ פאַלשן פאַספּאָרט און האָט זיך באַגעגנט מיט קרעסטינסקין אין האָטעל באַוואַריאַ פון מעראַנאַ.*)

---

*) טראָצקי האָט דעמאָלט געוואוינט אין סט. פּאַלעי, אַ קליין דערפל צופוסנס די פּירענייען-בערג אין דרום-פראַנקרייך. אין יולי האָט ער פאַרלאָזן פּרינקיפּאָ. (אינגיכן האָט ער זיך מיט זיין סוויטע לייב-וועכטער און „סעקרעטאַרן" אַריבער-געקליבן אין אַ באַוואַכטער ווילע לעבן פּאַריז.)

ווען טראָצקי איז אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, האָבן די פראַנצויזישע רע-אַקציאָנערן און פאַשיסטן פאַרצווייפלט געהאַט געקעמפט צו פאַרמיידן דעם געפּלאַנטן פראַנצויזיש-סאָוועטישן אָפּמאַך פאַר קאָלעקטיווער זיכערקייט.

די פראַנצויזישע רעגירונג, וועלכע האָט טראָצקין געגעבן די דערלויבעניש אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך און דאָרט איינשטעלן זיין אַנטי-סאָוועטישע הויפּט-קוואַרטיר, איז אין יענער צייט אָנגעפירט געוואָרן פון עדואַרד דאַלאַדיע, וועמעס „אַפּיזמענט"-פּאָליטיק, וועלכע האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אין מינכען, האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין פאַרראַטן פראַנקרייך און די אַנדערע אַנטי-פאַשיסטישע לענדער צו די נאַציס. דער פראַנצויזישער ראַדיקאַלער דעפּוטאַט הענרי גערנאָט האָט פּערזענלעך אַוועקגעשטעלט טראָצקיס פאַרלאַנג אַריינגעלאָזט צו ווערן קיין פראַנקרייך. די נויטיקע צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פונעם אינערן-מיניסטער, קאַמיל שאָוטאַן, דער צווייפלהאַפטער פראַנצויזישער פּאָליטיקער, וואָס האָט געהאָלפן צונישט-מאַכן די אויספאָרשונג איבער דער פאַשיסטישער קאַגולאַרד-פאַרשווערונג, און וועלכער איז שפּעטער געוואָרן וויצע-פּרעמיער אינעם ערשטן פּעטען-קאַבינעט. „איר האָט געהאַט די פּיינקייט צו ציען מיין אויפמערקזאַמקייט צו הער לעאָן טראָצקי, דעם פאַרטריבענעם רוסישן בירגער, וועלכער האָט צוליב געזונט-סיבות געבעטן אַ דערלויבעניש צו וואוינען אין דער דרום-געגנט..." האָט דער אינערן-מיניסטער שאָוטאַן געשריבן צום דעפּוטאַט גערנאָט. „איך האָב דעם כבוד אייך צו מעלדן, אַז ... די פאַראינטערעסירטע פּערזאָן וועט אָן שום שוועריקייטן קריגן אַ פּאַספּאָרט-וויזע אויף אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך, ווען זי וועט דאָס פאַרלאַנגען."

צווישן טראָצקיס פיל אַנדערע איינפלוסרייכע פריינט און סימפּאַטיקער אין פראַנקרייך האָבן זיך געפונען: זשאַק דאָריאָ, דער פראַנצויזישער רענעגאַט-קאָמוניסט און נאַצי-אַגענט; און מאַרסעל דעאַט, דער אַמאָליקער סאָציאַליסטישער פּראָפעסאָר, נאַצי-אַגענט און, נאָך דעם ווי פראַנקרייך איז געפאַלן, אַן אָנפירנדיקער קאָלאַבאָראַטאָר מיט די נאַציס.

טראָצקיס אַריינקומען אין פראַנקרייך איז אויך גוטגעהייסן געוואָרן פון די אַנטי-סאָוועטישע עלעמענטן אין דער פראַנצויזישער געהיים-דינסט און אין דער געהיים-פּאָליציי. אין אַפּריל 1937, ביי די פאַרהערן אין מעקסיקאָ, האָט טראָצקי דערקלערט: „... מר. טהאָם און מר. קאַדאָ, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פּאָליציי און דער פּרעפעקטור פון דער קאָרענט אינפעריור געגנט — די סאַמע העכסטע מענטשן אין דער פּאָליציי — זיינען געווען זייער גוט באַקאַנט מיט מיין לאַגע. דער געהיים-אַגענט פון דער פּאָליציי איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן מיין יעדן איינציקן טראָט."

ביי אָט־דער קאָנפערענץ זיינען באַהאַנדלט געוואָרן כמעט אַלע וויכטיקע פראַגעס בנוגע דער קומענדיקער אַנטוויקלונג פון דער פאַרשווערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. טראָצקי האָט אָנגעפאַנגען מיט אַן אָפענער באַהויפּטונג, אַז „פאַרכאַפּן די מאַכט אין רוסלאַנד קאָן מען בלויז דורך גוואַלד". אָבער דער קאָנספּיראַטיווער אַפּאַראַט אַליין איז ניט גענוג שטאַרק דורכצופירן אַ דער־פאָלגרייכן רעוואָלט און זיך האַלטן ביי דער מאַכט אָן דרויסנדיקער הילף. עס איז דעריבער נויטיק צו קומען צו אַ פעסטן אָפּמאַך מיט פרעמדע לענדער, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט צו העלפן די טראָצקיסטן קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר זייערע אייגענע צוועקן.

„דער אָנהויב פון אַזאַ אָפּמאַך", האָט טראָצקי געזאָגט צו קרעסטינסקין, „איז אונדזער אָפּמאַך מיטן רייכסווער; אָבער יענער אָפּמאַך שטעלט בשום אופן ניט צופרידן ניט די טראָצקיסטן און ניט דעם דייטשן צד איבער צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל דער צווייטער צד אין דעם אָפּמאַך איז בלויז דער רייכסווער און ניט די דייטשע רעגירונג אַלס אַ גאַנצע. . . . צווייטנס, וואָס איז דער תמצית פון אונדזער אָפּמאַך מיטן רייכסווער? מיר באַקומען אַ קליינע סומע געלט און זיי באַקומען שפּיאָנאַזש־אינפאָרמאַציע, אין וועלכער זיי וועלן זיך נויטיקן אין פאַל פון אַ באַוואָפנטן אָנפאַל. די דייטשע רעגירונג אָבער, ספּעציעל היטלער, ווייל האָבן קאָלאָניעס, טעריטאָריע, און ניט בלויז שפּיאָ־נאַזש־ידיעות. און ער איז גרייט זיך צופרידנצושטעלן מיט סאָוועטישער טערי־טאָריע אַנשטאָט די קאָלאָניעס, איבער וועלכע ער וואָלט זיך געדאַרפט שלאָגן מיט ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך. וואָס שייך אונדז, דאַרפן מיר ניט די 250,000 גאָלד מאַרקן. מיר דאַרפן די דייטשע באַוואָפנטע כוחות, כדי מיט זייער הילף איבערצונעמען די מאַכט. און אונדזער אַרבעט מוז דערפאַר אָנ־געפירט ווערן צו דערגרייכן אָט־דעם ציל."

די ערשטע זאַך, האָט טראָצקי געזאָגט, איז צו גרייכן אַן אָפּמאַך מיט דער דייטשער רעגירונג. „אָבער די יאַפּאַנעזער זיינען אויך אַ קראַפט מיט וועלכער עס איז נויטיק צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג", האָט טראָצקי צוגעגעבן. די רוסישע טראָצקיסטן וועלן דאַרפן אָנפאַנגען „אויספּרואוון" די יאַפּאַנעזישע פאַרטרעטער אין מאָסקווע. „פאַר דעם צוועק", האָט טראָצקי באַפוילן קרעס־טינסקין, „באַנוצט זיך מיט סאָקאָלניקאָוון, וועלכער אַרבעט אינעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע ענינים, אַלס הויפּט פונעם מזרח־אָפּטייל. . . ."

טראָצקי האָט געגעבן קרעסטינסקין ווייטערדיקע באַפעלן וועגן דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע פונעם רוסישן קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט.

„אויב אַפילו דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט אַטאַקירט, לאָמיר זאָגן, פון דייטשלאַנד", האָט טראָצקי דערקלערט, „מיינט עס נאָך אַלץ ניט, אַז עס איז

מעגלעך צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט, סיידן געוויסע אינערלעכע כּוחות זיינען צו־געגרייט געוואָרן. . . . עס איז נויטיק איינצושטעלן שטיץ־פּונקטן סיי אין די שטעט און סיי אין די דערפֿער צווישן דער קליין־בורזשואַזיע און די קולאַקעס, און דאָ האָבן די רעכטע די פֿאַרבינדונגען. שליסלעך איז אויך נויטיק צו האָבן אַ שטיץ־פּונקט, אַן אָרגאַניזאַציע אין דער רויטער אַרמיי, צווישן די קאָמאַנ־דירן, כּדי דורך אונדזערע פֿאַראייניקטע אָנשטרענגונגען צו פֿאַרכאַפּן די סאַמע וויכטיקסטע פּלעצער אינעם געהעריקן מאָמענט, איבערנעמען די מאַכט, און פֿאַרבייטן די איצטיקע רעגירונג, וועלכע מוז גלייך אַרעסטירט ווערן, מיט אונדזער אייגענער רעגירונג, וואָס איז נאָך פֿון פֿריער צוגעגרייט געוואָרן."

נאָך זיין אָנקומען צוריק קיין רוסלאַנד, האָט קרעסטינסקי זיך געדאַרפֿט שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט גענעראַל טוכאַטשעווסקי, געהילף־הויפּט פֿונעם שטאַב פֿון דער רויטער אַרמיי, „אַ מאַן", לויט טראָצקיס רייד צו קרעסטינסקין, „פֿון אַ באָנאַפּאַרטישן כאַראַקטער, אַן אַוואַנטוריסט און אַמביציעזער מענטש, וועלכער שטרעבט ניט בלויז צו אַ מיליטערישער נאָר אויך צו אַ מיליטעריש־פּאָליטישער ראָלע, און וועלכער וועט אַן שום פֿראַגע זיך פֿאַראייניקן מיט אונדז".

טראָצקיס נאָכפֿאָלגער אין רוסלאַנד האָבן געדאַרפֿט געבן יעדן מין הילף דעם גענעראַל טוכאַטשעווסקי, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי גע־דאַרפֿט זען אָפּצושטעלן זייערע אייגענע מענטשן אויף סטראַטעגישע פּאָסטנס, אַזוי אַז ווען די איבערקערעניש וועט פֿאָרקומען, זאָל דער אַמבי־ציעזער טוכאַטשעווסקי ניט קאָנען קאָנטראָלירן די נייע רעגירונג אָן טראָצקיס הילף.

איידער די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט טראָצקי איבערגעגעבן קרעסטינסקין גענויע באַפֿעלן פֿאַר פּיאַטאַקאָוון וועגן דער דורכפֿירונג פֿון די טעראָר־ און סאַבאָטאַזש־קאַמפּאַניעס אין סאָוועט־רוסלאַנד. רעדנדיק וועגן דעם, האָט טראָצקי דערקלערט, אַז די „סאַבאָטאַזש־טאַטן און טעראָר־אַקטן" מוז מען באַטראַכטן פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן. ערשטנס, „וועגן אָנווענדן זיי אין מלחמה־צייט פֿאַרן צוועק צו דעזאָרגאַניזירן די פֿאַרטיידיקונג־פֿייאיקייט פֿון דער רויטער אַרמיי און צו דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג בעתן רעוואָלט. צווייטנס, האָט טראָצקי געזאָגט, מוז מען אָבער אָנערקענען, אַז די דאָזיקע האַנדלונגען וועלן „פֿאַרשטאַרקן" זיין, טראָצקיס, פּאָזיציע און וועלן אים געבן „מער זיכערקייט אין זיינע פֿאַרהאַנדלונגען מיט אויסלענדישע רעגירונגען", ווייל ער „וועט דאַן זיך קאָנען פֿאַררופֿן אויפֿן פֿאַקט, אַז זיינע נאָכפֿאָלגער אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען אי גענוג שטאַרק אי גענוג טעטיק".

ווען קרעסטינסקי איז צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָט ער ביי אַ גע־

הײמער פֿאַרזאַמלונג פֿון רוסישע טראָצקיסטן אָפּגעגעבן אַ פּולן באַריכט װעגן זײַן באַגעגעניש מיט טראָצקין. עטלעכע פֿאַרשװערער, איבערהױפּט קאַרל ראַדעק, װעלכער האָט געזאָלט זײַן טראָצקיס „אױסערן־מיניסטער", זײַנען געװען פֿאַרביטערט איבערן פֿאַקט װאָס טראָצקי איז אַרײַנגעטראָטן אין אַזעלכע װיכטיקע פֿאַרהאַנדלונגען ניט האָבנדיק פֿריִער זיך באַראָטן מיט זײ.

אױסהערנדיק קרעסטינסקיס באַריכט, האָט ראַדעק אָװעקגעשיקט אַ ספּעציעלע װענדונג צו טראָצקין, פֿאַרלאַנגענדיק „מער קלאָרקײט אין דער פֿראַגע פֿון אױסלענדישער פּאָליטיק".

טראָצקיס ענטפֿער, געשריבן אין פֿראַנקרײַך, איז איבערגעגעבן געװאָרן צו ראַדעקן מיט עטלעכע װאָכן שפּעטער דורך װלאַדימיר ראָם, אַ יונגער אױסלענדישער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער סאָװעטישער נײַעס־אַגענטור, טאַס, װעלכער האָט געדינט אַלס טראָצקיס אַ שליח. ראָם האָט דעם בריװ באַקומען פֿון טראָצקין אין פּאַריז און האָט אים אַרײַנגעשמוגלט קײן רוסלאַנד, באַהאַלטן אינעם טאָװל פֿון דעם פּאָפּולערן רוסישן ראָמאַן „טשוסימאַ".*) שפּעטער האָט ראַדעק איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פֿון יענעם בריװ:

טראָצקי האָט אָװעקגעשטעלט די פֿראַגע אױף אַזאַ אופֿן: דאָס װאָס דער פֿאַשיזם איז געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד, האָט פֿונדאַמענטאַל געביטן די גאַנצע לאַגע. עס באַדײַט אַ מלחמה אין דער נאָענטער צוקונפֿט, אַן אומפֿאַרמײַדלעכע מלחמה, און נאָך מער דער־

*) װלאַדימיר ראָם איז געװען דער טאַס-קאָרעספּאָנדענט אין טאָקיאָ, זשענעװע און פּאַריז. ער האָט זיך געטראָפֿן מיט טראָצקין אין 1933 דורך אַ ספּעציעל-אַראַנזשירטער באַגעגעניש אין אַ קאַפֿע אין „בואַ דע בולאָן". דערקלערנדיק אים, אַז בלױז „עקסטרעמע מיטלען" װעלן מעגלעך מאַכן פֿאַר די פֿאַרשװערער צו דערגרײכן זײערע צילן, האָט טראָצקי ציטירט אַ לאַטײַנישן שפּריכװאָרט: „װאָס מעדיצין קאָן ניט הײלן, װעט אײַזן הײלן, און דאָס װאָס אײַזן קאָן ניט הײלן, װעט פֿײַער הײלן." אין 1934 איז ראָם באַשטימט געװאָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון טאַס אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן. אײדער ער איז אַװעק קײן אַמעריקע, האָט ראָם זיך געזען מיט סעדאָװן אין פּאַריז. ראָם האָט שפּעטער באַהױפּט: „סעדאָװ האָט מיר געזאָגט, אַז אין פֿאַרבינדונג מיט מײַן רײזע קײן אַמעריקע, האָט טראָצקי געבעטן מען זאָל אים אינפֿאָרמירן אין פֿאַל עס איז פֿאַראַן עפּעס אינטערעסאַנטס אין דער ספֿערע פֿון סאָװעטיש-אַמעריקאַנישע באַציאונגען. װען איך האָב אים געפֿרעגט מיט װאָס איז דאָס אַזױ אינטערעסאַנט, האָט סעדאָװ מיר געענטפֿערט: 'דאָס איז אין אײַנקלאַנג מיט טראָצקיס ליניע װעגן דער מפּלה פֿונעם פ.ס.ס.ר. אַזױ װי די דאַטע פֿון דער מלחמה פֿון דײַטשלאַנד און יאַפּאַן הענגט אָפּ אין אַ געװיסער מאָס פֿון דעם צושטאַנד פֿון די סאָװעטיש-אַמעריקאַנישע באַציאונגען, איז דאָס פֿון גרױסן אינטערעס פֿאַר טראָצקין.'"

פאַר, ווייל אין דער זעלביקער צייט ווערט די לאַגע אויפן ווייטן מזרח פאַרשאַרפט. טראָצקי האָט קיין שום צווייפל ניט געהאַט, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט דערפירן צו דער מפּלה פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע מפּלה, האָט ער געשריבן, וועט באַשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אונדזער בונד איבערצונעמען די מאַכט. . . . טראָצקי האָט באַהויפּט, אַז ער האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט אַ געוויסן ווייט־מזרחדיקן לאַנד און מיט אַ געוויסן צענטראַל־אייראָפּייאישן לאַנד, און אַז ער האָט גאַנץ אָפן דערקלערט האַלב־אָפיציעלע קרייזן פון די דאָזיקע לענדער, אַז דער בונד איז גרייט צו שליסן אַ געשעפט מיט זיי און אַז ער איז גרייט צו מאַכן באַדייטנדיקע הנחות סיי פון אַן עקאָנאָמישן און סיי פון אַ טעריטאָריעלן כאַראַקטער.

אין זעלביקן בריוו האָט טראָצקי געלאָזט וויסן ראַדעקן, אַז געוויסע אויסלענדישע פאַרטרעטער וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די רוסישע טראָצקיסטן, וועלכע אַרבעטן אין דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס, און ווען דאָס וועט געשען, וועלן די טראָצקיסטישע דיפּלאָמאַטן דאַרפן באַשטעטיקן זייער לאָיאַלקייט צו טראָצקין און פאַרזיכערן די אויסלענדישע פאַרטרעטער, אַז זיי שטייען הינטער טראָצקין אויף אַלע אופנים.

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז געאַרגי סאָקאָלניקאָוו, דער טראָצקיסטישער געהילף־קאָמיסאַר פאַר מזרחדיקע ענינים, אימפּעטדיק אַריינגעלאָפן אין ראַדעקס קאַבינעט אין דער „איזוועסטיאַ". „שטעלט זיך נאָר פאָר", האָט סאָקאָלניקאָוו, אַזוי גיך ווי ער האָט די טיר צוגעמאַכט, נערוועז אַרויסגעפּלאַצט, „איך פיר אַן פאַרהאַנדלונגען אין דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע ענינים. דער שמועס פאַרענדיקט זיך. די איבערזעצער האָבן פאַרלאָזן דאָס צימער. פּלוצלונג טוט זיך דער יאַפּאַנעזישער געזאַנדטער אַ דריי־אויס צו מיר און פרעגט: צי וויס איך וועגן די פאָרשלאָגן, וועלכע טראָצקי האָט געמאַכט צו זיין רעגירונג?"

סאָקאָלניקאָוו איז שטאַרק אויפגערודערט געווען איבער דער געשעעניש. „ווי שטעלט זיך טראָצקי דאָס פאָר?" האָט ער געפרעגט ראַדעקן. „ווי אַזוי קאָן איך, אַלס געהילף־פאָלקס־קאָמיסאַר, אָנפירן אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען? דאָס איז דאָך אַן אַבסאָלוט־אוממעגלעכער צושטאַנד!"

ראַדעק האָט זיך געפּלייסט צו באַרואיקן זיין צעררייצטן פריינט. „רעגט זיך ניט אויף", האָט ער אים געזאָגט, „טראָצקי, ווייזט אויס, פאַרשטייט ניט די לאַגע דאָ." ראַדעק האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן סאָקאָלניקאָוון, אַז אַזעלכעס וועט נאָכאַמאָל ניט פּאַסירן. ער האָט שוין געהאַט געשריבן טראָצקין

און אים געזאָגט, אַז פּאַר די רוסישע טראָצקיסטן איז אוממעגלעך אָנצופירן פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשע און יאַפּאַנעזישע אַגענטן „אונטער די אויגן פון דער אָגפּו". די רוסישע טראָצקיסטן, האָט ראַדעק געזאָגט, וועלן דאַרפן „געבן זייער מאַנדאַט צו טראָצקין", ער זאָל אָנגיין מיט זיינע אייגענע פאַרהאַנדלונגען, כל־זמן ער וועט זיי פולשטענדיק האַלטן אינפאָרמירט וועגן זיינע דער־גרייכונגען.

באַלד נאָכדעם האָט ראַדעק אַליין באַזוכט אַ דיפּלאָמאַטישן צונויפקום אין מאָסקווע. אַ דייטשער דיפּלאָמאַט האָט זיך געזעצט לעבן אים און שטיל אַ זאָג געטאָן: „אונדזערע פירער ווייסן, אַז דער הער טראָצקי שטרעבט פאַר אַ דערנעענטערונג מיט דייטשלאַנד. אונדזערע פירער ווילן וויסן, וואָס אָט־דעם הער טראָצקיס געדאַנק באַדייט? אפשר איז עס דער געדאַנק פון אַן עמיגראַנט, וואָס קאָן ניט שלאָפן? וואָס שטעקט הינטער אָט די געדאַנקען?"

באַשרייבנדיק ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט אויף דעם אומדערוואַרטעטן דייטשן צוגאַנג, האָט ראַדעק שפּעטער געזאָגט:

> פאַרשטייט זיך, אַז זיין שמועס מיט מיר האָט געדויערט בלויז עטלעכע מינוט; די אַטמאָספערע פון אַ דיפּלאָמאַטישער אויפנאַמע איז ניט צוגעפּאַסט פאַר לאַנגע רייד. איך האָב בוכשטעבלעך אין איין רגע געדאַרפט מאַכן מיין באַשלוס און אים געבן מיין ענטפער. . . . איך האָב אים געזאָגט, אַז רעאַליסטישע פּאָליטיקער אינעם פ.ס.ס.ר. באַ־גרייפן די באַדייטונג פון אַ דייטש־סאָוועטישער דערנעענטערונג און זיינען גרייט צו מאַכן הנחות, כדי צו גרייכן אָט די דערנעענטערונג.

אין דער נאַכט פונעם 30טן יוני, 1934, האָט דער נאַצי־טעראָר דערגרייכט זיינע אייגענע רייען אין דייטשלאַנד. היטלער האָט ליקווידירט די אָפּאָזיציע־עלעמענטן אין זיין באַוועגונג. אין משך פון פיר־און־צוואַנציק שעה זיינען פון היטלערס באַנדיטן־קוילן געפאַלן אין מינכען און אין בערלין: קאַפּיטאַן ערנסט ראָעם, הויפּט פונעם שטאַב פון היטלערס שטורעם־טרופּערס; עדמאַנד האַינס, העכסטער גרופּן־פירער אין מזרח־דייטשלאַנד; קאַרל ערנסט, הויפּט־פירער פון די בערלינער שטורעם־טרופּערס; און נאָך אַ צאָל פון זייערע פריינט און אָנהענגער. אַנגעצויגענע שרעק און אַנגסט האָבן אַרומגעכאַפּט די גאַנצע נאַצי־באַוועגונג.

טראָצקי האָט תיכף פון פּאַריז אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע אָג־פאַרטרויטע „סעקרעטאַרן" — אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן מיטן נאָמען קאַרל רייך, אויך באַקאַנט אַלס יאָהאַנסאָן — אַז ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט סערגעי בעזסאָנאָוו, דער טראָצקיסטישער פאַרמיטלער אין בערלין. בעז־

סאָנאָוו איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין פּאַריז אָפּצוגעבן אַ דעטאַליזירטן באַריכט צו טראָצקין וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד.

בעזסאָנאָוו האָט ניט געקאָנט גלייך פאָרן קיין פּאַריז; אָבער סוף יולי האָט ער באַוויזן צו פּאַרלאָזן בערלין. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט טראָצקין אין אַ פּאַריזער האָטעל און אים אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן דער דייטשער לאַגע, האָט ער זיך דעם זעלביקן אָוונט צוריקגעקערט קיין בערלין. טראָצקי איז געווען אין אַ שטאַרק־אויפגערעגטן צושטאַנד בעת בעזסאָנאָוו האָט אים געזען. די געשעענישן אין דייטשלאַנד, דאָס אָפּראַמען די „ראַדי־קאַלע נאַציס" מיט ראָעם בראָש, קאָנען שטערן זיינע פּלענער. בעזסאָנאָוו האָט טראָצקין פאַרזיכערט, אַז היטלער, הימלער, העס, ראָזענבערג, גערינג און געבעלס האַלטן זיך פעסט ביי דער מאַכט.

„זיי וועלן נאָך קומען צו אונדז!" האָט טראָצקי געשריגן. ער האָט בעזסאָנאָוון געזאָגט, אַז ער וועט פאַר אים אין קורצן האָבן וויכטיקע אויפגאַבעס דורכצופירן אין בערלין. „מיר טאָרן ניט זיין איבערקלייבעריש אין דעם ענין", האָט טראָצקי געזאָגט. „כדי צו קריגןווירקלעכע און וויכטיקע הילף פון העסן און ראָזענבערגן, טאָרן מיר זיך ניט אָפּשטעלן פון מסכים צו זיין אָפּצוגעבן גרויסע שטיקער לאַנד. מיר וועלן איינוויליקן אָפּצוגעבן אוקראַינע. האָט דאָס אין זינען בעת אייער אַרבעט און אייערע פאַרהאַנדלונגען מיט די דייטשן, און איך וועל אויך וועגן דעם שרייבן צו פּיאַטאַקאָוון און קרעסטינסקין."

אין די פאַרשיידענע ביוראָס פונעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס האָט מען שוין געשפּונען אַ פאַרראַט־געוועב. אַמבאַסאַדאָרן, סעקרעטאַרן, אַטאַשעס און מינדערוויכטיקע קאָנסול־אַגענטן זיינען פאַרמישט געווען אין דעם קאָנספּיראַטיוון געוועב, ניט נאָר אין איראָפּע, נאָר אויך אין ווייטן מזרח.

דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר קיין יאַפּאַן האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרשווערונג. זיין נאָמען איז געווען יורעניעוו. ער איז געווען אַ געהיימער טראָצקיסט זינט 1926. אויף טראָצקיס באַפעל האָט ער איינגעשטעלט פאַר־בינדונגען מיט דער יאַפּאַנישער „אינטעליגענץ"־דינסט. געהאָלפן יורעניעוון אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט יאַפּאַן האָט טראָצקיס אַלטער פריינט, קריסטיאַן ראַקאָווסקי, דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך. ראַקאָווסקי האָט שוין מער ניט אָנגעהאַלטן קיין וויכטיקן פּאָסטן אין דער סאָוועטישער אויסלאַנד־ביוראָ. ער האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין פאַר־שיידענע קאָמיסיעס פאַר פאָלקס־געזונט. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין דער אונטערערדישער פאַרשווערונג.

אין סעפּטעמבער 1934 איז ראַקאָווסקי געפאָרן מיט אַ סאָוועטישער דעלע־גאַציע קיין יאַפּאַן, צו באַזוכן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון רויטער־

קרייץ־געזעלשאַפטן, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרקומען אין טאָקיאָ אין אָקטאָ־בער. פאַר זיין אָפּפאָרן קיין יאַפּאַן, האָט ראַקאָווסקי דערהאַלטן אַ קאָנווערט פונעם קאָמיסאַריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע אין מאָסקווע. דאָס איז געווען פון פּיאַטאַקאָוו און האָט אַנטהאַלטן אַ בריוו, וועלכן ראַקאָווסקי האָט געדאַרפט צושטעלן דעם אַמבאַסאַדאָר יורעניעוו אין טאָקיאָ. אויבערפלעכלעך האָט דער בריוו אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג פאַר אָפּיציעלער האַנדל־איינפאָר־מאַציע. אויף דער אַנדערער זייט פונעם בריוו אָבער, געשריבן מיט אומ־זעבאַרן טינט, איז געווען אַ מעלדונג צו יורעניעוו, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל ראַקאָווסקין „באַנוצן" אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט די יאַפּאַנעזער.

דעם זעלביקן טאָג וואָס ראַקאָווסקי איז אָנגעקומען קיין טאָקיאָ, האָט אַ יאַפּאַנישער אַגענט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אים. דער צוזאַמענ־קונפט איז פאָרגעקומען אין אַ קאָרידאָר פון דער געביידע פונעם יאַפּאַנעזישן רויטן קרייץ אין טאָקיאָ. מען האָט ראַקאָווסקין דערקלערט, אַז די צילן פון דער רוסישער טראָצקיסטישער באַוועגונג „קומען זיך אינגאַנצן צוזאַמען" מיט די צילן פון דער יאַפּאַנעזישער רעגירונג. דער יאַפּאַנעזישער אַגענט האָט צוגעגעבן, אַז ער איז זיכער, ראַקאָווסקי וועט קאָנען צושטעלן טאָקיאָ ווערטפולע אינפאָרמאַציע בנוגע דער „לאַגע" אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם זעלביקן אָוונט האָט ראַקאָווסקי דערציילט יורעניעוון וועגן זיין שמועס מיטן יאַפּאַנעזישן אַגענט. „דער געדאַנק איז אַריינצוציען מיך אַלס שפּיאָן", האָט ראַקאָווסקי געזאָגט, „אַלס אַ שפּיאָן פאַר דער יאַפּאַנעזישער רעגירונג".

„מען דאַרף ניט צעגערן", האָט דער טראָצקיסטישער אַמבאַסאַדאָר גע־ענטפערט. „עס איז שוין פאַרפאַלן."

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ראַקאָווסקי געגעסן צוזאַמען מיט אַ הויכן אָפיציר פון דער יאַפּאַנעזישער „אינטעליגענץ"־דינסט. דער יאַפּאַנעזישער אָפיציר האָט דרייסט אָנגעפאַנגען דעם שמועס: „מיר ווייסן, אַז איר זייט הער טראָצקיס אַ נאָענטער פריינט און אָנהענגער", האָט ער ראַקאָווסקין גע־זאָגט. „איך מוז אייך בעטן אים צו שרייבן, אַז אונדזער רעגירונג איז אומ־צופרידן מיט זיינע אַרטיקלען וועגן דער כינעזישער פראַגע און אויך מיט דער אויפפירונג פון די כינעזישע טראָצקיסטן. מיר האָבן אַ רעכט צו דער־וואַרטן אַן אַנדער מין אויפפיר מצד הער טראָצקין. הער טראָצקי דאַרף פאַר־שטיין וואָס מען דאַרף. מען דאַרף ניט אַריינגיין אין קיין פּרטים, אָבער קלאָר איז, אַז אַ פּראָוואָצירטער אינצידענט אין כינע וואָלט געווען אַ ווינטשנס־ווערטער אויסרייד פאַר אינטערווענציע אין כינע."

דער יאַפּאַנעזישער אָפיציר האָט ווייטער דערקלערט ראַקאָווסקין וואָסער סאָרט קאָנפידענציעלע ידיעות די יאַפּאַנעזישע רעגירונג וואָלט געוועז פאַראינטערעסירט צו קריגן פון די רוסישע טראָצקיסטן: פאַקטן וועגן די באַדינגונגען אין די קאָלעקטיווע פאַרמס, אייזנבאַנען, מינען און אינדוסטריעס, ספּעציעל פון מזרח־געגנט פונעם פ.ס.ס.ר. ראַקאָווסקי האָט באַקומען פאַרשיידענע שיפערן און נעמען פאַר שפּיאָנען, מיט וועלכע ער זאָל זיך קאָנען באַנוצן ביים צושטעלן די ידיעות. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז דר. נעידאַ, אַ סעקרעטאַר פון דער רויטער־קרייץ דעלעגאַציע, זאָל האַנדלען אַלס פאַרמיטלער צווישן ראַקאָווסקין און דער יאַפּאַנעזישער „אינטעליגענץ“־דינסט.

איידער ער האָט פאַרלאָזן טאָקיאָ, האָט ראַקאָווסקי געהאַט אַ לעצטן שמועס מיט יורעניעוון. דער טראָצקיסטישער אַמבאַסאַדאָר איז געוועז אין אַ געדריקטער שטימונג. „מיר זיינען אַריין אין אַזאַ מין צרה, אַז טיילמאָל ווייסט מען ניט ווי אַזוי צו האַנדלען! האָט ער טרויעריק געזאָגט. „מען האָט מורא, אַז צופרידנשטעלנדיק איין שותף, קאָן מען נאָך אַמאָל באַליידיקן אַ צווייטן. למשל, איצט, בעת מיר דאַרפן אָנהאַלטן פאַרבינדונגען סיי מיט דער ענגלישער און סיי מיט דער יאַפּאַנעזישער „אינטעליגענץ“, שאַפט זיך אַן אַנטאַגאָניזם צווישן גרויס־בריטאַניע און יאַפּאַן אין פאַרבינדונג מיט דער כינעזישער פראַגע. . . . און אין אָט דעם אַלעם דאַרף איך וויסן ווי זיך צו האַלטן!“

ראַקאָווסקי האָט געענטפערט: „מיר טראָצקיסטן דאַרפן אין איצטיקן מאָמענט שטעלן אויף דריי קאָרטן: די דייטשן, די יאַפּאַנעזער, און די ענגלענדער. . . . מיר אַרבעטן איצט לויט אַ טאַקטיק פון ריזיקירן מיט אַלץ, פון אַלצדינג פאַר אַלצדינג; אָבער ווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג געלינגט, רופט מען אָן די אַוואַנטוריסטן גרויסע שטאַטסלייט!“ *)

*) דעם 20טן פעברואַר, 1937, האָט די טאָקיאָ צייטונג „מיאַקאָ“ געדרוקט אַ באַריכט וועגן אַ געהיימער זיצונג פון דער „פּלאַניר- און בודזשעט-קאָמיסיע“ פון דער יאַפּאַנעזישער רעגירונג. ביי אָט-דער זיצונג האָט דער דעפּוטאַט יאָשידאַ געפרעגט דעם קריג-מיניסטער גענעראַל סוגיאַמאַ, צי ער אָדער די אַרמיי האָט וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע בנוגע דער קאַפּאַציטעט פון דער סאָוועטישער סיבירער אייזנבאַן. דער קריג-מיניסטער האָט געענטפערט אַז יאָ, און צוגעגעבן, אַז די קאַפּאַציטעט פון דער סטראַטעגישער סאָוועטישער אייזנבאַן איז באַוואוסט דער יאַפּאַנעזישער הויך-קאָמאַנדע אין אַלע אירע פּרטים. און גענעראַל סוגיאַמאַ האָט פאָרגעזעצט: „אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן אָפּאָזיציע-עלעמענטן צו דער איצטיקער רעגירונג און טאַקע פון זיי האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דעם.“ אַלס אַ רעזולטאַט פון פאַרעפנטלעכן אָט-די באַהויפּטונג אין דער צייטונג „מיאַקאָ“, איז פאָרגעקומען אַ טיכטיקע רייניקונג אין די פּרעסע-קרייזן פון טאָקיאָ. די רעגירונג האָט אָרויפּ-

2. די דיפּלאָמאַטיע פון טעראָר

בעת די רוסישע פאַרשווערער האָבן באַפעסטיקט זייערע פאַררעטערישע פאַרבינדונגען מיט די פאַרטרעטער פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן, איז שוין אָנ־געגאַנגען אַ צווייטע פאַזע פון דעם געהיימען אָנגריף קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. צו פאַרראַט איז צוגעגעבן געוואָרן טעראָר.

אין אַפּריל 1934 איז אַ סאָוועטישער אינזשעניער מיטן נאָמען באַיאַר־שינאָוו אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט פונעם בויאונג־שעף פון די וויכטיקע קוזנעצער קוילן־מינען אין סיביר, כדי צו באַריכטן, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק אין זיין אָפּטיילונג. עס זיינען געהאַט פאַרגעקומען צופיל אומגליק־פאַלן, אונטערערדישע פייערן, מעכאַנישע צוזאַמענברוכן. באַיאַרשינאָוו האָט פאַר־דעכטיקט סאַבאָטאַזש.

דער בויאונג־שעף איז געווען אַלעקסעי שעסטאָוו, דייטשער שפּיאָן און הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון טראָצקיסטישן סאַבאָטאַזש אין סיביר.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען באַיאַרשינאָוון געפונען אַ טויטן אין אַ גראָבן. אַ יאָגנדיקע לאַסטאָווקע האָט אים אַ זעץ געטאָן בעת ער איז אַהיים־געגאַנגען פון דער אַרבעט איבער אַן איינזאַמען פּאַס פון אַ דאָרפישן שאָסיי. דער אָנטרייבער פון דער לאַסטאָווקע איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער טעראָריסט מיטן נאָמען טשערעפּוכין. שעסטאָוו האָט אים באַאויפטראָגט צו דערמאָרדן באַיאַרשינאָוון און אים באַצאָלט 15,000 רובל פאַר אָט־דער שטיקל אַרבעט.*)

אין סעפּטעמבער 1934 איז וו. מ. מאָלאָטאָוו, דער פאָרזיצער פון דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פונעם פ.ס.ס.ר., אָנגעקומען קיין סיביר אויף אַן אינספּעקציע־רייזע אין די מינען און אינדוסטריעלע געגנטן. מאָלאָטאָוו איז געווען אויף זיין וועג צוריק פון אַ באַזוך אין איינער פון די מינען פונעם קוזנעצער קוילן־באַסיין, בעת דער אויטאָמאָביל אין וועלכן ער איז געפאָרן איז פּלוצלונג אַרונטער פונעם וועג, זיך אַרונטערגעגליטשט אויף איין זייט

געלייגט אַ גרויסע געלט-שטראָף אויף דער ציייטונג פאַר אָפּדרוקן געהיימע אינ-פאָרמאַציע, און איר הויפּט נייעס-רעדאַקטאָר, יאָגוטשי גילעאי, איז אויף דער פאָדערונג פונעם קריג-דעפּאַרטמענט געצוואונגען געוואָרן צו רעזיגנירן.

*) דאָס געלט, וואָס שעסטאָוו האָט אויסגעצאָלט באַיאַרשינאָווס מערדער, איז געווען אַ טייל פון אַ געהיימען פאָנד פון 164,000 רובל, וואָס טראָצקיס מערדער, אונטער שעסטאָווס אָנווייזונגען, האָבן אַרויסגעגנבעט פון דער אָנזשערקאָ מלוכה-באַנק. דער פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן צו פינאַנסירן די סאַבאָטאַזש- און טעראָר-טעטיקייטן אין סיביר.

איבער אַ טיפֿער שוץ־וואַנט און זיך פֿאַרהאַלטן פּונקט ביים ברעג פֿון אַ טיפֿן אָפּגרונט. שטאַרק צעטרייסלט און צעקלאַפּט, אָבער ניט פֿאַרוואונדעט, זיינען מאַלאַטאַוו און זיינע באַגלייטער אַרויסגעקראָכן פֿון דעם איבערגעקערטן אויטאָמאָביל. זיי האָבן קוים אויסגעמיטן דעם טויט.

דער אָנטרייבער פֿונעם אויטאָמאָביל איז געווען וואַלענטין אַרנאָלד, דער פֿאַרוואַלטער פֿון אַ לאָקאַלן גאַראַזש. אַרנאָלד איז געווען אַ מיטגליד פֿון דעם טראָצקיסטישן טעראָריסטישן אַפּאַראַט. שעסטאָוו האָט אים אינסטרואירט צו דערמאָרדן מאַלאַטאָוון; און אַרנאָלד האָט בכיוון אַרונטערגעפֿירט דעם אויטאָ־מאָביל פֿונעם וועג, מיטן אָבזיכט צו דערהרגענען זיך אַליין צוזאַמען מיט מאַלאַטאָוון. דער פֿאַרזוך איז ניט געלונגען בלויז דערפֿאַר, וואָס אין דער לעצטער מינוט האָט אַרנאָלד פֿאַרלוירן זיין מוט און האָט פֿאַרפּאַמעלעכט דאָס פֿאָרן בעת ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער שוץ־וואַנט, וואו עס איז באַ־שטימט געווען אַז דער „צופֿאַל" זאָל טרעפֿן.

אין האַרבסט 1934 האָבן שוין די טראָצקיסטישע און רעכטע טעראָר־גרופּעס פֿונקציאָנירט איבערן גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די דאָזיקע טעראָר־גרופּעס האָבן געהאַט אַלס מיטגלידער געוועזענע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, געוועזענע מענשעוויקעס, פּראָפֿעסיאָנעלע טעראָריסטן און געוועזענע אַגענטן פֿון דער צאַרישער אָכראַנקע. אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד, אין גרוזיע און אין אַרמעניע, אין אוזבעקיסטאַן, אַזערבאַיזשאַן און אין די געגנטן פֿונעם ווייטן מזרח, וואָס ליגן ביים ים, זיינען אַנטי־סאָוועטישע נאַציאָנאַליסטן און פֿאַשיסטן אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם טעראָר־אַפּאַראַט. אין פֿיל פֿלעצער האָבן נאַצישע און יאַפּאַנעזישע אַגענטן דירעקט אָנגעפֿירט מיט די טעטיקייטן פֿון די דאָזיקע גרופּעס.

מען האָט צוגעגרייט אַ צעטל סאָוועטישע פֿירער, וועלכע מען דאַרף דער־מאָרדן. דער ערשטער אויפֿן צעטל איז געווען יאָסיף סטאַלין. צווישן די אַנ־דערע נעמען האָבן זיך געפֿונען קלעמענטי וואָראָשילאָוו, וו. מ. מאָלאָטאָוו, סערגעי קיראָוו, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, אַנדרעי זשדאַנאָוו, וויאַטשעסלאָוו מענ־זשינסקי, מאַקסים גאָרקי און וואַלעריאַן קויבישעוו.

די טעראָריסטן האָבן פֿון צייט צו צייט געקראָגן מעלדונגען פֿון לעאָן טראָצקין, אין וועלכע ער האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו באַ־זייטיקן די סאָוועטישע פֿירער. איינע פֿון די דאָזיקע מעלדונגען איז אין אָקטאָבער 1934 אָנגעקומען צו אפֿרים דרייצער, טראָצקיס געוועזענער לייב־וועכטער. טראָצקי האָט דאָס געשריבן מיט אומזעבאַרן טינט אויף די ברעגן פֿון אַ דייטשן קינאָ־זשורנאַל. געבראַכט צו דרייצערן האָט דאָס זיין שוועסטער,

וועלכע האָט דעם זשורנאַל געקראָגן פון טראָצקיס שליח אין וואַרשע. טראָצקיס ווענדונג צו דרייצערן האָט זיך געלייענט:

טייערער פרייַנט: גיט איבער, אַז היינט האָבן מיר פאַר זיך די פאָלגנדיקע הויפּט־אויפגאַבעס:

1) צו באַזייטיקן סטאַלינען און וואָראָשילאָוון.

2) פאַנאַנדערוויקלען די אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַ נוקלעאוס אין דער אַרמיי.

3) אין פאַל פון מלחמה, אויסצונוצן יעדן צוריקשטויס און יעדע צעטומלעניש צו פאַרכאַפּן די פירערשאַפט.

די ווענדונג איז געווען אונטערגעשריבן סטאַריק („דער אַלטער“), וואָס איז געווען טראָצקיס שיפער־אונטערשריפט.

אין איין פאַל האָבן די פאַרשווערער, נאָך אַ לענגערער אויספאַרשונג, פעסטגעשטעלט דעם וועג איבער וועלכן דער קאָמיסאַר פון פאַרטיידיקונג, וואָראָשילאָוו, פלעגט געוויינלעך פאָרן אין מאָסקווע. דריי טעראָריסטן, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, זיינען עטלעכע טעג צעשטעלט געוואָרן איבער דער פרונזע־גאַס, איינער פון די הויפּט־וועגן, דורך וועלכן וואָראָשילאָווס אויטאָמאָביל פלעגט פאַרבייפאָרן. דער אויטאָמאָביל איז אָבער תמיד געפאָרן זייער שנעל, און די טעראָריסטן — ווי איינער פון זיי האָט שפּעטער דערציילט — האָבן באַשלאָסן, אַז „עס לוינט זיך ניט צו שיסן אויף דעם שנעל־יאָגנדיקן אויטאָמאָביל“.

עטלעכע פלענער צו דערמאָרדן סטאַלינען האָבן זיך אויך ניט איינגעגעבן. אַ טראָצקיסטישער טעראָריסט, וועמען מען האָט באַשטימט צו שיסן סטאַלינען ביי אַ וויכטיקער פאַרטיי־קאָנפערענץ אין מאָסקווע, האָט באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן צו דער פאַרזאַמלונג, אָבער ער האָט ניט געקאָנט צוקומען גענוג נאָענט צום סאָוועטישן פירער אַז ער זאָל קאָנען באַנוצן דעם רעוואָלווער. אַ צווייט מאָל האָבן טעראָריסטן מיט מעכטיקע ביקסן געשאָסן אויף סטאַלינען, בעת ער איז אין אַ מאָטאָר־שיפל פאַרבייגעפאָרן ביים ברעג פונעם שוואַרצן ים, אָבער זיי האָבן אים ניט געטראָפן. „אַ שאָד“, האָט לעאָ קאַמעניעוו געזאָגט, בעת דער טעראָריסט באַקאַיעוו האָט אים געמאָלדן וועגן דעם דורכפאַל פון איינעם פון זיינע פלענער צו דערמאָרדן סטאַלינען. „לאָמיר האָפן, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר שוין זיין מער דערפאָלגרייך.“ *)

---

*) די איבערלעבכע אַטמאָספערע פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־צענטער האָט, ניט געקוקט אויף זיין „פּאָליטישער“ פאַסאַדע, דערמאָנט אָן די

טראָצקי איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומגעדולדיק. דער טאָן פון זיינע ווענדונגען צו זיינע נאָכפאָלגער אין רוסלאַנד האָט זיך שטאַרק געביטן. ער האָט זיי בייז פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זיינען „שטענדיק פאַרנומען מיט אָרגאַני־זאַציאָנעלע צוגרייטונגען און שמועסן" און אַז זיי האָבן „קיין שום ממשות־דיקס" ניט דערגרייכט. טראָצקי האָט אָנגעפאַנגען אַריינשיקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינע אייגענע אַגענטן, צו העלפן אָרגאַניזירן און אונטעריאָגן טעראָר־אַקטן. די דאָזיקע אַגענטן, וואָס זיינען געווען רוסישע עמיגראַנטן אָדער דייטשע טראָצקיסטן, זיינען געפאָרן אויף פאַלשע פאַספּאָרטן, וועלכע די פאַרשווערער אין דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטישער דינסט אָדער די דייטשע מיליטערישע געהיים־דינסט און די געשטאַפּאָ האָבן פאַר זיי צוגעגרייט.

דער ערשטער פון אָט־די ספּעציעלע אַגענטן איז געווען אַ דייטשער טראָצקיסט מיטן נאָמען נאַטאַן לוריע. נאָך אים זיינען געקומען נאָך צוויי טראָצקי־לייט: קאָנאָן בערמאַן־יורין און פריץ דעיווידי, אויך באַקאַנט אַלס

געננסטער-באַנדעם אין ניו-יאָרק און אַנדערע שטעט.

באַקאַיעוו, אַ געוועזענער פּאָליטישער געהילף זינאָוויעווס אינעם פּעטראָגראַדער סאָוועט, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך צו האַלטן אין אָרדענונג די מערדער פונעם טעראָר-צענטער. זינאָוויעוו האָט אים איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו פאַרשטומען יעדן איינעם פון זיי וואָס וועט פאַרראַטן די אָרגאַניזאַציע. אינמיטן 1934, נאָכדעם ווי דער מערדער באָגדאַן, וועמען מען האָט באַשטימט צו דערמאָרדן סטאַלינען, האָט אין דער אַנטשיידענער מינוט זיך פאַרלוירן און דער פאַרזוך איז דעריבער דורכ-געפאַלן, האָט באַקאַיעוו זיך אונטערגענומען צו פאַרשטומען באָגדאַנען. ער איז אַוועק צו אים אין זיין וואוינונג און פאַרבראַכט מיט אים די נאַכט. אינדערפרי, נאָך באַקאַיעווס אַוועקגיין, איז באָגדאַן געלעגן אַ טויטער אויפן דיל פון זיין גאַסט-צימער, מיט אַ קויל אין קאָפּ און מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט. אין צימער האָט מען געפונען אַ בריוו, וואָס באַקאַיעוו האָט אים געצוואונגען אָנצושרייבן. אינעם בריוו האָט זיך געזאָגט, אַז באָגדאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד איבער דעם, וואָס די סאָוועטן-רעגירונג האָט „פאַרפאָלגט" די טראָצקי-זינאָוויעוו אָפּאָזיציע.

אַ מיטגליד פונעם טראָצקיסטיש-זינאָוויעוויסטישן טעראָר-צענטער, איסאַק ריינגאָלד, האָט שפּעטער עדות געזאָגט, אַז „סיי זינאָוויעוו און סיי קאַמעניעוו האָבן באַשלאָסן, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן איבערנעמען די מאַכט, וועלן זיי באַקאַיעוון אַוועקשטעלן אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער אָגפּו". „אויסנוצנדיק דעם אַפּאַראַט פון דער אָגפּו", האָט ריינגאָלד עדות געזאָגט, „האָט ער געדאַרפט אַזוי-אַרום העלפן פאַרדעקן די שפּורן, באַזייטיקן און דערמאָרדן ניט בלויז די אַלע אָנגעשטעלטע אינעם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פון אינערלעכע ענינים, די אָגפּו, וועלכע האָבן געקאָנט וויסן וועגן וועלכע עס איז איינצלהייטן פון דער פאַרשווערונג, נאָר אויך די דירעקטע אָנטיילנעמער אין די טעראָר-אַקטן קעגן סטאַלינען און זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער. דורך באַקאַיעווס הענט האָט די טראָצקיסטיש-זינאָוויעוויסטישע אָרגאַניזאַציע גע-וואָלט אָפּמעקן אירע אייגענע טעטיקייטן, אירע אייגענע מערדער, וואָס זיינען אין דעם ענין פאַרמישט געווען."

איליאַ דעיוויד קרוגליאַנסקי. אין מערץ 1933 האָט טראַצקי געשיקט אַ פּערטן און פינפטן אַגענט: וואַלענטין אַלבערג און מאַיסעי לוריע, אויך באַקאַנט אַלס אַלעקסאַנדער עמעל (מאַיסעי לוריע איז ניט געווען קיין קרוב פון נאַטאַן לוריע).

איידער נאַטאַן לוריע האָט פאַרלאָזן בערלין, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז ער וועט דאַרפן אַרבעטן אונטערן אויפזיכט פון אַ דייטשן אינזשעניער און אַרכיטעקט מיטן נאָמען פראַנץ וייץ, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַן אָנגע־שטעלטער אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פראַנץ וייץ איז ניט געווען לעאָן טראַצקיס אַן אָנהענגער. וייץ איז געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. היינריך הימלער, דער דירעקטאָר פון דער נאַצישער געשטאַפּאָ, האָט אים אַריינגעשיקט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס אַ געהיימער שליח. הימלער האָט וייצן געגעבן די אויפגאַבע צו אָרגאַני־זירן טעראָריסטישע און שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דעם טראַצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־צענטער.

ווען איינער פון זינאָוויעווס נאָכפאָלגער האָט קריטיקירט דעם דירעקטן צוזאַמענבונד מיטן נאַצי־אַגענט, האָט זינאָוויעוו געענטפערט: „וואָס אַזעלכעס באַאומרואיקט אייך אין דעם? איר זייט אַ היסטאָריקער. אייך איז באַקאַנט דער פאַל פון לאַסאַל און ביסמאַרק, ווען לאַסאַל האָט געוואָלט אויסנוצן ביס־מאַרקן אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. פאַרוואָס־זשע קאָנען מיר היינט ניט אויסנוצן הימלערן?"

פאַר זייער אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, זיינען טראַצקיס שלוחים, קאָנאָן בער־מאַן־יורין און פריץ דעיוויד, גערופן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ מיט טראַצקין פּערזענלעך. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען סוף נאָוועמבער 1932 אין קאָפּענהאַגען. קאָנאָן בערמאַן־יורין האָט שפּעטער געמאַכט די באַ־הויפּטונג:

איך האָב זיך צוויי מאָל באַגעגנט מיט אים [טראַצקין]. צום אַלעם ערשטן האָט ער מיך געגומען אויספרעגן וועגן מיין אַרבעט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאַן איז טראַצקי איבערגעגאַנגען צו סאָוועטישע ענינים. טראַצקי האָט געזאָגט: „די סאַמע וויכטיקסטע פראַגע איז די פראַגע וועגן סטאַלינען. סטאַלין מוז פיזיש פאַרניכטעט ווערן." ער האָט געזאָגט, אַז אַלע אַנדערע קאַמף־מיטלען זיינען נוצלאָז. ער האָט געזאָגט, אַז פאַר דעם צוועק דאַרף מען מענטשן וואָס וועלן וואַגן אַלצדינג, וואָס וועלן איינשטימען זיך מקריב צו זיין פאַר דעם — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — היסטאָרישן צוועק. . . .

אין אָונט האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער שמועס. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי קאָן זיך עס אינדיווידועלער טעראָר פאָרן מיט מאַרקסיזם. דערויף האָט טראָצקי געענטפערט: מען קאָן ניט באַהאַנדלען פּראָבלעמען אויף אַ דאָגמאַטישן אופן. ער האָט געזאָגט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, וועלכע מאַרקס האָט ניט געקאָנט פאָראויסזען. טראָצקי האָט אויך געזאָגט, אַז אַ חוץ סטאַלינען איז נויטיק אויך צו דערמאָרדן קאַגאַנאָוויטשן און וואָראָשילאָוון. . . .

בעתן שמועס האָט ער נערוועז געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער און גערעדט וועגן סטאַלינען מיט אויסערגעוויינלעכער שנאה. . . .

ער האָט געזאָגט, אַז דער טעראָר־אַקט דאַרף, אויב מעגלעך, פאָרקומען בעת אַ פּלענום אָדער אַ קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן, כדי דער שאָס אויף סטאַלינען זאָל אָפּקלינגען אין אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. דאָס וואָלט געהאַט אַ ריזיקן אָפּקלאַנג ווייט אַריבער די גרענעצן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. . . . דאָס וואָלט געווען אַ היסטאָריש פּאָליטישע געשעעניש פון וועלט־באַדייטונג.

צו פריץ דעיווידן, זיין צווייטן שליח, האָט טראָצקי געזאָגט: „טעראָר קעגן סטאַלינען — דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבע. דער וואָס איז אַ רעוואָלוציאָנער — דעמס האַנט וועט ניט ציטערן.״ טראָצקי האָט גערעדט וועגן דער „וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט״ אין סאָוועט־רוסלאַנד. דעיוויד האָט אים געפרעגט: „גלויבט איר, אַז אָט די אומצופרידנקייט וועט פאַרשווינדן אין פאַל פון אַ מלחמה צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די יאַפּאַנעזער?״ טראָצקי האָט געענטפערט: „ניין, פאַרקערט, אונטער די דאָזיקע באַדינגונגען וועלן די כוחות, וואָס זיינען פיינטלעך צו דעם רעזשים, מאַכן אַ פאַרזוך זיך צו פאַראייניקן און איבערנעמען די פירערשאַפט איבער די אומצופרידענע מאַסן, זיי צו באַוואָפענען און זיי צו פירן קעגן די הערשנדיקע ביוראָקראַטן.״

דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישער טעראָר־צענטער האָט געדאַרפט דערלאַנגען דעם ערשטן גרויסן קלאַפּ פון דער פאַרשווערונג קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. אָט־דער ערשטער קלאַפּ איז געווען די דערמאָרדונג פון סערגעי קיראָוו, דער סעקרעטאַר פון דער לענינגראַדער פּאַרטיי, און איינער פון סטאַלינס נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין דער סאָוועטן־רעגירונג.

אין אָנהויב נאָוועמבער 1934 האָט זינאָוויעוו, וועלכער איז געווען אין מאָסקווע, געשיקט זיין נאָכפאָלגער, באַקאַיעוון, קיין לענינגראַד, צו זען ווי עס האַלט דאָרט מיט דער גרינדונג פון די טעראָר־קעמערלעך.

די לענינגראַדער טעראָריסטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט געמאַכט אַ ריי

פאַרזוכן צוצוקומען נאָענט צו קיראָוון, זיינען ניט געווען שטאַרק צופרידן אויפצונעמען זינאָוויעווס שליח. „הייסט עס, אַז גריגאָרי יעווסעיעוויטש [זינאָוויעוו] געטרויט אונדז ניט", האָט איינער פון די מערדער אַ זאָג געטאָן צו באַקאַיעוון. „ער שיקט אַהער מענטשן אויסצוגעפינען אונדזער שטימונג און אונדזער אַרבעט. נו, מיר זיינען ניט קיין גאָוההדיקע מענטשן."

ביי אַ פאַרזאַמלונג פונעם לענינגראַדער טעראָר־קאָמערל, ביי וועלכער עס זיינען אַנוועזנד געווען זיבן טעראָריסטן, האָט מען באַקאַיעוון באַקענט מיט די לעצטע אַנטוויקלונגען. מען האָט באַקאַיעוון געלאָזט וויסן, אַז מען האָט אייב־געשטעלט אַ רעגלמעסיקע וואַך איבערן וועג וואָס קיראָוו נוצט פון זיין היים צו זיין ביוראָ אינעם סמאָלני אינסטיטוט. מען האָט פאַר באַקאַיעוון פאָרגעשטעלט דעם מאַן, וועמען מען האָט אויסגעקליבן דורכצופירן דעם מאָרד: לעאָניד ניקאָלאַיעוו, אַ בלאַסער, דאַרער, דרייסיק־יאָריקער געוועזענער בוכהאַלטער, וועלכער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעלע צוליב אומפּינקטלעכקייטן אין זיינע רעכענונגען, און אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם קאָמסאָמאָל [די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע] איבער אַלגעמיינער אומפאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

ניקאָלאַיעוו האָט געזאָגט באַקאַיעוון, אַז ער פּלאַנירט צו דערשיסן קיראָוון לעבן זיין הויז אָדער אינעם סמאָלני אינסטיטוט. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט שוין געפּרואווט זיך צו זען מיט קיראָוון, אָבער ביז איצט איז עס אים ניט געלונגען.

באַקאַיעוו האָט איבערגעגעבן די באַפעלן, וועלכע זינאָוויעוו האָט אים געגעבן אין מאָסקווע:

> די הויפּט־אויפגאַבע איז צו אָרגאַניזירן די טעראָר־אַרבעט אַזוי געהיים, אַז מען זאָל אונדז אויף קיין פאַל ניט קענען קאָמפּראָמעטירן....
>
> ביים אויספרעגן, איז די הויפּט־זאַך אָפּצולייקענען פאַרעקשנט וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע. אויב איר ווערט באַשולדיקט אין טעראָר־טעטיקייטן, מוזט איר דאָס שאַרף אָפּלייקענען און האַלטן אין איין טענהן, אַז טעראָר פּאַרט זיך ניט מיט דער לערע פון באָלשעוויסטישע מאַרקסיסטן. . . .

זינאָוויעוו איז געווען צופרידן מיט די אַנטוויקלונגען אין לענינגראַד. סיי ער און סיי קאַמעניעוו זיינען געווען זיכער, אַז דער מאָרד פון קיראָוון וועט איינגיכן דורכגעפירט ווערן. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַט־דער טאַט וועט צע־טומלען די סאָוועטן־רעגירונג און וועט זיין אַ סיגנאַל פאַר ענלעכע טאַטן קעגן סאָוועטישע פירער איבערן גאַנצן לאַנד. „עס איז אַ מאָדנע זאַך מיט קעפּ",

האָט קאַמעניעוו באַמערקט, „מיט דעם וואָס זיי קענען צוריק ניט אויפוואַקסן".

דעם 1טן דעצעמבער, 1934, 27 מינוט נאָך פיר בייטאָג, האָט סערגעי קיראָוו פאַרלאָזן זיין ביוראָ אינעם סמאָלני אינסטיטוט. ער איז געגאַנגען איבערן לאַנגן, מיט מירמלשטיין־געפלאַסטערטן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צו אַ צימער וואו ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אָפּצושאַפן די סיסטעם פון ברויט־פאַרטיילונג. בעת קיראָוו איז פאַרבייגעגאַנגען אַן איבערקרייצנדיקן קאָרידאָר, איז פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען אַ מאַן, האָט צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו קיראָווס קאַרק און אויסגעשאָסן.

4:30 נאָכמיטאָג איז קיראָוו שוין געווען טויט.

דער מערדער איז געווען לעאָניד ניקאָלאַיעוו. ער האָט פּרובירט אַוועקלויפן און זיך אַליין דערשיסן. מען האָט אים אָבער געכאַפּט אײדער ער האָט נאָך געקאָנט באַוויזן עפּעס צו טאָן.

דעם 28טן דעצעמבער, 1934, איז לעאָניד ניקאָלאַיעוו געשטעלט געוואָרן צום פּראָצעס פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. „בעת איך האָב דערשאָסן קיראָוון", האָט ניקאָלאַיעוו עדות געזאָגט, „האָב איך אַזוי געטראַכט: אונדזער שאָס דאַרף דינען ווי אַ סיגנאַל פאַר אַן אויפרייס, פאַר אַ רעוואָלט אינעם לאַנד קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג."

דער מיליטערישער געריכט האָט ניקאָלאַיעוון פאַרמשפּט דערשאָסן צו ווערן.*)

ניקאָלאַיעוו האָט ניט אויסגעזאָגט דעם פאַקט, אַז זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און די אַנדערע פירער פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישן צענטער זיינען געווען דירעקט פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג צו דערמאָרדן קיראָוון.

פאַר דער סאָוועטן־רעגירונג איז אָבער קלאָר געווען, אַז דאָס פאַרזיכטיקע

*) קיראָווס מאָרד איז ענטוזיאַסטיש באַגריסט געוואָרן פון די רוסישע פאַשיסטן, ווי פון די רעכטע און טראָצקיסטן. „פירשט" אַנאַסטאַסי וואָנסיאַצקי, געוועזענער צאַרישער אָפיציר און יאַפּאַנעזישער שפּיאָן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אין דער מערץ 1935 אויסגאַבע פון זיין צייטונג, „דער פאַשיסט", וואָס איז דערשינען אין טאָמפּסאָן, קאָנעטיקוט, דערקלערט: „קיראָוו איז טויט! דער נעקסטער שאָס מוז געצילט זיין אויף סטאַלינען — אַ סיגנאַל צום אויפשטאַנד. . . . אונדזער ברודער ניקאָלאַיעווס שאָס איז ניט געווען הויך, אָבער ער האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. . . . רוסישע מענטשן, גיט אָפּ כבוד ניקאָלאַיעווס קבר. . . . לאַנג לעבן זאָל דער אומשטערבלעכער העלד, ניקאָלאַיעוו!" פאַר ווייטערדיקע איינצלהייטן וועגן וואָנסיאַצקין און דעם וויים־גוואַרדיאישן פאַשיזם, זע באַמערקונג אויף זייט 401 און ווייטער.

פּלאַנירן און צוגרייטן פון דעם מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן פון אַ פיל מער פאַרצווייגטער און געפערלעכער אָרגאַניזאַציע איידער ניקאָלאַיעווס טעראָריסטישע גרופּע. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן אויספאָרשער נאָכצוזוכן דעם לענינגראַדער ענין. זיין נאָמען איז געווען נ. י. יעזשאָוו, אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און הויפּט פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

צוויי וואָכן נאָך ניקאָלאַיעווס פּראָצעס זיינען שוין פאַרן לענינגראַדער געריכט געשטאַנען גריגאָרי זינאָוויעוו, לעוו קאַמעניעוו און עטלעכע פון זייערע באַקאַנטע מיטאַרבעטער, איינגעשלאָסן באַקאַיעוון, אָנגעקלאָגט אַלס די מיטשולדיקע אינעם מאָרד פון קיראָוון. במשך פונעם גאַנצן פּראָצעס האָבן זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיך אויפגעפירט אַזוי ווי זיי האָבן פון פריער פאַרזיכטיק אויסגעפּלאַנירט. ניט צוגעבנדיק קיין זאַך וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט אַליין ניט געהאַט פעסטגעשטעלט דורך אירע אייגענע אויספאָרשער, האָבן זיי געמאַכט אַן אָנשטעל פון טיפער חרטה און האָבן זיך „מודה געווען“, אַז די פּאָליטישע אָפּאָזיציע־טעטיקייטן, אין וועלכע זיי זיינען געווען פאַרמישט, האָבן „געשאַפן אַן אַטמאָספערע“ וואָס איז געווען גינסטיק פאַר „אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט“. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען פירער פון אַ „מאָסקווער צענטער“ פון פּאָליטישער אָפּאָזיציע, און אַז זיי נעמען אויף זיך די „מאָראַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט“ פאַר דעם מאָרד פון קיראָוון, ווייל זיי האָבן אָנגעפירט מיט דער בונטאַרער פּאָליטישער באַוועגונג פון וועלכער דער פאַרברעכן איז געווען אַ רעזולטאַט. זיי האָבן אָבער העפטיק אָפּגעלייקנט, אַז זיי אַליין האָבן פריער געוואוסט וועגן דעם פּלאַן צו דערמאָרדן קיראָוון.

„איך בין צוגעוואוינט זיך צו באַטראַכטן אַלס אַ פירער“, האָט זינאָוויעוו דערקלערט, „און עס איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז איך וואָלט געדאַרפט וויסן וועגן אַלצדינג. . . . אָט־דער שענדלעכער מאָרד האָט געוואָרפן אַזאַ גרוילעך ליכט אויפן גאַנצן פריערדיקן אַנטי־פּאַרטיי קאַמף, אַז איך מוז צוגעבן אַז די פּאַרטיי איז פולשטענדיק גערעכט ווען זי רעדט וועגן דער פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער געוועזענער אַנטי־פּאַרטייאישער זינאָוויעוו־גרופּע פאַר דעם באַגאַנגענעם מאָרד.“

די זעלביקע ראָלע האָט געשפּילט קאַמעניעוו. „איך מוז זאָגן, אַז איך בין אין כאַראַקטער ניט קיין פּחדן, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט אָנצופירן אַ קאַמף מיט געווער“, האָט ער געזאָגט. „איך האָב תמיד דערוואַרט, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַזאַ לאַגע, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט זיין געצוואונגען מיט אונדז צו פאַרהאַנדלען; אַז ער וועט זיך אָפּרוקן און מאַכן פּלאַץ פאַר אונדז. . . .“

די מאַנעוורע איז געלונגען. דער פּראָצעס האָט ניט פעסטגעשטעלט, אַז זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן דירעקט אָנטיילגענומען אין דער פאַרשווערונג צו דערמאָרדן קיראָוו. אַנשטאָט דעם האָט מען זיי געפונען שולדיק אין דורכפירן אַנטי־סאָוועטישע פּאַראַט־טעטיקייטן. דער אורטייל פונעם געריכט האָט אָנגעגעבן:

דער פּראָצעס האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום פאַקטן, וואָס זאָלן געבן אַ גרונט צו באַטראַכטן די טאַטן פון די מיטגלידער אינעם מאָסקווער צענטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאָרד פון חבר ס. מ. קיראָוו, דעם 1טן דעצעמבער, 1934, אַלס אַ דירעקטע אָנרייצונג צו אַט־דעם נידערטרעכטיקן פאַרברעכן; דער פּראָצעס האָט אָבער פונדעסטוועגן פולשטענדיק באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז די מיטגלידער פונעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן מאָסקווער צענטער האָבן גוט געוואוסט וועגן די טעראָריסטישע שטימונגען פון דער לענינגראַדער גרופּע און אַז זיי האָבן די דאָזיקע שטימונגען אַרויסגערופן. . . .

פאַר זייער פאַרשווערערישער טעטיקייט איז זינאָוויעוו פאַרמשפּט געוואָרן צו צען יאָר, און קאַמעניעוו צו פינף יאָר.

דער פּראָצעס האָט קוים אָנגערירט דעם אויבערפלאַך פון דער פאַרשווערונג.

צווישן די פיל פאַקטן, וואָס דער לענינגראַדער פּראָצעס האָט ניט באַוויזן אַרויסצוברענגען, זיינען אפשר די סאַמע מערקווירדיקסטע געווען:

בעת זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָבן פיר אַגענטן פון דער מאָסקווער געהיים־פּאָליציי זיי געבראַכט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער „נקווד".*) די אַגענטן זיינען געווען: מאָלטשאַנאָוו, הויפּט פונעם געהיימען פּאָליטישן אָפּטייל פון דער „נקווד"; פּאָוקער, הויפּט פונעם אָפּעריר־אָפּטייל; וואָלאָוויטש, געהילף־הויפּט פונעם אָפּעריר־אָפּטייל; און בולאַנאָוו, געהילף־פאַרזיצער פון דער „נקווד".

אַרעסטירנדיק זינאָוויעוון און קאַמעניעוון, האָבן די פיר „נקווד"־אַגענטן געהאַנדלט אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן. ניט נאָר האָבן זיי אין דער וואוינונג פון די פאַרדעכטיקע ניט דורכגעפירט קיין אונטערזוכונג פאַר קאָמ־

*) ביים סוף פון 1934 האָט די „נקווד" (אָפּטייל פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט) פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער „אָגפּו", אַלס די אַגענטור וואָס איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר די אינערלעכע זיכערהייט־ענינים אין פ.ס.ס.ר.

פראָמעטירנדיקע מאַטעריאַלן, נאָר זיי האָבן אַפילו דערלויבט זיבאָוויעוון און קאָמעניעוון צו פאַרניכטן אַ צאָל אַזעלכע דאָקומענטן.

נאָך אויסערגעוויינלעכער זיינען געווען די פּערזענלעכע געשיכטעס פון אַט־די פיר „נקווד״־אַגענטן.

מאַלטשאַנאָוו און בולאַנאָוו זיינען אַליין געווען געהיימע מיטגלידער פון דעם טראָצקיסטיש־רעכטן פאַרשווערערישן אַפּאַראַט.

פּאוקער און וואָלאָוויטש זיינען געווען דייטשע אַגענטן.

אַט־די פיר מענטשן האָט העננרי ג. יאַגאָדאַ, דער פּאָרזיצער פון דער „נקווד״, ספּעציעל אויסגעקליבן דורכצופירן דעם אַרעסט.

קאַפּיטל 18

מאָרד אינעם קרעמל

1. יאַגאָדאַ

אין מאַי 1934, זעקס חדשים איידער סערגעי קיראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן, איז וויאַטשעסלאַוו ר. מענזשינסקי, פּאָרזיצער פון דער „אָגפּו", וועלכער איז שוין געווען קראַנק אַ לענגערע צייט, געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. זיין פּאָסטן האָט פאַרנומען דער דריי־און־פערציק־יעריקער וויצע־פּאָרזיצער פון דער „אָגפּו", הענרי ג. יאַגאָדאַ, אַ נידעריקער, שטילער, טיכטיק־אויסזעענדיקער מאַן מיט אַ צוריקגעפאַלענער גאָמבע און מיט קליינע צוגעשוירענע וואָנצעס.

הענרי יאַגאָדאַ איז געווען אַ געהיימער מיטגליד פונעם בונד פון די רעכטע און טראָצקיסטן. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאַרשווערונג אין 1929, אַלס אַ מיטגליד פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, ניט דערפאַר וואָס ער האָט געגלויבט אין בוכאַרינס אָדער טראָצקיס פּראָגראַם, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געמיינט, אַז דער אָפּאָזיציע איז באַשערט צו קומען צו דער מאַכט אין רוסלאַנד. יאַגאָדאַ האָט געוואָלט זיין אויפן צד פון די זיגער. לויט זיינע אייגענע רייד:

> איך האָב מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט דעם קורס פונעם קאַמף, האָבנדיק באַשלאָסן אַז איך וועל זיך אָנשליסן אין דעם צד וואָס וועט אַרויסקומען דער זיגער פונעם קאַמף. . . . בעת מען האָט אָנגעפאַנגען אָנצונעמען אונטערדריקונג־מיטלען קעגן די טראָצקיסטן, איז די פראַגע ווער עס וועט אַרויסקומען דער זיגער — די טראָצקיסטן אָדער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — נאָך אַלץ ניט געווען באַשטימט. דערפאַר האָב איך, אַלס געהילף־פּאָרזיצער פון דער „אָגפּו", ביים דורכפירן די באַשטראָפונג־פּאָליסי, דאָס געטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל ניט דערצאָרענען די טראָצקיסטן קעגן מיר. ווען איך פלעג פאַרשיקן טראָצקיסטן, פלעג איך אין זייערע פאַרשיקונג־פלעצער באַשאַפן פאַר זיי

אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן דאָרט קאָנען אָנגיין מיט זייערע טעטיקייטן.

יאַגאָדאַס ראָלע אין דער פאַרשווערונג איז תּחילת באַוואוסט געווען בלויז דריי פון די העכערע פירער פון די רעכטע: בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי. אין 1932, בעת עס האָט זיך געגרינדעט דער בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן, האָבן אויך פּיאַטאַקאָוו און קרעסטינסקי זיך דערוואוסט וועגן יאַגאָדאַס ראָלע.

אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דער „אָגפּו", איז פאַר יאַגאָדאַן געווען מעגלעך צו באַשיצן די פאַרשווערער פון אויפדעקונגען און אַרעסטן. „איך האָב אין משך פון אַ צאָל יאָרן אָנגענומען אַלע מיטלען", האָט ער שפּעטער געזאָגט, „צו פאַרמיידן אַז די אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל איר צענטער, זאָל אויפגעדעקט ווערן." יאַגאָדאַ האָט באַשטימט מיטגלידער פונעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן אַלס ספּעציעלע אַגענטן פון דער „אָגפּו". אַזוי־אַרום האָבן אַ צאָל אַגענטן פון אויסלענדישע „אינטעליגענץ"־דינסטן זיך געקאָנט אַריינדרייען אין דער סאָ־וועטישער געהיים־פּאָליציי און, אונטער יאַגאָדאַס באַשיצונג, דורכפירן שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן פאַר זייערע אייגענע רעגירונגען. די דייטשע אַגענטן, פּאַוקער און וואָלאָוויטש, וועלכע יאַגאָדאַ האָט געשיקט צו אַרעסטירן זינאָוויעוון און קאַמעניעוון, זיינען פון יאַגאָדאַן אַליין באַשטימט געוואָרן אויף זייערע „אָגפּו"־פּאָסטנס. „איך האָב זיי באַטראַכט", האָט יאַגאָדאַ בנוגע די שפּיאָנען שפּעטער געזאָגט, „פאַר אַ וויכטיקן כּח אין דערגרייכן די קאָנספּיראַטיווע פּלענער, איבערהויפּט ביים אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט אויסלענדישע שפּיאָנאַזש־דינסטן."

אין 1933 איז איוואַן סמירנאָוו, דער פירנדיקער אָרגאַניזאַטאָר פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן צענטער, אומגעריכט אַרעסטירט געוואָרן פון סאָוועטישע רעגירונג־אַגענטן. יאַגאָדאַ האָט דעם אַרעסט ניט געקאָנט פאַר־מיידן. אָבער אונטערן אויסרייד פון אויספרעגן דעם געפאַנגענעם, האָט יאַגאָדאַ באַזוכט סמירנאָוון אין זיין קאַמער און אים „געלערנט" ווי ער זאָל זיך האַלטן בעת מען וועט אים אויספרעגן.

אין 1934, איידער קיראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן, איז דער טעראָריסט לעאָניד ניקאָלאַיעוו אַרעסטירט געוואָרן פון „אָגפּו"־אַגענטן אין לענינגראַד. מען האָט ביי אים געפונען אַ רעוואָלווער און אַ קאַרטע, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעצייכנט דער וועג איבער וועלכן קיראָוו פאָרט יעדן טאָג. ווען מען האָט יאַגאָדאַן אָנגעזאָגט וועגן ניקאָלאַיעווס אַרעסט, האָט ער באַפוילן דעם געהילף־הויפּט פון דער לענינגראַדער „אָגפּו", זאַפּאָראָזשעץ, ער זאָל באַפרייען

דעם טעראָריסט אָן שום ווייטערדיקע אויספּרעגעַנישן. זאַפּאָראָזשעץ איז געווען איינער פון יאַגאָדאַס לייט. ער האָט געטאָן וואָס מען האָט אים געהייסן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ניקאָלאַיעוו דערמאָרדעט קיראָוון.

דער מאָרד איבער קיראָוון איז אָבער געווען בלויז איינער פון אַ צאָל מאָרדן, וועלכע דער בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן, מיט דער דירעקטער הילף פון העַנרי יאַגאָדאַן, האָט דורכגעפירט.

הינטער זיין שטילן, טיכטיקן אויסזען, האָט יאַגאָדאַ באַהאַלטן אַ גוואַלדיקע אַמביציע, גרויזאַמקייט און כיטרעקייט. און אַזוי ווי דער בונד פון די רעכטע און טראָצקיסטן איז מיט זיינע געהיימע טעטיקייטן אַלץ מער און מער אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין באַשיצונג, האָט דער וויצע־פּאָרזיצער פון דער „אָגפּו" זיך אָנגעפאַנגען צו באַטראַכטן אַלס די צענטראַלע פיגור און פירנדיקע פּערזענ־לעכקייט פון דער גאַנצער פאַרשווערונג. יאַגאָדאַ האָט געטרוימט צו ווערן אַ רוסישער היטלער. ער האָט געלייענט היטלערס „מיין קאַמף". „דאָס איז אַ ווערטפול בוך", האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר זיין געטרייען באַדינער און סעק־רעטאַר, פּאַוועל בולאַנאָוו. ער האָט בולאַנאָוון געזאָגט, אַז ספּעציעל האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק דער פאַקט, וואָס היטלער האָט זיך „דערהויבן פון אַ הויפּט־סאַרזשענט צו דעם מענטשן וואָס ער איז איצט". אויך יאַגאָדאַ האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס הויפּט־סאַרזשענט אין דער רוסישער אַרמיי.

יאַגאָדאַ האָט געהאַט זיינע אייגענע באַגריפן וועגן דעם שטייגער רעגי־רונג וואָס מען וועט דאַרפן איינשטעלן נאָכדעם ווי מען וועט אַרונטערוואַרפן סטאַלינען. זי וועט דאַרפן געבויט ווערן לויטן מוסטער פון דער נאַציישער רעגירונג, האָט ער בולאַנאָוון געזאָגט. יאַגאָדאַ אַליין וועט זיין דער פירער; ריקאָוו וועט פאַרנעמען סטאַלינס פּלאַץ אַלס סעקרעטאַר פון אַ רעאָרגאַניזיר־טער פּאַרטיי; טאָמסקי וועט זיין דער הויפּט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען, וועלכע וועלן זיך געפינען אונטער שטרענגן מיליטערישן קאָנטראָל, פונקט ווי די נאַצי אַרבעטער־באַטאַליאָנען; דער „פילאָזאָף" בוכאַרין, ווי יאַגאָדאַ האָט זיך אויסגעדריקט, וועט זיין דער „דר. געבעלס".

וואָס שייך טראָצקין, איז יאַגאָדאַ ניט געווען אַזוי זיכער צי ער וואָלט דערלויבט טראָצקין זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד. עס וועט זיך ווענדן אָן די אומשטענדן. דערווייל אָבער איז יאַגאָדאַ גרייט געווען אויסצונוצן טראָצקיס פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד און יאַפּאַן. דער רעוואָלט, האָט יאַגאָדאַ גע־זאָגט, מוז זיין אויסגערעכנט זיך צונויפצופאַלן מיטן אויסברוך פון דער מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„מען וועט דאַרפן אויסנוצן אַלע מיטלען כדי די איבערקערעניש זאָל זיין דערפאָלגרייך — באַוואָפנטע אַקציע, פּראָוואָקאַציע און אַפילו פאַרסמונגען",

האָט יאַגאָדאַ געזאָגט צו בולאַנאָוון. „עס זײַנען פֿאַראַן צײַטן, װען מען דאַרף האַנדלען געלאַסן און זײער פֿאָרזיכטיק, און עס זײַנען פֿאַראַן צײַטן װען מען מוז האַנדלען שנעל און אומגעריכט."

דער באַשלוס פֿונעם בונד פֿון די „רעכטע און טראָצקיסטן אַנצואװענדן טע־ראָר אַלס אַ פּאָליטישן װאָפֿן קעגן סאָװעטן־רעזשים, האָט געהאַט יאַגאָדאַס צו־שטימונג. דער באַשלוס איז אים איבערגעגעבן געװאָרן דורך אַ. ס. יענוקידזע, אַ געװעזענער סאָלדאַט און באַאַמטער אינעם קרעמעל־סעקרעטאַריאַט, װעלכער איז געװען דער הױפּט־אָרגאַניזאַטאָר פֿון טעראָר צװישן די רעכטע. יאַגאָדאַ האָט געהאַט בלױז אײן אױסזעצונג. די טעראָר־מעטאָדעס, װאָס די פֿאַר־שװערער האָבן גענוצט, האָבן אים אױסגעזען צו פּרימיטיװ און געפֿערלעך. יאַגאָדאַ האָט זיך גענומען אױסצואַרבעטן אַ מער־ראַפֿינירטן אופֿן פֿון פּאָליטישן מאָרד װי די טראַדיציאָנעלע באָמבעס, מעסערס און קױלן פֿון מערדער.

תּחילת האָט יאַגאָדאַ עקספּערימענטירט מיט סם. ער האָט אײַנגעשטעלט אַ געהײמע לאַבאָראַטאָריע און אָװעקגעשטעלט עטלעכע כעמיקער אױף דער אַרבעט. זײַן ציל איז געװען צו דערפֿינדן אַ מאָרד־מיטל, װאָס מען װעט בשום אופֿן ניט קענען אױפֿדעקן. „מאָרד מיט אַ גאַראַנטיע", האָט יאַגאָדאַ זיך אױסגעדריקט.

אָבער אַפֿילו סם איז געװען צו מגושמדיק. ס'האָט לאַנג ניט געדױערט און יאַגאָדאַ האָט אױסגעאַרבעט זײַן אײגענע ספּעציעלע מאָרד־טעכניק. ער האָט דאָס רעקאָמענדירט צו די פֿירער פֿונעם בונד פֿון רעכטע און טראָצקיסטן אַלס אַן אױסגעצײכנטער װאָפֿן. „דאָס איז גאַנץ פּשוט", האָט יאַגאָדאַ געזאָגט. „אַ מענטש װערט דאָך נאַטירלעך קראַנק אָדער איז שױן אפֿשר קראַנק אַ לענגערע צײַט. די מענטשן אַרום אים, און דאָס איז אױך נאַטירלעך, װערן ביסלעכװײַז צוגעװױנט צום געדאַנק, אַז דער פּאַציענט װעט אָדער שטאַרבן אָדער געזונט װערן. דער דאָקטער װאָס באַהאַנדלט דעם פּאַציענט, קאָן אונטעריאָגן דעם פּאַציענטס געזונט־װערן אָדער זײַן שטאַרבן. . . . נו, דאָס איבעריקע איז שױן אַ פֿראַגע פֿון טעכניק."

מען דאַרף בלױז געפֿינען די ריכטיקע דאָקטױרים.

2. מענזשינסקיס דערמאָרדונג

דער ערשטער דאָקטער, װעמען יאַגאָדאַ האָט אַרײַנגעצױגן אין זײַן אײגנ־אַרטיקן מאָרד־פּלאַן, איז געװען דר. לעאָ לעװין, אַ געזעצטער, מיטל־יעריקער, געהאָרכזאַמער מענטש, װעלכער האָט ליב געהאַט זיך צו באַרימען, אַז ער איז

לחלוטין ניט פאַראינטערעסירט אין פּאָליטישע ענינים. דר. לעווין איז געווען יאַגאָדאַס פּערזענלעכער דאָקטער. פיל וויכטיקער פאַר יאַגאָדאָן איז געווען דער פאַקט, וואָס דר. לעווין איז געווען אַ חשובער מיטגליד פונעם מעדי־ צינישן פּערסאָנאַל אינעם קרעמעל. צווישן זיינע רעגולערע פּאַציענטן זיינען געווען אַ צאָל אָנגעזעענע סאָוועטישע פירער, איינגעשלאָסן יאַגאָדאַס שעף, וויאַטשעסלאַוו מענזשינסקי, דער פאַרזיצער פון דער „אָגפּו“.

יאַגאָדאַ האָט גענומען אַרויסווייזן דעם דר. לעווינען ספּעציעלע געפעלי־ קייטן. ער האָט אים געשיקט אימפּאָרטירטע ווײַנען, בלומען פאַר זיין פרוי און נאָך אַנדערע פאַרשיידענע מתנות. ער האָט דעם דאָקטער געשענקט אַ זומער־היים אינגאַנצן פריי פאַר זיין אייגענעם געברויך. און אַז דר. לעווין איז געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט יאַגאָדאַ אים געגעבן אַ דערלויבעניש צוריק־ צוברענגען מיט זיך אויסלענדישע סחורות, ניט באַצאָלנדיק דעם געוויינלעכן גרענעץ־אָפּצאָל. דער דאָקטער האָט זיך געפילט געשמייכלט און עטוואָס פאַר־ חידושט איבער דער אויסערגעוויינלעכער אויפמערקזאַמקייט מצד זיין איינ־ פלוסרייכן פּאַציענט.

דורך יאַגאָדאַס מאַניפּולאַציעס האָט שוין דער ניט־פאַרדעכטנדיקער דר. לעווין אינגיכן געהאַט אָנגענומען אַ צאָל פאַקטישע כאַבאַרן, און איז באַגאַנגען אייניקע אומוויכטיקע פאַרלעצונגען פון סאָוועטישע געזעצן. דאַן איז יאַגאָדאַ צוגעטראָטן צום עיקר. ער האָט דר. לעווינען געזאָגט, אַז אַ געהיימע אָפּאָזיציע־ באַוועגונג, פון וועלכער ער איז איינער פון די אָנפירער, האַלט ביים איבער־ נעמען די מאַכט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די קאָנספּיראַטאָרן, האָט יאַגאָדאַ געזאָגט, וואָלטן געקאָנט נוצן דר. לעווינס דינסטן. געוויסע סאָוועטישע פירער, צווישן זיי אייניקע פון דר. לעווינס פּאַציענטן, מוז מען באַזייטיקן.

— האָט איר זיבעץ, — האָט יאַגאָדאַ געזאָגט דעם שטאַרק־צעשראָקענעם דאָקטער, — אַז איר מוזט מיר העלפן; איר קאָנט זיך ניט אויסדרייען פון מיר. און קוים האָב איך צוטרוי צו אייך אין אָט־דער זאַך, מוזט איר דאָס אָפּשאַצן און דאָס דורכפירן. איר טאָרט קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם, ווייל קיינער וועט אייך ניט גלויבן. זיי וועלן גלויבן ניט אייך, נאָר מיר. — און יאַגאָדאַ האָט צוגעגעבן — לאָמיר מער איצט ניט שמועסן וועגן דעם; טראַכט דאָס איבער ביי זיך אינדערהיים, און איך וועל אייך רופן אין עטלעכע טעג אַרום.

דר. לעווין האָט שפּעטער איבערגעגעבן וועגן דער ווירקונג וואָס יאַגאָדאַס רייד האָבן געהאַט אויף אים. ער האָט געזאָגט:

איך דאַרף ניט איבערגעבן די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג, ווי שרעק־ לעך דאָס איז געווען פאַר מיר צו הערן. איך גלויב, אַז דאָס איז גענוג

פאַרשטענדלעך. און דאַן די אומאויפהערלעכע גייסטיקע אַנגסטן. . . . ער האָט מיר ווייטער געזאָגט: „איר באַגרייפט דאָך ווער עס רעדט צו אייך, דער הויפט פון וועלכער אינסטיטוציע עס רעדט צו אייך!“. . . ער האָט איבערגעחזרט, אַז אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן דאָס אויסצופירן, וועט דאָס מיך און מיין פאַמיליע רואינירן. איך האָב גערעכנט, אַז איך האָב קיין אַנדערן אויסוועג ניט, און אַז איך מוז זיך אים אונטערגעבן.

דר. לעווין האָט יאַגאָדאַן געהאָלפן אַריינציען אַ צווייטן דאָקטער, וועלכער האָט אָפט באַהאַנדלט מענזשינסקין. דאָס איז געווען דר. איגנאַצי נ. קאַזאַקאָוו, וועמעס באַשטימטע ניט־אָרטאָדאָקסישע הייל־מעטאָדעס האָבן אַרויסגערופן הייסע חלוקי־דעות אין די סאָוועטישע מעדיצינישע קרייזן אין משך פון די פריע 1930ער יאָרן.

דר. קאַזאַקאָוו האָט באַהויפּט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ כמעט אומפעלבאַר מיטל פאַר אַ גרויסער צאָל קראַנקהייטן, דורך אַ ספּעציעלער טעכניק, וואָס ער האָט אָנגערופן „ליסאַטאָטעראַפּיע“. דער פאָרזיצער פון דער „אָגפּו“, מענזשינסקי, וועלכער האָט געליטן פון האַרץ־ספּאַזמעס און פון בראָנכיטישער אַסטמע, האָט שטאַרק געגלויבט אין קאַזאַקאָווס באַהאַנדלונגען און זיי רעגל־מעסיק גענומען.*)

*) דעם 23טן דעצעמבער, 1943, האָט דר. הענרי ע. סיגעריסט, פּראָפעסאָר פון מעדיצינישער געשיכטע אינעם דזשאָנס האָפּקינס אוניווערזיטעט און אָנגעזעענער אַמעריקאַנישער אויטאָריטעט איבער מעדיצינישער געשיכטע, געשריבן צו די מחברים פון אַט־דעם בוך בנוגע דר. איגנאַצי נ. קאַזאַקאָוון:

„איך האָב אין 1935 פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג מיט פּראָפעסאָר איגנאַצי נ. קאַזאַקאָוו אין זיין קליניק. ער איז געווען אַ הויכער מאַן מיט אַ ווילדער טשופּרינע האָר, האָט אויסגעזען מער ווי אַ קינסטלער איידער אַ וויסנשאַפטסמאַן, און דערמאָנט אין אַן אָפּערע־זינגער. רעדנדיק מיט אים, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אָדער אַ געניע אָדער אַ שווינדלער. ער האָט באַהויפּט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייע מעטאָדע פון באַהאַנדלונג, וואָס ער האָט אָנגערופן ליסאַטאָטעראַפּיע, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצודעקן ווי אַזוי ער האָט צוגעגרייט זיינע ליסאַט־כעמיקאַלן, מיט וועלכע ער האָט באַהאַנדלט פאַרשיידנאַרטיקע פּאַציענטן. דאָס האָט ער מאָטיווירט מיט דער טענה, אַז די מעטאָדע קאָן דיסקרעדיטירט ווערן, אויב אַנדערע וועלן זי אומפאָרזיכטיק אָדער אומקריטיש באַנוצן, איידער זי וועט פולשטענדיק אויספּרובירט ווערן. די סאָוועטישע געזונט־אויטאָריטעטן האָבן אָנגענומען די סאַמע ליבעראַלסטע שטעלונג און אים געגעבן אַלע מעגלעכע קליניק- און לאַבאָראַטאָריע-איינריכטונגען, כדי ער זאָל קאָנען אויספּרובירן און אַנטוויקלען זיין מעטאָדע.

„דער פּראָפעסאָר האָט דערוואַרט מיין באַזוך און ער האָט אויף דעם טאָג פון מיין קומען איינגעלאַדן אַ גרויסע צאָל פון זיינע געוועזענע פּאַציענטן, כדי זיי צו דעמאָנסטרירן פאַר מיר. . . . עס איז געווען אַן אמתער צירק און האָט געמאַכט

אויף יאַגאָדאַס באַפעל, איז דר. לעווין אַוועק זיך זען מיט דר. קאַזאַקאָוון. דר. לעווין האָט אים געזאָגט. „מענזשינסקי איז אַ לעבעדיקער מת. איר פאַרטאָכלעוועט באמת אייער צייט אומזיסט.“

דר. קאַזאַקאָוו האָט מיט שטוינונג געקוקט אויף זיין קאָלעגע.

— איך וועל זיך דאַרפן מיט אייך ספּעציעל דורכשמועסן, — האָט דר. לעווין געזאָגט.

— וועגן וואָס? — האָט דר. קאַזאַקאָוו געפרעגט.

— וועגן מענזשינסקיס געזונט.

שפּעטער איז דר. לעווין צוגעקומען צום עיקר. „איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ קליגערן. איר האָט מיך נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען“, האָט ער געזאָגט צו קאַזאַקאָוון. „איך בין איבערראַשט וואָס איר האָט זיך מיט אַזאַ אייפער גענומען באַהאַנדלען מענזשינסקין און אַפילו פאַרבעסערט זיין געזונט. איר וואָלט אים קיינמאָל ניט געדאַרפט לאָזן צוריקגיין צו זיין אַרבעט.“

דאַן, צו דר. קאַזאַקאָווס וואַקסנדיקער שטוינונג און שרעק, האָט דר. לעווין פאַרגעזעצט:

— איר דאַרפט באַגרייפן, אַז מענזשינסקי איז פאַקטיש אַ מת, און דורך דעם וואָס איר מאַכט אים געזונט, דורך דעם וואָס איר דערלויבט אים צוריקצוגיין צו דער אַרבעט, דערצאָרנט איר יאַגאָדאַן. מענזשינסקי שטייט יאַגאָדאַן אין וועג, און יאַגאָדאַ איז פאַראינטערעסירט ער זאָל באַזייטיקט ווערן אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך. יאַגאָדאַ איז אַ מענטש, וואָס שטעלט זיך פאַר גאָרניט אָפּ.

דר. לעווין האָט צוגעגעבן:

— קיין איינציק וואָרט וועגן דעם צו מענזשינסקין! איך וואָרן אייך, אַז אויב איר וועט מענזשינסקין זאָגן עפּעס וועגן דעם, וועט יאַגאָדאַ אייך פאַרניכטן. איר וועט ניט אַנטלויפן פון אים וואו איר זאָלט זיך ניט באַהאַלטן. ער וועט אייך פּאַקן ווען איר זאָלט אַפילו זיין אונטער דער ערד.

דעם 6טן נאָוועמבער, 1933, נאָכמיטאָג, האָט דר. קאַזאַקאָוו באַקומען אַ דרינגענדיקן רוף פון מענזשינסקיס היים. ווען דר. קאַזאַקאָוו איז אָנגעקומען אין הויז פונעם „אָגפּו“-פּאַרזיצער, האָט ער דערפילט אַ שווערן, שטיקנדיקן גערוך פון טערפּענטין און פאַרב. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אים שווער געוואָרן צו אָטעמען. איינער פון מענזשינסקיס סעקרעטאַרן האָט אים געלאָזט וויסן, אַז מען האָט דאָס הויז ערשט געפאַרבט און אַז מען האָט אַריינגעטאָן „אַ ספּעציעלן מאַטעריאַל“, כדי „די פאַרב זאָל זיך וואָס-שנעלער אויסטריקענען“.

זייער אַ שלעכטן איינדרוק. איך האָב שוין אין אַנדערע לענדער געזען וואונדער-רפואות, וואָס זנאַכערס האָבן באַוויזן. . . . עטלעכע יאָר שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז זיינע מעטאָדעס האָבן ניט געטויגט, און אַז ער איז געווען ניט נאָר אַ שווינדלער. נאָר אַ פאַרברעכער.“

אַט דער „ספּעציעלער מאַטעריאַל" האָט דאָס פּאַראורזאַכט דעם בייסיקן, איבערגעוועלטיקנדיקן געדרוך.

דר. קאַזאַקאָוו איז אַרויף אינדערהויך. ער האָט געטראָפן מענזשינסקין אין שטאַרקע ליידן. זיין בראָנכיטישער צושטאַנד איז שרעקלעך צערייצט געוואָרן פון די גאַזן. ער איז געזעסן אין אַן אומגעלומפּערט־איינגעדרייטער פּאָזיציע, זיין פּנים און קערפּער געשוואָלן, און ער האָט קוים געקאָנט אַ שעפּטשע טאָן. דר. קאַזאַקאָוו האָט זיך איינגעהערט צו זיין אָטעמען. עס איז געווען שווער און כאַרכלענדיק, מיט שטאַרק פּאַרלענגערטע אויסאָטעמונגען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן ערנסטן אָנפאַל פון בראָנכיטישער אַסטמע. דר. קאַזאַקאָוו האָט גלייך געגעבן מענזשינסקין אַן איינשפּריצונג צו פאַרלייכטערן זיין צושטאַנד. דאַן האָט ער ברייט פּאַנאַנדערגעעפנט אַלע פענצטער פונעם צימער און באַפוילן מענזשינסקיס סעקרעטאַר צו עפענען אַלע טירן און פענצטער פונעם הויז. ביסלעכוויז איז דער געדרוך אַוועק. דר. קאַזאַקאָוו איז געזעסן ביי מענזשינסקין ביז זיין פּאַציענט האָט זיך גענומען פילן בעסער. ווען דער אָנפאַל איז פאַרביי, איז דר. קאַזאַקאָוו אַהיימגעגאַנגען.

קוים וואָס ער האָט באַוויזן אַריינצוקומען אין הויז אַריין, האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. דאָס איז געווען פון דער „אָגפּו" הויפּט־קוואַרטיר. מען האָט דר. קאַזאַקאָוו געמאָלדן, אַז הענרי יאַגאָדאַ וויל אים גלייך זען. אַן אויטאָמאָביל איז שוין אויפן וועג צו ברענגען דר. קאַזאַקאָוון אין יאַגאָדאַס קאַבינעט.

— נו, ווי זעט אייך אויס עפּעס מענזשינסקיס צושטאַנד? — האָט יאַגאָדאַ גלייך אַרויסגעזאָגט אַזוי שנעל ווי ער און דר. קאַזאַקאָוו זיינען געבליבן אַליין אינעם קאַבינעט. דער נידעריקער, נעטער און טונקעלער וויצע־פּאַרזיצער פון דער „אָגפּו" איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש און קאַלט באַטראַכט דר. קאַזאַקאָווס אויסדרוק.

דר. קאַזאַקאָוו האָט געענטפערט, אַז צוליב די באַנייטע אומגעריכטע אַסטמע־אַטאַקעס איז מענזשינסקיס צושטאַנד גאַנץ ערנסט.

יאַגאָדאַ האָט אַ ווייל געשוויגן.

— האָט איר גערעדט מיט דר. לעווינען?

— יאָ, איך האָב גערעדט, — האָט דר. קאַזאַקאָוו געענטפערט.

יאַגאָדאַ האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב־אויף געטאָן פון זיין שטול און גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק ביי זיין שרייב־טיש. פּלוצלונג האָט ער זיך געטאָן אַ דריי־אויס צו דר. קאַזאַקאָוון און אויסגערופן: „אויב אַזוי, היינט פאַרוואָס שפּילט איר זיך? פאַרוואָס האַנדלט איר ניט? ווער האָט אייך געבעטן זיך אַריינצומישן אין אַ צווייטנס געשעפטן?"

— וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? — האָט דר. קאַזאַקאָוו געפרעגט.

— ווער האָט אייך געבעטן געבן מענזשינסקין מעדיציניִשע הילף? — האָט יאַגאָדאַ געפרעגט. — אייער מאַכן אַ ווערן מיט אים האָט קיין צוועק. זיין לעבן האָט קיין שום נוצן ניט פאַר קיינעם. ער שטייט יעדן איינעם אין וועג. איך באַפעל אייך אויסצואַרבעטן מיט לעווינען אַ באַהאַנדלונג־מעטאָדע, דורך וועלכער עס זאָל מעגלעך זיין צו מאַכן אַ גיכן סוף פון מענזשינסקיס לעבן! — און נאָך אַ פויזע האָט יאַגאָדאַ צוגעגעבן — איך וואָרן אייך, קאַזאַקאָוו, אַז אויב איר וועט מאַכן אַ פאַרזוך מיך ניט צו פאָלגן, וועל איך געפינען מיטלען פון אייך פטור צו ווערן! איר וועט זיך קיינמאָל ניט אויסדרייען פון מיר. . . .

פאַרן דר. קאַזאַקאָוו זיינען די ווייטערדיקע טעג געווען פול מיט שוידער, שרעק און בייזע קאָשמאַרן. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט ווי אַ פאַרדולטער. צי זאָל ער יאָ אָדער זאָל ער ניט באַריכטן צו די סאָוועטישע אויטאָריטעטן וועגן דעם וואָס ער ווייסט? צו וועמען קאָן ער רעדן? ווי אַזוי קאָן ער זיכער זיין, אַז ער רעדט ניט צו איינעם פון יאַגאָדאַס שפּיאָנען?

דר. לעווין, וועלכער האָט אים אָפּט געזען אין משך פון אָט־דער צייט, האָט קאַזאַקאָוון דערציילט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ ריזיקער אונטער־ערדישער פאַרשווערונג קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. באַרימטע, מעכטיקע באַאַמטע פון דער רעגירונג, ווי יאַגאָדאַ, ריקאָוו און פּיאַטאַקאָוו, געפינען זיך אין דער פאַרשווערונג; גרויסע שרייבער און פילאָזאָפן, ווי קאַרל ראַדעק און בוכאַרין, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין איר; אַרמיי־מענטשן שטייען אין געהיים הינטער איר. און אויב ער, דר. קאַזאַקאָוו, וועט דורכפירן עפּעס אַ ווערטפולע געפעליקייט פאַר יאַגאָדאַן איצט, וועט דאָס יאַגאָדאַ געדענקען ווען ער וועט קריגן די מאַכט. אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קומט פאַר אַ געהיימע מלחמה, און דאָקטוירים, פונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן, דאַרפן אויסקלויבן זייער צד.

דר. קאַזאַקאָוו האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט לעווינען געזאָגט, אַז ער וועט דורכפירן יאַגאָדאַס באַפעלן.

אָט, אין קאַזאַקאָווס אייגענע ווערטער, איז די טעכניק וואָס ער און דר. לעווין האָבן באַנוצט צו דערמאָרדן דעם פאָרזיצער פון דער „אָגפּו“, וויאַטשעסלאָוו מענזשינסקי:

איך האָב זיך באַגעגנט מיט לעווינען און צוזאַמען מיט אים אויס־געאַרבעט די פאָלגנדע מעטאָדע: מיר האָבן אויסגענוצט די צוויי הויפּט־אייגנשאַפטן פון אַלבומין און אַלבומיניִשע פּראָדוקטן. ערשטנס: די פּראָדוקטן פונעם הידראָליטישן פאַנאַנדערפאַל פון אַלבומין באַזיצן

די אייגנשאַפטן פון פאַרגרעסערן די ווירקונג פון מעדיצינען. צווייטנס: די ליסאַט־כעמיקאַלן פאַרגרעסערן די סענסיטיוויטעט פונעם אָרגאַניזם. אָט די צוויי אייגנשאַפטן האָבן מיר אויסגענוצט. דריטנס: מיר האָבן אויסגענוצט די אייגנטימלעכקייטן פון מענזשינסקיס אָרגאַניזם, די קאָמבינאַציע פון דער בראָנכיטישער אַסטמע און די האַרץ־ספּאַזמעס. עס איז אַ גוט־באַוואוסטער פאַקט, אַז אין אַ פאַל פון בראָנכיטישער אַסטמע, איז די אַזוי־גערופענע פּאַראַסימפּאַטעטישע אָפּטיילונג פון דער טעמפּער נערוון־סיסטעם אויפגערעגט. דעריבער ווערן אין בראָנכיטישע אַסטמע־פאַלן פאַרשריבן רעצעפּטן, וואָס רעגן אויף די קעגנגעזעצטע אָפּטיילונג, דאָס מיינט צו זאָגן, די סימפּאַטעטישע אָפּטיילונג און דעם גוידער־דריז. דער עקסטראַקט פון איבערן־נירן־דריז, אַ פליסיקייט פון דעם מאַרך־שיכט, איז אַזאַ מעדיצין. אין פאַל פון האַרץ־ספּאַזמעס ווערט אויפגערעגט בלויז די סימפּאַטעטישע אָפּטיילונג, וועלכע ציט זיך פונעם האַלדז נעץ־געפלעכט פון נערוון־קנופּ. דאָס איז געווען דער דעליקאַטער פונקט, וואָס מען האָט אויסגענוצט. . . .

ביסלעכווייז האָט מען איינגעפירט אָט־דעם רעצעפּט, בעת אַ צווייטן האָט מען אויפגעגעבן. . . . עס איז נויטיק געווען איינצופירן אַ צאָל האַרץ־סטימולאַנטן — דיגיטאַליס, אַדאָניס, אַטראָפאַנוס — וואָס סטימולירן די טעטיקייט פונעם האַרץ. די דאָזיקע מעדיצינען האָט מען איינגעגעבן אין אַזאַ סדר: צוערשט האָט מען איינגעגעבן די ליסאַטן; דאַן איז געקומען אַן איבעררייס אין דער באַהאַנדלונג מיט ליסאַטן; דערנאָך האָט מען איינגעגעבן האַרץ־סטימולאַנטן. דער רעזולטאַט פון אַזאַ באַהאַנדלונג איז געווען אַן אָפּשוואַכונג. . . .

אין דער נאַכט פונעם 10טן מאַי, 1934, איז מענזשינסקי געשטאָרבן.

דער מאַן, וואָס האָט איבערגענומען זיין פּלאַץ אַלס הויפּט פון דער „אָגפּו“, איז געווען הענרי יאַגאָדאַ.

— איך לייקן אָפּ, אַז איך האָב צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון פאַראורזאַכט מענזשינסקיס טויט, — האָט יאַגאָדאַ שפּעטער באַהויפּטעט. — איך האָב געשטרעבט צו ווערן דער הויפּט פון דער „אָגפּו“, אָבער ניט צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון, נאָר צוליב די אינטערעסן פון אונדזער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע.

3. מאָרד מיט אַ גאַראַנטיע

דאָס מאָרד־צעטל פונעם בונד פון די רעכטע און טראָצקיסטן האָט איינ־געשלאָסן די פּאָלגנדיקע העכסטע סאָוועטישע פירער: סטאַלין, וואָראָשילאָוו, קיראָוו, מענזשינסקי, מאָלאָטאָוו, קויבישעוו, קאַגאַנאָוויטש, גאָרקי און זשדאַ־נאָוו. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען גוט באַוואַכט. די סאָוועטן־רעגירונג האָט געהאַט אַ לאַנגע, ביטערע דערפאַרונג מיט טעראָריסטן, און מען האָט ניט ריזיקירט מיט זייער זיכערקייט. יאַגאָדאַ האָט דאָס זייער גוט געוואוסט. ווען דער רעכטער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַטאָר, יענוקידזע, האָט אים איבער־געגעבן דעם באַשלוס פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־צענטער עפנטלעך צו דערמאָרדן קיראָוון, האָט יאַגאָדאַ תחילת אויסגעזעצט קעגן דעם. ווי יאַגאָדאַ דערקלערט דאָס:

> איך האָב אויסגעדריקט מיין מורא, אַז אַ דירעקטער טעראָריס־טישער אַקט קאָן אויסגעבן ניט נאָר מיך אַליין, נאָר אויך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע. איך האָב יענוקידזען אָנגעוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן ווייניקער־געפערלעכע וועגן, און איך האָב אים, יענוקידזען, דערמאָנט ווי אַזוי מענזשינסקיס טויט איז פאַראורזאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון דאָקטוירים. יענוקידזע האָט געענטפערט, אַז קיראָווס מאָרד מוז דורכגעפירט ווערן אויף דעם אופן ווי ער איז פּלאַנירט געוואָרן; אַז די טראָצקיסטן און זינאָוויעוויסטן האָבן גענומען אויף זיך אַליין צו באַגיין דעם מאָרד, און אַז עס איז אונדזער עסק ניט צו מאַכן קיינע שטערונ־גען. וואָס שייך דער זיכערער מעטאָדע צו פאַראורזאַכן טויט מיט דער הילף פון דאָקטוירים, האָט יענוקידזע געזאָגט, וועט דער צענטער בקרוב אויפנעמען די פראַגע און באַשטימען גענוי ווער עס זאָל זיין דער ערשטער פון די פּאַרטיי־פירער און פון דער רעגירונג וואָס זאָל שטאַרבן דורך אָט דער מעטאָדע.

אין אַ געוויסן טאָג, סוף אויגוסט 1934, איז אַ יונגער געהיימער מיטגליד פון דער רעכטער אָפּאָזיציע אַרויסגערופן געוואָרן צו קומען אין יענוקידזעס קאַבינעט אינעם קרעמעל. זיין נאָמען איז געווען וועניאַמין א. מאַקסימאָוו. אין יאָר 1928, בעת מאַקסימאָוו איז געווען אַ סטודענט, האָט ער באַזוכט די ספּע־ציעלע „מאַרקסיסטישע שול", וועלכע בוכאַרין האָט אָנגעפירט אין מאָסקווע. בוכאַרין האָט אים אַריינגעצויגן אין דער פאַרשווערונג. אַ קלוגער, פּרינציפּנ־לאָזער יונגערמאַן, איז מאַקסימאָוו פאַרזיכטיק טרענירט געוואָרן פון די רעכטע פירער און, נאָך זיין גראַדואירן, אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף פאַרשיידענע

סעקרעטאַר־פּאָסטנס. בעת מען האָט אים אַרויסגערופן צו יענוקידזען, איז מאַקסימאָוו געווען פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון וואַלעריאַן וו. קויבישעוו, דער פאָרזיצער פונעם העכסטן ראַט פאַר נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע, מיטגליד פון דער פּאָליטישער ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און סטאַלינס אַ נאָענטער פריינט און מיטאַרבעטער.

יענוקידזע האָט מאַקסימאָוון געלאָזט וויסן, אַז „כאָטש די רעכטע האָבן פריער אויסגערעכנט, אַז מען קאָן די סאָוועטן־רעגירונג אַרונטערוואַרפן דורך אָרגאַניזירן אייניקע מער אַנטי־סאָוועטיש געשטימטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איבערהויפּט די קולאַקעס, האָט זיך איצט די לאַגע געענדערט . . . און עס איז בויטיק אַנצואווענדן אַקטיווערע מעטאָדעס צו פאַרכאַפּן די מאַכט". יענוקידזע האָט דערקלערט די נייע טאַקטיק פון דער פאַרשווערונג. לויט אַן אָפּמאַך מיט די טראָצקיסטן, האָט ער געזאָגט, האָבן די רעכטע אָנגענומען אַ באַשלוס אָפּצורוימען אַ צאָל פון זייערע פּאָליטישע קעגנער דורך טעראָר־מיטלען. דאָס וועט געטאָן ווערן דורך „צעשטערן דאָס געזונט פון די פירער". די דאָזיקע מעטאָדע, האָט יענוקידזע געזאָגט, איז „די סאַמע באַקוועמלעכסטע, צוליב דעם פאַקט, וואָס לפנים וועט דאָס אויסזען ווי דער אומגליקלעכער רעזולטאַט פון אַ קראַנקהייט, און אַזוי־אַרום וועט די טעראָר־טעטיקייט פון די רעכטע קאָנען בלייבן פאַרדעקט".

— צוגרייטונגען דערויף האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען, — האָט יענוקידזע צוגעגעבן. ער האָט געזאָגט מאַקסימאָוון, אַז יאַגאָדאַ שטייט הינטער דעם אַלעם, און אַז די קאָנספּיראַטאָרן האָבן זיין באַשיצונג. מאַקסימאָוו, אַלס קויבישעווס סעקרעטאַר, האָט געדאַרפט באַנוצט ווערן אין פאַרבינדונג מיט דעם מאָרד פונעם פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן העכסטן עקאָנאָמישן ראַט. קויבישעוו האָט געליטן פון אַן ערנסטער האַרץ־קראַנקהייט, און די פאַרשווערער האָבן פּלאַנירט דאָס אויסצונוצן.

דערשטוינט פון אָט דער אויפגאַבע, האָט מאַקסימאָוו אַרויסגעוויזן סימנים פון אומאַנטשלאָסנקייט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מאַקסימאָוון ווידעראַמאָל אַרויסגערופן אין יענוקידזעס קאַבינעט אַריין. דאָס מאָל, בעת מען האָט שוין אַרומגערעדט קויבישעווס מאָרד מיט מער פּרטים, איז אַ דריטער מאַן געזעסן אין אַ ווינקל פונעם צימער. ער האָט קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט בשעת דעם שמועס; אָבער מאַקסימאָוו האָט ניט פאַרלוירן דעם באַדייט פון זיין אָנוועזנהייט. דער מאַן איז געווען הענרי יאַגאָדאַ.

— וואָס עס ווערט פון אייך געפאָדערט, — האָט יענוקידזע געזאָגט צו מאַקסימאָוון, — איז, ערשטנס, איר זאָלט זיי [יאַגאָדאַס דאָקטוירים] געבן די

מעגלעכקייט צו זיין אומגעשטערט, אַזוי אַז זיי זאָלן קאָנען אָפּט באַזוכן דעם פּאַציענט, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָפּהאַלט אין זייערע אַזוי־גערופענע באַזוכן ביים פּאַציענט ; און צווייטנס, אין פאַל פון אַ שאַרפער קראַנקהייט, אַ וועלכער עס איז אַטאַקע, ניט צו איילן זיך מיט רופן אַ דאָקטער, און אויב עס איז פאָרט נויטיק, צו רופן בלויז יענע דאָקטוירים, וועלכע באַהאַנדלען אים.

אין האַרבסט 1934, האָט קויבישעווס צושטאַנד זיך פלוצלונג פאַר־ערגערט. ער האָט זייער שטאַרק געליטן און ניט געקאָנט צופיל אַרבעטן.

דר. לעווין האָט שפּעטער דערציילט וועגן דער טעכניק, וואָס ער האָט אויך יאַגאָדאָס באַפעלן אָנגעווענדט צו דערפירן צו קויבישעווס קראַנקהייט :

דאָס אָנגרייפבאַרסטע פלאַץ אין זיין אָרגאַניזם איז געווען דאָס האַרץ, און צו דעם האָבן מיר זיך אָ נעם געטאָן. מיר האָבן געוואוסט, אַז זיין האַרץ איז געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד שוין אַ לענגערע צייט. ער האָט געליטן פון אַן אָנגעגריפענעם האַרץ־אָדער, מייאָקאַרדיטיס, און ער פלעגט האָבן קורצע אַטאַקעס פון האַרץ־ספּאַזמעס. אין אַזעלכע פאַלן איז נויטיק אָפּצוהיטן דאָס האַרץ, אויסצומיידן שטאַרקע האַרץ־סטימולאַנטן, וועלכע וואָלטן צופיל סטימולירט די טעטיקייט פונעם האַרץ, און וואָלטן צו־ביסלעך דערפירט צו זיין ווייטערדיקער אָפּ־שוואַכונג. . . . אין קויבישעווס פאַל האָבן מיר אין משך פון אַ לענגערער צייט, ביז זיין רייזע קיין צענטראַל־אַזיע, איינגעגעבן האַרץ־סטימולאַנטן אָן שום איבעררייס. פון אָנהויב אויגוסט ביז סעפּטעמבער אָדער אָק־טאָבער 1934, האָט ער געקראָגן אָן אָן איבעררייס איינשפּריצונגען פון ספּעציעלע ענדאָקרין־דריז עקסטראַקטן און אַנדערע האַרץ־סטימולאַנטן. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט און דערפירט צו אָפטערע אַטאַקעס פון האַרץ־ספּאַזמעס.

אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, דעם 25טן יאַנואַר, 1935, האָט קויבישעוו געקראָגן אַ שווערע האַרץ־אַטאַקע אין זיין קאַבינעט אינעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן אין מאָסקווע. מאַקסימאָוו, וועלכער איז דאַן געווען מיט קויבישעוון, האָט פון דר. לעווינען געהאַט אַן אָנזאָג, אַז אין פאַל פון אַזאַ אַטאַקע איז נויטיק אַז קויבישעוו זאָל זיך אַוועקלייגן און ליגן רואיק. מען האָט אָבער אויך אָנגעזאָגט מאַקסימאָוון, אַז ער דאַרף זען קויבישעוו זאָל טאָן פונקט פאַרקערט. ער האָט דעריבער צוגערעדט דעם קראַנקן מענטשן ער זאָל אַהיימגיין.

בלאָס ווי דער טויט און קוים וואָס ער האָט געקאָנט אַ טראָט טאָן, האָט קויבישעוו פאַרלאָזן זיין קאַבינעט. מאַקסימאָוו האָט תיכף אָפּגערופן יענו־קידזען און אים געלאָזט וויסן וואָס עס האָט געטראָפן. דער רעכטער פירער

האָט מאַקסימאָװן אָנגעזאָגט צו בלײַבן רואיק און ניט רופֿן קײן שום דאָקטוירים.

מיט גרויסע װײטיקן האָט קאָבישעװ זיך אַהײמגעשלעפּט פֿון דער געבײדע פֿונעם ראַט פֿון פֿאָלקס־קאָמיסאַרן ביז צום הויז װאו ער האָט געװאוינט. פֿאַמעלעך און מיט גסיסהדיקע װײטיקן איז ער אַרויפֿגעקראָכן די טרעפּ צו זײַן װאוינונג אויפֿן דריטן שטאָק. זײַן הויז־דינערין, װעלכע האָט אים געעפֿנט די טיר, האָט נאָר אײן בליק געטאָן אויף אים און גלײַך טעלעפֿאָנירט זײַן ביוראָ, אַז ער נויטיקט זיך גלײַך אין מעדיצינישער באַהאַנדלונג.

װען די דאָקטוירים זײַנען אָנגעקומען צו אים אין שטוב, איז שוין װאַלעריאַן קאָבישעװ געװען טויט.

4. „היסטאָרישע נויטװענדיקייט״

די סאַמע ברוטאַלסטע פֿון אַלע מאָרדן, דורכגעפֿירט אונטער יאַגאָדאַס אויפֿזיכט, זײַנען געװען די דערמאָרדונגען פֿון מאַקסים גאָרקין און זײַן זון פּעשקאָװן.

גאָרקי איז אַלט געװען אַכט־און־זעכציק יאָר בעת מען האָט אים דער־מאָרדעט. ער איז געװען באַװאוסט און געשעצט איבער דער גאַנצער װעלט, ניט בלויז אַלס רוסלאַנדס גרעסטער לעבעדיקער שרײַבער, נאָר אויך אַלס אײנער פֿון די גרעסטע הומאַניטאַרער אין דער װעלט. ער האָט געליטן פֿון שװינדזוכט און פֿון אַ שלעכטן האַרץ־צושטאַנד. זײַן זון פּעשקאָװ האָט פֿון אים געירשנט אַ שטאַרקע אויפֿנעמבאַרקייט פֿון לונגען־אַנשטעקונגען. בײדע, סײַ גאָרקי און סײַ זײַן זון, זײַנען געװען דעם דר. לעװינס פּאַציענטן.

די מאָרדן פֿון גאָרקין און זײַן זון, פּעשקאָװן, האָט יאַגאָדאַ דורכגעפֿירט נאָך אַן אײנשטימיקן באַשלוס פֿון די העכערע פֿירער פֿונעם בונד פֿון די רעכטע און טראָצקיסטן. אין 1934 האָט יאַגאָדאַ איבערגעגעבן דעם באַשלוס דר. לעװינען און אים באַפֿוילן דאָס דורכצופֿירן.

— גאָרקי איז אַ מענטש, װעלכער שטייט זײער נאָענט צו דער העכסטער פֿירערשאַפֿט, — האָט יאַגאָדאַ געזאָגט דר. לעװינען, — אַ מענטש, װעלכער איז זײער געטרײַ דער פּאָליטיק, װאָס װערט דורכגעפֿירט אינעם לאַנד; זײער געטרײַ סטאַלינען; אַ מענטש, װעלכער װעט קײנמאָל ניט גײן מיט אונדז. און אַ חוץ דעם, װײסט איר דאָך, װאָסער חשיבות גאָרקיס רייד האָבן סײַ אין אונדזער לאַנד און סײַ װײַט אַריבער זײַנע גרענעצן. איר באַגרײַפֿט דאָך װאָסער אײַנפֿלוס ער האָט און װיפֿיל שאָדן ער קאָן מיט זײַנע רייד פֿאַרשאַפֿן אונדזער באַװעגונג. איר מוזט אײַנשטימען דאָס דורכצופֿירן און איר װעט

געניסן פון די פּרוכטן פון דער אַרבעט נאָכדעם ווי די נייע רעגירונג וועט קריגן די מאַכט.

ווען דר. לעווין האָט אַרויסגעוויזן אַ געוויסע אומרואיקייט בנוגע די באַפעלן, האָט יאַגאָדאַ פאַרגעזעצט: „איר דאַרפט זיך דערפון ניט אויפרעגן. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך; אַז דאָס איז אַ היסטאָרישער מאָמענט, אַז עס איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אַ שטופּע אין דער רעוואָלוציע, וועלכע מיר מוזן דורכגיין, און איר דאַרפט זי דורכגיין אינאיינעם מיט אונדז; איר וועט זיין אַן עדות וועגן דעם, און איר מוזט אונדז העלפן מיט אַלע מיטלען וואָס איר פאַרמאָגט.“ *)

---

*) ניט געקוקט אויף גאָרקיס עלטער, האָבן די טראָצקיסטן זיך געשראָקן פאַר אים און אים געהאַסט. סערגעי בעזסאָנאָוו, דער טראָצקיסטישער שליח, האָט דערציילט, אַז נאָך אַזוי פרי ווי אין יולי 1934 האָט אים טראָצקי געזאָגט: „גאָרקי איז זייער נאָענט צו סטאַלינען. ער שפּילט אַן אויסערגעוויינלעכע ראָלע אין געווינען פריינטשאַפט פאַרן פ.ס.ס.ר. צווישן דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, איבערהויפּט אין מערב-אייראָפּע. . . . אונדזערע געוועזענע שטיצער צווישן דער אינטעליגענץ פאַרלאָזן אונדז הויפּטזאַכלעך צוליב גאָרקיס איינפלוס. דערפון דרינג איך, אַז גאָרקי מוז באַזייטיקט ווערן. גיט איבער פּיאַטאַקאָוון דעם באַפעל אויפן סאַמע קאַטעגאָרישסטן אופן: גאָרקי מוז פיזיש אויסגעראָטן ווערן אויף יעדן פאַל.“

די פאַשיסטישע רוסישע עמיגראַנטן און טעראָריסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט די נאַציס, האָבן אויך גאָרקין אָוועקגעשטעלט אויפן צעטל פון יענע רוסישע פירער, וועלכע זיי האָבן געפּלאַנעוועט צו דערמאָרדן. די צייטונג „זאַ ראָסיו“, דער אָרגאַן פון דער פאַשיסטישער רוסישער נאַציאָנאַלער ליג פאַר ווידערגעבורט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בעלגראַד, יוגאָסלאַוויע, האָט דערקלערט דעם 1טן נאָוועמבער, 1934: „קיראָוו אין לענינגראַד מוז אָפּגעראַמט ווערן. מיר מוזן אויך פטור ווערן פון קאָסיאָרן און פּאָסטישעוון אין דרום-רוסלאַנד. ברידער פאַשיסטן, אויב איר קאָנט ניט צוקומען צו סטאַלינען, דאַרפט איר דערמאָרדן גאָרקין, דערמאָרדן דעם פּאָעט דעמיאַן ביעדני, דערמאָרדן קאַגאַנאָוויטשן. . . .“

יאַגאָדאַס מאָטיוון אין דערמאָרדן גאָרקיס זון, פּעשקאָוון, זיינען געווען ניט בלויז פּאָליטישע. איידער דער מאָרד איז פאָרגעקומען, האָט יאַגאָדאַ געזאָגט צו איינעם פון די פאַרשווערער, אַז פּעשקאָווס טויט וואָלט געווען אַ „שטאַרקער קלאַפּ“ פאַר גאָרקין און וואָלט פון אים געמאַכט אַן „אומשעדלעכן זקן“. אָבער ביי זיין פּראָצעס אין 1938 האָט יאַגאָדאַ געבעטן די דערלויבעניש פונעם געריכט ניט אויפצודעקן אין דער עפנטלעכקייט זיינע סיבות פאַר דערמאָרדן פּעשקאָוון. יאַגאָדאַ האָט געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן עדות צו זאָגן ביי איינער פון די געשלאָסענע סעסיעס. דאָס געריכט האָט באַוויליקט זיין פאַרלאַנג. אַמבאַסאַדאָר דעיוויס, אין זיין בוך „אַ מיסיע קיין מאָסקווע“, גיט אָן אַ מעגלעכע אויסטייטשונג פאַר פּעשקאָווס מאָרד: „הינטער דעם ווערט דערציילט, אַז יאַגאָדאַ . . . איז געווען פאַרקאָכט אין דער שיינער פרוי פונעם יונגן גאָרקי. . . .“

פעשקאָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן פריער פון זיין פאָטער. דר. לעווין האָט שפּעטער דערקלערט:

> אין זיין אָרגאַניזם האָבן זיך געפונען דריי סיסטעמען, וועלכע מען האָט געקאָנט אויסנוצן. זיי זיינען געווען: די אויסערגעוויינלעך־אויפ־רעגבאַרע בלוט־געפעסן פונעם האַרץ, זיינע אָטעם־אָרגאַנען, וועלכע ער האָט אָפּגעירשנט פון זיין פאָטער — ניט אינעם זין פון ליידן פון שווינדזוכט, נאָר אין זין פון שוואַכקייט — און די טעמפּע נערוון־סיסטעם. דאָס מינדסטע ביסל וויין האָט אָנגעגריפן זיין אָרגאַניזם, און ניט געקוקט דערויף האָט ער געטרונקען גאָר אַ סך וויין. . . .

דר. לעווין האָט מעטאָדיש געאַרבעט אויף די שוואַכקייטן פון פעשקאָווס „אָרגאַניזם".

אינמיטן אַפּריל 1934, האָט פעשקאָוו זיך שטאַרק צוגעקילט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קרופּן לונגען־אָנצינדונג.

און אַז עס האָט אויסגעזען, אַז פעשקאָוו וועט אפשר געזונט ווערן, איז יאַגאָדאַ געוואָרן אַן אויפגעבראַכטער. „פאַרדאַמט זאָל עס ווערן", האָט ער אויסגעשריגן, „געזונטע מענטשן קאָנען זיי דערהרגענען מיט זייערע באַ־האַנדלונגען, און דאָ קאָנען זיי ניט מאַכן די קונץ מיט אַ קראַנקן!"

ענדלעך האָבן אָבער דר. לעווינס באַמיאונגען דערגרייכט די פאַרלאַנגטע רעזולטאַטן. לויט ווי ער אַליין האָט שפּעטער דערציילט:

> דער פּאַציענט איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט; זיין האַרץ האָט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד; די נערוון־סיסטעם, ווי מיר וויסן, שפּילט אַ גוואַלדיקע ראָלע בעת אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקהייט. ער איז געווען אינגאַנצן איבערגעאַרבעט, אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט און די קראַנקהייט האָט אָנגענומען אַן אויסערגעוויינלעך־ערנסטע ריכטונג.
>
> . . . דער פּראָגרעס פון דער קראַנקהייט איז פאַרערגערט געוואָרן דורכן פאַקט, וואָס מען האָט באַזייטיקט די מעדיצינען וועלכע קאָנען שטאַרק באַהילפיק זיין פאַרן האַרץ, בעת פאַרקערט, די וואָס שוואַכן אָפּ דאָס האַרץ, זיינען איינגעגעבן געוואָרן. און ענדלעך . . . דעם 11טן מאַי איז ער געשטאָרבן פון לונגען־אָנצינדונג.

מאַקסים גאָרקין האָט מען דערמאָרדעט דורך ענלעכע מיטלען. במשך דעם יאָר 1935 איז גאָרקיס לעבן צייטווייליק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן צוליב זיין כסדרדיקן אָפּרייזן פון מאָסקווע און ער האָט זיך דעריבער ניט געפונען אונטער דעם אויפזיכט פון דר. לעווינען. אָבער אין אָנהויב 1936 האָט דר.

לעווין געקראָגן די געלעגנהייט, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט. גאָרקי האָט געקראָגן אַ שווערן גריפּ אין מאָסקווע. דר. לעווין האָט בכיוון פאַרערגערט זיין צושטאַנד און, פּונקט ווי אין פּעשקאָווס פאַל, האָט זיך אַנטוויקלט אַ קרופּן לונגען־אָנצינדונג. דר. לעווין האָט ווידעראַמאָל דערמאָרדעט זיין פּאַציענט:

וואָס שייך אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש גאָרקין, איז די ליניע געווען אַזאַ: צו באַנוצן אַזעלכע מעדיצינען, וואָס זיינען אין אַלגעמיין אָנגענומען, און קעגן וועלכע מען וואָלט ניט געקאָנט האָבן קיין שום צווייפל אָדער פאַרדאַכט, און וועלכע האָבן געקאָנט באַנוצט ווערן צו סטימולירן די טעטיקייטן פונעם האַרץ. צווישן די דאָזיקע מעדיצינען זיינען געווען: קאַמפאָר, קאַפעאין, קאַרדיסאָל, דיגאַלין. מיר האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן אָט־די מעדיצינען אין אייניקע האַרץ־קראַנקהייטן. אָבער אין זיין פאַל האָט מען זיי איינגעגעבן אין ריזיקע דאָזעס. אַזוי, למשל, האָט ער באַקומען אַזויפיל ווי פּערציק קאַמפאָר־איינשפּריצונגען ... אין פיר־און־צוואַנציק שעה צייט. די דאָזיקע דאָזע איז געווען צו־שווער פאַר אים ... מיט אַ צוגאָב פון נאָך צוויי דיגאַלין־איינשפּריצונגען ... מיט אַ צוגאָב פון נאָך פיר קאַפעאין־איינשפּריצונגען ... מיט אַ צוגאָב פון נאָך צוויי סטריכנין־איינשפּריצונגען.

דעם 18טן יוני, 1936, איז דער גרויסער סאָוועטישער שרייבער געשטאָרבן.

קאַפּיטל 19

אַנטשיידענע טעג

1. די מלחמה קומט אָן אין מערב

אין 1935 זיינען שוין די פּלענער פאַר אַן אַלגעמיינער דייטש־יאַפּאַנעזישער אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען גוט צוגעגרייט: די יאַפּאַנעזישע אַרמייען אין מאַנדזשוריע האָבן דורכגעפירט כסדרדיקע „אויספּרואוו"־איבערפאַלן איבער דער סאָוועטישער מזרח־גרענעץ. די דייטשע הויך־קאָמאַנדע האָט אָנגעפירט געהיימע פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַשיסטיש־פוילישע מיליטערישע קרייזן פאַר אַן אַנטי־סאָוועטישן מיליטערישן בונד. די נאַצישע פינפטע קאָלאָנעס האָבן זיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אין די באַלטישע און באַלקאַנישע לענדער, אין עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע. די רעאַקציאָנערע ענגלישע און פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן האָבן גערן געשטיצט היטלערס צוגעזאָגטן דראַנג נאָך אָסטען.

דעם 3טן פעברואַר, נאָך אַ שמועס צווישן דעם פראַנצויזישן פּרעמיער פּיער לאַוואַל און דעם ענגלישן אויסלאַנד־מיניסטער סער דזשאָן סיימאָן, האָבן די פראַנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען געמאָלדן וועגן זייער געמיינשאַפטלעכן אָפּמאַך צו באַפרייען נאַצי־דייטשלאַנד פון געוויסע אַנטוואָפענונג־פּונקטן אין דעם ווערסאַלער אָפּמאַך.

דעם 17טן פעברואַר האָט דער לאָנדאָנער „אָבזירווער" קאָמענטירט:

> פאַרוואָס איז די טאָקיאָ־דיפּלאָמאַטיע אינעם איצטיקן מאָמענט אַזוי פאַרנומען אין וואַרשע און אין בערלין? . . . מאָסקווע שטעלט צו דעם ענטפער. . . . די באַציאונגען צווישן דייטשלאַנד, פוילן און יאַפּאַן ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ אינטימער. אין אַ נויט־פאַל וועט דאָס מיינען אַן אַנטי־סאָוועטישער בונד.

דערוואַרטנדיק אַז דאָס געווער וועט גענוצט ווערן קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, איז די נאַצי־דייטשע באַוואָפענונג־פּראָגראַם אויף יעדן אופן אַרויסגעהאָלפן געוואָרן מצד די אַנטי־סאָוועטישע שטאַטסלייט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

דעם 1טן מערץ, נאָך אַן אָפּשטימונג, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שטאַרקער נאַצישער טעראָר־ און פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע צווישן די אייג־וואוינער פונעם געגנט, איז דער סאַאַר מיט אַלע זיינע וויכטיקע קוילן־מינען איבערגעגאַנגען פון פראַנקרייך צו נאַצי־דייטשלאַנד.

דעם 16טן מערץ האָט די רעגירונג פונעם דריטן רייך פאָרמעל פאַרדאַמט און צוריקגעוויזן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך און געמאָלדן די אַמבאַסאַדאָרן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, פוילן און איטאַליע וועגן אַ נאַצי־דעקרעט, פּראָקלאַמירנ־דיק „אַלגעמיינע מיליטער־דינסט" אין דייטשלאַנד.

דעם 13טן אַפּריל האָט בערלין געמאָלדן, אַז זי וועט אין דער נאָענטער צוקונפט שאַפן אַ לופט־פלאָט פון שווערע באָמבאַרדיר־־עראָפּלאַנען.

דעם 18טן יוני, עלף טעג נאָכדעם ווי דער טאָרישער סטענלי באַלדווין איז געוואָרן פּרעמיער פון ענגלאַנד, איז געמאָלדן געוואָרן וועגן אַן ענגליש־דייטשישער פאַרשטענדיקונג. דייטשלאַנד האָט געקראָגן דאָס רעכט צו בויען אַ נייעם פלאָט און „צו פאַרמאָגן די זעלבע צאָל טאָנען אין סובמאַרינען ווי די גאַנצע בריטישע אימפּעריע". דער אָפּמאַך איז דערגרייכט געוואָרן נאָך אַ בריוו־אויסטויש צווישן דעם נאַצישן אויסלאַנד־מיניסטער יאָאַכים פאָן ריבענ־טראָפּ און דעם נייעם ענגלישן אויסלאַנד־מיניסטער, סער סעמיועל האָר.

דעם 3טן נאָוועמבער האָט די „ל'עקאָ דע פּאַריז" געמאָלדן וועגן אַ קאָנ־פערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם דייטשן באַנקיר, דר. היאַלמאַר שאַכט; דעם פאַרוואַלטער פון דער ענגלישער באַנק, סער מאָנטאַגיו נאָרמאַן; און דעם פאַרוואַלטער פון דער פראַנצויזישער באַנק, מ. טאַנערי. לויט דער פראַנצויזישער צייטונג, האָט דר. שאַכט ביי דער קאָנפערענץ דערקלערט:

מיר טראַכטן ניט וועגן בייטן אונדזערע מערב־גרענעצן. פריער אָדער שפּעטער וועלן דייטשלאַנד און פוילן זיך איינטיילן מיט אוקראַינע, אָבער איצט וועלן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט אויסאיבן אונדזער מאַכט איבער די באַלטישע פּראָווינצן.

דעם 11טן נאָוועמבער האָט די ניו־יאָרקער „העראַלד טריביון" באַמערקט:

פּרעמיער לאַוואַל, וועלכער איז אויך דער אויסלאַנד־מיניסטער, איז אַ שטאַרקער אַנהענגער פון אַן אָפּמאַך צווישן דער פראַנצויזישער דריטער רעפּובליק און דעם נאַצישן דריטן רייך, און, ווי עס ווערט געמאָלדן, איז ער וויליק אויפצוגעבן דעם פראַנצויזיש־סאָוועטישן אָפּ־מאַך, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן, אָבער ניט גוטגעהייסן גע־וואָרן פונעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, פאַר אַן אָפּמאַך דורך וועלכן

דער היטלער־רעזשים וועט גאַראַנטירן פראַנקרייכס מזרח־גרענעצן, אַלס אויסטויש פאַר פולער פרייהייט פון האַנדלונג אינעם מעמעל־געגנט און אין אוקראַינע.

אין אַנזיכט פון דער וואַקסנדיקער מלחמה־געפאַר, האָט די סאָוועטן־רעגירונג אומאויפהערלעך גערופן צו פאַראייניקטער אַקציע מצד אַלע לענדער, וועלכע ווערן באַדראָט פון פאַשיסטישער אַגרעסיע. ווידעראַמאָל און אָבער־אַמאָל האָט דער סאָוועטישער אויסערן־קאָמיסאַר, מאַקסים ליטווינאָוו, גערופן אין דער פעלקער־ליגע און אין די הויפט־שטעט פון אייראָפע צו קאָלעקטיווער זיכערקייט און צו אַ פאַרבאַנד צווישן די ניט־אַגרעסיווע פעלקער. דעם 2טן מאַי, 1935, האָט די סאָוועטן־רעגירונג אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך פאַר קעגנזייטיקער הילף מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג, און דעם 16טן מאַי — אַן ענלעכן אָפּמאַך מיט דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג.

„יעדער איינער פון אונדז מוז איינזען, אַז מלחמה איז די דראָענדיקע געפאַר פון מאָרגן", האָט ליטווינאָוו געזאָגט דער פעלקער־ליגע. „די פרידן־אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכער עס איז ביז איצט ווינציק אויפגעטאָן געוואָרן, מוז אַוועקגעשטעלט ווערן קעגן דער שטאַרק־טעטיקער מלחמה־אָרגאַניזאַציע."

אין אָקטאָבער 1935, האָבן מוסאָליניס איטאַליענישע פאַשיסטישע אַרמייען — מיט דער דיפּלאָמאַטישער ברכה פון פּיער לאַוואַל און סער סעמיועל האָר — זיך אַריינגעריסן אין עטיאָפּיע.

די צווייטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט זיך געהאַט אָנגעפאַנגען ווען יאַפּאַן האָט אַטאַקירט מאַנדזשוריע אין 1931, האָט זיך גערוקט צום מערב.*)

*) טראָצקי האָט זיינע נאָכפאָלגער אין רוסלאַנד באַפוילן צו מאַכן יעדע אָנשטרענגונג אונטערצוגראָבן די פאַרזוכן פון דער סאָוועטן-רעגירונג צו דערגרייכן קאָלעקטיווע זיכערקייט. אָנהויב 1935 האָט קריסטיאַן ראַקאָווסקי, דער טראָצקיסטישער און יאַפּאַנעזישער אַגענט, וועלכער איז פריער געווען דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן און אין פּאַריז, דערהאַלטן אין מאָסקווע אַ בריוו פון טראָצקין, אין וועלכן ער האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט „אינטערנאַציאָנאַל צו איזאָלירן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד". ביים פאַרהאַנדלען מיט פרעמדע לענדער, האָט טראָצקי געשריבן, מוזן די פאַרשווערער אַריינרעכענען אין חשבון די פאַרשיידענע פּאָליטישע עלעמענטן. אין פאַל פון די „אויסלענדישע לינקע עלעמענטן", איז נויטיק „צו שפּילן אויף זייערע פּאַציפיסטישע סענטימענטן". מיט די „רעכטע עלעמענטן אין אויסלאַנד", איז דער ענין שוין פּשוטער: „זייערע סענטימענטן קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד זיינען זייער קלאָר און באַשטימט", האָט טראָצקי דערקלערט. „מיט זיי קאָנען מיר רעדן פראַנק און פריי."

אין מאַי 1935 האָט אַ פראַנצויזישע דעלעגאַציע באַזוכט מאָסקווע, כדי צו דיסקוטירן דעם פראַנצויזיש-סאָוועטישן אָפּמאַך. די קאָמיסיע איז באַגלייט געוואָרן

דער געהיימער פאַשיסטישער אַוואַנגאַרד האָט שוין אויף סאָוועטישער ערד געלאָזט אין גאַנג אַ שטאַרקן אָנגריף קעגן דער מלחמה־קראַפט פון דער רויטער אַרמיי. אין בונד מיט יאַפּאַנעזישע און דייטשע אַגענטן, האָט דער בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן אָנגעפאַנגען זיין פאַרזיכטיק־פּלאַנירטע, סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע קעגן דער סאָוועטישער אינדוסטריע, טראַנספּאָרט און אַגריקולטור. דער ציל איז געווען אונטערצוגראָבן די סאָוועטישע פאַר־טיידיקונג־סיסטעם אין איר צוגרייטונג פאַר דער אָנקומענדיקער מלחמה.

די קאַמפּאַניע פון פולשטענדיקן סאַבאָטאַזש איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער געניטער אָנווייזונג פון פּיאַטאַקאָוון, דער טראָצקיסטישער וויצע־קאָמיסאַר פון דער שווערער אינדוסטריע.

„טעראָר איז אַ דראַסטישע מעטאָדע“, האָט פּיאַטאַקאָוו געזאָגט ביי אַ גע־היימער פאַרזאַמלונג פון רעכטע און טראָצקיסטן אין מאָסקווע, „אָבער דאָס איז ווייט נישט גענוג. עס איז נויטיק אונטערצוגראָבן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטן־מאַכט, אונטערצוגראָבן דעם פּרעסטיזש פון סטאַלינס פירער־שאַפט, און דעזאָרגאַניזירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן. . . . די טעטיקייטן מוזן אַנטוויקלט ווערן אויפן סאַמע ענערגישסטן אופן. מיר מוזן האַנדלען מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט. מיר מוזן האַנדלען ענערגיש און פאַרעקשנט און זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשטעלן. יעדעס מיטל איז נוצלעך און ערלעך — דאָס איז טראָצקיס באַפעל, מיט וועלכן דער טראָצקיסטישער צענטער איז מסכים!“

אין האַרבסט 1935 זיינען די טעטיקייטן פון די סאַבאָטאַזש־קעמערלעך

פון עמיל בורעי, דער רעדאַקטאָר פון דער איינפלוסרייכער רעכטער פּאַריזער צייטונג „ל'אָרדרע“, מיט וועמען ראַקאָווסקי איז געווען פריינטלעך בעת ער איז געווען אַמ־באַסאַדאָר אין פראַנקרייך. ראַקאָווסקי איז אַוועק אין מאָסקווער האָטעל מעטראָפּאָל זיך צו זען מיט בורעי. ער האָט בורעיען געזאָגט, אַז דער פראַנצויזיש־סאָוועטישער אָפּמאַך איז אָנגעלאָדן מיט געפאַר און קאָן זייער לייכט דערפירן צו אַ „פאַרמיידונג־מלחמה מצד דייטשלאַנד“. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז נישט בלויז זיין מיינונג, נאָר אויך די מיינונג פון אַ גרויסער צאָל הויך־געשטעלטע דיפּלאָמאַטן און אַנדערע באַאַמטע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צו ראַקאָווסקיס פאַרדראָס, האָט בורעי אים געענטפערט, אַז ער שטייט אומ־געוואַקלט קעגן יעדן פאַרזוך צו פאַרגיטיקן נאַצי־דייטשלאַנד. „פראַנקרייך“, האָט בורעי געזאָגט ראַקאָווסקין, „קאָן נישט בלייבן איזאָלירט אין אַנזיכט פון דייטש־לאַנדס וואַקסנדיקער מיליטעריזאַציע. דער אָנגרייפער מוז פאַרשפּאַרט ווערן; דאָס איז דער איינציקער מיטל צו צעשמעטערן מלחמה.“

צום אומגליק אָבער איז די פראַנצויזישע אויסלענדישע פּאָליטיק געווען נישט אינגאַנצן אונטערן קאָנטראָל פון אַזעלכע מענטשן ווי בורעי. דער הויפּט פון דער פראַנצויזישער מיסיע אין מאָסקווע איז געווען פּיער לאַוואַל.

אין סטראַטעגישע געגנטן פונעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד פיבעריש פאַר־שטאַרקט געוואָרן. די טראָצקיסטישע סאַבאָטאַזשניקעס האָבן אונטער פיאַ־טאַקאָווס אָנפירונג גענומען דערלאַנגען גלייכצייטיקע מעכטיקע קלעפּ אין די סאַמע וויכטיקסטע צווייגן פון דער סאָוועטישער פּראָדוקציע; אין די נייע שווערע אינדוסטריעס פונעם אוראַל, אין די קוילן־גרובן פון דאָנבאַס און קוזבאַס, אויף די אייזנבאַנען, אויף די עלעקטרישע סטאַנציעס און אויף די בויאונג־פּראָיעקטן. ענלעכע ברעכערישע טעטיקייטן, אונטער דער אָנפירונג פון בוכאַרינען און נאָך אַנדערע רעכטע פירער, זיינען פאָרגעקומען אין די קאָלעקטיוון, אין די קאָאָפּעראַטיוון, און אין די רעגירונגס־אַגענטורן פון האַנדל און פינאַנץ. דייטשע און יאַפּאַנעזישע „אינטעליגענץ״־אַגענטן האָבן אָנגע־פירט מיט פיל פאַזעס פון דער סאַבאָטאַזש־קאַמפּאַניע.

אָט זיינען אַ טייל פון די סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן, וועלכע דייטשע און יאַפּאַנעזישע אַגענטן, רעכטע און טראָצקיסטן, האָבן דורכגעפירט, ווי די סאַבאָטאַזשניקעס גופא האָבן שפּעטער איבערגעגעבן:

איוואַן קניאַזעוו, טראָצקיסטישער און יאַפּאַנעזישער אַגענט, פאַרוואַלטער פון דער אוראַלער אייזנבאַן־סיסטעם:

אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון די שטערערישע און ברעכע־רישע טעטיקייטן אויף די אייזנבאַנען, און דער אָרגאַניזירונג פון צע־שמעטערן צוגן, האָב איך די אינסטרוקציעס דורכגעפירט אין גאַנצן, ווייל אין דער זאַך זיינען זיך די אינסטרוקציעס פון דער יאַפּאַנעזישער מיליטערישער „אינטעליגענץ״ צונויפגעפאַלן מיט די באַפעלן, וועלכע איך האָב עטוואָס פריער געקראָגן פון דער טראָצקיסטישער אָרגאַני־זאַציע. . . .

דעם 27טן אָקטאָבער . . . איז אַ צוג צעשמעטערט געוואָרן לעבן שומיקאַ . . . אַ מיליטערישער צוג . . . דאָס איז געווען די אַרבעט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. . . . דער צוג, וועלכער איז געפאָרן מיט גרויס שנעלקייט, אַרום 40 אָדער 50 קילאָמעטער אַ שעה, איז מיט געשווינד־קייט אַרויף אויף דער אַכטער ליניע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ פראַכט־צוג מיט אַרץ. ניין־און־צוואַנציק רויט־אַרמייער [זיינען דערהרגעט געוואָרן], און ניין־און־צוואַנציק זיינען פאַרוואונדעט גע־וואָרן. . . . דירעקט דורך אונדז זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון דרייצן ביז פופצן צעשמעטערונגען. . . .

די יאַפּאַנעזישע שפּיאָנאַזש־דינסט האָט שטאַרק באַטאָנט די נויטיקייט צו באַנוצן באַקטעריאָלאָגישע מיטלען אין דער מלחמה, מיטן

צוועק אַנצושטעקן מיליטער־צוגן, קראַמען און אַרמייאישע סאַניטאַרן־צענטערן, מיט געפּערלעכע באַצילן. . . .

לעאָניד סערעבריאַקאָוו, טראָצקיסט, געהילף־הױפּט פון דער אײזנבאַן־פאַרוואַלטונג:

מיר האָבן זיך געשטעלט זייער קאָנקרעטע און באַשטימטע אױפ־גאַבעס: צו שטערן דעם פראַכט־פאַרקער, צו פאַרקלענערן די טעגלעכע לאָדונגען, דורך פאַרגרעסערן דעם לױף פון ליידיקע וואַגאָנען, דורך ניט פאַרגרעסערן די זייער נידעריקע לױף־נאָרמעס פון וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון, און דורך ניט אױסנוצן די פולע שלעפּ־ און פאַרנעם־קראַפט פון די לאָקאָמאָטיוון, און אַזױ ווייטער.

. . . אױף פּיאַטאַקאָווס פאָרשלאָג, איז ליפשיץ [אַ טראָצקיסטישער און יאַפּאַנעזישער אַגענט] געקומען מיך זען אין דער צענטראַלער פאַר־וואַלטונג פון וועגן און אױטאָמאָביל־טראַנספּאָרט. ער איז געווען דער הױפּט פון דער דרום־אײזנבאַן. . . . ער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַ געהילף אױף דער דרום־אײזנבאַן, זאָרין, וועלכער וואָלט גע־קאָנט אַנטוויקלען אָט די טעטיקייט. . . . ליפשיץ און איך האָבן באַ־שמועסט דעם ענין און מיר זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז אַלס צוגאָב צו די טעטיקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע אינעם צענטער און אין די פּראָווינצן, פון וועלכע דער רעזולטאַט וואָלט געווען אַרױסצורופן צע־טומלטקייט און כאַאָס אױף די אײזנבאַנען, איז אױך נויטיק צו פאַר־זיכערן די מעגלעכקייט פון פאַרשטאָפּן די סאַמע וויכטיקסטע אײזנבאַן־פאַרבינדונגען אין די ערשטע מאָביליזאַציע־טעג, דורך באַשאַפן אַזאַ געדרענג אױף זיי, אַז עס וואָלט אַריינגעוואָרפן די גאַנצע טראַנספּאָרט־סיסטעם אין אומאָרדענונג און פאַרקלענערט די אױפנאַם־פעיִקייט פון די אײזנבאַן־פאַרבינדונגען.

אַלעקסעי שעסטאָוו, טראָצקיסטישער און נאַציִשער אַגענט, מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דעם מזרחדיקן און סיבירישן קױלן־טראַסט:

אין די פּראָקאָפּיעווקער שאַכטעס איז אָנגעווענדט געוואָרן די קאַמער־און־זיילן סיסטעם, ניט אָנפילנדיק די אױסגעהוילטע לעכער. אַלס רעזולטאַט פון אָט דער סיסטעם האָבן מיר געהאַט אַ קױלן־פאַר־לוסט פון איבער 50 פּראָצענט, אַנשטאָט די געוויינלעכע 15־20 פּראָ־צענט. צווייטנס, אַלס רעזולטאַט דערפון, האָבן מיר געהאַט אַרום

זעכציק אונטערערדישע פייערן אין די פראָקאָפּיעווקער שאַכטעס ביזן סוף 1935.

. . . מען האָט אָנגעהויבן טיפער מאַכן די עפענונגען אין דער ניט־ריכטיקער צייט, איבערהויפּט אינעם מאַלאָטאָוו־גרוב; דער הונדערט־מעטער פלאַך פון דעם „קאָקסאָווער"־גרוב, איז בכיוון געבליבן אומ־באַאַרבעט זינט 1933, און די אויסטיפונג פון דעם „מענעיקאַ"־גרוב האָט מען ניט אָנגעהויבן אין דער ריכטיקער צייט. . . . ביים איינ־שטעלן די אויסשטאַטונג און ביים איינשטעלן די אונטערערדישע קראַפט־סטאַנציעס און אַנדערע מאַשינעריע, איז שטערערישע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. . . .

סטאַניסלאַוו ראַטאַיטשעק, טראָצקיסטישער און נאַצישער אַגענט, הויפּט פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער כעמישער אינדוסטריע:

אין הסכם מיט מיינע באַפעלן . . . זיינען פאַרגרייט געוואָרן דריי צוזאַמענבראָכן, איין אַקט אין די גאָרלאָווקאַ־פאַבריקן און צוויי אַנדערע צוזאַמענבראָכן — איינער אין די נעווסקי־פאַבריקן און דער צווייטער אין די וואָזנעסענסקער כעמישע פאַבריקן. . . .

יאַקאָוו דראָבניס, געהילף־הויפּט פון די קעמעראָוואָ־פאַבריקן:

זינט סוף יולי 1934, האָב איך געהאַט דעם אויפזיכט איבער אַלע ברעכערישע און אָפּווענדערישע טעטיקייטן אינעם גאַנצן קוזבאַס. . . . איך האָב געוואוינט אין צענטראַל־אַזיע אין משך פון 1933 און ביז אָוועק אין מאַי 1934, ווייל דער טראָצקיסטישער צענטער האָט באַשלאָסן מיך איבערצושיקן קיין מערב־סיביר. און ווייל פּיאַטאַקאָוו איז געווען אין אַ לאַגע מיך איבערצושיקן פון איין אַרבעט אין דער אינדוסטריע צו אַ צווייטער, האָט די פּראָבלעם גאַנץ לייכט געקאָנט געלייזט ווערן. . . .

איינע פון די ברעכערישע אויפגאַבעס אינעם פּלאַן איז געווען צו פאַרטאַכלעווען געלטער אויף אומוויכטיקע זאַכן. אַ צווייטע איז געווען אָפּצולייגן די אויפבוי־אַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל ניט דערלאָזן די אָרגאַניזירונג פון די וויכטיקע אָפּטיילונגען לויט די דאַטעס וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט. . . .

די קראַפט־סטאַנציע פונעם געגנט איז געשטעלט געוואָרן אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ווען עס וועט נויטיק זיין צוליב ברעכערישע צוועקן און ווען דער באַפעל וועט געגעבן ווערן, זאָל זי קאָנען פאַרפּלייצט ווערן. אַלס צוגאָב דערצו זיינען צוגעשטעלט געוואָרן אַזעלכע קוילן, וואָס האָבן טעכניש ניט געטויגט פאַר באַהייצונג, און דאָס האָט דערפירט צו

אויפּרייסן. דאָס איז געטאָן געוואָרן זייער בכיוון . . . אַ צאָל אַרבעטער זיינען ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן.

מיכאַאיל טשערנאָוו, מיטגליד פון די רעכטע, אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט, קאָמיסאַר פון אַגריקולטור פונעם ס.ס.ס.ר.:

די דייטשע שפּיאָנאַזש־דינסט האָט געלייגט גרויס געוויכט אויף אָרגאַניזירן ברעכערישע טעטיקייטן אין דעם געביט פון פערד־צוכט, כדי . . . די רויטע אַרמיי זאָל ניט האָבן קיין פערד. וואָס שייך זאָמען, האָבן מיר אין אונדזער פּראָגראַם איינגעשלאָסן טעטיקייטן צו פאַרמישן זאָמען, צונויפמישן די פאַרשיידענע זאָמען און דורך דעם פאַרקלענערן דעם שניט־איינקונפט פונעם לאַנד. . . .

וואָס שייך בהמה־צוכט, איז דער ציל געווען אומצוברענגען די פיינסטע בהמות, וועלכע מען האָט גענוצט פאַר צוכט, און צו שטרעבן צו אַ הויכער מאָס שטערבלעכקייט צווישן די בהמות, צו פאַרמיידן די אַנטוויקלונג פון פאַשע־קוואַלן און ספּעציעל קינסטלעך אָנצושטעקן די פי מיט פאַרשיידענע מינים באַקטעריע. . . .

כדי צו פאַראורזאַכן גרויסע פי־שטערבלעכקייט אין מזרח־סיביר, האָב איך באַפוילן גינזבורגן, דער הויפּט פונעם וועטערינאַרן אָפּטייל, וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די רעכטע . . . ער זאָל ניט צושטעלן קיין אַנטי־אַנטראַקס סערום פאַר מזרח־סיביר . . . בעת דאָרט איז פאַרגעקומען אַן אויסברוך פון אַנטראַקס אין 1936, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין סערום איז ניט פאַראַן, און דער רעזולטאַט איז געווען, איך קאָן ניט זאָגן אַקוראַט וויפיל, אָבער יעדנ־פאַלס מער פון 25,000 פערד זיינען אומגעקומען.

וואַסילי שאַראַנגאָוויטש, מיטגליד פון די רעכטע, פּוילישער געהיים־אַגענט, סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד:

איך האָב זיך פאַרנומען מיט ברעכערישע טעטיקייטן איבערהויפּט אויפן געביט פון אַגריקולטור. אין 1932, האָבן מיר, און איך פערזענלעך, אַנטוויקלט וויט־פאַרשפּרייטע ברעכערישע אַרבעט אויף דעם געביט. ערשטנס, דורך פאַרלאַנגזאַמען דעם גאַנג פון קאָלעקטיוויזאַציע. . . .

ווייטער האָבן מיר איינגעאָרדנט אונטערצומינעווען די פּלענער פאַר תבואה־איינזאַמלונג . . . מיר האָבן אָנגענומען מיטלען צו פאַרשפּרייטן מגפות צווישן חזירים, און דאָס האָט דערפירט צו אַ הויכער חזירים־

שטערבלעכקייט ; דאָס האָט מען דערגרייכט דורך געבן די חזירים איינ־שפריצונגען קעגן דער מגפה, נאָר אויף אַ ברעכערישן שטייגער.

. . . אין 1936 האָבן מיר פאַראורזאַכט אַ ברייטן אויסברוך פון בלוט־אָרעמקייט צווישן פערד אין ווייסרוסלאַנד. דאָס האָט מען בכיוון געטאָן, ווייל אין ווייסרוסלאַנד זיינען פערד דרינגענדיק נויטיק פאַר פאַרטיידיקונג־צוועקן. מיר האָבן זיך באַמיט אונטערצוגראָבן אָט די דאָזיקע מעכטיקע באַזע, אין פאַל דאָס וועט זיין נויטיק אין פאַרבינדונג מיט מלחמה.

אויף וויפיל איך קאָן געדענקען, זיינען אַדאַנק אָט־דעם מיטל אומגעקומען 30,000 פערד. . . .

2. אַ בריוו פון טראָצקין

סוף 1935, ווען די מלחמה האָט זיך אַלץ נעענטער אָנגערוקט, האָט טראָצקיס אַ ספּעציעלער שליח איבערגעגעבן קאַרל ראַדעקן אין מאָסקווע אַ לאַנג־דערוואַרטעטן בריוו פון טראָצקין. דער בריוו איז געקומען פון נאָרוועגיע.*)

*) אין יוני 1935 האָט די פאָלקס-פראָנט רעגירונג פון פראַנקרייך אויסגעוויזן לעאָן טראָצקין. טראָצקי איז אַוועק קיין נאָרוועגיע, וואו ער האָט זיין דריטע גלות-הויפּט-קוואַרטיר איינגעשטעלט אין אַ פאַרוואָרפענעם, באַוואַכטן פּאַלאַץ אין אַ פאָר-שטאָט פון אָסלאָ. די נאָרוועגישע אַרבעטער פּאַרטיי, אַ גרופּע וואָס האָט זיך אָפּ-געריסן פונעם קאָמינטערן, איז אין יענער צייט געווען אַ מעכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר אין נאָרוועגיע און האָט געהאָלפן טראָצקין אַריינקומען אַהינצו. טראָצקיס אייגענע נאָכפאָלגער אין נאָרוועגיע האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקע אַנטי-סאָוועטישע קאַמפּאַניע. די אַנטי-קאָמוניסטישע „נאַסיאָנאַל סאַמלינג" (נאַציאָנאַלע איניקייט-פּאַרטיי), די עקסטרעם-רעכטע פּאַרטיי אין נאָרוועגישער פּאָליטיק, וועלכע איז אָנ-געפירט געוואָרן פונעם געוועזענעם קריג-מיניסטער, מאַיאָר ווידקון קוויזלינג, האָט אָנגעפירט אַן ענלעכע, ווילדע אַנטי-סאָוועטישע אַגיטאַציע.

מאַיאָר ווידקון קוויזלינג האָט אַמאָל געדינט אַלס נאָרוועגישער מיליטערישער אַטאַשע אין לענינגראַד. אין 1922-1923 האָט מען אים געשיקט אויף אַ „דיפּלאָ-מאַטישער" שליחות אין אוקראַינע און אין קרים. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווייס-גוואַרדייאישער פרוי. אין 1927, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט אָפּגעבראָכן אירע באַציאונגען מיט סאָוועט-רוסלאַנד, האָט מאַיאָר קוויזלינג, דעמאָלט דער סעק-רעטאַר פון דער נאָרוועגישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, אויפגעפּאַסט אויף די ענג-לישע אינטערעסן אין רוסלאַנד. פאַר זיין דינסט אין יענער צייט איז קוויזלינג שפּעטער באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל ערן-קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אימפּעריע.

אין 1930 האָט די סאָוועטן-רעגירונג זיך אָפּגעזאָגט צו דערלויבן קוויזלינגן

מיט גרויס דערוואַרטונג האָט ראַדעק געעפנט דעם בריוו און אים גענומען לייענען. אויף אַכט זייטן פון פיינעם ענגלישן פּאַפּיר האָט טראָצקי אָנגעצייכנט די פּרטים פון דעם געהיימען אָפּמאַך, וועלכן ער האָט ענדלעך געהאַלטן אין שליסן מיט די רעגירונגען פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן.

נאָך אַ הקדמה, אין וועלכער ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם „זיג פון דייטשן פאַשיזם" און די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַן „אינטערנאַציאָנאַלן קריג", איז דער בריוו געקומען צום עיקר:

> עס זיינען פאַראַן צוויי מעגלעכע אופנים ווי אַזוי מיר וועלן קומען צו דער מאַכט. דער ערשטער אופן איז די מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן קומען צו דער מאַכט פאַר אַ מלחמה, און דער צווייטער אופן — בעת אַ מלחמה. . . .
>
> מען מוז אָנערקענען, אַז די פראַגע פון מאַכט וועט ווערן אַ פּראַק־טישע פראַגע פאַרן בונד, בלויז אַלס רעזולטאַט פון דער מפּלה פונעם פ.ס.ס.ר. אין דער מלחמה. דער בונד מוז דערצו מאַכן ענערגישע צוגרייטונגען. . . .

פון איצט אָן, האָט טראָצקי געשריבן, וועלן „די טראָצקיסטישע שטערע־רישע אַקטן אין די מלחמה־אינדוסטריעס" דאַרפן דורכגעפירט ווערן אונטער די דירעקטע „אָנווייזונגען פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע הויך־קאָמאַנדעס". די טראָצקיסטן טאָרן ניט אונטערנעמען קיין „פּראַקטישע טעטיקייט", ניט

ווידער אַריינצופאָרן אין סאָוועט-רוסלאַנד, אויפן גרונט, אַז ער האָט אָנגעפירט אונטערערדישע טעטיקייטן אויף סאָוועטישער טעריטאָריע.

נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע „דיפּלאָמאַטישע" טעטיקייטן אינעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, האָט קוויזלינג אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירן אַ כלומרשט-ראַדיקאַלע גרופּע אין נאָרוועגיע, וועלכע איז אינגיכן געוואָרן אָפן-פאַשיסטיש. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און קוויזלינג אַליין איז געוואָרן אַ געהיים-אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ" און דער פירער פון נאָרוועגיעס פינפטער קאָלאָנע, פון וועלכער די טראָצקיסטן זיינען געווען אַ וויכטיקער טייל.

אין נאָרוועגיע, ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד וואו עס האָבן זיך געפונען טראָצ-קיסטישע קעמערלעך, האָבן די פּשוטע טראָצקיסטישע מיטגלידער ניט געהאַט קיין שום אָנונג וועגן די געהיימע פאַרבינדונגען פון דער טראָצקיסטישער פירערשאַפט מיט די „אינטעליגענץ"-דינסטן פון די אַקס-רעגירונגען. ביזן סוף האָט טראָצקי באַוויזן צוצוציען אַ צאָל „וועלט-רעוואָלוציאָנערן", וואָס האָבן געגלויבט אין זיין ערלעכקייט. די דאָזיקע יחידים זיינען טראָצקין צונוץ געקומען סיי אַלס אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַניזאַטאָרן, און סיי אַלס אַפּאָלאָגעטן פאַר טראָצקיס צילן.

האָבנדיק פריער באַקומען די צושטימונג פון זייערע דייטשע און יאַפּאַנעזישע פאַרבינדעטע.

כדי צו פאַרזיכערן די פולע שטיצע פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן, אַן וועלכער „עס וואָלט געווען נאַריש צו טראַכטן אַז מיר זאָלן קאָנען קומען צו דער מאַכט", מוז דער בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן גרייט זיין צו מאַכן געהעריקע הנחות. טראָצקי האָט זיי אויסגערעכנט:

דייטשלאַנד דאַרף רוי־מאַטעריאַלן, שפּייזן און מערק. מיר וועלן איר דאַרפן דערלויבן אָנטיילצונעמען אין עקספּלואַטירן אַרץ, מאַנגאַנעז, גאָלד, אויל, אַפּאַטיט זאַפּאַסן, און מיר וועלן זיך דאַרפן אונטערנעמען אויף אַ געוויסער צייט איר צוצושטעלן שפּייז־פּראָדוקטן און פעטס אויף נידעריקער ווי די וועלט־פּרייזן.

מיר וועלן דאַרפן אָפּגעבן דעם סאַכאַלינער אויל צו יאַפּאַן און איר גאַראַנטירן צוצושטעלן אויל אין פאַל פון אַ מלחמה קעגן אַמעריקע. מיר וועלן איר אויך דאַרפן דערלויבן צו עקספּלואַטירן די גאָלד־פעלדער.

מיר וועלן דאַרפן איינשטימען מיט דייטשלאַנדס פאָדערונג ניט צו שטעלן זיך קעגן איר פאַרכאַפּן די דונאַי־לענדער און די באַלקאַנען, און ניט שטערן יאַפּאַן אין איר פאַרכאַפּן כינע. . . . מיר וועלן אומפאַרמייד־לעך דאַרפן מאַכן טעריטאָריעלע הנחות. מיר וועלן דאַרפן אָפּגעבן די ים־פּראָווינצן און דעם אַמור־געגנט צו יאַפּאַן, און אוקראַינע צו דייטש־לאַנד.

טראָצקיס בריוו האָט אָנגעצייכנט דעם כאַראַקטער פונעם רוסישן רעזשים, וואָס וועט געגרינדעט ווערן, נאָכדעם ווי די סאָוועטן־רעגירונג וועט אַרונטער־געוואָרפן ווערן:

עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז די רעגירונג פונעם בונד וועט ניט קאָנען בלייבן אין מאַכט, סיידן זי וועט אין אַ געוויסער מאָס פירן דעם סאָציאַלן געבוי פון פ.ס.ס.ר. אויף דער ליניע פון די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער. . . .

די דערלויבעניש צום דייטשן און יאַפּאַנעזישן קאַפּיטאַל צו עקס־פּלואַטירן דעם פ.ס.ס.ר. וועט באַשאַפן וויכטיקע קאַפּיטאַליסטישע אינ־טערעסן אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע. די יעניקע שיכטן אין די דערפער, וואָס האָבן נאָך ניט בייגעקומען די קאַפּיטאַליסטישע פּסיכאָ־לאָגיע און זיינען אומצופרידן מיט די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, וועלן

זיך ציען צו זיי. די דייטשן און די יאַפּאַנעזער וועלן פאָדערן, אַז מיר זאָלן פאַרלייכטערן די אַטמאָספערע אין די דאָרפישע געגנטן; מיר וועלן דעריבער דאַרפן מאַכן הנחות און דערלויבן אויפצולייזן די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אָדער זיך צוריקציען פון זיי.

שאַרפע פּאָליטישע ענדערונגען, פּונקט ווי טעריטאָריעלע און עקאָנאָמישע, וועלן אין דעם נייעם רוסלאַנד דאַרפן פאַרקומען:

מען קען ניט רעדן וועגן קיין דעמאָקראַטיע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט דורכגעלעבט אַכצן יאָר פון רעוואָלוציע און פאַרמאָגט גרויסע אַפּעטיטן; און אָט־דעם אַרבעטער־קלאַס וועט מען דאַרפן צוריקשיקן, טיילווייז אין פּריוואַטע פאַבריקן און מלוכה־פאַבריקן, וועלכע וועלן דאַרפן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען קאָנקורירן מיט אויסלענדישן קאַפּיטאַל. דאָס מיינט, אַז דער לעבנס־שטייגער פונעם אַרבעטער־קלאַס וועט שטאַרק פאַרערגערט ווערן. אין די דערפער וועט דער קאַמף פון די אָרעמע און מיטעלע פּויערים קעגן די קולאַקעס זיך באַנייען. און דאַן, כדי אָנצוהאַלטן די מאַכט, וועלן מיר דאַרפן האָבן אַ שטאַרקע רעגירונג, ניט געקוקט וואָסערע שלייערס מען וועט באַנוצן דאָס צו פאַרהוילן.

טראָצקיס בריוו האָט פאַרענדיקט:

מיר דאַרפן אַלץ אָננעמען. אָבער אויב מיר בלייבן לעבן און וועלן קריגן די מאַכט, וועט צווישן אָט די צוויי לענדער (דייטשלאַנד און יאַפּאַן), אַדאַנק זייער זיג און אַלס רעזולטאַט פון זייער רויב און פּראָפיט, און צווישן אַנדערע לענדער אויסברעכן אַ קריג, וואָס וועט דערפירן צו אונדזער נייער אַנטוויקלונג, צו אונדזער „נקמה".

ראַדעק האָט געלייענט טראָצקיס בריוו מיט געמישטע געפילן. „נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אָט די אָנווייזונגען", האָט ראַדעק שפּעטער געזאָגט, „האָב איך ביינאַכט זיי איבערגעטראַכט. . . . מיר איז קלאָר געווען, אַז כאָטש די אָנווייזונגען האָבן אַנטהאַלטן אַלע פריערדיקע עלעמענטן, זיינען אָבער אָט־די עלעמענטן איצט אַזוי רייף געוואָרן, אַז . . . וואָס טראָצקי האָט פאָרגעשלאָגן איז שוין אַרויס פון אַלע גרענעצן . . . מיר זיינען שוין אין קיין אופן ניט מער געווען די באַלעבאַטים איבער אונדזערע אייגענע האַנדלונגען."

צומאָרגנס האָט ראַדעק געוויזן טראָצקיס בריוו צו פּיאַטאַקאָוו. „עס איז

נויטיק זיך צו טרעפן מיט טראָצקין אויף איין וועג אָדער אַ צווייטן", האָט פּיאַטאַקאָוו געזאָגט. ער אַליין האָט באַלד געדאַרפט פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צוליב אָפיציעלע געשעפטן און געדאַרפט זיין אין בערלין עטלעכע טעג. ראַדעק זאָל דעריבער גלייך אַוועקשיקן אַ דרינגענדיקע מעלדונג צו טראָצקין וועגן פּיאַטאַקאָווס רייזע און בעטן טראָצקין זיך צו שטעלן אין באַריר מיט אים אין בערלין אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך.

3. אַ רייזע קיין אָסלאָ

פּיאַטאַקאָוו איז אָנגעקומען אין בערלין דעם 10טן דעצעמבער, 1935. ראַדעקס מעלדונג צו טראָצקין איז פון פריער אַוועקגעשיקט געוואָרן און אַזוי גיך ווי פּיאַטאַקאָוו איז אָנגעקומען אין דער נאַצישער הויפּט־שטאָט, האָט שוין אַ שליח געוואַרט זיך צו שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג. דער שליח איז געווען דימיטרי בוכאַרצעוו, אַ טראָצקיסט, וועלכער איז געווען דער „איז־וועסטיאַ"־קאָרעספּאָנדענט אין בערלין. בוכאַרצעוו האָט פּיאַטאַקאָוון געזאָגט, אַז אַ מאַן מיטן נאָמען שטירנער דאַרף ברענגען אַ ידיעה פון טראָצקין. שטיר־נער, האָט דער שליח דערקלערט, איז „טראָצקיס מענטש" אין בערלין.*)

פּיאַטאַקאָוו איז אַוועק מיט בוכאַרצעוון אויף איינער פון די אַלייען אין דעם טירגאַרטן. דאָרט האָט אַ מאַן געוואַרט אויף זיי. דאָס איז געווען „שטיר־נער". ער האָט פּיאַטאַקאָוון איבערגעגעבן אַ בריוול פון טראָצקין. עס האָט זיך געלייענט: „י. ל. (פּיאַטאַקאָווס איניציאַלן), דער איבערגעבער פון דעם בריוול איז פולשטענדיק פאַרטרויבאַר."

קורץ און שאַרף, פּונקט ווי דאָס צעטעלע וואָס ער האָט איבערגעגעבן, האָט שטירנער דערקלערט, אַז טראָצקי איז זייער גערן צו זען זיך מיט פּיאַ־טאַקאָוון און האָט אים באַפוילן צו מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען. איז פּיאַטאַקאָוו גרייט צו פליען מיט אַן עראָפּלאַן קיין אָסלאָ, נאָרוועגיע?

פּיאַטאַקאָוו האָט גוט פאַרשטאַנען די געפאַר אויפגעדעקט צו ווערן, וואָס ליגט אין אַזאַ רייזע. ער האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו זען זיך מיט טראָצקין אום יעדן פּרייז. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז וויליק צו פליען. שטירנער האָט פּיאַטאַקאָוון געהייסן מאָרגן זיין אויפן טעמפּלהאָף פלי־פעלד.

און אַז פּיאַטאַקאָוו האָט אַ פרעג געטאָן וועגן אַ פּאַספּאָרט, האָט שטירנער געענטפערט: „זאָרגט זיך ניט. איך וועל שוין דעם ענין באַזאָרגן. איך האָב פאַרבינדונגען אין בערלין."

---

*) „שטירנער" איז בלויז געווען נאָך אַ פאַלשער נאָמען פאַר טראָצקיס „סעק־רעטאַר", דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן קאַרל רייך, אויך באַקאַנט אַלס יאָהאַנסאָן.

צומאַרגנס, אין דער באַשטימטער שעה, איז פּיאַטאַקאָוו אַוועק אויפן טעמפּלהאָף לופט־פעלד. שטירנער האָט שוין געוואַרט ביים אַריינגאַנג. ער האָט אָנגעוויזן פּיאַטאַקאָוון ער זאָל אים נאָכגיין. בעת זיי זיינען געגאַנגען צום לופט־פעלד, האָט שטירנער געוויזן פּיאַטאַקאָוון דעם פּאַספּאָרט, וואָס איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן. די דייטשע נאַצי־רעגירונג האָט אים אַרויסגעגעבן.

אויפן לופט־פעלד האָט שוין געוואַרט אַן עראָפּלאַן — גרייט זיך אויפצו־הויבן.

יענעם נאָכמיטאָג האָט דער עראָפּלאַן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ לאַנדונג־פעלד לעבן דער שטאָט אָסלאָ אין נאָרוועגיע. אַן אויטאָמאָביל האָט געוואַרט אויף פּיאַטאַקאָוון און שטירנערן. אַ האַלבע שעה זיינען זיי געפאָרן אינעם אויטאָמאָביל, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ דאָרפיש פאַרשטעטל אַרום אָסלאָ. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליין הייזל.

אינעווייניק, אינעם הויז, האָט טראָצקי געוואַרט אויפצונעמען זיין אַלטן פריינט.

די יאָרן פון פאַרביטערטן גלות האָבן געענדערט דעם מאַן, וועמען פּיאַ־טאַקאָוו האָט באַטראַכט פאַר זיין פירער. טראָצקי האָט אויסגעזען עלטער ווי זיינע עטלעכע־און־פופציק יאָר. זיינע האָר און באָרד זיינען געוואָרן גרוי. ער איז געווען איינגעבויגן. פון הינטער זיינער פענסנע האָבן זיינע אויגן געגלאַנצט מיט אַ כמעט טייוולאַנישער שאַרפקייט.

די באַגריסונגען זיינען גיך אָפּגעפּאַטערט געוואָרן. אויף טראָצקיס באַפעל, איז ער מיט פּיאַטאַקאָוון אַליין געבליבן אין הויז. דער שמועס האָט געדויערט צוויי שעה צייט.

פּיאַטאַקאָוו האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ באַריכט ווי עס האַלט מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד. טראָצקי האָט אים כסדר איבערגעשלאָגן מיט שאַרפע, סאַרקאַס־טישע באַמערקונגען.

— איר קאָנט זיך אַלץ ניט אָפּרייסן פון סטאַלינס נאַפּל! — האָט ער אויס־געררופן. — איר נעמט אָן סטאַלינס אויפבוי פאַר סאָציאַליסטישן אויפבוי!

טראָצקי האָט געזידלט פּיאַטאַקאָוון און זיינע אַנדערע רוסישע נאָכפאָלגער פאַר צופיל רעדן און ווינציק דערגרייכן. „נו, אַוודאי“, האָט טראָצקי בייז גע־זאָגט, „איר דאַרפט פאַרברענגט צופיל צייט דיסקוטירנדיק אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען; איר וואָלט בעסער געדאַרפט זיך אָפּגעבן מיט אייערע אייגענע ענינים, וועלכע גייען אייך אַזוי שלעכט! און וואָס שייך אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, ווייס איך פיל מער וועגן די דאָזיקע זאַכן ווי איר!“

טראָצקי האָט איבערגעחזרט זיין איבערצייגונג, אַז דער צוזאַמענברוך פון

סטאַלינס רעגירונג איז אומפאַרמיידלעך. דער פאַשיזם וועט פיל לענגער ניט דולדן די אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער מאַכט.

די טראָצקיסטן אין רוסלאַנד שטייען פאַר דער ברירה: אָדער זיי וועלן „אומקומען אין די חורבות פון סטאַלינס מדינה", אָדער זיי מוזן גלייך אָנשטרענגען אַלע זייערע ענערגיעס פאַר אַ דורכאויסיקן פאַרזוך אַרונטערצואוואַרפן דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. זינאָוויעוו די פירערשאַפט און די הילף פון דעם דייטשן און יאַפּאַנעזישן גענעראַל־שטאַב אין אַט־דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף.

אַ מיליטערישער צוזאַמענשטויס צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַשיסטישע לענדער איז אומפאַרמיידלעך, האָט טראָצקי צוגעגעבן, און ניט אין דער ווייטער צוקונפט, נאָר אינגיכן, גאָר אינגיכן. „די דאַטע פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה איז שוין באַשטימט", האָט טראָצקי געזאָגט. „דאָס וועט זיין אין 1937."

פאַר פּיאַטאַקאָוון איז קלאָר געווען, אַז טראָצקי האָט די אינפאָרמאַציע ניט אויסגעטראַכט. טראָצקי האָט איצט פאַר פּיאַטאַקאָוון אויפגעדעקט, אַז ער האָט שוין אַ געוויסע צייט געהאַט „אַנגעפירט לענגערע פאַרהאַנדלונגען מיטן וויצע־פאַרזיצער פון דער דייטשער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פאַרטיי — העס".

אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען מיט אַדאָלף היטלערס באַפולמעכטיקטן, האָט טראָצקי געמאַכט אַן אָפּמאַך, „אַן אַבסאָלוט־באַשטימטן אָפּמאַך", מיט דער רעגירונג פונעם דריטן רייך. די נאַציס זיינען גרייט צו העלפן די טראָצקיסטן קומען צו דער מאַכט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— עס איז איבעריק צו זאָגן, — האָט טראָצקי דערקלערט פּיאַטאַקאָוון, — אַז אַט־די גינסטיקע שטעלונג איז ניט מחמת זייער ספּעציעלער ליבע פאַר די טראָצקיסטן. דאָס דרינגט פּשוט אַרויס פון די רעאַלע אינטערעסן פון די פאַשיסטן און פון דעם וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט צו טאָן פאַר זיי אויב מיר וועלן קומען צו דער מאַכט.

קאָנקרעט, איז דער אָפּמאַך, וואָס טראָצקי האָט געשלאָסן מיט די נאַציס, באַשטאַנען פון פינף פּונקטן. אין אויסטויש פאַר דייטשלאַנדס הילף צו ברענגען די טראָצקיסטן צו דער מאַכט אין רוסלאַנד, האָט טראָצקי מסכים געווען:

(1) צו גאַראַנטירן אַן אַלגעמיינע גינסטיקע שטעלונג צו דער דייטשער רעגירונג און די נויטיקע מיטאַרבעטערשאַפט מיט איר אין די סאַמע וויכטיקסטע פראַגן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער;

(2) מסכים צו זיין אויף טעריטאָריעלע הנחות [אוקראַינע];

(3) צו דערלויבן דייטשע אינדוסטריאַליסטן, אין דער פאָרמע פון קאָנצעסיעס (אָדער אַנדערע פאָרמעס), צו עקספּלואַטירן אונטערנעמונגען אינעם פ.ס.ס.ר., וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער דייטשער עקאָנאָמיע (אייזן־אַרץ, מאַנגאַנעז, אויל, גאָלד, געהילץ, א. אַז. וו.);

(4) צו באַשאַפן אינעם פ.ס.ס.ר. גינסטיקע באַדינגונגען פאַר די טעטיקייטן פון דייטשע פּריוואַטע אונטערנעמער;

(5) אין צייט פון מלחמה צו אַנטוויקלען ברייטע שטערערישע טעטיקייטן אין די אונטערנעמונגען פון דער קריג־אינדוסטריע און אויפן פראָנט. די דאָזיקע טעטיקייטן זאָלן דורכגעפירט ווערן אונטער טראָצקיס באַפעלן, מיט דער צושטימונג פון דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב.

אַלס טראָצקיס הויפּט־לייטענאַנט אין רוסלאַנד, איז פּיאַטאַקאָוו געווען באַזאָרגט, אַז עס וועט זיין זייער שווער צו דערקלערן די פּשוטע מיטגלידער פונעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן וועגן אָט־דעם פולשטענדיקן געשעפט מיטן נאַציזם.

— פראַגן פון פּראָגראַם דאַרפן פאַר די פּשוטע מיטגלידער פונעם בונד ניט געשטעלט ווערן אין זייער גאַנצן פאַרנעם, — האָט טראָצקי אומגעדולדיק דערקלערט. — עס וועט זיי בלויז איבערשרעקן.

די אָרגאַניזאַציע אַלס אַ גאַנצע דאַרף גאָרניט וויסן וועגן די פּרטים פונעם אָפּמאַך, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט די פאַשיסטישע לענדער. „ניט עס איז מעגלעך און ניט עס איז פּאַסנדיק דאָס צו פאַרעפנטלעכן", האָט טראָצקי געזאָגט, „אָדער אַפילו דערציילן וועגן דעם אַ גרויסער צאָל טראָצקיסטן. בלויז אַ גאָר קליינע, געקליבענע גרופּע מענטשן מעג איצטער וויסן וועגן דעם."

טראָצקי האָט געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן די נויטווענדיקייט פון דעם צייט־פאַקטאָר.

— עס איז אַ פראַגע פון אומגעפער אַ קורצער צייט, — איז ער באַשטאַנען.

— אויב מיר לאָזן דורך די געלעגנהייט, וועט פון איין זייט אַנטשטיין די געפאַר פון אַ פולשטענדיקער ליקווידאַציע פונעם טראָצקיזם אינעם לאַנד, און פון דער צווייטער זייט די געפאַר, אַז אָט־די פאַרזעעניש, די סטאַלינשע מדינה, וועט עקזיסטירן צענדליקער יאָרן, געשטיצט פון געוויסע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, און איבערהויפּט פון די נייע, יונגע קאַדרעס, וועלכע זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אָננעמען דאָס לאַנד אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך, און דאָס צו באַטראַכטן פאַר אַ סאָציאַליסטיש, סאָוועטיש לאַנד. זיי ווייסן ניט וועגן קיין שום אַנדער לאַנד און קאָנען אַפילו קיין אַנדערס ניט באַנעמען! אונדזער אויפגאַבע איז זיך קעגנצושטעלן קעגן אָט־דעם לאַנד.

— טוט אַ קוק, — האָט טראָצקי פּאַרענדיקט, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פּאַר פּיאַטאַקאָווס אָפּפאָר, — אַמאָל איז געווען אַ צייט ווען מיר אַלע סאָציאַליסטן־דעמאָקראַטן האָבן באַטראַכט די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם פּאַר אַ פּראָגרעסיווער, פּאַר אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג. . . . מיר האָבן אָבער געהאַט אַנדערע אויפגאַבעס, נעמלעך, צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, צו קולטיווירן זיינע באַגרעבער. פּונקט אַזוי דאַרפן מיר איצט אַריינטרעטן אין דינסט פון דער סטאַלינשער מדינה, אָבער ניט כדי צו העלפן אויפבויען דאָס לאַנד, נאָר כדי צו ווערן זיין באַגרעבער — אין דעם ליגט אונדזער אויפגאַבע!

נאָך צוויי שעה, האָט פּיאַטאַקאָוו פאַרלאָזן טראָצקין. אין דעם קליינעם הויז וואָס אין דער פּאַרשטאָט פון אָסלאָ, און זיך אומגעקערט קיין בערלין אַזוי ווי ער איז געקומען — דורך אַ פּריוואַט־געדונגענעם עראָפּלאַן און אויף אַ נאַצישן פּאַספּאָרט.

4. די לעצטע שעה

די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס טראָצקי האָט פּאָראויסגעזאָגט, אַז זי וועט דערגרייכן סאָוועט־רוסלאַנד אין 1937, האָט שוין געהאַט אַרומגענומען אייראָפּע. נאָך מוסאָליניס אַנגריף אויף עטיאָפּיע, האָבן די געשעענישן אָנגעפאַנגען גיין זייער שנעל. אין יוני 1936 האָט היטלער אויף דאָס ניי מיליטאַריזירט דאָס ריינלאַנד. אין יולי האָבן די פאַשיסטן דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין שפּאַניע מיט אַ „פּוטש" פון שפּאַנישע אָפיצירן קעגן דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג. אונטערן אויסרייד פון „דערשטיקן דעם קאָמוניזם" און אונטערדריקן אַ „קאָמוניסטישע רעוואָלוציע", האָט דייטש און איטאַליעניש מיליטער געלאַנדעט אין שפּאַניע צו העלפן דעם אָפיצירן־רעוואָלט. דער שפּאַנישער פאַשיסטישער פירער, גענעראַליסימאָ פראַנציסקאָ פראַנקאָ, האָט מאַרשירט אויף מאַדריד. „פיר קאָלאָנעס מאַרשירן אויף מאַדריד", האָט דער שיכורער פאַשיסטישער גענעראַל קועפּאָ דע ליאַנאָ זיך באַרימט, „און אַ פינפטע קאָלאָנע וואַרט אין דער שטאָט אונדז צו באַגריסן!" דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די וועלט האָט געהערט אָט די גורלפולע פראַזע — „פינפטע קאָלאָנע".*)

*) בעת דעם אַקס־געשטיצטן פראַנקאָ־אויפשטאַנד אין שפּאַניע, אין 1936-1938, האָט אַנדרעאַס נין אָנגעפירט מיט אַן אולטראַ־לינקיסטישער, פּראָ־טראָצקיסטישער שפּאַנישער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „פּאַרטידאָ אָברעראָ דע אוניפאַסיאָן מאַרקסיסטאַ", אָדער „פּ.אָ.או.ם.". אָפיציעל איז די „פּ.אָ.או.ם." ניט געווען אַנ-

אין אַ רעדע פאַר טויזנטער סאָלדאַטן ביים נירענבורגער צוזאַמענפאָר פון דער נאַצי־פאַרטיי דעם 12טן סעפטעמבער, האָט אַדאָלף היטלער עפנטלעך דערקלערט זיין אַבזיכט אָנצופאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— מיר זיינען גרייט צו יעדער שעה, — האָט היטלער געשריגן. — איך קאָן זיך ניט דערלויבן צו האָבן רואיגירטע לענדער ביי מיין שוועל! . . . ווען איך וואָלט געהאַט די אוראַל־בערג מיט זייערע אומצאָלבאַרע אוצרות פון רוי־מאַטעריאַלן, סיביר מיט אירע ריזיקע וועלדער, און אוקראַינע מיט אירע ריזיקע ווייץ־פעלדער, וואָלט דייטשלאַנד און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירערשאַפט געשוואומען אין עשירות!

געשלאָסן אין טראָצקיס פערטן אינטערנאַציאָנאַל. אירע רייען זיינען אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט טראָצקיסטן; און אין וויכטיקע פראַגן, ווי, צום ביישפיל, די שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און דעם פאָלקס־פראָנט, האָט די „פ.אָ.או.ם." זיך שטרענג געהאַלטן אין לעאָן טראָצקיס טאַקטיק.

בעתן פראַנקאָ־רעוואָלט, איז טראָצקיס פריינט נין געווען מיניסטער פון גערעכטיקייט אין קאַטאַלאָניע. און כאָטש זי האָט מיט רייד כלומרשט געהאָלפן דער אַנטי־פאַשיסטישער זאַך, האָט נינס „פ.אָ.או.ם." אָנגעפירט אַן ענדלאָזע פראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע קעגן דער שפּאַניש־רעפּובליקאַנישער רעגירונג אין צייט פון ד קאַמפן אין שפּאַניע. תחילת האָט מען גערעכנט, אַז נינס אָפּאָזיציע־טעטיקייטן זיינען פון אַ ריין־„פּאָליטישן" כאַראַקטער, ווייל די מיטגלידער פון דער „פ.אָ.או.ם." האָבן גענוצט „רעוואָלוציאָנערע" דערקלערונגען פאַר זייער קעגנערשאַפט צו דער שפּאַנישער רעגירונג. אָבער ווען די „פ.אָ.או.ם." האָט דורכגעפירט אַן אומגעלונגענעם רעוואָלט אין באַרצעלאָנע הינטער די לאָיאַליסטישע ליניעס אינעם אַנטשיידנדיקן זומער פון 1937, און האָט גערופן צו „אַנטשלאָסענער אַקציע אַרונטערצוואַרפן די רעגירונג", איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז נין און די אַנדערע פירער פון דער „פ.אָ.או.ם." זיינען פאַקטיש געווען פאַשיסטישע אַגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט פראַנקאָן, און אַז זיי האָבן אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע פון סאַבאָטאַזש, שפּיאָנאַזש און טעראָריזם קעגן דער שפּאַנישער רעגירונג.

דעם 23טן אָקטאָבער, 1937, האָט דער פּאָליציי־הויפּט פון באַרצעלאָנע, דער לייטענאַנט־קאָרנעל בורילאָ, פאַרעפנטלעכט די פּרטים פון דער „פ.אָ.או.ם."־פאַרשווערונג, וועלכע מען האָט אויפגעדעקט אין קאַטאַלאָניע. די געהיימע דאָקומענטן, וואָס די פּאָליציי אין באַרצעלאָנע האָט פאַרכאַפּט, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די מיטגלידער פון דער „פ.אָ.או.ם." האָבן דורכגעפירט ברייטע שפּיאָנאַזש־אַרבעט פאַר די פאַשיסטן; אַז זיי האָבן געשטערט דעם טראַנספּאָרט פון אויסשטאַטונג פאַר דער שפּאַניש־רעפּובליקאַנישער אַרמיי; און אַז זיי האָבן סאַבאָטאַזשירט די מיליטערישע אָפּעראַציעס אויפן פראָנט. מען האָט געהאַלטן אין פאַרהאַנדלען, צי מען זאָל מאַכן „פאַרזוכן אויף די לעבנס פון אָנגעזעענע פיגורן אין דער פאָלקס־אַרמיי", האָט דער לייטענאַנט־קאָרנעל פאַרגעזעצט זיין באַריכט. „חוץ דעם האָט מען נאָך די אָרגאַניזאַציע אָנגעהאַלטן פאַר אַ פּלאַנירטן פאַרזוך אויפן לעבן פון אַ מיניסטער פון דער רעפּובליק. . . ."

דעם 25טן נאָוועמבער, 1936, האָבן דער נאַצישער אויסערן־מיניסטער, ריבענטראָפּ, און דער יאַפּאַנעזישער אַמבאַסאַדאָר אין דײַטשלאַנד, מ. מושאַ־קאָזשי, אונטערגעשריבן דעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך אין דײַטשלאַנד, פֿאַרפּליכטנדיק זיך צו פֿאַראייניקן זייערע כּחות פֿאַר אַ געמיינשאַפֿטלעכער אַטאַקע קעגן „וועלט־באָלשעוויזם".

די סאָוועטן־רעגירונג, באַוואוסטזיניק וועגן דער באַלדיקער מלחמה־געפֿאַר, האָט פּלוצים דורכגעפֿירט אַ קאָנטער־אַנגריף קעגן דעם שונא אין אירע אייגענע גרענעצן. אין משך פֿון פֿרילינג און זומער פֿון 1936, זײַנען די סאָוועטישע אויטאָריטעטן אין אַ ריי איבערראַשנדיקע איבערפֿאַלן איבערן גאַנצן לאַנד פּלוצים אָנגעפֿאַלן אויף נאַצישע שפּיאָנען, געהיימע טראָצקיסטישע און רעכטע אָרגאַניזאַטאָרן, טעראָריסטן און סאַבאָטאַזשניקעס. אין סיביר איז אַרעסטירט געוואָרן אַ נאַצי־אַגענט מיטן נאָמען עמיל סטיקלינג, וועלכער, ווי מען האָט אויסגעפֿונען, האָט אָנגעפֿירט סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן אין די קרע־מאָוואָ־שאַכטעס, צוזאַמען מיט אַלעקסעי שעסטאָוון און אַנדערע טראָצקיסטן. אין לענינגראַד איז פֿאַרנומען געוואָרן אַ צווייטער נאַצי־אַגענט, וואַלענטין אַלבערג. אַלבערג איז געווען ניט בלויז אַ נאַצי־אַגענט, נאָר אויך איינער פֿון טראָצקיס ספּעציעלע שליחים. ער האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט פֿריץ דעיוויד, נאַטאַן לוריע, קאָנאָן בערמאַן־יורין און נאָך אַנדערע טעראָריסטן. איינער נאָכן אַנדערן זײַנען די פֿירער פֿון דער ערשטער „שיכט" פֿון דער פֿאַרשווערונג אויפֿגעדעקט געוואָרן.

אַ שיפֿרירטע מעלדונג, וועלכע איוואַן סמירנאָוו האָט אַרויסגעשמוגלט פֿון דער תּפֿיסה צו זײַנע מיט־פֿאַרשווערער, איז איבערגענומען געוואָרן פֿון די סאָוועטישע באַאַמטע. די טראָצקיסטישע טעראָריסטן אפרים דרײַצער און סערגעי מראַטשקאָווסקי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן.

אַ שטימונג פֿון פֿיבערישן אַנגסט האָט אַרומגעכאַפּט די רוסישע פֿאַרשווערער. איצט האָט שוין אַלץ אָפּגעהאַנגען אויף אַן אָנפֿאַל פֿון דרויסן.

יאַגאָדאַס פֿאַרזוכן צו שטערן די אָפֿיציעלע אויספֿאָרשונגען זײַנען געוואָרן אַלץ מער אומפֿאָרזיכטיק. „עס זעט אויס, אַז יעזשאָוו האַלט ביים דערקלײַבן זיך צום סאַמע תּוך פֿון דעם לענינגראַדער ענין!" האָט יאַגאָדאַ מיט כּעס אַ זאָג געטאָן צו זײַן סעקרעטאַר בולאַנאָוו.

איינעם פֿון יאַגאָדאַס אייגענע לײַט, אַן אַגענט פֿון דער „נקווד" מיטן נאָמען באָריסאָוו, האָט מען פּלוצלונג גערופֿן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער ספּע־ציעלער אויספֿאָרשונג אינעם לענינגראַדער סמאָלני אינסטיטוט, כּדי אויסצו־פֿרעגן אים. באָריסאָוו האָט געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָלע אין די צוגרייטונגען פֿון קיראָווס מאָרד. יאַגאָדאַ האָט געהאַנדלט אין פֿאַרצווייפֿלונג. בשעת ער

איז געפֿאָרן צום סמאָלני אינסטיטוט, איז באַריסאָוו דערהרגעט געוואָרן אין אַן „אויטאָמאָביל־צוזאַמענשטויס".

אָבער צו באַזייטיקן אַן איינציקן עדות איז ניט געווען גענוג. די אָפיציעלע אויספאָרשונג איז אָנגעגאַנגען. טעגלעך האָט מען געמאָלדן וועגן נייע אַרעסטן. ביסלעכווייז האָבן די סאָוועטישע אויטאָריטעטן צוזאַמענגעשטוקעוועט די קאָמפּליצירטע טיילן פון פאַרשווערונג, פאַרראַט און מאָרד. אין אויגוסט זיינען כמעט אַלע פירנדיקע מיטגלידער פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־צענטער שוין געווען אַרעסטירט. די סאָוועטן־רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז אַלס רעזולטאַט פון דער ספּעציעלער אויספאָרשונג פונעם קיראָוו־מאָרד האָט מען אויפגעדעקט נייע סענסאַציאָנעלע באַווייזן. קאַמעניעוון און זינאָוויעוון האָט מען ווידעראַמאָל געשטעלט צום געריכט.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 19טן אויגוסט, 1936, אינעם אָקטאָבער־זאַל אין הויז פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין מאָסקווע, פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסט געריכט פון פ.ס.ס.ר. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, וועלכע מען האָט געבראַכט פון תּפיסה, וואו זיי זיינען נאָך געזעסן פאַר פריערדיקע פאַרברעכנס, זיינען געשטאַנען פאַרן געריכט צוזאַמען מיט פערצן פון זייערע פריערדיקע שותּפים אויף דער באַשולדיקונג פון פאַר־ראַט. די אַנדערע באַשולדיקטע זיינען געווען: די אַמאָליקע פירער פון טראָצקיס גוואַרדיע, איוואַן סמירנאָוו, סערגעי מראַטשקאָווסקי און אפרים דרייצער; זינאָוויעווס סעקרעטאַר, גריגאָרי יעוודאָקימאָוו און זיין געהילף, איוואַן באַקאַיעוו; און פינף פון טראָצקיס ספּעציעלע טעראָריסטישע שלוחים: פריץ דעיוויד, נאַטאַן לוריע, מאָיסעי לוריע, קאָנאָן בערמאַן־יורין און וואַלענטין אָלבערג.

דער פּראָצעס — דער ערשטער פון די אַזוי־גערופענע „מאָסקווער פּראָ־צעסן" — האָט אויפגעדעקט און צעשמעטערט דעם טעראָריסטישן צענטער, דעם ערשטן שיכט פונעם קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט. אין דער זעלביקער צייט האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז די פאַרשווערונג קעגן סאָוועטן־רעזשים איז אַוועק פיל ווייטער און האָט אַריינגעצויגן פיל וויכטיקערע כּחות ווי די אָנגעקלאָגטע טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישע טעראָריסטן.

אין גאַנג פונעם פּראָצעס האָט דאָס רוסישע פאָלק צום ערשטן מאָל גע־הערט וועגן די נאָענטע באַציאונגען וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן לעאָן טראָצקין און די פירער פון נאַצי־דייטשלאַנד. בעת דער סאָוועטישער פּראָ־קוראָר א. אי. ווישינסקי האָט אויסגעפרעגט דעם דייטשן טראָצקיסט וואַלענטין אָלבערג, וועמען טראָצקי גופא האָט אַריינגעשיקט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן שטוינענדיקע פאַקטן:

ווישינסקי: וואָס ווייסט איר וועגן פרידמאַנען?

אָלבערג: פרידמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער בערלינער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע, און איז אויך געשיקט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ווישינסקי: איז אייך באַוואוסט דער פאַקט, אַז פרידמאַן איז געווען פאַרבונדן מיט דער דייטשער געהיים־פּאָליציי?

אָלבערג: איך האָב געהערט וועגן דעם.

ווישינסקי: פאַרבינדונגען צווישן די דייטשע טראָצקיסטן אוז דער דייטשער פּאָליציי — איז דאָס געווען סיסטעמאַטיש?

אָלבערג: יאָ, עס איז געווען סיסטעמאַטיש און מען האָט עס געטאָן מיט טראָצקיס צושטימונג.

ווישינסקי: פונוואַנען ווייסט איר, אַז מען האָט דאָס געטאָן מיט טראָצקיס וויסן און צושטימונג?

אָלבערג: איך אַליין האָב אָנגעהאַלטן איינע פון די פאַרבינדונג־ליניעס. מיין פאַרבינדונג איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט טראָצקיס גוטהייסונג.

ווישינסקי: אייערע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט וועמען?

אָלבערג: מיט דער פאַשיסטישער געהיים־פּאָליציי.

ווישינסקי: הייסט עס, קאָן מען זאָגן, אַז איר אַליין גיט צו אייערע פאַרבינדונגען מיט דער געשטאַפּאָ?

אָלבערג: איך לייקן דאָס ניט. אין 1933 האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע סיסטעמאַטישע פאַרבינדונג צווישן די דייטשע טראָצקיסטן און דער דייטשער פאַשיסטישער פּאָליציי.

אָלבערג האָט דערציילט דעם געריכט, ווי אַזוי ער האָט געקראָגן דעם געפעלשטן דרום־אַמעריקאַנישן פּאַספּאָרט, אויף וועלכן ער איז אַריינגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט אים געקראָגן, האָט ער געזאָגט, דורך „טוקאַ־לעווסקין *), אַן אַגענט פון דער דייטשער געהיים־פּאָליציי אין פּראָג". אָלבערג האָט צוגעגעבן, אַז זיין ברודער, פּאַל אָלבערג, האָט אים געהאָלפן קריגן דעם פּאַספּאָרט.

— האָט אייער ברודער געהאַט וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט דער געשטאַפּאָ? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

— ער איז געווען טוקאַלעווסקיס אַגענט.

— אַן אַגענט פון דער פאַשיסטישער פּאָליציי?

*) ניט צו פאַרמישן מיט גענעראַל טוכאַטשעווסקי.

— יאָ, — האָט אַלבערג געענטפערט.

נאַטאַן לוריע, טראָצקיס שליח, האָט דעם געריכט דערציילט, ווי אַזוי איידער ער האָט פאַרלאָזט דייטשלאַנד האָט ער באַקומען אָנווייזונגען, אַז נאָך זיין אָנקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל ער אַרבעטן מיטן דייטשן אינזשעניער אַרכיטעקט, פראַנץ ווייץ.

— ווער איז דאָס פראַנץ ווייץ? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

— פראַנץ ווייץ איז אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטי־שער פאַרטיי פון דייטשלאַנד, — האָט לוריע געזאָגט. — ער איז אָנגעקומען אינעם פ.ס.ס.ר. אויף הימלערס באַפעלן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער הויפּט פון שוץ־שטאַפּעל און דערנאָך דער הויפּט פון דער געשטאַפּאָ.

— איז פראַנץ ווייץ געווען זיין פאַרטרעטער?

— פראַנץ ווייץ איז אָנגעקומען אין פ.ס.ס.ר. אויף הימלערס באַפעלן און מיטן צוועק צו באַגיין טעראָריסטישע אַקטן.

אָבער ערשט נאָך קאַמעניעווס עדות־זאָגן האָבן די פירער פונעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן ענדלעך באַגריפן, אַז זייער לאַגע איז אַ פאַר־צווייפלטע. קאַמעניעוו האָט אויסגעזאָגט וועגן דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע „שיכטן" אינעם קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט.

— ווייסנדיק, אַז מיר קאָנען אויפגעדעקט ווערן, — האָט קאַמעניעוו געזאָגט דעם געריכט, — האָבן מיר אויסגעטיילט אַ קליינע גרופּע, וועלכע זאָל אָנפירן אונדזערע טעראָריסטישע טעטיקייטן. פאַר דעם צוועק האָבן מיר באַשטימט סאָקאָלניקאָוון. עס האָט אונדז געשיינט, אַז סערעבריאַקאָוו און ראַדעק וועלן דערפאָלגרייך דורכפירן זייער טראָצקיסטישע ראָלע. . . . אין 1932, 1933 און 1934 האָב איך פערזענלעך אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט טאָמסקין און בוכאַרינען און האָב אויסגעפרואווט זייערע פּאָליטישע שטימונ־גען. זיי האָבן מיט אונדז סימפּאַטיזירט. ווען איך האָב טאָמסקין געפרעגט וועגן ריקאָווס מיינונגען, האָט ער געענטפערט: „ריקאָוו דענקט פונקט אַזוי ווי איר." און אויף מיין פראַגע וואָס בוכאַרין דענקט, האָט ער געענטפערט: „בוכאַרין דענקט אַזוי ווי איך, אָבער ער פאָלגט נאָך אַביסל אַן אַנדערע טאַק־טיק; ער איז ניט מסכים מיט דער פאַרטיי־ליניע, אָבער זיין טאַקטיק איז פאַרעקשנט איינצואוואָרצלען זיך אין דער פאַרטיי און געווינען דעם פערזענ־לעכן צוטרוי פון דער פירערשאַפט."

טייל פון די באַשולדיקטע האָבן געבעטן רחמים. אַנדערע, האָט עס אויס־געזען, האָבן זיך איבערגעגעבן צו זייער גורל. „די פּאָליטישע וויכטיקייט און די פאַרגאַנגענהייט פון יעדן איינעם פון אונדז זיינען ניט געווען די זעלבע", האָט אפרים דרייצער, אַ געוועזענער פירער פון טראָצקיס לייב־וואַך, געזאָגט.

„אָבער דורך דעם וואָס מיר זיינען געוואָרן מערדער, זיינען מיר דאָ אַלע גלייך. איך, יעדנפאַלס, בין איינער פון יענע, וועלכע האָבן ניט קיין רעכט צו דערוואַרטן אָדער צו בעטן רחמנות און פאַרגעבונג.“

דער טעראָריסט פריץ דעיווּיד האָט אין זיינע לעצטע ווערטער אויסגעשריגן: „איך פאַרשעלט טראָצקין! איך פאַרשעלט דעם מאַן, וועלכער האָט רואינירט מיין לעבן און מיך אַריינגעשטויסן אין אַזאַ שוידערלעכן פאַרברעכן!“

אין אָוונט פונעם 23טן אויגוסט האָט דער מיליטערישער קאָלעגיום פונעם סאָוועטישן העכסטן געריכט אַרויסגעגעבן זיין אורטייל. זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, סמירנאָוו און די דרייצן אַנדערע מיטגלידער פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־בונד זיינען פאַרמשפּט געוואָרן דערשאָסן צו ווערן פאַר זייערע טעראָריסטישע און פאַררעטערישע טעטיקייטן.

אַ וואָך שפּעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק, סאָקאָלניקאָוו און סערעבריאַקאָוו. דעם 27טן סעפּטעמבער איז יאַגאָדאַ אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער „נקווד“. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען נ. י. יעזשאָוו, דער הויפּט פונעם ספּעציעלן אויספאָרשונג־קאָמיטעט פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. בלויז איין טאָג איידער מען האָט אים אַרויסגעזעצט פון דער „נקווד“־ביוראָ, האָט יאַגאָדאַ געמאַכט אַ לעצטן ווילדן פּאָרזוך צו פאַרסמען זיין נאָכפאָלגער, יעזשאָוו. דער פּאָרזוך איז דורכגעפאַלן.

די לעצטע שעה פאַר די רוסישע פאַרשווערער איז אָנגעקומען. די רעכטע פירער, בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי, האָבן דערוואַרט יעדן טאָג אַרעסטירט צו ווערן. זיי האָבן געפאָדערט באַלדיקע האַנדלונג און ניט וואַרטן אויף אַ מלחמה. דער אויף טויט־צעשראָקענער רעכטער הויפּט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, טאָמסקי, האָט פאָרגעשלאָגן אַ באַלדיקן באַוואָפנטן איבערפאַל אויפן קרעמל. דאָס איז צוריקגעוויזן געוואָרן אַלס צו־ריזיקאַליש. די כחות זיינען ניט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ אָפענער אַוואַנטורע.

ביי אַ לעצטער פאַרזאַמלונג פון די הויפּט־פירער פונעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן, נאָך איידער פּיאַטאַקאָוו און ראַדעק זיינען אַוועק אין תפיסה, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צוצוגרייטן צו אַ באַוואָפנטן רעוואָלט. צוצוגרייטן אַט־דעם איבערפאַל און אָנצופירן מיטן גאַנצן קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט, איז איבערגעגעבן געוואָרן ניקאָלאַי קרעסטינסקין, דער געהילף־קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים. קרעסטינסקי האָט זיך ניט געהאַט אויפגעדעקט ווי די אַנדערע, און מען וואָלט דעריבער אים וואַרשיינלעך ניט פאַרדעכטיקט; דערצו האָט ער אָנגעהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונגען מיט טראָצקין און מיט די דייטשן.

ער וואָלט געקענט אָנגיין אַפילו אויב בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי זאָלן אַרעסטירט ווערן.

קרעסטינסקי האָט אַלס זיין באַפולמעכטיקטן און צווייטן אָנפירער נאָך אים אויסגעקליבן אַרקאַדי ראָזענגאָלץ, וועלכער איז לעצטנס צוריקגעקומען קיין מאָסקווע פון בערלין, וואו ער האָט אין משך פון אַ צאָל יאָרן אָנגעפירט מיט דער סאָוועטישער אויסלענדישער האַנדל־קאָמיסיע. אַ הויכער, העלער און אַטלעטיש־אויסזעענדיקער מאַן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן וויכטיקע אַמטן אין דער סאָוועטישער אַדמיניסטראַציע, האָט ראָזענגאָלץ געהאַלטן בסוד זיין טראָצקיסטישע אָנגעהעריקייט. בלויז טראָצקי און קרעסטינסקי האָבן גע־וואוסט וועגן ראָזענגאָלצעס ראָלע אַלס טראָצקיסט און אַלס באַצאָלטער אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט זינט 1923.*)

פון דער צייט אָן איז דער דירעקטער קאָנטראָל איבערן בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן געלעגן אין די הענט פון צוויי טראָצקיסטן, וועלכע זיינעןביידע געווען דייטשע אַגענטן: קרעסטינסקי און ראָזענגאָלץ. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע האָבן זיי ביידע באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר דער רוסישער פינפטער קאָלאָנע צו שפּילן איר לעצטע קאָרט.

די לעצטע קאָרט איז געווען דער מיליטערישער „פּוטש“. דער מאַן, וועמען מען האָט אויסגעקליבן אָנצופירן מיט דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד, איז געווען מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי, דער געהילף־קאָמיסאַר פון פאַרטיידיקונג פונעם פ.ס.ס.ר.

---

*) ראָזענגאָלץ האָט געדינט אַלס אַ רויט־אַרמייאישער קאָמאַנדיר אין דער צייט פון דער אינטערווענציע־מלחמה. נאָך דער מלחמה האָט מען אים געשיקט קיין בערלין אַלס האַנדל־אַגענט ביי דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. אין 1923 האָט טראָצקי אים געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער דייטשער מיליטערישער געהיים־דינסט. פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען, און וואָס איז געגאַנגען צו פינאַנסירן די אומ־לעגאַלע טראָצקיסטישע טעטיקייט, האָט ראָזענגאָלץ צוגעשטעלט די דייטשן געהיימע פאַקטן וועגן סאָוועטישן לופט־פלאָט, צו וועלכע טראָצקי, אַלס קריג־קאָמיסאַר, האָט דאַן געהאַט אַ צוטריט. קיין אָפענעם אָנטייל האָט ראָזענגאָלץ ניט גענומען אין דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. אין 1934 האָט בעזסאָנאָוו אים געבראַכט אַ מעלדונג פון טראָצקין, אין וועלכער ער האָט אים אָנגעוויזן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט צו האַנדלען וויניקער פאָרזיכטיק און אָנצופאַנגען „אַקטיווע ברעכערישע אַר־בעט אויפן געביט פון אויסלענדישן האַנדל“. ראָזענגאָלץ איז געווען קאָמיסאַר פון אויסלענדישן האַנדל ביי דער סאָוועטישער האַנדלס־קאָמיסיע אין בערלין. אַ קורצע צייט האָט ער געקאָנט פאַרקירעווען דעם סאָוועטישן האַנדל אין אַזעלכע וועגן, וואָס האָבן זיך געלוינט פאַר נאַצי־דייטשלאַנד און, שפּעטער, פאַר יאַפּאַן. אָנהויב 1936 איז ראָזענגאָלץ צוריקגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע.

קאפיטל 20

דער סוף פונעם וועג

1. טוכאטשעווסקי

ווידעראמאל האט דער גייסט פון דעם קארסיקאנער זיך באוויזן אין רוס־לאנד. דער נייער קאנדידאט פאר דער ראלע איז געווען דער גראבער, אנ־געכמורעטער רויט־ארמייאישער מארשאל, מיכאאיל ניקאלאיעוויטש טוכא־טשעווסקי, דער געוועזענער צארישער אפיציר און זון פון טיטולירטע לאנדבאזיצער, וועלכער איז געווארן איינער פון די פירער פון דער רויטער ארמיי.

אלס יונגערמאן, ווען ער האט גראדואירט פון דער אריסטאקראטישער אלעקסאנדראווסקער מיליטערישער אקאדעמיע, האט טוכאטשעווסקי פאראויס־געזאגט: „אדער איך וועל זיין א גענעראל צו דרייסיק, אדער איך וועל באגיין זעלבסטמארד!" אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ער געקעמפט אלס אפיציר אין דער צארישער ארמיי. אין 1915 האבן אים די דייטשן געפאנגען. א פראנצויזישער אפיציר, לייטענאנט פערוואק, וועלכער איז געווען א גע־פאנגענער צוזאמען מיט טוכאטשעווסקין, האט שפעטער באשריבן דעם רוסישן אפיציר אלס א זארגלאזן און אמביציעזן. זיין קאפ איז געווען אנגעשטאפט מיט ניטשעאנישער פילאזאפיע. „איך האס דעם הייליקן וולאדימיר, וועלכער האט געבראכט דאס קריסטנטום אין רוסלאנד, און דורך דעם איבערגעגעבן רוסלאנד אין די הענט פון דער מערב־ציוויליזאציע!" האט טוכאטשעווסקי אויסגערופן. „מיר וואלטן זיך געדארפט האלטן ביי אונדזער פרימיטיוון געצנ־דינסט, אונדזער בארבאריזם. זיי וועלן אבער ביידע צוריקקומען; איך בין זיכער אין דעם!" רעדנדיק וועגן רעוואלוציע אין רוסלאנד, האט טוכא־טשעווסקי געזאגט: „פיל ווילן דאס. מיר זיינען א פויל פאלק, אבער זייער צעשטעריש. און אויב עס זאל געשען א רעוואלוציע, ווייסט איין גאט מיט וואס זי וועט זיך פארענדיקן. איך גלויב, אז א קאנסטיטוציאנעלער רעזשים וואלט געמיינט דער סוף פון רוסלאנד. מיר מוזן האבן א דעספאט!"

ערב דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, איז טוכאטשעווסקי אנטלאפן פון דייטשער געפאנגענשאפט און זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד. ער האט זיך

אָנגעשלאָסן אָן זיינע קאָלעגן אָפיצירן פון דער צאַרישער אַרמיי, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די ווייסע אַרמייען קעגן די באָלשעוויקעס. דערנאָך האָט ער פּלוצים געביטן זיין אָנהעגנגערשאַפט. טוכאַטשעווסקי האָט פאַרטרויט איינעם פון זיינע פריינט, דעם ווייס־גוואַרדייאישן קאַפּיטאַן דימיטרי גאָלום־בעק, זיין באַשלוס צו פאַרלאָזן די ווייסע. „איך האָב אים געפרעגט וואָס ער וועט טאָן", האָט גאָלום־בעק שפּעטער פאַרצייכנט. „ער האָט געענטפערט: 'אָפן גערעדט, איך גיי מיט די באָלשעוויקעס. די ווייסע אַרמיי קאָן גאָרניט אויפטאָן. מיר האָבן ניט קיין פירער.' ער האָט אַרומגעשפּאַנט עטלעכע מינוט און דאַן אויסגערופן: 'איר מוזט מיר ניט נאָכגיין, אויב איר ווילט ניט, אָבער איך גלויב, אַז איך טו אַ גלייכע זאַך. רוסלאַנד גייט אין אַ נייער ריכטונג!'"

אין 1918 האָט טוכאַטשעווסקי זיך אָנגעשלאָסן אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. איינגיכן האָט ער געפונען זיין פּלאַץ צווישן די מיליטערישע אַוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם קריגס־קאָמיסאַר טראָצקי; ער איז אָבער געווען פאָרזיכטיק ניט צו ווערן צופיל פאַרמישט אין טראָצקיס פּאָליטישע אינטריגעס. אַ טרענירטער און דערפאַרענער סאָלדאַט, איז טוכאַטשעווסקי שנעל געוואַקסן אין די רייען פון דער אומדערפאַרענער רויטער אַרמיי. ער איז געווען קאָמאַנדיר פון די ערשטע און פינפטע אַרמייען אויפן וואָלגע־פראָנט, אָנטיילגענומען אינעם דערפאָלגרייכן אָנגריף קעגן דעניקינען און, צוזאַמען מיט טראָצקין, אָנגעפירט מיט דעם אומגעלונגענעם קאָנטער־אָנגריף קעגן די אָנגרייפנדיקע פּאָליאַקן. אין 1922 איז ער געוואָרן דער הויפּט פון דער רויט־אַרמייאישער מיליטערישער אַקאַדעמיע. ער איז געווען איינער פון די פירנדיקע רוסישע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די מיליטערישע פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשער וואַימאַר־רעפּובליק באַלד נאָך דעם ראַפּאַלאָ־אָפּמאַך פון יענעם יאָר.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט טוכאַטשעווסקי אָנגעפירט מיט אַ קליינער גרופּע פּראָפעסיאָנעלע מיליטערלייט און געוועזענע צאַרישע אָפיצירן אינעם גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן געהאַסט די פירערשאַפט פון די געוועזענע באָלשעוויסטישע פּאַרטיזאַנער, מיכאַאיל בודיאָני און מאַרשאַל וואָראָשילאָוו. טוכאַטשעווסקיס גרופּע האָט איינגעשלאָסן די רויט־אַרמייאישע גענעראַלן יאַקיר, קאָרק, אובעראָוויטש און פעלדמאַן, וועלכע האָבן כמעט שקלאַפיש באַוואונדערט דעם דייטשן מיליטאַריזם. טוכאַטשעווסקיס נאָענטסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען דער טראָצקיסטישער אָפיציר וו. י. פּוטנאַ, וועלכער איז געווען מיליטערישער אַטאַשע אין בערלין, לאָנדאָן און טאָקיאָ, און גענעראַל יאַן ב. גאַמאַרניק, אַ פּערזענלעכער פריינט פון די רייכסווער־גענעראַלן סיקט און האַמערשטיין.

צוזאַמען מיט פּוטנאַ און גאַמאַרניק, האָט טוכאַטשעווסקי איינגיכן געפֿינדעט אַ קליינע, איינפֿלוסרייכע פּראָ־דייטשע קליקע אין גענעראַל־שטאַב פֿון דער רויטער אַרמיי. טוכאַטשעווסקי און זיינע פֿאַרבינדעטע האָבן געוואוסט וועגן טראָצקיס אָפּמאַך מיטן רייכסווער, נאָר זיי האָבן דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ „פּאָליטישער" איינריכטונג. דאָס האָט געזאָלט באַלאַנסירט ווערן דורך אַ מיליטערישן פֿאַרבאַנד צווישן טוכאַטשעווסקיס מיליטערישער גרופּע און דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע. היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט אויף קיין איין אופֿן ניט געענדערט די געהיימע פֿאַרשטענדיקונג צווישן טוכאַטשעווסקין און די דייטשע מיליטערישע פֿירער. היטלער, פּונקט ווי טראָצקי, איז געווען אַ „פּאָליטיקער". די מיליטערישע לייט האָבן געהאַט זייערע אייגענע אידייען.

זינט דער גרינדונג פֿונעם בונד פֿון די רעכטע און טראָצקיסטן, האָט טראָצקי באַטראַכט טוכאַטשעווסקין פֿאַר דער וויכטיקסטער קאָרט פֿון דער גאַנצער פֿאַרשווערונג, וועלכע דאַרף געשפּילט ווערן בלויז אין אַן אַנטשיידענעם, סטראַטעגישן מאָמענט. טראָצקי האָט זיינע באַציאונגען מיט טוכאַטשעווסקין אָנגעהאַלטן דערהויפּט דורך קרעסטינסקין און דורך דעם טראָצקיסטישן מיליטערישן אַטאַשע, פּוטנאַ. שפּעטער האָט בוכאַרין באַשטימט טאָמסקין אַלס זיין פֿערזענלעכן פֿאַרמיטלער מיט דער מיליטערישער גרופּע. ביידע, סיי טראָצקי און סיי בוכאַרין, האָבן גאַנץ גוט געוואוסט וועגן טוכאַטשעווסקיס פֿאַראַכטונג פֿאַר „פּאָליטיקער" און „אידעאָלאָגן", און זיי האָבן זיך געשראָקן פֿאַר זיינע מיליטערישע אַמביציעס. ווען ער האָט דיסקוטירט מיט טאָמסקין וועגן דער מעגלעכקייט פֿון אַרויסרופֿן די מיליטערישע גרופּע צו אַקציע, האָט בוכאַרין געזאָגט:

— דאָס דאַרף זיין אַ מיליטערישער קלאַפּ. לאָגישערווייז, וועט די מיליטערישע גרופּע פֿון די פֿאַרשווערער האָבן אַן אויסערגעוויינלעכן איינפֿלוס. . . . דעריבער קאָן אויסוואַקסן אַ מאָדנע באָנאַפּאַרטישע געפֿאַר. און באָנאַפּאַרטיסטן — איך טראַכט איבערהויפּט וועגן טוכאַטשעווסקין — וועלן שנעל מאַכן אַ סוף פֿון זייערע פֿאַרבינדעטע און אַזוי־גערופֿענע באַגייסטערער אויף אַ נאַפּאָלעאָנישן אופֿן. טוכאַטשעווסקי איז אַ מעגלעכער נאַפּאָלעאָנטשיק, און איר ווייסט דאָך ווי אַזוי נאַפּאָלעאָן האָט געהאַנדלט בנוגע זיינע אַזוי־גערופֿענע אידעאָלאָגן!

בוכאַרין האָט אַ פֿרעג געטאָן טאָמסקין:

— ווי אַזוי שטעלט זיך טוכאַטשעווסקי פֿאַר דעם מעכאַניזם פֿונעם רעוואָלט?

— דאָס איז דער עסק פֿון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, — האָט

טאָמסקי געענטפערט. ער האָט צוגעגעבן, אַז די מיליטערישע גרופּע פּלאַנירט, אַז ביים מאָמענט וואָס די נאַציס וועלן אָנפאַלן אויף סאָוועט־רוסלאַנד, וועלן זיי „עפענען דעם פראָנט פאַר די דייטשן" — דאָס מיינט, זיך אונטערגעבן צו דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע. אָט דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַלע זיינע פּרטים און איז גוטגעהייסן געוואָרן פון טוכאַטשעווסקין, פּוטנאָן, גאַמאַרניקן און די דייטשן.

— אויב אַזוי, — האָט בוכאַרין נאָכדענקענדיק געזאָגט, — וועלן מיר אפשר קאָנען פּטור ווערן פון דער באָנאַפּאַרטישער געפאַר, וואָס שרעקט מיך.

טאָמסקי האָט ניט פאַרשטאַנען. בוכאַרין האָט דערקלערט: טוכאַטשעווסקי וועט פּרוּוון איינשטעלן אַ מיליטערישע דיקטאַטור; ער וועט אפילו פּרובירן קריגן אונטערשטיצונג פונעם פאָלק, דורך דעם וואָס ער וועט די פּאָליטישע פירער פון דער פאַרשווערונג מאַכן פאַר די שעיר לעזאזלס. אָבער די פּאָליטישע פירער, קוים קומען זיי צו דער מאַכט, קאָנען דאָך דאָס זעלביקע טאָן מיט דער מיליטערישער גרופּע. בוכאַרין האָט געזאָגט צו טאָמסקין: „עס וועט אפשר נויטיק זיין צו משפּטן די וואָס זיינען שולדיק אין דער 'מפּלה' אויפן פראָנט. דאָס וועט פאַר אונדז מעגלעך מאַכן איבערצוגעווינען די מאַסן דורך שפּילן אויף פּאַטריאָטישע לאָזונגען."

אָנהויב 1936 איז טוכאַטשעווסקי אַוועק קיין לאָנדאָן אַלס סאָוועטישער מיליטערישער פאָרטרעטער צו דער לוויה פון קעניג דזשאָרדזש דעם פינפטן פון ענגלאַנד. פאַר זיין אָפּפאָר האָט ער באַקומען דעם באַגערטן טיטל מאַרשאַל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז שוין דעמאָלט געווען איבערצייגט, אַז די צייט קומט באַלד אָן, ווען מען וועט אַרונטערוואַרפן דעם סאָוועטן־רעזשים און אַ נייע רוסלאַנד, אין אַ מיליטערישן בונד מיט דייטשלאַנד און יאַפּאַן, וועט קעמפן פאַר דער באַהערשונג פון דער וועלט.

אויף זיין וועג קיין לאָנדאָן האָט טוכאַטשעווסקי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אין וואַרשע און אין בערלין, וואו ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט פּוילישע „קאָרנעלס" און דייטשע גענעראַלן. זיין שטימונג איז געווען אַזאַ זיכערע, אַז ער האָט געמאַכט אַ קנאַפּן פאַרזוך צו באַהאַלטן אין דער עפנטלעכקייט זיין פאַרערונג פון די דייטשע מיליטאַריסטן.

אומקערנדיק זיך פון לאָנדאָן, האָט טוכאַטשעווסקי ביי אַ פאָרמעלן מיטאָג אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז איבערראַשט די אייראָפּייאישע דיפּלאָמאַטן מיט זיין עפנטלעכער אַטאַקע אויף דעם פאַרזוך פון דער סאָוועטן־רעגירונג צו דערגרייכן קאָלעקטיווע זיכערקייט מיט די מערב־דעמאָקראַטיעס. טוכאַטשעווסקי, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טיש לעבן ניקאָלאַס טיטולעסקו, דער רומענישער אויסערן־מיניסטער, האָט אים געזאָגט:

— הער מיניסטער, איר מאַכט אַ טעות פאַרבינדנדיק אייער קאַריערע און דעם שיקזאַל פון אייער לאַנד מיט לענדער וואָס זיינען אַלט און האַלטן ביים אונטערגיין, ווי צום ביישפיל, גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך. צום נייעם דייטשלאַנד דאַרפן מיר זיך ווענדן. אַ געוויסע צייט, לכל הפחות, וועט דייטש־לאַנד זיין די אָנפירערין פונעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט. איך בין זיכער, אַז היטלער וועט העלפן ראַטעווען אונדז אַלעמען.

טוכאַטשעווסקיס באַמערקונגען זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פונעם רומענישן דיפּלאָמאַט און פונעם הויפּט פון דער פּרעסע־דינסט ביי דער רומענישער אַמ־באַסאַדע אין פּאַריז, ע. שאַכאַנאַן עסעזע, וועלכער איז אויך בייגעווען ביים באַנקעט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. אַן אַנדערער גאַסט, די באַרימטע פראַנצויזישע פּאָליטישע זשורנאַליסטקע זשענעוויעוו טואַבאיס, האָט דערנאָך דערציילט אין איר בוך, „מען רופט מיך קאַסאַנדראַ״:

איך האָב זיך געדאַרפט באַגעגענען צום לעצטן מאָל מיט טוכאַ־טשעווסקין אויף מאָרגן נאָך דער לויה פון קעניג דזשאָרדזש דעם פינפטן. ביים מיטאָג אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע איז דער רוסי־שער גענעראַל געווען שטאַרק פאַרנומען שמועסנדיק מיט פּאָליטיס, טיטולעסקו, העריאָ און באָנקור. . . . ער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ רייזע קיין דייטשלאַנד, און האָט התלהבותדיק גע־לויבט די נאַציס. זיצנדיק אויף מיין רעכטער זייט, האָט ער דיסקוטירנ־דיק דעם לופט־אַפּמאַך צווישן די גרויסע מאַכטן און היטלערס מדינה אָבעראָמאָל און ווידעראָמאָל געזאָגט: „מאַדאַם טואַבאיס, זיי זיינען שוין איצט אומבאַזיגבאַר!״

פאַרוואָס האָט ער גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט? איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט פון דער האַרציקער אויפנאַמע וואָס ער האָט באַקומען פון די דייטשע דיפּלאָמאַטן, פאַר וועמען עס איז געווען לייכט צו רעדן צום דאָזיקן מענטשן פון דער אַלטער רוסישער שול? יעדנפאַלס בין איך ניט געווען די איינציקע יענעם אָוונט, וואָס איז אַלאַרמירט געוואָרן פון דעם ענטוזיאַזם, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן. איינער פון די געסט, אַ וויכטיקער דיפּלאָמאַט, האָט אַריינגעשושקעט אין מיין אויער אַרייַן, ווען מיר זיינען אַוועק פון דער אַמבאַסאַדע: „איך האָף, אַז אַלע רוסן טראַכטן ניט אַזוי ווי ער.״

די סענסאַציאָנעלע אויפדעקונגען ביים פּראָצעס פון דעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָריסטישן בונד אין אויגוסט 1936, און די שפּעטערדיקע אַרעסטן פון פּיאַטאַקאָוון און ראַדעקן, האָבן געפערלעך אַלאַרמירט טוכאַ־

טשעווסקין. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט קרעסטינסקין און אים געזאָגט, אַז די פּלענער פון די פאַרשווערער וועלן דאַרפן שטאַרק גע־ענדערט ווערן. אָריגינעל, האָט די מיליטערישע גרופּע ניט געדאַרפט אָנהויבן קיין שום אַקציע ביז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט אַטאַקירט ווערן פון דרויסן. אָבער אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוויקלונגען — דער פראַנצויזיש־סאָוועטישער אָפּמאַך, די אומדערוואַרטעטע פאַרטיידיקונג פון מאַדריד — זיינען כסדר אויפגעשוואומען און האָבן אָפּגעלייגט דרויסנדיקע אַקציע. די פאַרשווערער אין רוסלאַנד גופא, האָט טוכאַטשעווסקי געזאָגט, מוזן אונטערנעמען דעם ענין דורך מאַכן די איבערקערעניש פאַר דער באַשטימטער צייט. די דייטשן וועלן אויגנבליקלעך קומען צו הילף זייערע רוסישע פאַרבינדעטע.

קרעסטינסקי האָט געזאָגט, אַז ער וועט גלייך שיקן אַ מעלדונג צו טראָצקין און אים לאָזן וויסן וועגן דער נויטווענדיקייט אונטערצוטראָגן די אַקציע.

קרעסטינסקיס מעלדונג, וואָס ער האָט געשיקט טראָצקין אין אָקטאָבער, האָט זיך געלייענט:

„מיר גלויבן, אַז גאָר אַ גרויסע צאָל טראָצקיסטן זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן. אָבער די הויפּט־כחות פונעם בונד האָט מען פונדעסטוועגן נאָך ניט אַנגערירט. מיר קאָנען נאָך האַנדלען, אָבער פאַר דעם צוועק איז נויטיק פאַרן צענטער, אַז דרויסנדיקע אַקציע זאָל אונטערגעיאָגט ווערן."

מיט „דרויסנדיקער אַקציע" האָט קרעסטינסקי געמיינט דעם נאַצי־איבער־פאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד.

קורץ נאָכדעם וואָס די מעלדונג איז אָפּגעשיקט געוואָרן, האָט טוכאַ־טשעווסקי ביים אויסערגעוויינלעכן אַכטן סאָוועטן־קאָנגרעס אין נאָוועמבער 1936 אַ נעם געטאָן קרעסטינסקין אָן אַ זייט. די אַרעסטן ווערן פאַרגעזעצט, האָט טוכאַטשעווסקי אין אויפרעגונג אַ זאָג געטאָן, און עס איז ניט פאַראַן קיין סיבה צו גלויבן, אַז זיי וועלן זיך אָפּשטעלן ביים נידעריקן שיכט פונעם קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט. דער טראָצקיסטישער מיליטערישער פאַרמיטלער, פּוטנאַ, איז שוין אויך אַרעסטירט געוואָרן. עס איז קלאָר, אַז סטאַלין האָט אַ חשד וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ ברייטער פאַרשווערונג און איז גרייט אָנצונעמען דראַסטישע מיטלען. ער האָט שוין גענוג באַוויזן צו פאַר־משפּטן פּיאַטאַקאָוון און די אַנדערע. דער אַרעסט פון פּוטנאַן, און דאָס אַרונטערזעצן יאַגאָדאַן פון דער פאַרזיצערשאַפט פון דעם „נקווד", באַדייט, אַז די סאָוועטישע אויטאָריטעטן דערגרונטעווען זיך צום סאַמע וואָרצל פון דער פאַרשווערונג. מען קען ניט וויסן וואו דער וועג וועט דערפירן. די גאַנצע פאַרשווערונג הענגט אויף משקולת.

טוכאַטשעווסקי איז געווען פאַר באַלדיקער אַקציע. דער בונד מוז אָן שום

אַפּלייגן באַשליסן וועגן דעם, און צוגרייטן אַלע כחות צו שטיצן דעם מילי־טערישן קלאַפּ.

קרעסטינסקי האָט וועגן דעם איבערגערעדט מיט ראָזענגאָלצן. די צוויי טראָצקיסטישע דייטשע אַגענטן האָבן איינגעשטימט, אַז טוכאַטשעווסקי איז גערעכט. מען האָט אַוועקגעשיקט אַ צווייטע מעלדונג צו טראָצקין. אין אַט־דער מעלדונג, חוץ איבערגעבן טראָצקין וועגן טוכאַטשעווסקיס אַנטשלאָסנקייט אָנצוהויבן אַן אַקציע ניט וואַרטנדיק אויף אַ מלחמה, האָט קרעסטינסקי אויך אויפגעהויבן געוויסע וויכטיקע פראַגעס וועגן פּאָליטישער סטראַטעגיע. ער האָט געשריבן:

> מיר וועלן דאַרפן פאַרדעקן די אמתע צוועקן פון דעם רעוואָלט. מיר וועלן דאַרפן אַרויסגעבן אַ דערקלערונג צו דער באַפעלקערונג, צו דער אַרמיי, און צו די פרעמדע לענדער. . . . ערשטנס, אין אונדזער דערקלערונג צו דער באַפעלקערונג וועט גוט זיין ניט צו דערמאָנען, אַז אונדזער רעוואָלט צילט אַרונטערצוּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע סאָ־ציאַליסטישע אָרדענונג . . . מיר [דאַרפן] פּאָזירן אַלס סאָוועטישע רעבעלן; מיר וועלן בלויז אַרונטערוואַרפן אַ שלעכטע סאָוועטישע רעגירונג און צוריק איינשטעלן אַ גוטע סאָוועטישע רעגירונג. . . . מיר דאַרפן, יעדנפאַלס, ניט זיין צו־אויסגעשפּראָכן וועגן דער פראַגע.

טראָצקיס ענטפער איז אָנגעקומען קרעסטינסקין סוף דעצעמבער. דער פאַרשיקטער פירער האָט פולשטענדיק מסכים געווען מיט קרעסטינסקין. דער פאַקט איז, אַז נאָך פּיאַטאַקאָווס אַרעסט איז טראָצקי זעלבסטשטענדיק געקומען צום באַשלוס, אַז די מיליטערישע גרופּע זאָל, אָן שום ווייטערדיקע אָפּלייגע־נישן, גלייך האַנדלען. בעת קרעסטינסקיס בריוו צו אים איז נאָך געווען אויפן וועג, האָט ער שוין געשריבן צו ראָזענגאָלצן, פאַרשלאָגנדיק באַלדיקע מילי־טערישע האַנדלונג.

„נאָכדעם ווי מיר האָבן דערהאַלטן דעם ענטפער“, האָט קרעסטינסקי שפּעטער דערקלערט, „האָבן מיר אָנגעפאַנגען מאַכן מער דירעקטע צוגרייטונ־גען פאַר דעם קלאַפּ. טוכאַטשעווסקי האָט געקראָגן אַ פרייע האַנט. ער האָט באַקומען פולע פרייהייט אָנצוגיין דירעקט מיט דער אַרבעט.“

2. דער פּראָצעס פונעם טראָצקיסטישן פּאַראַלעל־צענטער

די סאָוועטן־רעגירונג האָט אויך געגומען האַנדלען. די אויפדעקונגען ביים זינאָוויעוו־קאַמעניעוו פּראָצעס האָבן פעסטגעשטעלט אָן שום ספק, אַז די פאַרשווערונג אינעם לאַנד נעמט אַרום פיל מער ווי בלויז די געהיימע „לינקע” אָפּאָזיציע. דיווירקלעכע צענטערן פון דער פאַרשווערונג געפינען זיך גאָרניט אין רוסלאַנד בכלל; זיי געפינען זיך גאָר אין בערלין און אין טאָקיאָ. אינעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג איז פאַר דער סאָוועטן־רעגירונג אַלץ קלאָרער געוואָרן דער אמתער אויסזען און כאַראַקטער פון דער פינפטער קאָלאָנע פון די אַקס־מלוכות.

דעם 23טן יאַנואַר, 1937, זיינען פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק, סאָקאָלניקאָוו, שעסטאָוו, מוראַלאָוו און נאָך צוועלף פון זייערע מיטפאַרשווערער, צווישן זיי גאָר וויכטיקע אַגענטן פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע געהיים־דינסטן, געשטעלט געוואָרן אין מאָסקווע צום געריכט פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פון דעם העכסטן געריכט פונעם פ.ס.ס.ר., אויף דער קלאַגע פון פאַרראַט.

חדשים־לאַנג האָבן די פירנדיקע מיטגלידער פונעם טראָצקיסטישן צענטער אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונגען, וואָס מען האָט קעגן זיי געבראַכט. אָבער די באַווייזן קעגן זיי זיינען געווען פולשטענדיק און איבערוועגנדיק. איינער נאָך דעם אַנדערן האָבן זיי צוגעגעבן, אַז זיי האָבן אָנגעפירט מיט סאַבאָטאַזש און טעראָר־אַקטיוויטעטן, און אויף טראָצקיס באַפעלן אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די דייטשע און יאַפּאַנעזישע רעגירונגען. אָבער סיי ביי די פאָרלויפיקע פאַרהערן, סיי ביים פּראָצעס גופא, האָבן זיי נאָך אַלץ ניט אויפגעדעקט דאָס גאַנצע בילד. זיי האָבן גאָרניט געזאָגט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער מיליטערישער גרופּע; זיי האָבן ניט דערמאָנט קרעסטינסקין אָדער ראָזענגאָלצן; זיי זיינען געבליבן שטום וועגן דעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן, דער לעצטער און סאַמע מעכטיקסטער „שיכט” פון דער פאַרשווערונג, וועלכער האָט זיך פיבעריש צוגעגרייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט אַפילו איצט, בעת זיי זיינען געווען אונטער דעם קרייץ־פאַרהער.

אין תפיסה האָט סאָקאָלניקאָוו, דער געוועזענער געהילף־קאָמיסאַר איבער מזרח־ענינים, אויפגעדעקט דאָס פּאָליטישע פּנים פון דער פאַרשווערונג; דעם אָפּמאַך מיט העסן, די פאַרניכטונג פונעם פ.ס.ס.ר., דעם פּלאַן איינצושטעלן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור נאָכדעם ווי דער סאָוועטישער רעזשים וועט אַרונטערגעוואָרפן ווערן. אין געריכט האָט סאָקאָלניקאָוו עדות געזאָגט:

מיר האָבן באַטראַכט דעם פּאַשיזם פאַר דער אָרגאַניזירטסטער פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם, אַז ער וועט זיגן, פאַרכאַפּן אייראָפּע און אונדז דערשטיקן. עס איז דעריבער בעסער געווען צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט אים. . . . דאָס אַלץ איז דערקלערט געוואָרן דורכן פאַלגנדיקן אַרגומענט: עס איז פיל בעסער צו ברענגען קרבנות, אפילו זייער שווערע, איידער אַלצדינג צו פאַרלירן. . . . מיר האָבן געטראַכט ווי פּאָליטיקער . . . מיר האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן נעמען געוויסע שאַנסן.

פּיאַטאַקאָוו האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז געווען דער פירער פונעם טראָצקיסטישן צענטער. רעדנדיק מיט אַ שטילער, געלאַסענער שטימע, פאַר־זיכטיק קלייבנדיק די ווערטער, האָט דער פריערדיקער מיטגליד פונעם העכסטן נאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן ראַט באַשטעטיקט דעם פעסטגעשטעלטן פאַקט וועגן די סאַבאָטאַזש־ און טעראָר־טעטיקייטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט ביז צום מאָמענט פון זיין אַרעסטירט ווערן. שטייענדיק אין דער אָפּצאָמונג, מיט זיין לאַנגן, דינעם און בלאַסן פּנים, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַפּאַטיש, האָט ער, לויט דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר דזשאָזעף ע. דעיוויס, אויסגעזען „ווי אַ פּראָפעסאָר, וואָס האַלט אַ לעקציע".

ווישינסקי האָט געפּרוּווט באַווייזן פּיאַטאַקאָוון ער זאָל אויסזאָגן אויף וואָסער אופן די טראָצקיסטן און די דייטשע און יאַפּאַנעזישע אַגענטן האָבן זיך איינער דעם אַנדערן דערקענט. פּיאַטאַקאָוו האָט די פראַגע אויסגעמיטן:

ווישינסקי: פאַר וועלכע סיבות האָט דער דייטשער אַגענט ראַטאַי־טשעק זיך געלאָזט דערקענען פון אייך?

פּיאַטאַקאָוו: צוויי פּערזאָן האָבן גערעדט צו מיר . . .

ווישינסקי: האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו אייך, אָדער איר צו אים?

פּיאַטאַקאָוו: מען קאָן זיך קעגנזייטיק דערקענען.

ווישינסקי: האָט איר זיך געלאָזט דערקענען פריער?

פּיאַטאַקאָוו: ווער איז געווען דער ערשטער, ער אָדער איך — די הון אָדער דאָס איי — איך ווייס ניט.

ווי דזשאָן גאָנטער האָט שפּעטער געמאָלדן אין „אייראָפּע פון אינעווייניק":

דער איינדרוק, וואָס האָט געגאָלטן אין אויסלאַנד, אַז אַלע באַ־שולדיקטע האָבן געזאָגט די זעלביקע זאַך, אַז זיי זיינען געווען אונטער־טעניק און זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר, אַז זיי האָבן זיך אויפגעפירט

ווי שאַף אינעם שלאַכט־הויז, איז אינגאַנצן ניט ריכטיק. פאַרעקשנט האָבן זיי אַרגומענטירט מיטן פּראָקוראָר; און בכלל האָבן זיי געזאָגט בלויז דאָס, וואָס זיי זיינען געצוואונגען געווען צו זאָגן. . . .

אין גאַנג פונעם פּראָצעס, ווען איין באַשולדיקטער נאָכן אַנדערן האָט אין זיין עדות־זאָגן אומברחמנותדיק אַרויסגעשטעלט פּיאַטאַקאָוון אַלס אַ קאַלט־בלוטיקער און אויסגערעכנטער פּאָליטישער מערדער און פאַררעטער, האָט זיך אין זיין ביז־איצטיקער קילער און באַלאַנסירטער שטימע אָנגעהויבן אַריינכאַפּן אַ טאָן פון צווייפל און געדריקטקייט. עס איז געווען קלאָר, אַז אייניקע פאַקטן, וועלכע די אויטאָריטעטן האָבן געהאַט, האָבן אים צעטרייסלט. פּיאַטאַקאָווס האַלטונג האָט זיך געביטן. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז פריער, פאַר זיין אַרעסט אַפילו, האָט ער שוין אָנגעהויבן אָפּפרעגן טראָצקיס פירערשאַפט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ניט גוטגעהייסן דעם אָפּמאַך מיט העסן. „מיר זיינען אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל", האָט פּיאַטאַקאָוו געזאָגט דעם געריכט. „איך האָב געזוכט אַן אויסוועג . . ." אין זיין לעצטן אַפּיל צום געריכט, האָט פּיאַטאַקאָוו אויסגערופן:

יאָ, איך בין לאַנגע יאָרן געווען אַ טראָצקיסט! איך האָב האַנט־אין־האַנט געאַרבעט מיט די טראָצקיסטן. . . . דענקט ניט, בירגער ריכטער . . . אַז דורך די יאָרן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין דער שטינקנדיקער אונטערוועלט פונעם טראָצקיזם, האָב איך ניט געזען וואָס עס קומט פאָר אינעם לאַנד! דענקט ניט, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס עס ווערט געטאָן אין דער אינדוסטריע. איך זאָג אייך גאַנץ אויפ־ריכטיק: עס זיינען געווען צייטן, ווען, אַרויסרייסנדיק זיך פון דער טראָצקיסטישער אונטערוועלט און פאַרנעמענדיק זיך מיט מיין אַנדערער פּראַקטישער אַרבעט, האָב איך טיילמאָל דערפילט אַ מין פאַרלייכטע־רונג. און, מענטשלעך רעדנדיק, פאַרשטייט זיך, איז אָט די טאָפּלטקייט געווען ניט בלויז אַן ענין פון אויסערלעכער האַלטונג, נאָר עס איז אויך געווען אַ טאָפּלטקייט אין מיר גופא. . . . איר וועט אין עטלעכע שעה אַרום אַרויסגעבן אייער פּסק־דין. . . . אָבער בירגער ריכטער, נעמט ניט צו פון מיר אַיין־איינציקע זאַך. נעמט ניט צו פון מיר דאָס רעכט צו פילן, אַז אויך אין אייערע אויגן האָב איך געפונען אין זיך דעם כח, כאָטש צו־שפּעט, איבערצורייסן מיט מיין קרימינעלער פאַר־גאַנגענהייט!

אָבער ביז צום סאַמע סוף איז פון פּיאַטאַקאָווס ליפּן ניט אַרויס קיין

איינציק וואָרט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם פאַרבליבענעם „שיכט" פון דער פאַרשווערונג.

ניקאָלאַי מוראַלאָוו, דער געוועזענער קאָמאַנדיר פונעם מאָסקווער מיליטערישן גאַרניזאָן און פירנדיקער מיטגליד פון דער אַלטער טראָצקיסטישער גוואַרדיע, וועלכער האָט זינט 1932 אָנגעפירט מיט די טראָצקיסטישע קעמערלעך אין די אוראַלן, צוזאַמען מיט שעסטאָוו און דייטשע „טעכניקער", האָט געבעטן רחמים ביי דעם געריכט, אַפּעלירנדיק, אַז מען זאָל נעמען אין אַכט זיין „אויפריכטיק עדות־זאָגן". מוראַלאָוו, אַ הויכער, גרוי־האָריקער און באַבערדלטער מאַן, איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סאָלדאַט בעת זיין עדות־זאָגן. ער האָט דערקלערט, אַז נאָך זיין אַרעסט און, נאָך אַ לענגערן אינערלעכן קאַמף, האָט ער באַשלאָסן „אַלצדינג אַרויסצולייגן אויפן טיש". לויט וואָלטער דוראַנטין און אַנדערע באַאָבאַכטער, האָבן זיינע ווערטער געקלונגען ערלעך:

> איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַן אַדוואָקאַט און זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן אין מיין אייגענער פאַרטיידיקונג, ווייל איך בין געוואוינט זיך צו פאַרטיידיקן מיט גוטן וואָפן און צו אַטאַקירן מיט גוטן וואָפן. איך האָב ניט קיין גוטן וואָפן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן. . . . עס וואָלט געווען אומווירדיק פאַר מיר צו באַשולדיקן וועמען עס איז אין אַריינשלעפּן מיך אין דער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע. . . . איך וואָג ניט צו באַשולדיקן וועמען עס איז פאַר דעם. איך אַליין בין שולדיק. דאָס איז מיין שולד. דאָס איז מיין אייגענער אומגליק. . . . איבער אַ צענדליק יאָר בין איך געווען טראָצקיס אַ געטרייער סאָלדאַט. . . .

קאַרל ראַדעק, קוקנדיק דורך זיינע דיקעברילן איבערן געפּאַקטן געריכט־זאַל, איז אונטערן קרייץ־פאַרהער פונעם פּראָקוראָר ווישינסקי, געווען אַמ אונטערטעניק און חניפהדיק און אַט שטאָלץ און חוצפהדיק. פּונקט ווי פּיאַטאַקאָוו, באַר נאָך אויסדריקלעכער, האָט ער צוגעגעבן זיינע פאַררעטערישע טעטיקייטן. אויך ראַדעק האָט געטענהט, אַז נאָך פאַר זיין אַרעסט, און אַזוי גיך ווי ער האָט דערהאַלטן טראָצקיס בריוו אין וועלכן עס איז אָנגעצייכנט געווען וועגן דעם אָפּמאַך מיט די נאַצישע און יאַפּאַנעזישע רעגירונגען, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּצורייסן פון טראָצקין און אויפצודעקן די פאַרשווערונג. וואָכנלאַנג האָט ער זיך געיִשובט וואָס צו טאָן.

ווישינסקי: וואָס האָט איר באַשלאָסן?

ראַדעק: די ערשטע זאַך האָט געדאַרפט זיין, גיין צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, מאַכן אַ דערקלערונג און אָנרופן אַלע פער־

זאָגען. דאָס האָב איך ניט געטאָן. ניט איך בין געגאַנגען צו דער „ג.פּ.או.", נאָר די „ג.פּ.או." איז געקומען נאָך מיר.

וױשינסקי: אַ שײנער ענטפער!

ראַדעק: אַ טרױעריקער ענטפער.

אין זײן לעצטן װאָרט האָט ראַדעק זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ מאַן װאָס איז צעריסן פון צװײפלען, כסדר װאַקלענדיק זיך צװישן לאָיאַלקײט צום סאָװעטן־רעזשים און צו דער לינקער אָפּאָזיציע, פון װעלכער ער איז געװען אַ מיטגליד זינט די ערשטע טעג פון דער רעװאָלוציע. ער איז געװען, האָט ער געזאָגט, איבערצײגט, אַז דער סאָװעטישער רעזשים װעט קײנמאָל ניט קאָנען אױסהאַלטן דעם פײנטלעכן דרוק פון דרױסן. „איך האָב ניט אײנגעשטימט אין דער הױפּט־פראַגע", האָט ער געזאָגט דעם געריכט, „אין דער פראַגע פון אָנהאַלטן דעם קאַמף פאַרן פינף־יאָר פּלאַן." טראָצקי „האָט אױסגענוצט מײן טיפע צעטומלטקײט". טריט נאָך טריט, לױט ראַדעקס אײגענע װערטער, איז ער אַרײנגעצױגן געװאָרן אין די אינערלעכע קרײזן פון דער פאַרשװערונג. דאָן זײנען געקומען די פאַרבינדונגען מיט די אױסלענדישע געהײם־דינסטן און, ענדלעך, טראָצקיס פאַרהאַנדלונגען מיט אַלפרעד ראָזענבערגן און רודאָלף העסן. טראָצקי, האָט ראַדעק געזאָגט, „האָט אונדז געשטעלט פאַר דעם געשעענעם פאַקט פון זײן אָפּמאַך. . . ."

דערקלערנדיק װי אַזױ ער איז ענדלעך געקומען צו דערקלערן זיך שולדיק און צוגעבן די אַלע פאַקטן װעלכע ער האָט געװאוסט װעגן דער פאַרשװערונג, האָט ראַדעק געזאָגט:

בעת איך האָב זיך געפונען אינעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים, האָט דער הױפּט־אױספאָרשער . . . געזאָגט צו מיר: „איר זײט ניט קײן קינד. דאָ האָט איר פופצן מענטשן, װאָס זאָגן עדות קעגן אײך. איר קאָנט זיך ניט אַרױסדרײען דערפון, און װי אַ פאַרשטענדיקער מענטש קאָנט איר אַפילו ניט טראַכטן דאָס צו טאָן. . . ."

צװײ און אַ האַלב חודש צײט האָב איך געפּײניקט דעם אױספאָרשונג־באַאַמטן. דאָ איז אױפגעשװאומען די פראַגע, צי מען האָט אונדז ניט געפּײניקט בעת דער אױספאָרשונג. איך מוז זאָגן, אַז ניט איך בין געפּײניקט געװאָרן, נאָר איך האָב געפּײניקט די אױספאָרשונג־באַאַמטע און זײ געצװאונגען צו טאָן אַ מאַסע נוצלאָזע אַרבעט. צװײ און אַ האַלב חודש צײט האָב איך געצװאונגען דעם אױספאָרשונג־באַאַמטן, בעת ער האָט מיך אױסגעפרעגט און מיך געשטעלט לפנים דאָס עדות־זאָגן פון די אַנדערע באַשולדיקטע, אױפצודעקן אַלע קאָרטן

פאַר מיר, כדי איך זאָל קאָנען זען ווער עס האָט זיך מודה געווען, ווער עס האָט זיך ניט מודה געווען, און וואָס יעדער איינער פון זיי האָט מודה געווען. . . .

און אין אַ געוויסן טאָג איז צו מיר געקומען דער הויפּט אויס־פאָרשונג־באַאַמטער און געזאָגט: „איר זייט איצט דער לעצטער. צו־ליב וואָס לייגט איר אָפּ און צעפּאַטערט די צייט? פאַרוואָס זאָגט איר ניט דאָס וואָס איר האָט צו זאָגן?" און איך האָב געענטפערט: „יאָ, מאָרגן וועל איך אָנפאַנגען מיין עדות־זאָגן."

דער אורטייל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 30טן יאַנואַר, 1937. די אָנגעקלאָגטע זיינען געפונען געוואָרן שולדיק אין פאַרראַט, אַז זיי זיינען געווען „אַן אַגענטור פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע פאַשיסטישע כחות פאַר שפּיאָנאַזש, שטערערישע און ברעכערישע טעטיקייטן" און אַז זיי האָבן פּלאַנירט צו העלפן „אויסלענדישע אָנגרייפער צו פאַרכאַפּן די טעריטאָריע פונעם פ.ס.ס.ר.".

דער מיליטערישער קאָלעגיום פונעם סאָוועטישן העכסטן געריכט האָט פאַרמשפּט פּיאַטאַקאָוון, מוראַלאָוון, שעסטאָוון, און נאָך צען אַנדערע דערשאָסן צו ווערן. ראַדעק, סאָקאָלניקאָוו און צוויי קלענערע אַגענטן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו לאַנגע טערמינען אין תפיסה.

אין זיין שלוס־רעדע, דעם 28טן יאַנואַר, 1937, האָט דער מלוכה־פּראָקוראָר ווישינסקי דערקלערט:

> דורך זייער שפּיאָנאַזש־אַרבעט האָבן די מענטשן, וועלכע האָבן אונטער טראָצקיס און פּיאַטאַקאָווס באַפעלן איינגעשטעלט פאַר־בינדונגען מיט די דייטשע און יאַפּאַנעזישע געהיים־דינסטן, גע־שטרעבט צו דערגרייכן רעזולטאַטן, וועלכע וואָלטן ערנסט באַווירקט די אינטערעסן, ניט בלויז פון אונדזער לאַנד, נאָר אויך די אינטערעסן פון אַ צאָל לענדער, וועלכע, ווי מיר, ווילן פרידן, און וועלכע קעמפן פאַר פרידן, ווי מיר. . . . מיר זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז די רעגירונג פון יעדן לאַנד, וואָס וויל פרידן און קעמפט פאַר פרידן, זאָל אָננעמען די סאַמע אַנטשלאָסנסטע מיטלען אָפּצושטעלן יעדן פאַר־זוך פון קרימינעלע, שפּיאָנאַזש, שטערערישע און טעראָר־טעטיקייטן, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט דורך די שונאים פון פרידן, דורך די שונאים פון דעמאָקראַטיע, דורך די פינצטערע פאַשיסטישע כחות, וועלכע גרייטן זיך צו מלחמה, וועלכע גרייטן זיך אונטערצוגראָבן דעם באָדן פון פרידן, און פאָלגלעך, דעם באָדן פון דער גאַנצער פאָרגעשריטענער, דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

ווישינסקיס ווערטער זיינען ווינציק באַקאַנט געוואָרן מחוץ סאָוועט־רוס־לאַנד; געוויסע דיפּלאָמאַטן און זשורנאַליסטן האָבן זיי אָבער געהערט און פאַרגעדענקט.

אויף דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, דזשאָזעף ע. דעיוויס, האָט דער פּראָצעס געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט דעם פּראָצעס באַזוכט יעדן טאָג און מיט דער מיטהילף פון אַן איבערזעצער פאַרזיכטיק נאָכגעפאָלגט די פאַרהאַנדלונגען. אַמבאַסאַדאָר דעיוויס, אַ געוועזענער קאָרפּאָראַציע־אַדוואָקאַט, האָט געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז דער סאָוועטישער פּראָקוראָר ווישינסקי, וועלכער איז פון די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן כסדר באַ־צייכנט געוואָרן אַלס אַ „ברוטאַלער אינקוויזיטאָר“, האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק פון זיין „זייער ענלעך צו האָמער קאַמינגס — קיל, מיושבדיק, אינטעלעקטועל, פעיאיק און קלוג. ער האָט דעם פאַרראַט־פּראָצעס אָנגעפירט אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט געוואונען מיין רעספּעקט און פאַרערונג אַלס אַן אַדוואָקאַט.“

דעם 17טן פעברואַר, 1937, האָט אַמבאַסאַדאָר דעיוויס, אין אַ קאָנפידענ־ציעלן באַריכט צום סטעיט־סעקרעטאַר קאָרדעל האַל, געמאָלדן, אַז כמעט אַלע אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן אין מאָסקווע האָבן געטיילט זיין מיינונג וועגן דער גערעכטיקייט פונעם פסק־דין. אַמבאַסאַדאָר דעיוויס האָט געשריבן:

> איך האָב גערעדט מיט פיל, אויב ניט מיט אַלע, מיטגלידער פונעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס דאָ, און, אפשר מיט אַן איינציקן אויסנאַם, זיינען זיי אַלע מיט דער מיינונג, אַז די פאַרהאַנדלונגען האָבן קלאָר פעסט־געשטעלט די עקזיסטענץ פון אַ פּאָליטישן פּלאַן און פאַרשווערונג אַרונטערצוּוואַרפן די רעגירונג.

די דאָזיקע פאַקטן זיינען אָבער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מעכטיקע כחות האָבן קאָנספּירירט צו באַהאַלטן דעם אמת וועגן דער פינפטער קאָלאָנע אין סאָוועט־רוסלאַנד. דעם 11טן מערץ, 1937, האָט אַמבאַסאַדאָר דעיוויס פאַר־צייכנט אין זיין מאָסקווער טאָגבוך:

> אַ צווייטער דיפּלאָמאַט, דער מיניסטער ——, האָט נעכטן פאַר מיר געמאַכט אַ העכסט־באַלויכטנדיקע באַהויפּטונג. דיסקוטירנדיק דעם פּראָצעס, האָט ער געזאָגט, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען אָן שום ספק גע־ווען שולדיק; אַז יעדער איינער פון אונדז, וואָס האָט באַזוכט דעם פּראָצעס, איז פּאַקטיש מסכים געווען וועגן דעם; אַז די אויסערלעכע וועלט אָבער האָט פון די פּרעסע־באַריכטן, אַפּנים, געטראַכט, אַז דער

פּראָצעס איז געווען אַ קינסטלעך־געמאַכטער (אַ פּאַסאַדע, ווי ער האָט עס אָנגערופן); אַז כאָטש ער אַליין ווייסט אַז עס איז ניט אַזוי, איז עס אָבער פּונקט אַזוי גוט אַז די אויסערלעכע וועלט זאָל אַזוי טראַכטן.*)

3. די אַקציע אין מאַי

די פאַרשווערונג איז נאָך געווען ווייט פון צעשמעטערט זיין. ראַדעק, פּונקט ווי פּיאַטאַקאָוו, האָט אויך צוריקגעהאַלטן וויכטיקע אינפאָרמאַציע פון די סאָ־וועטישע אויטאָריטעטן, ניט געקוקט דערויף וואָס זיין עדות־זאָגן האָט אויס־געזען צו זיין פולשטענדיק. אָבער אויפן צווייטן טאָג פון זיין פּראָצעס, האָט ראַדעק געמאַכט אַ געפערלעכע בולבע. זיין גלאָטע צונג האָט אים פאַרראַטן. אויסמיידנדיק איינע פון ווישינסקיס פאַרשנדיקע פראַגעס, האָט ער צופעליק אַ דערמאָן געטאָן טוכאַטשעווסקיס נאָמען. „וויטאַלי פּוטנאַ", האָט ראַדעק גע־זאָגט, „איז מיך געקומען זען וועגן אַ בקשה פון טוכאַטשעווסקין." ער האָט שנעל פאַרגעזעצט, ניט דערמאָנענדיק מער טוכאַטשעווסקיס נאָמען.

---

*) טראָצקיס נאָכפאָלגער אין פאַרערער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע האָבן אַרויסגעלאָזט אַן ענדלאָזן שטראָם פון באַהויפּטונגען, בראָשורן, פלוג־בלעטלעך און אַרטיקלען, באַשרייבנדיק די מאָסקווער פּראָצעסן אַלס „סטאַלינס נקמה אין טראָצקין" און דער פּראָדוקט פון „סטאַלינס אָריענטאַלישער נקמה־גיריקייט". די טראָצ־קיסטן און זייערע פאַרבינדעטע האָבן געהאַט אַ צוטריט צו פיל אָנגעזעענע אויס־גאַבעס. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען זייערע באַהויפּטונגען און אַרטיקלען דערשינען אין: „פּאַרען אַפעירס קוואָרטערלי", „רידערס דאַידזשעסט", „סאַטור־דעי איוונינג פּאָסט", „אַמעריקען מוירקיורי", „ניו־יאָרק טיימס" און נאָך אַנדערע גוט־באַקאַנטע און ברייט־געלייענטע צייטונגען און זשורנאַלן. צווישן די דאָזיקע טראָצקיס פריינט, נאָכפאָלגער און פאַרערער, וועמעס אויסטייטשונגען פון די פּראָ־צעסן זיינען פּראָמינענט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנישער פּרעסע און ראַדיאָ, זיינען געווען: מאַקס איסטמאַן, טראָצקיס געוועזענער אַמעריקאַנישער פאָרטרעטער און אָפיציעלער איבערזעצער; אַלעקסאַנדער באַרמין, אַ סאָוועטישער רענעגאַט, וועלכער איז פאַר אַ צייט געווען אין דער סאָוועטישער אויסלאַנד־ביוראָ; אַלבערט גאָלדמאַן, טראָצקיס אַדוואָקאַט, וועלכער איז פון אַ פעדעראַלן געריכט אין 1941 פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אָנטיילנעמען אין אַ פאַררעטערישער פאַרשווערונג קעגן די באַוואָפנטע כחות פון די פאַראייניקטע שטאַטן; „גענעראַל" קריוויצקי, אַ רוסי־שער אַוואַנטוריסט און אַן עדות פאַר דער דאַיעז־קאָמיסיע, וועלכער האָט פּאָזירט אַלס אַ געוועזענע וויכטיקע פיגור אין דער „אָגפּו", און וועלכער איז דערנאָך באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, איבערלאָזנדיק אַ צעטעלע מיט אַ דערקלערונג פאַר זיין טאַט אַלס אַן אָפּקומעניש פאַר זיינע „גרויסע זינד"; אייזעק דאָן לעווין, אַן אַלטער

דעם צווייטן טאָג האָט ווישינסקי פאַרגעלייענט ראַדעקס נעכטיק עדות־זאָגן. „איך וויל וויסן", האָט ער ראַדעקן אַ פרעג געטאָן, „אין וואָסער פאַרבינדונג האָט איר דערמאָנט טוכאַטשעווסקיס נאָמען?"

אַ ווייל איז שטיל געווען. דאַן האָט ראַדעק געענטפערט גלאַטיק, אָן שום קווינקלעניש. טוכאַטשעווסקי, האָט ער דערקלערט, האָט פאַרלאַנגט „געוויסן מאַטעריאַל וועגן רעגירונג־געשעפטן", וואָס ראַדעק האָט געהאַט אין דער „איזוועסטיאַ"־ביוראָ. דער מיליטערישער קאָמאַנדיר האָט פוטנאַן געשיקט דאָס צו נעמען. דאָס איז געווען די גאַנצע מעשה. „עס פאַרשטייט זיך", האָט ראַדעק צוגעגעבן, „אַז טוכאַטשעווסקי האָט קיין שום אָנונג ניט געהאַט וועגן מיין ראָלע. . . . איך וויים, אַז טוכאַטשעווסקיס באַציאונג צו דער פּאַרטיי און דער רעגירונג איז פון אַן אַבסאָלוט־איבערגעגעבענעם מענטשן!"

מער איז שוין וועגן טוכאַטשעווסקין ביים פּראָצעס ניט גערעדט געוואָרן. אָבער די פאַרבליבענע פאַרשווערער זיינען איבערצייגט געוואָרן, אַז ווייטער אָפּצולייגן דעם ענדגילטיקן רעוואָלט וועט זיין זעלבסטמערדעריש.

קרעסטינסקי, ראָזענגאָלץ, טוכאַטשעווסקי און גאַמאַרניק האָבן אין געאייל אָפּגעהאַלטן אַ ריי געהיימע קאָנפערענצן. טוכאַטשעווסקי האָט אָנגע־

אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדיסט און פּובליציסט פאַר דער הוירסט־פּרעסע; און וויליאַם הענרי טשעמבערלין, אויך אַ הוירסט אַרטיקל־שרייבער, וועמעס מיינונגען וועגן די פּראָצעסן זיינען דערשינען אינעם פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַן פון טאָקיאָ, „דאָס איצטיקע יאַפּאַן", אונטערן טיטל: „די רוסישע בלוט־רייניקונג".

דער אָנגעזעענער אַמעריקאַנישער טראָצקיסט, דזשעימס בוירנהעם, דער שפּעטערדיקער מחבר פון דעם ברייט־פאַרשפּרייטן בוך „די רעוואָלוציע פון די פאַרוואַלטער" („מענעדזשיריעל רעוואָלושאָן"), האָט דעם מאָסקווער פּראָצעס פאָרגעשטעלט אַלס אַ ביטערן פאַרזוך מצד סטאַלינען צו קריגן די הילף פון פראַנקרייך, גרויס־בריטאַניע און די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר אַ „הייליקער מלחמה" קעגן די אַקס־מלוכות, און צו פאַרפאַלגן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב „די אַלע, וועלכע . . . זיינען פאַר דער טאַקטיק פונעם רעוואָלוציאָנערן דעפעטיזם [ד. ה. די טראָצקיסטן]". דעם 15טן אַפּריל, 1937, האָט בוירנהעם, אין אַ פאָרוואָרט צו טראָצקיס בראָשור וועגן דעם פּיאַטאַקאָוו־ראַדעק־פּראָצעס, געשריבן: „יאָ, די פּראָצעסן זיינען אַ פולשטענדיקער און אָנגעזעענער טייל פון די סטאַליניסטישע צוגרייטונגען פאַר דער קומענדיקער מלחמה. דער סטאַליניזם צילט אַריינצוציען די מאַסן פון פראַנקרייך, גרויס־בריטאַניע און די פאַראייניקטע שטאַטן אין די אַרמייען פון זייערע אייגענע אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, פאַר אַ הייליקער מלחמה קעגן דער אַטאַקע, וועלכע סטאַלין דערוואַרט מצד דייטשלאַנד און יאַפּאַן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָפּערירנדיק דורך די פּראָצעסן אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, מאַכט דער סטאַליניזם אַ פאַרזוך אויסצוראָטן יעדן מעגלעכן צענטער פון ווידערשטאַנד קעגן זיין סאָציאַל־פּאַטריאָטישן פאַרראַט."

פאַנגען צו באַשטימען אָפיצירן פון דער מיליטערישער גרופּע פאַר ספּעציעלע „קאָמאַנדעס", יעדער מיט ספּעציפישע אויפגאַבעס דורכצופירן אין מאָמענט פון דער אַטאַקע.

סוף מערץ 1937 זיינען שוין די צוגרייטונגען פאַרן מיליטערישן קלאַפּ געווען אין דער לעצטער שטופע. ביי אַ פאַרזאַמלונג מיט קרעסטינסקין און ראָזענגאָלצן אין דער וואוינונג פון דעם לעצטן, האָט טוכאַטשעווסקי געמאָלדן, אַז די מיליטערישע גרופּע וועט זיין גרייט פאַר אַקציע אין משך פון זעקס וואָכן. די דאַטע פאַר דער אַקציע קאָן באַשטימט ווערן אויף אָנהויב מאַי, יעדנ־פאַלס פאַרן 15טן מאַי. צווישן דער מיליטערישער גרופּע גייט נאָך אָן אַ דיסקוסיע וועגן „אַ ריי וואַריאַנטן" פון די פּראַקטישע מיטלען צו פאַרכאַפּן די מאַכט, האָט ער געזאָגט.

איינער פון אָט־די פּלענער, דער אויף וועלכן טוכאַטשעווסקי האָט „מערסטנס געשטעלט", האָט ראָזענגאָלץ שפּעטער באַהויפּט, איז געווען, „אַז אַ גרופּע מיליטערליט, זיינע אָנפאַרטרויטע, זאָלן זיך אונטער אַזאַ אָדער אַנדערן אויסרייד צוזאַמענקומען אין זיין וואוינונג, זיך אַריינדרייען אין קרעמעל אַריין, פאַרכאַפּן די קרעמלער טעלעפאָן־סטאַנציע, און דערמאָרדן די פירער פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג". לויט אָט־דעם פּלאַן וועט אין דער זעלביקער צייט גאַמאַרניק מיט זיינע אָפּטיילונגען „פאַרכאַפּן די געביידע פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים".

עס זיינען דיסקוטירט געוואָרן נאָך אַנדערע „וואַריאַנטן", אָבער קרעס־טינסקי און ראָזענגאָלץ זיינען מסכים געווען, אַז אָט דער פּלאַן איז דער סאַמע דרייסטער, און דעריבער דער וואַרשיינלעכסטער צו זיין דערפאָלגרייך.

די פאַרזאַמלונג אין ראָזענגאָלצעס וואוינונג האָט זיך געשלאָסן אין אַן אָפּטימיסטישער שטימונג. דער פּלאַן פונעם רעוואָלט, ווי טוכאַטשעווסקי האָט אים אָנגעצייכנט, האָט אין זיך געהאַט אַ גרויסן צוזאָג פאַר דערפאָלג. ניט גע־קוקט אויפן פאַרלוסט פון פּיאַטאַקאָוון און אַנדערע, האָט עס אויסגעזען, אַז דער טאָג אויף וועלכן די פאַרשווערער האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט, איז שוין נאָענט. אַפּריל איז שנעל פאַרביי אין פיבערדיקע לעצטע צוגרייטונגען פאַר דעם רעוואָלט.

קרעסטינסקי האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכן לאַנגע צעטלען „פון מענטשן אין מאָסקווע, וואָס מען דאַרף אַרעסטירן און אַרונטערזעצן פון זייערע פּאָסטנס בעתן אויסברוך פונעם רעוואָלט, און צעטלען פון מענטשן, וועלכע מען קאָן באַשטימען פאַר אָט־די אַמטן". געוועזענע אונטער גאַמאַרניקס קאָמאַנדע זיינען באַשטימט געוואָרן צו דערמאָרדן מאָלאָטאָוון און וואָראָשילאָוון. ראָזענ־גאָלץ, אַלס קאָמיסאַר פון אויסלענדישן האַנדל, האָט גערעדט וועגן באַזוכן

סטאַלינען דעם אָוונט פונעם איבערפּאַל, און דערמאָרדן דעם סאָוועטישן פירער אין זיין קרעמל הויפּט־קוואַרטיר.

עס איז געווען די צווייטע וואָך אין מאַי 1937.

דאַן האָט די סאָוועטן־רעגירונג פלינק און פאַרניכטנדיק אַ קלאַפּ געטאָן. דעם 11טן מאַי איז מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס געהילף קריגס־קאָמיסאַר. די גענעראַלן יאַקיר און אובעראַוויטש, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט טוכאַטשעווסקין און גאַמאַרניקן אין דער פאַרשווערונג, זיינען אויך אַרונטערגעזעצט געוואָרן. צוויי אַנדערע גענעראַלן, קאָרק און איידעמאַן, זיינען אַרעסטירט און אָנגעקלאָגט געוואָרן אין האָבן געהיימע באַציאונגען מיט נאַצי־דייטשלאַנד.

— איך האָב זיך געגומען גרייטן צו מיין אַרעסט, — האָט קרעסטינסקי שפּעטער געזאָגט. — איך האָב זיך דורכגערעדט מיט ראָזענגאָלצן. ער האָט ניט דערוואַרט קיין צרות און זיך אונטערגענומען אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען מיט טראָצקין. . . . עטלעכע טעג שפּעטער בין איך אַרעסטירט געוואָרן.

אַן אָפיציעלע מעלדונג האָט אויפגעדעקט, אַז בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער שאַרפער נאָכשפּירונג און אויספאָרשונג, ווערן איצט אָנגעקלאָגט אין פאַרראַט. בוכאַרין און ריקאָוו זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן. טאָמסקי, כדי אויסצומיידן דעם אַרעסט, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דעם 31טן מאַי האָט גענעראַל גאַמאַרניק נאָכגעפאָלגט טאָמסקיסביישפּיל און זיך דערשאָסן. עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז טוכאַטשעווסקי און אַ צאָל אַנדערע הויכע אַרמיי־אָפיצירן זיינען אַרעסטירט געוואָרן פון דער „נקווד”. אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ראָזענגאָלץ אַרעסטירט געוואָרן. דאָס אַרעסטירן פאַר־דעכטיקע פינפטע־קאָלאָניקעס איז אָנגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד.

עלף אַזייגער אינדערפרי, דעם 11טן יוני, 1937, איז מאַרשאַל מ. נ. טוכאַ־טשעווסקי, צוזאַמען מיט זיבן אַנדערע רויט־אַרמייאישע גענעראַלן, געשטאַנען פאַר אַ ספּעציעלן מיליטערישן טריבונאַל פונעם סאָוועטישן העכסטן געריכט. צוליב דעם קאָנפידענציעלן מיליטערישן כאַראַקטער פונעם עדות־זאָגן, איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען הינטער געשלאָסענע טירן. עס איז געווען אַ מילי־טעריש געריכט. די אָנגעקלאָגטע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַ פאַר־שווערונג מיט פיינטלעכע רעגירונגען קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אינעם געריכט־זאַל און מיט די פּנימער צו די מאַרשאַלן וואָראָשילאָוו, בודיאָני, שאַ־פּאָשניקאָוו און אַנדערע פירער פון דער רויטער אַרמיי, זיינען געשטאַנען די פאָלגנדיקע זיבן גענעראַלן:

גענעראַל וו. י. פּוטנאַ, געוועזענער מיליטערישער אַטאַשע אין

לאָנדאָן, טאָקיאָ און בערלין.

גענעראַל י. ע. יאַקיר, געוועזענער קאָמאַנדיר פונעם לענינגראַדער מיליטערישן גאַרניזאָן.

גענעראַל י. פּ. אובעראָוויטש, געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי אין ווייסרוסלאַנד.

גענעראַל ר. פּ. איידעמאַן, געוועזענער הויפּט פון דעם אָסאָאַוויאַכים (פרייוויליקע מיליטערישע פאַרטיידיקונג־אָרגאַניזאַציע).

גענעראַל א. י. קאָרק, געוועזענער הויפּט פון דער פרונזע מיליטערישער אַקאַדעמיע.

גענעראַל ב. מ. פעלדמאַן, געוועזענער הויפּט פון דער פּערסאָנאַל־סעקציע פונעם גענעראַל־שטאַב.

גענעראַל וו. מ. פּרימאַקאָוו, געוועזענער קאָמאַנדיר פונעם כאַרקאָווער מיליטערישן גאַרניזאָן.

אַן אָפיציעלע מעלדונג האָט דערקלערט:

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט דעם אָנטייל פון די אָנגעקלאָגטע, און אויך פון גענעראַל יאַן גאַמאַרניק, אין אַנטי־מלוכה פאַרבינדונגען מיט פירנדיקע מיליטערישע קרייזן פון איינער פון די פרעמדע לענדער, וועלכע פירט אַן אַן אומפריינטלעכע פּאָליטיק בנוגע דעם פ.ס.ס.ר.

די באַשולדיקטע זיינען געווען אין דינסט פון דער מיליטערישער שפּיאָנאַזש פון יענעם לאַנד.

די אָנגעקלאָגטע האָבן סיסטעמאַטיש צוגעשטעלט די מיליטערישע קרייזן פון יענעם לאַנד געהיימע אינפאָרמאַציע וועגן דער פּאָזיציע פון דער רויטער אַרמיי.

זיי האָבן דורכגעפירט ברעכערישע טעטיקייטן אָפּצושוואַכן די רויטע אַרמיי, כדי צוצוגרייטן אַ מפּלה פאַר דער רויטער אַרמיי אין פאַל פון אַן אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם 12טן יוני האָט דער מיליטערישער טריבונאַל געמאָלדן דעם פּסק־דין. די אָנגעקלאָגטע זיינען געפונען געוואָרן שולדיק אין די קלאָגעס און זיינען פאַרמשפט געוואָרן דערשאָסן צו ווערן אַלס פאַררעטער פון אַ רויט־אַרמייאישער שיסער־אָפּטיילונג. אין פיר־און־צוואַנציק שעה איז דער פּסק־דין אויסגעפירט געוואָרן.

ווידעראַמאָל האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען און פּראָפּאַגאַנדע איבער דער דרויסנדיקער וועלט. מען האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע רויטע אַרמיי קאָכט מיט

רעוואָלט קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג ; וואָראָשילאָוו „מאַרשירט אויף מאָסק־וווע" בראש פון אַן אַנטי־סטאַלינשער אַרמיי ; „מאַסן־דערשיסונגען" קומען פאָר איבער גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד ; פון איצטער אָן איז די רויטע אַרמיי, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלוירן אירע „בעסטע גענעראַלן", שוין „מער ניט קיין ערנסטער פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע".

פיל ערלעכע באָאָבאַכטער זיינען געווען טיף באַאומרואיקט איבער די געשעענישן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער כאַראַקטער און די טעכניק פון דער פינפטער קאָלאָנע איז נאָך אין אַלגעמיין געווען אומבאַקאַנט. דעם 4טן יולי, 1937, האָט דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, דזשאָזעף ע. דעיוויס, געהאַט אַ שמועס מיטן סאָוועטישן אויסלאַנד־מיניסטער, מאַקסים ליטווינאָוו. ער האָט ליטווינאָוון גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין אייראָפּע איז די רעאַקציע צו די עקזעקוציעס פון די גענעראַלן און די טראָצקיסטישע פּראָצעסן זייער אַ שלעכטע.

— לויט מיין מיינונג, — האָט דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר געזאָגט דעם סאָוועטישן אויסלאַנד־מיניסטער, — האָט דאָס צעטרייסלט דעם גלויבן ביי פראַנקרייך און ביי ענגלאַנד אין דער שטאַרקייט פונעם פ.ס.ס.ר. אין פאַרגלייך מיט היטלערן.

ליטווינאָוו איז אויך געווען פונקט אַזוי אָפנהאַרציק. ער האָט אַמבאַסאַדאָר דעיוויסן געזאָגט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט דורך די פּראָצעסן און עקזע־קוציעס געדאַרפט „מאַכן זיכער", אַז עס איז ניט פאַרבליבן קיין פאַרראַט, וואָס זאָל קאָאָפּערירן מיט בערלין און טאָקיאָ בעתן אויסברוך פון אַן אומ־פאַרמיידלעכער מלחמה.

— שפּעטער, — האָט ליטווינאָוו געזאָגט, — וועט די וועלט פאַרשטיין, וואָס מיר האָבן געטאָן צו פאַרזיכערן אונדזער רעגירונג פון אַ דראָענדיקן פאַרראַט.... מיר לייסטן דער וועלט אַ גרויסע דינסט אין אונדזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג קעגן דער געפאַר פון היטלער'ס נאַצישער וועלט־באַהערשונג, אַזוי־אַרום אויפהאַלטנדיק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס אַ מעכטיקע פעסטונג קעגן דער נאַצי־געפאַר.

דעם 28טן יולי, 1937, האָט אַמבאַסאַדאָר דעיוויס, האָבנדיק דורכגעפירט אַ פערזענלעכע אויספאָרשונג וועגן דער ווירקלעכער סיטואַציע אינעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, געשיקט „מעלדונג נומער 457, שטרענג קאָנפידענציעל", צום סטעיט־סעקרעטאַר קאָרדעל האַל. דער אַמבאַסאַדאָר האָט געמאַכט אַן איבער־זיכט איבער די לעצטע געשעענישן און אָפּגעלייקנט די ווילדע קלאַנגען וועגן מאַסן־אומצופרידנקייט און אַן אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך פון דער סאָ־וועטן־רעגירונג. „עס זיינען ניט געווען קיין שום סימנים (ווי די צייטונגען

האָבן דערציילט) וועגן קאָזאַקן שטייענדיק אין לאַגער לעבן דעם קרעמעל, אָדער אַרומגייענדיק אינעם רויטן סקווער״, האָט ער געשריבן. אַמבאַסאַדאָר דעיוויס האָט אונטערגעצויגן זיין אַנאַליז וועגן דעם ענין טוכאַטשעווסקי אויף פאָלגנדן אופן:

אויסשליסנדיק דערמאָרדונגען, אָדער אַן אויסלענדישע מלחמה, זעט די פּאָזיציע פון דער רעגירונג און פונעם איצטיקן רעזשים אויס אומבאַזיגבאַר אין דער איצטיקער צייט, און וואָרשיינלעך פאַר נאָך אַ לאַנגער צייט. די געפאַר פונעם קאָרסיקאַנער איז איצט אָפּגעווישט געוואָרן.

4. דער סוף

דער לעצטער פון די דריי באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן האָט זיך געעפנט דעם 2טן מערץ, 1938, אינעם הויז פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פון העכסטן געריכט פונעם פ.ס.ס.ר. די פאַרהאַנדלונגען — איינגעשלאָסן פרימאָרגנדיקע, נאָכמיטאָגדיקע און אָוונטדיקע סעסיעס, און געשלאָסענע סעסיעס, ביי וועלכע מען האָט אויסגעהערט באַווייזן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט מיליטערישע סודות, האָבן געדויערט זיבן טעג.

עס זיינען געווען איין־און־צוואַנציק באַשולדיקטע. צווישן זיי זיינען געווען: דער געוועזענער הויפּט פון דער „אָגפּו״, הענרי יאַגאָדאַ, און זיין סעקרעטאַר פּאַוועל בולאַנאָוו; די רעכטע פירער ניקאָלאַי בוכאַרין און אַלעקסעי ריקאָוו; די טראָצקיסטישע פירער און דייטשע אַגענטן ניקאָלאַי קרעסטינסקי און אַרקאַדי ראָזענגאָלץ; דער טראָצקיסטישער און יאַפּאַנעזישער אַגענט קריסטיאַן ראַקאָווסקי; די רעכטע פירער און דייטשע אַגענטן מיכאַאיל טשערנאָוו און גריגאָרי גרינקאָ; דער פּוילישער אַגענט, וואַסילי שאַראַנגאָוויטש; און עלף אַנדערע פאַרשווערער, מיטגלידער פונעם „בונד״, סאַבאָטאַזשניקעס, טעראָריסטן און אויסלענדישע אַגענטן, איינגעשלאָסן דעם טראָצקיסטישן פאַרמיטלער סערגעי בעזסאָנאָוו, און די מערדער דאָקטוירים לעווין, פּלעטניעוו און קאַזאַקאָוו.

דער אַמעריקאַנישער קאָרעספּאָנדענט, וואָלטער דוראַנטי, וועלכער איז געווען ביים פּראָצעס, האָט געשריבן אין זיין בוך, „דער קרעמעל און דאָס פאָלק״:

דאָס איז טאַקע געווען „אַ פּראָצעס צו מאַכן אַ סוף פון אַלע פּראָצעסן״, ווייל אין דער צייט זיינען די אישוס שוין געווען קלאָר. די אָנקלאַגע האָט קלאָר געמאַכט אירע פאַקטן און זיך אויסגעלערנט צו

דערקענען שונאים, סיי אינדערהיים און סיי אין אויסלאַנד. פריערדיקע צווייפלען און וואַקלענישן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, ווייל איין פאַל נאָכן אַנדערן, ספּעציעל, גלויב איך, דער פאַל פון די „גענעראַלן", האָט ביסלעכווייז דערגאַנצט דאָס בילד, וואָס איז בעתן קיראָוו־מאָרד געווען פאַרנעפּלט און ניט פולשטענדיק. . . .

די סאָוועטן־רעגירונג האָט פלייסיק צוגעגרייט אירע באַווייזן. חדשים פון פּרעלימינאַרע אויספאָרשונגען, פאַרגלייכן די באַווייזן און דאָס עדות־זאָגן פון פריערדיקע פּראָצעסן, דאָס שטעלן פּנים אל פּנים די עדות מיט די אָנגעקלאָגטע, און קרייץ־פאַרהערן פון די אַרעסטירטע פאַרשווערער — דאָס אַלץ איז אַריין אין דער אָנקלאַגע. די סאָוועטן־רעגירונג האָט באַשולדיקט:

(1) אַז אין 1932־1933, אויף די באַפעלן פון שפּיאָנאַזש־דינסטן פון פרעמדע לענדער, וואָס זיינען פיינטלעך צום פ.ס.ס.ר., האָבן די באַשולדיקטע געגרינדעט אַ קאָנספּיראַטיווע גרופּע מיטן נאָמען „בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן", מיטן צוועק צו שפּיאָנירן פאַר אויסלענדישע מלוכות, דורכצופירן ברעכערישע, שטערערישע און טעראָריסטישע טעטיקייטן, כדי אונטערצוגראָבן די מיליטערישע מאַכט פונעם פ.ס.ס.ר., אַרויסצורופן אַ מיליטערישע אַטאַקע מצד יענע לענדער אויפן פ.ס.ס.ר., צו אַרבעטן פאַר דער מפּלה פונעם פ.ס.ס.ר. און דער צעשפּליטערונג פון דעם פ.ס.ס.ר. . . .

(2) אַז דער „בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן" האָט זיך פאַרבונדן מיט געוויסע פרעמדע לענדער, מיטן צוועק צו קריגן פון זיי באַוואָפנטע הילף כדי דורכצופירן זייערע קרימינעלע פּלענער;

(3) אַז דער „בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן" האָט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן פאַר יענע לענדער, צושטעלנדיק די אויסלענדישע שפּיאָנאַזש־דינסטן זייער וויכטיקע געהיימע מלוכה־אינפאָרמאַציע;

(4) אַז דער „בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן" האָט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט ברעכערישע און שטערערישע אַקטן אין די פאַרשיידענע צווייגן פונעם סאָציאַליסטישן אויפבוי (אינדוסטריע, אַגריקולטור, אייזנבאַנען, אויף די געביטן פון פינאַנץ, מוניציפּאַלע אַנטוויקלונגען, א. אַז. וו.);

(5) אַז דער „בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן" האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל טעראָר־אַקטן קעגן די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער סאָוועטן־רעגירונג, און אויסגעפירט

טעראָר־אַקטן איבער ס. מ. קיראָוו, וו. ר. מענזשינסקין, וו. וו. קויבי־שעוון און א. מ. גאָרקין.

דער פּראָצעס פונעם בונד פון רעכטע און טראָצקיסטן האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פאַרעפנטלעכט די פּרטים ווי אַזוי עס אַרבעט די פינפטע קאָלאָנע פון די אַקס־מלוכות. די אַלע טעכניקן פון דער פאַשיסטישער מעטאָדע פאַר געהיימער באַהערשונג — פּראָפּאַגאַנדע, שפּיאָנאַזש, טעראָר, פאַרראַט אין הויכע אינסטאַנצן, די מאַכינאַציעס פון קוויזלינגס, די טאַקטיק פון געהיימע אַרמייען אַרבעטנדיק פון אינעווייניק — די גאַנצע געשיכטע וועגן דער סטראַטעגיע פון דער פינפטער קאָלאָנע, דורך וועלכער די נאַציס האָבן שוין אין יענער צייט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן שפּאַניע, עסטרייך, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, נאָרוועגיע, בעלגיע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע — איז פולשטענדיק אויפגעדעקט געוואָרן. דער סאָוועטישער פּראָקוראָר, ווישינסקי, האָט אין זיין שלוס־רעדע דעם 11טן מערץ, 1938, דערקלערט: „די בוכאַרינס און ריקאָווס, יאַגאָדאַס און בולאַנאָווס, קרעסטינ־סקיס און ראָזענגאָלצעס, זיינען פּונקט דאָס זעלביקע וואָס די פינפטע קאָלאָנע.“

אַמבאַסאַדאָר דזשאָזעף ע. דעיוויס, וועלכער האָט בייגעוואוינט די פאַר־האַנדלונגען, האָט געזאָגט, אַז די לעגאַלע, מענטשלעכע און פּאָליטישע דראַמע פון דעם פּראָצעס איז געווען אויסערגעוויינלעך. דעם 8טן מערץ האָט ער גע־שריבן צו זיין טאָכטער:

> אַלע פונדאַמענטאַלע שוואַכקייטן און פאַרדאָרבנקייטן פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער — פּערזענלעכע אַמביציעס אין זייער ערגסטן אויסדרוק — ווייזן זיך אַרויס ביי די פאַרהאַנדלונגען. זיי דעקן־אויף די שטריכן פון אַ פאַרשווערונג, וואָס איז שוין געווען זייער נאָענט צום דערפאָלג אין אַרונטערוואַרפן די איצטיקע רעגירונג.

טייל באַשולדיקטע, בעטנדיק רחמים, האָבן געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייערע פאַרברעכנס, אַרויפוואַרפנדיק די שולד אויף אַנדערע, און אַרויסשטעלנדיק זיך פאַר אויפריכטיקע אָבער פאַר־פירטע פּאָליטיקער. אַנדערע ווידער, אָן שום אַנזעבאַרע עמאָציעס אָדער דער־וואַרטונג אויסצומיידן טויט־שטראָף, האָבן איבערדערציילט די שוידערלעכע פּרטים פון די „פּאָליטישע“ מאָרדן, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, און די שפּיאָנאַזש־און סאַבאָטאַזש־טעטיקייטן, וועלכע זיי האָבן דורכגעפירט אונטער דער אָנפי־רערשאַפט פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע מיליטערישע געהיים־דינסטן.

אין זיין לעצטן וואָרט צום געריכט, האָט בוכאַרין, וועלכער האָט זיך אינעם געריכט באַצייכנט פאַר דעם „אידעאָלאָג“ פון דער פאַרשווערונג, גע־

געבן אַ לעבעדיק פּסיכאָלאָגיש בילד פון די אינערלעכע צווייפלען און וואַקלונגען, וועלכע האָבן נאָך זייער אַרעסט אָנגעפאַנגען צו פּייניקן פיל פון די אַמאָליקע ראַדיקאַלן, וואָס זיינען געוואָרן פאַררעטער און, צוזאַמען מיט טראָצקין, געמאַכט אַ פאַרשווערונג מיט נאַצי־דייטשלאַנד און יאַפּאַן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. בוכאַרין האָט געזאָגט:

בעת מיין הויפּט עדות־זאָגן אין משך פונעם פּראָצעס, האָב איך שוין געזאָגט, אַז עס איז ניט געווען די ריינע לאָגיק פונעם קאַמף, וואָס האָט אונדז, די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערער, אַריינגעטריבן אין אָט דעם פאַרשטונקענעם אונטערערדישן לעבן, וואָס איז ביים דאָזיקן פּראָצעס אויפגעדעקט געוואָרן אין זיין גאַנצער מיאוסקייט. די ריינע לאָגיק פונעם קאַמף איז באַגלייט געוואָרן פון אַ צעפוילונג פון אידעאַלן, אַ צעפוילונג פון פּסיכאָלאָגיע, אַ צעפוילונג פון אונדז גופא, אַ צע־פוילונג פון מענטשן. עס זיינען פאַראַן גוט־באַוואוסטע ביישפּילן אין דער געשיכטע פון אַזאַ צעפוילונג. מען דאַרף בלויז דערמאָנען בריאָן, מוסאָליני און נאָך אַנדערע. אויך מיר זיינען צעפוילט געוואָרן. . . .

איך וועל איצט רעדן וועגן זיך, וועגן די סיבות פון מיין חרטה. פאַרשטייט זיך, מען מוז צוגעבן, אַז אינקרימינירנדיקע באַווייזן שפּילן אַ זייער וויכטיקע ראָלע. דריי חדשים צייט האָב איך גאָרניט געוואָלט זאָגן. דערנאָך האָב איך גענומען עדות־זאָגן. פאַרוואָס? ווייל זיצנדיק אין תפיסה האָב איך געמאַכט אַ דין־וחשבון פון מיין גאַנצער פאַר־גאַנגענהייט. ווייל ווען מען פרעגט זיך אַליין: „אויב דו דאַרפסט שוין שטאַרבן, איז פאַר וואָס שטאַרבסטו?” הויבט זיך דאַן אַרויס פאַר דיר אין דער שטויננענדיקסטער קלאָרקייט אַן אַבסאָלוט־שוואַרצע פּוסטקייט. עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו שטאַרבן, אויב מען וויל שטאַרבן אָן חרטה. . . . און אַז מען פרעגט זיך אַליין: „זייער פיין, אָבער וואָס אַשטייגער אויב דו וועסט ניט שטאַרבן, אויב, לאָמיר זאָגן, וועסט דורך עפּעס אַ נס לעבן בלייבן — צוליב וואָס דאַן? איזאָלירט פון יעדן איינעם, אַ שונא פונעם פאָלק, אין אַן אוממענטשלעכן צושטאַנד, אינ־גאַנצן אָפּגעשיידט פון יעדער זאַך וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם עיקר פונעם לעבן. . . .” און גלייך באַקומסטו דעם זעלביקן ענטפער. און אין אַזעלכע מאָמענטן, בירגער ריכטער, פאַרשווינדט אַלץ וואָס איז פערזענלעך, אַלע פערזענלעכע התנצלותן, אַלע פּיינטשאַפטן, דער שטאָלץ, און נאָך אַ צאָל אַנדערע זאַכן — אַלץ פאַלט דאַן אַוועק. . . . . . . איך רעד איצט אפשר דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן. . . .

איך קאָן אַרויסדריגגען, אַז שום באַווייזן, אַז טראָצקי און מיינע אַנדערע שותפים אין פאַרברעכן, ווי אויך דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל . . . וועלן זיך פלייסן אונדז, ספּעציעל מיך, צו פאַרטיידיקן. איך וויז צוריק אָט די פאַרטיידיקונג . . . איך דערוואַרט דעם פסק־דין.

דעם 13טן מערץ, 1938, אינדערפרי, איז דער אורטייל אַרויסגעגעבן געוואָרן. אַלע אָנגעקלאָגטע זיינען געפונען געוואָרן שולדיק. דריי פון זיי, פלעטניעוו, בעזסאָנאָוו און ראַקאָווסקי, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה־טערמינען. די אַנדערע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן דערשאָסן צו ווערן.

* * *

דריי יאָר שפּעטער, אינעם זומער פון 1941, נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם פ.ס.ס.ר., האָט דער פריערדיקער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דזשאָזעף ע. דעיוויס, געשריבן:

אין רוסלאַנד איז ניט געווען דער אַזוי־גערופענער „אינערלעכער אָנגריף״, וואָס זאָל מיטאַרבעטן מיט דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע. היטלערס מאַרש אויף פּראַג איז באַגלייט געוואָרן דורך דער אַקטיווער מיליטערישער שטיצע מצד העגלעינס אָרגאַניזאַציע אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָס זעלביקע איז געווען אמת וועגן דעם איבערפאַל אויף נאָרוועגיע. אין רוסלאַנד אָבער זיינען ניט געווען קיין סודעטן־העגלעינס, קיין סלאָוואַקישע טיסאָס, קיין בעלגישע דע־גרעלס, קיין נאָרוועגישע קוויזלינגס. . . .

דעם חשבון האָט מען געמאַכט ביי די אַזוי־גערופענע פאַרראַט־און רייניקונג־פּראָצעסן פון 1937־1938, וועלכע איך האָב ביגעוואוינט און צו וועלכע איך האָב זיך צוגעהערט. איבערקוקנדיק איצט די פּראָטאָקאָלן פון יענע פּראָצעסן און אויך דאָס וואָס איך האָב צו יענער צייט געשריבן . . . געפין איך, אַז כמעט אַלע המצאות פון די דייטשע פינפטע קאָלאָנע טעטיקייטן, ווי מיר קענען זיי איצט, זיינען אויפגעדעקט און באַוויזן געוואָרן דורך די ווידויס און דעם עדות־זאָגן, וואָס מען האָט ביי יענע פּראָצעסן אַרויסגעצויגן פון די זעלבסט־אָנערקענטע „קוויזלינגס״ אין רוסלאַנד. . . .

די דאָזיקע אַלע פּראָצעסן, רייניקונגען און ליקווידאַציעס, וועלכע האָבן אין יענער צייט אויסגעזען אַזוי גרויזאַם און האָבן שאָקירט די וועלט, זיינען איצט גאַנץ קלאָר אַ טייל פון אַן ענערגישן און אַנטשלאָסענעם פאַרזוך מצד דער סטאַלין־רעגירונג צו פאַרזיכערן זיך ניט

בלויז קעגן אַ רעוואָלוציע פון אינעווייניק, נאָר אויך קעגן אַן אַטאַקע פון דרויסן. זי האָט טיכטיק געאַרבעט אָפּצורייניקן און אויסצורייניקן די אַלע פאַררעטערישע עלעמענטן אינעם לאַנד. אַלע צווייפלען האָבן זיך אויפגעלייזט לטובת דער רעגירונג.

עס זיינען אין 1941 ניט געווען קיין פינפטע קאָלאָנעס אין רוסלאַנד — מען האָט זיי דאָרט דערשאָסן. די רייניקונג האָט אויסגעלייטערט דאָס לאַנד און עס באַפרייט פון פאַרראַט.

די פינפטע קאָלאָנע פון די אַקס־מלוכות איז אין רוסלאַנד צעשמעטערט געוואָרן.

קאַפּיטל 21

דער מאָרד אין מעקסיקאָ

דער הויפּט־אָנגעקלאָגטער ביי אַלע דריי מאָסקווער פּראָצעסן איז געווען אַ מאַן, וועלכער האָט זיך געפונען פינף טויזנט מייל ווייט פון מאָסקווע.

אין דעצעמבער 1936, נאָך דעם זינאָוויעוו־קאַמעניעוו־פּראָצעס און נאָך דעם ווי מען האָט אַרעסטירט פּיאַטאַקאָוו, ראַדעקן און אַנדערע פירנדיקע מיט־גלידער פונעם טראָצקיסטישן צענטער, איז טראָצקי געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן נאָרוועגיע. ער איז אַריבערגעפאָרן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און איז דעם 13טן יאַנואַר, 1937, אָנגעקומען קיין מעקסיקאָ. נאָכדעם ווי ער איז איינגעשטאַנען אַ קורצע צייט אינעם הויז פון דעם רייכן מעקסיקאַנישן קינסטלער דיעגאָ ריווערא, האָט טראָצקי איינגעאָרדנט אַ נייע הויפּט־קוואַרטיר אין אַ ווילע אין קאָיאָאַקאַן, אַ פאָרשטעטל פון דער שטאָט מעקסיקאָ. אין משך פון די שפּעטערדיקע חדשים האָט טראָצקי פון קאָיאָאַקאַן זיך הילפלאָז צוגעקוקט בעת די קאָמפּליצירטע און מעכטיקע פינפטע קאָלאָנע אין רוסלאַנד איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אונטער די האַמער־קלעפּ פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

דעם 26טן יאַנואַר, 1937, האָט טראָצקי אַרויסגעגעבן אַן אונטער־געשריבענע דערקלערונג צו דער הוירסט־פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועגן דעם פּיאַטאַקאָוו־ און ראַדעק־פּראָצעס. „אינעווייניק, אין דער פּאַרטיי, האָט סטאַלין זיך אַוועקגעשטעלט העכער פון יעדער קריטיק און העכער פונעם לאַנד“, האָט טראָצקי, רעדנדיק וועגן דעם עדות־זאָגן ביים פּראָצעס, געזאָגט. „עס איז אוממעגלעך אים אַרונטערצוזעצן, סיידן מען זאָל אים דערמאָרדן.“

אַן אַמעריקאַנישער קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לעאָן טראָצקין, פאָרמעל אָנגעפירט פון אַנטי־סאָוועטישע סאָציאַליסטן, זשורנאַליסטן און לע־רער, אָבער אין דער אמתן באַשאַפן פון טראָצקיס אָנהענגער אין אַמעריקע, איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק. אין קאָמיטעט זיינען אָריגינעל געווען אַנ־געשלאָסן אַ צאָל אָנגעזעענע ליבעראַלן. איינער פון זיי, מאָריץ האַלגרען, שריי־בער און געהילף־רעדאַקטאָר פון דער „באַלטימאָר סאַן“, האָט זיך צוריק־געצויגן פון דעם קאָמיטעט אַזוי גיך ווי עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן זיין ווירקלעכער צוועק אַלס אַן אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטור. דעם

27טן יאַנואַר, 1937, האָט האַלגרען פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג צום קאָמי־טעט, וואָס האָט זיך טיילוויז געלייענט:

איך בין . . . איבערצייגט — און אונטער די באַדינגונגען מוז איך זיין איבערצייגט — אַז דער אַמעריקאַנישער קאָמיטעט פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון לעאָן טראָצקי איז, אפשר אומווילנדיק, געוואָרן אַן אינ־סטרומענט פון די טראָצקיסטן פאַר פּאָליטישער אינטערווענציע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. . . . איר וועט דעריבער אַרויסנעמען מיין נאָמען אַלס מיטגליד פונעם קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לעאָן טראָצקין האָט אונטער־גומען אַ העפטיקע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע, אויסמאָלנדיק טראָצקין אַלס דעם מאַרטירער־„העלד פון דער רוסישער רעוואָלוציע", און די מאָסקווער פּראָצעסן אַלס „סטאַלינס בלבולים". איינער פון די ערשטע אַקטן פון קאָמיטעט איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ „פּרעלימינאַרע אויספאָרשונג־קאָמיסיע" צו „אונטער־זוכן די קלאַגן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן לעאָן טראָצקין ביי די מאָסקווער פּראָצעסן אין אויגוסט 1936 און יאַנואַר 1937". מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיינען געווען: דער געעלטערטער פילאָזאָף און דערציער, דזשאָן דיואי; דער שרייבער קאַרלטאָן בילס; דער געוועזענער סאָציאַליסטישער מיטגליד פונעם דייטשן רייכסטאַג אָטאָ רוהלע; דער געוועזענער אַמעריקאַנער ראַדיקאַל און אַנטי־סאָוועטישער זשורנאַליסט בענדזשאַמין סטאָלבערג; און די אייפערדיקע פּראָ־טראָצקיסטישע זשורנאַליסטקע סוזאַן לאַפּאָלעט.

מיט גרויס פּאָמפּ און פּובליסיטי האָט די אויספאָרשונג־קאָמיסיע דעם 10טן אַפּריל אָנגעהויבן אירע פאַרהערן אין קאָיאָאַקאַן, מעקסיקאָ. די איינציקע עדות זיינען געווען לעאָן טראָצקי און איינער פון זיינע סעקרעטאַרן, יאַן פרענקעל, וועלכער איז אין 1930 געווען אַ מיטגליד פון טראָצקיס פּערזענ־לעכער לייב־וואַך אין פּרינקיפּאָ. די לעגאַלע פאַרטיידיקונג פון טראָצקין האָט אָנגעפירט זיין אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט אַלבערט גאָלדמאַן.*)

די פאַרהערן האָבן אָנגעהאַלטן זיבן טעג. טראָצקיס „עדות־זאָגן", וואָס איז ברייט צעשפּרייט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער און אייראָפּייאישער פּרעסע, איז דערהויפּט באַשטאַנען אין שאַרף אָרונטעררייסן סטאַלינען און די סאָוועטן־רעגירונג, און אין איבערגעטריבענעם זעלבסט־לויב פון זיין אייגענער

*) דעם 1טן דעצעמבער, 1941, איז אַלבערט גאָלדמאַן פאַרמשפּט געוואָרן פון אַ פעדעראַלן געריכט אין מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ, אויף די קלאָגעס פון אַ פאַר־שווערונג אונטערצוגראָבן די מאָראַל פון דער אַרמיי און דעם פלאָט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. (זע באַמערקונג אויף זייטן 368-369.)

ואַלע אין דער רוסישער רעוואָלוציע. די פּרטימדיקע באַווייזן קעגן טראָצקין, וועלכע זיינען ביי די מאָסקווער פּראָצעסן אַרויסגעבראַכט געוואָרן, האָט די אויספאָרשונג־קאָמיסיע גרעסטנטיילס איגנאָרירט. דעם 17טן אַפּריל האָט קאַרלטאָן בילס רעזיגנירט פון דער קאָמיסיע. בילס האָט אַרויסגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג, וועלכע האָט זיך טיילוויז געלייענט:

...די שטילע פאַרגעטערונג פון מיסטער טראָצקין מצד די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אינעם גאַנג פון די פאַרהערן, האָט אינ־גאַנצן פאַרניכט דעם גייסט פון ערלעכער אויספאָרשונג. . . . דעם סאַמע ערשטן טאָג האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיינע פראַגעס זיינען ניט פּאַסיק. דער לעצטער קרייץ־פאַרהער איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט ניט געקאָנט זוכן דעם אמת. מען האָט מיך קריטיקירט פאַר אויספרעגן טראָצקין וועגן זיינע אַרכיוון. . . . די קרייץ־פאַרהערן זיינען באַשטאַנען פון דערלויבן טראָצקין אויסצוגיסן פּראָפּאַגאַנדע־אָנקלאַגעס מיט קלינגענדיקע און ווילדע פאַרוואורפן, און בלויז זעלטן האָט מען געמאַכט אַ פּאַרזוך צו צווינגען אים באַווייזן זיינע באַהויפּטונגען. . . . די קאָמיסיע קאָן, אויב זי וויל, אַרויסגעבן דער וועלט אירע פאַלשע וועקסלען, אָבער איך וועל ניט דערלאָזן אַז מיין נאָמען זאָל געניצט ווערן פאַר וויטערדיקע קינדער־שפּילן, ענלעך צו די וואָס זיינען שוין פאַרגעקומען.

אונטערן אויפזיכט פון דעם אַמעריקאַנישן קאָמיטעט פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון לעאָן טראָצקין האָט מען אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּאַניע אַריינצו־ברענגען טראָצקין אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איבער גאַנץ אַמעריקע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן טראָצקיס ביכער, אַרטיקלען און באַהויפּטונגען, בעת דער אמת וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן איז געבליבן פאַרשלאָסן אין די דאָקומענטן פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט, אָדער אין די מוחות פון די קאָרעספּאָנדענטן אין מאָסקווע, וועלכע האָבן געגלויבט — ווי וואַלטער דוראַנטי האָט דערנאָך גע־שריבן — אין דעם „שאַרפן ווידערווילן פון די אַמעריקאַנישע לייענער צו הערן עפּעס אַ חוץ שלעכטס וועגן רוסלאַנד".*)

---

*) טראָצקי האָט אָנגעגעבן פאַרשיידענע „דערקלערונגען" פאַרוואָס זיינע פריער־דיקע נאָענטע פריינט, הויפּט-לייטענאַנטן און פאַרבינדעטע האָבן זיך מתוודה געווען ביי די פּראָצעסן. תחילת האָט ער דעם זינאָוויעוו-קאַמענייעוו-פּראָצעס דערקלערט דער־מיט, וואָס די סאָוועטן-רעגירונג האָט די אָנגעקלאָגטע צוגעזאָגט שענקען די לעבנס מיט דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן מאַכן פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אים. „דאָס איז דער מינימום, וואָס די 'ג.פּ.או.' האָט געמוזט דערגרייכן." האָט טראָצקי גע-

אין מעקסיקאָ, פּונקט ווי אין טערקיי, פראַנקרייך, נאָרוועגיע און אין די אַנדערע פּלעצער וואו ער האָט געוואוינט, האָט טראָצקי שנעל זיך אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז אָנהענגער, אַוואַנטוריסטן און אַ באַוואָפנטער וואַך. ער האָט ווידעראַמאָל געלעבט אין אַ פאַנטאַסטישער אַטמאָספערע פון אינטריגעס.

די ווילע אין קאָיאָאַקאַן, וואו טראָצקי האָט איינגעשטעלט זיין מעקסיקאַנישע הויפּט־קוואַרטיר, איז געווען אַן אמתע פעסטונג. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט צוואַנציק פוס הויך. בייטאָג און ביינאַכט זיינען אין די טורעמלעך אויף אַלע פיר ווינקלען געשטאַנען באַוואָפנטע וועכטער מיט מאַשין־געווער. אויסער דער מעקסיקאַנישער פּאָליציי־אָפּטיילונג, וועלכע מען האָט ספּעציעל באַשטימט צו היטן די ווילע, האָבן אויך טראָצקיס באַוואָפנטע לייב־וועכטער פּאַטראָלירט זיין הויפּט־קוואַרטיר. אַלע באַזוכער האָבן געדאַרפט פעסטשטעלן ווער זיי זיינען און דורכגיין שטרענגע אויספאָרשונגען, אַזוי ווי ביי גרענעץ־פּאַסטנס. מען האָט געדאַרפט זייערע פּאַספּאָרטן אָבער און

שריבן. „זי וועט אירע קרבנות שענקען זייערע לעבנס, אויב זי וועט דערגרייכן אַט־דעם מינימום.” נאָכדעם ווי זינאָוויעוו און קאַמעניעוו און זייערע מיטהעלפער פונעם טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטישן טעראָר־צענטער זיינען דערשאָסן געוואָרן, האָט טראָצקי דערקלערט, אַז מען האָט זיי פאַרראַטן. די דאָזיקע דערקלערונג איז אָבער געוואָרן זייער אַ נעבעכדיקע, ווען פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק און די אַנדערע באַשולדיקטע ביים צווייטן מאָסקווער פּראָצעס האָבן זיך מודה געווען און דערביי אַפילו אויפגעדעקט נאָך ערגערע זאַכן. איצט האָט טראָצקי באַהויפּט, אַז די ווידוים פון די באַשולדיקטע זיינען אַ רעזולטאַט פון טייוולאָנישע פּייניקונגען און פון מיסטעריעזע, שטאַרקע „טראָפּנס”. ער האָט געשריבן: „די ׳ג.פּ.או.׳־פּראָצעסן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אמתער אינקוויזיציע; דאָס איז דער איינפאַכער סוד פון די ווידוים! . . . אפשר זיינען אויף דער וועלט פאַראַן פיל העלדן, וועלכע קאָנען איבערטראָגן אַלערליי פּייניקונגען, פיזישע ווי מאָראַלישע, קעגן זיי, זייערע פרויען, זייערע קינדער. איך ווייס ניט. . . .”

אין איין אַרטיקל פלעגט טראָצקי באַשרייבן די אָנגעקלאָגטע אין די פּראָצעסן אַלס מענטשן פון „נאָבעלן כאַראַקטער”, געטרייע און ערנסטע „אַלטע באָלשעוויקעס”, וועלכע זיינען געוואָרן קעגנער, ווייל סטאַלין האָט „פאַרראַטן די רעוואָלוציע”, און וועמען סטאַלין האָט דעריבער ליקווידירט. אין אַ צווייטן אַרטיקל פלעגט שוין טראָצקי אַרונטעררייסן פּיאַטאַקאָוון, ראַדעקן, בוכאַרינען און די אַנדערע, אַלס „געמיינע כאַראַקטערן”, מענטשן מיט אַ „שוואַכן ווילן” און „סטאַלינס פּופּן”.

ענדלעך, אַלס ענטפער אויף אַ פראַגע, פאַרוואָס זאָלן אַלטע רעוואָלוציאָנערן, אויב זיי זיינען טאַקע ניט שולדיק, מאַכן אַזעלכע באַהויפּטונגען און פאַרוואָס קיין איינציקער פון די באַשולדיקטע האָט ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט פונעם אָפענעם געריכט צו דערקלערן זיין אומשולד, האָט טראָצקי, בעת די פאַרהערן אין מעקסיקאָ אין 1937, דערקלערט: „לויט דעם כאַראַקטער פון דעם ענין, בין איך ניט מחויב צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגעס!”

ווידעראָמאָל אונטערשרייבן. און אַז מען האָט שוין דורכגעלאָזט דורך די טויערן אין דער הויכער וואַנט, האָט מען זיי ערשט באַזוכט, צי זיי טראָגן ניט מיט זיך קיין פאַרבאָרגן געווער, איידער מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין דער ווילע גופא.

אינעווייניק האָט געהערשט אַ שטימונג פון אָנגעצויגענער טעטיקייט. אַ גרויסער שטאַב איז געווען ביי דער אַרבעט, נעמענדיק באַפעלן און אויספירנדיק באַשטימונגען פונעם פירער. ספּעציעלע סעקרעטאַרן האָבן צוגעגרייט אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, טראָצקיס דערקלערונגען, אַרטיקלען, ביכער און אויך געהיימע מעלדונגען אויף רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און ענגליש. פּונקט ווי אין פּרינקיפּאָ, פּאַריז און אָסלאָ, האָבן טראָצקיס „סעקרעטאַרן" געטראָגן געווער ביי דער זייט, און די זעלביקע פאַנטאַסטישע שטימונג פון אינטריגע און געהיימניש האָט געהערשט אַרום דעם אַנטי־סאָוועטישן פאַרשווערער.

פון אַלע טיילן פון דער וועלט איז אָנגעקומען אַ מאַסע בריוו אין דער מעקסיקאַנישער הויפּט־קוואַרטיר. ניט זעלטן האָבן די בריוו געדאַרפט כעמיש באַהאַנדלט ווערן, ווייל די ווירקלעכע מעלדונגען זיינען געווען געשריבן מיט אומזעבאַרער טינט צווישן די אומשולדיק־אויסקוקנדיקע שורות. עס איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע טעלעגראַפישע קאָרעספּאָנדענץ מיט אייראָפּע, אַזיע און די פאַראייניקטע שטאַטן. אַן ענדלאָזער שטראָם פון זשורנאַליסטן, באַרימטע פערזענלעכקייטן, פּאָליטיקער און מיסטעריעזע געהיימניספולע באַזוכער איז געקומען אינטערוויואירן אָדער זיך באַראַטן מיט דעם „רעוואָלוציאָנערן" פירער פון דער אַנטי־סאָוועטישער באַוועגונג. עס זיינען כסדר אָנגעקומען דעלעגאַציעס פון אויסלענדישע טראָצקיסטן — פראַנצויזישע טראָצקיסטן, אַמעריקאַנישע טראָצקיסטן, אינדישע טראָצקיסטן, כינעזישע טראָצקיסטן, אַגענטן פון דער שפּאַנישער „פּ.אָ.או.ם.".

טראָצקי האָט אויפגענומען זיינע באַזוכער מיט דער מינע פון אַ הערשנדיקן דעספּאָט. די אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטקע בעטי קוירק, וועלכע האָט טראָצקין אינטערוויואירט אין מעקסיקאָ און אים פאָטאָגראַפירט פאַרן זשורנאַל „לאַיף", האָט באַשריבן זיין טעאַטראַלישע און דיקטאַטאָרישע האַלטונג:

> טראָצקי האָט געקוקט אויף זיין זייגער און אויטאָקראַטיש געזאָגט, אַז ער וועט אונדז שענקען אַקוראַט אַכט מינוט. באַפעלנדיק זיין רוסישער סעקרעטאַרשע זי זאָל זיך זעצן קעגן אים פאַרן בילד, ווייזנדיק ווי ער דיקטירט, האָט ער געשריגן אויף איר פאַר איר אומרירעוודיקייט. ער האָט באַפוילן בערנאַרד וואולף, זיין צפון־אַמעריקאַנישן סעקרע־

טאַר, זיך אויך צוצוזעצן און, בעת וואולף האָט איבערגעקרייצט דאָס צימער, איז טראָצקי געשטאַנען, קלאַפּנדיק מיט זיין בלייפעדער איבערן טיש און אויסגערופן: „גיכער, צעפּאַטערט ניט קיין צייט!"

פון דער באַפעסטיקטער ווילע אין קאָיאָקאַן האָט טראָצקי אָנגעפירט זיין אַלוועלטלעכע אַנטי־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע, דעם פערטן אינטערנאַציאָנאַל.

איבער גאַנץ אייראָפּע, אַזיע, צפון־ און דרום־אַמעריקע זיינען געווען איינגעשטעלט ענגע באַציאונגען צווישן דעם פערטן אינטערנאַציאָנאַל און דער נעץ פון דער נאַצישער פינפטער קאָלאָנע:

אין טשעכאָסלאָוואַקיע: די טראָצקיסטן האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם נאַצי־אַגענט קאָנראַד הענלעין, און זיין „סודעטן דויטשע פּאַרטיי". סערגעי בעזסאָנאָוו, דער טראָצקיסטישער שליח, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין בערלין, האָט אין 1938, ווען מען האָט אים געשטעלט צום פּראָצעס, עדות־געזאָגט, אַז אין זומער 1935 האָט ער אין פּראַג איינגעשטעלט פאַר־בינדונגען מיט קאָנראַד הענלעין. בעזסאָנאָוו האָט באַהויפּט, אַז ער פּערזענלעך האָט געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן הענלעינס גרופּע און לעאָן טראָצקין.

אין פראַנקרייך: זשאַק דאָריאָ, נאַצישער אַגענט און גרינדער פון דער פאַשיסטישער פאָלקס־פּאַרטיי, איז געווען אַ רענעגאַט קאָמוניסט און טראָצקיסט. דאָריאָ, פּונקט ווי אַנדערע נאַצי־אַגענטן און פראַנ־צויזישע פאַשיסטן, האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דער פראַנצויזישער סעקציע פון דעם טראָצקיסטישן פערטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין שפּאַניע: די טראָצקיסטן האָבן דורכגעדרונגען די רייען פון דער „פּ.אָ.או.מ.", די אָרגאַניזאַציע פון דער פינפטער קאָלאָנע, וועלכע האָט געהאָלפן פראַנקאָס פאַשיסטישן אויפשטאַנד. דער הויפּט פון דער „פּ.אָ.או.מ." איז געווען אַנדרעאַס ניו, טראָצקיס אַלטער פריינט און פאַרבינדעטער.

אין כינע: די טראָצקיסטן האָבן געאַרבעט אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער יאַפּאַנעזישער מיליטערישער שפּיאָנאַזש. זייער אַרבעט איז שטאַרק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון פירנדיקע יאַפּאַנעזישע געהיים־אַגענטן. דער הויפּט פון דער יאַפּאַנעזישער שפּיאָנאַזש־דינסט אין פּעקינג האָט אין 1937 באַהויפּט: „מיר דאַרפן שטיצן די גרופּע טראָצקיסטן און העלפן זייער דערפאָלג, כדי זייערע טעטי־קייטן אין פאַרשיידענע טיילן פון כינע זאָלן זיין לטובת דער אימפּעריע,

ווייל אַט־די כינעזער שטערן די אייניקייט פונעם לאַנד. זיי [די טראָצקיסטן—איבערזעצער] אַרבעטן מיט וואונדערלעכער ראַפינירט־קייט און געניטקייט.״

אין יאַפּאַן: די טראָצקיסטן זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס די „ראַטגעבער פון דער געהיים־דינסט״. אין ספּעציעלע שולן האָבן זיי געלערנט די יאַפּאַנעזישע געהיים־אַגענטן די טעכניק פון אַריינדרינגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועט־רוסלאַנד און ווי אַזוי צו באַקעמפן די אַנטי־פאַשיסטישע טעטיקייטן אין כינע און אין יאַפּאַן.

אין שוועדן: נילס היג, איינער פון די פירנדיקע טראָצקיסטן, האָט באַקומען אַ געלט־סובסידיע פונעם פּראָ־נאַצישן פינאַנסיר און שווינדלער, איוואַר קרוגער. די פאַקטן וועגן קרוגערס סובסידירן די טראָצקיסטישע באַוועגונג זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך קרוגערס זעלבסטמאָרד, ווען די פינאַנציעלע רעוויזאָרן האָבן צווישן זיינע פּאַפּירן געפונען קבלות פון אַלערליי פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן, איינגעשלאָסן אַדאָלף היטלער.

איבער דער גאַנצער וועלט זיינען די טראָצקיסטן געוואָרן דער אינסטרומענט, דורך וועלכן די שפּיאָנאַזש־דינסטן פון די אַקס־מלוכות האָבן געזוכט אַריינצודרינגען אין די ליבעראַלע, ראַדיקאַלע און אַרבעטער־באַוועגונגען פאַר זייערע אייגענע צוועקן.*)

*) אַפילו נאָך טראָצקיס טויט האָט דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל פאָרגעזעצט זיינע פיפטע-קאָלאָנע טעטיקייטן.

אין ענגלאַנד, אין אַפּריל 1944, האָט סקאָטלאַנד יאַרד צוזאַמען מיט פּאָליציי-באַאַמטע געמאַכט איבערפאַלן אויף די טראָצקיסטישע הויפּט-קוואַרטירן אין לאָנדאָן, גלאַסגאָו, וואָלסענד און נאָטינגהעם, נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעדעקט, אַז די טראָצקיסטן רופן אַרויס איבערן לאַנד אַ ריי סטרייקס, אין אַ פּאַרזוך צו שטערן די ענגלישע מלחמה-באַמיאונגען.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דעם 1טן דעצעמבער, 1941, אין אַ פעדעראַלן געגנט-געריכט אין מינעאַפּאָליס, האָט מען אַכצן פירנדיקע טראָצקיסטן געפונען שולדיק אין אַ פאַרשווערונג, אונטערצוגראָבן די לאָיאַלקייט און דיסציפּלין פון אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און מאַטראָסן.

צוזאַמען מיט טראָצקיס אַדוואָקאַט, אַלבערט גאָלדמאַן, זיינען אויך פאַרמשפּט געוואָרן: דזשעימס פּ. קענאָן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (דער נאָמען אונטער וועלכן די טראָצקיסטישע באַוועגונג האָט פונקציאָנירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן); פעליקס מאָראָו, רעדאַקטאָר פון דער טראָצקיסטישער צייטונג, „דער מיליטאַנט״; דזשעיק קופּער, איינער פון טראָצקיס געוועזענער לייב-וואַך אין מעקסיקאָ; און נאָך אַנדערע פערצן פירנדיקע מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנישער טראָצקיסטישער באַוועגונג. זיי האָבן געקראָגן תּפיסה-

די לעצטע מפּלה פון דער רוסישער פינפטער קאָלאָנע ביי דעם מאָסקווער פּראָצעס פונעם בונד פון די רעכטע און טראָצקיסטן, איז געווען אַ שרעק־לעכער קלאַפּ פאַר טראָצקין. זיינע שריפטן זיינען איצט באַהערשט געוואָרן

טערמינען פון אַ יאָר מיט אַ טאָג ביז זעכצן חדשים.

גרענט דאַן, איינער פון די וויכטיקסטע טראָצקיסטן אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועמעס נאָמען מען האָט אָנגערופן אין דער פעדעראַלער אָנקלאַגע, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דריי וואָכן איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען.

אין מערץ 1943 איז דער טראָצקיסטישער אָרגאַן, „דער מיליטאַנט", באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנישער פּאָסט, אויפן גרונט, אַז ער האָט געזוכט „צו שטערן און באַזיגן די רעגירונג אין איר פאַרזוך צו דערפירן די מלחמה צו אַ זיגרייכן סוף". נאָכדעם ווי ער האָט אונטערזוכט דעם „מיליטאַנט", האָט דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, וועלכע האָט זיך טיילווייז געלייענט: „זינט דעם 7טן דעצעמבער, 1941, האָט אָט־די אויסגאַבע עפנטלעך אַנטמוטיקט די פאָלקס־מאַסן אַנטיילצונעמען אין דער מלחמה... די בלעטער פון אָט־דער אויסגאַבע שפּאָטן אויך אָפּ פון דעמאָקראַטיע... און אַנדערע מאַטעריאַלן... וואָס זיינען, ווי עס שיינט, אויסגערעכנט צו באַשאַפן קעגנערשאַפט צו דער מלחמה־אָנשטרענגונג, ווי אויך צו שטערן די מאָראַל פון די באַוואָפנטע כחות."

דער אַמעריקאַנישער אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט פון דער „שיקאַגאָ דעילי ניוס", פּאָול גהעלי, האָט דעם 28טן סעפּטעמבער, 1944 באַריכט פון שווייצאַריע, אַז היינריך הימלער, דער הויפּט פון דער געשטאַפּאָ, באַנוצט זיך מיט די אייראָפּייאישע טראָצקיסטן אַלס אַ טייל פון דער פּלאַנירטער נאַצישער אונטערערדישער באַוועגונג אָנצופירן סאַבאָטאַזש און אינטריגע נאָך דער מלחמה. גהעלי האָט געמאָלדן, אַז פאַשיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווערן געשולט אין טראָצקיסטישן „מאַרקסיזם", ווערן באַזאָרגט מיט פאַלשע פּאַפּירן און געווער און ווערן איבערגעלאָזן הינטער די אַליאירטע ליניעס מיט באַפעלן זיך אַריינצודרייען אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די באַפרייטע געגנטן. אין פראַנקרייך, האָט גהעלי אויפגעדעקט, ווערן די מיטגלידער פון דזשאָזעף דאַרנאַנדס פאַשיסטישע מיליציע באַוואָפנט דורך די נאַציס מיטן צוועק אָנצופירן טעראָר און פינפט־קאָלאָנע טעטיקייטן נאָך דער מלחמה. „אָט דער דאָזיקער אָפּטייל פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג", האָט גהעלי באַריכט צוגעגעבן, „ווערט איצט טרענירט פאַר באָלשעוויסטישער טעטיקייט לויט דער טראַדיציע פון טראָצקיס אינטערנאַציאָנאַל און אונטער היינריך הימלערס פערזענלעכע באַפעלן. זייער אַרבעט באַשטייט פון סאַבאָטאַזשירן די קאָמוניקאַציע־ליניעס פון די אַליאירטע און פון דערמאָרדן פראַנצויזישע פּאָליטיקער פון דע־גאָלס צד. מען לערנט זיי צו אַגיטירן די פראַנצויזישע מאַסן, אַז די איצטיקע סאָוועטן שטעלן מיט זיך פאָר בלויז אַ בורזשואַזע צעקריפּלונג פון לענינס אָריגינעלע פּרינציפּן, און אַז עס איז שוין צייט זיך אומצוקערן צוריק צו דער ריכטיקער באָלשעוויסטישער איד־עאָלאָגיע. צו אָרגאַניזירן אָט־די רויטע טעראָר־גרופּעס איז הימלערס סאַמע לעצטע טאַקטיק, געצילט צו באַשאַפן אַ פּערטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער זאָל געהעריק אָנגעשטעקט זיין מיט נאַצישע באַצילן. דאָס איז געצילט סיי קעגן די ענגלענדער און אַמעריקאַנער און סיי קעגן די רוסן, איבערהויפּט קעגן די רוסן."

פון אַ פאַרצווייפלטן און היסטערישן טאָן. זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אַלץ מער ווילד, ווידערשפּרעכנדיק און איבער־געטריבן. ער האָט אומאויפהערלעך גערעדט וועגן זיין אייגענער „היסטאָרישער גערעכטיקייט". זיינע אַטאַקעס אויף סטאַלינען האָבן פאַרלוירן יעדע ענלעכ־קייט צו לאָגיק. ער האָט געשריבן אַרטיקלען, באַהויפּטנדיק, אַז דער סאָוועטי־שער פירער האָט אַ גרויסן סאַדיסטישן פאַרגעניגן פון „בלאָזן רויך" אין די פּנימער פון פיצלעך קינדער. אַלץ מער און מער איז זיין פערזענלעכער האַס צו סטאַלינען געוואָרן די באַהערשנדיקע קראַפט אין טראָצקיס לעבן. ער האָט אָוועקגעזעצט זיינע סעקרעטאַרן צו אַרבעטן איבער אַ מאַסיוון, זידלענדיקן, 1,000־זייטיקן בוך, „סטאַלינס לעבן".*)

אין 1939 איז טראָצקי געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־קאָמיסיע, וואָס קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעז פון טעקסעס האָט אָנגעפירט. די קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויסצופאָרשן אַנטי־אַמעריקאַנישע טעטיקייטן, איז געוואָרן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַגענטן פון דער דאַיעז־קאָמיסיע האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט טראָצקין און אים איינגעלאַדן עדות צו זאָגן אַלס אַן „עקספּערט" וועגן דער מאָסקווער געפאַר. די „ניו־יאָרק טיימס" פונעם 8טן דעצעמבער, 1939, האָט ציטירט טראָצקיס באַהויפּטונג, אַז ער באַטראַכט עס פאַר זיין פּאָליטישן חוב עדות צו זאָגן פאַר דער דאַיעז־קאָמיסיע. די פּלענער פאַר טראָצקיס קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דיסקוטירט געוואָרן. דער פּראָיעקט איז אָבער דורכגעפאַלן.

אין סעפּטעמבער 1939 איז אַ טראָצקיסטישער אַגענט, וועלכער איז גע־פאָרן אויפן נאָמען פרענק דזשעקסאָן, אָנגעקומען אויף דער פראַנצויזישער שיף „איל דע פראַנס" קיין אַמעריקע.**) דזשעקסאָן איז אין דער טראָצקיס־

---

*) טראָצקיס פריינט אין אַמעריקע האָבן פאַרהאַנדלט מיט אַ ניו־יאָרקער פאַר־לאַג, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין קאָנסערוואַטיזם און ערלעכקייט, אַרויסצוגעבן אָט־דאָס בוך. און כאָטש דאָס בוך איז שוין געווען אָפּגעדרוקט, האָבן די ניו־יאָרקער פאַרלעגער באַשלאָסן אין דער לעצטער מינוט ניט צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך; די עטלעכע עקזעמפּליאַרן, וועלכע זיינען שוין געווען אַרויסגעשיקט, זיינען צוריק־געצויגן געוואָרן. טיילן פון אָט־דעם בוך זיינען פון טראָצקין פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַלס אַרטיקלען. דער לעצטער אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר זיין טויט, איז דערשינען אין אויגוסט 1940 אינעם זשורנאַל „ליבערטי"; דער אַרטיקל האָט געהייסן: „האָט סטאַלין פאַרסמט לענינען?"

**) פרענק דזשעקסאָנס אמתער נאָמען איז געווען זשאַק מאָרנאַרד וואַן דען דרעשע. צווישן זיינע אַנדערע פאַלשע נעמען זיינען אויך געווען: לעאָן זשאַקאָם און לעאָן העיקים.

טישער באַוועגונג אַריינגעצויגן געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנישער טראָצקיסטקע סילוויע אַגעלאָוו, בעת ער איז געווען אַ סטודענט אינעם סאָרבאָן אין פּאַריז. אין 1939 האָט אין פּאַריז אַ פּאַרטרעטער פון דער געהיימער „ביוראָ פונעם פערטן אינטערנאַציאָנאַל" זיך געשטעלט אין פּאַרבינדונג מיט אים און אים געזאָגט, אַז ער דאַרף פאָרן קיין מעקסיקאָ צו דינען אַלס איינער פון טראָצקיס „סעקרעטאַרן". מען האָט אים געגעבן אַ פּאַספּאָרט, וואָס האָט אָריגינעל געהערט צו אַ קאַנאַדער בירגער, טאָני באַביטש, אַ מיטגליד פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, וועמען די פאַשיסטן אין שפּאַניע האָבן דערמאָרדעט. די טראָצקיסטן האָבן געקראָגן באַביטשעס פּאַספּאָרט, אַרונטערגענומען דערפון זיין בילד און עס פאַרביטן מיט דזשעקסאָנס.

ביי זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק האָבן דזשעקסאָנען באַגעגנט סילוויע אַגעלאָוו און אַנדערע טראָצקיסטן, און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין קאָיאָאַקאַן, וואו ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן פאַר טראָצקין. דזשעקסאָן האָט דערנאָך געמאָלדן דער מעקסיקאַנישער פּאָליציי:

> טראָצקי האָט מיך געוואָלט שיקן קיין רוסלאַנד מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן נייע באַדינגונגען אינעם פ.ס.ס.ר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז פליען מיט דעם „טשאַינע־קליפּער" קיין שאַנכאַי, וואו איך וועל באַגעגענען נאָך אַנדערע אַגענטן פון אַנדערע שיפן, און צוזאַמען מיט זיי אַריבערגיין קיין מאַנטשוקואָ און אָנקומען קיין רוסלאַנד. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער רויטער אַרמיי, באַגיין פאַרשיידענע סאַבאָטאַזש־אַקטן אין אַמוניציע־פאַבריקן און אין אַנדערע פלעצער.

דזשעקסאָן איז קיינמאָל ניט געפאָרן אויף זיין טעראָר־שליחות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. שפּעט נאָכמיטאָג דעם 20טן אויגוסט, 1940, האָט דזשעקסאָן, אין דער שטאַרק־באַפעסטיקטער ווילע אין קאָיאָאַקאַן, דערמאָרדעט זיין פירער לעאָן טראָצקי, דורך צעשמעטערן זיין קאָפּ מיט אַן אַלפּן־קירקע.

ווען דזשעקסאָן איז אַרעסטירט געוואָרן פון דער מעקסיקאַנישער פּאָליציי, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט סילוויע אַגעלאָוו, און אַז טראָצקי האָט דאָס אים פאַרבאָטן. צווישן די צוויי מענער איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע קריגעריי, אין וועלכער דאָס מיידל איז אַריינגעצויגן געוואָרן. „צוליב איר", האָט דזשעקסאָן געזאָגט, „האָב איך באַשלאָסן זיך אַליין מקריב צו זיין."

אין וויטערדיקע באַהויפּטונגען האָט דזשעקסאָן דערקלערט:

. . . אַנשטאָט צו טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט אַ פּאָליטישן פירער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם אַרבע־טער־קלאַס, האָב איך גאָר געפונען אַ מאַן, וואָס האָט בלויז געוואָלט צופרידנשטעלן זיינע פאַרלאַנגען פון נקמה און האַס, און וואָס האָט די אַרבעטער־קאַמפן אויסגענוצט בלויז אַלס מיטל צו באַהאַלטן זיין אייגענע געמיינקייט און זיינע מיאוסע חשבונות.

. . . אין פאַרבינדונג מיט אָט־דעם הויז, וואָס ער האָט גאַנץ ריכטיק באַצייכנט ווי אַ פעסטונג, האָב איך זיך גופא גאַנץ אָפט געפרעגט, פון־וואַנען זיינען געקומען די געלטער פאַר אַזאַ אַרבעט. . . . אפשר וואָלט דער קאָנסול פון אַ גרויסער אויסלענדישער מלוכה, וועלכער האָט אים אָפט באַזוכט, געקאָנט אונדז ענטפערן אויף דער פראַגע. . . .

טראָצקי איז געווען דער, וועלכער האָט רואינירט מיין כאַראַק־טער, מיין צוקונפט און מיינע סימפּאַטיעס. ער האָט פון מיר געמאַכט אַ מענטשן אָן אַ נאָמען, אָן אַ לאַנד, אָן אינסטרומענט פון טראָצקין. איך בין געווען אין אַ טעמפן ווינקל. . . . טראָצקי האָט מיך צע־קוועטשט אין זיינע הענט, פונקט ווי איך וואָלט געווען אַ שטיקל פּאַפּיר.

לעאָן טראָצקיס טויט האָט איבערגעלאָזט בלויז איין איינציקן לעבעדיקן קאַנדידאַט פאַר דער נאַפּאָלעאָנישער ראָלע אין רוסלאַנד: אַדאָלף היטלער.

פערטער טייל

פון מינכען ביז סאַן־פראַנציסקאָ

קאַפּיטל 22

די צווייטע וועלט־מלחמה

1. מינכען

„דאָס גורלפולע יאָרצענדליק 1931־1941״, האָט דער אַמעריקאַנישער סטעיט־דעפּאַרטמענט דערקלערט אין זיין אָפיציעלער אויסגאַבע „פרידן און קריג: די אויסלענדישע פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן״, „האָט זיך אָנגעפאַנגען און פאַרענדיקט מיט גוואַלדטאַטן מצד יאַפּאַן. עס איז באַצייכנט געוואָרן דורך דער אכזריותדיקער אַנטוויקלונג פון אַן אַנטשלאָסענער פּאָליטיק פאַר וועלט־באַהערשונג מצד יאַפּאַן, דייטשלאַנד און איטאַליע.״

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1931, ווען יאַפּאַן האָט פאַרכאַפּט מאַנדזשוריע אונטערן אויסרייד פון ראַטעווען אַזיע פונעם קאָמוניזם. צוויי יאָר שפּעטער האָט היטלער אַרונטערגעוואָרפן די דייטשע רעפּובליק אונטערן אויסרייד פון ראַטעווען דייטשלאַנד פונעם קאָמוניזם. אין 1935 האָט איטאַליע זיך געוואָרפן אויף עטיאָפּיע צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון „באָלשעוויזם און באַרבאַריזם״. אין 1936 האָט היטלער ווידער מיליטאַריזירט דאָס ריינלאַנד; דייטשלאַנד און יאַפּאַן האָבן אונטערגעשריבן דעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך; און דייטשע און איטאַליענישע מיליטער האָבן פאַרנומען שפּאַניע אונטערן אויסרייד פון ראַטעווען דאָס לאַנד פונעם קאָמוניזם.

אין 1937 האָט איטאַליע זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן; יאַפּאַן האָט ווידעראַמאָל אַטאַקירט כינע און פאַרנומען פּעיפּינג, טיענצין און שאַנכאַי. אַ יאָר שפּעטער האָט דייטשלאַנד פאַרכאַפּט עסטרייך. עס איז געגרינדעט געוואָרן דער בערלין־רוים־טאָקיאָ אַקס „צו ראַטעווען די וועלט פון קאָמוניזם״.

דער סאָוועטישער אויסלאַנד־מיניסטער, מאַקסים ליטווינאָוו, האָט אין סעפּטעמבער 1937, רעדנדיק פאַר דער אַסעמבלי פון דער פעלקער־ליגע, דערקלערט:

מיר וויסן וועגן דריי לענדער, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן

אַטאַקירט אַנדערע לענדער. ניט געקוקט אויף די אונטערשיידן צווישן די רעזשימען, אידעאָלאָגיעס, מאַטעריעלע און קולטורעלע מדרגות פון די אַטאַקירטע, באַרעכטיקן די אַלע דריי לענדער זייער אַנגריף מיט איין און דעם זעלביקן מאָטיוו: קאַמף קעגן קאָמוניזם. די הערשער פון די דאָזיקע לענדער גלויבן נאַאיוו, אָדער בעסער געזאָגט, מאַכן אָן אָנ־שטעל אַז זיי גלויבן, אַז עס איז פאַר זיי גענוג אַרויסצוזאָגן די ווערטער „אַנטי־קאָמוניזם" און מען וועט זיי פאַרגעבן אַלע זייערע אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרברעכנס און זינד!

אונטער דער מאַסקע פונעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך, האָבן דייטשלאַנד, יאַפּאַן און איטאַליע זיך אַ לאָז געטאָן צו באַזיגן און פאַרשקלאַפן אייראָפּע און אַזיע.

די וועלט איז געשטעלט געוואָרן פאַר צוויי מעגלעכע אויסוועגן: אייניקייט פון אַלע פעלקער וועלכע זיינען קעגן דער נאַציזשער, פאַשיסטישער און יאַפּאַ־נעזישער אַגרעסיע און פאַר אָפּהאַלטן די מלחמה־געפאַר פון די אַקס־מלוכות אײדער עס ווערט צו־שפּעט; אָדער אומאייניקייט, שטופנווייז זיך אונטערגעבן דער אַגרעסיע, און אומפאַרמיידלעכער פאַשיסטישער זיג. אַלע — די פּראָפּאַ־גאַנדע־מיניסטעריומס פון די אַקס־מלוכות, לעאָן טראָצקיס אַגענטן, פראַנצוי־זישע, ענגלישע און אַמעריקאַנישע רעאַקציאָנערן — האָבן זיך פאַראייניקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיסטישער קאַמפּאַניע קעגן קאָלעקטיווער זיכער־קייט. די מעגלעכקייט פון אייניקייט קעגן אַנגריף איז אַטאַקירט געוואָרן אַלס „קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע", אָפּגעפּאַטערט אַלס אַן „אוטאָפּישער טרוים", פאַרשריגן אַלס אַן „אויפרייצונג צו קריג". אַנשטאָט דעם האָט מען פאַרגעשלאָגן די „אַפּיזמענט"־פּאָליטיק, אַ מיטל צו פאַרוואַנדלען די אומפאַרמיידלעכע מלחמה אין אַ פאַראייניקטן אַנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאַצי־דייטשלאַנד האָט די דאָזיקע פּאָליטיק טאַקע ברייט אויסגענוצט.

דער ענגלישער פּרעמיער, נעוויל טשעמבערלעין, דער העלד פון „אַפּיז־מענט", האָט געזאָגט, אַז קאָלעקטיווע זיכערקייט וואָלט אייראָפּע צעטיילט אויף „צוויי באַוואָפנטע לאַגערן".

די נאַצישע ציַיטונג „נאַכטאויסגאַבע" האָט אין פעברואַר 1938 דערקלערט:

> איצט ווייסן מיר, אַז דער ענגלישער פּרעמיער, פּונקט אַזוי ווי מיר, באַטראַכט קאָלעקטיווע זיכערקייט פאַר פּשוטן אומזין.

ווינסטאָן טשורטשיל, רעדנדיק דעם 10טן מאַי, 1938, אין מאַנטשעסטער, האָט געענטפערט:

מען זאָגט אונדז, אַז מיר טאָרן ניט צעטיילן אייראָפּע אויף צוויי באַוואָפנטע לאַגערן. וועט דען זיין בלויז איין־איינציקער באַוואָפנטער לאַגער? — דער באַוואָפנטער לאַגער פון דעם דיקטאַטאָר, און אַ מיש־מאַש פון דרויסנדיקע פעלקער, וועלכע וואַנדערן אַרום מחוץ דעם לאַגער און וואונדערן זיך ווער פון זיי עס וועט פריער פאַרנומען ווערן און צי זיי וועלן ווערן אונטעריאָכט, אָדער בלויז עקספּלואַטירט?

טשוירטשילן האָט מען דערפאַר אָנגערופן אַ „מלחמה־צינדער“.

אין סעפּטעמבער 1938 האָט די פּאָליטיק פון „אַפּיזמענט“ דערגרייכט איר העכסטן פּונקט. די רעגירונגען פון נאַצי־דייטשלאַנד, פאַשיסטישער איטאַליע, גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך האָבן אונטערגעשריבן דעם מינכען־אָפּמאַך, דעם אַנטי־סאָוועטישן הייליקן בונד, וועגן וועלכן די וועלט־רעאַקציע האָט געטרוימט זינט 1918.

דער אָפּמאַך האָט געלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד אָן פאַרבינדעטע. דער פראַנצויזיש־סאָוועטישער אָפּמאַך, דער ווינקלשטיין פון אייראָפּייאישער קאָלעקטיווער זיכערקייט, איז געווען טויט. דאָס טשעכישע סודעטנלאַנד איז געוואָרן אַ טייל פון נאַצי־דייטשלאַנד. די טויערן פונעם מזרח זיינען געשטאַנען ברייט צעעפנט פאַר דער ווערמאַכט.*)

---

*) דעם 24טן סעפּטעמבער, 1938, בעת די נאַצים האָבן מאַרשירט אויף טשעכאָ־סלאָוואַקיע, האָט די ניו־יאָרקער צייטונג „סאָציאַליסטישער אַפּיל“, אין אַ הויפּט לייט־אַרטיקל דערקלערט: „טשעכאָסלאָוואַקיע איז איינע פון די סאַמע מאָנסטערהאַפטסטע נאַציאָנאַלע מפּולס וואָס די טרויעריק־באַרימטע ווערסאַל־קאָנפערענץ האָט באַשאַפן. . . . די טשעכאָסלאָוואַקישע דעמאָקראַטיע איז קיינמאָל ניט געווען מער ווי בלויז אַ געמיינער צודעק פאַר הויך־אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע . . . אָט־דער צוגאַנג באַדייט נויטיקערווייז די שטאַרקסטע רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער בורזשואַזער מלוכה אונטער אַלע באַדינגונגען.“

מיט אַזעלכע פאַלשע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָבן די טראָצקיסטן איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע אָנגעפירט אַן אומאויפהערלעכע קאַמפּאַניע קעגן דער פאַרטיידיקונג פון קליינע פעלקער קעגן די אַטאַקעס פון די אַקס־מלוכות און קעגן קאָלעקטיווער זיכערקייט. און בעת אַביסיניע, שפּאַניע, צפון־ און צענטראַל־כינע, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע זיינען איינס נאָכן אַנדערן באַפאַלן געוואָרן פון דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, האָבן די מיטגלידער פון טראָצקיס פערטן אינטער־נאַציאָנאַל פאַרשפּרייט איבער דער וועלט די פּראָפּאַגאַנדע, אַז קאָלעקטיווע זיכערקייט איז אַן „אויפרייצונג צו קריג“. טראָצקי האָט באַהויפּט, אַז „די פאַרטיידיקונג פון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה“ איז באמת „אַ רעאַקציאָנערע טאַט“. אין זיין בראָשור, „דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל און די מלחמה“, וואָס די טראָצקיסטן האָבן באַנוצט אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל אין זייער קאַמף קעגן קאָלעקטיווער זיכערקייט, האָט טראָצקי געשריבן:

„דער מינכען־אָפּמאַך“, האָט וואָלטער דוראַנטי געשריבן אין „דער קרעמעל און דאָס פאָלק“, „שיינט צו זיין די גרעסטע דערנידעריקונג וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געליטן זינט דעם ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך.“

די וועלט האָט דערוואַרט די נאַצי־סאָוועטישע מלחמה.

נעוויל טשעמבערלעין, צוריקקערנדיק זיך קיין ענגלאַנד און פאָכענדיק מיט אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס האָט געהאַט אויף זיך היטלערס אונטערשריפט, האָט אויסגערופן:

„דאָס מיינט פרידן אין אונדזער צייט!“

צוואַנציק יאָר פריער האָט דער ענגלישער שפּיאָן, קאַפּיטאַן סידני

„די פאַרטיידיקונג פון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה, קודם כל אין דער באַלקאַניזיר־טער אייראָפּע, איז אין פולן זין פונעם וואָרט אַ רעאַקציאָנערע טאַט. די נאַציאָנאַלע מלוכה, מיט אירע גרענעצן, פּאַספּאָרטן, געלט־סיסטעם, טאַריפן און די אַרמיי צו פאַרטיידיקן די טאַריפן, איז געוואָרן אַ שרעקלעכער שטער פאַר דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. נישט די פאַרטיידיקונג פון דער נאַציאָנאַלער מלוכה איז די אויפגאַבע פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר איר פולע און ענדלעכע פאַרניכטונג.“

טראָצקיס נאָכפאָלגער און סימפּאַטיזירער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן דעם פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, קעגן דער שפּאַני־שער רעפּובליקאַנישער רעגירונג און קעגן אַנדערע פּאַטריאָטישע, אַנטי־פאַשיסטישע מאַסן־באַוועגונגען, וועלכע האָבן געזוכט צו שאַפן נאַציאָנאַלע אייניקייט און זייערע אייגענע לענדער און אָן אָפּמאַך מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר קאָלעקטיווער זיכער־קייט. די טראָצקיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דערקלערט, אַז די דאָזיקע באַוועגונגען וועלן בלויז אַריינשלעפּן זייערע לענדער אין קריג. „די סטאַליניסטישע ווערסיע פון פאַראייניקטן פראָנט“, האָט ס. ל. דזשעימס, אַ פירנדיקער ענגלישער טראָצקיסט, דערקלערט, „איז נישט קיין אייניקייט פאַר אַקציע, נאָר אַן אייניקייט אַריינצוציען אַלע אַרבעטער אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה.“

טראָצקי אַליין האָט אָן אויפהער „געוואָרנט“ קעגן דער „געפאַר“ פאַר די נישט־אַגרעסיווע לענדער אין פאַל די אַקס־מלוכות זאָלן קריגן אַ מפּלה. „אַ זיג פון פראַנקרייך, גרויס־בריטאַניע און סאָוועטן־פאַרבאַנד . . . איבער דייטשלאַנד און יאַפּאַן“, האָט טראָצקי דערקלערט ביי די פאַרהערן אין מעקסיקאָ אין אַפּריל 1937, „קאָן באַ־דייטן, ערשטנס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בורזשואַז־לאַנד און פראַנקרייך אין אַ פאַשיסטיש לאַנד, ווייל כדי צו באַזיגן היטלערן איז נייטיק צו האָבן אַ גוואַלדיקע מיליטערישע מאַשין . . . אַ זיג קאָן באַדייטן דאָס פאַרניכטן פאַשיזם אין דייטשלאַנד און דאָס עטאַבלירן פאַשיזם אין פראַנקרייך.“

אויף אַזאַ אופן האָבן טראָצקי און זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די „אַפּיזערס“ און מיט די פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריומס פון די אַקס־מלוכות איבערצוצייגן די אייראָפּייאישע פעלקער, אַז קאָלעקטיווע זיכערקייט מיינט אָנצינדן אַ מלחמה און אַז די אָרגאַניזאַציעס וועלכע זוכן דאָס צו דערגרייכן זיינען בלויז „סטאַליניסטישע“ ווערקצייג.

דזשאָרדזש ראַילי, אויסגערופן: „די דאָזיקע מיאוסע געמיינהייט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, מוז פאַר יעדן פּרייז צעשמעטערט ווערן. . . . פרידן מיט דייטשלאַנד! יאָ, פרידן מיט יעדן איינעם! . . . פרידן, פרידן אויף אַלע באַדינגונגען — און דאַן אַ פאַראייניקטער פראָנט קעגן די אמתע שונאים פון דער מענטשהייט!"

דעם 11טן יוני, 1938, האָט טשעמבערלעינס שטיצער אין פאַרלאַמענט, סער אַרנאָלד ווילסאָן, דערקלערט:

> אייניקייט איז נייטיק און די ווירקלעכע געפאַר פאַר דער וועלט היינט צו טאָג קומט ניט פון דייטשלאַנד אָדער איטאַליע . . . נאָר פון רוסלאַנד.

די ערשטע קרבנות אָבער פונעם אַנטי־סאָוועטישן מינכען־אָפּמאַך זיינען ניט געווען די סאָוועטישע פעלקער. די ערשטע קרבנות זיינען געווען די דעמאָקראַטישע פעלקער פון אייראָפּע. ווידעראַמאָל האָט דער אַנטי־סאָוועטישער פראָנט פאַרדעקט אַ פאַרראַט פון דעמאָקראַטיע.

אין פעברואַר 1939 האָבן די בריטישע און פראַנצויזישע רעגירונגען אָנערקענט די פאַשיסטישע דיקטאַטור פון גענעראַליסימאָ פראַנקאָ אַלס די געזעצלעכע רעגירונג פון שפּאַניע. אין די לעצטע טעג פון מערץ, נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר הערויִשן, לעבן־און־טויט קאַמף קעגן גוואַלדיקע שווערי־קייטן, איז די רעפּובליקאַנישע שפּאַניע געוואָרן אַ פאַשיסטישע פראָווינץ.

דעם 15טן מערץ האָט טשעכאָסלאָוואַקיע אויפגעהערט צו זיין אַן אומ־אָפּהענגיק לאַנד. נאַצישע פאַנצער־דיוויזיעס האָבן אַריינגעשטורעמט אין פּראַג. די סקאָדאַ אַמוניציע־פאַבריקן און נאָך אַנדערע דריי־און־צוואַנציק געווער־פאַבריקן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ געווער־אינדוסטריע דריי מאָל אַזוי גרויס ווי פון דער פאַשיסטישער איטאַליע, זיינען געוואָרן היטלערס אייגנטום. דער פראָ־פאַשיסטישער גענעראַל, יאַן סיראָווי, אַמאָליקער פירער פון די טשע־כישע אינטערווענציע־אַרמייען אין סאָוועטישן סיביר, האָט דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע איבערגעגעבן די אַרסענאַלן, סקלאַדן, טויזנט עראָפּלאַנען און די גאַנצע ערשט־קלאַסיקע אויסשטאַטונג פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַרמיי.

דעם 20טן מערץ האָט ליטע איבערגעגעבן איר איינציקן האַפן, מעמעל, צו דייטשלאַנד.

דעם 7טן אַפּריל אינדערפרי איז מוסאָליני אַריבער דעם אַדריאַטישן ים און האָט אַטאַקירט אַלבאַניע. פינף טעג שפּעטער האָט דער קעניג וויקטאָר עמאַנועל אָנגענומען די אַלבאַנישע קרוין.

און גענוי אין דעם מאָמענט וואָס היטלער האָט געהאַלטן אין מאַרשירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט סטאַלין געוואָרנט די „אַפּיזמענט"־פּאָליטיקער

פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אַז זייער אַנטי־סאָוועטישע פּאָליטיק וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַן אומגליק פאַר זיי גופא. סטאַלין האָט גערעדט אין מאָסקווע דעם 10טן מערץ, 1939, ביי דעם אַכצנטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אומדערקלערטע מלחמה, האָט סטאַלין געזאָגט, וועלכע די אַקס־מלוכות פירן אין אייראָפּע און אַזיע, אונטער דער מאַסקע פון דעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך, ווערט געצילט ניט בלויז קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר אויך — און איצט פּאַקטיש איבערהויפּט — קעגן די אינטערעסן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן.

„די מלחמה ווערט אָנגעפירט", האָט סטאַלין געזאָגט, „פון אַגרעסיווע לענדער, וועלכע פאַרלעצן אויף יעדן אופן די אינטערעסן פון די ניט־אַגרעסיווע לענדער, איבערהויפּט פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, בעת די לעצטע ציִען זיך צוריק און טרעטן אָפּ, מאַכנדיק איין קאָנצעסיע נאָך דער אַנדערער צו די אָנפאַלער . . . אָן דעם מינדסטן פאַרזוך זיך קעגנצושטעלן און אָפּילו מיט אַ געוויסער מאָס פון שטילער הילף. אומגלויבלעך, אָבער אמת."

די רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער אין די מערב־דעמאָקראַטיעס, איבערהויפּט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט סטאַלין געזאָגט, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערקייט. אָנשטאָט דעם טרוימען זיי נאָך אַלץ וועגן אַן אַנטי־סאָוועטישער קאָאַליציע, פאַרשטעלט מיט דיפּלאָמאַטישע פראַזעס ווי „אַפּיזמענט" און „ניט־אַריינמישונג". די דאָזיקע פּאָליטיק אָבער, האָט סטאַלין געזאָגט, איז שוין פאַרמשפּט. און סטאַלין האָט צוגעגעבן:

„. . . געוויסע אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן פאַרלוירן די געדולד צו וואַרטן אויפן 'מאַרש קעגן דער סאָוועטישער אוקראַינע', פאַנגען שוין אַליין אָן אויפצודעקן וואָס עס ליגט הינטער דער פּאָליטיק פון ניט־אַריינמישונג. זיי זאָגן גאַנץ אָפן, שרייבן עס שוואַרץ אויף ווייס, אַז די דייטשן האָבן זיי געמיין 'אַנטוישט', ווייל אָנשטאָט צו גיין ווייטער צום מזרח, קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט צו מערב און, ווי איר זעט, פאָדערן זיי גאָר קאָלאָניעס. מ'קאָן גלויבן, אַז טיילן פון טשעכאָסלאָוואַקיע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דייטשלאַנד אַלס פּרייז פון אַן אָפּמאַך אָנצופירן אַ מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אַז די דייטשן זאָגן זיך איצט אָפּ צו באַצאָלן זייער חוב. . . ."

„איך האָב דאָ ניט בדעה", האָט סטאַלין ווייטער געזאָגט, „צו מאָראַליזירן וועגן דער ניט־אַריינמישונג פּאָליטיק, צו רעדן וועגן פאַרראַט, באַטרוג און אַזוי ווייטער. עס וואָלט געווען נאַאיוו צו פּרעדיקן מאָראַל צו מענטשן, וועלכע אָנערקענען ניט קיין מענטשלעכע מאָראַל. פּאָליטיק איז פּאָליטיק, ווי די אַלטע

פאַרהאַרטעוועטע בורזשואַזע דיפּלאָמאַטן זאָגן. מען מוז אָבער באַמערקן, אַז די גרויסע און געפערלעכע פּאָליטישע שפּיל, וועלכע די שטיצער פון דער ניט־אַריינמישונג פּאָליטיק האָבן אָנגעהויבן, קאָן זיך ענדיקן מיט אַן ערנסטן דורכפאַל פאַר זיי."

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נאָך אַלץ געוואָלט אינטערנאַציאָנאַלע קאָ־אָפּעראַציע קעגן די אָנגרייפער און אַ רעאַליסטישע פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערקייט. סטאַלין האָט קלאָר געמאַכט, אַז אַזאַ מיטאַרבעטערשאַפט מוז זיין אמתדיק און פולהאַרציק. די רויטע אַרמיי האָט ניט בדעה אַרויסצושאַרן די קאַשטאַנעס פונעם פייער פאַר די "אַפּיזמענט"־פּאָליטיקער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. ענדלעך, אויב עס וועט שוין דערגיין צום ערגסטן, איז די רויטע אַרמיי זיכער אין איר אייגענעם כוח און אין דער אייניקייט און לאָיאַלקייט פונעם סאָוועטישן פאָלק. ווי סטאַלין האָט זיך אויסגעדריקט:

"... אין פאַל פון מלחמה, וועט אונדזער אַרמיי סיי פון פראָנט און סיי פון הינטן... זיין שטאַרקער פון די אַרמייען פון יעדן אַנדערן לאַנד, אַ פאַקט, וואָס מענטשן מחוץ אונדזערע גרענעצן, וואָס האָבן ליב מלחמה־צוזאַמענ־שטויסן, וואָלטן גאַנץ גוט געמעגט געדענקען."

אָבער סטאַלינס אָפנהאַרציקע, באַדייטונגספולע וואָרנונג איז איגנאָרירט געוואָרן.

אין אַפּריל 1939 האָט אַן אויספאָרשונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד באַוויזן, אַז 87 פּראָצענט פונעם ענגלישן פאָלק זיינען לטובת אַן ענגליש־סאָוועטישן פאַרבאַנד קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. טשוירטשיל האָט באַ־טראַכט נאָענטע ענגליש־סאָוועטישע באַציאונגען אַלס "אַן ענין פון לעבן און טויט". דעם 27טן מאַי האָט טשוירטשיל אין אַ רעדע שאַרף דערקלערט:

> אויב זיין מאַיעסטעטס רעגירונג, האָבנדיק פאַרנאַכלעסיקט אונ־דזער פאַרטיידיקונג, האָבנדיק אַוועקגוואָרפן טשעכאָסלאָוואַקיע מיט אַלץ וואָס טשעכאָסלאָוואַקיע מיינט אין מיליטערישער קראַפט, האָבנדיק פאַרפליכטעט אונדז צו פאַרטיידיקן פוילן און רומעניע, ווייזט איצט צוריק און פאַרוואַרפט די אַבסאָלוט־נויטיקע הילף מצד רוסלאַנד, און פירט אונדז אַזוי־אַרום אַריין אויפן ערגסטן אופן אין דער ערגסטער מלחמה, וועט זי קוים האָבן פאַרדינט די ברייטהאַרציקייט מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט זי באַהאַנדלט.

דעם 29טן יולי האָט לאָיד דזשאָרדזש אונטערגעשטיצט טשוירטשילס אַרגומענטן מיט אָט־די ווערטער:

> מר. טשעמבערלעין האָט פאַרהאַנדלט דירעקט מיט היטלערן. ער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד זיך צו זען מיט אים. ער און לאָרד האַליפאַקס האָבן באַזוכט רוים. זיי האָבן אין רוים געטרונקען צו מוסאָליניס געזונט און אים געזאָגט וואָסער פיינער מענטש ער איז. ווען האָבן זיי אָבער געשיקט קיין רוסלאַנד? זיי האָבן דאָך אַפילו ניט געשיקט אַהין דעם מינדסטן קאַבינעט־מיניסטער; זיי האָבן אַהין געשיקט אַן אָנגעשטעלטן אין דער אויסלאַנד־ביוראָ. דאָס איז אַ באַליידיקונג. . . . זיי פאַרמאָגן ניט קיין געפיל פון דער פראָפאָרציע אָדער פון דער ערנסטקייט פון דער גאַנצער לאַגע בעת די וועלט צאַפּלט זיך אויפן ברעג פון אַ טיפן אָפּגרונט. . . .

די שטימעס פונעם ענגלישן פאָלק און פון ענגלישע שטאַטסלייט ווי טשוירטשיל און לאָיד דזשאָרדזש זיינען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט.

„אַ בינדנדיקער און אָבליגאַטאָרישער פאַרבאַנד מיט רוסלאַנד", האָט די לאָנדאָנער „טיימס" באַמערקט, „וואָלט געשטערט אַנדערע פאַרהאַנדלונגען." *)

בעת דער זומער פון 1939 האָט זיך דערנענטערט צום סוף און די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער, איז וויליאַם סטראַנג, אַ מינדער־וויכטיקער באַאַמטער פון דער אויסלאַנד־ביוראָ, וועמען טשעמבערלעין האָט

---

*) אינעם זעלביקן טאָג וואָס די נאַצי-אַרמיי איז אַריין אין פּראַג, איז אין דוסלדאָרף געווען אַ דעלעגאַציע פון דער פעדעראַציע פון ענגלישע אינדוסטריעס, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט די לעצטע פּרטים פון אַ ברייטן אָפּמאַך מיט דייטשע האַנדל-אינטערעסן.

אין יולי האָט די ענגלישע פּרעסע געמאַכט די סענסאַציאָנעלע אויפדעקונג, אַז ראָבערט ס. האָדסאָן, דער פּאַרלאַמענט-סעקרעטאַר פון דער האַנדל-פאַרוואַלטונג, האָט זיך באַגעגנט מיט דר. העלמוט וואָהלטאַט, היטלערס עקאָנאָמישער ראַטגעבער, כדי צו פאַרהאַנדלען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן ענגלישער הלוואה פון 51,000,000 פונט פאַר נאַצי-דייטשלאַנד.

אָבער ווייט ניט אַלע גרויסע ענגלישע געשעפטסלייט זיינען געווען צו גונסטן דער פּאָליטיק פון פאַרגיטיקן די נאַציס. דעם 8טן יוני האָט דער באַנקיר און קוילן-מאַגנאַט לאָרד דעיוויס דערקלערט אין לאָרדן-הויז: „די רוסישע רעגירונג ווייסט אויסגעצייכנט גוט, אַז אין געוויסע קרייזן פון אונדזער לאַנד טליעט אַ האָפענונג, אַז די דייטשע אָדלערס וועלן פליען צום מזרח און ניט צום מערב, ווי עס איז וואַרשיינלעך געווען באַשטימט, אַז זיי זאָלן טאָן ווען היטלער האָט געשריבן 'מיין קאַמף'." . . . וואָס שייך טשעמבערלעינס פאַרהאַנדלונגען מיט דער סאָוועטן-רעגירונג האָט לאָרד דעיוויס געזאָגט, „וואונדער איך זיך טיילמאָל צי דער מיניס-טאָרן-קאַבינעט איז אַפילו איצט באמת ערנסט, אָדער צי די פאַרהאַנדלונגען זיינען בלויז אַ צוגעוואָרפענער ביסן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג."

געשיקט קיין מאָסקווע, פאַרבליבן דער איינציקער ענגלישער פאַרטרעטער אַנ־צופירן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט דער סאָוועטן־רעגירונג. דער דרוק פונעם פאָלק האָט געצוואונגען טשעמבערלעינען צו מאַכן אַ צווייטן אָנשטעל, אַז ער פאַרהאַנדלט מיט רוסלאַנד. דעם 11טן אויגוסט איז אָן ענגלישע מילי־טערישע קאָמיסיע אָנגעקומען קיין מאָסקווע אָנצופירן געמיינשאַפטלעכע שטאַב־פאַרהאַנדלונגען. די ענגלישע קאָמיסיע איז געפאָרן פון לאָנדאָן אויף אַ לאַנגזאַמער שיף. און ווען די קאָמיסיע איז אָנגעקומען, האָבן די רוסן זיך דערוואוסט, אַז זי האָט ניט געהאַט מער מאַכט ווי סטראַנג אונטערצושרייבן וועלכן עס איז אָפּמאַך מיט דער סאָוועטן־רעגירונג.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט געזאָלט איזאָלירט ווערן און איבערגעלאָזן ווערן איינע אַליין קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס איז פּאַסיוו, אויב טאַקע ניט אַקטיוו, געשטיצט געוואָרן פון די מינכען־געשטימטע אייראָפּייאישע רעגירונגען.

דזשאָזעף ע. דעיוויס האָט שפּעטער באַשריבן דעם אויסוואַל, וואָס די סאָ־וועטן־רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו מאַכן. שרייבנדיק דעם 18טן יולי, 1941, צו פּרעזידענט רוזוועלטס ראַטגעבער הערי האָפּקינס, האָט דער פריער־דיקער אַמבאַסאַדאָר געמאַכט די באַהויפּטונג:

> פון מיינע באַטראַכטונגען און פאַרבינדונגען זינט 1936, גלויב איך, אַז אויסער דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין, האָט קיין שום אַנדער רעגירונג אין דער וועלט קלאָרער ניט געזען די היט־לער־געפאַר פאַרן שלום און די נויטווענדיקייט פון קאָלעקטיווער זיכער־קייט און אַליאַנסן צווישן די ניט־אַגרעסיווע פעלקער, ווי די סאָוועטן־רעגירונג. זיי זיינען גרייט געווען צו קעמפן פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי האָבן אויפגעגעבן זייער ניט־אַנגריף אָפּמאַך מיט פּוילן נאָך פאַר מינכען, ווייל זיי האָבן געוואָלט אָפּרייניקן דעם וועג, כדי זייער מילי־טער זאָל קענען דורכגיין דורך פּוילן כדי צו העלפן קומען טשעכאָ־סלאָוואַקיע צו הילף אויב נויטיק און דערפילן זייערע פאַרפליכטונגען פונעם אָפּמאַך. אַפילו נאָך מינכען און אַזוי שפּעט ווי אין פרילינג 1939, האָט די סאָוועטן־רעגירונג מסכים געווען זיך אָנצושליסן אָן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין פאַל דייטשלאַנד וועט אַטאַקירן פּוילן אָדער רומעניע. זי האָט אָבער געפאָדערט, אַז די ניט־אַגרעסיווע לענדער זאָלן אָפּהאַלטן אַ קאָנפערענץ כדי אָביעקטיוו און רעאַליסטיש צו באַשטימען וואָס יעדער איינער קאָן טאָן און דאַן לאָזן וויסן היטלערן וועגן זייער פאַר־אייניקטן ווידערשטאַנד. . . . טשעמבערלעין האָט אָט־דעם פאָרשלאָג צוריקגעוויזן, ווייל פּוילן און רומעניע האָבן אויסגעזעצט קעגן איינ־שליסן רוסלאַנד. . . .

אין משך פון פרילינג 1939 האָבן די סאָוועטן אַלץ געפּרוּווט דער־גרייכן אַן ענדגילטיקן אָפּמאַך, וואָס זאָל שאַפן איינֿיקייט פון אַקציע און קאָאָרדינירן מיליטערישע פּלענער אָפּצושטעלן היטלערן.

ענגלאַנד . . . האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די זעלביקע פאַר־טיידיקונג־גאַראַנטיעס צו רוסלאַנד לגבי די באַלטישע לענדער, וועלכע רוסלאַנד האָט געגעבן פראַנקרייך און ענגלאַנד אין פאַל פון אַגרעסיע קעגן בעלגיע און האָלאַנד. די סאָוועטן זיינען געוואָרן איבערצייגט — און זיי האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן גרונט דערפאַר — אַז קיין עפעק־טיווער, דירעקטער און פּראַקטישער, אַלגעמיינער אָפּמאַך קאָן מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד ניט געמאַכט ווערן. זיי זיינען געטריבן געוואָרן צו שליסן אַ ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט היטלערן.

צוואַנציק יאָר נאָך ברעסט־ליטאָווסק האָבן די אַנטי־סאָוועטישע פּאָליטי־קער פון אייראָפּע ווידעראַמאָל געצוואונגען סאָוועט־רוסלאַנד אַריינצוטרעטן, צוליב זעלבסט־פאַרטיידיקונג, אין אַן אומגעוואונטשטן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד.

דעם 24טן אויגוסט, 1939, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אונטערגעשריבן אַ ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט נאַצי־דייטשלאַנד.

2. דער אָנהויב

דעם 1טן סעפּטעמבער, 1939, האָבן נאַצישע מעכאַניזירטע דיוויזיעס זיך אַריינגעריסן דורך זיבן פּונקטן אין פּוילן. צוויי טעג שפּעטער האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד. אין משך פון צוויי וואָכן איז דער פּוילישער רעזשים, וועלכער האָט אונטערן איינפלוס פון דער אַנטי־סאָוועטישער „קוירנעל־קליקע" זיך פאַרבונדן מיטן נאַציזם, אָפּגעזאָגט זיך פון סאָוועטישער הילף און זיך געשטעלט קעגן קאָלעקטיווער זיכערקייט, זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אויף פּיצלעך, און די נאַציס האָבן אָפּגעווישט די צעזייטע רעשטלעך פון זייער געוועזענעם פאַרבינדעטן.

דעם 17טן סעפּטעמבער, בעת די נאַצישע קאָלאָנעס האָבן זיך געיאָגט איבער פּוילן און די פּוילישע רעגירונג איז אַנטלאָפן אין פּאַניק, איז די רויטע אַרמיי אַריבער די פאַר־מלחמהדיקע מזרח־גרענעץ פון פּוילן און האָט פאַר־נומען מערב־ווייסרוסלאַנד, מערב־אוקראַינע און גאַליציע, איידער די נאַצישע פאַנצערס האָבן געקאָנט אַהינקומען. באַוועגנדיק זיך שנעל צום מערב, האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען די גאַנצע טעריטאָריע, וואָס פּוילן האָט געהאַט אַנעקסירט פון רוסלאַנד אין 1920.

„עס איז געווען אַ קלאָרע נויטווענדיקייט צו פאַרזיכערן רוסלאַנד קעגן דער נאַצי־געפאַר, אַז די רוסישע אַרמייען זאָלן שטיין אויף אָט־דער ליניע . . .״ האָט ווינסטאָן טשוירטשיל דעם 1טן אָקטאָבער דערקלערט אויף דער ראַדיאָ. „עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ מזרח־פראָנט, וואָס נאַצי־דייטשלאַנד וועט ניט וואַגן צו באַפאַלן. ווען הער פאָן ריבענטראָפּ איז לעצטע וואָך אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע, איז עס געווען צו דערוויסן זיך דעם פאַקט און אָנצונעמען דעם פאַקט, אַז די נאַצי־אַביכטן אויף די באַלטישע לענדער און אוקראַינע מוזן פולשטענדיק אָפּגעשטעלט ווערן.״

דער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי צום מערב איז געווען דער ערשטער פון אַ ריי סאָוועטישע צוגן, וואָס האָבן קאָנטער־באַלאַנסירט די אויסשפרייטונג פון נאַציזם און האָבן געצילט צו פאַרשטאַרקן די סאָוועטישע פאַרטיידיקונגען צו זיין גרייט פאַרן אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענשטויס מיטן דריטן רייך.

אין משך פון דער לעצטער וואָך אין סעפּטעמבער און די ערשטע טעג פון אָקטאָבער, האָט די סאָוועטן־רעגירונג אונטערגעשריבן קעגנזייטיקע הילף־אָפּמאַכן מיט עסטאָניע, לאַטוויע און ליטע. די דאָזיקע אָפּמאַכן האָבן אָנגעצייכנט, אַז רויטע אַרמיי גאַרניזאָנען, סאָוועטישע לופט־פעלדער און פלאָטן־באַזעס אין די באַלטישע לענדער וועלן איינגעשטעלט ווערן.

גלייך האָט מען זיך גענומען אַרויסשיקן פון דער באַלטישער געגנט די נאַצישע פינפטע קאָלאָנע. אין משך פון עטלעכע טעג זיינען פון ליטע אַרויסגעשיקט געוואָרן 50,000 דייטשן, פון לאַטוויע 53,000 און פון עסטאָניע 12,000. איבערנאַכט האָט די באַלטישע פינפטע קאָלאָנע, וועלכע איז מיט אַזויפיל מי אויסגעבויט געוואָרן פון אַלפרעד ראָזענבערגן, געליטן אַ שרעקלעכן קלאַפּ, און די דייטשע הויך־קאָמאַנדע האָט דורך דעם פאַרלוירן אייניקע פון אירע בעסטע סטראַטעגישע באַזעס פאַר איר דערוואַרטעטער אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין צפון אָבער איז פינלאַנד פאַרבליבן אַ מעגלעכער מיליטערישער פאַרבינדעטער פונעם דריטן רייך.

צווישן די דייטשע און פינלענדישע הויך־קאָמאַנדעס האָט עקזיסטירט די סאַמע נאָענטסטע מיטאַרבעטערשאַפט. דער מיליטערישער פירער פון פינלאַנד, באַראָן קאַרל גוסטאַוו פאָן מאַנערהיים, איז געשטאַנען אין נאָענטער און כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע. עס זיינען אָפט פאָרגעקומען אַלגעמיינע פאַרהאַנדלונגען צווישן די שטאַבן, און דייטשע אָפיצירן האָבן פון צייט צו צייט אָנגעפירט מיט פינלענדישע אַרמיי־מאַנעווערס. דער הויפּט פונעם פינלענדישן שטאַב, גענעראַל קאַרל אָעש, האָט זיין מיליטערישע בילדונג באַקומען אין דייטשלאַנד, און זיין הויפּט־געהילף, גענעראַל

הוגאָ אָסטערמאַן, האָט געדינט אין דער דייטשער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין 1939 האָט די רעגירונג פון דריטן רייך באַלוינט גענעראַל אָעש מיט איינעם פון די העכסטע מיליטערישע מעדאַלן.

אויך די פּאָליטישע באַציאונגען צווישן פינלאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד זיינען געווען נאָענטע. דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער ריסטאָ ריטי האָט היט־לערן באַטראַכט פאַר אַ „געניע"; פּער סווינהופּרוד, דער רייכער ליבהאָבער פון די דייטשן, וועלכער איז באַלוינט געוואָרן מיטן דייטשן אייזערנעם קרייץ, איז געווען די סאַמע מעכטיקסטע הינטער־קוליסן פיגור אין פינלענדישער פּאָליטיק.

מיט דער הילף פון דייטשע אָפיצירן און אינזשעניערן, איז פינלאַנד פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער פעסטונג, צו דינען אַלס באַזע פאַר אַן אָנגריף אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויף פינלענדישער ערד האָט מען אויפ־געבויט דריי־און־צוואַנציק מיליטערישע לופט־פעלדער, וואָס האָבן געקענט באַדינען צען מאָל אַזויפיל עראָפּלאַנען וויפיל דער פינלענדישער לופט־פלאָט האָט פאַרמאָגט. נאַצישע טעכניקער האָבן אָנגעפירט מיטן אויפבוי פון דער מאַנערהיים־ליניע, אַ ריי קאָמפּליצירטע, וואונדערלעך־אויסגעשטאַטע באַ־פעסטיקונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן עטלעכע מייל טיף לענג־אויס דער סאָ־וועטישער גרענעץ, און געהאַט שווערע קאַנאָנען, וואָס האָבן זיך אויף איין פּונקט געפונען בלויז איין־און־צוואַנציק מייל פון לענינגראַד. להפוך דער פראַנצויזישער מאַזשינאָ־ליניע, איז די מאַנערהיים־ליניע געווען אויסגערעכנט ניט בלויז פאַר פאַרטיידיקונג־צוועקן, נאָר אויך צו קענען אַנטהאַלטן גרויסע אָנגריף־כוחות. זומער 1939, בעת די מאַנערהיים־ליניע האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן, איז פון דייטשלאַנד אָנגעקומען היטלערס הויפּט פונעם גענעראַל־שטאַב, גענעראַל האַלדער, צו באַטראַכטן די מאַסיווע באַפעסטיקונגען.

די ערשטע וואָך אין אָקטאָבער 1939, בעת די סאָוועטן־רעגירונג האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פאַרהאַנדלען מיט די באַלטישע לענדער וועגן די בייע אָפּ־מאַכן, האָט זי פאָרגעשלאָגן אַ קעגנזייטיקן הילף־אָפּמאַך מיט פינלאַנד. מאָסקווע האָט פאָרגעשלאָגן אַוועקצוגעבן עטלעכע טויזנט קוואַדראַט מייל פון סאָוועטי־שער טעריטאָריע אין מיטל־קאַרעליע אַלס אויסטויש פאַר געווויסע סטראַ־טעגישע פינלענדישע אינדזלען לעבן לענינגראַד, אַ טייל פונעם קאַרעלישן לאַנד־פּאַס און דאָס רעכט אָפּצודינגען אויף דרייסיק יאָר דעם האַנגאָ־האַפן, כדי דאָרט אויפצובויען אַ סאָוועטישע פלאָטן־באַזע. די סאָוועטישע פירער האָבן די דאָזיקע טעריטאָריעס באַטראַכט פאַר וויכטיק אין פאַרטיידיקן די רויטע פלאָטן־באַזע אין קראָנשטאַט און די שטאָט לענינגראַד.

די פאַרהאַנדלונגען צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פינלאַנד האָבן זיך

פאַרצויגן ביזן מיטן נאָוועמבער אָן שום רעזולטאַטן. כדי צו גרייכן אַן אָפּמאַך, האָט די סאָוועטן־רעגירונג געמאַכט אַ ריי הנחות. דער פינלענדישער פאַר־מיטלער, יוהאָ פּאַסיקיווי, האָט נאָך זיין אומקערן זיך צוריק קיין פינלאַנד דערקלערט: „סטאַלין האָט זיך געפלייסט מיך צו לערנען דעם שכל פון פינ־לענדישע און סאָוועטישע אינטערעסן אין מאַכן קאָמפּראָמיסן.“ אָבער די פראַ־נאַצישע קליקע, וועלכע האָט באַהערשט די פינלענדישע רעגירונג, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן וועלכע עס איז הנחות און אָפּגעבראָכן די פאַרהאַנדלונגען.

סוף נאָוועמבער זיינען שוין סאָוועטן־פאַרבאַנד און פינלאַנד געווען אין קריג. „דאָס פינלענדישע פאָלק“, האָט די פינלענדישע רעגירונג דערקלערט, „קעמפט פאַר אומאָפּהענגיקייט, פרייהייט און ערע. . . . אַלס אַ פאָרפּאָסטן פון דער מערב־ציוויליזאַציע, האָט אונדזער פאָלק דאָס רעכט צו דערוואַרטן הילף פון די אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער.“

די אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך האָבן געגלויבט, אַז די לאַנג־דערוואַרטע הייליקע מלחמה איז שוין אָנגעקומען. די מאָדנע אומטעטיקע מלחמה אין מערב קעגן נאַצי־דייטשלאַנד איז געווען די „ביט־ריכטיקע מלחמה“. די אמתדיקע מלחמה איז אין מזרח. אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שאַרפע אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע אונטערן לאָזונג: „הילף פאַר פינלאַנד“.

דער פרעמיער טשעמבערלעין, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט פריער געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז זיין לאַנד פעלט גענוג וואָפן צו קעמפן קעגן די נאַציס, האָט אויף גיך באַוויזן צו שיקן קיין פינלאַנד 144 ענגלישע עראָפּלאַנען, 114 שווערע קאַנאָנען, 185,000 קוילן, 50,000 גראַנאַטן, 15,700 לופט־באָמבעס, 100,000 שינעלן און 48 שפּיטאָל־אויטאָס. און בעת די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך פאַרצווייפלט געניטיקט אין יעדן פיצל מיליטערישער אויסשטאַטונג, כדי צו פאַרהאַלטן דעם אומפאַרמיידלעכן נאַצי־אָנגריף, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג איבערגעגעבן דער פינלענדישער אַרמיי 179 עראָפּלאַנען, 472 קאַ־נאָנען, 795,000 קוילן, 5,100 מאַשין־ביקסן און 200,000 האַנט־גראַנאַטן.

בעת אויפן מערב־פראָנט האָט אָנגעהאַלטן די שטילקייט, האָט די ענגלישע הויך־קאָמאַנדע, נאָך אַלץ באַהערשט פון אַנטי־סאָוועטישע מיליטאַריסטן ווי גענעראַל אייראָנסייד, אָנגעצייכנט פּלענער אַריבערצושיקן דורך סקאַנדינאַוויע קיין פינלאַנד 100,000 סאָלדאַטן, און די פראַנצויזישע הויך־קאָמאַנדע האָט געמאַכט צוגרייטונגען פאַר אַ גלייכצייטיקער אַטאַקע אויף קאַווקאַז, אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל וועיגאַנד, וועלכער האָט עפנטלעך באַהויפּט, אַז אינעם נאָענטן מזרח שטייען גרייט פראַנצויזישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זיך אַ לאָז צו טאָן איבער די אויל־פעלדער פון באַקו.

טאָג־איין טאָג־אויס האָבן ענגלישע, פראַנצויזישע און אַמעריקאַנישע צייטונגען געדרוקט ריזן־קעפּ וועגן אַנטשיידענע פינלענדישע זיגן און קאַטאַס־טראָפישע סאָוועטישע מפּלות. נאָך דריי חדשים קאַמף אויף אַן אויסערגעוויינ־לעך שווערן באָדן און אונטער אומגלויבלעך־שווערע וועטער־באַדינגונגען, מיט אַ טעמפּעראַטור וואָס איז אָפט אַרונטערגעפאַלן צו זעכציק און צו זיבעציק גראַד אונטער זערע, האָט די רויטע אַרמיי צעשמעטערט די „אומבאַזיגבאַרע" מאַנערהיים־ליניע און פאַרטריבן די פינלענדישע אַרמיי.*)

די מלחמה צווישן פינלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך גע־ענדיקט דעם 13טן מערץ, 1940. לויט דעם שלום־אָפּמאַך האָט פינלאַנד איבער־געגעבן רוסלאַנד דעם קאַרעלישן לאַנד־פּאַס, די מערב־ און צפון־ברעגן פון דער לאַדאָגאַ־אָזערע, אַ צאָל סטראַטעגישע אינדזלען אינעם פינלענדישן איינ־גוס, וואָס זיינען נויטיק געווען צו פאַרטיידיקן לענינגראַד. די סאָוועטן־רעגי־רונג האָט צוריקגעגעבן צו פינלאַנד דעם פּעטסאַמער האַפן, וועלכן די רויטע אַרמיי האָט געהאַט פאַרנומען, און אָפּגעדונגען אויף דרייסיק יאָר דעם האַנגאָ האַלב־אינדזל אויף אַ יערלעכן אָפּצאָל פון 8,000,000 פינלענדישע מאַרקן.

רעדנדיק דעם 29טן מערץ פאַרן העכסטן ראַט פונעם פ.ס.ס.ר., האָט מאָלאָ־טאָוו דערקלערט:

> דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבנדיק צעשמעטערט די פינלענדישע אַרמיי און פאַרמאָגנדיק יעדע געלעגנהייט צו פאַרנעמען גאַנץ פינלאַנד, האָט דאָס ניט געטאָן און האָט ניט געפאָדערט קיין שום פאַרגיטיקונגען פאַר אירע אויסגאַבן אין דער מלחמה, ווי יעדע אַנדערע מלוכה וואָלט דאָס געטאָן, נאָר האָט אירע פאָדערונגען באַגרענעצט צו אַ מינימום. ... מיר האָבן אין דעם שלום־אָפּמאַך ניט געזוכט קיין שום אַנדער ציל, ווי צו באַפעסטיקן די זיכערקייט פון לענינגראַד, מורמאַנסק און די מורמאַנסקער אייזנבאַן. . . .

און די אומדערקלערטע מלחמה פון נאַצי־דייטשלאַנד קעגן סאָוועט־רוסלאַנד איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

דעם זעלביקן טאָג וואָס די סאָוועטיש־פינלענדישע מלחמה האָט זיך פאַר־ענדיקט, האָט גענעראַל מאַנערהיים אין אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער פינלענדישער אַרמיי דערקלערט, אַז „עס איז די הייליקע אויפגאַבע פון דער אַרמיי צו זיין

---

*) אין יוני 1940 האָט דער אינסטיטוט פאַר פּראָפּאַגאַנדע אַנאַליז פון ניו־יאָרק באַריכטעט: „די אַמעריקאַנישע פּרעסע האָט וועגן דער פינלענדישער מלחמה דערציילט ווינציקער אמת און אויסגעטראַכט מער געצאַצקעטע ליגנס, ווי וועגן וועלכן עס איז אַנדערן צוזאַמענשטויס אין דער לעצטער צייט."

אַ פֿאָרפּאָסטן פֿון דער מערב־ציוויליזאַציע אין מזרח". באַלד נאָכדעם האָט די פֿינלענדישע רעגירונג אָנגעפֿאַנגען נייע באַפֿעסטיקונגען לענג־אויס דער ניי־איינגעשטעלטער גרענעץ. פֿון דייטשלאַנד זיינען אָנגעקומען נאַצישע טעכניקער אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט. פֿינלאַנד האָט געמאַכט גרויסע באַשטעלונגען אויף געווער אין שוועדן און אין דייטשלאַנד. קיין פֿינלאַנד האָבן אָנגעפֿאַנגען אָנ־קומען גרויסע מאַסן דייטשע סאָלדאַטן. די פֿינלענדישע און דייטשע הויך־קאָמאַנדעס האָבן איינגעשטעלט געמיינזאַמע הויפּט־קוואַרטירן און אָפּגעהאַלטן געמיינזאַמע אַרמיי־מאַנעווערס. מאַסן נאַצי־אַגענטן האָבן אָנגעפֿילט די שטאַבן פֿון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין העלסינקי און די עלף קאָנסולאַטן איבערן לאַנד.

אין פֿרילינג 1940 איז די שטילקייט אין מערב פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן. דעם 9טן אַפּריל האָט דייטש מיליטער זיך אַריינגעריסן אין דענמאַרק און נאָרוועגיע. דענמאַרק איז אָקופּירט געוואָרן אין איין־איינציקן טאָג און אָן שום ווידערשטאַנד. סוף חודש האָבן די נאַצים געהאַט צעשמעטערט דעם אָר־גאַניזירטן נאָרוועגישן ווידערשטאַנד, און דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס איז געקומען העלפֿן די נאָרוועגער, האָט פֿאַרלאָזן זייערע אומזיכערע שטיץ־פּונקטן. אין אָסלאָ איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאַצישער פּופּן־רעזשים אונטער דעם מאַיאָר ווידקון קוויזלינג.

דעם 10טן מאַי האָט טשעמבערלעין, נאָכדעם ווי ער האָט זיין לאַנד דער־פֿירט כמעט צו דער פֿאַרצווייפֿלטסטער לאַגע אין איר לאַנגער געשיכטע, רעזיגנירט אַלס פּרעמיער. דעם זעלביקן טאָג, בעת דער קעניג האָט געבעטן ווינסטאָן טשורטשילן צו גרינדן אַ נייעם מיניסטאָרן־קאַבינעט, איז די נאַצישע אַרמיי אַריין אין האָלאַנד, בעלגיע און לוקסעמבורג. דעם 21טן מאַי האָבן די דייטשן זיך שוין געהאַט דורכגעבראָכן דורך דעם פֿאַנאַנדערפֿאַלנדיקן ווידער־שטאַנד, דערגרייכט דעם קאַנאַל און אָפּגעשניטן די אַליאירטע אין פֿלאַנדריע.

אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ פֿראַנקרייך. אומעטום איז די פֿינפֿטע קאָלאָנע געווען טעטיק. פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן האָבן פֿאַרלאָזן זייערע סאָלדאַטן. גאַנצע דיוויזיעס האָבן ניט געהאַט קיין שום מיליטערישע אויסשטאַטונג. פּאָל רעינאָ האָט דערקלערט פֿאַר דעם פֿראַנצויזישן סענאַט, אַז די פֿראַנצויזישע אַרמיי־פֿירער זיינען באַגאַנגען „אומגלויבלעכע טעותן". ער האָט פֿאַרדאַמט די „פֿאַררעטער, דעפֿיטיסטן און פּחדנים". צענדליקער הויכע פֿראַנצויזישע אָפֿי־צירן זיינען פּלוצים אַרעסטירט געוואָרן. אָבער די דאָזיקע אַרעסטן זיינען געקומען צו־שפּעט. די פֿינפֿטע קאָלאָנע האָט שוין פֿאַרכאַפּט קאָנטראָל אין פֿראַנקרייך.

דער געוועזענער אוויאַציע־מיניסטער פון פראַנקרייך, פּיער קאָ, האָט שפּעטער געשריבן אין „דער טריאומף פון פאַרראַט״:

. . . די פאַשיסטן האָבן איבערן לאַנד און אין דער אַרמיי געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. די אַנטי־קאָמוניסטישע אַגיטאַציע איז געווען בלויז אַ רויך־פאַרהאַנג, הינטער וועלכן עס איז צוגעגרייט געוואָרן די גרויסע פּאָליטישע פאַרשווערונג, וועלכע האָט פּאַראַליזירט פראַנקרייך און געהאָלפן היטלערס אַרבעט. . . . די סאַמע טיכטיקסטע אינסטרומענטן פון דער פינפטער קאָלאָנע . . . זיינען געווען וועיגאַן, פּעיטען און לאַוואַל. ביי דער פאַרזאַמלונג פון מיניסטאָרן, וואָס איז דעם 12טן יוני אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קאַנדזשעי, לעבן טור, האָט גענעראַל וועיגאַן אויפגעפאָדערט די רעגירונג צו פאַרענדיקן די מלחמה. זיין הויפּט־טענה איז געווען, אַז אין פּאַריז האָט אויסגעבראָכן אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. ער האָט באַהויפּט, אַז מאָריס טאָרעז, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט זיך שוין באַזעצט אינעם פּרעזידענטס פּאַלאַץ. זשאָרזש מאַנדעל, דער אינערן־מיניסטער, האָט גלייך טעלעפאָנירט דעם פּאָליציימייסטער פון פּאַריז, און יענער האָט גלייך אָפּגעלייקנט וועיגאַנס באַהויפּטונגען; אין שטאָט איז קיין שום אומרו ניט פאַראַן, די באַפעלקערונג איז רואיק. . . . אַזוי גיך ווי פּעיטען און וועיגאַן האָבן אין דער צעטומלעניש פון דעם צוזאַמענברוך נאָר פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי מיט דער הילף פון לאַוואַלן און דאַרלאַנען שנעל אונטערדריקט אַלע פּאָליטישע פרייהייטן, פאַרשטומט דאָס פאָלק, און איינגעשטעלט אַ פאַשיסטישן רעזשים.

מיט יעדער שעה איז די צעטומלעניש אַלץ העכער געוואַקסן און די מפּלה איז אַלץ טיפער געוואָרן, בעת די פראַנצויזישע סאָלדאַטן האָבן פאַרגעזעצט זייער פאַרצווייפלטן, הילפלאָזן קאַמף, און די וועלט האָט זיך צוגעקוקט צום פאַרראַט פון אַ פאָלק, אויף אַ מאַסשטאַב וואָס מען האָט קיינמאָל פריער ניט געזען.

צווישן דעם 29טן מאַי און דעם 4טן יוני האָט די ענגלישע אַרמיי עוואַקואירט אירע סאָלדאַטן פון דאַנקירק און העלדיש געראַטעוועט 335,000 מאַן.

דעם 10טן יוני האָט איטאַליע דערקלערט מלחמה קעגן פראַנקרייך און ענגלאַנד.

דעם 14טן יוני איז פּאַריז געפאַלן, און פּעיטען, וועיגאַן, לאַוואַל און דער טראַצקיסט דאָריאָ זיינען געוואָרן די נאַצישע פּופּן־הערשער פון פראַנקרייך.

דעם 22טן יוני איז אינעם קאָמפּיען־וואַלד, אין אַן אייזנבאַן־וואַגאָן,

אונטערגעשריבן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך. דאָס איז געווען דער זעלביקער וואַגאָן, אין וועלכן מאַרשאַל פאָש האָט מיט צוויי־און־צוואַנציק יאָר צוריק דיקטירט די וואָפנשטילשטאַנד באַדינגונגען צו די באַזיגטע דייטשן.

* * *

בעת פראַנקרייך איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, האָט די רויטע אַרמיי ווידעראַמאָל מאַרשירט צו באַפעסטיקן די פאַרטיידיקונגען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין מיטן יוני, כדי צו פאַרמיידן אַ דערוואַרטן נאַצי־„פּוטש" אין די באַלטישע לענדער, האָבן סאָוועטישע געפּאַנצערטע דיוויזיעס פאַרנומען עסטאָניע, לאַטוויע און ליטע.

דעם 27טן יוני איז די רויטע אַרמיי אַריין אין בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, וואָס רומעניע האָט געהאַט פאַרכאַפּט פון די רוסן נאָך דער רעוואָלוציע.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד זיינען איצט געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן אויף זייערע קומענדיקע שלאַכט־ליניעס.

סוף יולי האָבן די נאַציס געמאַכט מאַסן לופט־איבערפאַלן אויף לאָנדאָן און אַנדערע ענגלישע שטעט, אַרונטערוואַרפנדיק טאָנען אויפרייס־שטאָפן אויף דער ציווילער באַפעלקערונג. די איבערפאַלן, וועלכע זיינען אין משך פונעם חודש געוואָרן אַלץ גרויזאַמער, האָבן געצילט צו טעראָריזירן און פאַראַליזירן דאָס גאַנצע פאָלק און צווינגען דאָס אָפּגעשוואַכטע ענגלאַנד זיך אונטערצוגעבן.

אָבער מיט טשורטשילן אַלס פּרעמיער, זיינען אין ענגלאַנד פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען. די צעטומלעניש און צעטיילונג, וואָס זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון טשעמבערלעינס פירערשאַפט, האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג צו אַנטשלאָסנקייט און וואַקסנדיקער נאַציאָנאַלער אייניקייט. דאָס ענגלישע פאָלק האָט פון איבערן שמאָלן קאַנאַל געזען די אַרבעט פון דער פינפטער קאָלאָנע. טשורטשילס רעגירונג האָט געהאַנדלט שנעל און אַנטשלאָסן. „סקאָטלאַנד יאַרד" און די ענגלישע געהיים־דינסט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די נאַצי־אַגענטן, ענגלישע פאַשיסטן און אויף די פירער פון די געהיימע פינפטע קאָלאָנע אינטריגעס. אין אַן אומגעריכטן איבערפאַל אויף דער לאָנדאָנער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם ענגלישן פאַרבאַנד פון פאַשיסטן, האָבן די באַאַמטע פאַרכאַפּט וויכטיקע דאָקומענטן און אַרעסטירט פיל פינפטע קאָלאָניקעס. דער פירער פון דער ענגלישער פאַשיסטישער פאַרטיי, סער אָסוואַלד מאָזלי, איז אַרעסטירט געוואָרן אין זיין אייגענער וואוינונג. באַלד זיינען געקומען נאָך

סענסאַציאָנעלערע אַרעסטן. דזשאָן בעקעט, אַ געוועזענער מיטגליד פון פאַר־לאַמענט און גרינדער פון דער אַנטי־סאָוועטישער און פראָ־נאַצישער פאָלקס־פאַרטיי; קאַפּיטאַן א. ה. רעמזי, אַ טאָרי־מיטגליד פון פאַרלאַמענט, וועלכער האָט פאַרטראָטן פּיבלס; עדוואַרד דאָדלי עלאַן, אַ באַאַמטער אינעם געזונט־מיניסטעריום, זיין פרוי מרס. דעקרעי פאַקס, און נאָך אַנדערע אָנגעזעענע פראָ־נאַציס און פאַשיסטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אַ פאַרראַט־געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן, וואָס האָט באַשטימט טויט־שטראָף פאַר פאַררעטער.

די ענגלישע רעגירונג, ציינגנדיק, אַז זי האָט געהאַט אַ גוטע לעקציע פון פראַנקרייך און פון די מאָסקווער פּראָצעסן, האָט אין יולי 1940 געמאָלדן, אַז זי האָט אַרעסטירט אַדמיראַל סער בערי דאָמוויל, געוועזענער דירעקטאָר פון דער פלאָטן־„אינטעליגענץ״. דאָמוויל, אַ פריינט פון אַלפרעד ראָזענבערג און פונעם פאַרשטאָרבענעם גענעראַל מאַקס האָפמאַן, איז געווען פאַרמישט אין מערסטע אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען זינט 1918. בעת דאָמוויל איז אַרעסטירט געוואָרן, איז ער געווען דער הויפּט פון אַ געהיימער פראָ־נאַצישער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגערופן „דער רינג״, און וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון היינריך הימלער, הויפּט פון דער געשטאַפּאָ.

פאַרזיכערט קעגן אינערלעכן פאַרראַט, איז דאָס ענגלישע פאָלק אָן שום מורא אויסגעשטאַנען די ליידן פון דעם נאַצישן לופט־בליץ און זיך העלדיש פאַרטיידיקט. אין דעם איינציקן טאָג פון 17טן סעפּטעמבער 1940 האָט דער ענגלישער לופט־פלאָט אַרונטערגעשאָסן ניט ווינציקער ווי 185 דייטשע עראָ־פלאַנען איבער ענגלאַנד.

באַגעגענענדיק אַזאַ אַנטשלאָסענעם און אומדערוואַרטן ווידערשטאַנד און באַוואוסטזיניק וועגן דער רויטער אַרמיי אויף זיינע מזרח־גרענעצן, האָט היט־לער זיך אָפּגעשטעלט ביים קאַנאַל. ער האָט ניט פאַרזוכט אַרויפצושטייגן אויף די ענגלישע אינדזלען.

עס איז געווען דאָס יאָר 1941. אַ שטימונג פון אָנגעצויגענער דערוואַרטונג איז געהאַנגען איבער גאַנץ אייראָפּע, בעת סאָוועט־רוסלאַנד און נאַצי־דייטש־לאַנד — די צוויי גרעסטע מיליטערישע מאַכטן אין דער וועלט — האָבן זיך געגרייט צום קאַמף.

דעם 1טן אַפּריל זיינען די דייטשן אַריין אין סאָפיע, און בולגאַריע איז געוואָרן אַ נאַצי־באַזע.

דעם 6טן אַפּריל, נאָכדעם ווי אַ פאָלקס־אויפשטאַנד האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם יוגאָסלאַווישן רעזשים פון דעם רעגענט פרינץ פאָל, און די נאַצי־אַגענטן זיינען געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פונעם לאַנד, האָט די סאָוועטן־רעגירונג

אונטערגעשריבן אַ ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט דער נייער יוגאָסלאַווישער רעגירונג. דעם זעלביקן טאָג האָט נאַצי־דייטשלאַנד דערקלערט מלחמה קעגן יוגאָסלאַוויע און זי אַטאַקירט.

דעם 5טן מאַי איז סטאַלין געוואָרן פּרעמיער פונעם פ.ס.ס.ר.*)

אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, דעם 22טן יוני, 1941, אָן שום מלחמה־דערקלערונג, זיינען היטלערס טאַנקען, לופט־שיפן, באַוועגלעכע אַרטילעריע, מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען און אינפאַנטעריע אַריבער די גרענעצן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף אַ ריזיקן פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם באַלטישן ביזן שוואַרצן ים.

---

*) אַרום 10:30 אין אָוונט, שבת, דעם 10טן מאַי, 1941, איז אַ דייטשער מעסערשמיט עראָפּלאַן אַרונטערגעפאַלן אין לאַנקאַשיר, שאָטלאַנד, אויף אַ פעלד לעבן דעם דאַנגאַוועל־שלאָס, וואָס האָט געהערט צום יונגן גרויס־פירשט העמילטאָן. אַ געוועזענער אָנגעשטעלטער אויף דעם גוט האָט געזען דעם פלאַם פונעם פאַלנדיקן עראָפּלאַן און נאָכדעם אַ ווייסן פּאַראַשוט לאַנגזאַם אַרונטערלאָזנדיק זיך. באַוואָפנט מיט אַ היי־גאָפּל, איז ער צוגעלאָפן און געפונען אויף דער ערד אַ מאַן, וואָס איז געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם קנעכל. דער מאַן איז געווען רודאָלף העס, אַדאָלף היטלערס אַדיוטאַנט.

— נעמט מיך צום פירשט העמילטאָן, — האָט העס געזאָגט אויף ענגליש. — איך בין אַהערגעקומען ראַטעווען די מענטשהייט!

העס האָט געהאָפט דורך העמילטאָנען און זיינע פריינט צו געווינען די שטיצע פון די ענגלישע טאָרים פאַר אַ נאַצי־אַטאַקע אויף סאָוועט־רוסלאַנד.

סער פּעטריק דאָלאַן, לאָרד־פּראָוואָסט פון גלעסגאָו, שאָטלאַנד, האָט דעם 11טן יוני 1941 געזאָגט: „העס איז אַהערגעקומען... גלויבנדיק, אַז ער וועט קאָנען פאַרבלייבן אַ צוויי טעג אין שאָטלאַנד, דיסקוטירן זיינע פרידן־פאָרשלאָגן מיט אַ געוויסער גרופּע און באַקומען גענוג געזאָלין און מאַפּעס צוריקצופליען קיין דייטשלאַנד און דאָרט איבערגעבן די רעזולטאַטן פון זיינע שמועסן.“

רעדנדיק וועגן העסעס שליחות, האָט סטאַלין דעם 6טן נאָוועמבער, 1941, דערקלערט: „די דייטשן האָבן געוואוסט, אַז זייער פּאָליטיק פון שפּילן אויף די קעגנזאַצן צווישן די קלאַסן אין פאַרשיידענע לענדער, און אויף די קעגנזאַצן צווישן די דאָזיקע לענדער און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין געבראַכט רעזולטאַטן אין פראַנקרייך, וועמעס הערשער האָבן זיך געלאָזט אָפּשרעקן פאַרן אויסזיכט פון אַ רעוואָלוציע, האָבן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד און שטאַרק צעשראָקן געלייגט זייער לאַנד אונטער היטלערס קנאַפּל. די דייטשע פאַשיסטישע סטראַטעגיקער האָבן געמיינט, אַז די זעלביקע זאַך וועט געשען אין גרויס־בריטאַניע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. די דייטשע פאַשיסטן האָבן געשיקט דעם טרויעריקבארימטן העס קיין ענגלאַנד טאַקע צוליב דעם צוועק, כדי איבערצורעדן די ענגלישע פּאָליטיקער זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין אַן אַלגעמיינער קאַמפּאַניע קעגן דעם פ.ס.ס.ר. די דייטשן האָבן אָבער שלעכט אויסגערעכנט. רודאָלף העס איז אַרעסטירט געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג.“

שפעטער אַביסל דעם זעלבן טאָג האָט געבעלס דורך דער ראַדיאָ איבער־געגעבן היטלערס מלחמה־דערקלערונג. זי האָט זיך טיילווייז געלייענט:

דייטשן! ביים איצטיקן מאָמענט קומט פאָר אַ מאַרש, וואָס קאָן אין פאַרנעם זיך פאַרגלייכן מיטן סאַמע גרעסטן וואָס די וועלט האָט ביז איצט געזען. פאַראייניקט מיט זייערע פינלענדישע חברים, שטייען שוין די זיגרייכע קעמפער פון נאַרוויק אויפן צפונדיקן אַרקטישן ים. דייטשע דיוויזיעס, אָנגעפירט פונעם באַזיגער פון נאָרוועגיע, און מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון די פינלענדישע פרייהייט־העלדן, אונטער זייער מאַרשאַל, באַשיצן די פינלענדישע ערד. פאָרמאַציעס פונעם דייטשן מזרח־פראָנט זיינען אויסגעשפרייט פון מזרח־פּרייסן ביז די קאַרפּאַטן. דייטשע און רומענישע סאָלדאַטן שטייען פאַראייניקט אונ־טער דער פירערשאַפט פון זייער פירער אַנטאָנעסקו פון די ברעגן פונעם טייך פרוט, לענג־אויס די נידעריקע טיילן פונעם דונאַי, ביז די ברעגן פונעם שוואַרצן ים. דער ציל פון אָט־דעם פראָנט איז שוין דעריבער ניט מער צו פאַרטיידיקן איינציקע לענדער, נאָר צו פאַרהיטן גאַנץ אייראָפּע און דעריבער צו ראַטעווען אַלעמען.

איטאַליע, רומעניע, אונגאַרן און פינלאַנד האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער נאַצי־מלחמה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. ספּעציעלע פאַשיסטישע אָפּטיילונגען זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע. די פאַראייניקטע אַרמייען פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אייראָפּע האָבן דערקלערט אַ הייליקע מלחמה קעגן די סאָוועטן. גענעראַל מאַקס האָפמאַנס פּלאַן איז אויספּרובירט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד.

* * *

דעם 11טן נאָוועמבער, 1941, האָט דער אַמעריקאַנישער געהילף סטעיט־סעקרעטאַר, סאַמנער וועלס, אין אַ רעדע אין וואַשינגטאָן געזאָגט:

מיט דריי־און־צוואַנציק יאָר צוריק היינט צו טאָג, האָט וואודראָו ווילסאָן אַדרעסירט דעם קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו אינפאָרמירן די פאַרטרעטער פונעם אַמעריקאַנישן פאָלק וועגן די באַ־דינגונגען פונעם וואַפנשטילשטאַנד, וואָס האָט באַצייכנט דעם זיגרייכן שלום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. . . . ווייניקער ווי פינף יאָר שפּעטער, איינגעהילט אין די תכריכים פון באַשיינפערלעכן דורכפאַל, איז זיין רואיגירטער קערפּער אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם קבר, לעבן וועלכן מיר זיינען איצט פאַרזאַמלט. . . .

די געוויסנהאַפטיקע פראַגע, וואָס יעדער אַמעריקאַנער בירגער דאַרף זיך אַליין שטעלן ביים היינטיקן יאָרצייט איז, צי די וועלט אין וועלכער מיר מוזן לעבן וואָלט דערגאַנגען צו אַט דעם פאַרצווייפלטן מצב, אויב די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן אין די יאָרן נאָך 1919 וויליק געווען צו נעמען אַ פולן אַנטייל אין דעם פאַרזוך צו באַשאַפן אַ נייע וועלט־אָרדענונג, וואָס זאָל זיין געשטיצט אויף גערעכטיקייט און אויף „אַ שטאַנדהאַפטיקן בונד פאַר פרידן". . . . אַ תקופה פון מענטש־לעכע געשעענישן האָלט זיך ביים פאַרענדיקן. . . . דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק . . . איז אַריינגעטראָטן אינעם טאָל פון אַנטשיידונג.

דעם 7טן דעצעמבער, 1941, אָן שום וואָרנונג, האָבן יאַפּאַנעזישע באָמבאַר־דיר־עראָפּלאַנען און קריג־שיפן אַטאַקירט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע. נאַצי־דייטשלאַנד און די פאַשיסטישע איטאַליע האָבן דערקלערט מלחמה קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן.

דעם 9טן דעצעמבער האָט פרעזידענט רוזוועלט, אין אַ רעדע צום אַמערי־קאַנישן פאָלק, געזאָגט:

דער וועג, וואָס יאַפּאַן האָט נאָכגעפאָלגט פאַר די פאַרגאַנגענע צען יאָר אין אַזיע, איז פאַראַלעל מיט דעם וועג וואָס היטלער און מוסאָליני האָבן גענומען אין אייראָפּע און אַפריקע. היינט איז עס געוואָרן מער ווי אַ פאַראַלעל. עס איז אַ מיטאַרבעטערשאַפט, וואָס איז אַזוי גוט אויסגערעכנט, אַז אַלע וועלט־קאָנטינענטן און אַלע ימים ווערן איצט פון די אַקס־סטראַטעגיקער באַטראַכט פאַר איין ריזיק שלאַכטפעלד.

אין 1931 האָט יאַפּאַן אַטאַקירט מאַנטשוקואָ — אָן שום וואָרנונג.
אין 1935 האָט איטאַליע אַטאַקירט עטיאָפּיע — אָן שום וואָרנונג.
אין 1938 האָט היטלער פאַרנומען עסטרייך — אָן שום וואָרנונג.
אין 1939 האָט היטלער פאַרנומען טשעכאָסלאָוואַקיע — אָן שום וואָרנונג.
שפּעטער אין 1939 האָט היטלער פאַרנומען פוילן — אָן שום וואָרנונג.
אין 1940 האָט היטלער פאַרנומען נאָרוועגיע, דענמאַרק, האָלאַנד, בעלגיע און לוקסעמבורג — אָן שום וואָרנונג.
אין 1940 האָט איטאַליע אַטאַקירט פראַנקרייך און דערנאָך גריכנ־לאַנד — אָן שום וואָרנונג.
אין 1941 האָט היטלער אַטאַקירט רוסלאַנד — אָן שום וואָרנונג.

און איצט האָט יאַפּאַן אַטאַקירט די מאַלאַיען און טיילאַנד — און די פּאַראייניקטע שטאַטן — אָן שום וואָרנונג.
עס איז אַלץ צוגעשניטן לויט דעם זעלבן פאַסאָן.

מען האָט אַרונטערגענומען די מאַסקעס. די געהיימע מלחמה פון די אַנטי־קאָמינטערן אַקס־מלוכות קעגן סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וועלט־מלחמה קעגן אַלע פרייע פעלקער.
דעם 15טן דעצעמבער, 1941, האָט פּרעזידענט רוזוועלט אין אַ מעלדונג צום קאָנגרעס דערקלערט:

אין 1936 האָט די רעגירונג פון יאַפּאַן זיך אָפן פאַרבונדן מיט דייטשלאַנד דורך אַנשליסן זיך אינעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך. דער דאָזיקער אָפּמאַך, ווי מיר אַלע ווייסן, איז כלומרשט געווען געצילט קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; זיין ווירקלעכער צוועק אָבער איז געווען צו גרינדן אַ פאַשיסטן־ליגע קעגן דער פרייער וועלט, איבערהויפּט קעגן ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אַריינגעטראָטן אין איר ענדלעכער ענד־גילטיקער תקופה אַלס אַ וועלט־צוזאַמענשטויס צווישן די כוחות פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם און די פאַראייניקטע אַרמייען פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

קאַפּיטל 23

דער אַמעריקאַנישער אַנטי־קאָמינטערן

1. די ירושה פון די שוואַרצע מאות

נאָך דעם 22טן יוני, 1941, איז דער הויפּט־ציל פון דער געהיימער דיפּלאָמאַטיע פון די אַקס־מלוכות געווען אויף יעדן פּרייז ניט צו דערלאָזן, אַז אַמעריקע זאָל זיך אָנשליסן אינעם ענגליש־סאָוועטישן פאַרבאַנד קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. די איזאָלאַציע פון אַמעריקע איז געווען לעבנס־וויכטיק פאַרן הויפּט־פּלאַן פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע הויך־קאָמאַנדעס.

אַמעריקע איז געוואָרן דער ציל־פּונקט פאַר אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און אינטריגעס פון די אַקס־מלוכות.

זינט 1918, איז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק געווען אונטערוואָרפן אַ כסדר־דיקן שטראָם פון פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציע איז דאָ אויסגעמאָלט געוואָרן אַלס די אַרבעט פון „אַ ווילדן און אומבאַהערשטן המון", וועמען „גאָרגלשניידער, פאַרברעכער און דעגענעראַטן" האָבן אויפגערייצט; די רויטע אַרמיי איז געווען אַן „אומדיסציפּלינירטע באַנדע"; די סאָוועטישע עקאָנאָמיע האָט „ניט געאַרבעט" און די סאָוועטישע אינדוסטריע און אַגריקולטור האָבן זיך געפונען „אין אַ הילפלאָזן אַנאַרכיע־צושטאַנד"; דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט בלויז געוואַרט אויף אַ מלחמה, כדי צו רעוואָלטירן קעגן זייערע „גרויזאַמע הערשער אין מאָסקווע".

ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט אַטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט אַ כאָר פון שטימעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן גלייך פאַראויסגעזאָגט דעם באַלדיקן צוזאַמענבראָך פונעם פ.ס.ס.ר. אָט זיינען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע באַהויפּטונגען, וואָס אַמעריקאַנער האָבן געמאַכט באַלד נאָכן איבערפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד:

> היטלער וועט קאָנטראָלירן רוסלאַנד אין דרייסיק טעג, — האָט געזאָגט קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאָיעז דעם 24טן יוני, 1941.

אַ פּיל־גרעסערער נס, ווי די אַלע ניסים וואָס מען האָט געזען

זינט די ביבל איז געשריבן געוואָרן, וועט דאַרפן פּאַסירן, צו ראַטעווען די רויטע פון אַ דורכאויסיקער מפּלה אין זייער אַ קורצער צייט. — פּלעטשער פּרעט, אין „ניו־יאָרק פּאָוסט" פון 27טן יוני, 1941.

רוסלאַנד איז פאַרמשפּט און אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען מאַכט־לאָז צו פאַרמיידן איר שנעלע פאַרניכטונג אונטער די בליץ־קריג קלעפּ פון דער נאַצי־אַרמיי. — הוירסטס „ניו־יאָרק דזשורנעל־אַמעריקען" פון 27טן יוני, 1941.

. . . אין שטאַב־אַרבעט ווי אין פירערשאַפט, אין טרעניררונג ווי אין אויסשטאַטונג, זיינען זיי [די רוסן] קיין פאַרגלייך ניט מיט די דייטשן; טימאָשענקאָ און בודיאָני און שטערן זיינען ניט פונעם זעלבן קאַליבער ווי קייטעל און בראַוכיטש. רייניקונגען און פּאָליטיק האָבן אָנגעטאָן שאָדן דער רויטער אַרמיי. — הענסאָן באַלדווין אין „ניו־יאָרק טיימס" פונעם 29טן יוני, 1941.

עס זיינען ניט בויטיק קיין שום פאַרענטפערונגען און קיין שום דערקלערונגען, אַ חוץ אַז אומפּייאַיקייט, דעספּאָטיזם, דאָס פעלן פון אַדמיניסטראַטיווער קענטעניש, מאַנגל אין איניציאַטיווע, ווי אויך אַ הערשאַפט געבויט אויף מורא און רייניקונג האָבן דעם ריז געמאַכט הילפלאָז און שוואַך. סאָוועט־רוסלאַנד האָט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט געגאַרט די וועלט און איצט מוז זי פאַר דעם ליגן באַצאָלן. . . . מיר דאַרפן זיין צוגעגרייט פאַרן קלאַפּ, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן פון דער מלחמה.—דזשאָרדזש ע. סאָקאָלסקי, דעם 26טן יולי, 1941.

דעם 20טן נאָוועמבער, 1941, איז אין דער „היוסטאָן פּאָוסט" דערשינען אַ לייט־אַרטיקל מיט דעם נאָמען: „עם־הארצות וועגן רוסלאַנד". דער אַרטיקל האָט געשטעלט אַ פראַגע, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די מוחות פון פיל אַמעריקאַנער. דער לייט־אַרטיקל האָט געזאָגט:

אַיין זאַך וואָס מען האָט קיינמאָל ניט דערקלערט אויף אַ צופרידנ־שטעלנדיקן אופן איז, פאַרוואָס האָט מען דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר אין גרעסטנטייל געהאַלטן אין אומוויסנקייט בנוגע דעם מאַטעריעלן פּראָגרעס פון סאָוועט־רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי היטלער האָט אַטאַקירט רוסלאַנד, איז כמעט די איינ־שטימיקע מיינונג אין אונדזער לאַנד געווען, אַז סטאַלין קאָן לאַנג ניט אויסהאַלטן. אונדזערע „בעסטע מוחות" האָבן ניט געהאַט קיין האָפע־נונג פאַר רוסלאַנד. זיי האָבן פאָראויסגעזען, אַז די נאַציס וועלן שנעל

באַהערשן דאָס לאַנד. . . . מערסטע אַמעריקאַנער האָבן דערוואַרט, אַז רוסלאַנד וועט צוזאַמענברעכן אַנטקעגן דעם מאַרש פון די נאַציס. . . .

ווי אַזוי און פאַרוואָס האָט מען די דאָזיקע אינפאָרמאַציע אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן פונעם אַמעריקאַנישן פאָלק?

זינט 1918, האָט מען אוועקגעשטעלט אַ צאַם צווישן אַמעריקאַנישן פאָלק און דעם סאָוועטישן פאָלק. אַ קינסטלעכע שנאה און מורא פאַר סאָוועט־רוסלאַנד איז אין אַמעריקע סטימולירט געוואָרן פון רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער און געשעפטסלייט, פון ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן, פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַגענטן און, ענדלעך, פון פאַרטרעטער פון די פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריומס און שפּיאָנאַזש־דינסטן פון די אַקס־מלוכות.

באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן ווייס־גוואַרדייאישע עמיגראַנטן אָנגעהויבן פאַרפלייצן אַמעריקע מיט אַנטי־סאָוועטישע פּעלשונגען און אָנגעהויבן פאַרזייען פאַרדאַכט און פיינטשאַפט קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. פון סאַמע אָנהויב אָן, האָט די אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע פון די צאַריסטישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע זיך צונויפגעשמאָלצן מיט דער געהיימער פאַשיסטישער מלחמה קעגן אַמעריקע גופא.

די ערשטע נאַצי־קעמערלעך זיינען אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן אין 1924. זיי האָבן געאַרבעט אונטער פריץ גיסיבל, הויפּט פון דער נאַצישער טעוטאָנישער געזעלשאַפט אין שיקאַגאָ. דאָס זעלביקע יאָר האָבן קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי און זיינע ווייס־גוואַרדייאישע שותפים געגרינדעט אין אַמעריקע אַן אָפּטיילונג פון זיין אינטערנאַציאָנאַלער ליגע קעגן באָלשעוויזם. אין משך פון די ניינצן־צוואַנציקער יאָרן האָבן נאַצי־אַגענטן, ווי פריץ גיסיבל און היינץ שפּאַנקנאָבעל, אַרבעטנדיק אונטער באַפעלן פון רודאָלף העס און אַלפרעד ראָזענבערג, אָנגעפירט זייער אַנטי־דעמאָקראַטישע און אַנטי־סאָוועטישע אַרבעט אין אַמעריקע מיט דער נאָענטער קאָאָפּעראַציע פון די אַנטי־סאָוועטישע ווייס־גוואַרדייער.

דער ווייס־גוואַרדייער פּיאָטר אַפּאַנאַסיעוו, באַקאַנט אויך אַלס פּרינץ פּיאָטר קאָטשובו, אויך אַלס פּעטער אַרמסטראָנג, איז אָנגעקומען אין 1922 קיין סאַן־פראַנציסקאָ, האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", און צוזאַמען מיטן געוועזענעם צאַריסטישן אָפיציר, קאַפּיטאַן וויקטאָר דע קעיוויל אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּראָ־נאַציש, אַנטיסעמיטיש בלעטל, „די אַמעריקען דזשענטייל". אַפּאַנאַסיעוו איז אין זיין אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט די נאַצי־אַגענטן פריץ גיסיבל און אָסקאַר פּפאוס.

ניקאָלאַי ריבאַקאָוו, אַ געוועזענער קאָלאָנעל אין דער יאַפּאַנעזיש־קאָנטראַ־

לירטער ווייס־גוואַרדייאַישער אַרמיי פון אַטאַמאַן גריגאָרי סעמיאָנאָוו, איז אין די פריע ביינצן־צוואַנציקער אָנגעקומען קיין אַמעריקע און האָט אָנגעפירט אַנטי־סאָוועטישע און אַנטיסעמיטישע פראָפאַגאַנדע. אין 1933, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט ריבאַקאָוו אין ניו־יאָרק געגרינדעט אַ פראָ־נאַצישע צייטונג, „ראָסיאַ“. דער יאַפאַנישער אַגענט סעמיאָנאָוו און זיין הויפּט־געהילף ראָדזאַיעווסקי, האָבן אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט ריבאַקאָוון פון מאַנטשוקואָ, וואו זיי האָבן אָנגעפירט אַ יאַפאַניש־פינאַנסירטע ווייס־גוואַרדייאַישע אַרמיי. אין „ראָסיאַ“ איז רעגלמעסיק געדרוקט געוואָרן יאַפאַנעזישע פראָפאַגאַנדע פון מאַנטשוקואָ, אַזוי גוט ווי נאַצי־פראָפאַגאַנדע. אין 1941, נאָך היטלערס איבערפאַל אויף רוסלאַנד, האָט ריבאַקאָווס ניו־יאָרקער צייטונג באַשריבן די נאַצי־ווערמאַכט אַלס „אַ פייערדיקע שווערד פון דער גערעכט־שטראָפנדיקער השגחה, היטלערס קריסטלעך־פאַטריאָטישע, אַנטי־באָלשעוויסטישע, ווייסע, זיגרייכע לעגיאָנען“.*)

---

*) פאַרבונדן מיט ריבאַקאָוון אַלס מיטאַרבעטער אין „ראָסיאַ“ איז געווען דער געוועזענער אָכראַנקע-אַגענט און אַנטיסעמיטישער פראָפאַגאַנדיסט באָריס בראַסאָל, וועלכער האָט באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע געגרינדעט די ערשטע אַנטי-סאָוועטישע ווייס-גוואַרדייאַישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, און וועלכער האָט ברייט פאַרשפּרייט „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון“ אין אַמעריקע (זע זייט 169).

בראַסאָל האָט קיינמאָל די האָפענונג ניט פאַרלוירן צוריק צו עטאַבלירן צאַריזם אין רוסלאַנד. אין משך פון די 1920ער און 1930ער יאָרן האָט ער אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגעפירט אַן אומדערמידלעכע קאַמפּאַניע קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, אָרגאַניזירנדיק ווייס-גוואַרדייאַישע אַנטי-סאָוועטישע געזעלשאַפטן, שרייבנדיק אַרטיקלען און ביכער אַטאַקירנדיק סאָוועט-רוסלאַנד, און באַזאָרגנדיק די אַגענטורן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג מיט אַנטי-סאָוועטישע פעלשונגען. דעם 15טן נאָוועמבער, 1935, האָט בראַסאָל אין ניו-יאָרק ביי אַ קליינער געהיימער פאַרזאַמלונג פון פירנדיקע פאַרטרעטער פון אַנטי-סאָוועטישע ווייס-גוואַרדייאַישע אָרגאַניזאַציעס אָפּגעגעבן מער ווי אַ שעה צייט צו באַריכטן וועגן זיין „אַנטי-סאָוועטישער אַרבעט“ זינט ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1916; ביי דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט ער מיט באַזונדערן שטאָלץ אָנגעוויזן אויף „זיין אייגענער באַשיידענער אַרבעט“ אין פאַרמיידן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל אָנערקענען דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד פאַר 1933.

אַרויסשטעלנדיק זיך אַלס אַן אויטאָריטעט איבער רוסישע געזעצן, איז בראַסאָל געוואָרן דער לעגאַלער ראַטגעבער פון דער אַדוואָקאַטן-פירמע, די ברידער קודערט פון ניו-יאָרק. ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן פון אַמעריקאַנער רעגירונג-אַגענטורן אַלס אַן „עקספּערט“ אין ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו סאָוועט-רוסלאַנד. ער האָט געהאַלטן לעקציעס וועגן רוסישער ליטעראַטור און ענלעכע טעמעס אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט און אין אַנדערע גוט-באַקאַנטע בילדונג-אינסטיטוציעס. בראַסאָל האָט אויף אַלע אופנים אויסגענוצט זיינע מאַסן אייַנפלוסרייכע פאַרבינדונגען, כדי

דער הויפּט־פּאַרמיטלער צווישן די נאַציס און די ווייס־גוואַרדייער אין אַמעריקע איז געווען דזשעימס ווילער־היל, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פונעם דייטש־אַמעריקאַנישן בונד. ווילער־היל איז ניט געווען קיין דייטש; ער איז געווען אַ ווייס־גוואַרדייער, געבוירן אין באַקו. נאָך דער מפּלה פון די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען איז ער אַוועק קיין דייטשלאַנד, און איז דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע. אין 1939 האָט די „פ.בי.איי.״ (פעדעראַלע אונטערזוכונג־ביוראָ) אַרעסטירט ווילער־היל אַלס נאַצי־שפּיאָן.

דער סאַמע וויכטיקסטער דייטשער און יאַפּאַנעזישער אַגענט צווישן די ווייס־גוואַרדייער אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען דער „פירשט״ אַנאַס־טאַסי א. וואָנסיאַצקי. דעם 25טן סעפּטעמבער, 1933, האָט דער נאַצי־אַגענט פּאָל א. פאָן לילענפעלד־טאַאל, אין אַ בריוו צו וויליאַם דאַדלי פּעלי, הויפּט פון די פּראָ־נאַצישע אַמעריקאַנישע „סילווער שוירטס״, געשריבן:

> דאָס איז כדי צו באַריכטן אייך וועגן מיינע פאַרבינדונגען מיט די ווייס־גוואַרדייער. . . . איך שטיי אין פאַרבינדונג מיטן „גענעראַל־שטאַב פון די רוסישע פאַשיסטן״ (אַדרעס: באָקס 631, פּוטנעם, קאָנעטיקוט). זייער פירער, מר. א. א. וואָנסיאַצקי, געפינט זיך איצט אין אויסלאַנד, אָבער זיין געהילף, מר. ד. י. קונלע, האָט מיר געשריבן אַ פיינעם בריוו און מיר צוגעשיקט עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון זייער צייטונג „פאַשיסט״.

דער „פירשט״ וואָנסיאַצקי פון טאָמפּסאָן, קאָנעטיקוט, איז געווען אַ גע־

אַרויסצורופן פאַרדאַכט און שנאה קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

אין האַרבסט 1940, ווען עס האָט זיך געגרינדעט די איזאָלאַציאָניסטישע און אַנטי־סאָוועטישע „אַמעריקע־פירסט־קאָמיטע״, איז בראַסאָל געוואָרן איינער פון אירע אַקטיווסטע שטיצער. ער האָט צוגעגרייט אַ מאַסע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, וואָס די קאָמיטע האָט פאַנאַנדערגעטיילט, און זיינע אַרטיקלען זיינען געדרוקט געוואָרן אין די אויסגאַבעס פון דער קאָמיטע. צווישן דעם פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל וואָס בראַסאָל האָט צוגעשטעלט דער „אַמעריקע־פירסט־קאָמיטע״ און וואָס אָט די אָרגאַניזאַציע האָט פיל פאַרשפּרייט, האָט זיך געפונען אַ פלוג־בלעטל, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן באַלד נאָכן נאַצישן איבערפאַל אויפן פ.ס.ס.ר., פּראָטעסטירנדיק קעגן אַמעריקאַנישער „לענד־ליס״־הילף פאַר רוסלאַנד. דאָס פלוג־בלעטל האָט אַנטהאַלטן אַ „דעקלאַראַציע פון דער רוסישער עמיגראַנטן־קאָלאָניע אין שאַנכאַי״, אונטערגעשריבן פון איין־און־צוואַנציק ווייס־גוואַרדייאישע אָרגאַניזאַציעס אין ווייטן מזרח, וועלכע האָבן אַלע געאַרבעט אונטער דעם אויפזיכט פון דער יאַפּאַנעזישער רעגירונג. צווישן די אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס איז געווען דער רוסישער פאַשיסטן־פאַרבאַנד, אָנגעפירט פון קאָנסטאַנטין ראַדזאַיעווסקי, העכסטער געהילף פון אַטאַמאַן גריגאָרי סעמיאָנאָוו.

וועזענער צאַרישער אָפיציר, וועלכער האָט געקעמפט אין דעניקינס ווייסער אַרמיי. נאָך דעניקינס מפּלה, האָט וואָנסיאַצקי אָנגעפירט מיט אַ ווייסער טעראָר־באַנדע אין קרים, וועלכע האָט פאַרכאַפּט רוסישע בירגער, זיי געהאַלטן פאַר אויסלייז־געלט און זיי פאַרפייניקט צום טויט אויב דאָס געלט איז ניט אָנגעקומען. וואָנסיאַצקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהויב פון די ניינצן־צוואַנציקער און חתונה געהאַט מיט מאַדאַם מעריאַן באַקינגהעם רים סטיוונס, אַן אַמעריקאַנישע מיליאָנערקע, וועלכע איז געווען צוויי־און־צוואַנציק יאָר עלטער פון אים. וואָנסיאַצקי איז געוואָרן אַן אַמעריקאַנער בירגער און זיך באַזעצט אינעם לוקסוסדיקן גוט אין טאָמפּסאָן.

מיט זיין ווייבס פאַרמעגן אין זיינע הענט, האָט וואָנסיאַצקי אָנגעהויבן פאַנטאַזירן וועגן באַשאַפן אַן אַנטי־סאָוועטישע אַרמיי, וואָס ער פערזענלעך זאָל מיט איר אַריינמאַרשירן אין מאָסקווע. ער האָט אויף אַ ברייטן אופן גענומען פאָרן איבער אייראָפּע, אַזיע און דרום־אַמעריקע, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט פאַרטרעטער פונעם טאָרגפּראָם, די אינטערנאַציאָנאַלע ליגע קעגן באָלשעוויזם, און אַנדערע אַנטי־סאָוועטישע אַגענטורן.

אין אויגוסט 1933 האָט וואָנסיאַצקי געגרינדעט די „רוסיש־פאַשיסטישע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי" אין אַמעריקע. איר אָפיציעלער עמבלעם איז געווען די סוואַסטיקע. איר הויפּט־קוואַרטיר האָט זיך געפונען אינעם רים־גוט אין טאַמפּסאָן, וואו וואָנסיאַצקי האָט איינגעשטעלט אַ פּריוואַטן אַרסענאַל פון ביקסן, מאַשין־געווער און אַנדערע מיליטערישע אויסשטאַטונג, און גע־נומען טרענירן אָפּטיילונגען פון יונגעלייט אין סוואַסטיקע־באַצירטע אוני־פאָרמען.

אין מאַי 1934 האָט וואָנסיאַצקי באַזוכט טאָקיאָ, כאַרבין און אַנדערע צענטערן אין ווייטן מזרח, און קאָנפערירט מיט מיטגלידער פון דער יאַפּאַ־נעזישער הויך־קאָמאַנדע און פאַשיסטישע ווייס־גוואַרדייער, איינגעשלאָסן דעם אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו. פון יאַפּאַן איז וואָנסיאַצקי אַוועק קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַלפרעד ראָזענבערגן, דר. געבעלסן און פאַרטרעטער פון דער דייטשער מיליטערישער שפּיאָנאַזש. וואָנסיאַצקי האָט זיך אונטער־גענומען רעגלמעסיק צוזשטעלן דייטשלאַנד און יאַפּאַן שפּיאָנאַזש־פאַקטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָפּטיילונגען פון וואָנסיאַצקיס פאַרטיי זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין ניו־יאָרק, סאַן־פראַנציסקאָ, לאָס־אַנדזשעלעס, אין סאַאָ־פּאַולאָ, בראַזיל, און אין כאַרבין, מאַנטשוקואָ. די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן געאַרבעט דירעקט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע מיליטערישע געהיים־דינסטן.

אויסער די שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט די אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָנסיאַצקי האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט, דורכגעפירט אַ סאַבאָטאַזש־ און טעראָר־קאַמפּאַניע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואָנ־סיאַצקיס „דער פאַשיסט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין טאָמפּסאָן, קאָ־נעטיקוט, האָט אין דער אויסגאַבע פון פעברואַר 1934 געמאָלדן:

דעם 7טן אָקטאָבער האָט דער פאַשיסטישער דריילינג נומער א־5 פאַראורזאַכט דעם קראַך פון אַ מיליטערישן צוג. לויט דער אינפאָר־מאַציע, וואָס איז דאַ דערהאַלטן געוואָרן, זיינען 100 פערזאָן אומ־געקומען.

אינעם סטאַראָבינסק געגנט איז די פאַרזיי־קאַמפּאַניע, אַדאַנק דער אַרבעט פון די „ברידער", פולשטענדיק סאַבאָטאַזשירט געוואָרן. עט־לעכע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געהאַט אויפזיכט איבער דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע, זיינען מיסטעריעז פאַרשוואונדן!

דעם 3טן סעפּטעמבער איז דער קאָמוניסטישער פאָרזיצער פון אַ קאָלעקטיווער פאַרם אינעם געגנט פון אָזערע קמיאַז דערמאָרדעט גע־וואָרן דורך די „ברידער" נומערן 167 און 168!

אין אַפּריל 1934 האָט דער „פאַשיסט" געמאָלדן, אַז די רעדאַקציע האָט „דערהאַלטן 1,500 זלאָטעס, איבערגעגעבן צו ווערן צו באָריס קאָווערדאַ ווען ער וועט באַפרייט ווערן פון תפיסה. דאָס געלט איז געווען אַ מתנה פון מר. וואָנסיאַצקי". אין יענער צייט איז באָריס קאָווערדאַ אָפּגעזעסן אַ תפיסה־טערמין אין פוילן פאַר האָבן דערמאָרדעט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר וואָיקאָוו אין וואַרשע.

די אָפיציעלע פּראָגראַם פון דער רוסישער נאַציאָנאַל־פאַשיסטישער רע־וואָלוציאָנערער פּאַרטיי האָט דערקלערט:

איינאָרדענען די דערמאָרדונג פון סאָוועטישע מיליטערישע איב־סטרוקטאָרן, מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן, פּאָליטישע קאָמאַנדירן, ווי אויך די סאַמע אָנגעזעענסטע קאָמוניסטן. . . . דערמאָרדן, קודם כל, די פּאַרטיי־סעקרעטאָרן. . . .

סאַבאָטאַזשירן אַלע באַפעלן פון די רויטע אויטאָריטעטן. . . . שטערן די קאָמוניקאַציעס פון דער רויטער מאַכט. . . . אַרונטערהאַקן טעלעגראַף־סלופּעס, איבערשניידן דראָטן, איבערהאַקן און צעשטערן אַלע טעלעפאָן־פאַרבינדונגען. . . .

ברידער פאַשיסטן, איר דאַרפט גוט געדענקען: מיר האָבן גע־

שטערט, מיר שטערן איצט און מיר וועלן אין דער צוקונפט פארזעצן צו שטערן! *)

תיכף נאך דער יאפאנישער אטאקע אויף פוירל הארבאר, איז דער „פירשט" אנאסטאסי וואנסיאצקי ארעסטירט געווארן פון דער „פ.בי.איי.". מען האט אים געמשפט פאר פארלעצן דעם שפיאנאזש־אקט, געפונען שולדיק אין איבערגעבן מיליטערישע אינפארמאציע די דייטשע און יאפאנעזישע רעגירונגען, און פארמשפט צו פינף יאר תפיסה.)**

---

*) אין יוני 1940 האט וואנסיאצקי געזאגט צו א שרייבער פון דער נייס-ציימונגל „די שעה", אז ער און לעאן טראצקי האבן „פאראלעלע אינטערעסן" אין זייער קאמף קעגן דעם סאוועטן-רעזשים.

**) די פאשיסטישע ווייס-גווארדייער זיינען נים געווען די איינציקע רוסישע עמיגראנטן, וואס האבן אנגעפירט אנטי-סאוועטישע אגיטאציע אין אמעריקע. א צאל געוועזענע רוסישע מענשעוויקעס, סאציאל-רעוואלוציאנערן און אנדערע אנטי-סאוועטישע פאליטישע עלעמענטן זיינען געקומען קיין אמעריקע און געמאכט די פאראייניקטע שטאטן די הויפט-קווארטיר פון זייערע כסדרדיקע אינטריגע- און פראפאגאנדע-טעטיקייטן קעגן סאוועט-רוסלאנד. טיפישע אזעלכע עמיגראנטן זיינען געווען וויקטאר טשערנאוו, רפאל אבראמאוויטש, ניקיפאר גריגאריעוו און נייטן כאנין.

וויקטאר טשערנאוו איז אין צארישן רוסלאנד געווען איינער פון די פירער פון דער סאציאל-רעוואלוציאנערער פארטיי. ער איז דעריבער געווען נאענט פארבונדן מיט צוויי אנדערע סאציאל-רעוואלוציאנערע פירער: דער אויסערגעוויינלעכער צאריסטישער פראוואקאטאר און מערדער, יעווגא אזעוו, און דער אנטי-סאוועטישער פארשווערער און מערדער באריס סאווינקאוו. אין זיין בוך, „זכרונות פון א טעראריסט", האט סאווינקאוו באשריבן ווי אזוי ער איז געפארן קיין זשענעווע אין 1903 כדי זיך צו באראטן מיט טשערנאוון וועגן די פלענער צו דערמארדן דעם צארישן אינערן-מיניסטער, פאן פלעווע. סאווינקאוו דערציילט אויך, ווי ער און אזעוו זיינען אין 1906 אנגעקומען צום צענטראל-קאמיטעט פון דער סאציאל-רעוואלוציאנערער טעראר-בריגאדע כדי זיך ארויסצודרייען פון זייער מיסיע צו דערמארדן דעם פרעמיער סטאליפין. „דער צענטראל-קאמיטעט", שרייבט סאווינקאוו, „האט זיך אפגעזאגט נאכצוגעבן אונדזער פארלאנג און האט אונדז באפוילן אנצוגיין ווייטער מיט אונדזער ארבעט קעגן סטאליפינען. . . . אויסער מיר און אזעוון, זיינען דארט געווען טשערנאוו, נאטאנזאן, סליעטאוו, קראפט און פאנקראטאוו." נאך דעם צוזאמענברוך פונעם צאריזם, איז טשערנאוו געווארן אגריקולטור-מיניסטער אין דער ערשטער ציוויליקער רעגירונג. ער האט אנגעפירט א ביטערן קאמף קעגן לענינען און די באלשעוויקעס. נאך דער גרינדונג פון דער סאוועטן-רעגירונג, האט ער געהאלפן ארגאניזירן סאציאל-רעוואלוציאנערע פארשווערונגען קעגן דעם סאוועטן-רעזשים. פארלאזנדיק רוסלאנד אין די פריע 1920ער, איז ער געווארן איינער פון די אקטיוווסטע צווישן די רוסישע עמיגראנטן און א פירער פון אנטי-סאוועטישער טעטיקייט אין פראג, בערלין, פאריז און אנדערע אייראפעאישע הויפטשטעט. ביים אנהויב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער פון פראנקרייך גע-

2. „באַשיצנדיק אַמעריקע פונעם קאָמוניזם“

אין 1931 האָט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „די נאַציאָנאַלע ציוויל־פעדעראַציע“ אַרויסגערוקט אַ „פּלאַן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג צו באַקעמפן די רויטע געפאַר“. דער גרינדער און פירער פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַנטי־קאָמוניסטישער און אַנטי־אַרבעטער אַגיטאַציע, איז געווען אַ געוועזענער שיקאַגער צייטונגמאַן, ראַלף מ. איזלי. אין 1927 האָט נאָרמאַן העפּגוד אויפגעדעקט איזליס „פּראָפעסיאָנעלן פּאַטריאָטיזם“. ער האָט געשריבן:

> סאָוועט־רוסלאַנד איז, פאַרשטייט זיך, מר. איזליס הויפּט־שנאה. ער האָט ברייט געשטיצט די צילן פון די צאַריסטן, מיט מר. באָריסן אַלס זיין הויפּט־ראַטגעבער.

קומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אין אַמעריקע האָט ער פאָרגעזעצט זיין אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייטן. ער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די אַנטי-סאָוועטישע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג. דעם 30טן מערץ, 1943, האָט דוד דובינסקי, פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן“, פאָרגעשטעלט טשערנאָוון אַלס ערן-גאַסט ביי אַ פאַרזאַמלונג אין ניו-יאָרק, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן די סאָוועטישע אויטאָריטעטן פאַר באַשטימען טויט-שטראָף קעגן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, צוויי פּוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען פון דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם סאָוועטישן העכסטן געריכט געפונען געוואָרן שולדיק אין פאַרשפּרייטן אויפרייסנדיקע פּראָפּאַגאַנדע אין דער רויטער אַרמיי, רופנדיק דאָס סאָוועטישע מיליטער צו שליסן שלום מיט די דייטשן.

פאַרבונדן מיט וויקטאָר טשערנאָוון און זיין אַנטי-סאָוועטישער טעטיקייט אין אַמעריקע איז געווען רפאל אַבראַמאָוויטש, געוועזענער פירער פון די רוסישע מענשעוויקעס, וועלכער איז — לויט דעם עדות-זאָגן ביים פּראָצעס פון די מענשעוויקעס אין מערץ 1931 — געווען אַ פירנדיקער מיטגליד פונעם שפּיאָנאַזש-סאַבאָטאַזש-רינג, וואָס האָט דעמאָלט פּלאַנירט אַרונטערצואוואַרפן די סאָוועטן-רעגירונג. (זע זייט 201). האָבנדיק דורכגעפירט אַנטי-סאָוועטישע טעטיקייטן אין בערלין און לאָנדאָן, איז אַבראַמאָוויטש געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, וואו ער, פּונקט ווי טשערנאָוו, האָט איינגעשטעלט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט דוד דובינסקין און אַנדערע אַנטי-סאָוועטישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פירער. זיינע ווילדע אָנפאַלן אויף סאָוועט-רוסלאַנד זיינען דערשינען אין „ניו לידער“, אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס“ און אין אַנדערע אַנטי-סאָוועטישע אויסגאַבעס.

ניקיפאָר גריגאָריעוו, אַן אַנטי-סאָוועטישער אוקראַינישער עמיגראַנט און געוועזענער פירנדיקער מיטגליד פון דער אוקראַינישער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1939. אַלס אַן אָנגעזעענער אַנטי-סאָווע-

אַלס מיטגלידער אין איזליס נאַציאָנאַלער ציווילער פעדעראַציע זיינען אויך געווען אָנגעשלאָסן: קאָנגרעסמאַן העמילטאָן פיש פון ניו־יאָרק; הערי אָגאָסטוס יאַנג, געוועזענער אַרבעטער־שפּיאָן און אַנטיסעמיטישער פראָפאַגאַנדיסט פון שיקאַגאָ; דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, געוועזענער אַגענט פאַרן קייזער און שפּעטערדיקער נאַצי־אַגענט; מעטיו וואָל, רעאַקציאָנערער וויצע־פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַנער פעדעריישאָן אָוו לעיבאָר" און במקום־פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער ציווילער פעדעראַציע, וועלכער האָט עפנטלעך באַצייכנט סאָוועט־רוסלאַנד אַלס „דאָס רויטע פאַרזעעניש — דאָס משוגעת"; און נאָך אַ צאָל אַנדערע אָנגעזעענע אַמעריקאַנער, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייץ־צוג.

אָנהויב 1933 איז איזלי געוואָרן פאָרזיצער פון אַן אָרגאַניזאַציע מיטן

טישער פראָפאַגאַנדיסט אין די אייראָפּעיִשע עמיגראַנטן-קרייזן, האָט גריגאָריעוו נאָענט מיטגעאַרבעט מיט וויקטאָר טשערנאָוון. אין פּראַג איז גריגאָריעוו געווען רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „סוספּילסטוואָ" (געמיינדע), וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט, אַז „סאָוועט-רוסלאַנד און סאָוועט-אוקראַינע זיינען אין אידישע הענט", און גערופן צו אַ „גרויסן אַנטי-אידישן קאַמף . . . אויף דער ערד פון אוקראַינע, ווייס-רוסלאַנד, ליטע און פּוילן". נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָט גריגאָריעוו פאָרגעזעצט זיינע אַנטי-סאָוועטישע טעטיקייטן. נאָכן נאַצי-איבערפאַל אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, האָבן גריגאָריעוו און טשערנאָוו געהאָלפן גרינדן אין ניו-יאָרק אַ „קאָמיטעט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעמאָקראַטיע", וואָס האָט גערופן צו „באַפרייען" פון דעם פ.ס.ס.ר. אוקראַינע און אַנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן. צווישן דעם פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל, וואָס גריגאָריעוו האָט פאַרשפּרייט אין אַמעריקע, איז געווען אַ בראָשורקע מיטן נאָמען: „די גרונט-פּרינציפּן פון אומאָפּהענגיקער אוקראַיִנישער פּאָליטישער אַקציע", וואָס האָט אַנטהאַלטן „סטאַטיסטיק" צו באַווייזן, אַז אידן „באַהערשן" אינדוסטריע, פינאַנץ און פּאָליטיק אין דער סאָוועטישער אוקראַינע. אין דער זעלביקער בראָשורקע האָט גריגאָריעוו גערופן די סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי צו דעזערטירן און זיי דערמוטיקט „ניט צו ריזיקירן מיט זייערע לעבנס פאַר זייערע אונטערדריקער".

צווישן דעם „לינקן פליגל" פון די אַנטי-סאָוועטישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע האָט זיך אויך שטאַרק אָנגעזען נייטן כאַנין, קולטור-דירעקטאָר פונעם אַרבעטער-רינג, און שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם אַנטי-סאָוועטישן „פאָרווערטס". אין די פריע 1930ער, האָט כאַנין פאַרעפנטלעכט פּראָפּאַגאַנדע, רופנדיק פאַר אַ פאָנד צו פינאַנסירן „די געהיימע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קעמערלעך, וועלכע אַרבעטן איצט אין רוסלאַנד" און „דעם שווערן קאַמף, וואָס אונדזערע חברים פירן אין רוסלאַנד קעגן דעם באָלשעוויזם". אין יאַנואַר 1942 האָט כאַנין געשריבן: „די לעצטע קויל איז נאָך ניט געשאָסן געוואָרן. . . . און די לעצטע קויל וועט אויסגעשאָסן ווערן פון דער פרייער אַמעריקע — און פון אָט דעם שאָס וועט אויך דער סטאַלין-רעזשים צעשאָסן ווערן אויף פיצלעך."

נאָמען „די אַמעריקאַנישע אָפּטיילונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע וועלט־געפאַר”. די אינטערנאַציאָנאַלע הויפּט־קוואַרטיר פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אין איראָפּע־הויז, אין בערלין. פיל מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער ציווילער פעדעראַציע האָבן זיך אָנגעשלאָסן מיט איזלין אָן דער נייער אָרגאַניזאַציע.*)

די אַמעריקאַנישע אָפּטיילונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע וועלט־געפאַר האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן אָפּיציעלן נאַצישן פּראָפּאַגאַנדע־דאָקומענט, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אין דער פאָרמע פון אַן אַנטי־סאָוועטיש בוך, געדרוקט אין ענגליש, און האָט געהייסן „קאָמוניזם אין דייטשלאַנד”. דאָס דאָזיקע בוך איז געדרוקט געוואָרן אין דייטשלאַנד פון דעם עקהאַרט־פאַרלאַג. טויזנטער עקזעמפּליאַרן זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרן איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, פאַרשפּרייט צו ווערן אין אַמעריקע. דורך פּאָסט און ביי „פּאַטריאָטישע” פאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט איז דאָס בוך ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן אָן געלט. איבערן גאַנצן לאַנד האָט מען דורכגעפירט אַ קאַמפּאַניע דורך צייטונג־אַרטיקלען, לעקציעס, פאַרזאַמלונגען און בריוו צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס בוך האָט אַנטהאַלטן די פאָלגנדיקע פאָרשריפט:

ביים אָנהויב פון הייַנטיקס יאָר זיינען געווען וואָכן, ווען מיר האָבן זיך געפונען אויף דער שוועל פון באָלשעוויסטישן כאַאָס!

קאַנצלער אַדאָלף היטלער,
אין זיין פּראָקלאַמאַציע פון
1טן סעפּטעמבער, 1933.

אויפן צווייטן בלעטל פון דעם בוך איז געווען די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

---

*) אין 1933 האָט אַלפרעד ראָזענבערג איינגעשטעלט אין בערלין אַ צענטראַלע אַגענטור אָנצופירן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטי-סאָוועטישער אַגיטאַציע. די אַגענטור איז אָנגערופן געוואָרן „דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט צו באַקעמפן די געפאַר פון באָלשעוויזם”, די אָריגינעלע פאָרמע פונעם אַנטי-קאָמינטערן. אָן דעם קאָמיטעט זיינען געווען אָנגעשלאָסן:

אַלגעמיינע ליגע פון דייטשע אַנטי-קאָמוניסטישע געזעלשאַפטן.
אַנטי-קאָמוניסטישער בונד פון דרום-אַמעריקע.
אַנטי-קאָמוניסטישער פאַרבאַנד פון דער צפון-כינעזישער פּראָווינץ.
איראָפּעיאישע אַנטי-קאָמוניסטישע ליגע.
אַמעריקאַנישע אָפּטיילונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע וועלט-געפאַר.

פאַרוואָס אַמעריקאַנער דאַרפֿן לייענען אָט־דאָס בוך

די פראַגע וועגן קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און טעטיקייט איז פון באַלדיקער וויכטיקייט פאַרן אַמעריקאַנישן פאָלק, צוליב דעם וואָס מען באַטראַכט איצט די פראַגע צי די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל אָנערקענען דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

אָט איז אַ פּראָוואָצירנדיק בוך. עס דאַרף געלייענט ווערן פון יעדן באַוואוסטזיניקן בירגער, ווייל עס דערציילט די געשיכטע וועגן דעם לעבן־און־טויט קאַמף וואָס דייטשלאַנד פירט אָן קעגן דעם קאָמוניזם. עס ווייזט אָן, אַז די אונטערגראַבנדיקע מעטאָדעס און צעשטערנדיקע צילן פון די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד זיינען די זעלביקע, וואָס אָט־די שונאים פון דער ציוויליזירטער וועלט באַנוצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. . . .

גלייך אונטער אָט־דער מעלדונג איז געדרוקט געוועזן אַ צעטל מיט נעמען פון פירנדיקע מיטגלידער אין דער אַמעריקאַנישער אָפּטיילונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע וועלט־געפאַר:

וואָלטער סי. קאָול (פאָרזיצער, קאָונסיל פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, האַנדל־פאַרוואַלטונג אין דעטרויט)
דזשאָן ראָס דעלאַפילד (הויפּט־קאָמאַנדיר, מיליטערישער אָרדן פון דער וועלט־מלחמה)
ראַלף מ. איזלי (פאָרזיצער, נאַציאָנאַלע ציווילע פעדעראַציע)
העמילטאָן פיש (קאָנגרעסמאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטן)
עלאָן האַנטינגטאָן הוקער (פאָרזיצער, אַמעריקאַנישע פאַרטיידיקונג־געזעלשאַפט)
פ. אָ. דזשאָנסאָן (פאָרזיצער, פעדעראַציע פאַר אַ בעסערער אַמעריקע)
אָרוועל דזשאָנסאָן (לייטענאַנט־קוירנעל, ר.אָ.טי.סי. געזעלשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן)
הערי יונג (הויפּט־אַמעריקאַנער וואַכזאַמע אינטעליגענץ געזעלשאַפט)
סעמיועל מאַק־ראָבערטס (באַנקיר)
סי. ג. נאָרמאַן (פאָרזיצער, באַלעבאַטים־געזעלשאַפט פון בוי־פאַד)
עליס פירלע (רעדאַקטאָר, די פאַראייניקטע מינען־אַרבעטער)
וואָלטער ס. סטיל (רעדאַקטאָר, „נאַציאָנאַלע רעפּובליק“)
דזשאָן ב. טרעוואָר (פאָרזיצער, אַמעריקאַנער קאָאַליציע)

אַרטשיבאַלד ע. סטיווענסאָן (געוועזענער מיטגליד פון אַמעריקאַנער מיליטערישער „אינטעליגענץ")
פאַר דער אַמעריקאַנישער אָפּטיילונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמי־טעט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע וועלט־געפאַר.

אָט זײַנען די געשיכטעס פון אייניקע פון די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם נאַציסטישן פּראָפּאַגאַנדע־בוך, „קאָמוניזם אין דייטש־לאַנד":

הערי אָגאָסטוס יונג — געוועזענער אַרבעטער־שפּיאָן, האָט אָנגע־פירט מיט דער אַנטי־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע אין שיקאַגאָ, וואָס האָט זיך גערופן די „אַמעריקאַנער וואַכזאַמע אינטעליגענץ־געזעל־שאַפט". איר אָרגאַן, דער „ווידזשילענט", איז פון דער נאַצישער פּראָ־פּאַגאַנדע־אַגענטור „וועלט־דינסט" רעקאָמענדירט געוואָרן צו לייענען. צווישן יונגס ערשטע מיטהעלפער אין אַנטי־סאָוועטישע טעטיקייטן האָט זיך געפונען דער ווייס־גוואַרדייער פּיאָטר אַפאַנאַסיעוו, וועלכער האָט יונגן צוגעשטעלט אַן איבערגעזעצטע ווערסיע פון די „פּראָטאָ־קאָלן", פאַרשפּרייט צו ווערן אין „גרויסע צאָלן" איבער גאַנץ אַמעריקע. שפּעטער האָט יונג זיך באַפרײַנדט מיט קאָרנעל ראָבערט ר. מעקאָרמיק, אַרויסגעבער פון דער איזאָלאַציאָניסטישער און שאַרפער אַנטי־סאָוועט־טישער „שיקאַגאָ טריביון" און אײַנגעשטעלט אַ ביוראָ אין דער געבײַדע פון דער „טריביון" אין שיקאַגאָ.

וואָלטער ס. סטיל — רעדאַקטאָר פון דער „נאַציאָנאַלע רעפּובליק", האָט אָנגעפירט אַן אומאויפהערלעכע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע, וואָס האָט געצילט צו באַאײַנפלוסן אַמעריקאַנער געשעפט־לײַט. סטיל האָט מיטגעאַרבעט מיט יונגן אין פאַרשפּרייטן די „פּראָ־טאָקאָלן פון די זקני ציון".

דזשעימס ב. טרעוואָר — איז געווען הויפּט פון דער אַמעריקאַנער קאָאַליציע, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט האָט אין 1942 באַצייכנט פאַר אַן אַגענטור, וועלכע מען האָט גענוצט אין אַ פאַר־שווערונג אונטערצוגראָבן די מאָראַל פון די אַמעריקאַנער באַוואָפנטע כוחות. טרעוואָר איז געווען נאָענט פאַרבונדן מיט אַנטי־סאָוועטישע ווייס־גוואַרדייער, און זײַן אָרגאַניזאַציע האָט כסדר פאַרשפּרייט אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אַרטשיבאַלד ע. סטיווענסאָן — אַ געוועזענער מיטגליד פון דער מיליטערישער „אינטעליגענץ"־דיוויזיע פון דער אַמעריקאַנישער אַר־

מיי, איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַציע אין אַמעריקע אין משך פונעם גאַנצן פעריאָד פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. סטיווענסאָן, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון ראַלף מ. איזלי, איז שפּעטער געוואָרן ראַטגעבער פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אינעם עקאָנאָמישן ראַט פון שטאַט ניו־יאָרק, אַן אַנטי־דעמאָקראַטישע און אַנטי־אַרבעטער פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטור, וועמעס פּרעזידענט איז געווען מערווין ק. האַרט, אַ טרויעריק־באַרימטער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַרן פאַשיסטישן שפּאַנישן דיקטאַטאָר, גענעראַליסימאָ פראַנקאָ.

קאָנגרעסמאַן העמילטאָן פיש — פון ניו־יאָרק, האָט אין 1923 באַזוכט רוסלאַנד, בעת ער איז געווען דער הויפּט פון דער פירמע העמילטאָן פיש און קאָמפּאַניע, אימפּאָרטירער און עקספּאָרטירער. נאָך זיין צוריקקומען קיין אַמעריקע האָט ער פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע אין קאָנגרעס איינצושטעלן האַנדל־באַציאונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די סאַמע ביטערסטע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין אַמעריקע. אין די ערשטע יאָרן פון די 1930ער, איז פיש, אַלס פאָרזיצער פון דער קאָנגרעס־קאָמיסיע אויסצופאָרשן „אַמעריקאַנישן קאָמוניזם", געווען דער הויפּט וואָרט־פירער פון די וויס־גוואַרדייאישע אַנטי־סאָוועטישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע און פון אַנדערע האַרטנעקיקע שונאים פון סאָוועט־רוסלאַנד. צווישן די „עקספּערטן", וואָס האָבן צוגעשטעלט מאַטעריאַל פאַר דער פיש־קאָמיסיע, איז געווען דער געוועזענער אָכראַנקע־אַגענט באָריס בראַסאָל און דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדיסט דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק. ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט פיש אים געלויבט אַלס דער, וואָס האָט געראַטעוועט דייטשלאַנד פון קאָמוניזם. אַלס אַ וויכטיקער פאַרטרעטער פונעם איזאָלאַציאָניזם און „אַפּיזמענט"־פּאָליטיק, איז פיש אויפגעטראָטן ביי פאַרזאַמלונגען אינאיינעם מיט טרויעריק־באַקאַנטע אַמעריקאַנישע פּראָ־נאַצים און האָט זייער פּראָפּאַגאַנדע אַריינגעשטעלט אין די קאָנגרעס־פּראָטאָקאָלן. אין האַרבסט 1939 האָט פיש קאָנפערירט אין נאַצי־דייטשלאַנד מיט יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ, נאַצישער אויסלאַנד־מיניסטער; מיט פירשט גאַלעצאָ טשיאַנאָ, איטאַליענישער אויסלאַנד־מיניסטער; און מיט אַנדערע פירער פון די אַקס־מלוכות. פיש האָט אַרומגערייזט איבער אייראָפּע אין אַ דייטשן עראָפּלאַן, רופנדיק פאַר אַ צווייטן מינכען און טענהנדיק, אַז „דייטשלאַנדס פאָדערונגען" זיינען „גערעכטע". אין פעברואַר 1942

איז ביים פּראָצעס פונעם נאַצי־אַגענטווירעק אויפגעדעקט געוואָרן, אַז פישעס וואַשינגטאָנער אָפיס איז גענוצט געוואָרן אַלס די הויפּט־קוואַרטיר פון אַ נאַצישן פּראָפּאַגאַנדע־רינג, און אַז פישעס סעקרעטאַר, דזשאָרדזש היל, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע־נעץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין דער צייט ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען צענדליקער אַמעריקאַנער פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך באַצייכנט אַלס „אַנטי־קאָמוניסטישע״, געווען אַקטיוו איבער גאַנץ אַמעריקע. אַט־די אָרגאַניזאַציעס האָבן געקראָגן הילף און, אין פיל פאַלן, פינאַנציעלע שטיצע, פון בערלין און טאָקיאָ. אייניקע פון די דאָזיקע אָרגאַני־זאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן פון באַצאָלטע נאַצישע אַגענטן. געוויסע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער דייטש־אַמעריקאַנישער בונד און דער קיפהאָוזער בונד, האָבן כמעט קיין שום פאַרזוך ניט געמאַכט צו פאַרדעקן זייערע אויסלענדישע פאַרבינדונגען; אַנדערע, ווי די „סילווער שוירטס״, דער קריסטלעכער פראָנט, אַמעריקאַנישע גוואַרדיע, אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליסטישע קאָנפעדעראַציע, און די קרייץ־ציגלער פאַר אַמעריקאַניזם, האָבן זיך פאַרמאַסקירט אַלס פּאַטריאָטי־שע געזעלשאַפטן, וואָס „ראַטעווען אַמעריקע״ פון דער „קאָמוניסטישער געפאַר״.

אין 1939 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן שוין געווען געגרינדעט ניט ווייניקער פון 750 אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט פּראָ־פאַשיסטישע, אַנטיסעמיטישע און אַנטי־סאָוועטישע בולעטינען, זשור־נאַלן, נייס־בריוו און צייטונגען. אינעם נאָמען פון באַשיצן אַמעריקע פון קאָמוניזם, האָבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און אויסגאַבעס גערופן אַרונטער־צוּוואַרפן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, גרינדן אַן אַמעריקאַניש־פאַשיסטישן רעזשים, און זיך פאַראייניקן מיט די אַקס־מלוכות קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם 18טן נאָוועמבער, 1936, האָט וויליאַם דאַדלי פעלי, הויפּט פון די נאַצי־באַגייסטערטע „סילווער שוירטס״, דערקלערט:

> לאָמיר גרינטלעך פאַרשטיין, אַז אויב אין דעם לאַנד וועט אויס־ברעכן אַ צווייטער בירגער־קריג, וועט דאָס זיין ניט קיין מלחמה אַרונטערצוּוואַרפן די אַמעריקאַנער רעגירונג, נאָר אַרונטערצוּוואַרפן די אידיש־קאָמוניסטישע פאַרכאַפּער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די אַמערי־קאַנער רעגירונג און ווילן פון איר מאַכן אַן אָפּטיילונג פון מאָסקווע. . . .

נאָך דעם נאַצי־איבערפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער גלח טשאַרלס

ע. קאַגלין, פירער פונעם פּראָ־נאַצישן קריסטלעכן פראָנט, אין זיין פּראָ־פּאַגאַנדע־אָרגאַן „סאָשל דזשאַסטיס" פון 7טן יולי, 1941, דערקלערט:

דייטשלאַנדס מלחמה קעגן רוסלאַנד איז אַ קאַמף פאַר קריסטנטום.
... מיר געדענקען, אַז דער אַטעאיסטישער קאָמוניזם איז אין רוסלאַנד
פאָרמולירט און געבוירן געוואָרן הויפּטזאַכלעך דורך דעם ווערקצייג
פון גאָטלאָזע אידן.

די זעלביקע פּראָפּאַגאַנדע איז איבער גאַנץ אַמעריקע צעזייט געוואָרן דורך דזשעראַלד ב. ווינראָדס „דעפענדער" פון וויטשיטאַ, קענזעס; וויליאַם קאַלגרעגס „ביקאָן לייט" פון אַטאַסקאַדעראָ, קאַליפאָרניע; קאָרט עשערס „עקס־רעי" פון מאָנסי, אינדיאַנאַ; ע. דזשעי. גאַרנערס „פּובליסיטי" פון וויטשיטאַ, קענזעס; טשאַרלס ב. האַדסאָנס „אַמעריקע אין געפאַר!" פון אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ; און אַנדערע ענלעכע פּראָ־נאַצישע, אַנטי־סאָוועטישע אויסגאַבעס.

נאָך פּוירל האַרבאָר האָט דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט אָנגעקלאָגט אַ צאָל פון די דאָזיקע פערזאָנען, אַז זיי פאַרשפּרייטן אונטערגראָבנדיקע פּראָפּאַגאַנדע און אַז זיי פאַרשווערן צוזאַמען מיט נאַצי־אַגענטן אַרונטערצוּוואַרפן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ניט געקוקט דערויף, האָבן זיי אין משך פון דער גאַנצער מלחמה פאָרגעזעצט צו פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע, אַז די אַקס־מלוכות פירן אַן אַ „הייליקן קריג" און אַז מען האָט די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינגענאַרט אין דער מלחמה דורך דער געהיימער טעטיקייט פון „אידישע קאָמוניסטישע פאַרשווערער אין וואַשינגטאָן, לאָנדאָן און מאָסקווע".

3. פּאָל שעפער: אַ כאַראַקטעריסטישע געשיכטע

עטלעכע טעג נאָך דעם יאַפּאַנעזישן איבערפאַל אויף פּוירל האַרבאָר, האָבן אַגענטן פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַרעסטירט אַ ספּריטנעם מיטליערן דייטשן זשורנאַליסט, וועלכער האָט געוואוינט אין אַן עלעגאַנט הויז אין ניו־יאָרק. זיין נאָמען איז געווען פּאָל שעפער. אין די דאָקומענטן פונעם סטעיט־דעפּאַרטמענט איז ער געווען פאַרשריבן אַלס דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון „דאַס רייך", די אָפּיציעלע אויסגאַבע פונעם נאַצישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום.

פּאָל שעפערס קאַריערע איז אַ מערקווירדיקע אילוסטראַציע ווי אַזוי

נאַצי־אַגענטן האָבן געקאָנט אָפּערירן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אונטער דער מאַסקע פון אַנטי־סאָוועטיזם.*)

אַ געוויסע צייט איז פּאַל שעפּער געווען אַ זשורנאַליסט מיט אַן אינטער־נאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע. אַלס דער מאַסקווער קאָרעספּאָנדענט פאַר דעם „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 1922 ביז 1929, האָט שעפּער זיך דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע אַלס „דער בעסט־אינפאָרמירטער מענטש וועגן סאָוועט־רוסלאַנד". זיינע קאָלירפול־געשריבענע אַרטיקלען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען איבער־געדרוקט געוואָרן אין אַ טוץ שפּראַכן. צווישן זיינע פריינט און פאַרערער האָבן זיך געפונען אָנגעזעענע שטאַטסלייט, באַרימטע ליטעראַרישע פּערזענ־לעכקייטן און פירנדיקע אינדוסטריאַליסטן און פינאַנסירער אין אייראָפּע און אַמעריקע.

אין האַרבסט 1929 איז שעפּערס קאַריערע אַלס מאַסקווער קאָרעספּאָנדענט פּלוצים און אומדערוואַרט איבערגעהאַקט געוואָרן. בעת ער האָט זיך געפונען אויף איינעם פון זיינע אָפּטע באַזוכן אין דייטשלאַנד, האָבן די סאָוועטישע אויטאָריטעטן אים פּלוצים פאַרבאָטן זיך אומצוקערן אין פ.ס.ס.ר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ צאָרנדיקע אויפגעבראַכטקייט צווישן שעפּערס פיל אָנגעזעענע פריינט. זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס האָט געקאָנט זיין די סיבה פאַר אַזאַ האַנדלונג מצד דער סאָוועטן־רעגירונג. דער ענטפער אויף אָט־דער פראַגע

*) אויך יאַפּאַנעזישע אַגענטן זיינען געווען טעטיק אין פאַרשפּרייטן אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז דזשאַן סי. לע-קלעיר, געהילף פּערסאָנעל-דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טעלעפאָן-קאָמפּאַניע, און געוועזענער לערער פון געשיכטע אין אוניווערזיטעט פון דער שטאַט ניו-יאָרק און אין סט. פרענציס אוניווערזיטעט אין ברוקלין. אַלס אַן אָנערקענטער אויטאָריטעט איבער דעם ווייטן מזרח, האָט לע-קלעיר געשריבן אַ צאָל אַרטיקלען פאַר גוט-באַוואוסטע אַמעריקאַנער צייטשריפטן, אין וועלכע ער האָט געלויבט יאַפּאַן און דערקלערט, אַז סאָוועט-רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר די אמתע געפאַר פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט אויך רעדאַקטירט אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אָנגערופן „באַמערקונגען און פאָראויסזאָגונגען", וואָס האָט אַנטהאַלטן ענלעכע פּראָפּאַגאַנדע און איז דערשינען אין 200 צייטונגען און זשורנאַלן איבערן לאַנד. כאַראַקטעריסטיש פאַר לע-קלעירס אַרטיקלען איז דער וואָס איז דערשינען אין דער סעפּטעמבער 1940 אויסגאַבע פונעם זשורנאַל „אַמעריקע" מיטן נאָמען: „קיין שום פריינטשאַפט צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם פ.ס.ס.ר.". ווען די „פ.בי.איי."-אַגענטן האָבן אים אַרעסטירט אין האַרבסט 1943, האָט לע-קלעיר אין אַ ניו-יאָרקער פעדעראַלן געריכט דעם 8טן סעפּטעמבער זיך דערקלערט שולדיק אין האָבן געדינט אַלס אַ געהיימער באַצאָלטער פּראָפּאַגאַנדע-אַגענט פון דער יאַפּאַ-נעזישער רעגירונג פאַר אַ פּעריאָד פון דריי יאָר צייט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט עטלעכע חדשים פאַר פּוירל האַרבאָר.

איז געווען פאַרשלאָסן אין די פּראָטאָקאָלן פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי.

אַ טייל פון די פאַקטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַכט יאָר שפּעטער, דעם 2טן מערץ, 1938, ווען מיכאַאיל טשערנאָוו, דער רעכטער פאַרשווערער און געוועזענער קאָמיסאַר פון אַגריקולטור אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט עדות־געזאָגט פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר.

טשערנאָוו האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט באַקומען 4,000 רובל אַ חודש פון דער דייטשער מיליטערישער שפּיאָנאַזש פאַר באַזאָרגן איר מיט רוסישע מיליטערישע און האַנדל־סודות און פאַר אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש. ער האָט אָנגערופן דעם דייטשן אַגענט, אונטער וועמעס פירערשאַפט זיין ערשטע שפּיאָנאַזש־סאַבאָטאַזש אויפגאַבע איז דורכגעפירט געוואָרן. דער דייטשער אַגענט, האָט טשערנאָוו געזאָגט, איז געווען „פאָל שעפער, דער קאָרעספּאָנדענט פון 'בערלינער טאַגעבלאַט'".

דעם 13טן מערץ, 1938, האָט אַ סאָוועטישע שיסער־אָפּטיילונג אויסגעפירט דעם פּסק־דין איבער מיכאַאיל טשערנאָוון. בלויז עטלעכע טעג איידער מען האָט טשערנאָוון דערשאָסן, איז פאָל שעפער אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַלס דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פאַר דעם „בערלינער טאַגעבלאַט".

נאָך דעם ווי מען האָט אים פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1929, איז שעפער געוואָרן איינער פון די סאַמע פּרוכטבאַרסטע און הויך־באַצאָלטסטע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין איראָפּע. עס איז קוים פאַרביי אַ וואָך אָן זיינס אַן אַרטיקל אין אַן אָנגעזעענעם איראָפּייאישן אָדער אַמעריקאַנישן זשורנאַל, אין וועלכן ער האָט ווילד אַטאַקירט די סאָוועטן־רעגירונג און פאַראויסגעזאָגט איר באַלדיקן צוזאַמענברוך.

אין 1931 האָט שעפער, וועלכער האָט תתונה געהאַט מיט אַ געוועזענער רוסישער פירשטין, באַזוכט אַמעריקע, אַנצופירן אַ קאַמפּאַניע קעגן אָנערקענען די סאָוועטן־רעגירונג. „אויב אַמעריקע באַשליסט צו אָנערקענען", האָט שעפער געוואָרנט אין אַן אַרטיקל אין „פאָרען אַפעירס", וואָס איז איבער־געדרוקט געוואָרן אין „רידערס דיידזשעסט", „וועט מען פון איצט אָן און ווייטער קאָנען זאָגן, אַז אין 1931 האָט זי געמאַכט איר בכיוונדיקן אויסוואַל צווישן דער בורזשואַזער איראָפּע און די סאָוועטן. . . . אַמעריקעס אָנער־קענונג וועט בלויז פאַרוואַצירן דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד צו גרעסערער אַגרעסיוויקייט און אונטערנעמערישקייט אין אירע אַטאַקעס אויף די בורזשואַזע איראָפּייאישע לענדער."

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז שעפער געווען דער לאָנ־דאָנער קאָרעספּאָנדענט פונעם „בערלינער טאַגעבלאַט". ער האָט זיך גלייך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד און איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועלכע איז שוין איצט געווען אונטערן אויפזיכט פון דעם נאַציישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום.*)

ווינטער 1937 האָט שעפער געקראָגן אַ באַפעל זיך צו באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אינגיכן האָט ער שוין פון ניו־יאָרק געשיקט צום „בערלינער טאַגעבלאַט" טעלעגראַפישע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען אַ גע־ניטער געמיש פון אַנטי־אַמעריקאַנישער פּראָפּאַגאַנדע און ידיעות, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר די דייטשע מיליטערישע אויטאָריטעטן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און שעפער איז דערהויבן געוואָרן צום אַמט פון אַמערי־קאַנער קאָרעספּאָנדענט פאַר „דאַס רייך", אָפיציעלער אָרגאַן פונעם נאַציישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום. אין אָט דעם אַמט איז שעפער געווען דר. געבעלסעס פאַרטרעטער אין אַמעריקע. איינע פון זיינע הויפּט־פונקציעס איז געווען צו באַשאַפן אין אַמעריקע אַ שטימונג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. אין אַמעריקאַנער זשורנאַלן און צייטונגען זיינען רעגלמעסיק דערשינען די אַנטי־סאָוועטישע אַרטיקלען פון דעם „רוסישן עקספּערט", שעפער. איינע פון שעפערס באַליבטע טעמעס איז געווען די מאָסקווער פּראָצעסן. ער האָט פאַר זיינע צאָלרייכע אַמעריקאַנער לייענער פאַרגעשטעלט די פּראָצעסן, ביי וועלכע ער אַליין איז אויפגעדעקט געוואָרן אַלס אַ דייטשער אַגענט, אַלס „ריזיקע בלבולים". ער האָט באַשריבן בוכאַרינען, פּיאַטאַקאָוון, ראַדעקן און די אַנדערע רוסישע פינפטע קאָלאָניקעס אַלס „די ווירקלעכע באָלשעוויסטישע פירער".

---

*) פאַר זיינע איינפלוסרייכע אויסלענדישע פריינט, וועלכע האָבן אים נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אַ ליבעראַלן זשורנאַליסט, און וועלכע זיינען געווען זייער איבערראַשט פון זיין צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד, האָט שעפער קאָנפידענציעל דערקלערט, אַז ער האָט אונטערגענומען אַ געוויסע מיסטעריעזע אַנטי־נאַצישע מיסיע אין דריטן רייך. האָבנדיק אין אויג זיין צוקונפטיקע אַרבעט, האָט שעפער געוואָלט אָנהאַלטן זיינע נוצלעכע פאַרבינדונגען אין אויסלענדישע קרייזן. און מאָדנע: פיל פריינט זיינע האָבן געגלויבט וואָס ער האָט זיי געזאָגט.

צווישן יענע, וועמען שעפער האָט ניט געקאָנט איבערצייגן אין זיינע אַנטי־נאַצישע געפילן, האָט זיך געפונען דער אַנטי־נאַצישער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד, דער פאַרשטאָרבענער וויליאַם ע. דאַד. דעם 15טן נאָוועמבער, 1936, האָט דאַד אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך די פאָלגנדיקע באַמערקונג וועגן שעפערן: „איך האָב אויפמערקזאַם געהיט אָט־דעם שעפערן, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט זיך עטלעכע יאָר געפונען אין אַמעריקע אַלס קאָרעספּאָנדענט פאַר דער דייטשער פּרעסע און איז איצט אַ גוטער נאַצי."

זיין סאַמע גרעסטן לויב אָבער האָט ער רעזערווירט פאַר לעאָן טראָצקין.

אין אַ כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל, „פון לענין ביז סטאַלין", וואָס איז דער־שינען אין דער אַפּריל 1938 אויסגאַבע פונעם באַרימטן אַמעריקאַנישן פערטל־יעריקן זשורנאַל „פאָרען אַפעירס", האָט שעפער דערקלערט, אַז סטאַלין איז אַ „ניטרער אָריענטאַלער", וואָס איז מאָטיווירט פון גירעקייט, אייפערזוכט און שטרעבונג צו מאַכט, און אַז ער האָט באַפוילן צו דערמאָרדן די טראָצקיסטן בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געשטאַנען אין וועג פון זיינע פערזענלעכע אַמביציעס.

שעפערס פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין אַמעריקע האָט זיך ניט פאַרענדיקט אַפילו ווען מען האָט אים אַרעסטירט נאָך פּוירל־האַרבאָר. דעם 13טן סעפּ־טעמבער, 1943, האָט די זונטיק־אויסגאַבע פון דער „ניו־יאָרק טיימס" אָפּ־געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון איר זשורנאַל־אָפּטיילונג אַן אַרטיקל געשריבן פון „קאָנראַד לאַנג". אין אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע איז דער מחבר באַצייכנט געוואָרן אַלס „אַ געניטער סטודענט פון דייטשע ענינים אין דער איצטיקער מלחמה". דאָס אַרטיקל האָט אַנטהאַלטן די אינפאָרמאַציע, אַז „דאָס גערעטעניש אין אוקראַינע" איז „ווי מען גיט אָן, פאַרטאָפּלט געוואָרן דעם זומער דורך דייטשע מעטאָדעס".

אין דער אמתן איז גאָר קיין „קאָנראַד לאַנג" ניט געווען. דאָס איז געווען אַ פּסעוודאָנים. דער מחבר פונעם אַרטיקל אין דער „טיימס" איז געווען פּאָל שעפער.

נאָך דעם ווי שעפער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָבן געוויסע פון זיינע איינ־פלוסרייכע אַמעריקאַנער פריינט באַוויזן צו באַפרייען אים פון תפיסה. זיי האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט ער זאָל שרייבן אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען פאַר דער „טיימס". זיי האָבן אַפילו געקראָגן אַ שטעלע פאַר שעפערן אַלס עקספּערט־ראַטגעבער איבער דייטשע ענינים אין דער אַמעריקאַנער ביוראָ פון סטראַ־טעגישע דינסטן.

אין פרילינג 1944 האָבן אַגענטן פונעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט ווידער־אַמאָל אַרעסטירט שעפערן. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס מאָל וועט מען דר. געבעלסעס געוועזענעם ספּעציעלן פאַרטרעטער האַלטן אין תפיסה אַזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט דויערן.

4. די דאַיעז־קאָמיסיע

אין אויגוסט 1938, גלייך איידער דער מינכען־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן, איז אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנגרעס־קאָמיסיע אויסצופאָרשן אומאַמעריקאַנישע טעטיקייטן. דער פאָרזיצער פון אָט־דער קאָמיסיע איז געווען דער קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעז פון טעקסעס.

ווען די דאַיעז־קאָמיסיע איז געגרינדעט געוואָרן, האָט מען אָנגענומען, אַז די קאָמיסיע וועט באַקעמפן די אינטריגעס פון די אַקס־מלוכות אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַנשטאָט דעם, האָט די „אויספאָרשונג", וואָס דער קאָנגרעסמאַן דאַיעז האָט אָנגעפירט, זיך קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: איבערצוציַיגן דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק, אַז איר גרעסטער און געפערלעכסטער שונא איז סאָוועט־רוסלאַנד.

דער ערשטער הויפּט־אויספאָרשער, וועמען די דאַיעז־קאָמיסיע האָט באַשטימט, איז געווען אַן אומבאַקאַנטער געוועזענער אַרבעטער־שפּיאָן און אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדיסט מיטן נאָמען עדוואַרד פּ. סאַליוואַן. איידער ער האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן פאַר דער דאַיעז־קאָמיסיע, איז סאַליוואַן געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטי־סאָוועטישער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, וועלכע האָט געקראָגן אירע באַפעלן פונעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי און אַנדערע וויַיס־גוואַרדייִשע אוקראַיִנישע עמיגראַנטן אין בערלין. אַלס אַ יונגער, אָרעמער באַסטאַנער ציַיטונגסמאַן, איז סאַליוואַן אָנגעשטעלט געוואָרן צו העלפן אויפבויען אַן אַנטי־סאָוועטישע שטימונג צווישן די אוקראַיִנישע אַמעריקאַנער. און כאָטש ער האָט ניט געקאָנט רעדן קיין איינציק וואָרט אוקראַיִניש, האָט סאַליוואַן דאָך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַן „אומאָפּהענגיקער אוקראַיִנע".

אינגיכן איז מאַרטין דאַיעזעס צוקונפטיקער הויפּט־אויספאָרשער געוואָרן אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער פאַשיסטישער אוקראַיִניש־אַמעריקאַנישער באַוועגונג. אַלס פאָרשטייער פון דער באַוועגונג, איז ער געקומען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט נאַצי־אַגענטן און פּראָפּאַגאַנדיסטן, צוזאַמען געאַרבעט מיט זיי און אַפילו עפנטלעך זיך אידענטיפיצירט מיט זייערע צוועקן. דעם 5טן יוני, 1934, האָט סאַליוואַן אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג פון דיַיטש־אַמעריקאַנישע בונד־מיטגלידער און אוניפאָרמירטע שטורעם־טרופּערס אין טוירנהאַל, אויף לעקסינגטאָן עוועניו און 85טער גאַס אין ניו־יאָרק. עס איז באַריכט געוואָרן, אַז סאַליוואַן האָט אויסגעשריגן: „וואַרפט די לויזיקע אידן אין אַטלאַנטישן אָקעאַן אַריין!"

אין אויגוסט 1936 איז סאָליוען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס הויפּט־רעדנער ביי אַ נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, באַזוכט פון פירנדיקע אַמעריקאַנישע אַנטיסעמיטישע און פּראָ־נאַצישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַשוויל, נאָרט קאַראָליינאַ. אַנדערע רעדנער ביי אָט־דער קאָנפערענץ זיינען געווען: וויליאַם דאַדלי פּעלי, הויפּט פון די „סילווער שוירטס״; דזשעימס טרו, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַשיסטישן בולעטין צוזאַמען מיט סאָליווענען; און ערנסט פ. עלמהוירסט, באַקאַנט אויך אַלס ע. פ. פליישקאָפּ, אַ מיטגליד פונעם בונד און נאַצישער אַגענט. די רעדנער האָבן שאַרף אַטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד און פאַרדאַמט די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע אַלס אַ טייל פון אַ „אידיש־קאָמוניסטישער פאַרשווערונג״. די אַשווילער פּרעסע האָט באַריכט, אַז סאָליווענס רעדע „וואָלט היטלער געהאַלטן, אויב ער וואָלט גערעדט״.*)

נאָכדעם ווי ליבעראַלע אַמעריקאַנישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויפגעדעקט געוויסע פאַקטן פון סאָליווענס אוממאָראַלישקייט, האָט קאָנגרעסמאַן דאַיעז ביט־ווילנדיק אָפּגעזאָגט סאָליווענען אַלס הויפּט־אויספאָרשער. „צוליב

*) אַמעריקאַנער בירגער, וואָס האָבן דורך זייערע שטייערן געצאָלט סאָליווענס געהאַלט בעת ער איז געווען הויפּט־אויספאָרשער פון אומאַמעריקאַנישע טעטיקייטן פאַר דער דאַיעז־קאָמיטע, וואָלטן אַוודאי געווען פאַראינטערעסירט אין סאָליווענס פּאָליציי־רעקאָרד:

פאַרברעכן	פלאַץ פון פאַרברעכן	דאַטע	רעזולטאַט
שיכרות	טשאַרלסטאָן, מעס.	9/7/20	באַפרייט
געפערלעך אַנטרייבן	ראָקסבערי	12/18/23	באַשטראָפט $25
אַנטרייבן אָן דערלויבעניש	סאָפאָלק	2/11/24	באַשטראָפט $25
געפערלעך אַנטרייבן	סאָפאָלק	6/27/24	פּראָטאָקאָלירט
גנבה	מאָלדען	2/4/32	6 חדשים אין אויסבעסערונגס־הויז; אַפּעלירט.
גנבה	מידלסעקס הויפּט־געריכט	4/12/32	ניט פּראָצעסירט
אַנטרייבן נאָכן צונעמען דערלויבעניש	לאָועל	2/11/32	פּראָטאָקאָלירט
ברוך פון אַפּטייל 690 פון שטראָף־געזעץ (אומגעזעצלעכער געשלעכט־פאַרקער)	שטאַט ניו־יאָרק	12/20/33	פריי געשפּראָכן
פאַרשטעלן זיך אַלס „פ.ב.איי״־באַאַמטער	פּיטסבורג	12/11/39	קלאַגע אויפגעגעבן

סיבות פון עקאָנאָמיע", האָט דאַיעז געזאָגט. סאָליוועןן האָט זיך דאָן ווידער אָנגעשלאָסן אין דער פאַשיסטיש־אוקראַיִנישער באַוועגונג און געגרינדעט דעם אוקראַיִניש־אַמעריקאַנישן בילדונג־אינסטיטוט אין פּיטסבורג, פּענסילוועניע. אָט די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרשפּרייטן אַנטי־סאָוועטישע אַגיטאַציע צווישן אַ מיליאָן אוקראַיִנישע אַמעריקאַנער, איז גע־שטאַנען אין באַריר מיט דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן. סאָליוועןן האָט פאַרגעזעצט מיטצואַרבעטן מיט די פּראָ־נאַצישע און אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן איבערן גאַנצן לאַנד. „דער פּערטער יולי וועט זיין אַ גוטע דאַטע פאַר אייער צוזאַמענקום", האָט קאָגלין טעלעגראַפירט בנוגע אַן אונטער־נעמונג, וואָס ער און סאָליוועןן האָבן צוזאַמען איינגעאָרדנט.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אָפיציעל מער ניט געווען פאַרבונדן מיט דער דאַיעז־קאָמיסיע, איז סאָליוועןן דאָך געבליבן אין באַריר מיט איר אַלס איינער פון אירע „אַנטי־קאָמוניסטישע עקספּערטן". דעם 27טן יולי, 1939, האָט סאָליוועןן באַקומען אַ בריוו פון זיין פריינט הערי יונג, דער אַנטי־סאָוועטישער און אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדיסט אין שיקאַגאָ. יונג האָט געשריבן:

> איינער פון די אויספאָרשער פון דער קאָמיסיע איז דאָ געווען אַ געוויסע צייט און פאַרבראַכט מיט אונדז אַביסל און מיר האָבן אים באַלאָדן מיט פיל שטוינענדיקער אינפאָרמאַציע.
>
> איך האָף באמת, אַז די מיטאַרבעטערשאַפט צווישן אונדזערע גע־געבענע ביוראָס וועט זיין פולשטענדיק, צופרידנשטעלנדיק און קעגנ־זייטיק. . . .

סאָליוועןנס פּלאַץ אַלס דאַיעזעס הויפּט־געהילף און ראַטגעבער אין דער קאָמיסיע אויסצופאָרשן אומאַמעריקאַנישע טעטיקייטן האָט פאַרנומען דזש. ב. מעטיוס, אַ רענעגאַט פון דער אַמעריקאַנער ראַדיקאַלער באַוועגונג. מעטיוסעס שריפטן זיינען ברייט געריסט און פאַרשפּרייט געוואָרן דורך פירנדיקע אַמערי־קאַנישע פאַשיסטישע און נאַצישע אַגענטן. דאָס נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום האָט רעקאָמענדירט זיינע אַרבעטן. מעטיוסעס אַרטיקלען זיינען געדרוקט געוואָרן אין „קאָנטראַ־קאָמינטערן", אַן אָרגאַן פון אַלפרעד ראָזענ־בערגס „אויסענפּאָליטישעס אַמט".

וואָך־איין וואָך־אויס איז אינעם מירמלשטיינערנעם קאָלאָנען־צימער פון דער אַלטער קאָנגרעס־געביידע אין וואַשינגטאָן דורכגעגאַנגען פאַר דאַיעזן אַ פּראָצעסיע פון געוועזענע פאַרברעכער, אַרבעטער־שפּיאָנען, אויסלענדישע אַגענטן און שווינדלער, אַלס „עקספּערטן", עדות צו זאָגן, אַז מאָסקווער אַגענטן

פלאַנירן אַרונטערצואוואַרפן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַט זיינען אַ טייל פון די „אַנטי־קאָמוניסטישע" עדות:

אַלווין האַלפּערן: אויפן צווייטן טאָג פון זיין עדות־זאָגן האָט אַ געריכט פון קאָלאָמביע־דיסטריקט אים פאַרמשפט צו אַ טערמין פון צוויי יאָר פאַר גנבה; זיין עדות־זאָגן איז פונדעסטוועגן איינגעשלאָסן געוואָרן אין די עפנטלעכע פּראָטאָקאָלן פון דער דאַיעז־קאָמיסיע.

פּעטער דזש. אינעס: אַן אַרבעטער־שפּיאָן, וועמען מען האָט אויס־געשלאָסן פון דער נאַציאָנאַלער מאַטראָסן־יוניאָן פאַר גנבענען 500 דאָלער פון דער יוניאָנס קאַסע; שפּעטער האָט מען אים פאַרמשפּט אויף אַכט יאָר תפיסה פאַרן פאַרזוך צו פאַרגוואַלטיקן אַ קליין קינד.

וויליאַם סי. מעקיוּאיסטאָן: אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ מערדער־באַנדע צו אַטאַקירן טרייד־יוניאָניסטן; ער האָט עדות געזאָגט פאַר דער דאַיעז־קאָמיסיע בעת ער איז געווען אונטער אַן אָנקלאָגע פאַרן מאָרד פון פיליפּ קערי, אַן אַרבעטער־פירער, וועמען מען האָט געשאָסן און צעשלאָגן אויף טויט אין ניו־אָרלינס; שפּעטער איז ער באַפרייט געוואָרן פון דער מאָרד־קלאַגע.

וויליאַם נאָועל: אַן אַרבעטער־שפּיאָן, וועלכער איז געווען קאַנ־פידענציעלער ראַטגעבער פון פאַשיסטישן פירער דזשעראַלד ל. ק. סמיט, געוועזענער „סילווער שווירטס" מיטגליד נומער 3223.

ריטשאַרד קרעבס, באַקאַנט אויך אַלס יאַן וואַלטין: געוועזענער פאַרברעכער און זעלבסט־באַשטעטיקטער געוועזענער געשטאַפּאָ־אַגענט.*)

---

*) אין יאַנואַר 1941, בעת די דייטשע הויך-קאָמאַנדע האָט פאַרענדיקט אירע צוגרייטונגען פאַר דער אַטאַקע אויפן סאָוועטן-פאַרבאַנד, איז אין אַמעריקע דער-שינען אַ סענסאַציאָנעל אַנטי-סאָוועטיש בוך מיטן נאָמען: „פון דער נאַכט אַרויס". דעם מחברס נאָמען איז אָנגעגעבן געוואָרן אַלס יאַן וואַלטין.

„יאַן וואַלטין" איז געווען איינער פון די פאַלשע נעמען פון ריטשאַרד קרעבס, אַ געוועזענער געשטאַפּאָ-אַגענט. זיינע אַנדערע פאַלשע נעמען זיינען געווען: ריטשאַרד ענדערסאָן, ריטשאַרד פּעטערסאָן, ריטשאַרד וויליאַמס, רודאָלף העלער און אָטאָ מעלכיאָר.

קרעבסעס בוך, „פון דער נאַכט אַרויס", האָט געדאַרפט זיין כלומרשט אַ ווידוי פון אַ קאָמוניסט, „יאַן וואַלטין", וועלכער האָט באַרייזט די וועלט אויספירנדיק פיזצטערע מיסיעס פאַר מאָסקווע. דער מחבר באַשרייבט מיט שרייענדיקע פּרטים די קרימינעלע פאַרשווערונגען, וועלכע „באָלשעוויסטישע אַגענטן" האָבן כלומרשט אויסגעאַרבעט קעגן דער וועלט-דעמאָקראַטיע. דער מחבר דערציילט ווי אַזוי נאָך צען יאָר קרימינעלער דינסט „פאַרן קאָמינטערן", איינגעשלאָסן אַ פאַרזוך אויף מאָרד

„גענעראַל" וואַלטער דזשי. קריוויצקי, באַקאַנט אַלס סעמיועל גינזבערג: אַ זעלבסט־געקרוינטער „ג.פּ.או."־אַגענט אונטער יאַגאָדאַן.

אין קאַליפאָרניע אין 1926, האָט ער אָנגעפאַנגען האָבן „צווייפלען אין דער נויטיקייט און אין די צילן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". ענדלעך, אַזוי דערציילט זיך אין דער מעשה, האָט ער באַשלאָסן פולשטענדיק איבערצורייסן מיט מאָסקווע און אויסזאָגן אַלצדינג.

קרעבס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין פעברואַר 1938. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון אייראָפּע דעם מאַנוסקריפּט „פון דער נאַכט אַרויס", וואָס האָט געהאַט אַן אויסטערלישע ענלעכקייט צו אַן אַנטי-סאָוועטישן פּראָפּאַגאַנדע-בוך, וואָס איז דעמאָלט פאַרשפּרייט געוואָרן אין נאַצי-דייטשלאַנד. צוגעהאָלפן קרעבסן צוצוגרייטן דאָס בוך צום דרוק אין אַמעריקע האָט דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט אייזעק דאָן לעווין, אַן אַלטער אַנטי-סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדיסט און שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער הורסט-פּרעסע.

אַרויסגעהאָלפן דורך אַן אומדערהערטער פּובליסיטי-קאַמפּאַניע, האָט זיך דאָס בוך „פון דער נאַכט אַרויס" סענסאַציאָנעל פאַרקויפט. אַ ביכער-קלוב האָט פאַרשפּרייט 165,000 עקזעמפּליאַרן צווישן זיינע לייענער. דער „רידערס דייודזשעסט" האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן קיצור מיט דער באַמערקונג, אַז די אויטאָביאָגראַפיע איז „פּאָזיטיוו באַשטעטיקט געוואָרן פון די אַרויסגעבער". אין צוויי כסדרדיקע אויסגאַבעס פון זשורנאַל „לייף" זיינען ציטירט געוואָרן היפּשע טיילן פונעם בוך. ווייניק ביכער אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער פאַרלאַג-טעטיקייט האָבן באַקומען אַזויפיל הו-האַ פּובליסיטי און אַזויפיל קאָסטבאַרע אַנאָנסן, ווי עס האָט געקראָגן דאָס בוך „פון דער נאַכט אַרויס".

בעת אַ צאָל בוך-קריטיקער זיינען געווען עפנטלעך סקעפּטיש וועגן דעם בוך, האָבן אַנדערע, באַוואוסט פאַר זייערע אַנטי-סאָוועטישע שטימונגען, געגאָסן לויב אויף קרעבסעס ווערק. פרידאַ אָטלי, אַנטי-סאָוועטישע צייטונגס-פרוי, שרייבנדיק אין דער „סאַטורדעי רעוויו אָוו ליטעראַטשור", האָט דאָס בוך באַצייכנט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „קיין שום אַנדער בוך האָט אַזוי קלאָר ניט אויפגעדעקט די הילף וואָס סטאַלין האָט געגעבן היטלערן איידער ער האָט געקראָגן די מאַכט, און וואָס ער מוז אים געווים נאָך היינט געבן." סידני הוק, טראָצקיס אַ פאַרערער, האָט דערקלערט אינעם „ניו לידער", אָרגאַן פון דער אַזוי-גערופענער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פעדעראַציע: „בלויז אַלס אַ דערציילונג איז דאָס אַזוי באַצווינגענדיק אין זיינע אָטעם-פאַרכאַפּנדיקע סצענעס, אַז מען קאָן עס קיינמאָל ניט אָננעמען פאַר פיקציע, וויל עס איז קעגן אַלע כללים פון פיקציאָנעלער גלויבלעכקייט." וויליאַם הענרי טשעמבערלין, וועמעס אַנטי-סאָוועטישע אויסטייטשונגען פון די מאָסקווער פּראָצעסן זיינען דערשינען אינעם טאָקיאָ פּראָפּאַגאַנדע-אָרגאַן „דאָס איצטיקע יאַפּאַן", האָט אין דער בוך-ביילאַגע פון דער זונטיקדיקער ניו-יאָרק „טיימס" געראַטן, אַז „וואַלטין" זאָל ווערן „אַ ווערטפולער געהילף פאַר יענע אַגענטורן אין אַמעריקע, וועלכע באַקעמפן שפּיאָנאַזש, סאַבאָטאַזש און אַנדערע אומלעגאַלע טעטיקייטן, וואָס זיינען אויסלענדיש אינספּירירט". מאַקס איסטמאַן, יודזשין לאַיאָנס, און נאָך אַנדערע פון דער אַנטי-סאָוועטישער פּראָ-טראָצקיסטישער ליטעראַרישער קליקע אין אַמעריקע,

וועלכער איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרעפֿנטלעכט אַ פינצטערע אַנטי־סאָוועטישע אויטאָביאָגראַפיע.*)

האָבן באַגריסט די „היסטאָרישע אויפֿדעקונג" פֿון דעם געוועזענעם געשטאַפּאָ-אַגענט. „יאַן וואַלטין" איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פיגור. מען האָט אים איינגעלאַדן עדות צו זאָגן אַלס אַן אַנטי-סאָוועטישער עקספּערט פאַר דער דאַיעז-קאָמיסיע.

סוף מערץ 1941 האָט מען קרעבסן אַרעסטירט אַלס אַן אומגעווינטשטער און ז'עפאַרטירבאַרער אויסלענדער. שפּעטערדיקע פעדעראַלע פאַרהערן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מען האָט קרעבסן געפֿונען שולדיק אין אַ פאַרזוך אויף מאָרד אין קאַליפאָרניע אין 1926 און אַז ער איז אָפּגעזעסן ביין-און-דרייסיק חדשים אין סען-קווענטין תפיסה. די פראָטאָקאָלן פונעם געריכט אין לאָס-אַנדזשעלעס האָבן געוויזן, אַז דאָס פאַרברעכן, וואָס קרעבס האָט פאַרגעשטעלט אין „פון דער נאַכט אַרויס" אַלס אַ מיסיע פאַרן קאָמינטערן, איז גאָר געווען אַ רעזולטאַט פון אַ קריגעריי איבער געלט, וואָס קרעבס איז שולדיק געווען אַ קלייבעם געשעפטסמאַן. ווען ער האָט דערקלערט אין געריכט פאַרוואָס ער האָט געוואָלט דערמאָרדן דעם סוחר, האָט קרעבס געזאָגט: „דער איד האָט מיך דערצאָרנט."

די פעדעראַלע פאַרהערן האָבן אויך אויפגעדעקט, אַז מען האָט קרעבסן אַרויס-געשיקט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דעצעמבער 1929 און אַז אין 1938, פונקט ווי אין 1926, איז ער אומלעגאַל אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פאַרהערן האָבן אויך פעסטגעשטעלט, אַז אין 1934 איז קרעבס געווען אַן עדות פאַר דער נאַצי-רעגירונג צו פאַרזיכערן אַן אורטייל פון פאַרראַט קעגן זיינעם אַ חבר, אַ מאַטראָס. וואָס שייך זיינע פאַרבינדונגען מיט דער דייטשער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכע האָט אים אויסגעשלאָסן, האָט קרעבס צוגעגעבן, אַז ער האָט זיך „אַריינגענאַרט אין דער אָרגאַניזאַציע".

דאָס אימיגראַציע-געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין זיין שלוס דערקלערט: „אין משך פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר איז דער באַשולדיקטער באַ-טראַכט געוואָרן אַלס אַן אַגענט פון נאַצי-דייטשלאַנד. פון די פראָטאָקאָלן, וועלכע געפינען זיך פאַר אונדז, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען דורכאויס אומפאַרטרוי-באַר און אוממאָראַליש."

די אויפדעקונג, אַז קרעבס איז אַ געוועזענער נאַצי-אַגענט און פאַרמשפּטער פאַרברעכער, איז וויניציק באַקאַנט געוואָרן. שפּעטער, ווען זיינע איינפלוסרייכע אַנטי-סאָוועטישע אַמעריקאַנער פריינט האָבן גוטגעזאָגט און זיינען ערוב געווען פאַר אים, האָבן די אימיגראַציע-אויטאָריטעטן אים רייכגעוואַשן, אַלס אַ רעפאָרמירטער פערזאָן, און אים געגעבן אַמעריקאַנישע בירגער-פּאַפּירן. „פון דער נאַכט אַרויס" איז פאַרבליבן אויף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן איבער גאַנץ אַמעריקע און פאַרגעזעצט צו פאַרשפּרייטן זיין אַנטי-סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער.

---

*) לויט לואיס וואַלדמאַן, וועלכער איז געווען קרייוויצקיס אַמעריקאַנער אַד-וואָקאַט, איז קרייוויצקיס אַריינקומען קיין אַמעריקע „געשטיצט געוואָרן פון וויליאַם סי. בוליט, אַמבאַסאַדאָר קיין פראַנקרייך". וועגן בוליטס אַנטי-סאָוועטישע טעטיקייטן, זען זייט 436.

באַלד זײַנען מאַרטין דאַיעזעס פּראָטאָקאָלן איבערגעפּולט געוואָרן מיט נעמען פון כלומרשט געפּערלעכע „באָלשעוויקעס״. פון צייט צו צייט פלעגט דער קאָנגרעסמאַן פון טעקסעס דראַמאַטיש מעלדן, אַז ער האָט אויפגעדעקט אַ פינפטע קאָלאָנע, וועלכע אָפּערירט איבערן לאַנד אויף אָנווייזונגען פון מאָסקווע.

אין 1940 האָט קאָנגרעסמאַן דאַיעז פאַרעפנטלעכט אַ בוך צו פּאָפּולאַריזירן די „אויפדעקונגען״ פון זײַן קאָמיסיע. דאַיעזעס בוך, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען: „דאָס טראַיאַנישע פערד אין אַמעריקע: אַ באַריכט צום פאָלק״, איז דערהויפּט באַשטאַנען פון אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. בעת די דייטש־אַמעריקאַנישע בונדיסטן און קריסטשען־פראָנטלער האָבן דורכגעפירט פּראָ־נאַצישע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין די אַמעריקאַנער שטעט אַלס דער אַוואַנ־גאַרד פון דער נאַצישער פינפטער קאָלאָנע, האָט קאָנגרעסמאַן דאַיעז אויס־געמאָלט סטאַלינען „בראש פון 150 דיוויזיעס אוניפאָרמירטן סאָוועטישן מילי־טער״ אַריינגרייסנדיק זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאַיעז האָט דערקלערט, אַז פאַקטיש האָבן שוין „מאָסקווער אַגענטן״ אָנגעפאַנגען „די סאָוועטישע אינ־וואַזיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן״.*)

*) פּראָ-אַקסישע און אַנטי-סאָוועטישע עלעמענטן אין אַמעריקע האָבן באַ-גייסטערט געשטיצט קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעזעס אַרבעט. דעם 8טן דעצעמבער, 1939, האָט מערווין ק. האַרט, דער פירנדיקער אַמעריקאַנער וואָרט-פירער פון גענע-ראַליסימאָ פראַנקאָס שפּאַניש-פאַשיסטישן רעזשים, געגעבן אין ניו-יאָרק אַ באַנקעט, ביי וועלכן דאַיעז איז געווען דער ערן-גאַסט. צווישן די וועלכע האָבן באַזוכט דעם באַנקעט, האָבן זיך געפונען: דזשאַן ב. טרעוואָר, אַרטשיבאַלד ע. סטיווענסאָן און פריץ קוהן, הויפּט פונעם דייטש-אַמעריקאַנישן בונד. און ווען ציימונגסלייט האָבן קוהנען געפרעגט וואָס ער דענקט וועגן דער דאַיעז-קאָמיסיע, האָט ער געענטפערט: „איך בין דערפאַר, אַז מען זאָל זי נאָכאַמאָל באַשטימען און איך האָף, אַז זי וועט קריגן מער געלט.״

אָט זײַנען אייניקע אַנדערע באַמערקונגען, וואָס אַנטי-סאָוועטישע אַגיטאַטאָרן האָבן געמאַכט וועגן דער אַרבעט פון דער דאַיעז-קאָמיסיע:

„איך האָב דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר דער דאַיעז-קאָמיסיע און איך סימפּאַטיזיר מיט איר פּראָגראַם.״ — דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, נאַצישער אַגענט, וועלכער איז דעם 21טן פעברואַר, 1942, פאַרמשפּט געוואָרן אָפּצוזיצן אין תפיסה פון אַכט חדשים ביז צוויי יאָר.

„איך האָב געגרינדעט דעם זילבער-לעגיאָן אין 1933 . . . צו פּראָפּאַגאַנדירן אַקוראַט די זעלביקע פּרינציפּן, וועלכע מר. דאַיעז און זײַן קאָמיסיע פירן איצט דורך.״ — וויליאַם דאַדלי פּעלי, פירער פון די פּראָ-נאַצישע „סילווער שוירטס״, וועלכער איז דעם 13טן אויגוסט, 1942, פאַרמשפּט געוואָרן צו פופצן יאָר תפיסה פאַר קרימינעלער אויפרייצונג צו רעוואָלט; און איז אין 1944 ווידעראַמאָל אָנגעקלאָגט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג פון אָנטיילנעמען אין אַ נאַצישער פאַרשווערונג

צוויי טעג נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מאַרטין דאַיעז פּאַראויסגעזאָגט: „היטלער וועט קאָנטראָלירן רוסלאַנד אין דרייסיק טעג.” דער קאָנגרעסמאַן האָט פאַרדאַמט דעם געדאַנק פון שיקן הילף דער רויטער אַרמיי. „אַמעריקאַנישע הילף פאַר רוסלאַנד איז טיפּשות”, האָט ער דערקלערט, „ווייל דייטשלאַנד וועט סיי־ווי־סיי באַקומען די אויס־שטאַטונג.” ער האָט געוואָרנט, אַז „עס איז פאַראַן די גרעסטע געפאַר, אַז העלפנדיק רוסלאַנד האָט אונדזער רעגירונג געעפנט פאַר סטאַלינען אַ נייעם מערב־פראָנט טאַקע דאָ, אין דער הויפּט־שטאָט פון אַמעריקע”.

אין אַ בריוו צו פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס ער האָט געשריבן דעם 2טן אָקטאָבער, 1941, באַלד נאָכדעם ווי דער פּרעזידענט האָט דערקלערט, אַז די פאַרטיידיקונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פון לעבנס־וויכטיקייט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אַמעריקע, האָט דאַיעז דערקלערט זיין אַבזיכט ווייטער אָנ־צופירן זיין אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע. „איך האָב בדעה, מר. פּרעזידענט”, האָט דאַיעז געשריבן, „אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט צו לאָזן וויסן דעם אַמעריקאַנישן פאָלק, אַז די ענלעכקייטן צווישן סטאַלינען און היטלערן זיינען פיל שטאַרקער ווי זייערע אונטערשיידן.”

אַפילו נאָכדעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד זיינען שוין געוואָרן מיליטערישע פאַרבינדעטע, האָט מאַרטין דאַיעז נאָך אַלץ אָנגע־פירט זיין אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע. דעם 29טן מערץ, 1942, האָט הענרי וואָלאַס, וויצע־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דערקלערט:

וועז מיר וואָלטן איצט געלעבט אין צייט פון פרידן, וואָלט מען די

קעגן אַמעריקע.

„אַלס צייכן פון אָנערקענונג פון דער אַרבעט וואָס דאַיעז פירט אָן, נוצט אויס איטלעכע פרייע מינוטן צו שרייבן אים אַ דערמוטיקונג־בריוו. דער אמת איז, אַז אַ מיליאָן בריוו, געבראַכט צו זיין שרייב־טיש, וואָלטן געווען אָן ענטפער צו יענע וועלכע האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרניכטן אים און די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפט וואָס ער פאַרטרעט.” — גלח טשאַרלס ע. קאָגלין, פּראָ־נאַצישער פּראָפּאַגאַנדיסט, גרינדער פונעם קריסטלעכן פראָנט און פון „סאָשל דזשאַסטיס”, וואָס איז אין 1942 פאַרבאָטן געוואָרן פון דער אַמעריקאַנישער פּאָסט אַלס אויפהעצעריש.

בערלין גופא האָט אָפן אויסגעדריקט איר ענטוזיאַסטישע גוטהייסונג פון דאַיעזעס אַנטי־סאָוועטישער אַרבעט אין אַמעריקע. די אויסלענדישע ראַדיאָ אויפנעם־סיסטעם פון דער פעדעראַלער קאָמוניקאַציע־קאָמיסיע האָט איןווינטער פון 1941 באַריכט, אַז קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעז ווערט „אַמאָפטסטן און מיט גוטהייסונג” ציטירט אויף די אויסלענדישע ראַדיאָ־סיסטעמען פון די אַקס־מלוכות, וואָס זיינען געצילט אַלס פּראָפּאַגאַנדע פאַר די אַמעריקאַנישע לענדער.

דאָזיקע טאַקטיקן געקאָנט פאַרקוקן אַלס אַ פּראָדוקט פון אַ טייוולאָנישן מוח. אָבער מיר געפינען זיך איצט ניט אין פרידן. מיר פירן אַן אַ מלחמה, און די צווייפלען און דער כעס, וואָס די און ענלעכע באַהויפּטונגען פון דאַיעזן רופן אַרויס ביים פּאָלק, וואָלטן, ווי ווייט עס איז נוגע זייער פּראַקטישן רעזולטאַט, געקאָנט פּונקט אַזוי גוט אַרויסקומען פון געבעלסן אַליין. דער אמת איז, אַז די ווירקונג אויף אונדזער מאָראַל וואָלט געווען ווינציקער שעדלעך, ווען מר. דאַיעז וואָלט זיך געפונען אויף היטלערס געהאַלט. . . . מיר אַמעריקאַנער מוזן זיך רעכענען מיט די פּועל־יוצאס פון אַט־דעם מיאוסן אמת.

5. דער איינזאַמער אָדלער

שפּעט אין 1940, בעת היטלער האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן זיין פאַרשקלאַפן אייראָפּע און צוגרייטן זיין קומענדיקע שלאַכט מיט דער רויטער אַרמיי, האָט זיך אויף דער אַמעריקאַנישער פּאָליטישער סצענע באַוויזן אַ מאָדנע דערשיינונג. זי האָט זיך אָנגערופן „די אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט" (ווערטערלעך איבערזעצט: „דער אַמעריקע פריער־פון־אַלעם־קאָמיטעט"). אין משך פונעם קומענדיקן יאָר האָט די „אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט" אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, דורך דער פּרעסע, ראַדיאָ, מאַסן־פאַרזאַמלונגען, גאַסן־פאַרזאַמלונגען און דורך אַנדערע מיטלען ענערגיש פאַרשפּרייט אַנטי־סאָוועטישע, אַנטי־בריטישע און איזאָלאַציאָניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַמעריקאַנער פּאָלק.

די אָריגינעלע פירער פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט" האָבן איינגעשלאָסן: גענעראַל ראָבערט ע. וואוד; הענרי פאָרד; קוירנעל ראָבערט ר. מעקאָרמיק; די סענאַטאָרן בוירטאָן ק. ווהילער, דזשעראַלד פּ. נאַי און ראָבערט רייס רענאָלדס; די קאָנגרעסלייט העמילטאָן פיש, קלעיר ע. האָפמאַן און סטיפען דעי; אויך קעטרין לואיס, די טאָכטער פון דזשאָן ל. לואיס.

די פירנדיקע פרויען־פאַרשטייערין פונעם קאָמיטעט איז געווען די געוועזענע פליערין און אַריסטאָקראַטקע לאָראַ אינגאַלס; מען האָט זי שפּעטער פאַרמשפּט אַלס אַ באַצאָלטע אַגענטקע פון דער נאַצי־רעגירונג. הינטער די קוליסן, האָט אַן אַנדערער נאַצי־אַגענט, דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק, געשריבן פיל פון דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פּובליציסטן פון דעם „אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט" האָבן פאַרשפּרייט. ראַלף טאַונסענד, וועמען מען האָט שפּעטער פאַרמשפּט אַלס אַ יאַפּאַנעזישן אַגענט, האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּ־

טיילונג פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“ אויף דעם מערב־ברעג, און איז געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דעם קאָמיטעטס פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַנען, „סקריבנערס קאָמענטעיטאָר“ און דער „העראָלד“.*) ווערנער סי. פאָן קלעם, וועמען מען האָט שפּעטער פאַרמשפּט פאַר אַרייַנשמוגלען דימענטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין געהיימער פאַרשטענדיקונג מיט דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע, האָט געדינט אַלס געהיימער סטראַטעגיקער און פינאַנציעלער שטיצע פון דער ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“. פרענק ב. בוירטש, וועמען מען האָט שפּעטער פאַרמשפּט פאַר האָבן באַקומען פון דער נאַצי־רעגירונג 10,000 דאָלער פאַר אומלעגאַלער פּראָפּאַגאַנדע־דינסט, איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם קאָמיטעטס אָפּטיילונג אין עקראָן, אָהייאָ.

אין יולי 1942 האָט אַן אָנקלאַגע פונעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט באַצייכנט די „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“ אַלס אַן אַגענטור, וואָס ווערט געניצט אין אַ פאַרשווערונג אונטערצוגראָבן די מאָראַל פון די באַוואָפנטע כחות פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער דער סאַמע אָנגעזעענסטער פירער און פאָרשטייער פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“ איז געווען דער באַרימטער אַמעריקאַנער פליער, טשאַרלס ע. לינדבערג, וועלכער האָט זיך שוין פריער געהאַט אויסגעצייכנט אַלס פּראָ־נאַצישער און אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַטאָר אין אייראָפּע און אַמעריקע.

לינדבערג האָט צוערשט באַזוכט דייטשלאַנד זומער 1936. ער איז געפאָרן אַלס גאַסט פון דער נאַצי־רעגירונג. די נאַציס האָבן דורכגעפירט איינדרוקספולע צערעמאָניעס לכבוד לינדבערגן און האָבן אים צוגעטיילט פיל ספּעציעלע כיבודים. הויך־געשטעלטע נאַצי־באַאַמטע האָבן פּערזענלעך אים אַרומגעפירט

---

*) די רעדאַקטאָרן פונעם „העראָלד“ האָבן אָפּערירט קורץ-כוואַליקע ראַדיאָ אויפנעם-אַפּאַראַטן, וועלכע זיינען טאָג און נאַכט געווען אָנגעשטעלט אויף דער היטלער-באַהערשטער אייראָפּע און אויף יאַפּאַן. די אָפיציעלע אַקס-פּראָפּאַגאַנדע, וואָס זיי האָבן אויף אַט-דעם אופן דערהאַלטן, איז געדרוקט געוואָרן אינעם „העראָלד“ און אין „סקריבנערס קאָמענטעיטאָר“.

דער „העראָלד“ און „סקריבנערס קאָמענטעיטאָר“ זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אָן שום געצאָלט, פאַרטיילט געוואָרן ביי פאַרזאַמלונגען פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“ און אויף אַ ברייטן אופן צעשיקט געוואָרן דורך פּאָסט צו ספּעציעלע צעטלען פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“, וואָס טשאַרלס ע. לינדבערג, העמילטאָן פיש, טשאַרלס ע. קאָגלין, סענאַטאָר בוירטאָן ק. ווהילער, און די נאַצי-אַגענטן פרענק בוירטש, דזשאָרדזש סילוועסטער ווירעק און אַנדערע האָבן צוגעשטעלט.

אויף פּריוואַטע „אינספּעקציע־רייזעס" איבער דייטשע קריג־פאַבריקן און לופט־באַזעס. נאַצי־דייטשלאַנד האָט אויף לינדבערגן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

ביי רייכע בעלער, וואָס פעלד־מאַרשאַל הערמאַן גערינג און אַנדערע גרויסע נאַציס האָבן איינגעאָרדנט לכבוד אים, האָט לינדבערג אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז די דייטשע לופט־מאַכט איז אומבאַזיגבאַר. „דייטשע אַוויאַציע שטייט פיל העכער ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד", האָט ער געזאָגט צום העלד פון דער לופטוואַפע, גענעראַל ערנסט אודעט. „זי איז אומבאַזיגבאַר!"

„צום טייוול, וואָס איז עפּעס מיט אַט דעם אַמעריקאַנער?" האָט דער דייטשער לופט־קאָמאַנדיר, גענעראַל ברונאָ לערצער, באַמערקט צו דער פּאָליטישער זשורנאַליסטקע בעלאַ פראָם. „מיט זיינע רייד וועגן דער אומבאַזיגבאַרער לופטוואַפע וועט ער די יענקיס אויף טויט דערשרעקן. און דאָס איז טאַקע וואָס די חברה דאָ ווילן ער זאָל טאָן."

„ער וועט פאַר אונדז מאַכן די בעסטע רעקלאַמע, וואָס מיר וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן", האָט אַקסעל פאָן בלאָמבערג, דער זון פונעם נאַצישן קריג־מיניסטער, געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט אַ באַל, וואָס מען האָט געגעבן פאַר לינדבערגן אין 1936.

צוויי יאָר שפּעטער, אין די אַנטשיידנדיקע טעג פאַרן מינכען־אָפּמאַך, האָט לינדבערג באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז דאָרט געווען בלויז עטלעכע טעג. ווען ער האָט זיך פון דאָרט אומגעקערט, האָט ער גלייך אָנגעפאַנגען פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק, אַז די רויטע אַרמיי איז האָפענונגסלאָז שלעכט אויסגעשטאַט, שלעכט טרענירט און צרהדיק אָנגעפירט. ער האָט באַהויפּט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט זיין נוצלאָז אַלס אַ שותף אין וועלכן עס איז מיליטערישן פאַרבאַנד קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. לויט זיין מיינונג, האָט לינדבערג דערקלערט, איז נייטיק צו אַרבעטן מיט, און ניט קעגן, די נאַציס.

לינדבערגס שוואַרץ־ און אָראַנזש־קאָלירטער עראָפּלאַן איז געוואָרן באַקאַנט אויף די לופט־פעלדער פון אייראָפּעס אומרואיקע הויפּט־שטעט, בעת ער איז געפלויגן פון איין לאַנד אין צווייטן, רופנדיק איינצושטעלן אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן בונד מיטן דריטן רייך.

בעת די מינכען־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך קליינע גרופּעס אַנטי־סאָוועטישע ענגלישע געשעפטסלייט, אַריסטאָקראַטן און פּאָליטיקער פאַרזאַמלט אויף ליידי אַסטאָרס גוט אין קליוודען, אויסצוהערן לינדבערגס שטאַנדפּונקט וועגן דער אייראָפּייאישער לאַגע. לינדבערג האָט גערעדט וועגן דייטשלאַנדס ריזיקן לופט־פלאָט, דער שנעל־וואַקסנדיקער קריג־פּראָדוקציע און בריליאַנטענער מיליטערישער פירערשאַפט. די נאַציס, האָט ער

אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעחזרט, זיינען אומבאַזיגבאַר. ער האָט רעקאָמענדירט, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד זאָלן קומען צו אַן אויסגלייך מיט היטלערן און „דערלויבן דייטשלאַנד זיך אויסצושפרייטן צום מזרח צו, אין רוסלאַנד, אָן שום מלחמה־דערקלערונג“.*)

אַ ריי אינטימע קאָנפערענצן מיט ענגלישע פּאַרלאַמענט־מיטגלידער און מיט פאַרשיידענע וויכטיקע פּאָליטישע פיגורן זיינען צוגעגרייט געוואָרן פאַר לינדבערגן. צווישן זיי האָט זיך געפונען דעיוויד לאָיד דזשאָרדזש, וועלכער האָט דערנאָך געהאַט אָט־וואָס צו זאָגן וועגן דעם אַמעריקאַנער פליער:

> ער איז געווען אין רוסלאַנד, גלויב איך, אַרום אַ וואָך צייט. ער האָט קיין איינעם פון די גרויסע פירער פון רוסלאַנד ניט געזען. ער האָט קיין סך פון דער לופט־קראַפט ניט געקאָנט זען און ער איז צוריקגעקומען און האָט אונדז געזאָגט, אַז די רוסישע אַרמיי טויג ניט, אַז די רוסישע פאַבריקן געפינען זיך אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. און עס האָבן זיך געפונען פיל וואָס האָבן אים געגלויבט — אַ חוץ היטלער.

לאָיד דזשאָרדזשעס שמועס מיט לינדבערגן האָט דעם געוועזענעם פרעמיער איבערגעלאָזט מיט דער איבערצייגונג, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער אַמעריקאַנישער פליער איז „דער אַגענט פון פיל ביטערערע און פאַרדעכטיקערע מענטשן ווי ער“.

פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די זעלבע באַשולדיקונג געקומען אין אַ קלאָרערער שפּראַך. אַ גרופּע אָנגעזעענע סאָוועטישע פליער האָבן אין מאָסקווע פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער זיי האָבן לינדבערגן באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן דעם „קאָלאָסאַלן ליגן“, אַז „דייטשלאַנד פאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקע לופט־מאַכט, וואָס קען באַזיגן די קאָמבינירטע לופט־פלאָטן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע“. די סאָוועטישע פליער האָבן פאָרגעזעצט:

---

*) באַשרייבנדיק זיינע טעטיקייטן אין משך פון דעם פּעריאָד, האָט לינדבערג געזאָגט ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע“ אין אַמעריקע דעם 30טן אָקטאָבער, 1941: „איך בין אַרום 1938 געקומען צום באַשלוס, אַז אויב עס זאָל אויסברעכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד פון איין זייט און ענגלאַנד מיט פראַנקרייך אויף דער צווייטער, וועט דער רעזולטאַט זיין אָדער אַ דייטשער זיג, אָדער אַ געפאַלענע און חרובע אייראָפּע. איך האָב דעריבער פאָרגעשלאָגן, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך . . . זאָלן דערלויבן דייטשלאַנד זיך אויסצושפּרייטן צום מזרח צו אין רוסלאַנד אָן שום מלחמה־דערקלערונג.“

לינדבערג שפילט די ראָלע פון אַ נאַרישן ליגנער, לאַקיי און חניפהניק פון די דייטשע פּאַשיסטן און זייערע ענגלישע אַריסטאָ־קראַטישע באַשיצער. ער האָט געהאַט אַ באַפעל פון די ענגלישע רע־אַקציאָנערע קרייזן צו באַווייזן די שוואַכקייט פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע און צו געבן טשעמבערלעינען אַן אַרגומענט פאַר אונטערגעבן זיך אין מינכען אין צוזאַמענהאַנג מיט טשעכאָסלאָוואַקיע.

דריי וואָכן נאָכדעם ווי דער מינכען־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן, האָט די רעגירונג פונעם דריטן רייך דעמאָנסטרירט איר אָפיציעלע אָנער־קענונג פון לינדבערגס דינסט פאַר נאַצי־דייטשלאַנד. אין אָוונט פונעם 18טן אָקטאָבער, 1938, האָט פעלד־מאַרשאַל גערינג, ביי אַ מיטאָג וואָס איז געגעבן געוואָרן אין בערלין לכבוד לינדבערגן, באַלוינט דעם אַמעריקאַנער פליער מיט איינעם פון דייטשלאַנדס העכסטע מעדאַלן — דער אָרדן פונעם דייטשן אָדלער.

האַבנדיק אָפּגעוואוינט אין אויסלאַנד דריי מיט אַ האַלב יאָר, האָט לינד־בערג זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע אַ שטיקל צייט איידער די מלחמה פון 1939 האָט אויסגעבראָכן.

אַזוי גיך ווי די נאַציס האָבן זיך אַריינגעריסן אין פּוילן און ענגלאַנד מיט פראַנקרייך האָבן דערקלערט קריג קעגן דייטשלאַנד, האָט לינדבערג זיך גע־איילט אָפּצודרוקן אַ דרינגלעכע דערקלערונג: די מלחמה קעגן דייטשלאַנד איז ניט די ריכטיקע מלחמה; די ריכטיקע מלחמה ליגט צום מזרח. אין אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „אַוויאַציע, געאָגראַפיע און ראַסע", אין דער נאָוועמבער־אויסגאַבע פון „רידערס דיידזשעסט", האָט לינדבערג, אין אַ שפּראַך, וואָס קלינגט שטוינענדיק ווי די שפּראַך פון אַלפרעד ראָזענבערג, דערקלערט:

מיר, די יורשים פון דער אייראָפּייאישער קולטור, שטייען אויפן ברעג פון אַ שרעקלעכער מלחמה, אַ מלחמה אין אונדזער אייגענער פעלקער־משפחה, אַ מלחמה וואָס וועט פאַרמינדערן דעם כוח און צע־שטערן די אוצרות פון דער ווייסער ראַסע. . . . אַזיע רוקט זיך אויף אונדז אויף דער רוסישער גרענעץ, אַלע פרעמדע ראַסעס באַוועגן זיך אומברחמנותדיק. . . . מיר קאָנען האָבן פרידן און זיכערקייט בלויז אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטן זיך צוזאַמען אָדער היטן אָפּ די אומשאַצ־באַרסטע פאַרמעגנס, אונדזער ירושה פון אייראָפּייאישן בלוט, בלויז אַזוי לאַנג ווי מיר פאַרהיטן זיך אַליין קעגן די אַטאַקעס פון אויס־לענדישע אַרמייען, און פון דער צומישונג פון פרעמדע ראַסן.

אין משך פון 1940 האָט לינדבערג אַלץ מער און מער זיך נאָענט אידענ־

טיפּיצירט מיט דער איזאָלאַציאָניסטישער, אַנטי־סאָוועטישער, און אַפּט פּראָ־נאַצישער באַוועגונג, וואָס איז דעמאָלט געוואַקסן ווי שוואָמען אין אַמעריקע. ער איז געוואָרן דער פירנדיקער פאָרשטייער פון דעם איזאָלאַציאָניסטישן „קיין־פרעמדע־מלחמות־קאָמיטעט" און דער העלד פון דער פינפטער קאָלאָנע אין אַמעריקע.*)

דעם זעלבן האַרבסט האָט לינדבערג אַדרעסירט אַ קליינע גרופּע סטודענטן אינעם יעיל־אוניווערזיטעט. „מיר מוזן שלום־מאַכן מיט די נייע מאַכטן אין איראָפּע", האָט לינדבערג זיי געזאָגט.

די פאַרזאַמלונג אינעם יעיל־אוניווערזיטעט האָט צוגעגרייט אַ רייכער יונגער סטודענט מיטן נאָמען ר. דאָגלעס סטיוּאַרט דזשוניאָר, וועלכער איז געווען אַ יורש פון דעם „קוועיקער־אָאַטס" פאַרמעגן. אַ קורצע צייט שפּעטער איז סטיוּאַרטס גרופּע אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין שיקאַגאָ, אילינאָי, אונטערן נאָמען פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט".

רעדנדיק ביי ריזיקע פאַרזאַמלונגען, וועלכע די „אַמעריקע פוירסט קאָמיטעט" האָט דורכגעפירט איבערן גאַנצן לאַנד, און איבער ראַדיאָ־פּראָגראַמען, וואָס האָבן דערגרייכט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט לינדבערג געזאָגט דעם אַמעריקאַנישן פאָלק, אַז סאָוועט־רוסלאַנד און ניט נאַצי־דייטשלאַנד איז זייער אמתער שונא. די מלחמה „צווישן דייטשלאַנד אויף איין זייט און ענגלאַנד מיט פראַנקרייך אויף דער צווייטער זייט", האָט לינדבערג געוואָרנט, קאָן האָבן בלויז איין רעזולטאַט: „אָדער אַ דייטשן זיג, אָדער אַ געפאַלענע און חרובע איי־ראָפּע". די מלחמה מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַראייניקטן אָנגריף קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.**)

---

*) אין 1937 האָט דזשאַן סי. מעטקעף, אַ זשורנאַליסט פאַר דער „שיקאַגאָ דעילי טיימס" און שפּעטערדיקער פעדעראַלער אַגענט, פאַרצייכנט פאָלגנדיקע באַ-הויפּטונג, וואָס הערמאַן שוואַרצמאַן, פירער פונעם דייטש-אַמעריקאַנישן בונד קעמערל אין אַסטאָריע, לאָנג-איילענד, האָט געמאַכט פאַר אים: „ווייסט איר ווער עס קאָן ווערן דער פירער פון אונדזער גרויסער פאָליטישער פּאַרטיי? לינדבערג! יאָ, דאָס איז ניט אַזאַ ווילדע זאַך ווי איך קאָן זיך דאַכטן. איר ווייסט, אַז ער וואָלט לייכט געקאָנט געווינען די באַפעלקערונג. די אַמעריקאַנער האָבן אים ליב. . . . יאָ, פיל זאַכן ווערן פּלאַנירט, וועגן וועלכע די באַפעלקערונג האָט נאָך קיין אַנונג ניט."

**) די נאַצי-אינוואַזיע פון סאָוועט-רוסלאַנד איז ענטוזיאַסטיש באַגריסט גע-וואָרן פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע". זיין אויסגאַבע, דער „העראַלד", האָט געדרוקט דעם פאָלגנדיקן קאָפּ:

איראָפּע מאָביליזירט זיך צו באַקעמפן דעם רוסישן קאָמוניזם. זיבעצן פעלקער שליסן זיך אָן אין דייטשן רייך אין אַ הייליקן קרייץ-צוג קעגן דעם

דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון דער „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע״ איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אין אַ קאַמפּאַניע איבערן גאַנצן לאַנד, פּראָטעסטירנדיק קעגן שיקן „לענד־ליס״־הילף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. טשאַרלס ע. לינדבערג, קאָנגרעסמאַן העמילטאָן פיש, די סענאַטאָרן בוירטאָן ק. ווהילער און דזשעראַלד ק. נאַי, און אַנדערע קאָנגרעס־פאַרשטייער פון דעם „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע״ האָבן שאַרף קריטיקירט די הילף פאַר דער רויטער אַרמיי און דערקלערט, אַז דער גורל פון סאָוועט־רוסלאַנד גייט ניט אָן די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויך הערבערט הוווער האָט אָנטיילגענומען אין דער קאַמפּאַניע. דעם 5טן אויגוסט, צוזאַמען מיט דזשאָן ל. לואיס, העַנפאָרד מאַקניידער, און דרייצן אַנדערע פּירנדיקע איזאָלאַציאָניסטן, האָט דער געוועזענער פּרעזידענט אַרויסגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג, פּראָטעסטירנדיק קעגן דעם „צוזאָג פון ניט־אויטאָריזירטער הילף פאַר רוסלאַנד און . . . אַנדערע אַזעלכע קריגס־מיטלען״. די דערקלערונג האָט געזאָגט:

> די לעצטע געשעענישן רופן אַרויס אַ צווייפל, צי אָט די מלחמה איז טאַקע אַ קלאָרע פראַגע פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע. עס איז ניט בלויז קיין וועלט־צוזאַמענשטויס צווישן טיראַניע און פרייהייט. דער ענגליש־רוסישער בונד האָט צעשטערט אָט־די אילוזיע.*)

פ.ס.ס.ר.

די מפּלה פון סאָוועט־רוסלאַנד דורך נאַצי־דייטשלאַנד האָט מען פאַרגעשטעלט ווי דאָס וואָלט געווען אין די אינטערעסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אויסגאַבע פון 1טן אויגוסט, 1941, פון דעם „אַמעריקע פוירסט ריסוירטש ביוראָ בולעטין״ האָט דערקלערט:

„ווייסט איר, אַז אַפילו אויב נאַצי־דייטשלאַנד זאָל באַזיגן דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד, קאָן די פאַרגרעסערטע דייטשע ווירטשאַפט אָפּגעשוואַכט ווערן אַנשטאָט פאַרשטאַרקט ווערן?״

---

*) דעם 30טן אָקטאָבער, 1941, בעת די נאַצים האָבן זיך דערנעענטערט צו מאָסקווע, איז אַן „אַמעריקע פוירסט״־פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן אין ניו־יאָרק אַדרעסירט געוואָרן פון דזשאָן קודעהי, דער געוועזענער קאַפּיטאַן אין דער אַמעריקאַנער אינטערווענציע־אַרמיי אין אַרכאַנגעל, וועלכער האָט שפּעטער, אַלס אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר קיין בעלגיע, גענומען אַ פּראָ־דייטשע שטעלונג, איבער וועלכער מען האָט אים צוריקגערופן פון זיין אַמט. קודעהי האָט געפאָדערט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל פאַררופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע „פרידן־קאָנפערענץ״, וואָס זאָל איינשליסן נאַצי־דייטשלאַנד. קודעהי האָט דערקלערט, אַז „די וואָס האָבן די מאַכט אין דער נאַצי־רעגירונג באַגרייפן די גרויסע געפאַר פון דער מעגלעכער אַמעריקאַנער קריג־מאַכט. פאַן ריבענטראָפּ האָט דאָס מיר געזאָגט, בעת איך האָב

נאָכדעם ווי די יאַפּאַנעזער האָבן אַטאַקירט פּוירל־האַרבאָר, איז דער „אַמעריקע פּוירסט קאָמיטע״ אָפיציעל אויפגעלייזט געוואָרן. זיין פּאָרזיצער, גענעראַל וואוד, האָט פאַרשפּראָכן, אַז די מיטגלידערשאַפט פון דעם „אַמעריקע פּוירסט קאָמיטע״ וועט אונטערשטיצן די אַמעריקאַנישע מלחמה־אַנשטרענגונגען קעגן דייטשלאַנד און יאַפּאַן. לינדבערג האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער אַמעריקאַנישער געזעלשאַפטלעכקייט און האָט זיך געשטעלט אַרבעטן ביי הענרי פאָרדן אַלס טעכנישער ראַטגעבער אין דער פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַניע.

אָבער די אַנטי־סאָוועטישע „אַמעריקע פּוירסט״ פּראָפּאַגאַנדע איז אָנגעגאַנגען.

ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעפאַנגען אירע גרויסע קעגן־אָנגריפן אין רוסלאַנד, האָט דער געוועזענער פאָרשטייער פון דער „אַמעריקע פּוירסט קאָמיטע״, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַט דערקלערט, אַז רוסלאַנד איז צעשמעטערט, דערקלערט, אַז מאָסקווע און אירע „קאָמינטערן־

אים געזען אין בערלין מיט פינף חדשים צוריק.״ קודעהי האָט צוגעגעבן, אַז מען וואָלט דאָס געקאָנט אויסנוצן אין דינגען זיך ביי די „פרידן־פאַרהאַנדלונגען״ מיט די נאַציס. „מען זאָגט, אַז מען קאָן מיט היטלערן ניט שליסן קיין פרידן. אָבער היטלער איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע פאַזע...״ האָט קודעהי געזאָגט. „מיר האָבן דאָ אין לאַנד אַ גרויסן אייראָפּייאישן עקספּערט און אַ מאַן מיט די ריינסטע פּאַטריאָטישע מאָטיוון — הערבערט הואווער. ... לאָמיר באַשטימען מר. הואווערן אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַר אַ פּערמאַנענטן פרידן־אויסגלייך.״

די תּפילה ביי דער „אַמעריקע פּוירסט״ פאַרזאַמלונג, וועלכע קודעהי האָט אַדרעסירט, האָט געזאָגט אַ גלח, דזשאָרדזש אַלבערט סיימאָנס. פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע איז אַט־דער סיימאָנס געווען דער גלח פון אַ פּראָטעסטאַנטישער מיסיע־קירך אין סט. פּעטערבורג. דאָרט איז ער באַפריינדט געוואָרן מיט באָרים בראַסאָל, דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדיסט, וועלכער האָט דערנאָך געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע אין פאַרשפּרייטן די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״ אין אַמעריקע. אין פעברואַר 1919 האָט מר. סיימאָנס עדות־געזאָגט ביי דער סענאַט־קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט „באָלשעוויזם״. אָט איז אַן אויסצוג פון מר. סיימאָנסעס עדות־זאָגן: „איבער אַ העלפט אַגיטאַטאָרן אין דער אַזוי־גערופענער באָלשעוויסטישער באַוועגונג זיינען אידן. די דאָזיקע זאַך [די רוסישע רעוואָלוציע] איז אַ אידישע און איינע פון אירע באַזעס קאָן מען געפינען אויף דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק.״ מר. סיימאָנס האָט רעקאָמענדירט די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״ אַלס אַ ווערטפולן אינפאָרמאַציע־קוואַל וועגן דער רעוואָלוציע. ער האָט געזאָגט: „... עס באַווייזט וואָס אָט־די געהיימע אידישע געזעלשאַפט האָט געטאָן כדי צו באַזיגן די וועלט... און ענדלעך אַריינצוקריגן די גאַנצע וועלט, אויב איר ווילט, אין זייערע לאַפּעס, און איצט ווערן אין יענעם בוך געזאָגט אַזוי פיל זאַכן וועגן זייער פּראָגראַם און מעטאָדעס, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דעם באָלשעוויסטישן רעזשים.״

אַגענטן" האַלטן ביים „קאָמוניזירן" גאַנץ אייראָפּע.*) און בעת די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו איר מערב־גרענעצן, האָבן די „אַמעריקע פּוירסט" פאַרשטייער פּאַראויסגעזאָגט, אַז דאָס סאָוועטישע מיליטער וועט ניט אַריבער־גיין איבער די גרענעצן, נאָר וועט שליסן אַ „באַזונדערן פרידן" מיט נאַצי־דייטשלאַנד, איבערלאָזנדיק ענגלאַנד און אַמעריקע אַליין אין קאַמף. און אַז

---

*) דעם 22טן מאַי, 1943, איז דער קאָמינטערן, אָדער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל, פאָרמעל אויפגעלייזט געוואָרן. דער געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דזשאָזעף ע. דעיוויס, האָט אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל באַצייכנט די אויפלייזונג פונעם קאָמינטערן ווי פאָלגט: „פאַר די גוט־אינפאָרמירטע מענטשן אין די אויסלאַנד־ביוראָס פון דער וועלט איז די דאָזיקע האַנדלונג ניט געווען קיין איבערראַשונג. עס האָט פּשוט געמיינט צונייען דאָס לעצטע קנעפּל, פאַרענדיקן און שליסן אַ קאַפּיטל אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער אויסלאַנד־פּאָליטיק. דאָס קאָן אַמבעסטן פאַרשטאַנען ווערן דורך אַ קורצן איבערזיכט פון די געשיכט־לעכע פאַקטן אין פאַרבינדונג מיט דעם קאָמינטערן. . . . ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919, בעת מען האָט די יונגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג באַפאַלן פון אַלע זייטן. . . . אונטער סטאַלינען אָבער איז ער ענדלעך געוואָרן אַ צענטראַל־פּונקט פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון אַנדערע לענדער. אין די דעמאָקראַטישע לענדער האָט מען די דאָזיקע [קאָמוניסטישע] פּאַרטייען געראַטן צו דערגרייכן אַ לעגאַלן מצב און דורכ־צופירן זייערע טעטיקייטן מיט פרידלעכע און קאָנסטיטוציאָנעלע מעטאָדעס. אין די דאָזיקע לענדער זיינען זיי בכלל געוואָרן טומלענדיקע אָבער ניט־גוואַלדזאַמע מינדערהייטן. בלויז אין אַנגרייפערישע אָדער פיינטלעכע לענדער איז מעגלעך, אַז דער קאָמינטערן האָט אַקטיוו געשטיצט דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און אינער־לעכע אונטערגראָבערישע אַטאַקעס אויף די רעגירונגען. . . . די שונאים — די נאַצים, פאַשיסטן, און יאַפּאַנעזער — האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געקענט איבערצושרעקן אונדז מיט דער סטראַשידלע פון דער קאָמוניסטישער געפאַר פאַר אונדזער מערב־ציוויליזאַציע. דאָס האָבן זיי געטאָן אונטער דער מאַסקע פון דעם אַזוי־גערופענעם אַנטי־קאָמינטערן אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן אָריגינעל געשאַפן אין 1936, 1937, 1939 און 1940, אין זייער פאַרשווערונג צו באַהערשן אונדז, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט. . . . מיט איין צוג האָבן סטאַלין און זיינע פאַרבינדעטע אין מאָסקווע דעם 22טן מאַי [1943] צעשטערט היטלערס שפּיל. . . . מיט דער אויפלייזונג פונעם קאָמינטערן האָבן זיי אַריינגערוקט אַ פלאָקן אין דער לעצטער גרויסער קאַנאָנע פון היטלערס פּראָפּאַגאַנדע. . . . נאָך מער, אויפלייזן דעם קאָמינטערן איז געווען אַ באַשטימטע האַנדלונג, וואָס האָט באַשטעטיקט זייער אויסדריקלעכן פאַרלאַנג מיטצואַרבעטן מיט, און ניט צו שאַפן קיין צרות פאַר, זייערע שכנים, ווען זיי האָבן פאַרשפּראָכן צו אַרבעטן צוזאַמען צו געווינען די מלחמה און דעם שלום. . . . דאָס אָפּשאַפן דעם קאָמינטערן איז אַ ביישטייער צו באַפעסטיקן דעם צוטרוי צווישן די קעמפנדיקע פאַר־בינדעטע אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג. דאָס איז אויך אַ ביישטייער צו דער נאָך־מלחמה־דיקער רעקאָנסטרוקציע, אין אויפבויען אַן אָרנטלעכע וועלט־געזעלשאַפט פון פעלקער, וואָס וועט רעאַליסטיש זיך באַמיען אויפצושטעלן די דאָזיקע וועלט דורך קאָאָפּעראַ־ציע און מיטאַרבעטערשאַפט אַלס גוטע שכנים."

די רויטע אַרמיי איז אַריבער די גרענעצן, האָבן די זעלבע פאַרשטייער ווידעראַמאָל אויפגעהויבן דעם געשריי וועגן אַן אייראָפּע, „באַהערשט פון מאָסקווע".

דריי פון די סאַמע איינפלוסרייכסטע צייטונג־אַרויסגעבער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן פריער געהאַט געשטיצט די „אַמעריקע פוירסט קאָמיטע", האָבן פאַרגעזעצט צו פאַרשפּרייטן ווילדע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע אַפילו שוין נאָכדעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד זיינען געוועזן פאַרבינדעטע אין דער מלחמה קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. די דאָזיקע דריי אַרויס־געבער — וויליאַם רענדאָלף הורסט, קאַפּיטאַן דזשאָזעף מ. פּעטערסאָן און קוירנעל ראָבערט ר. מעקאָרמיק — האָבן פאַר זייערע מיליאָנען לייענער גע־דרוקט אומצאָליקע אַרטיקלען און לייט־אַרטיקלען, וואָס האָבן באַצוועקט אַרויסצורופן פאַרדאַכט און אַנטאַגאָניזם קעגן אַמעריקעס פאַרבינדעטן — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָט זיינען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון זייערע צייטונגען אין משך פון דער מלחמה:

איר ווייסט, אַז מיר קאָנען ניט דערוואַרטן צופיל פון רוסלאַנד. דער בער וואָס גייט ווי אַ מענטש טראַכט ניט תמיד ווי אַ מענטש. אין דעם רוסישן געדאַנקען־גאַנג געפינען זיך אַלעמאָל די סימנים פון ברו־טאַלן עגאָאיזם און דורכאויסיקער אומצוטרויווירדיקייט פון אָט־דער ווילדער חיה וואָס איז איר סימבאָל. — הורסטס „ניו־יאָרק דזשורנעל־אַמעריקען" פון 30טן מערץ, 1942.

אונטערציענדיק אַ סך־הכל פון די פאַרשיידענע מלחמה־פראָנטן, זעט עס אויס, אַז עס גייט זייער גוט אין רוסלאַנד — פאַר רוסלאַנד. עס פאַרשטייט זיך, אַז רוסלאַנד איז ניט קיין פולער שותף מיט די פאַר־אייניקטע פעלקער. זי איז אַ האַלבער שותף פון די אַקס־מלוכות. — הורסטס „ניו־יאָרק דזשורנעל־אַמעריקען" פון 30טן מערץ, 1942.

סטאַלין צילט צו אָט־וואָס: ער גרייט־צו דעם וועג פאַר אַ באַ־זונדערן שלום מיט דייטשלאַנד אין דער מינוט ווען ער וועט עס באַ־טראַכטן פאַר גוטער פּאָליטיק. ער גרייט־צו דעם באָדן דערפאַר דורך דעם וואָס ער באַשולדיקט די פאַרבינדעטע אין ניט־נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען. און דעריבער ווערט ער באַפרייט פון די וואָס ער האָט געמאַכט. ער קאָן זיך אפשר באַגיין אָן אָט־דעם אויסרייד. ער האָט אים אָבער ווען ער דאַרף אים. ער האָט צוגעגרייט דעם באָדן דערפאַר. —מעקאָרמיקס „שיקאַגאָ טריביון" פון 10טן אויגוסט, 1943.

אויב סטאַלין קאָן פון דייטשלאַנד אַרויסקריגן מער און מיט ווייניקער אָנשטרענגונג, ווי פון זיינע פאַרבינדעטע שפּעטער, וואָס וואָלט אַ העכסט עגאָאיסטישער מענטש, פאַר וועמען פאַלשקייט איז אַ נאַטירלעכע געוואוינהייט, אויסגעקליבן? די גאַנצע קאַריערע פון דעם גרוזינישן באַוואוינער פון קרעמעל איז אַ שטורמישער שטראָם פון זעלבסט־אינטערעס, וואָס פליסט געוויסנלאָז פון נאַטירלעכע גייציקייט־קוואַלן צו דעם וואָס ער פאַרלאַנגט. — מעקאָרמיקס „שיקאַגאָ טריביון" פון 24טן אויגוסט, 1943.

וואָס וועט שמעקן בעסער — אַ רוסישע אייראָפּע אָדער אַ דייטשע אייראָפּע? — פּעטערסאָנס „דעילי ניוס" פון 27טן אויגוסט, 1943.

עס איז לעכערלעך צו פּלאַנירן צו פאַרזיכערן פרידן מיט רוסלאַנדס הילף. רוסלאַנד איז באַפאַלן דאָס אָרעמע פינלאַנד און פּוילן, און איז גרייט געווען זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף דייטשלאַנד מיט ענגלאַנדס ברכה, אָבער היטלער איז איר פאַרלאָפן דעם וועג.—אַ בריוו דעם 2טן נאָוועמבער 1943, פון אַ ריי ענלעכע בריוו, וואָס זיינען רעגלמעסיק געדרוקט געוואָרן אין פּעטערסאָנס ניו־יאָרק „דעילי ניוס".

פּרעזידענט רוזוועלט האָט דעם 28טן אַפּריל 1942 געוואָרנט, אַז די מלחמה־אָנשטרענגונג „טאָר ניט אָפּגעשוואַכט ווערן פון עטלעכע פאַלשע פּאַטריאָטן, וועלכע נוצן אויס די הייליקע פרייהייט פון דער פּרעסע איבער־צוחזרן די געדאַנקען פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן אין טאָקיאָ און בערלין".

דעם 8טן נאָוועמבער, 1943, ביי אַ פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, וואָס האָט געפייערט דעם צענטן יאָרטאָג פון אַמעריקאַנער־סאָוועטישע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, האָט דער אינערן־מיניסטער העראָלד ל. איקעס צאָרנדיק פאַרדאַמט די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע, וועלכע הוירסט, פּעטערסאָן און מעקאָרמיק האָבן נאָך אַלץ אָנגעפירט. דער אָפנ־האַרציקער אינערן־מיניסטער האָט דערקלערט:

צום באַדויערן, זיינען אין דעם לאַנד פאַראַן מעכטיקע און טעטיקע כוחות, וואָס רופן בכיוון אַרויס שלעכטן ווילן צו רוסלאַנד. . . . לאָמיך בלויז דערמאָנען, אַלס ביישפּיל, די הוירסט־פּרעסע און די פּעטערסאָן־מעקאָרמיק־אַקס, ספּעציעל די לעצטע. . . . אויב די דאָזיקע צייטונג־אַרויסגעבער האַסן רוסלאַנד און ענגלאַנד, איז זייער האַס צו זייער אייגן לאַנד פיל מער ווי אויסגעלאַסן. . . . זיי מוזן אַוודאי האַסן זייער אייגן לאַנד און פאַראַכטן זיינע אינסטיטוציעס, אויב זיי האָבן בכיוון אַן

אַבזיכט אַרויסצורופֿן האָס צו די צוויי לענדער, וועמעס הילף מיר מוזן האָבן אויב מיר ווילן באַזיגן היטלערן. . . .

אין האַרבסט 1944, בעת נאַצי־דייטשלאַנד איז געשטאַנען פּנים אל פּנים פֿאַר אַ באַלדיקער מפּלה אַלס רעזולטאַט פֿון די אַלגעמיינע אַנגריפֿן פֿון די אַרמייען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, גרויס־בריטאַניע און דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט זיך איבער אַמעריקע צעטראָגן אַ נייער רוף צום קאַמף קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

וויליאַם סי. בוליט, דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע און פּאַריז, האָט פֿון רוים, די באַפֿרייטע הויפּט־שטאָט פֿון איטאַליע, גערופֿן צו אַ נייעם אַנטי־סאָוועטישן פֿאַרבאַנד צו ראַטעווען די מערב־ציוויליזאַציע פֿון דער געפֿאַר פֿון „סאָוועטישן אימפּעריאַליזם״.

וויליאַם סי. בוליטס קאַריערע קלינגט באַקאַנט.

אין 1919 איז בוליט געווען איינער פֿון וואודראָו ווילסאָנס שליחים קיין סאָוועט־רוסלאַנד. פֿופֿצן יאָר שפּעטער, אין 1934, איז ער געוואָרן דער ערשטער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד. רייך, אַמביציעז, מיט אַ נייגונג פֿאַר דיפּלאָמאַטישער אינטריגע, האָט בוליט איינגעשטעלט פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט אַ צאָל רוסישע טראָצקיסטן. ער האָט אָנגעפֿאַנגען רעדן וועגן דער נייטיקייט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל איבערגעבן וולאַדיוואָסטאָק צו יאַפּאַן און מאַכן הנחות צו נאַצי־דייטשלאַנד אין מערב. אין 1935 האָט בוליט באַזוכט בערלין. וויליאַם ע. דאָד, דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד, האָט אין זיין דיפּלאָמאַטישן טאָגבוך פֿאַרצייכנט:

דורכפֿאָרנדיק בערלין אין פֿרילינג אָדער זומער 1935, האָט ער (בוליט) מיר געמאָלדן, אַז ער איז זיכער, אַז יאַפּאַן וועט אין משך פֿון זעקס חדשים באַפֿאַלן מזרח־רוסלאַנד און אַז ער דערוואַרט, אַז יאַפּאַן זאָל פֿאַרנעמען דעם גאַנצן וויט־מזרחדיקן טייל פֿון רוסלאַנד.

בוליט האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד האָט קיין געשעפֿט ניט אַנצוהאַלטן דעם האַלב־אינדזל, וועלכער איז אַריינגערוקט אין יאַפּאַנעזישן ים ביי וולאַדיוואָסטאָק. דאָס אַלץ וועט יאַפּאַן אינגיכן צונעמען. איך האָב געזאָגט: „שטימט איר צו, אַז אויב די דייטשן וואָלטן זייערס אויסגעפֿירט, וואָלט רוסלאַנד מיט אירע 160,000,000 מענטשן ניט געהאַט קיין צוטריט צום פּאַסיפֿישן אָקעאַן און וואָלט אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿונעם באַלטישן ים?״ ער האָט געענטפֿערט: „אָ, דאָס מאַכט גאָרניט

אויס.״ . . . איך בין דערשטוינט געווען צו הערן אַזעלכע רייד פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן דיפּלאָמאַט. . . .

ביי אַן איבערבייס מיטן פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, האָט ער איבער־געחזרט זיין פיינטלעכן צוגאַנג און לאַנג אַרגומענטירט מיט דעם פראַנ־צויז וועגן צו־נישט־מאַכן דעם פראַנצויזיש־סאָוועטישן פרידן־אָפּמאַך, וואָס איז דעמאָלט פאַרהאַנדלט געוואָרן, און וואָס איז געווען, ווי דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר האָט מיר געמאָלדן, די מעגלעכסט־בעסטע גאַראַנטיע פאַר אייראָפּייאישן פרידן. . . . שפּעטער, אָדער אַרום דער זעלביקער צייט ווען דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר איז געקומען אַהער דירעקט פון מאָסקווע, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז בוליט איז צוגעצויגן געוואָרן צום פאַשיזם איידער ער האָט פאַרלאָזט מאָסקווע.

דעם 27טן יאַנואַר, 1937, האָט אַמבאַסאַדאָר דאָד פאַרצייכנט:

לעצטנס זיינען צו מיר דערגאַנגען באַריכטן, אַז אַמעריקאַנישע באַנקען האַלטן אין באַטראַכטן גרויסע נייע קרעדיטן און הלוואות פאַר איטאַליע און דייטשלאַנד, וועמעס קריג־מאַשינען זיינען שוין גענוג גרויס צו דראָען דעם פרידן פון דער וועלט. איך האָב אַפילו געהערט, אָבער איך קאָן דאָס ניט גלויבן, אַז מר. בוליט דערמוטיקט אָט־די פּלענער.

אין 1940, נאָכדעם ווי פראַנקרייך איז געפאַלן, האָט בוליט זיך צוריק־געקערט פון פראַנקרייך קיין אַמעריקע, צו באַריכטן, אַז מאַרשאַל פּעיטען איז אַ „פּאַטריאָט״, וועלכער האָט געראַטעוועט זיין לאַנד פון קאָמוניזם, דורך דעם וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן צום נאַציזם.

פיר יאָר שפּעטער, בעת די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, האָט בוליט זיך ווידער באַוויזן אויפן אייראָפּייאישן קאָנטינענט אַלס אַ „קאָרעספּאָנדענט״ פאַרן זשורנאַל „לייף״. ער האָט פון רוים געשיקט אַ סענסאַציאָנעלן אַרטיקל צו „לייף״, וואָס איז אין דעם זשורנאַל פאַרעפנט־לעכט געוואָרן דעם 4טן סעפּטעמבער, 1944. געבנדיק כלומרשט די מיינונגען פון געוויסע אַנאָנימע „רוימער״, האָט בוליט איבערגעחזרט די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר באַנוצט אין זיין קאַמף צו באַזיגן די וועלט. בוליט האָט געשריבן:

די רוימער דערוואַרטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט באַהערשן פינלאַנד, עסטאָניע, לאַטוויע, ליטע, פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, אונ־גאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע. . . . זיי דערוואַרטן, אַז אַ חוץ מזרח־פּוילן,

> ווען די רוסן אויך אַנעקסירן מזרח־פּרייסן, איינגעשלאָסן קעניגסבערג. . . . אין רוים גייט אַרום אַ טרויעריקער וויץ, וואָס גיט איבער דעם גייסט פון זייערע [די „רוימישע"] האָפענונגען: וואָס איז אַזעלכעס אַן אָפּטימיסט? אַ מענטש וואָס גלויבט, אַז די דריטע וועלט־מלחמה וועט זיך אָנהייבן אין אַ 15 יאָר אַרום צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מערב־אייראָפּע, געשטיצט פון גרויס־בריטאַניע און אַמעריקע. וואָס איז אַזעלכעס אַ פּעסימיסט? אַ מענטש וואָס גלויבט, אַז מערב־אייראָפּע, גרויס־בריטאַניע און אַמעריקע וועלן ניט וואַגן צו קעמפן.

בולית האָט באַהויפּט, אַז די געפאַר, קעגן וועלכער די מערב־ציוויליזאַציע מוז זיך פאַרטיידיקן, איז מאָסקווע און אירע „קאָמוניסטישע אַגענטן".

דאָס איז געווען דער זעלביקער געשריי, מיט וועלכן קאַפּיטאַן סידני דזשאָרדזש ראַילי האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געוואָלט מאָביליזירן די קאָנטער־רעוואָלוציע איבער דער גאַנצער וועלט.*)

אָבער אין דער וועלט זיינען פאָרגעקומען טיפע ענדערונגען.

און בעת וויליאַם סי. בולית האָט גערופן פאַר אַ נייעם קרייץ־צוג קעגן

---

*) דער זעלביקער געשריי איז איבערגעחזרט געוואָרן אַפילו נאָך דער מפּלה פון נאַצי־דייטשלאַנד דורך דער ענגליש־אַמעריקאַניש־סאָוועטישער קאָאַליציע. ווען די קאָנגרעספרוי קלער לוס, די פרוי פונעם אַרויסגעבער פון די זשורנאַלן „טיים", „לייף" און „פאָרטשון", האָט זיך צוריקגעקערט פון אַן אייראָפּייאישער רייזע אין אָנהייב 1945, און אינפאָרמירט די אַמעריקאַנער, אַז באָלשעוויזם דראָט אַרומצוכאַפּן גאַנץ אייראָפּע, ווייל די רויטע אַרמיי האָט באַזיגט נאַצי־דייטשלאַנד. מרס. לוס האָט גערופן אַמעריקע צו געבן איר שטיצע צו אַלע אַנטי־סאָוועטישע כוחות אין אייראָפּע. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז געווען די גרעסטע האָפענונג פון די נאַצים און די הויפּט־טעמע פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער דר. געבעלס אין זיינע לעצטע ראַדיאָ־רעדעס פונעם באַלאַגערטן בערלין.

דעם זעלביקן געשריי האָט מען ווידעראַמאָל אויפגעהויבן, ווען אַ גרופּע אַמעריקאַנער סענאַטאָרן, וואָס האָבן באַזוכט רוים אין פרילינג 1945, האָבן, ווי מען גיט איבער, געפרעגט אַ פאַרזאַמלונג פון אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, צי זיי וואָלטן ניט געווען גרייט ווייטער אָנצוגיין און „פאַרענדיקן די אַרבעט" מיט אַ קאַמף קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. די סאָלדאַטן, האָט מען געמאָלדן, האָבן די אַנטי־באָלשעוויסטישע העצעס פון די סענאַטאָרן אויפגענומען מיט מערקבאַרער קעגנערשאַפט. פיל סאָלדאַטן זיינען אַרויס פונעם צימער.

אין דער זעלביקער צייט איז אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע ווייטער פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַמעריקע דורך אַ צאָל ביכער, וועלכע זיינען ענלעך אין סטיל און אינהאַלט צו יאַן וואַלטינס „פון דער נאַכט אַרויס". צווישן די פּאָפּולערסטע פון אָט־די ביכער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1945, זיינען געווען: „אַ באַריכט

וועגן די רוסן" פון וויליאַם ל. ווייט און „איינער וואָס איז לעבן געבליבן" פון אַלעקסאַנדער באַרמין.

דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט וויליאַם ל. ווייט האָט געשריבן זיין „אַ באַריכט וועגן די רוסן" נאָך אַן איילעקער זעקס-וואָכיקער רייזע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. פונעם אָנהויב ביזן סוף איז ווייטס בוך, וואָס איז אָריגינעל דערשינען אין אַ פאַרקירצטער פאָרם אין „רידערס דייזשעסט", געווען אַ זידל-אויסגוס קעגן דעם סאָוועטישן פאָלק, זיינע פירער און אַפילו קעגן זיין מלחמה-אָנשטרענגונג. ווייטס בוך, וואָס איז באַגריסט געוואָרן אַלס אַ „רייכער אָביעקטיווער באַריכט" פון אַזעלכע אַנטי-סאָוועטישע זשורנאַלן ווי דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער „ניו לידער" און מיט באַגייסטערונג ציטירט געוואָרן אין דער פעטערסאָן-מעקאָרמיק און הוירסט-פרעסע, איז אָבער ענערגיש פאַרדאַמט געוואָרן פון די טיילן פון דער אַמעריקאַנישער פרעסע, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אָנהאַלטן גוטע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע פעלקער. אַ גרופע חשובע אַמעריקאַנער קאָרעספאָנדענטן, וועלכע האָבן געהאַט געאַרבעט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד אין משך פון דער מלחמה, איינגעשלאָסן הענסאָן הוירסי, ריטשאַרד לאַוטערבאַך, ראַלף פּאַרקער און עדגאַר סנאָו, האָט אַרויסגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג, אין וועלכער זי האָט שאַרף פאַרדאַמט ווייטס בוך אַלס „אַ זייער ניט-אָביעקטיווער און פאַרפירערישער באַריכט, וואָס צילט צו פאַרלענגערן די עלטסטע לעגענדעס און פאָראורטיילן קעגן אַ גרויסן פריינט, וועמעס קרבנות אין אָט-דער מלחמה האָבן אונדז איינגעשפּאָרט אומאָפּשאַצבאַרע בלוט-פאַרגיסונגען און ליידן". די דערקלערונג פון די אויסלענדישע קאָרעספאָנדענטן האָט אָנגעוויזן, אַז „ווייט איז געווען אַן עם-הארץ ניט בלויז אין דער שפּראַך נאָר אויך, ווי עס זעט אויס, אין דער געשיכטע און קולטור [פון רוסלאַנד]", אַז „די פונדאַמענטאַלע פאַלשקייט" פון ווייטס בוך „ליגט אין דעם, וואָס עס פעלן אינגאַנצן פאַקטן פון פאָדערגרונט און הינטערגרונט", און אַז „דאָס בוך דאַרף מען באַטראַכטן צוזאַמען מיט דער וויכטיקייט פון אומוויסנדיקע און פיינטלעכע גרופּעס דאָ און אין אייראָפּע, וועלכע זוכן צו פאַרשאַרפן אומצוטרוי און פאַרדאַכט צווישן די פאַרבינדעטע". ניט געקוקט דערויף, האָט „אַ באַריכט וועגן די רוסן", וואָס איז ברייט און פאַרשוועדעריש אַנאָנסירט געוואָרן, אַלץ פאָרגעזעצט צו גרייכן צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער לייענער.

אַלעקסאַנדער באַרמינס בוך, „איינער וואָס איז לעבן געבליבן", איז כלומרשט געווען די „אינערלעכע געשיכטע" וועגן דער סאָוועטישער פּאָליטיק און פירערשאַפט, געשריבן פון אַ געוועזענעם „סאָוועטישן דיפּלאָמאַט" און „ספּעציאַליסט" אין סאָוועטישע ענינים. פּונקט ווי „אַ באַריכט וועגן די רוסן", האָט אויך באַרמינס בוך ווילד אַטאַקירט אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיטן סאָוועטן-פאַרבאַנד, דערקלערנדיק, אַז סטאַלין איז דער פירער פון אַ „זיגרייכער קאָנטער-רעוואָלוציע", וואָס איז געוואָרן „אַ רעאַקציאָנערע דיקטאַטור". בעת מען האָט אויפגעדעקט און ליקווידירט די רוסישע פינפטע קאָלאָנע, האָט אַלעקסאַנדער באַרמין געדינט אַלס סאָוועטישער „שאַרזש ד'אַפעירס" אין אַטען, גריכנלאַנד. באַרמין האָט שנעל פאַרלאָזן זיין פּאָסטן און זיך אָפּגעזאָגט צוריקצוקערן זיך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. אין „איינער וואָס איז לעבן

געבליבן" דערציילט באַרמין, אַז אַ צאָל סאָוועטישע פאַרשווערער, וועלכע האָבן באַקומען טויט-שטראָף, זיינען געווען צווישן זיינע נאָענטסטע „פריינט" און „קאָלעגן". וואָס שייך גענעראַל טוכאַטשעווסקי, וועמען מען האָט געפונען שולדיק אין אַ פאַרשווערונג מיטן דייטשן גענעראַל-שטאַב קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, דערקלערט באַרמין: „איך האָב אין מאָסקווע נאָענט מיטגעאַרבעט מיט אים", און ער גיט צו, אַז דער רוסישער גענעראַל „איז אין די לעצטע יאָרן געווען מיין נאָענטער פריינט". באַרמין באַמערקט אויך, אַז ער האָט „דורכגעפירט" „עטלעכע שטיקלעך אַרבעט" אונטער דער פירערשאַפט פון אַרקאַדי ראָזענגאָלץ, וועלכע׳ האָט אין 1938 זיך מודה געווען, אַז ער איז געווען אַ באַצאָלטער אַגענט פון דער דייטשער מיליטערישער „אינטעליגענץ"; און אַז ער, באַרמין, איז אין פאַריז באַזוכט געוואָרן פון דעם „שאַרפזיניקן" לעאָן סעדאָוו טראָצקי. דאָס בוך „איינער וואָס איז לעבן געבליבן" האָט אַנטהאַלטן אַן אַריינפיר מיט איבערטריבענער לויב פון מאַקס איסטמאַן, און איז ענערגיש פאַרשפרייט געוואָרן פון אַנדערע אַנטי-סאָוועטישע פערזאָנען אין אַמעריקע. פונקט ווי וויליאַם ל. ווייטס בוך, אַזוי איז אויך באַרמינס „איינער וואָס איז לעבן געבליבן" מיט ספּעציעלער באַגייסטערונג געלויבט און באַקאַנט געמאַכט געוואָרן פונעם „ניו לידער", וועמעס רעדאַקטאָרן עס האָבן איינגעשלאָסן יודזשין לאַיאָנס, וואָס זיינע אַנטי-סאָוועטישע שריפטן זיינען פון צייט צו צייט ציטירט געוואָרן פון אָפיציעלע אַגענטורן פונעם נאַצישן פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום; וויליאַם הענרי טשעמבערלין, וועמעס אַנטי-סאָוועטישע אַרטיקלען די הוירסט-פרעסע האָט אָפּגעדרוקט און וועמעס אויסטייטשונגען פון די מאָסקווער פּראָצעסן זיינען דערשינען אינעם יאַפּאַנעזישן פּראָפּאַגאַנדע-אָרגאַן „דאָס איצטיקע יאַפּאַן"; סידני הוק, געוועזענער טראָצקיס נאָכפאָלגער; דזשאָן דיואַי, געוועזענער פאָרזיצער פון דער „אויספאָרשונג-קאָמיסיע" ביים טראָצקי-פאַרהער אין מעקסיקאָ; און מאַקס איסטמאַן, טראָצקיס געוועזענער נאָענטער מיטאַרבעטער, פריינט און איבערזעצער.

אין אייראָפּע זיינען בײדע, סיי וו. ל. ווייטס און סיי אַלעקסאַנדער באַרמינס שריפטן באַנוצט געוואָרן פון די נאַציס אין זייערע פּראָפּאַגאַנדע-קאַמפּאַניעס קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. די דערשיינונג פון ווייטס „אַ באַריכט וועגן די רוסן" איז מיט באַגייסטערונג באַגריסט געוואָרן אין אַן אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט אין דער אויסגאַבע פון 30טן יאַנואַר, 1945, פון דעם „וועסטקעמפּפער", אָפיציעלער אָרגאַן פונעם נאַצישן רייכסווער; דאָס אַרטיקל האָט באַהויפּט, אַז ווייטס בוך האָט באַוויזן די מעגלעכקייט פון אַ צעטיילונג אין די רייען פון די פאַראייניקטע פעלקער. אין מערץ 1945 האָבן די נאַציס באָמבאַרדירט דאָס אַמעריקאַנישע מיליטער אין איטאַליע מיט האַרמאַטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן פלוג-בלעטלעך אויף וועלכע עס איז געווען איבערגעדרוקט באַרמינס אַרטיקל, וואָס איז פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „רידערס דיידזשעסט" אונטערן טיטל „די נייע קאָמוניסטישע פאַרשווערונג".

ביים סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה אין אייראָפּע זיינען די שטימעס פון די אַנטי-באָלשעוויסטישע קרייץ-פירער געווען נישט ווינציקער גרילצנדיק ווי נאָך 1918, אָבער פיל קלענער אין זייער איינפלוס אויף די אַמעריקאַנער און אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן פיל געלערנט זינט וואַודראָו ווילסאָנס טויט.

שטייענדיק לפּנים דער געפֿאַר פֿון פֿאַשיסטישער פֿאַרשקלאַפֿונג און קעגן דעם גרעסטן רעאַקציאָנערן כּוח וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען, האָבן די מערב־דעמאָקראַטיעס געפֿונען זייער סאַמע מעכטיקסטן פֿאַרבינדעטן אין דעם לאַנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַלס אַ רעזולטאַט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער בונד איז ניט געווען קיין צופֿאַל. די אייזן־פֿעסטע לאָגיק פֿון געשעענישן, נאָך אַ פֿערטל יאָרהונדערט פֿון טראַגישע מיספֿאַרשטייענישן און קינסטלעך־געשאַפֿענער שנאה, האָט אומפֿאַרמיידלעך צוזאַמענגעבראַכט און צונויפֿגעשמאָלצן אין אַ קעמפֿנדיקער אייניקייט די פֿרייהייט־ליבנדיקע פֿעלקער פֿון דער וועלט. פֿון דער אומפֿאַרגלייכלעכער שחיטה און ליידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען אַרויסגעקומען די פֿאַראייניקטע פֿעלקער.

קאַפּיטל 24

די זעכצן

אין די לעצטע חדשים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדע אישו פון אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַציע אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע געווען איבער דער פראַגע פון פּוילן. בעת די רויטע אַרמיי האָט זיך געיאָגט צום מערב, איז אַריבערגעטראָטן די פּוילישע גרענעצן און באַפרייט אַלץ גרעסערע טיילן פון פּוילישער טעריטאָריע פון די נאַצישע אַריינדרינגער, האָבן ענגלישע טאָריס און אַמעריקאַנישע איזאָלאַציאָניסטן געטענהט, אַז די „פּוילישע פרייהייט" ווערט איצט באַדראָט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואָך־איין וואָך־אויס האָט די הוירסט און פּעטערסאָן־מעקאָרמיק פּרעסע אין אַמעריקע גערופן צו אַנטי־סאָוועטישער אַקציע צו ראַטעווען פּוילן פון „באָלשעוויזם". אינעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָבן רעדנער כסדר פאַרדאַמט „די רויטע אימפּעריאַליסטישע צילן אין פּוילן" און באַשולדיקט די סאָוועטן־רעגירונג אין פאַרראַטן די פּרינציפּן פון די פאַראייניקטע פעלקער. אַ גרויסער טייל פון אָט־דער אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען באַזירט אויף באַהויפּטונגען און מאַטעריאַלן, וואָס די פּוילישע גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן און אירע פאַרטרעטער אין וואַשינגטאָן האָבן אַרויסגעגעבן. די לאָנדאָנער פּוילישע גלות־רעגירונג איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פּוילישע מיליטאַריסטן, פאַרשטייער פון פּוילישע פעאָדאַלע לאַנדבאַזיצער, אייניקע פּוילישע פאַשיסטן און עטלעכע סאָציאַליסטן און פּויערים־פירער, וועלכע האָבן נאָך פּוילנס צוזאַמענברוך אין 1939 געפונען פאַר זיך אַ גן־עדן אין ענגלאַנד.*)

---

*) די לאָנדאָנער פּוילישע גלות-רעגירונג האָט זיך באַטראַכט פאַרן געזעצלעכן יורש פון פּילסודסקים רעזשים, וועמעס טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק איז געווען באַזירט אויף קעגנערשאַפט צו סאָוועט-רוסלאַנד. ווי רעימאָנד לעסלי בועל האָט געשריבן אין זיין בוך, „פּוילן: דער שליסל צו אייראָפּע": „פּילסודסקי האָט געגלויבט, אַז פּוילן מוז האָבן אַ גרויסע טעריטאָריע. צוליב געשיכטלעכע סיבות איז דאָס געווען לייכטער צו קריגן אויפן חשבון פון רוסלאַנד ווי פון דייטשלאַנד." די פאַר-מלחמה-דיקע פּוילישע דיפּלאָמאַטיע, אונטער דער אָנפירונג פונעם געוועזענעם אַנטי-סאָוועט-

אין יענער צייט זיינען פּאַקטיש געווען צוויי פּוילישע רעגירונגען. אַ חוץ דעם עמיגראַנטישן רעזשים אין לאָנדאָן, האָט אין פּוילן גופא עקזיסטירט דער

טישן געהיים-אַגענט קוירנעל דזשאָזעף בעק, איז געווען געצילט ניט קעגן נאַצי-דייטשלאַנד, נאָר קעגן סאָוועט-רוסלאַנד. די פּוילישע אַרמיי, מיט אַ גרעסערער קאַוואַלעריע ווי אין וועלכער עס איז אַנדער אַרמיי אין דער וועלט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר אָפּעראַציעס אויף די אוקראַינישע סטעפּעס. די פּוילישע אינדוסטריען זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף דער דייטשער גרענעץ; פּוילישע מיליטערישע באַפעסטיקונגען — אויף דער סאָוועטישער גרענעץ. זינט איר גרינדונג, איז פּוילן, באַהערשט פון מיליטאַריסטן און פעאָדאַלע לאַנדבאַזיצער, געווען אַ ווינקלשטיין אינעם אַנטי-סאָוועטישן „קאָרדאָן סאַניטער", און אַ זאַמל-פּונקט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטן, וועלכע האָבן פּלאַנירט אַרונטערצואוואַרפן די סאָוועטן-רעגירונג. באָרים סאַווינקאָוו האָט, נאָך זיין אַנטלויפן פון רוסלאַנד, איינגעשטעלט זיין הויפּטקוואַרטיר אין פּוילן, און מיט פּילסודסקיס הילף אויפגעבויט אין פּוילן אַ ווייסע אַרמיי פון 30,000 מאַן צו נוצן קעגן סאָוועט-רוסלאַנד. אין די שפּעטע 1920ער יאָרן זיינען די פאַרשווערער פונעם טאָרגפּראָם געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פּוילישער הויך-קאָמאַנדע, אַז פּוילן זאָל זיין איינע פון די הויפּט-באַזעס אין דער נייער אינטערווענציע-מלחמה, וואָס זיי פּלאַנירן קעגן סאָוועט-רוסלאַנד. די פּוילישע געהיים-אַגענטור האָט איינגעשטעלט נאָענטע באַציאונגען מיט אַלע אַנטי-סאָוועטישע כוחות, איינגעשלאָסן דער טראָצקיסטיש-בוכאַריניסטישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. אין 1938, האָט דער מינכען-אָפּמאַך אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט דעם אַנטי-סאָוועטישן כאַראַקטער פון די פּוילישע פּירער. בעת די נאַציס האָבן דערלאַנגט טשעכאָסלאָוואַקיע זייער אולטימאַטום און די טשעכן האָבן זיך געגרייט צו אַ ווידערשטאַנד, האָט די פּוילישע רעגירונג מאָביליזירט איר אַרמיי און זי אַוועקגעשטעלט דירעקט אין וועג פון יעדער מעגלעכער הילף פאַר די טשעכן מצד דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. אַלס באַלוינונג דערפאַר, האָט היטלער דערלויבט די פּאָליאַקן צו פאַרכאַפּן דעם טשעשען-געגנט פון די טשעכן בעת טשעכאָסלאָוואַקיעס פאַנאַנדערטיילונג. אין 1939, ערב דעם נאַצישן אָנפאַל אויף פּוילן, האָבן די פּוילישע מיליטאַריסטן זיך נאָך אַלץ אָפּגעזאָגט פון רעווידירן זייער זעלבסטמערדערישע אַנטי-סאָוועטישע פּאָליטיק, האָבן צוריקגעוויזן אַ פאָרגעשלאָגענעם מיליטערישן אָפּמאַך מיט סאָוועט-רוסלאַנד, און ניט געוואָלט דערלויבן דער רויטער אַרמיי אַריבערצוגיין די פּוילישע גרענעצן כדי צו קעמפן קעגן דער נאַצי-ווערמאַכט. די רעזולטאַטן פון אָט-דער פּאָליטיק פאַר פּוילן זיינען געווען קאַטאַסטראָפאַלע, און כמעט באַלד נאָך דער נאַצי-אינוואַזיע איז די פּוילישע רעגירונג אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, מיטנעמענדיק מיט זיך די פּוילישע גאָלד-זאַפּאַסן. תחילת אין פראַנקרייך און דערנאָך אין ענגלאַנד, האָבן די פאַרטרעטער פון אָט-דער רעגירונג, זיך אָנרופנדיק די פּוילישע גלות-רעגירונג, פאָרגעזעצט די אַנטי-סאָוועטישע אינטריגעס, וואָס האָבן זייער פאָלק דערפירט צום חורבן. אין זייערע אינטריגעס זיינען זיי געשטיצט געוואָרן פון מעכטיקע עלעמענטן אין אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע קרייזן, וועלכע האָבן באַטראַכט אַ זיג פון סאָוועט-רוסלאַנד אין דער מלחמה קעגן נאַצי-דייטשלאַנד אַלס אַ געפאַר פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן.

אַזוי־גערופענער וואַרשעווער רעזשים. די וואַרשעווער רעגירונג, באַזירט אויף אַ פאַרבאַנד פון פוילישע אַנטי־פאַשיסטישע פאַרטייען, האָט פאַרוואָרפן פּילסודסקיס פאַשיסטישע קאָנסטיטוציע פון 1935, ביי וועלכער די לאָנדאָנער פּאָליאַקן האָבן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן. די וואַרשעווער רעגירונג איז געווען פאַר גרינטלעכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעפאָרמעס אין פוילן גופא, פאַר אָפּשאַפן אַלע פעאָדאַלע גיטער און פאַר נאָענטע פריינטלעכע באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ביי דער יאַלטע־קאָנפערענץ אין פעברואַר 1945 האָבן רוזוועלט, טשוירטשיל און סטאַלין דיסקוטירט באריכות די פראַגע פון פוילנס צוקונפט, און האָבן איינגעשטימט, אַז דער וואַרשעווער רעזשים דאַרף ווערן „רעאָרגאַניזירט אויף אַ ברייטערער דעמאָקראַטישער באַזע, וואָס זאָל איינשליסן אין זיך דעמאָקראַטישע פירער פון פוילן גופא און פון אויסלאַנד", און דאַן אָנערקענט ווערן אַלס די געזעצלעכע צייטווייליקע רעגירונג פונעם לאַנד.

דער יאַלטע־אָפּמאַך איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ העפטיקער אָפּאָזיציע מצד די לאָנדאָנער פוילישע עמיגראַנטן און זייערע אַמעריקאַנער און ענגלישע פריינט. ער איז פאַרשריגן געוואָרן אַלס אַ „פאַרראַט פון פוילן". דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס זיינען אָנגעפירט געוואָרן, צו שטערן דאָס דורכפירן דעם יאַלטע־אָפּמאַך.

די אַנטי־סאָוועטישע אַגיטאַציע און אינטריגעס אַרום דער פוילישער פראַגע האָבן דערגרייכט די גרעסטע הויך אין מאַי 1945, נאָכדעם ווי די סאָוועטן־רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז זי האָט אַרעסטירט זעכצן פוילישע אַגענטן פון דער לאָנדאָנער גלות־רעגירונג, אויף דער באַשולדיקונג פון אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערונג. אָט־די אַקציע מצד דער סאָוועטן־רעגירונג, האָבן די פוילישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן דערקלערט, איז דער בולטסטער ביישפּיל פון מאָסקוועס פּראָגראַם צו דערשטיקן די „פוילישע דעמאָקראַטיע" און אַרויפצוצווינגען אויפן פוילישן פאָלק אַ „רויטע דיקטאַטור".

דער סאַמע באַקאַנטסטער נאָמען צווישן די זעכצן פּאָליאַקן, וועמען די סאָוועטן־רעגירונג האָט אַרעסטירט, איז געווען גענעראַל לעאָפּאָלד בראָניסלאַוו אָקוליצקי, געוועזענער שטאַב־הויפּט פון דער פוילישער גלות־אַרמיי. אָט־די אַרמיי האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע פון די פוילישע עמיגראַנטן.

אָט־די פוילישע אַרמיי איז אָריגינעל באַשאַפן געוואָרן אין 1941 אויף סאָוועטישער ערד דורך אַן אַלגעמיינעם פויליש־סאָוועטישן אָפּמאַך, צו קעמפן זייט ביי זייט מיט דער רויטער אַרמיי קעגן די דייטשן. זי איז געווען אָנגעפירט פון גענעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער „קליקע

קאַלאַנעלן״, וועלכע האָט באַהערשט פּוילן אונטער פּילסודסקיס דיקטאַטור. צו טרעגירן און אויסצושטאַטן אַנדערסעס אַרמיי פאַר מיליטערישער אַקציע קעגן דייטשלאַנד, האָט די סאָוועטן־רעגירונג איר געגעבן אַן הלוואה פון 300,000,000 רובל אָן פּראָצענט, און געגעבן דער אַרמיי אַלע נייטיקע אויסשטאַטונגען צו קענען רעקרוטירן און וואוינען. ניט געקוקט דערויף, זיינען גענעראַל אַנדערס, אָקוליצקי און אַנדערע פּוילישע מיליטאַריסטן אין געהיים געווען קעגן דעם פאַרבאַנד מיט דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן געגלויבט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַרמשפט צו ליידן אַ מפלה פון נאַצי־דייטשלאַנד און האָבן געהאַנדלט אויף אָט־דער ליניע.

אַ באַריכט פון לייטענאַנט־קאָרנעל בערלינג, שפּעטער־דיקער פירער פון די באַוואָפנטע כוחות פונעם וואַרשעווער רעזשים, האָט אויפגעדעקט, אַז אין 1941, עטוואָס פריער ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן אויף סאָוועטישער ערד די ערשטע פּוילישע אָפּטיילונג, האָט גענעראַל אַנדערס אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט זיינע אָפיצירן, ביי וועלכער ער האָט געמאַכט די באַהויפּטונג:

> ווען די רויטע אַרמיי וועט צוזאַמענברעכן פון די דייטשע קלעפּ, וואָס וועט געשען ניט שפּעטער ווי אין עטלעכע חדשים אַרום, וועלן מיר זיך קאָנען דורכברעכן דורכן קאַספּישן ים קיין איראַן. און אַזוי ווי מיר וועלן זיין די איינציקע באַוואָפנטע מאַכט אין דער טעריטאָריע, וועלן מיר זיין אין אַ לאַגע צו טאָן וואָס אונדז וועט נאָר געפעלן.

און ווען די רויטע אַרמיי, להיפּוך גענעראַל אַנדערסעס דערוואַרטונגען, איז ניט צוזאַמענגעבראָכן אונטער דעם נאַצישן בליצקריג, האָט דער פּוילישער קאָמאַנדיר געמאָלדן זיינע אָפיצירן, אַז זיי דאַרפן ניט זיין באַזאָרגט וועגן דערפילן די פונקטן פונעם פּויליש־סאָוועטישן מיליטערישן אָפּמאַך צו קעמפן צוזאַמען קעגן דייטשלאַנד. „מען דאַרף זיך ניט איילן״, האָט אַנדערס געזאָגט צום גענעראַל באַרוטשיע־שפּיכאָוויטשאָוו, דער קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער 5טער אינפאַנטעריע־דיוויזיע.

לויט לייטענאַנט־קאָרנעל בערלינג, האָט אַנדערס מיט זיינע אָפיצירן „געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך צו פאַרציען דאָס טרענירן און באַוואָפענען פון די דיוויזיעס״, כדי זיי זאָלן ניט דאַרפן אַריינטרעטן אין אַקציע קעגן דייטשלאַנד. דער פּוילישער הויפּט פונעם שטאַב, גענעראַל אָקוליצקי, האָט אַקטיוו סאַבאָטאַזשירט די אויסשטאַטונג פון דעם פּוילישן מיליטער. לויט בערלינגס אייגענע ווערטער:

> אָקוליצקי האָט סאַבאָטאַזשירט די גרינדונג פון דער באַזע לעבן

קאַספּישן ים, צו באַקומען ענגליש געווער און פּראָוויאַנט פון איראַן. די סאָוועטישע אויטאָריטעטן האָבן אויפגעבויט אַ ספּעציעלן אייזנבאַן־צווייג און שפּייכלערס אויף די ברעגן פונעם קאַספּישן ים, אָבער גענע־ראַל אַנדערסעס קאָמאַנדע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקע ביקס, טאַנק, אָדער זאַק מיט פּראָוויאַנט.

די פּוילישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען גיריק אַנצונעמען סאָוועטישע הילף און זיך נעמען צום געווער קעגן די דייטשע אַריינדרינגער פון זייער היימלאַנד, זיינען פון דער רעאַקציאָנערער קליקע מיט גענעראַל אַנדערס און אָקוליצקי בראש טעראָריזירט געוואָרן. מען האָט צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון „סאָוועטן־פריינט", וואָס זיינען „פאַררעטער פון פּוילן". אַ ספּע־ציעלער אַנצייגער, באַוואוסט אַלס „פּראָטאָקאָל ב", האָט אַנטהאַלטן די נעמען און פּראָטאָקאָלן פון אַלע יענע, וועלכע האָבן געזאָלט זיין „סימפּאַטיש צו די סאָוועטן". די פּוילישע קאָמאַנדע האָט פאַרשפּרייט פאַשיסטישע אַנטיסעמי־טישע פּראָפּאַגאַנדע. בערלינג באַריכט: „עס האָבן זיך געהערט אָפענע רייד וועגן דער נייטיקייט 'זיך אָפּצורעכענען מיט די אידן', און עס זיינען כסדר פאָרגעקומען פאַלן פון שלאָגן אידן." די „דוואָיקע", שפּיאָנאַזש־דינסט פון אַנדערסעס אַרמיי, האָט אין געהיים אַנגעפאַנגען צונויפזאַמלען פאַקטן וועגן סאָ־וועטישע קריג־פאַבריקן, מלוכה־פאַרמס, אייזנבאַנען, אַרמיי־סקלאַדן און די פּאָזיציעס פון רויט־אַרמייאישן מיליטער.

פרילינג 1942, און אַנדערסעס אַרמיי אין רוסלאַנד האָט נאָך אַלץ ניט באַוויזן צו באַטייליקן זיך אין אַן איינציקן קאַמף קעגן דייטשן שונא. אַנשטאָט דעם זיינען די פּוילישע אָפיצירן און סאָלדאַטן העפטיק אַנגעשטעקט געוואָרן מיט אַנטי־סאָוועטישער און אַנטיסעמיטישער אידעאָלאָגיע פון זייערע גענע־ראַלן. ענדלעך האָט די פּוילישע קאָמאַנדע געפאָדערט, אַז מען זאָל איר אַרמיי איבערפירן קיין איראַן אונטער ענגלישן אויפזיכט. אין אויגוסט, 1942, האָבן 75,491 פּוילישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט 37,756 מיטגלידער פון זייערע פאַמיליעס, געהאַט פאַרלאָזט די סאָוועטישע טעריטאָריע, ניט האָבנדיק דערלאַנגט קיין איינציקן קלאַפּ פאַר זייער אייגן לאַנד.

דעם 13טן מערץ, 1944, האָט דער אויסטראַלישער קאָרעספּאָנדענט דזשעימס אַלדרידזש טעלעגראַפירט צו דער „ניו־יאָרק טיימס" אַן אומצענ־זורירטן באַריכט וועגן דער פאַשיסטישער אויפפירונג פון די עמיגראַנטיש־פּוילישע אַרמיי־פירער אין איראַן. אַלדרידזש האָט באַהויפּט, אַז ער האָט שוין איבער אַ יאָר צייט געוואָלט פאַרעפנטלעכן די פאַקטן וועגן די פּוילישע עמי־גראַנטן, נאָר די אַליאירטע צענזור האָט דאָס אים ניט דערלויבט צו טאָן. איין

אַליאַירטער צענזאָר האָט אַלדרידזשן געזאָגט: „איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז אמת, אָבער וואָס קאָן איך טאָן? איר ווייסט דאָך, אַז מיר אַנערקענען די פּוילישע רעגירונג.“

אָט זיינען עטלעכע פאַקטן, וואָס אַלדרידזש האָט באַריכט:

> דער פּוילישער לאַגער איז צעטיילט געוואָרן אין קלאַסן. וואָס נידעריקער דער קלאַס, אַלץ ערגער די באַדינגונגען אינעם לאַגער. די אידן האָט מען אָפּגעשיידט אין אַ געטאָ. דער לאַגער איז אָנגעפירט געוואָרן אויף אַ פאַשיסטישן שטייגער. . . . די מער רעאַקציאָנערע גרופּעס האָבן אָנגעפירט אַ כסדרדיקע קאַמפּאַניע קעגן רוסלאַנד. . . . ווען מען האָט צוגעגרייט איבער 300 אידישע קינדער אָפּצופאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָבן די פּוילישע „געקליבענע“, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אַנטיסעמיטיש, אויסגעאיבט אַ דרוק אויף די אויטאָריטעטן פון איראַק ניט צו דערלויבן די אידישע קינדער דורכצופאָרן. . . .
>
> איך האָב פון פיל אַמעריקאַנער געהערט, אַז זיי וואָלטן וועלן דערציילן די אמתע געשיכטע וועגן די פּאָליאַקן, אָבער דאָס איז נוצלאָז, ווייל די פּאָליאַקן פאַרמאָגן אַזאַ מעכטיקע „לאָבי“ אין וואַשינגטאָן. . . .

פון איראַן האָבן די פּוילישע עמיגראַנטן זיך אַריבערגעקליבן קיין איטאַליע, וואו די פּוילישע עמיגראַנטן־אַרמיי האָט, אונטער דער פּירערשאַפט פון דער ענגלישער הויך־קאָמאַנדע און מיט דער שטיצע פונעם וואַטיקאַן, איינגעשטעלט איר הויפּט־קוואַרטיר. עס איז געווען די אַמביציע פון גענעראַל אַנדערס, אָקוליצקי און זייערע שותפים, וואָס זיי האָבן אפילו ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו באַהאַלטן, צו פאַרוואַנדלען די פּוילישע עמיגראַנטן־אַרמיי אין אַ קערנדל פון אַ נייער ווייס־גוואַרדייאישער אַרמיי, וואָס זאָל אין דער צוקונפט באַנוצט ווערן קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

בעת די רויטע אַרמיי האָט אין פרילינג פון 1944 זיך דערנענטערט צו דער פּוילישער גרענעץ, האָבן די לאָנדאָנער פּוילישע עמיגראַנטן פאַרשטאַרקט זייער אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע. „רוסלאַנדס אָפּשוואַכונג לכל הפחות, אויב ניט איר מפלה, איז אַ וויכטיקער באַדינג סיי פאַר אונדזער זיג און סיי פאַר אונדזער סאַמע עקזיסטענץ“, האָט דערקלערט „פּאַנסטוואָ פּאָלסקי“, איינע פון די אונטערערדישע צייטונגען, וואָס די אַגענטן פון דער גלות־רעגירונג האָבן פאַרשפּרייט אין פּוילן. געהיימע באַפעלן פון די לאָנדאָנער פּאָליאַקן צו זייערע אונטערערדישע אַגענטן האָבן באַהויפּט: „וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטן, אַן אָנשטרענגונג מוז געמאַכט ווערן אָנצוהאַלטן די בעסטע באַציאונגען מיט די דייטשע ציווילע אויטאָריטעטן.“

די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט זיך געגרייט פאַר באַוואָפנטער אַקציע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אַגענטור, וועלכע האָט געזאָלט אויספירן אָט־די אַקציע, איז געווען די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (לאַנד־אַרמיי) אָדער „אַק", אַן אונטערערדישער מיליטערישער אַפּאַראַט אין פּוילן גופא, וואָס איז אָרגאַני־זירט און קאָנטראָלירט געוואָרן פון די לאָנדאָנער עמיגראַנטן. די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אָדער „אַק" איז געווען אָנגעפירט פון גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי.

אָנהויב מערץ 1944 איז גענעראַל אָקוליצקי אַרויסגערופן געוואָרן פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון גענעראַל סאָסנקאָווסקי, דער מיליטערישער פאַר־טרעטער פון די לאָנדאָנער פּוילישע עמיגראַנטן. שפּעטער האָט גענעראַל אָקוליצקי געגעבן די באַשרייבונג וועגן יענער געהיימער קאָנפערענץ:

. . . בעת איך בין פאַר מיין אָפּפליען קיין פּוילן אויפגענומען געוואָרן פון גענעראַל סאָסנקאָווסקי, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיר קאָנען אין דער נאָענטער צוקונפט דערוואַרטן אַ רויט־אַרמייאישן אָנגריף, וואָס וועט פאַרטרייבן די דייטשן פון פּוילן. אין אַזאַ פאַל, האָט סאָסנ־קאָווסקי געזאָגט, וועט די רויטע אַרמיי אָקופּירן פּוילן און וועט פאַר־באָטן די עקזיסטענץ פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אויף פּוילישער טעריטאָריע, אַלס אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע וועלכע איז אונטער־געוואָרפן אונטער דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג.

סאָסנקאָווסקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" זאָל, נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי וועט אַרויסטרייבן די נאַציס פון פּוילן, זיך כלומרשט אויפלייזן, און אַז אַ געהיימע „רעזערוו הויפּט־קוואַרטיר" זאָל איינגעשטעלט ווערן אָנצופירן טעטיקייטן הינטער די ליניעס פון דער רויטער אַרמיי.

סאָסנקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע רעזערוו הויפּט־קוואַר־טיר וועט דאַרפן אָנפירן דעם קאַמף פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" קעגן דער רויטער אַרמיי.

סאָסנקאָווסקי האָט פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע באַפעלן זאָלן איבער־געגעבן ווערן דעם קאָמאַנדיר פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אין פּוילן, דעם גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי.

קורץ נאָכדעם איז גענעראַל אָקוליצקי געהיימנישפול אַריינגעפלויגן אין דייטש־פאַרנומענעם פּוילן, וואו ער האָט זיך גיך פאַרבונדן מיט גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, און אים איבערגעגעבן סאָסנקאָווסקיס באַפעלן. דער קאָמאַנדיר פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" האָט אָקוליצקין געזאָגט, אַז ער וועט איינשטעלן אַזאַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, דורכצופירן די פאָלגנדיקע אויפגאַבעס:

1. באַהאַלטן געווער פאַר אונטערערדישע טעטיקייטן און צו־גרייטן אַן אויפשטאַנד קעגן דעם פ.ס.ס.ר.
2. באַשאַפן באַוואָפנטע שלאַכט־אָפּטיילונגען פון ניט מער ווי זעכציק מאַן אין יעדער.
3. באַשאַפן טעראָריסטישע „ליקווידאַציע"־גרופּעס צו דערמאָרדן די שונאים פון דער „אַק" און פאַרטרעטער פון דער סאָוועטיש־מיליטערישער קאָמאַנדע.
4. טרענירן סאַבאָטאַזשניקעס פאַר טעטיקייטן הינטער די סאָוועטישע ליניעס.
5. דורכפירן מיליטערישע און שפּיאָנאַזש־טעטיקייטן הינטער די ליניעס פון דער רויטער אַרמיי.
6. אויפהיטן די ראַדיאָ־סטאַנציעס וועלכע די „אַק" האָט שוין איינגעשטעלט און אָנהאַלטן ראַדיאָ־פאַרבינדונגען מיט דער צענטראַלער קאָמאַנדע פון דער „אַק" אין לאָנדאָן.
7. אָנפירן אַ געדרוקטע און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין האַרבסט 1944 האָט די רויטע אַרמיי דערגרייכט די ברעגן פון דער ווייסל און זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואַרשע, כדי איבערצוגרופּירן אירע כוחות און קריגן פרישע אויסשטאַטונג נאָך איר פאַרצויגענעם זומער־אָנגריף. די סטראַטעגיע פון דער סאָוועטישער הויך־קאָמאַנדע איז געווען ניט צו מאַכן קיין פראָנט־אַטאַקע אויף דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, נאָר צו פאַרנעמען זי דורך אַ פּלוצימדיקער אַרומרינגלונג און דורך דעם פאַרהיטן די שטאָט און איר באַפעלקערונג. גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי האָט אָבער אויף באַפעלן פון לאָנ־דאָן און אָן דעם וויסן פון דער סאָוועטישער הויך־קאָמאַנדע אָנגעפאַנגען אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן אין וואַרשע, דערקלערנדיק, אַז די רויטע אַרמיי האַלט ביים מאַרשירן אויף דער שטאָט. און ווייל די רויטע אַרמיי איז אין יענער צייט אינגאַנצן ניט געווען צוגעגרייט אַריבערצוגיין די ווייסל, האָט די נאַצישע הויך־קאָמאַנדע געקאָנט סיסטעמאַטיש באָמבאַרדירן און באַשיסן יעדן טייל שטאָט וואָס איז געהאַלטן געוואָרן פון די רעוואָלטירנ־דיקע פּוילישע פּאַטריאָטן. אָט איז גענעראַל אָקוליצקיס אייגענער באַריכט וועגן גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקיס ראָלע, ווען די פּוילישע כוחות אין וואַרשע האָבן זיך ענדלעך אונטערגעגעבן:

סוף סעפּטעמבער 1944 האָט דער קאָמאַנדיר פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, פאַרהאַנדלט מיטן קאָמאַנדיר

פונעם דייטשן מיליטער אין וואַרשע, דער ס.ס. אָבערגרופּנפירער פאָן דען־באַך, בנוגע אונטערגעבן זיך. באָר־קאָמאָראָווסקי האָט באַשטימט דעם שטעלפאַרטרעטער פון צוויטן (געהיים־דינסט) אָפּטייל פון דער הויפּט־קוואַרטיר, קוירנעל באָגוסלאַווסקי, אַנצופירן פאַרהאַנדלונגען אַלס פאַרטרעטער פונעם הויפּט פון שטאַב פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". באָגוסלאַווסקי, אָפּגעבנדיק אַ באַריכט באָר־קאָמאָראָווסקין וועגן די באַדינגונגען פון אונטערגעבן זיך, וואָס די דייטשן האָבן געשטעלט, האָט אין מיין געגנוואַרט געזאָגט, אַז פאָן דען־באַך רעכנט, עס איז נויטיק די פּאָליאַקן זאָלן אויפגעבן דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן די דייטשן, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער אַלגעמיינער שונא סיי פון פוילן און סיי פון דייטשלאַנד. ווען איך האָב זיך אין טאָג פון אונטערגעבן זיך באַגעגנט מיט באָר־קאָמאָראָווסקין, האָב איך אים געזאָגט, אַז פאָן דען־באַך איז אפשר גערעכט, און באָר־קאָמאָראָווסקי איז מסכים געווען מיט מיר וועגן דעם.

אין משך פון די האַרבסט־ און ווינטער־חדשים פון 1944 און פרילינג פון 1945, בעת די רויטע אַרמיי האָט אָנגעפירט גיגאַנטישע אָנגריפן מיטן ציל ענדלעך צו צעשמעטערן די דייטשע מיליטערישע מאַכט אויפן מזרח־פראָנט, האָט די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אונטער גענעראַל אָקוליצקיס פירערשאַפט, דורכגעפירט אַ פאַרצווייגטע קאַמפּאַניע פון טעראָר, סאַבאָטאַזש, שפּיאָנאַזש און באַוואָפנטע איבערפאַלן קעגן די סאָוועטישע אַרמייען.

„די מאָס־מיטלען פון דער סאָוועטישער מיליטערישער קאָמאַנדע אין די שלאַכט־זאָנעס זיינען סאַבאָטאַזשירט געוואָרן", האָט שפּעטער דערקלערט סטאַניסלאַוו יאַשוקאָוויטש, וויצע־פּרעמיער אין פוילן פון דער לאָנדאָנער גלות־רעגירונג און איינער פון אָקוליצקיס פאַרבינדעטע. „אונדזער פּרעסע און די ראַדיאָ־סטאַנציעס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרלוימדערישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס פוילישע פאָלק איז אויפגעהעצט געוואָרן קעגן די רוסן."

אָקוליצקיס „אַק"־אָפּטיילונגען האָבן אויפגעריסן צוגן, וועלכע האָבן געפירט רויט־אַרמייער, צעשטערט סאָוועטישע פּראָוויאַנט־סקלאַדן, אונטערגעמינעוועט די וועגן איבער וועלכע רוסיש מיליטער איז פאַראויסגעגאַנגען און איבערגעריסן די סאָוועטישע טראַנספּאָרט־ און קאָמוניקאַציע־ליניעס אויף יעדן מעגלעכן אופן. דעם 17טן סעפּטעמבער, 1944, האָט אַ באַפעל, וואָס איינער פון אָקוליצקיס געהילפן האָט אַרויסגעגעבן, זיך געלייענט אַזוי:

די אָפּעראַציעס מוזן זיין דורכאויסיקע — אויפרייסן מיליטערישע צוגן, לאַסטאָוטאָס, אייזנבאַן־רעלסן, פאַרברענען בריקן, צעשטערן

סקלאַדן און דאָרף־סאָוועטן. דאָס מוז דורכגעפירט ווערן אין געהיים.

אַ קאָמאַנדיר פון אַן „אַק"־אָפּטייל מיטן נאָמען לוביקאָווסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלער געהיימער שול פאַר שפּיאָנען און סאַבאָטאַזש־ניקעס, האָט וועגן געוויסע אויפגאַבעס, וואָס זיינע אַגענטן האָבן דורכגעפירט, שפּעטער דערקלערט:

איך האָב באַקומען אַ געשריבענעם באַריכט וועגן דער דורכפירונג פון מיין באַפעל . . . פון ראַנגערן, וועלכער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט דורכגעפירט צוועלף סאַבאָטאַזש־אַקטן, אַרונטערגעפירט צוויי צוגן פון די רעלסן, אויפגעריסן צוויי בריקן און צעשטערט אייזנבאַן־רעלסן אויף אַכט פּלעצער.

ספּעציעל־טרענירטע גרופּעס פון דער „אַק" האָבן געלויערט אויף און דערמאָרדעט רויט־אַרמייאישע סאָלדאַטן און פאַרשטייער פונעם וואַרשעווער רעזשים. לויט די ניט־פולע פאַקטן, וואָס די סאָוועטישע מיליטערישע אויטאָרי־טעטן האָבן שפּעטער פאַרעפנטלעכט, האָבן „אַק"־טעראָריסטן, אין אַ פּעריאָד פון אַכט חדשים, דערמאָרדעט 594 רויט־אַרמייאישע אָפיצירן און סאָלדאַטן און פאַרוואונדעט 294 פּערזאָן.

אין דער זעלביקער צייט, האָבן גענעראַל אָקוליצקיס אַגענטן, האַנדלענדיק לויט באַפעלן וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן דורך דער ראַדיאָ פון דער פּויל־שער קאָמאַנדע אין לאָנדאָן, דורכגעפירט פאַרצווייגטע שפּיאָנאַזש־טעטי־קייטן הינטער די סאָוועטישע ליניעס. אַן אָנווייזונג פון דער לאָנדאָנער פּויל־שער רעגירונג, וואָס איז אַדרעסירט געווען צו גענעראַל אָקוליצקין און דאַטירט דעם 11טן נאָוועמבער, 1944, נומער 777־1־7201, לייענט זיך אַט אַזוי:

אַזוי ווי אינפאָרמאַציע וועגן די מיליטערישע אַבזיכטן און מעג־לעכקייטן . . . פון די סאָוועטן אין מזרח איז פון גרעסטער וויכטיקייט אויב מיר ווילן פּאַראַליזירן און פלאַנירן וויטערדיקע אַנטוויקלונגען אין פּוילן, מוזט איר דעריבער . . . אויספילן דעם בלויז דורך איבער־שיקן „אינטעליגענץ"־באַריכטן אין הסכם מיט די באַפעלן פונעם גע־היימען אָפּטייל פון דער הויפּט־קוואַרטיר.

דער באַפעל האָט אויך פאַרלאַנגט דעטאַליזירטע אינפאָרמאַציע וועגן סאָוועטישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, פּראָוויאַנט־צוגן, באַפעסטיקונגען, לופט־פעלדער, באַוואָפענונגען און קריג־אינדוסטריעס.

וואָך־איין וואָך־אויס זיינען דורך אַ נעץ אומלעגאַלע ראַדיאָ־סטאַנציעס, וואָס האָבן אָפּערירט הינטער די רויט־אַרמייאישע ליניעס, אַרויסגעשיקט גע־

ווערן צו די פּאָליאַקן אין לאָנדאָן שיפּרירטע שפּיאָנאַזש־באַריכטן. אַ כאַראַקטעריסטישע ראַדיאָגראַמע, נומער 2־621, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קראָקע צו דער הויפּט־קאָמאַנדע אין לאָנדאָן און וועלכע איז איבערגעכאַפּט און דעשיפרירט געוואָרן פון דער סאָוועטיש־מיליטערישער „אינטעליגענץ“, האָט זיך אַזוי געלייענט:

אין דער צווייטער העלפט מערץ, זיינען טעגלעך דורכגעגאַנגען אַ דורכשניט פון 20 צוגן מיט מיליטער און אַמוניציע (אַרטילעריע, אַמעריקאַנישע טאַנקען, אינפאַנטעריע, פון וועלכער אַ דריטל איז געווען פרויען), אין דער ריכטונג פון מערב. . . . אין קראָקע איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אַ באַפעל וועגן דער דרינגענדיקער מאָביליזאַציע פון די 1925־1895 קלאַסן. מיטן אָנטייל פון גענעראַל זשימערסקי, איז אין קראָקע דורכגעפירט געוואָרן אַ צערעמאָניע פון באַשטימען 800 אָפיצירן, וואָס מען האָט געבראַכט פון מזרח. . . .

דעם 22טן מערץ, 1945, האָט גענעראַל אָקוליצקי אונטערגעצויגן אַ סך־הכל פון די ענדלעכע האַפענונגען פון זיינע עלטסטע אין לאָנדאָן, אין אַ געהיימען באַפעל וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן צו קאָלאָנעל „סלאַוובאָר“, דער קאָמענדאַנט פונעם מערב־געגנט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ“. אָקוליצקיס אויסערגעווייגלעכער באַפעל האָט זיך געלייענט:

אין פאַל דער פ.ס.ס.ר. זאָל באַזיגן דייטשלאַנד, וועט דאָס ניט בלויז באַדראָען די ענגלישע אינטערעסן אין אייראָפּע, נאָר גאַנץ אייראָפּע וועט זיין צעשראָקן. . . . באַטראַכטנדיק זייערע אייגענע אינטערעסן אין אייראָפּע, וועלן די ענגלענדער מוזן אָנהויבן מאָביליזירן די כוחות פון אייראָפּע קעגן דעם פ.ס.ס.ר. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן פאַרנעמען אונדזער פּלאַץ אין די פראָנט־רייען פון אָט־דעם אייראָפּייאישן אַנטי־סאָוועטישן בונד; עס איז אויך אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אָט־דעם בונד אָן דער באַטייליקונג פון דייטשלאַנד, וואָס וועט קאָנטראָלירט ווערן פון די ענגלענדער.

די דאָזיקע פּלענער און האָפענונגען פון די פּוילישע עמיגראַנטן האָבן געהאַט קורצע יאָרן. אין אָנהויב 1945, האָט די סאָוועטיש־מיליטערישע געהיים־דינסט זיך גענומען צו פאַרכאַפּן די פּוילישע פאַרשווערער הינטער די סאָוועטישע ליניעס. זומער 1945 זיינען שוין די הויפּט־פירער געווען אין

סאָוועטישע הענט. זעכצן פון זיי, איינגעשלאָסן גענעראַל אָקוליצקי, זיינען גע־שטעלט געוואָרן צום פּראָצעס פאַר דעם מיליטערישן קאָלעגיום פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18טן יוני אין דער געביידע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין מאָסקווע. ער האָט געדויערט דריי טעג. דאָס עדות־זאָגן האָט קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז די פּוילישע עמיגראַנטן און זייער אונטערערדישער אַפּאַראַט זיינען צוליב זייער האַס צו סאָוועט־רוסלאַנד דערגאַנגען צו געבן ממשותדיקע הילף די נאַצישע אָנפאַלער פון זייער אייגענעם לאַנד.

אין משך פונעם פּראָצעס איז צווישן דעם סאָוועטישן פּראָקוראָר, גענעראַל מאַיאָר אַפאַנאַסיעוו, און דעם נידעריקן, וויניק־רעדנדיקן פירער פון דער אַנטי־סאָוועטישער אונטערערדישער באַוועגונג, גענעראַל אָקוליצקי, פאָרגעקומען אַזאַ איבעררייד:

אַפאַנאַסיעוו: האָט אייער טעטיקייט געשטערט די אָפּעראַציעס פון דער רויטער אַרמיי קעגן די דייטשן ...?

אָקוליצקי: עס האָט געשטערט.

אַפאַנאַסיעוו: ווער מען האָט עס געהאָלפן?

אָקוליצקי: נאַטירלעך, האָט עס געהאָלפן די דייטשן.

גענעראַל מאַיאָר אַפאַנאַסיעוו האָט דעם געריכט געזאָגט, אַז ער וועט ניט פאָדערן קיין טויט־שטראָף פאַר קיינעם פון די באַשולדיקטע, ווייל זיי זיינען געוועזן ניט מער ווי „פּופּן" פון די פּוילישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן און ווייל „מיר לעבן איצט דורך די פרייידיקע טעג פון זיג און זיי זיינען שוין מער ניט געפערלעך". דער סאָוועטישער פּראָקוראָר האָט צוגעגעבן:

דער פּראָצעס ציט אונטער דעם סך־הכל פון די טעטיקייטן פון די פּוילישע רעאַקציאָנערן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן באַקעמפט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זייער פּאָליטיק האָט דערפירט צו דעם, אַז די דייטשן זאָלן פאַרנעמען פּוילן. די רויטע אַרמיי האָט געקעמפט פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט קעגן באַרבאַריזם. . . . דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט דער הילף פון די אַליאירטע, האָט געשפּילט אַן אַנט־שיידנדיקע ראָלע אין דייטשלאַנדס מפּלה. אָבער אָקוליצקי און די אַנ־דערע האָבן געוואָלט אַריינרוקן אַ מעסער אין דער זייט פון דער רויטער אַרמיי. . . . זיי ווילן בעסער אַ „קאָרדאָן סאַניטעיר" אַרום רוסלאַנד, איידער פריינטשאַפט מיט איר. . . .

דעם 21טן יוני האָט דער סאָוועטיש־מיליטערישער קאָלעגיום אַרויס־געגעבן זיין פּסק־דין. דריי פון די אָנגעקלאָגטע זיינען באַפרייט געוואָרן. גענע־ראַל אָקוליצקי און עלף פון זיינע מיטהעלפער האָט מען געפונען שולדיק און פאַרמשפּט צו תפיסה־טערמינען פון פיר חדשים ביז צען יאָר.*)

נאָך דעם פּראָצעס האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע צוריקגעצויגן זייער אָנערקענונג פון דער לאָנדאָנער פּוילישער גלות־רעגירונג.**)

דער וואַרשעווער רעזשים, רעאָרגאַניזירט אין הסכם מיט די פּונקטן פונעם יאַלטע־אָפּמאַך, איז פאָרמעל אָנערקענט געוואָרן אַלס די צייטווייליקע רעגירונג פון פּוילן.

*) דער פּראָצעס פון דעם זעכצנטן פּעריזאָן, וועמען מען האָט אָנגערופן אין דער באַשולדיקונג אַנטאָן פּאַידאַק, איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב זיין קראַנקהייט. ווען די דאָזיקע זעכצן פּאָליאַקן זיינען אָריגינעל אַרעסטירט געוואָרן פון די סאָוועטישע אויטאָריטעטן, האָבן דער אַמעריקאַנער סטעיט־סעקרעטאַר עדוואַרד ר. סטעטיניוס און דער ענגלישער אויסלאַנד־מיניסטער אַנטאָני אידען שאַרף פּראָטעסטירט, דער־קלערנדיק, אַז די אַרעסטירטע זיינען וויכטיקע פּוילישע „דעמאָקראַטישע פירער". נאָכן פּראָצעס זיינען סטעטיניוס און אידען פּלוצים פאַרשוויגן געוואָרן.

**) די סאָוועטן־רעגירונג האָט נאָך צוויי יאָר פריער, דעם 25טן אַפּריל, 1943, איבערגעריסן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג, איבער די פאַרשווערערישע אַנטי־סאָוועטישע טעטיקייטן פון דעם לאָנדאָנער רעזשים.

זינט זי איז באַשאַפן געוואָרן, איז די פּוילישע גלות־רעגירונג דערהויפּט גע־שטיצט און פינאַנסירט געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג. נאָך דעם ווי מען האָט אָנערקענט דעם וואַרשעווער רעזשים, איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז עס וועט געוויסע פּוילישע עמיגראַנטן פאַרגעשלאָגן ווערן ענגלישע בירגערשאַפט, און אפשר רעגירונג־שטעלעס אין די ענגלישע קאָלאָניעס. ווען גענעראַל אַנדערס און זיינע געהילפן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם באַשלוס פון די אַליאירטע צו אָנערקענען דעם וואַרשעווער רעזשים, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג, אַז דאָס פּוילישע עמיגראַנטן־מיליטער וועט קיינמאָל נית אָננעמען דעם באַשלוס פון די אַליאירטע, וועט פאַרבלייבן לאָיאַל צו דער „רעגירונג" אין לאָנדאָן, און וועט זיך אומקערן אין זייער לאַנד אַריין בלויז „מיט געווער אין זייערע הענט". אָבער אין האַרבסט 1945 האָט שוין אַ גרויסע צאָל פונעם פּוילישן עמיגראַנטן־מיליטער געהאַט דעזערטירט פון די צילן פון זייערע רעאַקציאָנערע פירער און אויף דער איינלאַדונג פונעם וואַרשעווער רעזשים זיך אומגעקערט קיין פּוילן, כדי אָנטייל־צונעמען אין איר ווידעראויפבוי.

קאַפּיטל 25

פאַראייניקטע פעלקער

אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, לערנען מענטשן זיך אויס צו קענען זייערע פריינט און צו דערקענען זייערע שונאים. אינעם גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען פיל אילוזיעס און ליגנס צערונען געוואָרן.

די מלחמה האָט געגעבן דער וועלט פיל איבערראַשונגען. תחילת איז די וועלט דערשטוינט געוואָרן, בעת די פינפטע קאָלאָנעס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דער אונטערוועלט אין אייראָפּע און אַזיע צו פאַרכאַפּן די מאַכט מיט דער הילף פון די נאַציס און יאַפּאַנעזער אין פיל לענדער. די שנעלקייט מיט וועלכער די נאַציס האָבן געוואונען זייערע ערשטע זיגן, האָט דערשטוינט די אַלע וואָס האָבן ניט געוואוסט וועגן די לאַנגע יאָרן פון די געהיימע צוגרייטונגען, אינטריגעס, טעראָר און פאַרשווערונגען פון די אַקס־מלוכות.

די סאַמע גרעסטע איבערראַשונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אָבער געווען סאָוועט־רוסלאַנד. עס האָט אויסגעזען, ווי איבער נאַכט האָט זיך אַ פאַלשער נעפּל אויפגעהויבן און פון אים איז דערשינען דאָס אמתע געשטאַלט און באַדייט פונעם סאָוועטישן לאַנד, זיינע פירער, זייןווירטשאַפט, זיין אַרמיי, זיינע מענטשן און, אין קאַרדעל האָלס אייגענע ווערטער, „די הערא־אישע קוואַליטעט פון זייער פּאַטריאָטישן אייפער".

די ערשטע גרויסע אָנערקענונג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען, אַז די רויטע אַרמיי, אונטער מאַרשאַל סטאַלין, איז די סאַמע קאָמפּעטענטסטע און מעכטיקסטע קראַפט אויף דער זייט פון וועלט־פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע.

דעם 23טן פעברואַר, 1942, האָט גענעראַל דאָגלעס מעקאַרטור פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אינפאָרמירט די אַמעריקאַנער וועגן דער רויטער אַרמיי:

> די וועלט־לאַגע אין דער איצטיקער צייט ווייזט אָן, אַז די האָפע־נונגען פון דער ציוויליזאַציע זיינען אָנגעשטעלט אויף די חשובע פאָנער פון דער העלדישער רוסישער אַרמיי. איך האָב אין משך פון מיין גאַנצן לעבן שוין אָנטיילגענומען אין אַ צאָל מלחמות און צוגעזען אַנ־

דערע, ווי אויך שטודירט אין די קלענסטע פּרטים די קאַמפּאַניעס פון פריערדיקע אַנגעזעענע פירער.

אין קיין איינער פון זיי האָב איך ניט געזען אַזאַ מעכטיקן ווידער־שטאַנד קעגן די שווערסטע קלעפּ פון אַ שונא, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט באַזיגט געוואָרן, נאָכגעפאָלגט פון אַ צעשמעטערנדיקער קאָנטער־אַטאַקע, וועלכע טרייבט דעם שונא צוריק אין זיין אייגן לאַנד אַריין.

דער מאַסשטאַב און דער פאַרנעם פון דער אָנשטרענגונג באַ־צייכענען דאָס פאַר דער גרעסטער מיליטערישער דערגרייכונג אין דער גאַנצער געשיכטע.

די צווייטע גרויסע אָנערקענונג איז געווען, אַז די עקאָנאָמישע סיסטעם פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שטוינענדיק ווירקזאַם און האָט די פייאיקייט אָנצופירן אַ מאַסן־פּראָדוקציע אונטער אומפאַרגלייכלעך־אומגינסטיקע באַ־דינגונגען.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַן אָפיציעלער שליחות קיין מאָסקווע אין 1942, האָט דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער אַמעריקאַנער קריג־פּראָדוקציע פאַרוואַלטונג, וויליאַם באַט, געגעבן אַ באַריכט:

איך בין געפאָרן מיט אַן עטוואָס אומבאַשטימטן געפיל וועגן דער פייאיקייט פון די רוסן אויסצוהאַלטן אַ דורכאויסיקע מלחמה; איך בין אָבער זייער גיך איבערצייגט געוואָרן, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, ביז דער לעצטער פרוי און קינד, באַטייליקט זיך אין דעם קאַמף.

איך בין געפאָרן מיט אַ געוויסן צווייפל וועגן דער רוסישער טעכ־נישער געניטקייט; איך האָב אָבער געפונען, אַז זיי זיינען אויסער־געוויינלעך פּראַקטיש און געניט אין אָנפירן זייערע פאַבריקן און אין שאַפן קריג־מאַשינעריע.

איך בין געפאָרן זייער שטאַרק אין פאַרלעגנהייט און באַזאָרגט איבער די באַריכטן וועלכע זיינען דאָ אַרומגעגאַנגען וועגן דער אומ־אייניקייט און ווילקירלעכקייט פון דער רוסישער רעגירונג; און איך האָב געפונען די רעגירונג שטאַרק, קאָמפּעטענט און געשטיצט מיט אַ ריזיקן ענטוזיאַזם פון דער באַפעלקערונג.

מיט איין וואָרט, איך בין געפאָרן מיט אַ פראַגע וואָס האָט גע־דאַרפט פאַרענטפערט ווערן: איז רוסלאַנד אַ קאָמפּעטענטער פאַר־בינדעטער, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן? . . . און מיין פראַגע איז פאַר מיר פאַרענטפערט געוואָרן אויף אַ קלינגענדיקן פּאָזיטיוון אופן.

די דריטע גרויסע אָנערקענונג איז געווען, אַז די פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד שטייען פאַראייניקט הינטער זייער רעגירונג מיט אַ פּאַטריאָטישן אייפער, וואָס איז זעלטן אין דער געשיכטע.

דעם 31טן אויגוסט, 1943, האָט פּרעמיער ווינסטאָן טשוירטשיל דערקלערט אין קוויבעק בנוגע דער סאָוועטן־רעגירונג און איר פירערשאַפט:

קיין שום רעגירונג, וואָס מענטשן האָבן ווען עס איז באַשאַפן, וואָלט ניט געקאָנט איבערלעבן אַזעלכע שווערע און שרעקלעכע וואונדן ווי די וואָס היטלער האָט פאַראורזאַכט רוסלאַנד. . . . רוסלאַנד האָט ניט נאָר איבערגעלעבט און איז צו זיך געקומען פון די דאָזיקע שרעקלעכע וואונדן, נאָר האָט אויך — ווי קיין שום אַנדער קראַפט אין דער וועלט וואָלט דאָס ניט געקאָנט טאָן — דערלאַנגט אַ טויטלעכן קלאַפּ דער דייטשער אַרמיי־מאַשין.

די פערטע אָנערקענונג איז געווען, אַז די איינִיקייט פון די מערב־דעמאָקראַטיעס מיט סאָוועט־רוסלאַנד האָט געשאַפן אַ רעאַליסטישן צוזאָג פאַר אַ נייער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדענונג פון פרידן און זיכערקייט צווישן פעלקער.

דעם 11טן פעברואַר 1943 האָט די ניו יאָרקער „העראַלד טריביון" אין אַ לייט־אַרטיקל דערקלערט:

פאַר די דעמאָקראַטיעס זיינען איצט פאַראַן צוויי אויסוואַלן. איינער איז, מיטצואַרבעטן מיט רוסלאַנד אינעם ווידעראויפבוי פון דער וועלט, און עס עקזיסטירט איצט אַן אויסגעצייכנטע מעגלעכקייט דאָס צו טאָן, אויב מיר גלויבן אין דער קראַפט פון אונדזערע אייגענע פּרינציפּן און באַווייזן דאָס דורך דעם, וואָס מיר וועגדן זיי אָן. דער אַנדערער איז, צו ווערן פאַרמישט אין אינטריגעס מיט די אַלע רעאַקציאָנערע און אַנטי־דעמאָקראַטישע כוחות אין אייראָפּע, פון וועלכע דער איינציקער רעזולטאַט קאָן זיין צו דערוויטערן דעם קרעמל.

דעם 8טן נאָוועמבער, 1943, האָט דער פּאַרזיצער פון דער אַמעריקאַנער קריג־פּראָדוקציע־פאַרוואַלטונג, דאָנאַלד נעלסאָן, אָפּגעגעבן אין ניו־יאָרק אַ באַריכט וועגן זיין באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד:

איך בין צוריקגעקומען פון מיין רייזע מיט אַ טיפן גלויבן אין דער צוקונפט פון רוסלאַנד, און אין די גע‏ווינסן וואָס אַט די צוקונפט וועט

ברענגען פאַר דער גאַנצער וועלט, איינגעשלאָסן אונדז גופא. אַזוי ווייט ווי איך קאָן זען, נאָכדעם ווי אונדזער זיג איז געוואונען און מיר האָבן די מלחמה געלאָזט הינטער זיך, וועלן מיר פאַר גאָרניט דאַרפן מורא האָבן, אַ חוץ פאַרן פאַרדאַכט פון איינעם צום צווייטן. קוים אַרבעטן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע פאַראייניקטע פעלקער, כדי צו שאַפן פאַר פרידן און אויפצוהויבן דעם לעבן־סטאַנדאַרד פון אַלע פעלקער אומע־טום, וועלן מיר דאַן זיין אויפן וועג צו נייע הויכן פון גליק און צו גרעסערער מענטשלעכער צופרידנקייט, וואָס איז אונדז ווען עס איז באַוואוסט געווען.

דעם 1טן דעצעמבער, 1943, ביי דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין טעהע־ראַן, איז געגעבן געוואָרן דער ענטפער צו דער אַנטי־דעמאָקראַטישער און אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערונג, וואָס האָט אין משך פון פינף־און־צוואַנציק יאָר געהאַלטן די וועלט אין אַן אומאויפהערלעכער אומאָרדענונג פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אינטריגע, טעראָר, שרעק און האַס, און וועלכע האָט אומפאַרמיידלעך דערגרייכט איר העכסטן פונקט אין דער מלחמה פון די אַקס־מלוכות צו פאַרשקלאַפן די מענטשהייט.

די פירער פון די דריי מעכטיקסטע פעלקער אויף דער ערד, פרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פרעמיער ווינסטאָן טשוירטשיל פון גרויס־בריטאַניע, און מאַרשאַל יאָסיף סטאַלין פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעטראָפן און, נאָך אַ ריי מיליטערישע און דיפּ־לאָמאַטישע קאָנפערענצן, אַרויסגעגעבן די דעקלאַראַציע פון די דריי מאַכטן.

די טעהעראַנער דעקלאַראַציע האָט פאַרזיכערט, אַז דער נאַציזם וועט אָפּ־געווישט ווערן דורך דער אַקציע פון די דריי גרויסע פאַרבינדעטע. נאָך מער: די דעקלאַראַציע האָט פאַר דער מלחמה־צעריסענער וועלט געעפנט אַן אויס־זיכט אויף אַ דויערהאַפטיקן פרידן און אויף אַ נייער עפּאָכע פון פריינטשאַפט צווישן די פעלקער. די דעקלאַראַציע האָט זיך געלייענט:

מיר, דער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דער פרעמיער פון גרויס־בריטאַניע, און דער פרעמיער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן אין די פאַרגאַנגענע פיר טעג זיך באַגעגנט אין טעהע־ראַן, די הויפּט־שטאָט פון אונדזער פאַרבינדעטן, און האָבן אויסגע־אַרבעט און באַפעסטיקט אונדזער געמיינזאַמע פּאָליטיק.

מיר דריקן אויס אונדזער אַנטשלאָסנקייט, אַז אונדזערע פעלקער

זאָלן אַרבעטן צוזאַמען אין דער מלחמה און אינעם פרידן וואָס וועט קומען.

וואָס שייך דער מלחמה, האָבן אונדזערע שטאַבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזערע דיסקוסיעס אַרום טיש און מיר האָבן צוזאַמען געשאַפן אונדזערע פּלענער צו פאַרניכטן די דייטשע כוחות. מיר האָבן דערגרייכט פולע איינשטימיקייט בנוגע דעם פאַרנעם און דער צייט פון די אָפּעראַציעס, וועלכע וועלן אונטערנומען ווערן פון מזרח, מערב און צפון. די אַלגעמיינע פאַרשטענדיקונג וואָס מיר האָבן דערגרייכט, פאַרזיכערט, אַז דער זיג וועט זיין אונדזערער.

וואָס שייך דעם פרידן, זיינען מיר זיכער, אַז אונדזער האַרמאָניע וועט באַשאַפן אַ דויערהאַפטיקן פרידן. מיר אָנערקענען פולשטענדיק די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ליגט אויף אונדז און אויף אַלע פעלקער, צו באַשאַפן אַ פרידן, וואָס וועט אַרויסרופן דעם גוטן ווילן פון די איבערוועגנדיקע מאַסן פון די פעלקער אויף דער וועלט און אָפּשאַפן די פּלאָג און די שרעק פון מלחמה אויף לאַנגע דורות.

מיר האָבן מיט אונדזערע דיפּלאָמאַטישע ראַטגעבער געמאַכט אַן איבערזיכט איבער די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט. מיר וועלן זוכן די מיטאַרבעטערשאַפט און דעם אַקטיוון אָנטייל פון אַלע פעלקער, גרויס און קליין, וועמעס באַפעלקערונגען זיינען, פונקט ווי אונדזערע, מיט האַרץ און מוח איבערגעגעבן דער זאַך פון אָפּשאַפן טיראַניע און שקלאַפעריי, אונטערדריקונג און אומטאָלעראַנץ. מיר וועלן זיי גערן אויפנעמען ווען זיי וועלן באַשליסן אַריינצוטרעטן אין דער וועלט־משפחה פון דעמאָקראַטישע פעלקער.

קיין שום מאַכט אויף דער ערד קאָן אונדז ניט אָפּוועגדן פון צע־שמעטערן די דייטשע אַרמייען אויפן לאַנד, זייערע סובמאַרינען אינעם ים, און זייערע קריג־פאַבריקן פון דער לופט. אונדזערע אַטאַקעס וועלן זיין אומברחמנותדיקע און אַלץ־וואַקסנדיקע.

שליסנדיק אַט־די דאָזיקע פריינטלעכע קאָנפערענץ, קוקן מיר מיט זיכערקייט צו יענעם טאָג, ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן קאָנען לעבן אַ פריי לעבן, אומבאַרירט פון טיראַניע, און לויט זייערע פאַר־שיידענע וואונטשן און אייגענע געוויסנס.

מיר זיינען אַהער געקומען מיט האָפענונג און אַנטשלאָסנקייט. מיר צעפאָרן זיך אַלס פריינט אין טאַט, אין גייסט און אין ציל.

אונטערגעשריבן אין טעהעראַן, דעם 1טן דעצעמבער, 1943.

רוזוועלט, סטאַלין, טשוירטשיל.

די היסטאָרישע פאַרשטענדיקונג אין טעהעראַן איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון די וויכטיקע קרימער באַשלוסן אין פעברואַר 1945. ווידעראַמאָל זיינען זיך די דריי שטאַטסלייט, רוזוועלט, טשוירטשיל און סטאַלין, צוזאַמענגעקומען, דאָס מאָל אין יאַלטע, קרים, וואו זיי האָבן איינגעשטימט אויף זייער אַל־געמיינער טאַקטיק פאַר דער ענדלעכער מפּלה פון נאַצי־דייטשלאַנד און דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונעם דייטשן גענעראַל־שטאַב. די יאַלטע־דיס־קוסיעס האָבן געקוקט פאָראויס צום פרידן־פעריאָד, וואָס דאַרף קומען, און האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער עפאָכע־מאַכנדיקער קאָנפערענץ פון די פאַראייניקטע פעלקער אין סאַן־פראַנציסקאָ, ביי וועלכער דער טשאַרטער פון אַן אָרגאַניזאַציע פאַר וועלט־זיכערקייט, איינגעוואָרצלט אין דעם פאַרבאַנד פון די דריי גרעסטע מאַכטן, איז אין אַפּריל פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

ערב דער סאַן־פראַנציסקאָ קאָנפערענץ, דעם 12טן אַפּריל, 1945, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרלוירן אַ גרויסן פריינט, און די גאַנצע וועלט האָט פאַר־לוירן אַ גרויסן דעמאָקראַטישן פירער: פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוז־וועלט איז געשטאָרבן. אָבער די אַרבעט וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען איז אָנ־געגאַנגען. פּרעזידענט הערי ס. טרומאַן, ביים איבערנעמען דעם אַמט, האָט גלייך פאַרשפּראָכן אָנצוגיין מיט דער מלחמה קעגן די אַקס־מלוכות ביז אַ זיגרייכן סוף, צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון די פאַראייניקטע פעל־קער, און דורכצופירן רוזוועלטס נאָך־מלחמהדיקע פּראָגראַם פאַר אַ דויער־האַפטיקן פרידן, אין פעסטער האַרמאָניע מיט גרויס־בריטאַניע און סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם 8טן מאַי, 1945, האָבן די פאַרטרעטער פון דער דייטשער הויך־קאָמאַנדע, אין דער אָנוועזנהייט פון די הויפּט אַמעריקאַנישע, ענגלישע און סאָוועטישע גענעראַלן, אין דעם רואינירטן בערלין אונטערגעשריבן דעם לעצטן אַקט, אין וועלכן זיי האָבן אָן שום באַדינגונגען איבערגעגעבן די כוחות פון דער נאַצישער וערמאַכט. די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך פאַרענדיקט. ווינסטאָן טשוירטשיל, אין אַ באַגריסונג צו מאַרשאַל סטאַלין, האָט געזאָגט: „די קומענדיקע דורות וועלן אָנערקענען זייער חוב צו דער רויטער אַרמיי אַן וועלכע רעזערוואַציעס, פּונקט ווי מיר, וועלכע האָבן געלעבט און צוגעזען די דאָזיקע שטאָלצע דערגרייכונגען, האָבן עס געטאָן."

קיין שום מלחמה אין דער געשיכטע איז ניט אַזוי העפטיק אויסגעקעמפט געוואָרן ווי די מלחמה צווישן נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד. אין אַ משך פון טויזנט פיר הונדערט און אַכצן טעג, זיבן און פערציק חדשים, פיר יאָר, האָבן שלאַכטן פון אומפאַרגלייכלעכן פאַרנעם און העפטיקייט גע־שטורעמט אויף די ריזיקע מלחמה־פעלדער פון מזרח־אייראָפּע. דער סוף איז

געקומען דעם 2טן מאַי, 1945, נאָכדעם ווי באַפּאַנצערט מיליטער פון דער רויטער אַרמיי האָט אַריינגעשטורעמט און פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון דער נאַצישער פעסטונג — בערלין. אַן אומבאַקאַנטער רויט־אַרמייער האָט אַרויפ־געצויגן די רויטע פאָן איבערן רייכסטאַג.

די פרייהייט־פענער האָבן געוויעט אומעטום אין אייראָפּע.*)

בעת דאָס בוך איז געגאַנגען צום דרוק, האָבן די מחברים געשמועסט מיט דעם מענטשן, מיט וועמען דאָס בוך פאַנגט זיך אָן: קוירנעל רעימאָנד ראַבינס. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט קוירנעל ראַבינס זיך צוריקגעצויגן פון געזעל־שאַפטלעכע ענינים, כדי צו לעבן רואיק אויף זיין 2,000 אַקער גוט ביי טשינבעס־גאָט־היל, פלאָרידע, וועלכן ער האָט געשענקט דער אַמעריקאַנער רעגירונג אַלס אַ מקלט פאַר חיות און אַלס אַן אַגריקולטור עקספּערימענט־סטאַנציע. קוירנעל ראַבינס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי זיין „פרייען געדאַנק", זיין ליידנשאַפטלעכער זאָרג וועגן דעם וואוילזיין פונעם פשוטן מענטשן, זיין ניט־קאָנען איבערטראָגן פאַראורטיילן און גייציקייט, און זיין שאַרפן אינטערעס אין דעם פאָלק, וועמעס געבורט אין דעם אומרו פון דער רעוואָלוציע ער אַליין האָט בייגעוואוינט.

---

*) די ענגליש־אַמעריקאַנישע מלחמה אינעם וווייטן מזרח, קעגן דעם דריטן שותף פון דער אַקס, דאָס אימפּעריאַלע יאַפּאַן, איז אָנגעגאַנגען ווייטער. אויך דאָ האָט סאָוועט־רוסלאַנד אַרויסגעוויזן איר שטאַרקייט און אַז אירע אינטערעסן זיינען די זעלבע ווי די דעמאָקראַטישע אינטערעסן.

יאַפּאַן איז געווען איינע פון די ערשטע מאַכטן זיך אַריינצומישן קעגן דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק אין 1919. דער טאַנאַקאַ־מעמאָראַנדום פון 1927 האָט גערופן צו יאַפּאַנעזישער פאַרכאַפּונג פונעם סאָוועטישן וווייטן מזרח, אַלס צוגרייטונג פאַר דער באַהערשונג פונעם גאַנצן פּאַציפישן געגנט. יאַפּאַנס הערשער האָבן כסדר פאַרשווערט קעגן דעם סאָוועטן־רעזשים. אין יולי 1938 האָבן יאַפּאַנעזישע באַוואָפנטע כוחות זיך אַריינגעריסן אין סאָוועטישער טעריטאָריע, נאָר זיינען צוריק־געשליידערט געוואָרן פונעם סאָוועטישן מיליטער. „אינצידענטן", אין וועלכע עס האָבן אָפּט גענומען אָנטייל אַ באַדייטנדיקע צאָל סאָלדאַטן, טאַנקען און עראָפּלאַנען, זיינען אין משך פון 1938 כסדר פאָרגעקומען לענג־אויס דער סאָוועטיש־מאַנדזשו־רישער גרענעץ; אָבער אין 1939, נאָכדעם ווי די יאַפּאַנעזישע אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה אין אַן אונטערנעמונג, וואָס איז באמת געווען אַ גרויסע שלאַכט מיט גע־פּאַנצערטע דיוויזיעס, זיינען די יאַפּאַנעזישע מלחמה־לאָרדן געצוואונגען געוואָרן אויפצוגעבן זייערע פּלענער פאַר אַ באַלדיקער גרויסער אַטאַקע אויף סאָוועט־רוסלאַנד פונעם מזרח. אין סעפּטעמבער 1939 איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ וואָפנשטיל־שטאַנד אויף אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַר יאַפּאַן, וועלכער האָט געליגט די באַזע פאַר אַ נייטראַליטעט־אָפּמאַך פון אַפּריל 1941. די סאָוועטן־רעגירונג האָט קיינמאָל ניט באַהאַלטן איר קעגנערשאַפט צו דער פעאָדאַל־פאַשיסטישער קליקע וואָס האָט

אָט וואָס קוירנעל ראַבינס האָט געזאָגט:

די בעסטע שעה אין מיין לעבן איז געווען ווען איך האָב דערזען די ליכט פון האָפענונג אויף באַפרייאונג פון דער לאַנג־יאָריקער טיראַניע און אונטערדריקונג אין די אויגן פון די אַרבעטער און פויערים אין רוסלאַנד, בעת זיי האָבן געענטפערט אויף דעם רוף פון לענין און אַנדערע פירער פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט תמיד געוואָלט אינטערנאַציאָנאַלן פרידן. לענין האָט געוואוסט, אַז זיין גרויסע אינערלעכע פּראָגראַם וועט אָפּגעקערט ווערן, אויב ניט פאַרניכטעט ווערן, פון אַ מלחמה. דאָס רוסישע פאָלק האָט שטענדיק געוואָלט פרידן, בילדונג, פּראָדוקציע; דער ווילן אויסצונוצן די ריזיקע און רייכע טעריטאָריע פאַרנעמט אַלע זייערע געדאַנקען און ענערגיעס און האָפענונגען. דער גרעסטער מיניסטער

געהערשט אין טאָקיאָ, און עס איז געווען קלאָר, אַז דער טאָג פון צערעכענונג צווישן סאָוועט-רוסלאַנד און דעם אימפּעריאַלן יאַפּאַן וועט קומען.

די גאַנצע צייט וואָס די רויטע אַרמיי האָט געקעמפט קעגן דער נאַצי-ווערמאַכט אין מערב, האָט די ווייט-מזרחדיקע רויטע אַרמיי כסדר געהאַלטן צוגעבונדן אַ מאַסיווע יאַפּאַנעזישע אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען, לויט אַ באַריכט, פון מער ווי 500,000 סאָלדאַטן פונעם בעסטן מעכאַניזירטן מיליטער וואָס טאָקיאָ האָט פאַרמאָגט אויף דער מאַנדזשורישער גרענעץ. דעם 6טן אַפּריל, 1945, נאָך דער יאַלטע-קאָנ-פערענץ, האָט די סאָוועט-רעגירונג אָפּגעוואָרפן דעם נייטראַליטעט-אָפּמאַך איבער די פאָלגנדיקע סיבות, ווי אָנגעגעבן אין דער סאָוועטישער נאָטע פון יענעם טאָג:
„דייטשלאַנד האָט אַטאַקירט דעם פ.ס.ס.ר. און יאַפּאַן, דייטשלאַנדס פאַרבינדעטער, האָט איר געהאָלפן אין דער מלחמה קעגן דעם פ.ס.ס.ר. אויסער דעם, האָט יאַפּאַן געקעמפט קעגן אַמעריקע און ענגלאַנד, וועלכע זיינען פאַרבינדעטע פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. אין אַזאַ לאַגע האָט דער נייטראַליטעט-אָפּמאַך צווישן יאַפּאַן און דעם פ.ס.ס.ר. פאַר-לוירן זיין באַדייט, און עס איז אוממעגלעך געוואָרן אָנצוהאַלטן ווייטער דעם אָפּמאַך."

דעם 9טן אויגוסט, 1945, איז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד פאָרמעל אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה קעגן יאַפּאַן, און אַזוי-אַרום דערפילט דעם צוזאָג וואָס איז געגעבן געוואָרן אין יאַנואַר 1945 ביי דער יאַלטע-קאָנפערענץ, אַריינצוטרעטן אין דער ווייט-מזרחדיקער מלחמה אין משך פון ניינציק טעג נאָך דער מפּלה פון נאַצי-דייטשלאַנד. באַלד נאָך דער סאָוועטישער מלחמה-דערקלערונג און די אַטאָמישע באָמבעס וואָס אַמעריקע האָט געוואָרפן אויף צוויי יאַפּאַנעזישע אינדוסטריעלע צענטערן, האָט די יאַפּאַנעזישע רעגירונג קאַפּיטולירט און געבעטן שלום. דעם 2טן סעפּטעמבער, האָט יאַפּאַן צוגעגעבן איר מפּלה און אונטערגעשריבן דעם אַקט פון אומבאַדינגלעכן אונטערגעבן זיך. אין מזרח און אין מערב איז די צווייטע וועלט-מלחמה געווען פולשטענדיק געענדיקט.

פון אויסערלעכע ענינים אין אונדזער דור, מאַקסים ליטווינאָוו, האָט פייאיק און כסדר געאַרבעט פאַר קאָלעקטיווער זיכערקייט, ביז די ענגליש־פראַנצויזישע „אַפּיזמענט״־פּאָליטיק לגבי מוסאָליני און היט־לער האָט געמאַכט אוממעגלעך קאָלעקטיווע זיכערקייט.

סאָוועט־רוסלאַנד עקספּלואַטירט ניט קיין קאָלאָניעס, און זוכט ניט קיינע צו עקספּלואַטירן. סאָוועט־רוסלאַנד אָפּערירט ניט קיין אויס־לענדישע האַנדל־קאַרטעלן און זוכט ניט קיינע צו עקספּלואַטירן. סטאַ־לינס פּאָליטיק האָט אָפּגעשאַפט די ראַסן־, רעליגיעזע־, נאַציאָנאַלע און קלאַסן־שנאות אין די סאָוועטישע טעריטאָריעס. אָט די דאָזיקע איינ־קייט און האַרמאָניע פון די סאָוועטישע פעלקער ווייזן אָן דעם וועג צום אינטערנאַציאָנאַלן פרידן.